STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06477

# ALE VILN LEBN

Jaime Goldzac

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים גאלדזאַץ

# אַלע ווײַלן לעבן

הילע און אילוסטראַציע
צום ערשטן אָפּטייל:
**יוסף ראַטנער - מירסקי, ב.־אײַרעס**

●

ווײַטערדיקע אילוסטראַציעס
צו די אָפּטיילן 2 און 3:
פון פּאַריזער קינסטלער
**דוויד טושינסקי**

●

געדרוקט אין טויזנט עקזעמפּלאַרן
אויף אָפּסעט־פּאַפּיר

●

דרוקעריי פון כוליאָ קויפמאַן ס. ר. ל.
אַוו. קאָריענטעס 1976

## חיים גאלדזאַק

# אַלע ווילן לעבן

דערציילונגען

תשכ״א 1960

JAIME GOLDZAC

# TODOS QUIEREN VIVIR

Tapa y Primer Dibujo:
**JOSE RATNER - MIRSKI, Buenos Aires**

Dibujos 2ª y 3ª parte:
**DEVI TUSZYNSKI, París**

IMPRESO EN LA ARGENTINA

Copyright by Autor

EDITORIAL
"Hojas Literarias Ilustradas"

BUENOS AIRES
1 9 6 0

Este libro se terminó de imprimir en el mes de Julio de 1960, en los Tall. Graf. de JULIO KAUFMAN S.R.L., Corrientes 1976, Buenos Aires, Rep. Argentina.



חיים גאָלדוואַץ

# א י נ ה א ל ט :

## I. אַרגענטינער לאַנדשאַפטן


זיַין טאַטנס געווייִן — 9
אַן אַרויפגעאַרבעטער... — 17
אַ בעל-תשובה — 25
דער קאַמף מיטן שאָטן... — 37
אַליין — 47
סעניאָראַ גאָלדע — 57
אַמעריקע... — 73
אויף אַ יום-טוב... — 79
הינטער די אייגענע שאָטנס — 87
צער... — 93
אַ וועלט אָן געווייסן — 105
אַן אָפּגעזונדערטער טשאַלעט — 121
בענקשאַפט — 131
וויַיט פון זיך... — 139
דער מענטשלעכער גורל — 153
„דאָס אייביקע לעבן" — 157
אויף נייַע וועגן — 167
ביַים וויַיבס קבר... — 183


## II. אין שיַין פון דורות


אַ יידישע טאָכטער — 197
אַ שטום געבעט — 211
ס'וועט נישט גיין פאַרלוירן... — 219
זאַלמעלע באַלעגאָלע — 225
צווי בריליאַנטן — 231
ר' אהרן און דער פּריץ — 239
אַ פאַרשטערטער שבת — 245

## VII. פאַר אַ בעסער לעבן


בידנע פרייד — — — — — — — — — — — — — — — — — — 259
אַ וואַגאַבונד — — — — — — — — — — — — — — — — — 269
דער מענטש איז נישט הפקר! — — — — — — — — — — — — 277
אוים „קלאַפּער”! — — — — — — — — — — — — — — — 285
די גרויסע האָפענונג — — — — — — — — — — — — — — 291
דער אומבאַקאַנטער — — — — — — — — — — — — — — — 301
ווו איז יושר? — — — — — — — — — — — — — — — — 311
הענט... — — — — — — — — — — — — — — — — — 317
אַ גוטער חבר — — — — — — — — — — — — — — — — — 331

# ארגענטינער לאנדשאפטן



מײַן פֿרױ מ ר י ם
און אונדזערע קינדער
שׂרהלע און דינהלע —
מ י ט ל י ב ש אַ פֿ ט

# זײַן טאַטנס געוויין

דער גאַנצער לוקסוס־דעפּאַרטאַמענט איז אין די לעצטע טעג אײַנגעהילט ווי אין אַ טרויער. דער געגיי און געלויף אין די אונטערשטע פיר שטובן מיטן אויטאָ־גאַראַזש איז עפּעס אײַנגעהאַלטענער, צוגעדושעטער, ווי מע וואָלט מורא געהאַט עמעצן נישט צו שטערן. די אייבערשטע צוויי שלאָפצימערן שטייען האַלבע טעג מיט נישט צוגעבעטע בעטן. ווער האָט דעם קאָפּ צו זיי? אין אויפנעם־סאַלאָן איז טונקל, קיל און שטיל. נישט מע הערט שפּילן דעם ראַדיאָ, נישט מע שטעלט אָן דעם טעלעוויזאָר. אַלץ שטומט. די קרישטאָלענע זשיראַנדאָלן מיט די שווישטשענדיקע געשליפענע גלעזלעך הענגען מאַט, ווי איבערגעצויגן מיט אַ געדיכטן שטויב. דאָס מעבל, וואָס מיניעט שטענדיק מיט געמיטלעכן לוסטערגלאַנץ, זעט אויס, ווי אָן אויפזיכט — נאָכלעסיק, פאַרפלעקט, אָפּגעלאָזן.

דאָן מאָוריסיאָ — ווי ס׳רופן אים, משהן, זײַנע באַקאַנטע און די אָנגעשטעלטע אין זײַן געשעפט — זיצט אינעם ברייטן פאָטעל און קוקט מיט זײַנע קליינע אויגן אין איין פּונקט. פאַר זײַן בליק נעמען פלאַטערן מיליאָנען קאָליריקע פינטעלעך. זיי רוקן פונאַנדער די ווענט, יאָגן איבער אומענדלעכע שטחים, איבער שטעט און ימען... ס׳טויכט פּלוצים אויף פאַר אים זײַן געבוירנשטאָט, פון וואַנען ער איז מיט זעקס און צוואַנציק יאָר צוריק אַוועק אין דער וועלט אַרײַן.

אָט זעט ער זיך שטיין קעגן טאַטן אַן אויפגעבראַכטער, אַ צעיאָכמעטער, עקשנותדיק־פאַרביסן, ווי גרייט איבערצושפּאַרן אַ גאַנצע וועלט:

— איך וועל אַוועק פון דאַנען! ס׳עט דיר גאָרנישט העלפן, טאַטע! כ׳וועל דאָ מער נישט בלײַבן אין דעם פּוילן! איך שטיק זיך דאָ, פאַרשטייסט? איך קאָן דאָ מער נישט זײַן! כ׳האָב דאָ גאָרנישט וואָס צו טון... איך וועל אַוועק!

ער האָט נישט געקאָנט קוקן דעם טאַטן גלײַך אין די אויגן אַרײַן. נישט געזען ווי דער טאַטע איז בלײַך געוואָרן, געשטאַנען קעגן דעם זון אַ צעווייטיקטער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, ווי דורות צער וואָלטן געשווערט אויף אים צוזאַמען מיט דער משא פונעם זונס טראַציקע רייד.

משה האָט שוין אינגאַנצן חרטה געהאַט. ער האָט נישט געוווּסט, אַז זײַנע ווערטער וועלן אַזוי שווער טרעפן דעם טאַטן. גלײַך ווי נישט קיין רייד וואָלטן עס געווען, נאָר שמיץ, הייסע ריטער, וואָס האָבן זיך געוויקלט אַרום דעם טאַטנס אויסגעמאַטערטן געבויגענעם גוף.

די מאַמע זײַנע, מינדל, האָט באַלד, ווי איר שטייגער אין אַזעלכע פאַלן, גענומען קריגן פולע פאַרלאָפענע אויגן מיט טרערן. ווייניק ווערט ער, דער מאַן אירער, אויסגעריסן אַ גאַנצע וואָך, שלעפּט זיך אַרום אויף יארידים מיט זײַנע ערדענע טעפּ, פאַרשוואַרצט פון וועג, באַוויַזט קוים אַ לעבעדיקער אַהיימצוקו־מען אויף שבת — איז נאַ, אַט האָסטו דיר, פעלט אים דאָס נאָך צו פּאַר אַ צולאָג — קריגערײַען:

— וואָס טוט זיך מיט דיר, משה, — ציט זי אויס ביידע הענט צום זינדל, — נאַ, קוק אָן דעם טאַטן דײַנעם, זע, ווי ער זעט אויס... אַלט און גראָ געוואָרן פאַר דער צײַט... מוזסטו אונדז נאָך פאַרשטערן דעם שבת... ווי שעמסטו זיך נישט פאַר זיך אַליין, ווי האָסטו נישט קיין חרפּה!

דאָן מאַוריסיאָ עפנט אויף די אויגן, קוקט זיך אַרום, טאַפּט אָן מיט די הענט די רויטע פלושענע וואַלקעס פונעם ווייכן פאָטעל. ס׳ווײַזט זיך אים אויס, ווי ער וואָלט נאַרוואָס דערפילט דעם צאַרטן באַריר פון זײַן מאַמעס האַנט. ער הערט נאָך קלאָר דאָס שעפּטשען פון אירע ליפּן, ווי זיי וואָלטן באַרירט זײַן פּנים מיטן וואַרעמען הויך פון איר מויל... ווען זײַן ווײַב, פלאָרע, וואָלט נישט אויפגעדרייט דעם ראַדיאָ וואָלט ער, ווער ווייסט ווי לאַנג, אַזוי געזעסן און זיך איבערגעגעבן זײַנע דערמאָנונגען פון אַמאָל, פון דער היים.

— וואָס וועסטו אַזוי אויסזיצן, וואָס? געזעסן אַ געשיכטע! — האָט זיך פלאָ־רע אַוועקגעשטעלט פאַר אים מיט ביידע הענט אויף די באַקעס, ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען, אַז דאָ וועט דער מאַן אירער אַרויס פון די כלים, איז זי גרייט אויפצונעמען דעם קאַמף.

מאַוריסיאָ האָט אויף איר פאַרהויבן אַ מידן בליק און זיך נאָך טיפער פאַר־רוקט אין פאָטעל. פון געוווינהייט גענומען דעם קליינעם פינגער אין ווינקל מויל, שטאַרק זיך אײַנגעביסן אין אים און ווײַטער געבליבן זיצן מיט האַלב־געשלאָ־סענע אויגן, ווי איינער זאָגט: — וועסט דאָס מאָל דעם וואָלף פון וואַלד נישט אַרויסרופן. כ׳וויל גאָרנישט זען!

— וואָס קרעכצסטו, וואָס, — האָט פלאָרע גענומען רודערן אין זשאַר, — מיינסט, אַז מיט דײַן שווײַגן וועסטו עפּעס אויפטון?

איר זיצן די גאַנצע צײַט אין שטוב און זען ווי מאַוריסיאָ שטומט; מע קאָן צו אים רעדן ווי צו דער וואַנט, ער זאָל זיך מיט קיין וואָרט נישט אָפּרופן, — האָט זי אינגאַנצן צעשרויפט און צענומען. אירע געשרייען זענען איבערגעגאַנגען

אין היסטערישע קוויטשעלעך — אַמאָל הויך, אַמאָל גאָר נידעריק, ווי זי וואָלט מיטאַמאָל הייזעריק געוואָרן:

— ווערסט גאָרנישט מאַכן, משה — איז זי געוואָרן נאָכגיביקער, אַז זי האָט געזען אַז ס'העלפט נישט מיט בייזן — הער אויף צו פּראָווען דײַנע שטיק. ס'וועט דיר סײַ ווי גאָרנישט העלפן. ער האָט אין ווערמען אַרײַנצוגעראָטן, העגעכל. אַז ער זאָגט פאָרן — איז פאָרן. ער האָט דײַן עקשנות... אין צוויי וואָכן אַרום פאָרן אָפּ עטלעכע און פערציק יינגלעך מיט מיידלעך... פאָרן נאָך ארץ...

דאָס וואָרט „ארץ" איז געפאַלן אויף אים מיט אַזאַ שווערקייט, אַז ער האָט זיך אַזש אײַנגעבויגן ווי אונטער אַ שווערער לאַסט. ער האָט זיך מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט פאַר דער לינקער זײַט ברוסט:

— און איך זאָג, אַז ער וועט נישט פאָרן, זאָג איך — האָט משה אַרויס־געסיקעט וואָרט נאָך וואָרט — ער וועט בײַ מיר נישט פאָרן.

כאָטש משה האָט מיט אַ געבײַלטער פויסט געקלאַפּט אינעם ווייכן אָנלען פון פאָטעל, האָט זיך געמערקט זײַן אומבאַהאָלפנקייט, זײַן זוכן עפּעס אַן אויס־דרוק, אַ קאָנקרעטן פּלאַן צו צעשטערן זײַן זונס באַשלוס. פלאָרעס בליקן האָבן זיך אָבער איצט אַרײַנגעשטאָכן אין אים ווי צוויי אָנגעגליטע שפּיזן. אַנ־שטאָט צו געבן אַ פאַרהייב דאָס קול, ווי אַלע מאָל, האָט ער איצט גענומען שטאַמלען, צוויי מאָל איבערגערעדט אַ וואָרט:

— וואָס הייסט? — האָט ער געציטערט מיט די אָפענע הענט — וואָס הייסט? נעמען און אויסבאַהאַלטן פאַר מיר אַלץ! אַלץ!

— וואָס רעדסטו נאַרישקייטן. אַן אונטערשיד, אויסבאַהאַלטן, נישט אויס־באַהאַלטן. מיר טאָרן אים נישט שטערן, ער איז אַ דערוואַקסענער בחור און אַ סוף, אַן עק — האָט פלאָרע אַ דריי געטון דעם קאָפּ אויף אַרויף און צוגעגעבן בישט אַן שטאָלץ — גוט טוען זיי, זייער גוט...

— זייער גוט, זאָגסטו — האָט זיך משה געגעבן אַ ריס פון אָרט — פאַר מיט, אַז ס'איז אַזוי גוט.

— הלוואַי וואָלט איך איצט אַלט געווען אַכצן יאָר, ווי כ'וואָלט געפאָרן!

— אַהאַ! — איז אים מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן — הייסט עס, אַז די מאַמע האָט געוווסט און זי איז נאָך שטאָלץ אויף איר זון... אויב אַזוי האָב איך גאָר־נישט מיט דיר וואָס צו רעדן.

ער האָט זיך האַסטיק געגעבן אַ דריי אויס צו איר מיט דער פּלייצע און געבליבן זיצן מיטן פּנים אין ביידע הענט.

— טפו זאָלסטו מיר ווערן — האָט פלאָרע אויסגעשפּיגן פאַר זיך — אַזאַ משוגענער וואָס דאָס איז!

זי האָט זיך גענומען דערווײַטערן פון אים און אַרויס פון טונקעלן צימער, לאָזנדיק אים אַליין מיט זיינע אומהיימלעכע רעיונות.

ער איז שלעכט געשלאָפן בײַנאַכט. עפּעס איז אים דאָס געלעגער אויסגעקומען האַרט. דאָס גרינגע שלאָפצימער מיטן ראָז־גליִענדיקן אַבאַזשורל איבערן אַנגעצונדענעם נאַכטלעמפּעלע האָט זיך געהוידעט פאַר זײַן בליק אַרויף־אַראָפּ, ווי אַ שיף אויף צעשטורעמטע כוואַליעס און ערגעץ ווו פאַרזונקען געוואָרן. ער האָט זיך צוריק געפינען בײַ זיך אין שטוב מיטן אייכיק־קאָפּטשענדיקן נאַפּטלעמפּל אויפגעהאַנגען אויף אַ גרויסן נאַגל אויף דער וואַנט. אַרום אויף די אויסגעבעטע געלעגערס זענען געשלאָפן די יינגלעך. די פיר ברידערלעך זײַנע — צוויי צוקאָפּנס, צוויי צופוסנס. אַרויפצו די מיידלעך אויפן צולייגבעטל. דער טאַטע שטייט אין אַ זײַט, דאָס מויל געשלאָסן, ווי ס׳וואָלט געווען פאַרוואַקסן צווישן באָרד און וואָנסעס. די פאַרזשמורעטע אויגן קוקן ווייטיקלעך אויפן עלטסטן זון זײַנעם, וואָס פאָרט די נאַכט אַוועק, ווײַט, ערגעץ אין ווײַטע מקור־מות... זײַן בליק פאַלט אויפן קיישל מיט דער וואַליזקע, וואָס שטייען שוין פאַרבונדענע מיט גראָבע שטריק און וואַרטן. ישראל באַלעגאָלע זאָל זיי קומען אַ כאַפּ טון אונטער די אָרעמס און — היידאַ צו דער באַן...

פלוצים האָט דער טאַטע אַ שפּאַן געטון, אַרויפגעפאַלן מיט זײַן קאָפּ אויף משהס אַקסל. משה האָט דערפילט עפּעס אַ ברומען, אַ שטאַרק טרייסלען, וואָס האָט אים אינגאַנצן צענומען. דער טאַטע האָט אַרײַנגעוויינט אין אים זײַן גרויסן טאַטישן צער און צאָרן צו דער אומגערעכטער וועלט, וואָס רײַסט אָפּ קינדער פון טאַטע־מאַמע צוליבן נאַרישן שטיקל ברויט.

פונעם טאַטנס העשן האָט זיך משה אינגאַנצן פאַרלוירן. ער האָט דערפילט ווי ס׳בלוט ווערט אין אים פאַרגליווערט. דער טאַטע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, מיט ביידע הענט אים אָנגענומען פאַר די אַקסלען און לאַנג אַזוי אים געקוקט אין די אויגן אַרײַן, ווי ער וואָלט געוווסט אַז דאָס זעט ער שוין זײַן זון צום לעצטן מאָל. מיט אַ צוגעדושעט קול, ווי ס׳וואָלט אים געווען שווער אַרויסצוקריגן אַ וואָרט, האָט דער טאַטע זײַנער אײַנגעקריצט אין אים די רייד:

— געדענקט, מײַן קינד, גיסט מיר די האַנט — זאָלסט זײַן אַ ייִד!... זאָלסט נישט פאַרשעמען טאַטע־מאַמע!... מער וויל איך פון דיר גאָרנישט... זאָלסט בלײַבן אַ ייִד.

דעם טאַטנס קאָפּ איז מיט שווערקייט צוגעפאַלן צום זונס אַקסל. ער האָט זיך צעוויינט, דער טאַטע... און אים, משה, איז אי אומאַנגענעם געווען דעם טאַטנס געוויין, אי ס׳האָט אין אים אַרויסגערופן אַ רחמנות צום טאַטן, וואָס בעט זיך בײַ אים עפּעס אַזוינס וואָס פאַרנעמט אינגאַנצן נישט קיין אָרט אין

זײַן געדאַנק, און ווי אַמאָל בײַם לערנען די ברכות נאָכגעזאָגט אַלץ וואָס דער טאַטע האָט פון אים פאַרלאַנגט:

— גיט, גיט, טאַטע כ׳הע זאָן אַ ייִד...

* * *

שוין די צווייטע וואָך, ווי דאָן מאָוריסיאָ האָט כסדר קאָפּשווינדל. נישט ער פאָרט אַרויס מיט זײַן אויטאָ, נישט ער גייט שפּאַצירן. אַ טעמפּער גלײַכגילט האָט זיך באַזעצט אין אים צום געשעפט, צו דער שטוב, צום גאַנצן אַרום. אַז פלאָרע גיט זיך אַזוי קאָקעטיש־אַנטשלאָסן אַ שטעל אַוועק פאַר אים, גיט ער העכסטנס עפּעס אַ ברום, אַ בורטשע אונטערן נאָז. דאָס קרומע, קוים מערקבאַרע שמייכעלע זאָגט, אַז ער איז שוין אויף אַלעם מסכים, אַבי זי זאָל אים לאָזן צורו. ער דערווידערט נישט מער, ווי זײַן שטייגער, זעצט מער גאָרנישט אויס. ער פילט, אַז ער האָט אין זײַן ווײַב פאַרלוירן אַ צד. דאָס האָט זי, דאָס ווײַבעלע זײַנס, כסדר געבונטעוועט איר זונדל, גלײַך זיי וואָלטן הינטער זײַנע פּלייצעס געהאַט אָפּגעמאַכט עפּעס אַ צו להכעיס קעגן אים.

פון דער נאַטור אָבער האָט ער נישט געקאָנט צו לאַנג אַזוי אַרומגיין און שווײַגן. די מענטשן אין געשעפט מוז מען באַצאָלן, ס׳קומען אָן וועקסלען פון כוחרים, בריוו מיט באַשטעלונגען, טשעקן.

— זעקס און צוואַנציק יאָר ווי ער ראַנגלט זיך — רעדט ער צו זיך אַליין — פאַר אַ שטיקל פּאָזיציע אין לעבן, געקעמפט מיט ציין און נעגל, אויסגעשטאַנען קעלטס און וואָרעמס; געוועז צײַטן ווען ס׳איז קוים געווען אויף ברויט, אויף דירה־געלט צו צאָלן. איצט, אַז ס׳איז שוין באַרכאַשעם דאָ פון כל־טוב, אַ שטוב, אַן אייגענע קאָטש — איצט וועט זײַן ווי אין יענעם ליד, די קינדער וועלן זיך צעפליִען. טאָ פאַר וועמען איז דאָס גאַנצע מיִען זיך זײַנס? דער קליינער יעקב, דער פּערצניאָריקער כאַקאַבאָ מיט די קוטשעראַווע האָר קומט שוין אויך אַהיים שפּעט בײַנאַכט פון דער אָרגאַניזאַציע, פון זײַן קן. ער רעדט שוין אויך וועגן פאָרן נאָך „ארץ״... וואָס וועט דאָ ווערן פון דער שטוב? אויס שטוב, אויס היים:

— ניין, — האָט עס גענומען קאָכן אין אים, — כל־זמן איך לעב, וועל איך נישט דערלאָזן דערצו... פאַר קיין שום געלט נישט.

מיטן פעסט־אָנגענומענעם באַשלוס האָט ער זיך געזעצט צום טיש עסן מיטאָג. אין דער לופט האָט זיך געפילט אַן אָנגעשטרענגטקייט, ווי יעדעס מאָל פאַר אַ הייסן שמועס.ביידע זין זענען געזעסן בײַם טיש שווײַגנדיק. דער עלטער־רער, דער בכור, ענריקע־הענעך, ווי ער רופט אים מיט ביידע נעמען, שפּאַניש־ייִדיש, איז געראָטן אין דער מאַמען מיט אירע גרויסע טיפשוואַרצע אויגן, נאָר די האָר זענען „זײַנע״, משהס, שאַטיק, און דער וווקס, די הייך אינגאַנצן דער

טאַטע מיט די ביינער. דער יינגערער איז שוין נישט אַזוי מענעריש. איידל, בלייך, עטוואָס שווערלעך אין גיין, אַזוי ווי די מאַמע בעתן „טראָגן״. און חוצפּה־דיק איז עס ווי דאָס מאַמעלע זיינס. דער שאַרפער בליק זיינער קאָן לעכערן ס׳האַרץ. פונקט ווי מיט דער מאַמען אַזוי טאָר מען מיט אים נישט אָנהייבן.

קוקט ער אַזוי, דאָן מאַוריסיאָ, אויף זיינע צוויי זין און ס׳ווערט אים הייס אין יעדן אבר. ס׳ווייב גייט פון קיך אין עסצימער, טראָגט פולע פּולמיסיקס מיט עסן, דערלאַנגט יעדן באַזונדער אויף די טעלער די געשמאַקע מאכלים... „זיי וועלן עס דאָרט אויך אַזוי האָבן?״ — לויפט אים דורך אַ געדאַנק, און קאָן דעם ביסן נישט אַראָפּשלינגען. און ווען פלאָרע האָט אים דערלאַנגט דעם געבראָטע־נעם פּערטל קורטשאַק מיט די פעטע מייערלעך, האָט ער געגעבן אַ שאַר אַוועק פון זיך דעם טעלער:

— כ׳וועל נישט עסן! כ׳קאָן נישט עסן!

אַלע ביים טיש זענען געבליבן ווי געפּלעפט, ווי אַדורכגענומען פון עלעק־טרישן שטראָם. ביים קליינעם כאַקאָבאָ האָבן די דינע ליפּן גענומען ציטערן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרענטפערן פאַר עפּעס אַזוינס וואָס ער איז נישט שול־דיק, זיין בלייך פּנימל איז געוואָרן נאָך בלייכער, אָן אַ טראָפּן בלוט. דער הויכ־גער קסיקער ענריקע האָט געגעבן אַ בייג אָן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט באַדאַרפט אַ שלעפּ טון אַ שווערע משא, מיטן אַרויסרופנדיקן בליק אָנגעשטעלט אויפן טאַטן. און פלאָרע האָט פעסטער איינגעצויגן ס׳פּאַסיקל אַרום איר טאַליע, וואָס מאַכט אָנזעעוודיקער איר שלאַנקע פיגור, זיך געגעבן אַ שטעל אויף פון טיש און גלייך זיך צוריקגעזעצט, ווי ס׳וואָלט זיך געווען געהאַנדלט וועגן אַ זאַך, וואָס איז שוין אָפּגערעדט און מער נישט צום ענדערן.

דאָן מאַוריסיאָ האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט צו האַסטיק אָנגעהויבן און גלייך געענדערט דעם טאָן:

— קום נאָר אַהער, גרויסער זון מיינער — האָט ער ערנסט אַ רוף געטון דעם עלטערן מיט אַ מאַך מיט דער האַנטפלאַך אין זיין זייט — כ׳רעד דאָך צו דיר, ענריקע־הענעך, ביסט טויב... זאָג מיר, וואָס גייסטו טון אָן מיין וויסן... כ׳בין דאָך אַ טאַטע, לאָמיך הערן.

— כ׳גיי גאָרנישט טון. כ׳וויס נישט וואָס דער פּאַפּאַ וויל פון מיר. כ׳פאָר אַרבעטן נאָך ארץ, כ׳וועל זיין אין אַ קיבוץ און אַרבעטן, ווי אַלע.

— וואָס הייסט, גייסט פאָרן אַרבעטן? ס׳פעלט דיר דען צו עסן? נאָך וואָס דאַרפסטו אַרבעטן, פאַרשוואַרצט ווערן? וועסט עלטער ווערן, וועסטו ענדיקן די שול, וועסטו אַריינטרעטן אין געשעפט, וועסט ווערן אַ גלייכער שותף צו אַלעם. ווילסט כ׳זאָל דיר קויפן אַן אויטאָ? ס׳שפּילט נישט ביי מיר קיין ראָלע. כ׳וועל דיר קויפן אַ שעוראָלעט, פון נייסטן טיפּ. כ׳האָב הייזער, געשעפטן, געלט —

פאַר וועמען האָב איך עס אָנגעגרייט, פאַר וועמען? ס׳זענען דאָ אַ סך אָרעמע ייִנגלעך און מיידלעך, זיי פאַרמאָגן גאָרנישט, ווילן זיי פאָרן, מילא. זיי איז אַלץ איינס. אָבער דו — וואָס פאָרסטו זוכן גליקן...

— וואָס פאַר אַ גליקן — האָט משהס זון זיך אַ באַוועג געטון פון אומ־געדולד גלײַך ווי אַראָפּצוטרייסלען פון זיך דעם טאַטנס אומזיניקע רייד, — ווער רעדט פון גליקן? קיינער פאָרט נישט קיין ארץ זוכן גליקן. קיין ארץ פאָרט מען אַרבעטן. מיר פאָרן קיין ארץ, ווײַל דאָס איז אונדזער אידעאַל. מיר ווילן אויפבויען דאָס ייִדישע לאַנד, צוליב דעם פאָרן מיר. דאָס לאַנד נייטיקט זיך אין אונדז און דו רעדסט פון עסן. מיר פאָרן קעמפן, בויען, שאַפן... איר אַלע רעדט דאָך דאָס זעלבע אין אייערע „סאָסיעדאַדן“, אַז מע דאַרף העלפן בויען די מדינה, אַז מע דאַרף ברענגען קרבנות, געבן געלט, שיקן די קינדער. נו, פאָרן מיר... טאָ וואָס טויג ווידער נישט?

ענריקע האָט זיך אַזש פאַרכלישטשעט פון די רייד, וואָס האָבן זיך בײַ אים אָנגעזאַמלט פאַר דער גאַנצער צײַט און נישט געהאַט פאַר וועמען זיי אויסצו־לאָדן. איצט, אַז ער האָט זיך שוין צערעדט, האָט ער זיי שוין פּשוט נישט גע־קאָנט אײַנהאַלטן. אים איז נישט געגאַנגען אַזוי ווײַט ווי צו טון דעם טאַטן, זײַן נישט אויסגעהאַלטנקייט לגבי דעם, וואָס עלטערן פרעדיקן פון די טריבונעס פאַר אַנדערע און פאַר זיך לאָזן זיי איבער אַ פורטקע, גלײַך ס׳וואָלט צו זיי נישט געווען געהאַט קיין שײַכות, — ווי אויפצווײַזן זײַן אייגענע באַרעכטי־קונג, זײַן אייגענעם ייִדישן באַוווסטזײַן, זײַן אייגענע מענערישע רײַפקייט אין טראַכטן און פילן ווי אַ ייִד און מענטש. אָט דאָס וואָס דער טאַטע, און אַלע טאַטעס ווילן נישט מודה זײַן, אַז די אייערע קאָנען זײַן קליגער פון די הינער, אַז די קינדער זייערע קאָנען טראַכטן און האַנדלען ווי דערוואַקסענע, ווי מאַנצ־בילן. די טאַטעס זעען אָבער אין זיי נאָך אַלץ — קינדער, קינדערישקייט, און דאָס דענערווירט צו מיינסט.

דער אָטעם בײַ דאָן מאָריסיאָ איז געוואָרן וואָס אַמאָל שווערער, גלײַך ווי עמעץ וואָלט אים געווען געהאַלטן פאָרן האַלדז און געדריקט אַלץ ענגער און ענגער. זײַנע אויגן האָבן געקוקט מיט הילפלאָזער רעזיגנאַציע. ער האָט זיך מיט ביידע הענט געריבן די שלייפן, וואָס האָבן אים געשטאָכן ווי מיט שפּיזן. ווי אַ פאַרשולדיקטער נאָכן אויסהערן דעם אורטייל איז ער אויפגעשטאַנען פון טיש און אָן אַ וואָרט אַרויס מיט שווערע טריט פון צימער.

* * *

אַ גרויסער פאַרשידנאַרטיקער עולם איז געווען פאַרזאַמלט אין יענעם אויפ־דערנאַכט בײַם פּאָרט. דער גאַנצער פּלאַץ אַרום דער פּלאַטפאָרמע איז פול געווען

מיט מענטשן. אינדערלופטן איז געשטאַנען אַ רעש, אַ גערודער און גערעדערײַ דורכגעמישט מיט הילכיקע איבערגעשרייען פון באַגלייטער אויף איין זײַט באַריער און אָפּפאָרנדיקע פון דער אַנדערער זײַט, נאָענט פון דער שיף. אַט נעמט טאַנצן אַ גרופּע ייִנגלעך מיט מיידלעך. זיי זינגען העברעיִשע לידער. דער טאַנץ ווערט הייסער, צעוויגטער. ס׳גייען גאַנג פריילעכער, הילכיקער. אַט טאַנצן שוין מיט די אָנגעצונדענע לאָמפּן, די פולע רויטע לבנה. דאָ און דאָרט מיגניען שטערן. דער גראַנאַטענער הימל פינטלט זיך מיט העלגרינע שטערן. שיפן הודזשען אויסגעצויגן לאַנג און באַנג. פּלוצים הערן זיך געוויינערײַען און שלוכצן. מע האַלדזט זיך, מע דריקט צו זיך קינדער. מאַמעס ווערן מאַכטלאָז אָוועקגעריסן פון זייערע צעפּלאָמטע טעכטער. לעצטע פיבערדיקע מינוטן פון צעשיידן זיך פאַרן אָפּגיין פון דער שיף.

דאָן מאַוריסיאָ איז געשטאַנען אַ פאַרשטיינערטער, ווי ער וואָלט נישט באַגומען וואָס אַרום אים קומט פאָר. ער האָט געזען, ווי אין חלום, ווי פלאָרע פאַלט־צו צום זון, קלאַמערט זיך אין זײַנע האָר, לויפט מיט די פינגער קאָנוואולסיוו איבער זײַן פּלייצע, איבערן פּנים, האַלדזט, און וויל אים אַלץ נישט אָפּלאָזן פון זיך. עמעץ גיט זי מיט כוח אַ נעם אין אַ זײַט. זי ווײַנט אַרײַן איר מאַמישע בענקשאַפט אין די אָפענע ליידיקע הענט לאַנג, לאַנג.

מיט דער שווערקייט פון אַ שטשאַפּע האָלץ איז דאָן מאַוריסיאָ אַרויפגעפאַלן אויף זײַן זון. ער איז אַ ווײַל געבליבן ווי צעתמט. ס׳האָט זיך אים אין דער רגע געדאַכט, אַז נישט ער שטייט עס אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אָן זונס אַקסל, נאָר דער טאַטע זײַנער העשעט עס אין אים אַרײַן פיבערדיקע רייד, געזאָלצענע פון טרערן:

— זאָלסט זײַן אַ ייִד... געדענק, וואָס כ׳זאָג דיר אָן... אַ ייִד, אַ ייִד...

ווער האָט פון אים אָפּגעריסן זײַן קינד? אַרום אים איז געבליבן אַ פוסטקייט, אַ הוילקייט. ער האָט קיינעם אַרום זיך נישט געזען, ווי אַלץ וואָלט געווען פאַרהילט אין אַ געדיכטן נעפּל. ער האָט דעם זון גאָרנישט געהאָט וואָס צו זאָגן. ער האָט זיך בלויז צעהעשעט ווי אַ ייִנגל, ווען דער טאַטע איז אים געקומען אויפן זין. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ס׳איז אומאָנגענעם צו זען אַ דערוואַקסענעם וויינען, און אַליין נישט געפילט, אַז דאָס האָט ער געוויינט זײַן טאַטנס געוויין.

# אַן אַרויפֿגעאַרבעטער...

— וואָס ווילסטו פֿון מיר, רויזע? אַ מענטש קאָן נישט אַרויס פֿון דער אייגענער הויט... וואָס זאָל איך טון, וואָס?

שלמה איז געבליבן שטיין מיט זײַנע צוויי הענט געשטרעקט אין דער לופֿטן, ווי צוויי אויסגעצויגענע גראַבלעס, וואָס האָבן געשטאָכן רויזען גלײַך אין האַרץ אַרײַן. זי האָט אַזש דערפֿילט אַ קאָרטש דערפֿון מער ווי פֿון זײַנע רייד.

שוין נישט צום ערשטן מאָל ווי זי שטייט אַזוי קעגן אים אַ מאַנענדיקע, אַ פֿאָדערנדיקע, אַ בעטנדיקע, מיט צוויי פֿאַרוויינטע אויגן, וואָס זאָגן שוין אַלץ וואָס ליגט אויף איר ביטער האַרץ:

— וואָס ווילסטו אַזוי אָפּאַרבעטן בײַ יענעם אַלע דײַנע יאָרן און נישט צו־קומען צו גאָרנישט, צו קיין אייגן שטיקל ווינקל צומאָל, אַ קאָנט פֿאַר זיך... מ׳איז דאָך אַ לעבעדיקער מענטש... מע דאַרף דאָס און מע דאַרף יענץ... אָט אַזוי ווי אַ שטוב... שוין נישטאָ קיין כּוח מער צו שפּאָרן דעם ביסן פֿון מויל... צו האַלטן אין איין אָפּזאָגן זיך... ווי לאַנג איז דער שיער צו פֿינצטערן בײַ יענעם און אַרומגיין שטענדיק מיט אַ צוגעציילטן סענט אין קעשענע...

רויזע האָט זיך אַזוי אָנגעצונדן, אַז ס׳האָט אויסגעזען ווי אָט־אָט איז זי גרייט זיך אָנצוטון אַ מעשׂה־רעה, אויב ער וועט ווײַטער בלײַבן, ווי אַלע מאָל, גלײַכגילטיק צו אירע רייד. זי האָט אָבער באַשלאָסן איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל צו מאַכן אַ סוף צום דאָזיקן אָרט פֿירן זײַנעם. אַ צעהיצטע פֿון די אייגענע רייד האָט זי ווײַטער געגליט דאָס אײַזן פֿון זײַן גלײַכגעוויכט:

— אַ מענטש דאַרף האָבן אַ באָדן אונטער די פֿיס און נישט הענגען אין דער לופֿטן, זײַן אויסגעשטעלט אויף יענעמס קאַפּריזן, אויפֿן גוטן ווילן פֿונעם באַלעבאָס, דעם שיינעם ייִד, דעם נגיד. שוין צײַט, מאַן מײַנער, זאָלסט האָבן אַן אייגן באַנקביכל, מיט אַ ביסל אָפּגעשפּאָרט געלט, ווי ס׳פֿירט זיך בײַ לײַטישע מענטשן.

— נו, וואָס זאָל איך טון, וואָס? אדרבא זאָג דו, וואָס זאָל איך אָנהייבן צו

טון — האָט שלמה ווידער אַ צעפּאַכע געטון זײַנע צוויי דאַרע ביינערנע הענט, ווי זיי וואָלטן געבעטן רחמים בײַם הימל, אים אַרויסנעמען פון דער סכנה וואָס גייט אויף אים.

— וואָס זאָלסטו טון, וואָס? — האָט זיך רויזע אַנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ, ווי זי וואָלט דערפילט אַ שטאַרקן וויטיק — גיי קויף צוויי מאַשינען... איך אַליין וועל אויך אַרבעטן... גלײַך מיט דיר וועל איך שטיין בײַ דער מאַשין... וועסטו זיך צוביסלעך אַרויספּאַרבעטן ווי אַלע... נישטאָ דערבײַ קיין שום חכמות... איך וויל נישט אַז דו זאָלסט שקלאָפן בײַ יענעם... גענוג געשקלאָפט ביז איצט... גענוג!... איך וויל נישט מער... איך קאָן נישט מער!...

זי האָט זיך האַסטיק אָפּגעקערט פון אים און אַוועק אין קיך, פון וואַנען ס'האָט זיך געהערט איר הויך העשען און כליפּען.

שלמה האָט אַרונטערגעלאָזט מאַכטלאָז די צוויי שטײַפגעוואָרענע הענט. ער איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב ווי פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. נאָך אַלע־מען איז זי דאָך פאָרט גערעכט, רויזע — האָט אַ געדאַנק גענומען ריזלען אין זײַן מוח, ריזלען און שפּיזלען דיך־דין אין זײַן קאָפּ. זי וויינט, אַ ליאַדע וואָס וויינט זי... אַז זי גייט אַרויס פון די כלים זאָל מען שוין בעסער באַהיט ווערן... אָבער וויפל ליבשאַפט און זאָרג איז פאַראַן אין אירע רייד, אין איר קלאָגן... וואָס וויל זי דען פון אים? ער זאָל אַרבעטן בײַ זיך אין שטוב און זי וועט אים העלפן... נישט פאַר איר זאָל ער אַרבעטן, פאַר זיך אַליין, ער זאָל זײַן פאַר זיך... אויס מענטש בײַ יענעם... שוין טאַקע די העכסטע צײַט זיך צו נעמען אין די הענט אַרײַן און ווערן אַ מענטש. אָבער צוריק געשמועסט, ווי קאָן ער יענעם מיר־נישט־דיר־נישט לאָזן אַליין, נעמען און אַוועקגיין פון פּאָסטן?... ס'איז דען אַזוי לײַכט צו קריגן אַ מענטש הײַנטיקע צײַטן אין דעם אַרגעטינע, אַזאַ מענטש ווי ער — די אָרנטלעכקייט אַליין. וואָס יענער וועט אים זאָגן — וועט ער זײַן גערעכט. דאָס הייסט דאָך טאַקע געלאָזט דעם באַלעבאָס אויפן וואַסער. נו, און ער אַליין איז נישט ווי אויפן וואַסער?

כאָטש שלמה האָט בײַ זיך אין געדאַנק געגעבן גערעכט זײַן ווײַב, איז אים פונדעסטוועגן נאָך אויסגעקומען עטלעכע מאָל זיך איבערצוווערטלען מיט איר, ביז מ'האָט גענומען טראָגן ס'מעבל פון איין שטוב אין דער אַנדערער און גע־מאַכט פּלאַץ פאַר צוויי מאַשינען. ער איז איצט געשטאַנען בײַ דער אָפּגעליידיק־טער וואַנט מיטן העלן פלעק פון דער אַוועקגענומענער שאַנק און געפילט עפּעס אַן אומזיכערקייט, ווי איינער וואָס דאַרף אַרויפגיין אויף אַ שווינדלדיקער קאַ־רוזעל. איצט שטייט זי רויק, נאָר באַלד ווי זי וועט זיך נאָר נעמען דרייען, וועט זיך אַלץ, וואָס געפינט זיך אויף איר, מיטדרייען ביזן אַראָפּפאַלן ערגעץ־ווו

אין אַ תהום אויב מע פאַרגעסט זיך אויף אַ מינוט און מע לאָזט אָפּ די לייצעס פונעם קאַרוזעלישן גאָלדענעם קאַלב.

— נאַ, וועסט שוין זען ווי מע דאַרף אַרבעטן, געבן אַ פּלייצע— האָט ער איר, רויזען, ווי געוואָרנט מיטן דראָענדיקן ווײַזפינגער — ס'האָט זיך דיר אויסגעוויזן, ווײַבעלע מײַנס, אַז ס'איז אַ שפּילעכל... אַז דו וועסט גיין אין שפּאַן וועסטו וויסן פון אַ טעם.

— הייב נאָר אָן, — האָט אים רויזע איבערגעריסן די רייד, — האָסט דאָך נאָך אַפילו נישט אָנגעהויבן און דו רעדסט שוין... הייב נאָר אָן, וועסט שוין זען...

די שטוב איז וואָס אַמאָל געוואָרן פולער, אָנגעלייגט מיט סחורה, מיט פּעק צוגעשניטענע רעקלעך. שלמה האָט געגרייט די אַרבעט בײַם גרויסן טיש. רויזע האָט זיך געפילט ווי אַ נוציקער מענטש, ווי זי וואָלט ערשט אַרײַן אין איר אייגענער הויט, אין איר אמתער ראָל. אין די פּאַרטאָגן האָט זי צוגעגרייט דאָס עסן און אין דער זעלבער צײַט געוועזן גרייט אויף יעדן רוף פון איר מאַן:

— טו דאָס! נעם זיך צו דעם!...

זי האָט דאָן געלאָזט אַלץ שטיין אין דער קיך און שוין געוועזן בײַ זײַן זײַט. זי האָט אים געוואָלט ווײַזן, רויזע, אַז ווען ס'איז פאַראַן ווילן — קאָן מען אַלץ באַווײַזן, קאָן מען אויפטון וועלטן.

* * *

אַ שמייכל האָט לײַכט צעקרימט שלמהס מויל, ווען ער איז מיט פאַמעלעכע טריט געגאַנגען לעבן זײַן ווײַב רויזע איבער די רוישיקע גאַסן פונעם גרויסן בוענאָס־אײַרעס. ער האָט זיך שוין איצט געפינען ווײַט אַרײַן נאָכן אָנהייב פון זײַן ציל. ער האָט זײַטיק געקוקט צו זײַן ווייב און באַמערקט ווי זי פאַרציט ס'מויל אין אַזאַ גרימאַס, וואָס האָלב בלײַבט עס אין שמייכל און האַלב מיינט עס צו זאָגן: נו, גרויסער צעלייגער מײַנער! אַ ווײַב ווייסט וואָס זי וויל, און דו מאַנעלע ביסט באַשאַפן געוואָרן נאָר אויסצופאָלגן אַלץ וואָס זי הייסט און פאַרלאַנגט... וואָס וועסטו זאָגן איצט? בײַ יענעם וואָלסטו אויך געגאַנגען אין באַנק אַרײַנלייגן די ערשטע פינף טויזנט, האַ?

ווי ער וואָלט געטראָפן אירע געדאַנקען האָט זי זיך טאַקע גלײַך אָנגערופן צו אים מיטן זעלבן איראָנישן שמייכעלע:

— וועסט זען, שלמה, דו זאָלסט נאָר קוקן דײַן ווײַב אין מויל אַריין... וועסט זען, אַז מע וועט אַזוי אָפּאַרבעטן אַ פּאָר יאָר וועלן מיר קויפן אַ שיין הויז — האָט רויזע טריומפירט — ווער וועט זײַן צו דיר גלײַך?

— אמת, רויזע — איז שלמה נאָכגעלאָפן מיטן געדאַנק זײַן ווײַבס צע־

שפּילטער פאַנטאַזיע — און אַז קויפן — וועלן מיר שוין עפּעס לײַטישס, עפּעס רעכטס, אַזוינס און אַזעלכעס...

ער האָט זיך ווי אויסגעגלײַכט, געגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און געפילט ווי עפּעס וואָלט עס אים געוואַרעמט דאָרט וווּ ער האָט ליגן ס׳געלט. עפּעס פילט ער טאַקע אין זיך אַזאַ זיכערקייט וואָס פריִער האָט ער אַפילו נישט געוווּסט מיט וואָס מען עסט עס. ער לייגט אַרײַן געלט אין באַנק און באַקומט אַ ביכל מיט ליידיקע ליניעס, ווו מע קאָן אַזוי פיל טויזנטער פאַרשרײַבן, אַזוי פיל...

— עך, גאָטעניו — האָט עפּעס גענומען אויסזינגען זײַן האַרץ — כ׳וואָלט נאָר געוואָלט דו זאָלסט מיר העלפן, כ׳זאָל קיינמאָל מײַן געלט נישט דאַרפן אַרויסנעמען... קיינמאָל, — האָט ער שטיל איבערגעחזרט זײַן ווונטש ווי אַ הייס געבעט, — ס׳זאָל נאָר צוקומען מער און מער...

גייענדיק אַהיים איז אים באַפאַלן אַזאַ הייסע דאַנקבאַרקייט צו זײַן ווײַב, אַז ער האָט זי אַרומגעכאַפּט אין מיטן גאַס און גענומען קושן אין שטערן, אין די באַקן, איבערן גאַנצן פּנים, אַז פאַרבײַגייער זענען געבליבן שטיין און זיך צו־געקוקט צו דער סצענע.

רויזע האָט אַ פאַרשעמטע, אַ פאַררויטלטע אַראָפּגענומען זײַן האַנט פון איר אַקסל און אים ליבלעך אַ פּעטשל געטון איבער דער האַנט ווי אַ צעבאַלע־וועטן יינגל:

— ס׳איז נישט שיין... שלאָמקע... וואָס טוסטו... אין מיטן גאַס... מענטשן קאָנען נאָך מיינען אַז דו ביסט חלילה פון זינען אַראָפּ...

— זאָלן זיי מיינען... וואָס אַרט עס מיך וואָס מענטשן וועלן מיינען... ווייסט, רויזע, לאָמיר עפּעס אַהיימקויפן פאַר אונדזער טעכטערל. זי האָט ליב שאָקאָלאַד... כ׳וועל איר קויפן אַ גרויס פּעקל...

שלמה איז גרייט געווען צו טאַנצן אין מיטן גאַס, אַז דער אין הימל זאָל זען זײַן פרייד...

פון צוויי מאַשינען איז געוואָרן פינף. וואָס מער אַרבעטער ס׳וועלן אַר־בעטן אַלץ מער פּראָדוקציע וועלן זיי אַרויסגעבן... צו קיין אַרבעטהענט לייגט מען קיינמאָל נישט צו. אדרבא, וואָס מער מענטשן בײַ דער אַרבעט, — מער פאַרדינסט, מער וועלן וואַקסן די ציפערן אויפן באַנקביכל. ער ווייסט, שלמה, אַז דאָס האָט אַ נאָמען און אַ פאַסקודנעם נאָמען. גערעדט מיט דער שפּראַך פון די סאָציאַלאָגן הייסט עס עקספּלואַטאַציע. ער גיט נישט די אַרבעטער דאָס וואָס זיי קומט פאַר דעם וואָס זיי אַרבעטן אויס. נו, איז ער דען איינער. אַלע זענען דאָך אַזוי. ווי קאָן ער זײַן אַן אויסנאַם פון אַנדערע. מ׳עט דאָך אים האַלטן פאַר אַ משוגענעם, אַ נישטנאַרמאַלן. קיינער גיט נישט אַוועק ס׳זײַניקע. אויף אַזאַ

אופן קאָן מען וואַקסן אַליין און די טויזנטער קאָנען וואַקסן אין באַנק אויף זײַן חשבון, אויף זײַן באַנק־קאָנטע, וואָס גרייכט שוין גאָר, גאָר הויך.

* * *

— ווייסט וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, שלאָמקע — האָט זײַן חבר פּײַוול שוכמאַן אים אַמאָל אָפּגעשטעלט אין גאַס — ביסט נישט דער זעלבער ווי כ׳האָב דיך געקענט מיט יאָרן צוריק.

פּײַוול האָט די ווערטער ווי אויסגעברומט מיט פאָרוואורף, מיט אַ טאָן פון פאַרדראָס, זעענדיק ווי שלמה איז עפּעס שטײַף געוואָרן בײַ זיך, ווי ער וואָלט נישט געוועזן דערקענט קיין מענטש:

— אַמאָל, ווען דו האָסט אַליין געאַרבעט בײַ יענעם, האָסטו נאָך אַ קרעכץ געטון אויפן גורל פונעם אַרבעטער. הײַנט האָסטו זיך ווי באַפרײַט פון יעדן עול. ווו איז אַהינגעקומען דײַן פילבאַרקייט, ביסט מיר עפּעס צופיל צעפלויגן, שלאָמקע, גיב אַכטיק צי דער לייטער איז פעסט, ער זאָל זיך נישט געבן קיין גליטש... מיט דיר צוזאַמען... ביסט שוין הויך אַרויף אויפן לייטער...

שלמה האָט אים אַזוי געלאָזט רעדן, דעם חבר זײַנעם, וואָס אַרט עס אים. ער האָט הנאה פון רעדן — זאָל ער... נאָר אַז ער האָט אים געגעבן אַ דערמאָן אַז דער לייטער קאָן זיך אויסגליטשן האָט ער געטון אַ שיס־אויס:

— הער, פּײַוול, זאָלן זיי אַלע אַרבעטן פאַר זיך וועט זיי גאָרנישט פעלן. דאָ אין אַמעריקע שטייט דער לייטער פאַר אַלע גרייט — יעדער איינער קאָן זיך אויף אים אַרויפדראַפּען, מע דאַרף נאָר וועלן און נישט זײַן פויל. כ׳דאַרף דיר נישט זאָגן, ווייסט עס אַליין: אין אַמעריקע דאַרף מען געבן אַ פלייצע און דערמאָלט וועט עס דיך שוין אַליין טראָגן אויפן לייטער. וועסט פאַרשפּאָרן צו גיין... כאַ־כאַ־כאַ!... — האָט ער אַ טרוקענעם לאַך געגעבן פּײַוולען אין פּנים אַרײַן.

פּײַוול האָט מער נישט געוואָלט מאַכן מיט אים קיין טענות און געטראַכט בײַ זיך, אַז אַפילו אַזאַ ווי שלאָמקע, אַז ער באַקומט אַ פּאָר טאָלער זאָל זיך שוין גאָט אויף אים מרחם זיין... בײַם געבן שלמהן די האַנט צום געזעגענען, האָט ער אים נישט געקאָנט רעכט קוקן אין די אויגן אַרײַן. פּײַוול האָט קוים געקאָנט אײַנהאַלטן די ווערטער וואָס האָבן זיך געריסן פון זײַן צונג: — ועסט שוין לאַנג וואַרטן, שלאָמקע, כ׳זאָל דיר זאָגן אַ גוטמאָרגן.

שלמה האָט זיך נישט געמאַכט דערפון, ער שטייט נישט נאָך אים, נאָך פּײַוולען. זאָל ער זיך טראַכטן וועגן אים וואָס ער וויל. די דערפאַרונג האָט אים אויסגעלערנט איין חשבון: וואָס מער מ׳אַרבעט, וואָס מער מע יאָגט — אַלץ מער טויזנטער זאַמלען זיך אָן אין באַנק אויף זײַן קאָנטע און ווײַטער איז אַלץ ווערט אַ שמעק טאַביק.

מיט דער צײַט איז שלמה געוואָרן אויס שלמה. „סעניאָר סאָלאָמאָן״ קלינגט שענער, לײַטישער. זײַן גאַנצער סאָלאָמאָנישער איך איז געוואָרן איין ברען פון יאָגן, יאָגן, מאַכן סאָקעס, וואָס מער סאָקעס, אַזוי בײַטאָג ווי בײַנאַכט. זײַן ווײַב רויזע, זיין טאָכטער עוכעניאַ זענען אין לויף פון דער אַרבעט אויך פאַרכאַפּט געוואָרן אינעם געיעג. אַלע האָבן זיי זיך פון קאָפּ נישט געקאָנט אַרויסשלאָגן:

— קויפן נאָך מאַשינען, צונעמען נאָך אַרבעטער, אַרויסגעבן מערער, פאַר־טאָפּלען די אַרבעט, פאַרדרײַפאַכיקן, פאַרפירפאַכיקן... ס׳פאַרמעגן מוז וואַקסן ווי אויף הייוון, נישט אַנדערש.

דער טאָג איז אַוועק מיט אַ געדיכטן קלעפּיקן שווייס אויף די פּנימער פון די אַרבעטמענטשן, און די נאַכט האָט מיט די וויגנדיקע שאָטנס אויף די ווענט באַכגעציילט נאָך שלמהן די פאַרטיקע סחורה, נאָכגעחשבונט דעם באַטרעף אין געלט און דאָס פאַרדינסט וואָס ס׳בלײַבט נאָך יעדער פאַרטיע. ווען דער חשבון איז געווען צדק האָט ער יעדעס מאָל געהאַלטן אין איין בעטן: — כ׳זאָל נאָר מײַן געלט נישט דאַרפן אַרויסנעמען פון באַנק. נאָר ס׳זאָל זיך מערן...

אַמאָל, אַז שלמה איז געקומען פון דער אַרבעט, האָט ער געלייענט אַ צײַ־טונג, גענומען ס׳קינד אויף דער האַנט, געגלעט ס׳מיידעלע זײַנס איבערן קעפּל, אַ סך מאָל זיך געהיצט אויף די אומרעכטן וואָס מע באַגייט קעגן אַרבעטער, גערעדט מיט שכנים, געגאַנגען אין סינדיקאַט, געהערט אַ וואָרט פון אַ פרײַנד, געקומען אויף אַ פאַרלעזונג, אויף אַ מיטינג. איצט שטייען פינף מאַשינען אין בסדרדיקן באַוועג. זיי באַווײַזן נישט פאַרשטומט צו ווערן ווי זיי נעמען רעדן מיט אַ היציקייט: — טרײַב! קוועטש דעם פעדאַל! יאָג מיט די הענט! גיב נאָך!... רויזע! — שרײַט שלמה און הערט נישט זײַן אייגן קול — רויזע! נעכטן האָט גערעדט שמעון־בער פון קאַניגג... מע מוז די וואָך מאַכן זײַן אַרבעט... — עוכע־ביאַ, טאָכטער מײַנע, וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט אין מיטן דרינען, יאָג זיך צו! מאַך אַרײַן טאַשן אין יענעם פעקל... וואָס שטייסטו? רירט זיך ווי אַ פליג אין סמאָלע...

— וואָס שרײַסטו, סאָלאָמאָן? — נעמט זיך רויזע אָן פאַר איר טאָכטער — ס׳איז שוין באַלד עלף אַזייגער! ווען קלערסטו צו מאַכן נאַכט? מנע, ווי די שעהען לויפן... ענדיק שוין, שלמה. דער טאָג און די נאַכט איז דיר אַלץ ווייניק, דו מוזסט נאָך עפּעס אויסקוועטשן פון דער מיטנאַכט אויך.

נאָך אַזעלכע רייד ווערט נאַכט בײַ שלמהן אין שטוב. און אַז ער לעשט שוין אויס די לאָמפּן, שאַרט ער זיך נאָך אַלץ אַרום מיט די צוויי דאַרע מידע פיס, לייגט נאָך איבער אַ פעקל פון איין אָרט אויפן צווייטן. און אַז ער קומט שוין צו צום בעט — פאַלט ער אַוועק אַ מידער, ווי ער וואָלט געווען איין שטיק בלײַ, נישט צו רירן זיך מער פון אָרט.

— ר׳ שלמה! דאָן סאַלאָמאָן! — רופן אים די אָנגעקומענע אַרבעטער אין דרויסן פאַרן פענצטער, טרעפנדיק די טיר נאָך פאַרמאַכט.

— האַ־האַ! — הייבט שלמה אויף דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געלעגן אין אַ הינערפלעט — שוין טאָג! רויזע! — רײַסט ער דעם פאַרטרוקנטן גאַרגל — ס׳איז שוין טאָג, רויזע!...

נאָר אַז רויזע הערט נישט, גיט ער זיך האַסטיק אַ הייב אויף פון בעט, שטעלט אַראָפּ די פיס און פילט אַ בלײַענע שווערקייט אין אַלע אברים. נאָר עפּעס אַן אינערלעכער אימפּעט גיט אים מיט כוח אַ ריס פון אָרט צוזאַמען מיטן עול פון דער אַרבעט, וואָס מע דאַרף פאַרטיק מאַכן, און ער פילט זיך געשטאַרקט. ער נעמט וואַרפן די פּעקלעך אַרבעט. צו יעדער מאַשין לייגט ער צו אַ צווייט פּעקל און שוין נעמט ער שרײַען ווי זײַן שטייגער:

— אײַלט זיך צו! באַלעמוטשעט נישט! מע וואַרט אויף דער אַרבעט! וואַמאָס! גיכער, גיכער!

פון זײַנע אויגן קוקט דעמאָלט אַרויס די גיריקייט פון אַן אויסגעהונגער־טער חיה — גרייט צו פאַרצוקן, פאַרשלינגען, אַראָפּשלינגען אַלץ אויף אַמאָל. די שווערע טויזנטער, וואָס ער האָט געהאַט ליגן אין אַזוי פיל בענק, האָבן אים נישט געגעבן קיין רו. דער אייביקער האַרמידער האָט בײַ אים צוגערויבט זײַנע שבתים און יום־טובים. די סוחרים, וואָס האָבן אַרומגעפּויזעט אַרום אים, האָבן געזען אַז ער איז אַ גוטער מאַטעריאַל פאַר זיי. ער האָרעוועט טעג און נעכט, ווי אַן אמתער שקלאַף, בכדי זיי צוצושטעלן די אַרבעט, וואָס לאָזט זיך קיינמאָל נישט אויס, ווי אין אַ פאַרבישופטן קרײַז.

שלמה איז אָבער מיט דער צײַט אַליין אויך געוואָרן אַ שטיקל סוחר. ער האָט געוווּסט ווו מע טאַפּט אַן דעם דופק: — איר דאַרפט האָבן די אַרבעט? קאָמאָ־נאָ, זייער גוט, מיטן שענסטן פאַרגעניגן... מיט אַ פּינטל מיטן אויג און אַ מיש מיט צוויי פינגער, ווי מע ציילט געלט, האָט ער געגעבן אָנצוהערן, אַז ס׳דאַרף קאָסטן נאָך אַ פּעזע אויפן שטיק... — האַ! — האָט ער געגעבן אַ דריי אויס דעם קאָפּ צו זײַן רויזע בײַ דער אַרבעט — כ׳בין נאָך אַזוי קלוג ווי זיי. זיי ווילן אַרבעט — זאָלן זיי צאָלן!... צאָל, ברודערקע, וועסטו האָבן אַרבעט! נאָר צאָל!...

* * *

איינמאָל אָבער, אין אַ מיטן נאַכט, איז שלמה געגעבן אַ פאַל אַוועק ווי אַ שטיק האָלץ, אַ סלופּ. אויף די געשרייען פון זײַן ווײַב און טאָכטער זענען אָנגע־לאָפן די שכנים. מ׳האָט באַלד געבראַכט אַ דאָקטאָר. אַלץ אַרום איז געוואָרן מיטאַמאָל אײַנגעהילט אין אַ מאָדנער שטילקייט, אַ טונקלקייט האָט זיך גע־לייגט איבער דער שטוב. די שכנים האָבן זיך געדרוקט אויף הינטערווײַלעכץ,

נענטער צו דער טיר און גערעדט צווישן זיך עפּעס סודותדיקס. מ׳האָט שלמהן נעריבן די שלייפן, געמאַכט מאַסאַזשן, קינסטלעכע אָטעמונג. אָבער ער האָט גאָרנישט געפילט. דאָס מויל זײַנס, וואָס האָט אַזוי פיל געלאַרעמט: — שנעל! שנעלער! וואַמאָס! — איז עפּעס ווי אָפּגעלאָפן אָן אַ זײַט, זיך אָוועקגעדרייט פונעם אייגענעם פּנים. די אויגן זענען אים געוואָרן פאַרלאָפן מיט אַ מוטנע איַטל און געקוקט שטאַר און קאַלט ווי שטיקער גלאָז. עס גייט זיי מער נישט אָן די גרויסע פּעק וואָס ליגן צעוואָרפן אין די אַנדערע צימערן. אַלץ אַרום גרויט און שטומט אין פײַנלעכן גליווער...

רויזע האָט געקוקט צום מאַן, וואָס איז געלעגן אַ בלייכער אין בעט, און זי האָט זיך באַוואַשן דאָס פּנים מיט טרערן. די טאָכטער אירע עוכעניאַ איז געשטאַנען פאַרשטומט מיט אינערלעכער קלעמעניש. איבער אַלץ און אַלעם איז געהאָנגען עפּעס אַ מאָדנע שאָטנדיקייט, וואָס איז געוואָרן טונקעלער און טונקעלער.

שלמה האָט געגליווערט אין אַ באַוווסטלאָזער אָנמאַכט און שפּירלאָזיקייט. ער האָט קוים אַרויסגעבראַכט פון דער טיפעניש פון זײַן קעל: כ׳וועל זײַן... כ׳וועל זײַן אין באַנק... די ווערטער זענען זיך צעפאַלן איבער דער שטוב, טויבע, פאַרדושעטע, זיך צעשאָטן, אַראָפּגעגליטשט זיך אָן אַן אָפּקלאַנג, ווי אין אַן אָפּגרונט אַרײַן.

ער איז געבליבן ליגן אָן באַוועגונג, אָן מינדסטן ריר. ער האָט זיך שוין מער נישט צוגעריירט צו זײַנע באַנקביכלעך. זײַן ווונטש איז מקוים געוואָרן, ווי ער אַליין האָט געוואָלט: ער וועט ס׳געלט קיינמאָל שוין נישט אַרויסנעמען פון באַנק.

# אַ בעל־תשובה

ווי אַ זשאַווער האָט זיך יאָסל פּלאָטניק אײַנגעגעסן אין די פֿאַרזשמור־רעטע אייגעלעך פֿונעם פּוילישן שטײַער־אויפֿמאָנער, וואָס האָט מיטן שטאָלענעם בליק פֿול מיט חוצפּה געקוקט פֿון אויבן־אַראָפּ אויפֿן ייִדישן אײַזן־סוחר אינעם אויסגעפּאָסטן רעקל און ליציפּעטן־היטל מיטן לעדערנעם, גלאַנציקן דאַשעק פֿאַררוקט אויף אַרויף הויך איבערן שטערן. אין דער זעלבער צײַט, וואָס דער שטײַער־מאָנער האָט געשריגן, אַז ער וועט אים דאָס גאַנצע געשעפֿט צעטראָגן אויב דער פּאַן יאָסל וועט נישט באַצאָלן די שטײַערן, האָט ער מיט אַ גנבישן קוק געוואָרט, אַז יאָסל זאָל אים עפּעס אַרײַנרוקן אַ מטבע הינטנאָרום אין דער יד אַרײַן. ערשט נאָך דעם האָט ער צוריק אַרײַנגעלייגט די פּאַפּירן אין דער לעדערנער טעקע און מיט אַ נייג פֿאַרלאָזט אַ שטילער דאָס געשעפֿט, באַגלייט פֿון יאָסלס געבײַלטע פֿויסטן הינטער יענעמס פּלייצע.

שטענדיק, ווען יאָסל האָט דערזען דעם שטײַער־באַאַמטן, האָט אין אים גענומען ברומען אַ צאָרן, אַז ער וואָלט גרייט געווען צו גיין אויף אייביקע תּפֿיסה, אַבי יענעם אָנצורײַבן אַ מאָרדע, אים אַוועקלייגן אַ טויטן, אַרײַנפּעצן אים אַ מעסער אין בויך אַרײַן, אַז ער זאָל פֿאַרשפּאָרן צו דערגיין די ייִדישע קרעמער די יאָרן.

— וואָס וועל איך אָבער געווינען דערמיט? — האָט ער זיך אַליין געפּרוווט באַרויִקן, צוימען זײַן אומגעשטילטן כּעס — וואָס וועט זײַן מיט מײַן נאַכטשע? אויף וועמענס באַראָט וועל איך זי לאָזן?

פֿינף חדשים איז ערשט נאָך דער חתונה. ער הייבט זיך ערשט איצט אָן צו שפּיגלען אין זײַן ווײַב. אירע בלאַסע באַקן רויטלען זיך שטענדיק בײַ זײַן מינדסטן צוריר צו איר. זי לאָזט אַראָפּ אירע גרויסע ווייכע ברוינע אויגן, וואָס אַ טיפֿע גוטסקייט ליגט אין זיי, און שעמט זיך צוליב די נעכט צו קוקן דעם מאַן גלײַך אין די אויגן אַרײַן, ווי זי וואָלט געווען אַ מיידעלע פֿון צען־צוועלף יאָר, כאָטש ס׳פֿעלט איר אַ קלייניקייט צו צוואַנציק.

— נו, ווי לאָזט מען איבער אַזאַ גוטע נשמה אויף הפֿקר צוליב די היצלעס?... נאָך מער... אפֿשר וועט זײַן אַ זון, צי אַ טאָכטער...

בײַ דעם געדאַנק האָט אַ מאָדנע פֿרייד אַ ריזל געטון אונטערן האַרץ, אַ פֿרייד וואָס איז זיך צעגאַנגען אין די בלוטן. אַ שמייכל האָט אַ קרום געטון זײַנע פֿליישיקע ליפּן:

—כ׳וועל זײַן אַ טאַטע! — האָט ער אַ הילכיקן לאַך געטון — דער פֿינף־אונצוואַנציקיאָריקער יאָסל פּלאָטניק — אַ טאַטע...

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי יאָסל האָט אין אַ פאַרנאַכט אַ קלאַפּ געטון מיט אַ פויסט אינעם לאַנגן בופעט־טיש, אויף וועלכן ס׳זענען געלעגן שאַכטלעך טשוועקעס, שלעסער, צוואַנגען און פײַלן:

— ווײַטער קאָן עס מער אַזוי נישט גיין!

ס׳איז געווען נאָך אַ וויזיט פונעם אינספּעקטאָר פון שטײַער־אַמט, וואָס האָט אויך געוואָלט אָפּלעקן אַ פעט ביינדל בײַם ייִדישן אײַזן־סוחר. ער איז געקומען קאָנטראָלירן די ביכער, אויסנוצנדיק בלויז צו כאַפּן אַ פּאָר זלאָטעס, און ש׳ער נישט געכאַפּט מיט אַ פײַל אין קאָפּ אַרײַן פון יאָסל פּלאָטניקן ,וואָס האָט זיך טאַקע אײַנגעהאַלטן מיט אײַזערנע צוואַנגען ער זאָל אים נישט פּלעטן דעם קאָפּ.

ווען דער שווער זײַנער, דער קליינער איטשעלע, איז געקומען פון מינחה־דאַווענען, איז יאָסל נאָך געשטאַנען אַ צעציטערטער פון אויפרעגונג און אַ גע־שריי געטון אין שווערס זײַט:

— שווער־לעבן, איך פּאָר אַוועק פון דאַנען, איר הערט?! כ׳לאָז אײַך איבער דעם נדן מיטן גאַנצן געשעפט... כ׳האָב זיי אַלע טיף אין דר׳ערד!...

דער קליינער איטשעלע איז אין דער מינוט נאָך קלענער געוואָרן. ער האָט געגעבן אַ צענעם ביידע הענט און זיי צוגעלייגט צו ביידע אויערן:

— האַ? וואָס זאָגסטו? וואָס הערן מײַנע אויערן? וואָסער לשון איז עס? — האָט ער געקוקט מיט אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן צום אויפגעקאָכטן איידעם זײַנעם מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ — דאָס האָב איך אײַנגעהאַנדלט פאַר מײַן איינציק אויג אין קאָפּ? ווי קומט עס צו ר׳ מאיר למדנס זון אַזאַ הפקרות? אַזאַ גוייִשע רציחה? נישט אַנדערש נאָר ס׳זיצט אין אים אַן עשוו, אָדער ער איז רחמנא־ליצלן פון זינען אַראָפּ...

יאָסל האָט זיך ווייניק וואָס איבערגענומען פון שווערס אויפגעריסענע טרערנ־דיקע אויגן און צעטומלטן וואַרפן מיט די הענט. ער האָט זיך ווידער אַ ריס געטון פון אָרט:

— איך קאָן נישט מער אויסהאַלטן דאָ פון די אומזיסטע פּרעסערס, די פּאַראַזיטן! זיי ווילן מיך פירן צום גרונט! זיי מאַכן מיך בדיל־הדל... דאָס בלוט פאַרצאַפּן זיי מיר... כ׳וועל נישט זײַן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך אַז זיי ווילן נאָך אַמאָל אַריבערטרעטן די שוועל, איר הערט, שווער? איך וועל אָפּטוען דאָס ערגסטע, ווי כ׳בין אַ ייִד!...

— רעד נישט אַזוי, יאָסל — האָט זיך דער קליינער איטשעלע דערנענטערט צו אים — ביסט איין זכר אין מאָסקווע?... וואָס ס׳וועט זײַן מיט עם־ישראל וועט זײַן מיט ר׳ ישראל...

— כ׳קאָן נישט מער, שווער־לעבן... כ׳וועל איינעם פון זיי די קישקעס אַרויסלאָזן, וועט נעמען אַן עק!...

— וואָס איז מיט דיר, יאָסל? דו רעדסט דאָך פון היץ! — האָט איטשעלע אַ פּלאָטער געטון מיט זײַנע קלײנע אויסגעהאָרעװעטע הענט, צעפּרעסן פון פּאַר־זשאַווערט אײַזן. ער האָט געצאַפּלט מיט זײַ אײנדערלופּטן און באַלד זײ אַרונ־טערגעלאָזט צו דער ערד, ווי צוויי געקוילעטע עופות:

— וואָס ווילסטו מיך אומברענגען? אומגליקלעך מאַכן מײַן קינד? זי איי־בערלאָזן אַ לעבעדיקע עגונה? רעכן זיך איבער וואָס דו גייסט טון!

— ס'וועט גאָרנישט העלפן, שווער־לעבן, איך מוז אַוועק... איר זעט נישט וואָס ס'קומט פאָר אין שטעטל? נײַן? צענדליקער יונגעלײַט, בחורים, אַלץ פאָרט אַוועק... מע פאָרט קײן בראַזיל, אַרגענטינע, אורוגווײַ... אַ מאַסן־עמיגראַציע...

— האָלעדראַנצעס, לײדיקגײערס... וואָס ווײַזסטו מיר? — האָט דער קלײ־נער איטשעלע זיך געדרײט די רעכטע פּיאה — אויף וועמען האָסטו זיך צו פאַרקוקן?... קוק אָן מײַן הויז פון פיר שטאָק... אַ געשעפט מיט סחורה... פולע פּאַליצעס... אַזאַ גרויסע קאָנטשאַפט... מע קומט דאָך צו מיר פון אַלע שטעט און שטעטלעך אַרום... הײַנט די דערפער — אַ שפע קײנאָרע, פרנסה בריווח. שטײסט נאָך אַלץ בעסער ווי אַ סך אַנדערע... שלאָג דיר אַרויס די נאַרישקײטן פון קאָפּ אַרויס, וועסטו בעסער מאַכן...

* * *

ווען פעסע איז צוריקגעקומען אַהײם, נאָכן אָפּנעמען חובות אין גאַס, ס'זאָל זײַן צו באַצאָלן די ראַטע פאַר די שטײַערן, און געהערט וואָס ס'טוט זיך אין שטוב, האָט זי זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ:

— אַלע וויסטע חלומות צו מײַנע שונאימס קעפּ! טפו זאָל עס ווערן! אַ בײַע אַנשיקעניש... ווײניק צרות אין גאַס — קומען זײ נאָך אין שטוב אַרײַן... וואָס עפּעס אַזאַ מאַנקאָליע אין קאָפּ אַרײַן? וואָס גלײַכסטו זיך צו יענע, זײ האָבן נישט וואָס צו פאַרלירן — פאָרן זײ זוכן גליקן אין דער פרעמד. דיך, אײ־דעם מײַנער, פעלט נישט דערוויַל קײן פײגלמילך, הלוואַי גאָטעניו, מײַנע אײ־ניקלעך און אוראײניקלעך ביז הונדערט־און־צוואַנציק יאָר נישט ערגער, אָמן — האָט זי פאַרהויבן די הענט צום סופיט און נאָכגעשיקט אירע בליקן אויף אַרויף און צום דרויסן, דורך די פענצטער, צו די הימלען אַרויף.

זי איז אַרויס, פעסעלע, פונעם עסצימער און אויפן ווײַבערישן שטײגער אַ ווונק געטון צו איר טאָכטער, זי זאָל מיטגײן אין צווייטן צימער אַרײַן.

נאָכטשע איז אָן אַפּהענטיקע און צעטומלטע נאָכגעגאַנגען דער מאַמען, נישט־וויסנדיק אויף וואָסער וועלט זי געפינט זיך. זי האָט אין פאַרלוירנקײט געקוקט צו איר מאַמע, וואָס האָט עפּעס געמאַכט מיטן ווײַזפינגער פאַרן צע־קנײטשטן מויל:

— שאַ, ער קאָן נאָך הערן, זאָלסט וויינען און בעטן דײַן „געשפּאָן“, אַז ער זאָל נישט אַוועק... מענער, אַז זיי זעען ווי זייערע ווײַבער וויינען, ווערן זיי ווייכער... האָסט פאַרשטאַנען, קינד מײַנס?...

— מאַמע, כ'האָב שוין גענוג געוויינט... ער מאַכט זיך שוין די פּאַפּירן.

— ווי איז מיר! פּאַפּירן אויף אַוועקצופאָרן?

— יאָ! זיי אַלע רעדן צווישן זיך, אַז קיין גוטס וועט מען זיך דאָ נישט דערוואַרטן...

— ווער זענען עס די אַלע? די חברה לאַטקעס?

נאַכטשע האָט אויסגערעכנט אַ צעטל פון צען מאַן. דרײַ חתונה־געהאַטע און זיבן פרײַלײדיקע... אַלע פאָרן זיי אַוועק און די ווײַבער האָבן גאָרנישט קיין מורא אַז זיי וועלן איבערבלײַבן...

— יאָ, זאָלסטו וויסן זײַן: זיי וועלן איבערבלײַבן אויף דער פליישבאַנק.

פּעסע האָט געטון אַ לויף־צו צו דער טיר, זי שטיל געעפנט און מיט אַ פינגער אַ רוף געטון איר מאַן:

— הער, איטשעלע, ער מאַכט זיך שוין פּאַפּירן, דער געניידעם דײַנער — האָט זי געגעבן אַ פאַרברעך די הענט ווי אין שטוב וואָלט געלעגן אַ מת:

— מײַן אומגליק איז גרויס! ס'האָט מיך גוט געטראָפן! די בראָך איז פאַרטיק!...

* * *

אינעם הייסן אויגוסט־טאָג האָט אַ שאַרפער פײַף דורכגעשניטן די לופט אינעם שטעטל אָסטראָווצע. אַ פאַרסאָפּעטער האָט דער לאָקאָמאָטיוו גענומען בלאָזן און וואָרפן פון זיך גרדיכטע קנוילן רויך — פּוף־פּאַף! סאָפּ־סאָפּ! די לופט אַרום האָט אויפגעציטערט פונעם גערויש, ווען דער צוג האָט גערירט פון אָרט, און צוזאַמען מיט אים האָבן פאַרלאָזט אָסטראָווצע, די פּוילישע ערד צען ייִדישע יונגעלײַט, געלאָזט הינטער זיך זייערע וויינענדיקע טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער, ברידער, פרויען און קינדער. צווישן זיי איז אין ווינקל פון וואַגאָן געזעסן יאָסל פּלאַטניק. ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט שענקען, וואָס ער האָט נישט אַוועקגעלייגט כאָטש איינעם פון די באַנדיטן פון שטײַער־אַמט, וואָס זענען אים דערגאַנגען די יאָרן, אים און גאַנץ אָסטראָווצע.

* * *

שוין דרײַסיק יאָר ווי נאַכטשע, יאָסלס ווײַב, און זיין זון, אלתר, זענען אין אַרגענטינע. די יאָרן האָבן געטון ס'זייעריקע. כאָטש יאָסל איז ערשט אויף דער שוועל פון די פופציקער, פילט ער זיך ווי ער וואָלט שוין לאַנג אַריבערגעשפּאַנט די זעכציק. די האָר, וואָס זענען פריִער פּאַסמעסווײַז געפאַלן אויף זײַן שטערן,

זענען מיט דער צײַט אַרויסגעפֿאַלן, און ער פּרוּווט נישט, ווי אַנדערע, פֿאַר־שטעלן דעם פּליך מיט זײַטיקע פֿאַרקעמעכצער פֿון די האָר.

אינעם איינציקן צימער, וווּ ער וווינט שוין אַכצן יאָר, מוז ער ווײַטער זיצן, כאָטש זײַן זון בראַזיל און קאַכט:

— קיינמאָל האָט ער נישט געוואָלט גיין אַרבעטן פֿאַר זיך, נאָר בעסער זײַן אַ שקלאַף בײַ יענעם, אַ פּראָלעטאַריער!... אַ גרויס גליק האָט מיך געטראָפֿן: דער טאַטע האָט נישט געוואָלט זײַן קיין עקספּלאָטאַטאָר... און בײַ וואָס איז מען געבליבן? בעסער נישט רעדן...

יאָסל האָט געוווּסט, אַז ווען אלתר האָט אים אַקעגנגערעדט האָט ער אים געגעבן אַ פּאָר פּעטש און דער יונג האָט זיך באַרויקט, געשוויגן אַ שטיקל צײַט, און ס׳איז געווען מנוחה אין שטוב. איצט איז פֿון אלתר געוואָרן — אַלבערטאָ. אויפֿגעוואַקסן מיט אַ קאָפּ העכער פֿון טאַטן. געלאָפֿן אין די ספּאָרטקלובן זיך באַקסעווען, קען אַלע טאַנגאָס ווי אַ פֿרומער ייִד אשרי. זאָל ער אים איצט זאָגן אַ וואָרט, דעם בנאָק זײַנעם, קאָן ער אים נאָך צוריק דערלאַנגען. אויסער דעם מוז ער דאָך סתּם אָנקומען צו זײַן הילף...

יאָסל פּלאָטניק לײַדט דאָ אין אַרגענטינע, צוליב די פֿײַכטע וועטערן, פֿון אַ שאַרפֿן רעוומאַטיזם. ס׳טרעפֿט אָפֿט אַז גאַנצע נעכט קאָן ער נישט צומאַכן קיין אויג. דערצו איז נאַכטשע אויך נישט מיט אַלעמען. פֿון צײַט צו צײַט מוז ער זי פֿירן אין ייִדישן שפּיטאָל, מאַכן ראַדיאָגראַפֿיעס, אַנאַליזן. נאָר זי האַלט זיך אין איין קלאָגן, אַז זי לײַדט אויפֿן קאָפּ:

— וואָס וועט זײַן מיט מיר, יאָסל? — גיט זי זיך אַ כאַפּ פֿאַרן קאָפּ מיט ביידע הענט — וואָס וועט זײַן מיט מײַן קאָפּ?

— וועסט זײַן געזונט, נאַכטשע. טראַכט נישט אַרײַן... זאָרג זיך נישט, אַז דײַן אַלבערטאָ קומט שפּעט בײַנאַכט און קלינגט נישט אַהיים... דו טראַכסט איבער אויפֿן ערגסטן און ער טאַנצט דאָרט אויף די באַלעס מיט די שיקסעס אין איטאַליענישן קלוב. דיר נעמט עס אַראָפּ דעם קאָפּ און אים גיט עס נישט קיין טשעפּ... הער זיך אויף צו זאָרגן וועסטו זײַן אַ געזונטער מענטש... קום, וועמיר אַ ביסל אַרויסגיין שפּאַצירן.

ער נעמט זײַן נאַכטשען אונטערן אָרעם און גייט מיט איר אַראָפּ אין גאַס צו דער נאָענטסטער פּלאַסע, וווּ ס׳שטייען אַ פּאָר אַסטמאַטישע אויסגעסאַכניע־טע ביימער, אויפֿן וועג דערמאָנט ער זיך די יאָרן, ווען ער איז געווען אַקטיוו אין שנײַדער־פֿאַראיין. אַרײַן אַרבעטן אין אַ שנײַדער־וואַרשטאַט אויף עטלעכע טעג און שוין געבליבן דערבײַ אַ גאַנץ לעבן. געוואָרן געווײלט אין די קאָמיסיעס, געקומען אויף זיצונגען, פֿאַרזאַמלונגען, דורכגעפֿירט שטרייקן. פֿאַרפֿאָלגט גע־וואָרן דורך דער פּאָליציי... די דערהויבענע מאַניפֿעסטאַציעס אין ערשטן מײַ...

מיט אַלעמען געשריגן מיט אַלע כוחות: זאָל לעבן!... אַט וועלן זיך אויך דאָ אין אַרגענטינע קערן וועלטן און דאָס לעבן וועט ווערן באַנײַט. ס׳וועט קומען די באַפרײַונג פון דער וועלט. אַלע מענטשן וועלן ווערן גלײַך, גלײַך אין שטאַנד און גלײַך געהאָלפן. נאַכטשע האָט זיך שטענדיק צוגעהערט צו איר מאַנס רייד. זײַן יעדער וואָרט איז געווען בײַ איר הייליק. דאָס איז איר געבליבן זיינט דעמאָלט ווען ער האָט איר געשיקט פּאַפּירן אין שטעטל אַרײַן און זי אויסגע־לייזט פון פאַרשעמונג פון אַ וויסטער עגונה. הלוואַי וואָלטן טאַטע־מאַמע אים געווען געפאָלגט, וואָלטן זיי נאָך הײַנט געווען געלעבט. ער האָט דאָך געוואָרנט דעם טאַטן אין דער היים, אַז ער זאָל פאַרפאַקן ס׳קרעמל און מיטפאָרן אויב ער געטרויט אים נישט, אַז ער וועט נישט פאַרגעסן אין גאָט און אין דער גאַנצער וועלט. וויפל האָט געפעלט אַז זיי אַלע זאָלן זײַן די זעלבע קרבנות. האָט זי אים טאַקע געקוקט אין מויל אַרײַן, יאָסלען. אַז ער זאָגט וועט מן־הסתם קומען אַ צײַט, ווען אַלע וועלן זײַן גלײַך„ אײַ, זי קומט נישט אַזוי געשווינדט. דאָס ווענדט זיך שוין נישט אין אים. אויף דעם האָט ער שוין נישט קיין דעה. אָבער דער מאָרגן וועט זיכער קומען און וועט זיכער געהערן אַלע באַוואָלהטע.

* * *

פון צײַט צו צײַט פלעגט קומען צו יאָסלען דער איינציקער חבר זײַנער פון די אַמאָליקע יאָרן — נתן הערץ. נתן איז פאַרבליבן דער אייביק־פאַרליבטער אין דער ליטעראַטור. ווי נאָר מע פלעגט רעדן צוויי ווערטער האָט ער גלײַך גע־ברענגט אויסצוגן און ציטאַטן פון פאַרשידענע שרײַבער און דיכטער, וואָס דער זאָגט און וואָס יענער זאָגט.

— ווייסט וואָס כ׳וועל דיר זאָגן — פלעגט יאָסל אַ שמייכל טון — דיר איז גוט, נתן...

— נאַטאַליאַ, נישט נתן.

— בײַ מיר ביסטו נתן און נישט נאַטאַליאַ — ענטפערט יאָסל אָן אײַנ־געשפאַרטער — קיין ווײַב האָסטו נישט, וויפל דו פאַרדינסט אַזוי פיל פאַר־לעבסטו, גענוי לויטן דיאַלעקטישן מאַרקסיזם. יעדער לויט זײַנע פאַרדינסטן. קיין פאַרוואורפן מאַכט דיר נישט קיינער. קרעכצן הערסטו אויך נישט בײַנאַכט. לעבסט זיך ווי אַ גראַף. ווער איז צו דיר גלײַך? לייענסט ביכער און זשורנאַלן. זעסט אויס ווי אַ יונגערמאַנטשיק פון אַ יאָר דרײַסיק, כאָטש ביסט עלטער פון מיר מיט אַ דרײַ־פיר יערלעך... נו, איז דיר נישט מקנא צו זײַן. האָסטו זיך טאַקע ווייניק געענדערט. אַזוי ווי דו ביסט געווען בײַ די פופצן אַזוי ביסטו בײַ די פופציק.

— נאָך נישט קיין פופציק. ס׳פעלט נאָך אַ פּאָר יאָר. מער ווי אַ פּאָר.

— מילא, ווילסט כ׳זאָל אַראָפּנעמען. ס׳שפּילט נישט קיין ראָלע. אַ פּאָר יאָר מער, אַ פּאָר יאָר ווינציקער. דו האַלטסט זיך וווּנדערבאַר.

נתן האָט זײַנע שאַטינע האָר געקעמט מיט אַ שרונט אין מיטן. שטענדיק געגאַנגען אָנגעטון קאָרעקט, אַפילו עלעגאַנט. ער האָט בײַם זעצן זיך פאַרשאַרצט זײַנע אויסגעפּרעסטע הויזן, וואָס ער איז קיין מאָל נישט אַרויס אין זיי אָן אַ פעסטן קאַנט. ער האָט זיך גלײַך געמאַכט דעם קראַוואַט און סאַרקאַסטיש אַ שמייכל געטון:

— וואָס איז מיר אַזוי גוט? אפשר קאָנסטו מיר זאָגן וואָס מיך איז דאָ מקנא צו זײַן? אַליין, עלנט ווי אַ שטיין. שוין דרײַסיק יאָר אין לאַנד און וואָס האָב איך דערגרייכט מער פון דיר? אַהערגעקומען אַ יאָט פון פירנצוואָנציק יאָר. געלאָזט אַ שיין מיידל אין דער היים. מיר האָבן געוווינט בשכנות. אויפגעהאָדעוועט געוואָרן צוזאַמען... ריקל — זי שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן מיט איר רונדיק פנימל און קליינע שקאַצישע אייגעלעך. אַלע האָבן געזאָגט אַז מיר זענען אַ פּאָרל פון גאָט. בין איך געקומען אַהער און אויף קיין פאַל זי נישט געקאָנט אַראָפּנעמען אין לאַנד אַרײַן. ווער ווייסט נאָך אַזוי ווי מיר, יאָסל? געדענקסט יענע צײַטן, ווען טויזנטער אַרבעטלאָזע האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט בײַם פּאָרט? ווען צענדליקער מענטשן האָבן זיך געשטופּט אויף אַ פּאַדערונג, צו וואָסער אַרבעט ס׳זאָל נישט זײַן... מ׳איז אָפּגעקומען מיט אַ ברויט פאַר פינף סענט, מיט אַ שטיקל וווּרשט און אַ הייסע מאַטע וואָס האָט געקרעלט די צונג...

— דערצייל עס, נתן, מײַן זון. טו מיר אַ טובה. דערצייל אים, דעם אויפטוער מײַנעם. די הײַנטיקע באַדינגונגען און אַמאָל, ווען מ׳האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט זײַן קיין אויסנוצער... זײַן אַ באַלעבאָס פאַר זיך איז אין יענע צײַטן געווען די גרעסטע בושה. די שקלאַפּערישע אַרבעט אין די פאַבריקן האָט געבליט ווי קראָפּעווע, געבליט און געבריט. האָט מען זיך צו גאַרנישט דערשלאָגן.

— יאָ, יאָסל, נײַע צײַטן. הײַנט דאַרף מען אויטאָס, דעפּאַרטאַמענטן, טשאַלעטן, לוקסוס, מאַר־דעל־פּלאַטאַ, נעקאָטשעאַ, פּונטע־דעל־עסטע! האַ־האַ, מײַן פרײַנד, מיר זענען אָפּגעדאַנקטע. איך, דו — אַלץ איינס. פאַרלוירן דעם חשבון. איצט וואָס קאָנען מיר טוען? וועסט הײַנט קריגן אַ הויף צו מאַכן אַ וואָרשטאַט? און געלט אויף מאַשינען האָסטו? מיר זענען פאַרשפּילט, ברודער, זיך צו־שפּעט געכאַפּט.

— רעד נישט, נתן. דו רײַסט שטיקער פון מײַן לײַב.

— הער, יאָסל, ס׳האָט זיך מיר געחלומט אַז כ׳בין געשטאַנען אויף אַ בינע און כ׳האָב רעציטירט די לידער וועגן דער באַפרײַטער וועלט, לידער, וואָס זענען

געשאַפן געוואָרן פון גרויסע דיכטער. ווו זענען אַהינגעקומען די אַלע באַזינגערז קאָלט ווערט מיר ווען כ׳גיב אַ טראַכט וועגן דעם.

— כ׳וויל נישט רעדן דערפון, נתן, אַז אַך און וויי צו אונדז, וואָס זיי האָבן פון אונדז געמאַכט. אויסגעריסן מיטן וואָרצל. האָסט אָפּגעקעמפט אַ לעבן פאַר אַ בעסער לעבן און ביי וואָס ביסטו געבליבן? ביי אַ ליידיקער וואַנט.

נתן האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן גרויסן הויף, ווו זיי זענען געזעסן, און באַטראַכט די עטלעכע הילצערנע קיכן: אַזוי פיל שכנים אין איין הויף. יעדער קוקט צום צווייטן אין טעפּל אַריין, אַזוי פיל טיפן, יעדער פון אַן אַנדערער וועלט. יעדער מיט זיין משוגעת. ווי קאָן מען אויסהאַלטן דערפון?

— זייער שווער אויסצוקומען מיט מענטשן — האָט זיך יאָסל אָנגערופן נאָך אַ ווייל שווייגן.

— נו, זוכסטו אַ שוץ אין די דיכטער! — האָט נתן באַדויערנדיק גע־שאָקלט מיטן קאָפּ — זיי האָבן אויך געקעמפט — מיט דער פעדער און מיט דער ביקס און פון דער זעלבער ביקס געקריגן אַ קויל אין קאָפּ. פריער אַן אָרדן — שפּעטער אַ קויל. כ׳בין געוואָרן אַ סקעפּטיקער, ברודערקע. איך שטעל זיך עפּעס גאָרנישט פאָר, אַז ס׳קאָן נאָך אַמאָל קומען אַ צייט, ווען מענטשן וועלן קאָנען לעבן ברידערלעך צווישן זיך... אַפילו דעם חלום האָט מען ביי אונדז אָפּגענומען. צוזאַמען מיטן דערשיסן די גרויסע דיכטער האָט מען דערהרגעט אין אונדז אויך אונדזער שיינעם חלום. מיר זענען געבליבן אָדם־נאַקעט, אויסגעטון פון יעדן אמת, אויסגעליידיקט פון יעדן ברעקל גלויבן. אונדזערע אילוזיעס וועגן אַ שיין מענטשלעך לעבן זענען צעטרעטן געוואָרן דורך שווערע מיליטערישע שטיוול. אין קאַמף פאַרן אמת האָט געזיגט, צום גרויסן באַדויערן, דער טייוול, דאָס רישעות. און דאָס ערגסטע, וואָס די רעוואָלוציע אַליין איז געוואָרן דער באַגראָבער פון אירע שענסטע אידעאַלן, פאַר וועלכע די שענסטע מענטשן האָבן געלייגט זייער קאָפּ. גיי, מאַך שלום מיט אַ וועלט, וואָס האָט זיך אַליין פאַר־מישפּט צום טויט, זיך און אונדז אַלע פאַרמישפּט צום אונטערגאַנג.

נאָך נתנס אַוועקגיין האָט יאָסל יעדעס מאָל געפילט, ווי ער ווערט וואָס אַמאָל מער אויסגעליידיקט און רוקט זיך מיט אַ שטאָפּל נענטער צום תהום, צו אַן ענדלאָזיקייט, ווו אַלץ און אַלע ווערן פאַרפאַלן, פאַרלוירן אָן שפּור, און געפילט אַז מע דאַרף זיך ראַטעווען, זיך אָנכאַפּן אָן עפּעס צו קאָנען זיך דער־האַלטן אויף דער אויבערפלאַך, נישט אַראָפּצוגליטשן זיך אין פינצטערן אָפּ־גרונט אַריין.

* * *

ווי יעדן פאַרטאָגס איז יאָסל אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט שטיל, זיך באַמיט קיינעם נישט אויפצוּוועקן און אָן אַ שאָרך אַוועק אין וואַרשטאַט. ער איז

געשטאַנען בײַם גרויסן טיש און צוגעשניטן די לעדערנע רעקלעך, די קורטקעס, וואָס זענען הײַנט אין דער מאָדע. די פינגער האָבן אים געבריט פונעם פעסטן דריקן דאָס מעסער. בײַם שנײַדן אַרויף־צו פון יענער זײַט טיש מוז ער זיך אָנשפּאַרן מיטן גאַנצן קערפּער, ווײַל די אָדערן אינעם רעכטן אָרעם־מוסקול ווערן אים ווי פאַרשטײַפט.

— נישט קיין וווּנדער, ברודער, די הענט זענען שוין אויסגעמאַטערטע — רעדט ער צו זײַן שפּאַנישן מיטהעלפער. אויסדרייענדיק דעם קאָפּ אין יענעמס זײַט דערזעט ער זיך אינעם אָפּגעבראָכענעם שטיק שפּיגל אויף דער וואַנט ווי ס׳פּנים זײַנס איז איבערגעצויגן מיט אַ ליימיק־געלן מאַטן קאָליר. אָפּט מאָל פאַרדרייט זיך אים דער קאָפּ, אַז ער מוז זיך אָן עפּעס אָנהאַלטן, ער זאָל נישט אומפאַלן בײַ דער אַרבעט. דאָס קאָפּמישונג, מיינט יאָסל, קומט פון דעם, וואָס דער אָנשפּאַר אין לעבן איז שוין פון אַלע זײַטן צעוואַקלט און צעטרייסלט. מע קאָן זיך שוין קיין אָרט נישט געפינען אין ערגעץ. אַן אַלטער בוים לאָזט זיך נישט אַזוי גרינג איבערפלאַנצן. און די היימישע סביבה האָט פאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פיס.

אַז זײַן זון, אַלבערטאָ, פלעגט זיך צעזינגען מיטן באַקאַנטן טאַנגאָ „קאָראַסאָן״ [1], פלעגט עס בײַ אים אַרויסרופן אַ שמייכל. הײַנט שרײַט ער ביז ווייטיק:

— הער אויף מיט דײַן „קאָראַסאָן״, ווײַל מײַן „קאָראַסאָן״ וועט מיר פּלאַצן. מײַן נאָכוווּקס, מישטיינס געזאָגט. געלערנט זעקס יאָר אין דער יידישער שול, געלייענט און געשריבן יידיש ווי אַ וואַסער, און מיט דער צײַט, אַז מ׳האָט נישט גענומען קיין יידיש בוך אין האַנט אַרײַן, האָט מען אַלץ פאַרגעסן!

— נישט פאַרגעסן — רעדט אַלבערטאָ נאָך דעם טאַטן — אַן אַנדערע צײַט הײַנט. דײַן „אַמיגאָ״ [2] נאַטאַליאָ האָט אויך געזאָגט, אַז ס׳איז הײַנט אַן אַנדערע וועלט. הײַנט דאַרף מען לעבן. דערויף איז באַשאַפן געוואָרן ס׳לעבן. נישט ווי איר, וואָס האָט זיך געלאָזט אויף נאַרישע אַוואַנטורעס, געוואָלט איבערמאַכן די וועלט און פאַרפוילט געוואָרן אין די תפיסות. שפּעטער האָט מען אײַך אַרויסגעוואָרפן פון דער פּאַרטיי. אַ שיינער תכלית. די אייער זענען הײַנט קליגער פון די הינער. הײַנט דאַרף מען לעבן.

— האָ־האָ! מע דאַרף לעבן — קרומט אים יאָסל נאָך — מע דאַרף טראָגן אַ רויט העמדל, שמאָלע הויזן, אַ קורץ רעקל, אַ פּוד גומע־שמירעכץ אויפן קאָפּ. וואָס נאָך? וואָס נאָך דאַרף מען, זון מײַנער?

— אַ קאָטש, טאַטע.

---

[1] האַרץ.

[2] פרײַנד.

— און אין וואָס גלייבסט ד ו ? און צו וואָס שטרעבסט ד ו ? קדיש מײַ־נער?

— געלט, וויעכאַ י, געלט! אַ גאַנץ שיינער אינהאַלט אויף אויסצופילן אַ גאַנץ לעבן און צו מאַכן אַ לעבן, סי־סעניאָר.

— אַ שיינער לײַט וועט פון דיר זײַן...

דאָס האָט שוין יאָסל געזאָגט צו זיך אַליין, ווײַל דער זון האָט אים געלאָזט שטיין מיט אַן אָפן מויל און אַוועק אין דער „העבראַיקאַ" צו די געשמינקטע מיידעלעך, צו די סעניאָריטאַס אין די קורצע אַנגעבלאָזענע קרינאַלינע־קליידלעך, וואָס זעען אויס ווי פאַרבלאָנדזשעטע אָהער פון אַנדערע אַלטמאָדישע צײַטן.

* * *

— ווייסט איר וואָס, סעניאָר פעדראָ, — האָט יאָסל געזאָגט צו זײַן באַלעבאָס — כ'וועל אַרבעטן יעדן טאָג אַ שעה לענגער און שבת גיט מיר פרײַ.

— קאָמאָ־נאָ, כ'האָב נישט דאַקעגן — האָט דאָן פעדראָ געהויבן מיט די אַקסלען — מיר איז אַלץ איינס... מאַכסט מיר די אַרבעט — גיי געזונטערהייט.

פאַרן באַלעבאָס האָט עס אויסגעזען משונהדיק, קענענדיק יאָסלען פאַר אַ פאַרגעשריטענעם מענטש, האָט עס אים אַ ביסל איבערגעראַשט. פאַר יאָסלען איז עס אָבער נישט געקומען פלוצים. שוין לאַנג ווי אין יאָסלס האַרץ האָט גענומען טליִען אַ בענקשאַפט צו זײַן צווישן ייִדן וואָס דאַווענען און לעבן מיטן אינהאַלט פונעם אַלטן שטייגער; ייִדן וואָס קומען יעדן שבת און יעדן באַגינען אין שולכל[1] אַרײַן, זענען אַרומגעוועבט מיט אַלטהיימישע ניגונים און מיט דער מיסטיק פון אַן איבערערדיש לעבן, וואָס גיט אַ זין און באַשײַנט די וואָכעדיקע אַלטעגלעכקייט און ברענגט דערהויבונג אין די שבתדיקע טעג.

די ערשטע צײַט האָט ער זיך אַביסל זשענירט, זיך געפילט אומזיכער, ווי אַ פרעמדער, אַ פאַרבלאָנדזשעטער. ער האָט זיך נישט געפינען קיין אָרט. געשטאַנען די גאַנצע צײַט. שפּעטער זיך צוגעזעצט בײַ אַ ברעג באַנק, בײַם אַרײַנקומען אַ וויש געטון די מזוזה, אָנגעטון דעם טלית, זיך אַוועקגעזעצט בײַם שטענדער און אויפגעמאַכט דעם סידור. נאָר ס'האָט זיך אים נישט געדאַוונט. די ווערטער האָבן זיך נישט געלייגט אויף דער צונג. ער איז אַזוי געזעסן, געהערט ווי דער חזן זאָגט דעם אָנהייב און סוף פסוק, ייִדן זאָגן נאָך, האָט ער אויך אָנגעהויבן נאָכזאָגן, און אַזוי נאָכזאָגנדיק איז אויפגעגאַנגען פאַר די אויגן דער טאַטע אין חסידים־שטיבל בײַם רבין, ר' אברהם־חיים דער ליפּסקער, דאָס פּנים בלייך פון אַ גאַנצן טאָג פאַסטן. אַרום שטייען יום־כיפּורדיקע ייִדן אָנגעטון אין

[1] אַלטער.

קיטלען, אײַנגעהילטע אין טליתים מיט גרויסע זילבערנע עטרות, היימישע שטעטלשע ייִדן, צעדאַוונטע, צעוויגטע פון די הייסע תפילות. ר׳ אברהם־חיים מיט זײַן הויכער געשטאַלט און ווײַסער באָרד שטייט פאַרטון אין העכערע וועלטן. ס׳איז שוין פאַרנאַכט, מ׳האַלט שוין בײַ נעילה. אַלע וואַרטן מיט אײַנגעהאַל־טענעם אָטעם. פּלוצים גיט ער אַ דונער אַרויס מיט אַ וויינענדיקן ניגון: „אוי, אתה נותן יד לפושעים״... אַלעמענס הערצער ווערן פאַרציטערט. נישט איינער פון די ייִדן האָט אַ זון אַ פּושע־ישראל. ער זעט ווי פון זײַן טאַטנס אויגן גיסן זיך טרערן. ער בעט אַוודאי, זײַן זון זאָל אַרויף אויפן דרך־הישר... ער זאָל אָוועק־וואַרפן די נאַרישקייטן און ווערן צוריק אַ ייִד. געזען וועד ס׳גייט אויסבעסערן די וועלט: יאָסל פּלאָטניק, נישט קיין אַנדערער. אַזוי ווי זי איז — געפעלט זי אים נישט. ער וויל זי מאַכן פאַר אַ לײַט. אַ שיין פּנים וועט זי האָבן, אַז ער וועט זי מאַכן אויף זײַן פאַסאָן... אוי, טאַטע, וואָלסטו איצט געשעפּט נחת פון דײַן זון. דו האָסט אים שוין געהאַלטן פאַר אַ פאַרפאַלענעם. נאַ, גיב אַ קוק, דערקען דײַן בלוט און פלייש, דײַן יאָסל. זע, ווי ער שטייט דאָ אין בית־מדרש אָנגעטון אין טלית, וואָס דו האָסט אים מיטגעגעבן אין וועג אַרײַן, ווי אַ קמיע, וואָס זאָל אים אָפּהיטן פון שלעכטס, דער זעלבער טלית שײַנט אַראָפּ פון דײַן זונס קאָפּ אַנטקעגן אָפענעם אָרון־קודש...

— ויהי בנסע הארן!... — האָט דער חזן געגעבן אַ רוף אויס און אַרויס־גענומען די ספר־תורה צום לייענען.

יאָסל האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף ווי פון אַ הינערפּלעט. ער האָט זיך דער־זען אין זײַן געגנט־שולכל און זיך ווי אָפּגעטרייסלט פון די האַלוצינאַציעס, פון דער פאַרברענטער שול מיט די פאַרברענטע אָסטראָווצער ייִדן, וואָס זענען גע־שטאַנען פאַר זײַנע אויגן ווי לעבעדיקע אויך איצט דאָ, בײַם וואַכעדיקן דאַ־ווענען.

אַ היץ האָט אים אַרומגעכאַפּט, גלײַך ווי דאָס פײַער, וואָס האָט פאַרברענט די ייִדן אינעם אָסטראָווצער בית־מדרש, וואָלט דערגרייכט צו אים דאָ אַהער קיין בוענאָס־איירעס. אַנגסטן שוויס זענען אויף אים אַרויסגעטרעטן, ווי מע וואָלט אים געשגיטן אברימווײַז. ער האָט אין די אָפענע דלאָניעס אַרײַנגענומען זײַן צעפלאַמטן קאָפּ:

— וואָס בלײַבט מיר שוין מער צו טון, ווי זיך גוט אויסצווויינען.

# דער קאַמף מיטן שאָטן...

ס׳איז שוין נישט געווען צו ווער קיין בריוו צו שרײַבן. בעריש׳ס האָפענונג אַראָפּצוברענגען זײַן שרהלע קיין אַרגענטינע איז אַוועק מיטן רויך צוזאַמען מיט איר אין איינעם. זי האָט שוין געהאַט געקריגן פון אים די וויזע מיט דער שיפקאַרטע און צוליב דער אַלטער מאַמען אירער האָט זי אָפּגעשלעפּט מיטן אַרויספאָרן פון פוילן. ווען די מאַמע איז שוין געווען באַשטאַט בײַ איר רײַכן ברודער, זענען די דײַטשן באַפאַלן פוילן, און שרהלע איז געבליבן ווי אויפן וואַסער מיט דער שיפקאַרטע אין דער האַנט. אַנשטאָט קיין אַרגענטינע איז זי שוין געפאָרן אין די טויטלאַגערן מיט איר מאַמען, מיטן רײַכן ברודער, מיט דער גאַנצער מישפּחה. אַלע זענען זיי דאָרט אומגעקומען. פון דער פאַרצווײַגטער שוכמאַן־מישפּחה איז אַפילו קיין ווײַטער קרוב נישט געבליבן. זייער גרויס איז געווען בײַ בערישן דער צער, וואָס האָט געצייכנט קענטיקע סימנים אויף זײַן פּנים. די באַקן זענען בײַ אים געווען אײַנגעפאַלענע, בלאַסע, אָפּגעצערטע. די אויגן טיף־אַרײַנגעזעצטע אין קאָפּ. שווערע זיפצן האָבן זיך אָפּט געריסן פון זײַן צעווייטיקט געמיט. אַ שיינע פּאָר יאָר האָט געדויערט ביז ער האָט געקאָנט קומען צו זיך פון עם שווערן קלאַפּ, וואָס דער גורל האָט אים צוגעטיילט: צו בלײַבן איינער פון אַ פאַמיליע.

אַ מאָדנער געדאַנק האָט אים איינמאָל געקומען עקבערן אין קאָפּ, נישט צורו געלאָזט טעג און נעכט. ער מוז זיך אויסזוכן אַ מיידל און חתונה־האָבן. אַ ביסל געלט האָט ער אָפּגעשפּאָרט. דער פּענסיאָן, וואָס ער האָט בשותּפות מיט דער אלמנה סולעמאַ, גיט פּרנסה ברווחות. ווערט ער נישט חתונה־האָבן — מוז ער פּשוט נעמען זײַנע זאַכן און זיך אָפּטראָגן פון דאַנען, וואָרן די עטלעכע־און פערציקיאָריקע אלמנה איז אויפפאַלנדיק נישט גלײַכגילטיק צו אים, צו בערישן. זי האַלט אים אָפּ ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט פאַרשידענע מעשׂיות, וואָס גייען אים אין איין אויער אַרײַן און פון צווייטן אַרויס. בעת־מעשׂה האַלט זי אים אין איין אָנגיסן די ביטערע מאַטעס, וואָס ער ציט אין זיך אַרײַן אָן חשק, בלויז פון יוצא־וועגן. ער קאָן דאָך זי נישט לאָזן מיט קיין אָפּן מויל...

ער פילט אַז מער קאָן ער נישט אויסהאַלטן דאָ. אין קאָפּ נעמט אים אָפּט מאָל שווינדלען, נאָר אומצופאַלן. אירע אויגן זענען אַזעלכע הונגעריקע, פאַרצויגן מיט אַ גלאַנץ ווי פון הויכן פיבער. זיי עסן זיך אײַן אין זײַן לײַב און לעבן.

יעדעס מאָל, ווען זי רעדט צו אים, רוקט זי זיך צו וואָס אַמאָל נענטער, ווי־

זי וואָלט וועלן אַרויפפאַלן אויף אים, נאָר עפּעס אַ נישט־זיכערקייט אין זיך האַלט זי אָפּ דערפון. איר ווײַבערישער אינסטינקט זאָגט איר אונטער, אַז אָט דער בעריש געהערט נישט צו די מאַנצבילן וואָס פאַרכלינען זיך סתּם מיט ווײַבער. דער גלײַכגילט זײַנער האָט שטאַרק געבריט איר פרויישע אַמביציע און אייגנליבע, גלײַך ווי זי וואָלט שוין גאָרנישט ווערט געווען. עד, ווען זי קאָן עפּעס אָפּטון אַ זאַך, — איז איר דורכגעלאָפן אַ ברײַענדיקער געדאַנק ווי אַ בליץ, — אַז אָט דער שטילער בעריש זאָל זיך יאָגן נאָך איר... קיין בעסערס וואָלט זי זיך גאָרנישט געקאָנט ווינטשן...

טיף בײַ זיך אין האַרצן ווייסט סולעמאַ, אַז בעריש איז פאַרכאַפּט פונעם פּענסיאָן־מיידל, פון דער עווע. יאָ, זי געפעלט אים, דאָס מיידל מיטן טונקל־אַליוון פּנים, מיטן איינגעצויגענעם פּאַסיק אין דער שמאָלער טאַליע, מיט די צוויי קליינע ברוסטן, וואָס ציטערן אין בערישן אַ באַגער און רייצן זיך מיט אים, ווי זיי וואָלטן אים גערופן: — ריר מיך אָן... ער וואָלט צוגעפאַלן צו זיי ווי אַ דאָרשטיקער נאָך אַ טרונק. ער וואָגט עס אָבער נישט צו טון, ווי ער וואָלט מורא געהאַט מיט איר אָנצוהייבן. עווע איז דערצו אַ שטאָלצע און זי קוקט מאָדנע קאַלט. פון אירע אויגן קוקט אַרויס אַ טרויעריקע סודותדיקייט, עפּעס מיסטע־ריעזס, אָדער פּשוט פאַלשקייט. דאָך דרייט ער זיך אַרום איר ווי אַ קאַץ אַרום הייסע מילך. דער פונק פון האָפענונג טליעט אַלץ אין אים: אפשר... אפשר וועט זיך אים איינגעבן אָנצוקניפּן אַ נענטערע באַקאַנטשאַפט מיט איר. ער וועט אָן ספק פּרווון אָנהייבן...

— אײַ, די מענער, די מענער — האָט סולעמאַ געוויגט דעם קאָפּ איןביידע זײַטן — זיי ווײַזט זיך אויס, אַז מיר, ווײַבער, קענען זיי נישט, אַז מיר זענען נישט מבֿין אויף זיי. זי האָט אַ צי־געטון מיטן ווײַזפינגער בײַם רעכטן אויג, אַזוי ווי איינער זאָגט: האַלטס וואָך אָן אויג, מיר זענען אײַערע גנבֿישע געגנ־געלעך, אוי, זענען מיר מבֿין אויף אײַך...

דאָס האָט סולעמאַ גערעדט צו איינעם פון אירע שטענדיקע פּענסיאָניסטן, נאָר זײַטיק האָט זי געשיקט די פּײַ׳ן צו בערישן, זאָל ער וויסן, אַז סולעמאַ איז נישט סתּם קיין ידענע. זי קען זיך אויף זײַנע שטיק. זי פּאָלגט נאָך זײַן יעדן באַוועג בײַם טיש ווען עווע דערלאַנגט אים עסן און זעצט זיך אַליין צו אַנטקעגן אים. זי זיצט אַזוי מיטן פאַרריסענעם קאָפּ, עווע, און קוקט אין איין פּונקט, מאַכט זיך אינטערעסאַנט, גלײַך קיינער וואָלט מער דאָ נישט געווען אויסער זי און ער. אָט גיט עווע אַ שמייכל צו בערישן און זעט ווי זײַן פּנים לײַכט־אויף. באַלד ווערט זי צוריק פאַרשלאָסן אין זיך ווי זי וואָלט פאַרזונקען אין אַנדערע וועלטן.

סולעמאַ קען גוט דאָס שטיקל אַרבעט פון דער מויד. — האָט זי בײַ זיך

געטראַכט, — די עווע שפּילט איר ראָל ווי אַן אמתע אַרטיסטין. זי ווייסט ווי אָנצוּ‌ען די נאַרישע מענער. זי קאָן איר אָבער גאָר נישט זאָגן, סולעמאַ. זי דאַרף די עווע צו דער אַרבעט. זי קאָן זיך אָן איר נישט באַגיין. נישט פון די לײַכטע זאַכן צו קריגן הײַנט אַזאַ לײַטישן מענטש ווי די עווע איז. מוז זי אַלץ פאַר־שווײַגן, זיך נישט מאַכן וויסן און נישט זעען.

זי האָט טיף געליטן, סולעמאַ, וואָס די יאָרן זענען אַזוי גרויזאַם צו איר, ווי זיי ווײַסן איר די האָר, קאַרבן די הויט, הענגען איר אָן טאָרבעלעך אונטער די אויגן. אמת, נאָך נישט אַזעלכע אָנזעעוודיקע, אָבער זיי צייכענען זיך שוין אָן. אויף איר ברוסט האָט זיך געלייגט עפּעס שווערס, דריקנדיקס. זי האָט טויל מאָל געפילט ווי זי ווערט אײַנגעהילט אין אַ טיפער מרה־שחורה. שוין דרײַ יאָר ווי איר מאַן איז טויט, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן. זי פאַרט פון צײַט צו צײַט אויפן „פעלד״, ווישט אַרום דאָס בילד אויף זײַן מצבה, צעוויינט זיך שטאַרק און באַדויערט וואָס ער האָט קיינעם נישט געלאָזט נאָך זיך... שפּעטער, ווען איר צײַט וועט קומען, איז אויס! — ברעכט זיך סולעמאַ די הענט אין שאַרפן ווייטיק, און פאַרלאָזט דאָס בית־עולם אַ שלאַבעריקע און צעבראָכענע. וואָס דאָס מזל האָט איר אַזוי באַעוולהט, זי געלאָזט אַליין אין איינזאַמקייט, אין עלנט.

ווען זי קערט זיך אום אַהיים באַרוּ‌קט זי זיך אַ ביסל. זי דערזעט בעריש ס שלאַנקע פיגור, די געדיכט־פאַרקעמטע טשופּרינע אויף זײַן הויכן שטערן, זײַן שטילקייט און אײַנגעהאַלטענעם אָטעמען און אַלץ אין איר צעברענט זיך פון חשק צו אים. אין די מינוטן זוכט זי צו זײַן וואָס נענטער לעבן אים, פילן זײַנס אַ באַריר, דעם הויך פון זײַן הייסן אָטעמען אויף זיך.

אין אַזעלכע מאָמענטן דרייט זיך בעריש אַרום איבער דער שטוב הין און צוריק און מאַכט זיך ווי ער וואָלט גאַרנישט פאַרשטאַנען וואָס אין איר קומט־פאָר. וואָס גייט זי אים אָן. ער האָט נישט מיט איר קיין שפּראַך. זי איז בכלל נישט פאַר אים, די אַלמנה. בעסער זיך נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט איר, וואָרן ער וועט זיך נישט קאָנען פון איר אויסקויפן.

סולעמאַ ברענט פון היץ, זי פילט ווי די שלייפן האַמערן איר אין קאָפּ. עס בעמען איר ציטערן הענט און פיס. עפּעס שטיקט איר אין האַלדז, אַן ענגשאַפט אַזאַ וואָס צעשפּאַרט זי אינגאַנצן. זי פילט אין זיך אַ מאָדנעם אינערלעכן אומרו. זי שרעקט זיך אַז זי זאָל נישט אָפּטון קיין נאַרישקייט... אָבער אַ ברוּ‌עדיקע, מאַגנעטישע קראַפט האָט זי געצויגן צו אים. נישט קאָנענדיק קאָנטראָלירן אירע געפילן איז זי צוגעפאַלן מיטן הויכן בוזעם צו בערישן און גענומען שטאַמלען שווער און אָפּגעהאַקט:

— זאָג, כ׳געפעל דיר נישט? פאַרוואָס? כ׳בין נישט אַזאַ פרוי ווי עווע? ווי

אַ צווייטע? וואָס בין איך אַ לאַמע, אַ קרומע? איך בין נישט קיין פרוי? איך קאָן נישט ליב האָבן, ווי יעדע איינע אַנדערע?

אַ נישט־צוגעגרייטער צו פרויִישע אויסברוכן האָט זיך בעריש ווי פאַרלוירן און ווי אַ פאַרשולדיקטער זיך גענומען פאַרענטפערן פאַר איר:

— וואָס האָב איך אײַך דען געטון פאַראַ שלעכטס, פרוי סולעמאַ, איך ווייס נישט וואָסער טענה איר האָט צו מיר — האָבן זײַנע ליפּן גענומען ציטערדיק שטאַמלען — איך ווייס באמת נישט וואָס זי ווילן פון מיר...

— וואָס זי ווילן פון מיר — האָט סולעמאַ אים גוטמוטיק נאָכגעשפּעט מיט אַ זיס שמייכעלע און פאַרמרוזשעטע אויגן — איר ווייסט נישט וואָס אַ פרוי וויל פון אַ מאַן, ניין, איר ווייסט נישט, וועל איך אײַך זאָגן...

בעריש האָט זיך אַ בלאָסער געגומען אָפּרוקן פון איר, דערפילנדיק איר הייסן באַגער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אירע צעגלאַנצטע אויגן מיט אַ מאָדנע וואַנזיניק פײַערל:

— וואָס טוט זיך מיט אײַך? באַרעכנט זיך, פרוי סולעמאַ, איר זענט דאָך אַ דערוואַקסענער מענטש, באַהערשט אײַך...

— איר זענט אַזוי שיין — האָבן אירע ליפּן גענומען ציטערן, פאַרצויגענע מיט עפּעס אַזאַ טרוקענער בלאָקייט — איך וויל אײַך אַ קוש געבן — האָט זי ווי אין שיכרות זיך אַ וואַקל געטון, נאָר אומצופאַלן און אונטערגעכאַפּט גע־וואָרן פון שטאַרקע מענערשע הענט.

* * *

אינעם גאַנצן געשטעל פון עווען איז מיטאַמאָל פאַרגעקומען אַן איבערבײַט. איר האַלטונג איז שוין נישט געווען אַזאַ שטײַפע. אַרום אירע מוילווינקלען האָבן זיך שוין אָפּטער באַוויזן אַזעלכע ליבלעכע שמייכעלעך. די ווײַט־פאַרטראַכטקייט אירע איז פאַרשווינדן פון איר פאַרנעפּלטן בליק, וואָס איז איצט העל געוואָרן ווי אויסגעלײַטערט. אירע אויגן האָבן איצט געגלעט בערישן בײַ יעדן אָנטרעף מיט אים.

בײַ בערישן האָט דאָס האַרץ גענומען פלאַטערן פון דערלײַכטערונג: ס׳קאָן זײַן — האָט אין אים גענומען עקבערן דער געדאַנק — אַז איך בין איר געפעלן געוואָרן פון ערשטן מאָמענט אָן. נאָר ווי יעדע פרוי האָט זי געמאַכט דעם אָנ־שטעל, אַז זי איז גלײַכגילטיק צו מיר, אַז איך זאָל איר נאָכלויפן און נישט זי דעם מאַנצביל. איצט ווײַזט זי אַרויס בולטער אירע אמתע געפילן. די פאַנטאַזיע האָט זיך אין אים צעשפּילט צוזאַמען מיט די פאַרדרענגטע געפילן פון הייסן באַגער צו איר, וואָס ער האָט די גאַנצע צײַט געמוזט דערשטיקן אין זיך. ער האָט נישט־דרײַסט און אומזיכער גענומען עווען בײַ דער האַנט און מיט געטרײַ־

שאַפּט איר געקוקט אין די אויגן אַרײַן, ווי אַן איבערגעגעבענער הונט וואָס לאַשטשעט זיך צו זײַן באַלעבאָס. עווע האָט נישט אַוועקגעמאַכט איר האַנט ווי אַלע מאָל, נאָר זי געלאָזט פאַרקלעמען אין זײַנער.

בעריש האָט אַ פאַררויטלטער זי געטוליעט צו זיך. ער האָט דערפילט דאָס האַסטיקע קלאַפּן פון זײַן האַרץ אין ריטעם פון איר אייגן האַרץ. דאָס הייסע בלוט זײַנס — האָט ער געשפּירט — לויפט אין אים מיט אַ ברי אין משוגענעם אומקרײַז פון קאָפּ ביז די שפּיצן פינגער פון זײַנע פיס. ס'איז אויפגעגאַנגען אין אים אַ וואַרעמער שטראָם צוזאַמען מיט אַ זיכערקייט און צוזאָגנדיקייט אַז זי, עווע, וועט זײַן זײַנע.

ער האָט זיך שוין מער נישט קרעמפּירט פאַר קיינעם. ער האָט זיך געקושט מיט איר אין קעגנוואַרט פון פרעמדע מענטשן, אַז ס'איז געוואָרן קלאָר פאַר אַלעמען: דאָס פּאָרל האָט זיך ליב.

די אַלמנה סולעמאַ האָט זי איינמאָל אַרײַנגערופן צו זיך אין צימער, אַ פול אָנגעשטעלטס מיט מעבל, שענקלעך, שאַפעס און אַ גרויס ברייט בעט פאַר צוויי פּערזאָן, וואָס האָט פאַרנומען אַ פערטל פונעם צימער. זי האָט זיך מיט איר באַרעכנט, מיט עווען, וויפל ס'קומט איר פאַר דער אָפּגעאַרבעטער צײַט. אַרויסגענומען פון אַ קליין שאַפקעלע עטלעכע בלאָע באַנקנאָטן, איר צוגעטיילט ביז אַ גראַשן וויפל ס'איז איר געקומען און אַן איבעריק וואָרט, אָן אַ פאַרוואָס און פאַרווען איר געהייסן נעמען די זאַכן און גיין, ווו די אויגן וועלן זי טראָגן.

בעריש האָט דעמאָלט געגעבן עווען זײַן גאַנץ אָפּגעשפּאָרט געלט:

— נאַ, עוועשי, נעם, באַהאַלט. צו מיר קאָנסטו קומען ווי צו זיך אַליין, צו יעדער צײַט, אומגעשטערט, ווען דו וועסט נאָר וועלן. אַפילו מיטנדערנאַכט אויך. מיר וועלן זיך דינגען אַ דירה, קויפן מעבל... וועסט זיך מאַכן שיינע קליידער...

ער האָט געהאַלטן דאָס מאָל לענגער איר האַנט אין זײַנער. געקוקט איר לאַנג אין די אויגן, וואָס האָבן געשמייכלט צו אים ליבלעך און פאַרטרויערט און גלײַכצײַטיק עפּעס פאַרהוילן פאַר אים, עפּעס באַהאַלטן אין זיך, וואָס בעריש האָט עס נישט געקאָנט אויפוויקלען די דאָזיקע סודותדיקייט, וואָס אַ בלויזער פּרוויזישער שמייכל קאָן געשיקט פאַרדעקן, פאַרמאַסקירן, אָפּווישן פון פּנים, כאָטש דער שאָטן פונעם סוד בלײַבט שטענדיק שוועבן ווי אינדערלופטן, ווי אַ דינע וואָלקע.

בעריש איז אויף אַזוינע בליקן סײַ ווי נישט געווען קיין איבעריקער מבין. פאַר אים איז געווען גענוג אַז זי איז גוט צו אים און ווײַזט אים אַרויס אַ צוגעלאָזנקייט, וואָס ער האָט זיך עס אַפילו אין חלום נישט געקאָנט פאָרשטעלן. ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, געקוקט צו יעדן מיט אַ שמייכעלע פון אַ זיגער, אַ בעל־ניצחון, און געפילט ווי אַלע זענען אים מקנא.

ווען ער האָט זיך געפינען אַליין, זענען געווען אַמאָל מינוטן אַזוינע, וואָס ס'האַרץ זײַנס האָט זיך ווי געשראָקן פאַר עפּעס, טאַקע פאַר דעם וואָס ס'איז עפּעס צו גוט, צו גלאַטיק.

אָפט מאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז עווס בליק נישטערט אין זײַן האַרץ, בלאָנדזשעט, זוכט און זי אַליין פאַלט אַרײַן אין אַ מין היפּנאָז, ווי זי וואָלט פאַרפלויגן אין אַנדערע וועלטן, וווּ נאָר זי אַליין קאָן צו זיי צוקומען. אַ מאָדנע פאַרדאַכט האָט אָנגעשפּיצט אַלע זײַנע חושים, נאָר קלאָרער איז אים גאָרנישט געוואָרן דערפון. ס'איז געבליבן דער זעלבער נעפּל וואָס פריִער.

ווען ער האָט גענומען רעדן צו איר, זי פרעגן וואָס ס'איז איר, אפשר פילט זי זיך נישט גוט — האָט זי אים אָנגעקוקט ווי נישט זי מיינט מען. צום סוף האָט זי זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ טיפן שלאָף מיט אַ מאָדנעם גלאַנץ אין די אויגן:

— האַ, דו זאָגסט עפּעס?

בעריש איז געבליבן שטיין ווי אַ באַנאַרישט אָפּגעשמיסן יינגל. ס'האַרץ, האָט ער געפילט, שטעלט זיך אים אָט־אָט אָפּ... זי איז פאַר אים אויסגעוואַקסן ווי אַ רעטעניש, אַ ספינקס. אין איר גאַנץ ווען איז פאַראַן עפּעס באַהאַלטנס, אַ סוד, נישט אַנדערש, זי מאַכט מיט אים אַ שפּיל, אַ קאַץ־און מויזשפּיל. ער פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און פילט ווי ס'בלוט גליווערט אין אים: און אפשר וויל זי אים נישט? ער האָט נישט דערטראַכט ביזן סוף. עווע איז געבליבן שטיין פאַר אים אין איר גאַנצן געשטעל. זי האָט אים געקוקט גלײַך אין די אויגן אַרײַן. אירע ליפּן האָבן זיך ווי באַוועגט. ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט.

בעריש האָט געקוקט אויף איר און זי געזען ווי דורך אַ נעפּל:

— וואָס איז מיט דיר? פאַרוואָס ביסטו אַזוי מאָדנע פאַרטראָגן די לעצטע טעג? איך דערקען דאָך דיך נישט... — האָט בעריש אויסגערעדט די ווערטער מיט אַ שטאָמל פון זײַנע ציטערדיקע ליפּן. מיט זײַן האַנטפלאַך האָט ער גענו־מען גלעטן איר אַקסל און פלייצע, זי געטוליעט צו זיך:

— זאָג, וואָס פעלט דיר? ווילסט עפּעס, זאָג, באַהאַלט נישט, וואָס פאַר־לאַנגסטו, דריק נישט אין זיך, ס'וועט דיר דערפון נישט בעסער ווערן...

עווע האָט אין אַזעלכע פאַלן געמאַכט אַ קינדישע מינע אויפן פּנים, גע־הויבן מיט די אַקסלען און קיין וואָרט נישט אַרויסגעברענגט. די געדאַנקען האָבן זי געהאַלטן אין אַ טראַנס פון פאַרשידענע קעגנגעזעצטע שטימונגען, וואָס זי איז נישט געווען בכוח זיך צו באַפרײַען פון זיי; זיי האָבן מיט איר געטון וואָס זיי האָבן נאָר געוואָלט. אָט שטייט פאַר איר דער ערלעכער בלאַסער בעריש,

וואָס גיט איר אַוועק זײַן לעצטן אָפּגעשפּאָרטן סענט, בעט זיך בײַ איר אין גאַנצן אַ צעציטערטער: — נעם, גיי קויף דיר די שענסטע קליידער... אַלץ וואָס ס׳געפעלט דיר... האָסט זיך גאָרנישט וואָס צו זשאַלעווען... סאַראַ ריינע נשמה דער מענטש פאַרמאָגט עס... אָט וואַקסט אויס מאַריאַ, דער פּאַצעט, דער פּראָנט מיטן שיינעם גלאַנציקן קעפּל נעטפּאַרקעמטע האָר, מיט אַ ליבלעך שמייכעלע אויף זײַן שיינגעשניצט מויל. ער פּרעגט נישט. רעדט ווינציק. ער איז זיכער בײַ זיך. ער נעמט זי פעסט אין זײַנע אָרעמס, דריקט איר אָפּ הייסע ברי̇עדיקע קושן. האַלט זי פאַר דער טאַליע, בייגט זיך איבער איר, ס׳פעלט איר אָטעם. אָט טרעשטשען אירע ביינער, נאָר זי האָט נישט קיין כוח אים אָפּצושטופּן פון זיך. עפּעס אַ מאָדנער געדאַנק באַהערשט זי: ער קאָן זי נאָך דערשטיקן... פון בלויז שרעק לאָזט זי מיט זיך טון אַלץ, זי קאָן זיך מער נישט ווערן קעגן אים. זי ווערט ווילנלאָז. איר גאַנצער קערפּער ווערט שלאַבעריק. מאַכטלאָז ביז ער לאָזט זי אָפּ אַ געזעטיקטער. און ווען זי בלײַבט אַליין ווילט זיך איר לויפן איבער די גאַסן אָן אַן עק, אָן אַ ציל, אַנטלויפן ווו די אויגן וועלן טראָגן, זײַן ווײַט פון אַלעם, פון זיך אַליין. זי ווערט אָבער באַהערשט פון אַ שוואַכקייט אין אַלע אברים, פון אַ ווילנלאָזיקייט, וואָס לאָזט זי נישט באַוועגן פון אָרט און בלײַבט אַזוי ווי־לאַנג אַוועק זיצן אַ שטאַרע, אַן אויסגעליידיקטע, אָן חשק צו גאָרנישט.

* * *

בעריש איז געגאַנגען אַ צעשטראָלטער געאָרעמט מיט זײַן שיינער עווע איבער דער רחבותדיקער קאָריענטעס אין צענטער שטאָט. זיי זענען לאַנגע מי־בוטן געשטאַנען בײַ גרויסע שויפענצטער און זיך אײַנגעקוקט אין די פאַרשי־דענע סטילן מעבל פאַר שלאָפצימערן. בערישס בליק איז געבליבן הענגען אויף די העל־לוסטרירטע בעטן מיטן אויסגעבעטן צוקאָפּנס איבערגעצויגן מיט אַ הימלבלאָען זײַד. ער האָט זײַטיק אַ קוק געטון צו עווען, געוואָלט דערבליקן צי ס׳געפעלט איר, צי איר פּנים ווערט אויסגעלײַטערטער, און אפשר וועט זי אים עפּעס זאָגן, עפּעס אַזוינס וואָס וועט אים דערפרייען, אים אָנפילן מיט גליק. ער האָט אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף איר אַקסל, געוואָלט זי פילן נענטער צו זיך, אייגענער, היימישער. און אַרײַנגערעדט אין איר ווי שיין דער קאָפּשטיק פון בעט איז געשניצט, אמת מײַסטעריש...

עווען איז נישט אָנגעגאַנגען זײַן נעמען זי נענטער צו זײַן קערפּער, זײַן לאַשטשען זיך צו איר און זײַנע אַלע רייד, וואָס האָבן איר אויסגעזען ווי איבער־ריקע, נישט־נייטיקע, גלײַכגילטיקע. זי האָט געחלומט מיט אָפענע אויגן וועגן דעם זעלבן שיינעם בעט, נאָר נישט מיט בערישן... זי זעט דאָרט ליגן מאַריאַ מיט פאַרוואָרפענע הענט אויפן קישן, ער וואַרט אויף איר, זי זאָל זיך דערנענ־

טערן צו אים... אירע נאַקעטע קלאָרע הענט וויקלען זיך אַרום זײַן שלאַנקן קערפּער...

— װאָס דאַרף איך דיך כסדר וועקן, מינטערן? עפּעס גייסטו אַרום ווי אין אַ הינערפּלעט... דײַן פאַרהאַלטן זיך מאַכט מיך אומרויִק, צענעמט מיך אינגאַנצן...

בעריש האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט באַהערשן און אַרויסגעפּלאַצט מיט ביטערע רייד, וואָס האָבן זי געשלאָגן ווי מיט נאַסע ריטער. זיי האָבן שוין קיין מעבל נישט געקויפט. זי האָט אים געלאָזט שטיין בײַם שויפענצטער מיט די מעבל, זיך האַסטיק אָפּגעקערט פון אים און אַראָפּ אין דער סובטע. בעריש איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין אַ צעתמטער. זיך געלאָזט נאָך איר מיט די שטיינערנע שטיגן, און זי שוין נישט געטראָפן. זי האָט שוין באַוויזן אַרײַנצושפּאַרן זיך אינעם אונטערגרונט־צוג וואָס האָט זיך פּונקט געפונען אויף דער סטאַציע.

מיט שטאַרקן קאָפּווייטיק האָט זיך בעריש אומגעקערט אַהיים, זיך געגעבן אַ וואָרף אַרויף אויפן געלעגער און פאַרזונקען געוואָרן אין קאָשמאַרע זעענישן און בילדער, וואָס זענען געגאַנגען איבער אים ווי שווערע רײַטוועגענער מיט פאַרטייבנדיקן גערויש.

* * *

עטלעכע טעג נאָך דער געשיכטע האָט זיך עווע נישט געוויזן פאַר בערישן. ער איז געזעסן אין שטוב, געוואַרט אויף איר, זי זאָל זיך באַווײַזן אין איר נעטאָפּגעצויגן געבלימטן קליידל, מיט איר נאָכלעסיקן, נישט־פאַרקעמטן קאָפּ האָר. נאָר קיין לעבעדיקער הונט האָט נישט אָנגעקלאַפּט אין זײַן טיר. דער קאָפּ האָט אים געמומען רוישן, ווי מילוואַלצן אין אומאויפהעריקן געדריי וואַלטן זיך אים געוועזן אַרײַנגעדרייט אין קאָפּ. ער האָט זיך געפילט ווי אַ נישטאָיקער. ער האָט אויפגעהערט צו עסן, זיך געשעמט צו קוקן מענטשן אין די אויגן אַרײַן, ווי אַלע וואָלטן געוועזן אַרויסגעלייענט פון זײַנע אויגן, האָט זיך אים געדאַכט, אַלץ וואָס איז מיט אים פאָרגעקומען די לעצטע טעג. ער האָט זיך צו גאָרנישט געקאָנט דערטראַכטן. ווו געפינט זי זיך? ווו איז זי פאַרפאַלן געוואָרן? אַוועקגעקומען, ווי אין וואַסער אַרײַן. ווו זאָל ער זי גיין זוכן, אַז ער ווייסט נישט ווו זי וווינט און נישט ווו זי אַרבעט הײַנט. און אפשר איז געשען מיט איר עפּעס אַן אומגליק. אַ מענטש זאָל נישט געבן פון זיך צו וויסן... ס'האָרץ האָט אים מאָדנע געשראָקן פון טונקעלע פאָרגעפילן, וואָס ער האָט געהאַלטן פון זיך אין אייך אָפּיאָגן, און וואָס מער ער האָט זיי געטריבן אַלץ מער זענען זיי צוריקגעקומען, נישט אָפּגעטרעטן פון אים... פון צײַט צו צײַט האָט ער געפילט ווי אין אים וואָלט צעטרייסלט געוואָרן זײַן גאַנץ גלײַכגעוויכט. אַ היץ האָט אים געשלאָגן צום קאָפּ און אים נישט געלאָזט אײַנזיצן, געיאָגט אין דרויסן אַרויס, איבער די

גאַסן, לויפן, זוכן, אפשר וועט ער זי טרעפן גיין. דער אומרו האָט אים געוואָרפן ווי אַ שפּענדל איף צעשטורעמטע כוואַליעס.

ער איז געגאַנגען אין גאַס און געבישטערט מיט זײַנע אויגן, אַרײַנגעקוקט אין פּנים יעדער אַנבאַגעגנטער פרוי, נאָכגעלאָפן דער, יענער, וואָס איז פאַרבײַ אים און ליטן אויסזען און גאַנג אויסגעוויזן צו זײַן ענלעך צו עווען. אַן אַנ־טוישטער האָט ער זיך יעדעס מאָל אָפּגעקערט מיט גאַרנישט. געקומען אַהיים מיטן זעלבן מיט וואָס ער איז געגאַנגען.

— זי וועט מער נישט קומען, — האָט ער געוואָלט שלום מאַכן מיטן גע־דאַנק ליגנדיק אַ דערשעפּטער אויפן געלעגער, — זי האָט אַ צווייטן...

ווי אַ צערייצטע חיה איז ער אויפגעשפּרינגען, אַן אָפּגעבריטער פונעם געדאַנק, גענומען לויפן הין און צוריק איבערן צימער... מיט יעדן טאָג, וואָס איז אַוועק מיט גאָרנישט, איז זײַן פּנים געוואָרן מער אויסגעצויגן און איבער־געצויגן מיט אַ געלער מאַטקייט. ער האָט מיט קיינעם נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. געזעסן אין קאַפּעהויז אין אַ ווינקל, דעם קאָפּ באַהאַלטן צווישן די דלאָ־ניעס. זײַן בליק האָט באַקומען אַן אומהיימלעכן גלאַנץ, און מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר אים און גענומען אויסמײַדן...

* * *

—א־א־א־יי־יי־יי!! — האָט אַ שאַרף געשריי איבערגעריסן די נאַכטשטיל־קייט און געוואָרן אָפּגעהאַקט, פאַרשטומט. אין שכנישע הײַזער האָבן מענטשן אָנגעשפּיצט זייער געהער, געוואָלט אויפכאַפּן עפּעס אַ קלאַנג, מיינענדיק אַז ס׳וועט באַלד נאָכפאָלגן אַ פריש גוואַלד. נאָר ס׳איז שטיל געוואָרן, נאָך שטילער ווי פריִער. גלײַך ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געווען געשען, אָדער ס׳וואָלט עפּעס פאַרגעקומען, נאָר ס׳איז שוין נאָך אַלעם.

די אלמנה סולעמאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַרײַן צו בערישן אין צימער. זי איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל, ווי זי וואָלט זיך גלײַך געוואָלט צוריק־ציִען. אין אַ ווינקל צימער איז בעריש געזעסן אײַנגעדרייט מיט אַרויסגעזעצטע אויגן וואָס האָבן געברענט פון וואַנזין. ער האָט געהאַלטן די ווינטער־קאָלדרע פאַרקנוילט אין די הענט און געמורמלט מיט אַ טעמפּ קול:

— כ׳האָב זי דערוואָרגן, די חצופה... איצט ליגט זי טויט... איר זעט — האָט ער אויפגעהויבן דעם בליק מיט אַ בלאַסק און געוויזן סולעמאַ מיטן פינ־גער — גיט אַ קוק, זי איז טויט... טויט...

סולעמאַ איז פול מיט פּחד צוגעגאַנגען נענטער צו בערישן:

— גאָט איז מיט דיר, בעריש, וואָס טוטסטו וואָס? דעק זיך צו מיט דער קאָלדרע, ציטערסט דאָך אינגאַנצן...

—אַרויס! — האָט ער זיך געגעבן אַ הייב פונעם אָרט — אַלע פרויען וועל איך דערהרגענען! אַלע! אַלע...

סולעמאַ האָט זיך צוריקגעצויגן מיט אַ שפרונג־אָפּ און האַסטיק פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר. זי איז אַרײַן צו זיך אין צימער און זיך געווישט די טרערן וואָס זענען גערונען איבער אירע באַקן. זי האָט אויפגעשווידערט פונעם בילד וואָס האָט זיך אײַנגעשניטן אין זיכרון. פאַר אירע אויגן איז כסדר געשטאַנען בעריש מיט שוים אין די ווינקלען מויל, מיט אַ געבײַלטער פויסט — אַ נאַקעטער מיט דער קאָלדרע אין דער האַנט.

* * *

בערישן איז שוין איצט נישט געווען צו דערקענען. זײַן פּנים איז געוואָרן באַוואָקסן מיט אַ רויטלעכער באָרד. זײַנע אויגן האָבן האַלבפאַרלאָשענע אַרויס־געקוקט אומהיימלעך פון די טיפע גריבער אַרויס. ער איז אַרומגעגאַנגען אינעם פאַלטן און יום־טובדיקן אַנצוג נאָר אָן אַ העמד אויפן לײַב. ער פלעגט קלײַבן ברויט און שטיקלעך פלייש פון די שכנישע מיסטקעסטלעך פאַר דער טיר. ער האָט זיך שוין קוים געהאַלטן אויף די פיס. בין־השמשות־צײַט, ווען ער פלעגט דערזען זײַן אייגענעם שווערן שאָטן אויף דער וואַנט, פלעגט ער פאַרקלעמען זײַנע הענט ווי אַרום אַ האַלדז און מיטן רעשט ביסל כוח זיך דריקן אויף אים, אויפן אויסגעצויגענעם שאָטן זײַנעם, ביז ער איז געפאַלן אַ מאַכטלאָזער, זיך אַרונטערגעגליטשט און אַרויפגעפאַלן אויפן בעט מיטן מויל אויפן קישן און אַרײַנגעהעשעט דערין אַ קרעכצנדיקער:

— כ׳האָב זי דערוואָרגן, אויף טויט דערוואָרגן... כ׳וועל זי יעדעס מאָל דערשטיקן... ווי נאָר זי וועט זיך באַווײַזן... וועט זי וויסן מיך אויסצושפּילן...

נאָך די אָפּטע און שווערע ראַנגלענישן, אין זײַן אומדערמידלעכן מאָרד־לוסט, מיטן אייגענעם שאָטן האָט בעריש איין מאָל זיך געוואָרפן מיט אַזאַ קראַפט און אימפּעט אויף דער חוצפּהדיקער וואַנטגעשטאַלט, וואָס ער האָט נישט געקאָנט פון איר פּטור ווערן, אַז ער האָט זיך צעקלאַפּט דעם קאָפּ מיט אַ טעמפּן הילך אָן דער וואַנט. ער האָט לאַנג געהאַקט מיט די פויסטן, געפאַלן, זיך אויפ־געשטעלט, אַ פאַל געטון צו דער וואַנט, אַראָפּגעלאָזט זיך און ווידער אויפגע־שפּרונגען, גענומען שלאָגן מיטן קאָפּ און מיט די פויסטן אָנעם שאָטן, וואָס האָט אויף קיין פאַל נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון אים. געקרעכצט אינעם מאָדנעם טויט־געראַנגל מיט זיך אַליין און צום סוף אָוועקגעפאַלן אין אַ קאָנוווּלסיוון גע־צאַפּל אויפן געלעגער. זײַן גוף איז געבליבן ליגן מיטן אויבערשטן טייל אויפן בעט, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אין אַ זײַט. אַ ווײַסער שוים האָט געזעצט פון זײַן מויל, זיך געפּינעט, געבלעזלט, ווי קינדערשע זייפנבלאָזן. איבער דער וואַנט האָט זיך געהויקערט פאַרעקשנט, ווי אַ ריזיקע האַריקע חיה — זײַן אייגענער שאָטן.

# אַ ל ײ ן

דער װעקזײגער האָט זיך רעשיק צעקלונגען איבער דער שטוב.

אַ װאַרעמע פולכנע האַנט צאַפּלט אַרויס פון אונטער אַ װאַטענער קאָלדרע. די פינגער טאַפּן ציטעריק אינדערלופטן, באַרירן מיט די העגט דאָס נאַכטשענ־קעלע ביז זײ דריקן אָן אויפן װעקזײגער און שטעלן אָפּ דאָס לאַרעמדיקע קלינ־גען. אַ צעשויבערטער קאָפּ האָר פאַרנורעט זיך טיפער אינעם קישן, און אַ שטי־לער זיפץ מישט זיך אויס מיטן טיקטאַק פונעם זײגער:

— אוי, אוי!...

די פאַרשלאָפענע עטל כאַפּט זיך אויף, טשוכעט זיך אויס װי פון אַ בײזן חלום. איר הײס צעפּאַרעט לײַב קילט זיך גלײַך אין דער זײַדענער אונטערװעש, װאָס זי כאַפּט אויף זיך אַרויף אין גרויס געאײַל.

שוין װיפל מאָל װי זי האָט געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט זיך אַלײן, אַז זי װעט זיך אָנטון פריִער מיט אַ האַלבער שעה, זי זאָל זיך קאָנען מאַכן עפּעס צו טרינקען און נישט דאַרפן לויפן אַ פאַרסאָפּעטע צו דער אַרבעט. נאָר אַז ס׳קומט דער פרימאָרגן און דער שלאָף נעמט אַרום מיט אַזאַ ליבלעכע רו אירע מידע אברים, גיט זי אים נאָך: — כ׳װעל ליגן נאָך פינף מינוט, נישט מער... אוי, װי ס׳װילט זיך איר נאָך אַלץ נישט אויפהײבן... דער פרימאָרגן־שלאָף איז דאָך דער בעסטער. און אַזוי האָט זי נאָך דעם אַ געיעג מיט אַ לויפעניש, אַז די פּאָר מינוט לענגער, װאָס זי דרעמלט צו פאַרטאָגס, גײען איר אויס באָקעם.

די נאָװעמבער־פרימאָרגנס מאַכן עטלען טרויעריק. די שמעקעדיקע ריחות פון די פרילינג־צעבליטע בײמער, דער װײַס־בלאָער לויטערער הימל און דאָס טשװיטשערײַ פון די פײגל װעקן אויף אין איר זיכרונות פון איר אַלטער הײם. עס טויכן אויף שבתים אין אויפגעפרילינגטן מײַ. ייִנגלעך און מײדלעך זענען אויפגעשטאַנען אין די פאַרטאָגן און געמאַכט אויספלוגן אין די סאָסנע־װעלדער הינטער דער שטאָט. ס׳הילכיקע געלעכטער פון די מײדלעך האָט װײַט אָפּגע־קלונגען איבערן װאַלד מיט אַ טיפן עכאָ און געלאָפן ביז צו די הויכע סאָסנע־קרוינען, װאָס האָבן געבלענדט אין דער זון.

דאָ אין אַרגענטינע, ווו עטל איז שוין באַלד צוויי און צוואַנציק יאָר, גייט זי טאָג־טעגלעך צו דער אַרבעט אין שנײַדער־וואַרשטאַט. זי זעט רעכט נישט אָן די ליכטיקע שײַן פון טאָג. פון גאַנץ פרי ביז ס׳זעצט זיך די זון זיצט זי בײַ די סאַקעס, שטעפּט און שטעפּט און פאַרוועבט אירע חלומות אין די קליינע האַנט־שטעך. אַזוי ציט זיך אַ שעה נאָך אַ שעה. ס׳נעמט ברעכן דער רוקן, שטעכן אין די פּלייצעס. קרעכצט זי אויס איר ווייטיק מיט אַן „אוי!" מיט אַ טיפן זיפץ, וואָס רײַסט בײַ איר אויס אַ שטיק האַרץ.

יאָסעלע רייניש, איר באַלעבאָס, וואָס קעמט זײַנע שיטערע האָר מיט אַ בערשטל פון רעכטס אויף לינקס, צו פאַרדעקן זײַן פּליך, וואַקסט אויס אומגע־ריכט לעבן עטלען, קוקט זיך צו ווי זי אַרבעט און פּלאַמט אַרויס מיטן אַלטן פּיזמון זײַנעם:

— וואָס קרעכצט איר, עטעלע? ווייסעך וואָס... איר האָט אויך וואָס צו זאָרגן? מיר איז ערגער פון אײַך. גיט אַ קוק אויף מײַן ווײַב. זי קרענקט און קרענקט, נישט פאַר קיינעם געדאַכט. ליגט אַ האַלבגעליימטע. שוין עטלעכע יאָר אַזוי. וואָס זאָל איך טון? אדרבא, זאָגט איר, ווען מען איז ערגער — אײַך צי מיר?

יאָסעלע רייניש בלײַבט שטיל. קוקט זיך אײַן אין עטלען און וואַרט וואָס זי וועט זאָגן. דער קנאָפּ אין זײַן דאַרן גאַרגל לויפט אַרויף־אַראָפּ, ווי ער וואָלט זיך געגומען שטיקן:

— פאַר וועמען האָרעווע איך? פאַר מײַנע קינדער וואָס כ׳האָב נישט?

עטל, ווי שטענדיק, שלאָגט אים אַראָפּ פון וועג וואָס ער לייגט זיך אויס צו איר האַרץ. זי גיט אים אָנצוגעהערן, אַז ער זאָל זיך עס אַרויסשלאָגן פון קאָפּ. זאָל ער בעסער אַכטיק געבן אויף זײַן קראַנק ווײַב. וואָס איז זי נעבעך שולדיק? זי קאָן זיך דען העלפן? אַן אומגליקלעכער מענטש. עטל קוקט אים אָן מיט אַ פּאָר אויגן, וואָס יאָסעלע רייניש פאַרשטייט זייער גוט זייער מיין: וואָס פרויען זענען איז נישטאָ אַזוינס אויף דער וועלט; ווי זיי האַלטן עס איינע פאַר דער צווייטער! אָט די שוואַכמיניקע... זיי לייגן אונדז אַוועק מיט זייער שוואַכקייט... מיט זייער בלויזער פּאַסיווקייט מאַכן זיי אונדז פאַר אויס קאַפּעלושמאַכער... נאָר זאָגן זאָגט ער איר עפּעס אַנדערש:

— עטעלע, זײַען זי אַזוי גוטיקס און מאַכן זי עפּעס צו נעמען אין מויל אַרײַן... זי וועלן זיך אײַנקויפן עולם־הבא...

עטלען איז געוווען איבער דער טבע דאָס אַרײַנגיין אין דער קיך אַרײַן און נעמען זיך פאַרען, אָט ווי זי וואָלט איבערגענומען דאָרט די באַלעבאָטישקייט בײַ יענעמס לעבן... זי איז אַרײַן אין צווייטן צימער, ווו ס׳איז געלעגן מאַשע, אַ פרוי באַוענט צו די פערציק וואָס האָט אויסגעזען אַ סך עלטער. ס׳פּנים געל, די אײַנגעפאַלענע אויגן קוקן מיט אַזאַ מאָדנעם גלײַכגילט, אַז מע דערשרעקט

זיך פֿאַר זיי. אויף די דאַרע הענט זעען זיך בלאָע אָדערן... זי רעדט מיט אַ שוואַך קול. יעדער וואָרט אירס איז פֿול מיט געבעט:

— גאָט וועט איהן העלפֿן, עטלשי, ער וועט איהן באַצאָלן מיט גוטס פֿאַר איהנס גאָלדן האַרץ וואָס זי האָבן...

עטלען ווערט דערווידער דאָס אַלץ, מיט די אַלע רייד, מיט דער קראַנקער אין בעט, מיטן יאָסעלען אין קיך. ווי נאָר זי הייבט אָן עפּעס צוגרייטן אין דער קיך וואַקסט ער אויס הינטער איר פּלייצע, דער יאָסעלע רייניש. ער נעמט איר אָנווײַזן וואָס זי זאָל אַרײַנטוען אין דעם טעפּל, אין יענעם... דערבײַ כאַפּט ער זי אָן פֿאַר די הענט, לויפֿט מיט די קנאָכיקע שנײַדערשע פֿינגער איבער איר פּלייצע, שטאַמלט עפּעס מאָדנע. די ליפּן ציטערן אים ווי בײַ אַ יונגן פֿאַרליבטן בחורל. די מראה פֿון פּנים ענדערט זיך אָט אויף רויט און אָט אויף בלאָס, גלײַך ווי קרײַד.

— זײַ אַ גוטע, עטעלע, ס׳קאָסט דיך טײַערער צו זײַן גוט? נאָך וואָס זשע דאַרפֿסטו זײַן שלעכט? ס׳וועט דאָך דיר בעסער לוינען אַז דו וועסט זײַן גוט צו מיר. ס׳וועט דאָך דיר גאָרנישט פֿעלן, אַפֿילו נישט פֿון קיין פֿויגלמילך, נאַרעלע, וואָס דו ביסט... קאָנסט דאָך זײַן קלוג, וועט דאָך דיר זײַן וווּיל ווי די וועלט...

— וואָס ווילט איר פֿון מיר, פֿרעג איך אײַך? — דרייט זיך עטל אויס מיט אַ בייזער גרימאַסע אויף איר פּנים גלײַך ווי עפּעס קלעפּיקס וואָלט זיך גליטשן איבער איר לײַב — גייט אַרויס פֿון קיך, סעניאָר יאָסעלע, כ׳וועל אײַך אָפּגיסן מיט אַ טאָפּ הייס וואַסער... איר לאָזט מיך עפּעס טוען צי נישט? כ׳וועל אײַנגאַנצן אַוועק וועט עס נעמען אַ סוף...

— אַ־אַ! געזען עפּעס אַזוינס? אַזאַ מין ווילדקייט — הייבט ער אויף די הענט אין דער הייך, ווי אַ גנב וואָס ווײַזט אַז ער האָט גאָרנישט געגנבעט, און לויפֿט שנעל אַרײַן אין וואַרשטאַט ברומענדיק צו זיך אַליין — נימעסע מויד! געזען עפּעס?

עטל האָט עס געקאָסט אַ שטיק געזונט, וואָס זי מוז זיך כסדר אַרומרײַסן מיטן באַלעבאָס, דעם ברויטגעבער, אַז ער קריכט צו איר נאָכאַלנע. זי זאָל זיך אַזוי לאָזן פֿון אים קאָן ער פֿאַרקריכן ביזן אלף־השישי. און ווי לאַנג איז דער שיִער זיך נאָכאַנאַנד אָקעגנצושטעלן. האָסט געזען עפּעס! ווייניק וואָס זי אַר־בעט אָפּ אירע אַכט שעה דאַרף זי אים נאָך באַדינען אין שטוב באַזונדער און יעדן טאָג קומט איר אויס אַהיימצוגיין שפּעט בײַנאַכט. אויסער דעם האָט געגנו־מען וואַקסן אין איר אַ פֿאַרדראָס צו זיך אַליין: — וואָס בין איך אים — אַן אַרבעטער צי אַ דינסט? ווייניק וואָס כ׳בין אים בײדע וויל ער נאָך כ׳זאָל זײַן זײַן ווײַב אויך. אַזאַ געמיינע חוצפּה דאָס האָט! ניין, ס׳טויג נישט פֿאַר מיר. איך וועל נאָך אַמאָל דאַרפֿן טוען אַ שידוך. כ׳וועל דאָך אייביק נישט פֿאַרזיצן.

ס׳וועט דאָך אויף מיר אויך אַמאָל מוזן קומען אַן אויסכאַפּעניש. מיאוסערע פון מיר קריגן חתנים. וועל איך אויך קריגן אַ שטיקל חתן. צווייטנס, צוליבן ביסל עסן זײַן פאַרקויפט אַ גאַנצן טאָג... נישט האָבן נישט קיין טאָג און נישט קיין נאַכט איז אויך נישט קיין ענין פאַר מיר. איין מאָל פאַר אַלע מאָל מאַכן אַ סוף דערמיט.

יעדע נאַכט, ווען זי גייט אַהיים פון יאָסעלע רייניש׳ס שטוב, זעט זי די פאָרלעך, וואָס שאַרן זיך בײַ די ווענט ווי די שאָטנס, שושקען זיך און סודלען זיך, קלאַמערן זיך אַרום, גיבן זיך הייסע קושן אַרומגענומענערהייט... נישט איין מאָל איז זי זיי מקנא און באַשליסט אויפצוגעבן די אַרבעט, ווערן פרײַ. וועט זיך גיכער עפּעס מאַכן אַ געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט אַ יינגל. אַזוי איז דאָך גאָרנישט. זי קאָן אַזוי דאָס גאַנצע לעבן אָפּאַרבעטן בײַ יאָסעלע רייניש און בלײַבן בײַ גאָרנישט. ניין, כ׳וועל מער נישט אַוועקגעבן מײַנע פאַר שעה, וואָס בלײַבן מיר יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט. איך בין אויך אַ לעבעדיקער מענטש. איך דאַרף זיי פאַר זיך. וויל ער — איז גוט, אַנישט — דאַרף מען נישט...

* * *

ווי יעדן פרימאָרגן האָט דער זייגער זיך רעשיק צעקלונגען. עטל האָט זיך אויפגעכאַפּט, אַ צעשויבערטע זיך אויפגעזעצט אויפן בעט. נאָר דער קאָפּ איז איר געווען שווער ווי אַ שטיק בלײַ און איז פון זיך אַליין צוריקגעפאַלן אויפן קישן:

— אוי, וואָס איז מיט מיר?

עטל האָט זיך מיט דער האַנט פאַרשטעלט די אויגן, ווי רעדער וואָלטן גע־לאָפן אין אַ שווינדלדיקן גאַלאָפּ, אַזוי האָט זיך אַלץ מיט איר געדרייט, די גאַנצע שטוב האָט זיך אויסגעקײַלעכיקט אין רעדערדיקן געלייף און זי אַרײַנגעכאַפּט אינעם געדריי אַרויף־אַראָפּ, זי אַ הייב געטון גאָר הויך און נאָך העכער און זי אַראָפּגעלאָזט אין אַ תהום פון הוילער פינצטערניש.

באַדעקט מיט אַ קאַלטן שווייס איז עטל ביסלעכווײַז געקומען צו זיך. זי האָט אויפגעעפנט די אויגן און דערזען אַ העלן ליכטיקן פרימאָרגן, וואָס שײַנט אַרײַן דורכן קליינעם פענצטערל און פאַרפולט די גאַנצע שטוב מיט בלענדנדיק ליכט. זי איז אויפגעשטאַנען מיט אַ לײַכט קאָפּמישונג, זיך אויפגעפרישט מיטן קאַלטן דוש, וואָס זי האָט זיך געמאַכט און געלאָזט אויף זיך שטראָמען די סטרוגעס וואַסער איבער איר פעסט מוסקולירט לײַב מיט די אויפגעקוואָלענע בריסטן וואָס זי האָט זיי אויסגעגלעט בײַם אָפּווישן זיך מיטן האַנטעך.

אַרײַנקומענדיק צוריק אין צימער איז איר בליק געפאַלן אויפן בילד וואָס הענגט קעגנאיבער איר בעט. זי האָט זיך אײַנגעקוקט אין די פּנימער פון טאַטע־

מאַמע, ברידער, פֿרײַנד און חברטעס. אַלע זענען זיי אומגעקומען אין פּוילן ווען די דײַטשן האָבן געבושעוועט מיט פֿאַרניכטונג. זי זעט פֿאַר זיך די גאַסן, געסלעך, געשטאַלטן, נאָענטע און ליבע. צווישן זיי פֿילט זי זיך היימיש, אין דער היים. נישט אַזוי אײַנזאַם ווי דאָ אינעם שמעלצטאָפּ פֿון בוענאָס־אײַרעס.

די זון האָט היפּש אַ שפּרײַז־געטון איבערן הימל. זי שטייט שוין אין סאַמע מיטן און וואַרפֿט אירע הייסע גליענדיקע נאָדלען אויף אַלץ און אַלעמען. עטל ליגט מיט אָפֿענע אויגן, פֿאַרטראָגן ערגעץ אין ווײַטע וועלטן.

דער הונגער האָט אַ נאָג געטון בײַם האַרץ. אין קאָפּ איז געשטאַנען אַ רויש און פֿאַר די אויגן — דער שאַרפֿער בלענד פֿון דער מיטנטאָגזון וואָס זאָגט־צו גאָלדענע גליקן, ווען מע געפֿינט זיך אינעווייניק אין צימער, און אַז מע קומט אַרויס אין דרויסן — לאָזט זיך פֿון אַלעם אויס אַ בוידעם.

זי האָט נישט געהאַט קיין חרטה, וואָס זי גייט שוין נישט צו דער אַרבעט. וועט דער יאָסעלע רייניש נישט האָבן וועמען אַ כאַפּ צו טון בײַ דער ברוסט. קיין גרעסער עגמת־נפש זאָל איר נישט געשען אין לעבן. דער ליסעקאָפּ, דער שנײַדער, וואָס קריכט מיט די קנאַכיקע פֿינגער איבער איר פּלייצע און אַקסלען, וועט דאַרטן שפּרינגען פֿון דער הויט. זי האָט עס שוין גענוג. זי איז נישט קיינעמס דינסט. אַזוי לאַנג וואַרט ער דאַרט ווי זי וועט קומען אים באַדינען. איר ברודער איז אפשר געווען גערעכט, — האָט עטלען געוומען פּרעסן אַ געפֿיל פֿון באַדויער, — זי וואָלט שוין געהאַט אַ צוויי־דרײַ קינדערלעך, געפֿירט אַ באַלעבאַטישקייט ווי יעדע פֿרוי. די יאָרן לויפֿן משוגענערהייט און וואָס מע כאַפּט נישט אַרײַן יונגערהייט האָט מען נישט. — וועסט באַדויערן, עטל — הערט זי דײַטלעך זײַן שטים — מיר גיבן דיר אַ ווילן בחור, אַ פֿאַרדינער... זײַ נישט אַזוי שטאָלץ בײַ זיך, אַזוי פֿאַרריסן...

וויפֿל יאָרן זענען שוין אַוועק פֿון דעמאָלט? שוין באַלד אַריבער צען יאָר. זי ווייסט נישט פֿון אים און ער איז אַזוי פֿאַרביסן אַז ער וויל גאָרנישט הערן פֿון איר. אַ מישפּחה־פֿעלער בײַ זיי...

— עטל! — האָט זי דערהערט רופֿן איר נאָמען — סעניאָריטאַ עטל, קומט עסן מיט אונדז — האָט די שכנטע עסטעלע זי פֿאַרבעטן צום מיטאָג, געמאַכט פֿאַר איר אַ פּלאַץ בײַם טיש — נאָכן עסן, עטעלע, וועלן מיר פֿאָרן שפּאַצירן אין פּאַלערמאָ.

— דאָס וואָלט געווען אויסגעצייכנט, — האָט עטל אַרויפֿגעצויגן אַ ליבלעך שמייכעלע וואָס איז באַלד צוריק פֿאַרשווינדן פֿון איר פּנים, — איך פֿיל זיך טאַקע הײַנט, סעניאָראַ עסטעלאַ, נישט מיט אַלעמען... אַזאַ שפּאַציר וועט מיך אויפֿפֿרישן...

דאָס עסן, וואָס די סעניאָרע עסטעלע האָט דערלאַנגט, האָט עטלען דער־מאָנט אין איר מאַמעס קאָכן, וואָס האָט געהאַט טויזנט טעם:

— איר קאָכט וווּנדערבאַר, — האָט זיך עטל נישט געקאָנט אָפּלויבן, — ב׳האָב שוין לאַנג נישט געגעסן אַזאַ געשמאַק עסן — האָט עטל באַגלייט מיט קאָמפּלימענטן יעדע פּאַטראַווע וואָס די שכנטע האָט דערלאַנגט צום טיש.

נאָכן עסן האָט עטל געהאָלפן דער שכנטע וואַשן ס׳געפּעס און זיך געגומען צואַײלן וואָס גיכער צו זײַן אין גאַס.

* * *

די זעלבע וועלט, וואָס פאַרמאָגט אין איר אינווענטאַר אַן ענגן וואַרשטאָט באַלייגט מיט סאַקעס, מיט אַ דאַרן יאָסל, וואָס פירט מיט די פינגער איבער מיידלשע פּלייצעס און אַקסלען, און הערט נישט אויף צו זיפצן און קרעכצן. אַז ער לייגט צו צו יעדן שטיקל אַרבעט, — אָט די זעלבע וועלט — זעט ערשט עטל — פאַרמאָגט אויך פּרעכטיקע פּאַרקן מיט גרינצעבליטע אַלייען אויסגע־בעטע פוןביידע זײַטן מיט פּלושענע גראָזיקע טעפּיכער, העלצעלויכטענע פון דער נאָוועמבער־זון, וואָס שפּאַצירט איבער אַזאַ בלענדיקן בלאָען הימל: סאַראַ שיינע וועלט דאָס איז! — האָט עס אין עטלען געזונגען. די אויגן האָבן זיך רעכט נישט געקאָנט אָנזעטיקן פון די פאַרביק־צעבליטע פּאַרק־אינדזעלעך, מיטן שפּיגל־דיקן סטאַוול, מיט די ברייטע אַלייען וואָס ציִען זיך פון אַלע זײַטן מיט די רייען ביימער באַשאָטענע מיט אַזוי פיל רויזן... זי אָטעמט טיף אַרײַן די מחיהדיקע לופט און פילט ווי זי וואָלט אַ באַנײַטע אויפגעפרישט געוואָרן מיט אַ צושטראָם פון נײַע כוחות, מיט אַ פאַרשטאַרקטן חשק צום לעבן. די טריט זענען אַזעלכע גרינגע אויף דער באַגראָזטער ערד, זיי רעדן אויף אַזאַ ריטמישער האַרמאָנישער שפּראַך, ווי נאָך קיינמאָל נישט. זיי זינגען אויס צוזאַמען מיטן האַרצקלאַפּן אַ לויבגעזאַנג צום לעבן.

בײַם וואַסער, וואָס איז אײַנגעשלאָסן אין אַ האַלבקרײַז, זיצן יינגלעך מיט מיידלעך. זיי לאַכן הויך. זי איז זיי מקנא מיט זייער זאָרגלאָזיקייט און יונגקייט. ס׳איז זייער וועלט. זי וואָלט נישט מיד געוואָרן צו קומען יעדן טאָג אַהער, אַזוי פאַרכאַפּנדיק שיין זענען דאָ די גן־עדן־ווינקעלעך אין דעם פּאַלערמאָ.

ס׳האָבן איר אויסגעפעלט ווערטער פון באַוווּנדערונג פון דער פּאַנאָראַמע וואָס דאָס אויג פאַרשלינגט, נעמט אַרײַן אין זײַן זע־ראַם, און קאָן זיך אַלץ נישט זאַט אָנקוקן. פון באָטאַנישן גאָרטן זענען זיי אַריבער אינעם זאָאָ־פּאַרק מיט די כלערליי געפאַנגענע גאָטס באַשעפענישן. זיי זענען געבליבן שטיין בײַ אַ גרוי־סער שטײַג מיט מאַלפּעלעך וואָס האָבן זיך געגליטשט איבער אַ ברעט אויף־און אָפּ, געשפּרונגען פון צווײַג צו צווײַג. קינדער וואַרפן זיי אַרײַן נאַשוואַרג און

פאַרהילכן די לופט מיט זייערע געלעכטערס. מחנות טויבן פלאַטערן אינדער־לופטן, לאָזן זיך אַרונטער, גייען, ווי די קאַטשקעלעך, זיך וויגנדיק פון זײַט אויף זײַט און כאַפּן־אויף די קרישקעס ברויט וואָס מע וואַרפט זיי צו. באַלד צעווינטלט זיך די לופט פונעם פליגל־געפלאַטער פון די זילבערנע טויבן, וואָס האָבן זיך פאַר עפּעס דערשראָקן און זיך אַ הייב געטון מיט אַ בלענדיקן שוועב אין די הימלען.

עטל האָט געהאַלטן עסטעלען אונטערן אָרעם און איר דערציילט פון די אַמאָליקע שיינע זומערטעג אין די פּוילישע שטעטלעך, ווי מ׳איז געגאַנגען אויף מאַיווקעס פאַרטאָגס אין פעלד אַרײַן, אין וועלדל. זי זינגט איר די פריילעכע לידלעך, וואָס מ׳האָט געזונגען אין יענע יאָרן. זי רעכנט איר אויס די שבתדיקע מאכלים וואָס מ׳האָט מיטגענומען. זי ווייסט נישט ווי אויסצומאָלן פאַר דער אַרגענטינערין דעם טעם פון שטריצלעך מיט שוואַרצע יאַגעדעס, די אײַנגעמאַכטסן פון באַרוועקעס וואָס זענען געווען די פינגער צו לעקן. הײַנט ווי מ׳האָט זיך געקושט מיט יינגלעך און זיך דערקלערט אין אייביקער ליבע. אַ שאָטנדל פון צער האָט זיך געלייגט אויף עטלס פּנים פון בענקשאַפט נאָך אַ צײַט, וואָס וועט זיך מער נישט צוריקקערן, נאָך די גאָלדענע יונגע יאָרן וואָס זענען פאַרפלויגן מיטן ווינט.

די זון האָט זיך גענייגט ווײַט צו מערב־זײַט און געוואָרפן איר גאָלד אויף די שפּיצןביימער. דאָס אָנקומען פון דער נאַכט האָט עטלען עפּעס געשראָקן...

— קומט, מירן זיך אַ ביסל אָוועקזעצן — האָט עטל זיך ווי געבעטן בײַ עסטעלען וואָס האָט זיך געאײַלט אַהיימצופאָרן:

— מײַן מאַן וועט קומען און וועט מיך נישט טרעפן וועט ער זיך ערגערן וואָס כ׳בין נישטאָ.

— כ׳וועל נעמען די שולד אויף מיר, — האָט עטל זיך צעלאַכט, — ער וועט נישט זײַן בייז, אײַער מאַן.

ס׳איז וואָס אַמאָל געוואָרן טונקעלער. צווישן די צעצווײַגטע ביימער האָט זיך קוים אָנגעזען דער מאַטער אָפּגלאַנץ פון דער לבנה, וואָס האָט עטלען דערמאָנט אין אַ ווינטערנאַכט אין דער היים, ווען דער שניי סקריפּעט אונטער די פיס און אַלץ אַרום איז אײַנגעהילט אין בלישטשענדיקער ווײַסקייט. פון הײַזער האָט געפינקלט ליכט. פון די קוימענס האָבן זיך געשלענגלט רויכן און געצייכנט עפּעס אַן אומבאַקאַנטע שריפט אויפן אויסגעשפּרייטן הימל. זי הערט די רייד פון מענדלען: — וועסט מיך נעמען קיין אַרגענטינע, עטל... כ׳וועל וואַרטן אויף די פּאַפּירן, הערסט... זאָלסט זאָגן דײַן ברודער וועגן מיר... — אַוודאי האָב איך געזאָגט — האָט זי, פאַרגעסנדיק זיך, גערעדט הויך אויפן קול צו זיך אַליין —

געטון אַלץ וואָס מע קאָן... נאָר גיי רייד מיט אים... ס'אַ ברודערל... ס'אַ שווע־גערין...

— כאַ־כאַ־כאַ!! — האָט עסטעלע אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער, זיך גע־בויגן אין דרײַען — צו וועמען רעדט די סעניאָריטאַ עטל? צו זיך אַליין?

עטל האָט זיך פאַרלוירן, נישט געוווּסט ווי אַהינצוטון די אויגן פאַר חרפּה:

— ס'איז נישטאָ וואָס צו לאַכן, זיך פאַרטראַכט, גאָרנישט מער. איר קענט נישט וויסן דערפון. איר האָט איין מאַן און איין היים. און איך האָב צוויי היימען אָן איין מאַן. איך וווין דאָ און לעב דאָרט. איר פאַרשטייט מיך, דאָניאַ עסטעלאַ?

— יאָ, איך פאַרשטיי — האָט צוגעבאָמקעט עסטעלע, כאָטש זי האָט נישט אָנגעהויבן צו באַגרײַפן ווי אַזוי מע קאָן וווינען אין איין לאַנד און לעבן אין אַ צווייטס, אויף יענעם ווײַט פון דאַנען.

עטל האָט געפילט ווי דער חלום איז איר אויסגערונען פון אונטער די הענט אָט ווי די לופט פון אַ געפּלאַצטן באַלאָן. זי האָט מער נישט גערעדט וועגן דעם. איצט האָט זי שוין געבעטן מע זאָל גיין אַהיים. זיי זענען געגאַנגען גע־אָרעמט און געשוויגן. איבער די הײַזער פון די ברייטע אַוועניִדעס זענען געלאָפן די ליכטיק־קאָלירטע שריפט־רעקלאַמעס הין און צוריק.

— וואָס זאָל איך טון מאָרגן? — האָט אַ מאָנענדיקער געדאַנק געדריקט איר געמיט. זי האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט זיך, גיין צוריק צו דער אַרבעט, אָדער זוכן אַ צווייטן פּלאַץ? — ניין! — האָט איר ווער אײַנגערוימט אין אויער. זי וויל נישט מער פילן אויף זיך די גיריקע בליקן פונעם אויסגע־טרוקנטן יאָסעלע, וואָס איז אויסגעהונגערט נאָך פרויענלײַב און האַלט אין איין וווינען אַז קיינער האָט נישט אויף אים קיין רחמנות.

עטל האָט געפילט אַ שווינדל אין קאָפּ און זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק. עסטעלע האָט זי גענומען באַרויקן:

— מע דאַרף נישט נאָכגעבן... מיט די אייגעע כוחות דאַרף מען זיך שטאַרקן... אפשר רופן אַ טאַקסי?

דאָס לײַכטע קילע ווינטל האָט זי אויפגעפרישט, דערטראָגן צו עטלס פּנים אַ פרישן ריח פון גראָז און אַקאַציעס. זי האָט געהאַלטן געשלאָסן די אויגן און זיך נישט אויפגעהערט פרעגן: — וואָס וועט זײַן?

עטל האָט פאַרהויבן דעם קאָפּ. איר בליק איז געפאַלן צווישן די ביימער, ווו ס'האָט געפּלאָנטערט דער חושך צווישן די געדיכטע צווײַגן: וואָס טוט מען פאַרט? ס'גייט אַ פרישער מאָרגן. ווו טוט מען זיך אַהין? זי האָט אָנגעלענט איר קאָפּ אויף עסטעלעס אַקסלען. אוי, ווי זי איז די עסטעלע מקנא. זי וועט אַהיימקומען, געבן דעם מאַן עסן, זיך אויספרעגן וועגן פאַרלויף פון טאָג, ווי ס'איז אים געגאַנגען בײַ דער אַרבעט. זיך לייגן רויִק שלאָפן. אין דער פרי וועט זי אויפ־

שטיין אַ פרישע, אַן אויסגערוטע, מונטער און זאָרגלאָז. זי וועט צוגרייטן פֿאַרן מאַן דאָס פרישטיק מיטצונעמען צו דער אַרבעט, צורוימען די שטוב און זײַן אַ פרײַער מענטש אָן שום עול. אַ מענטש אָן אַן עול. סאַראַ טײַערע זאַך דאָס איז... און זי? וואָס וועט זײַן מיט אירע פרימאָרגנס? מיט אירע מאָרגנס?

עטלס פרימאָרגנס, וואָס האָבן זיך געצאַפּלט אין איר דימיון, ווי דער חושך צווישן די צווײַגן, האָבן גענומען צאַנקען און זיך געלאָשן ווי דער זונפאַרגאַנג, וואָס האָט נאָר וואָס געברענט מיט אַ העליש פײַער, פאַרעקשנט זיך געראַנגלט מיטן אָנקום פון נאַכט און געוואָרן באַזיגט, זיך פאַרלאָשן און געבליבן ליגן בײַם ראַנד ווי אַ ריזיקע קופּע אַש.

# סעניאָרא גאָלדע

— הינט זאָלן רײַסן פון דיר לעבעדיקע שטיקער! דו אכזר געמיינער! גראָבע הויט וואָס דו ביסט....

מיט פאַרמאַכטע פויסטן און פאַרקריצטע ציין, מיט אַ ווײַסער פּינע, וואָס האָט זיך געשוימט איןביידע ווינקלען פונעם מויל — איז גאָלדע געשטאַנען אַנטקעגן איר מאַן, אבנר דער שווײַגער, און געקלאַפּט מיט ביידע הענט אינעם קאָפּשטיק פונעם בעט און געשאָלטן ס׳מאַנעלע מיט טויטע קללות, וואָס נאָר איין גאָט אין הימל ווייסט פון וואַנען זיי דערנעמען זיך צו איר, און וואָס מער זי שעלט אַלץ מער קללות קומען אין איר אויף.

אבנר דער שווײַגער איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער און געקוקט מיט אַ פּאָר שטאַרע אויגן אויף זײַן ווײַבס צעצאָרנטן אויסבראָך, וואָס גייט אַריבער אַלע ברעגן און איז נישט צום צוימען ווי אַ טײַך אין פרילינג ווען ס׳לאָזט דאָס אײַז. אירע אָנפאַלן פון שעלטן, וואָס מע ווייסט קיין מאָל נישט מיט וואָס זיי וועלן זיך ענדיקן — צי בלויז מיט געוויין צי אויך מיט ברעכן טעלער — זענען שוין בײַ אבנרן נישט קיין נײַעס. ער איז שוין צוגעוווינט צו זיי, ווי צום דעפעקטיוון קינד זייערס, וואָס איז די אייגנטלעכע סיבה פון אַלע אירע ביטערנישן און פאַר־דראָסן, און מיט וואָס זי קאָן נאָך אַלץ נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ס׳איז אַ באַשערטע זאַך מן־השמים און קיינער קאָן דאָ גאָרנישט טוען דערצו אַ חוץ דער אין הימל טאָקע וואָס וויל אַזוי און נישט אַנדערש.

אויך איצט, ווען ס׳איז איר באַפאַלן די מינוט, האָט ער געלאָזט אויף זיך פאַלן די האַרטע ניס פון אירע זידלערײַען און געטראַכט בײַ זיך מיט אינערלעכן ווייטיק און אויסערלעכן גלײַכגילט: — האָסט הנאה פונעם שרײַען — שרײַ געזונטערהייט, פּלאַץ! ווען קאָן דיר שטערן? מײַן לעבן איז שוין סײַ־ווי פאַר־שפּילט בײַ דיר... נאָך וואָס זאָל איך זיך נאָך ערגערן אויך...

צו מיינסט אָבער טוט אבנרן וויי, וואָס ער האָט נישט פאַר ווענען צו דער־ציילן זײַן אומגליק, און אפשר דאַרף ער שוין גאָר קיינעם גאָרנישט זאָגן. אַז מ׳הערט נאָר איין מאָל ווי זי מעלדעט אים אײַן ווייסט מען שוין סאַרע טשאַטשע דאָס איז. צום ערגסטן איז וואָס מע קאָן נאָך מיינען מי־יודע פון וואָסער פּראָס־טער היים זי קומט אַרויס. אַז מיט קיינעם קאָן זי נישט אויסקומען. נאָר זי פלאַמט און שעלט. ער קאָן עס גאָרנישט פאַרשטיין ווי ס׳קומען צו איר אַזעלכע וויסטע קללות אין איר מויל אַרײַן. זי זעט דאָך אַז ס׳אַרט אים שוין נישט. ער מאַכט זיך דערפון גאָרנישט . און איר ווערט עס גאָרנישט פאַרמיאוסט. נישט אַנדערש, נאָר די „סצענעס״, וואָס זי שפּילט אים אָפּ, פאַרשאַפן איר גרויס פאַר־גענינגן. דאַן וואָלט זי געוווען אַ גוטער אָביעקט פאַר אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער. איר וואָלט מען באַדאַרפט שיקן צו פּסיכיאַטערס און נישט דאָס קינד. אַז ס׳קינד זאָל זײַן געזונט, דאַרף זי פריִער זיך אויסהיילן — פון אירע נערוון, פון איר מענה־לשון, פון די זילזולים, פון איר פּיסק־מלאכה, פון איר מויל וואָס רוט נישט ווי דער סמבטיון.

נאָך דער אָפּגעשפּילטער סצענע, וואָס האָט זיך דאָס מאָל געענדיקט דער־מיט וואָס גאָלדע איז אַרויס פון צימער מיט אַ הילכיקן קלאַפּ־צו מיט דער טיר, איז אבנר געבליבן ווײַטער אַזוי שטיין מיט פאַרמאַכטע אויגן זיך אָנשפּאַרנדיק מיט דער האַנט אָן דער שטול בײַם טיש. זײַן געדאַנק האָט ווי אַ בליץ אַ פלי געטון אויף צוריק צו די יונגע יאָרן. פאַר זײַנע געשלאָסענע אויגן זענען אויפ־געגאַנגען אָפּגעריסענע בילדער פון זייער צוזאַמענלעבן, ווי ער האָט אָנגעהויבן אַרײַנקומען צו גאָלדען אין שטוב. ס׳גייט אויף פאַר אים איר טאַטע, ר׳ מנשה רויזמאַן. געווען אַ ייִד אַ בן־תורה. שטענדיק האָט ער אים, דעם יונגן בחורל, אַזוי כלאחר־יד אַ פרעג געטון ווו ס׳געפינט זיך דער און דער פּסוק אין משניות, אין פּרק, אין חומש, צי אין דער גמרא. ר׳ מנשה האָט געהאַט זײַן אייגנס אַ שניטגעשעפט. די בעסטע סחורות — אַ גוט שטיקל קאָוועקאָרט, אַ ריפּסל, צי אַ קאַמגאַרן — האָט מען געוווסט, אַז מע קאָן עס קריגן נאָר בײַ ר׳ מנשהן אין געשעפט. ער פלעגט יעדן באַגינען גיין אין מיקווה אַרײַן. זיצן שפּעט אין די נעכט און לערנען. זײַן ווײַב, די פרומע נעכע, האָט געגעבן צדקה מיט אַ ברייטער האַנט. שבת איז זי געגאַנגען אין שיל אַרײַן אי מיט אַ שייטל באַזעצט מיט ציטער־שפּילקעס אי מיט אַ טערקישן שאַל אויפן קאָפּ. יעדן שבת בײַם טיש האָבן זיי געהאַט אורחים. גאָלדע, די עלטסטע טאָכטער זייערע האָט געהאַט אַ מאַנצבילישן קאָפּ אויף זיך. זי האָט געפירט ס׳מיסחר. דאָס גאַנצע געשעפט איז געווען אויף איר קאָפּ. אָן גאָלדען האָט זיך גאָרנישט אָנגעהויבן. שנײַדערס פון דער שטאָט און פון די דערבײַיִקע שטעטלעך האָבן געמאַכט בײַ איר באַשטעלונ־גען. זי האָט יעדן אויסגעשטעלט זײַן וועקסל, זיך געדונגען וועגן די טערמינען,

געשיקט מאַנצעטלעך צום טאָג. אַז דער קונה איז מיט איר דורכגעקומען האָט ער צום סוף צוגעגעבן צו איר טאָטן:

— דאָס איז אַ מויד? — אַ יונג איז עס אין אַ קליידל.

זי איז טאַקע געווען דער טאַטע אויסן אויג. און פונקט ווי דער טאַטע האָט זיך נישט גערירט אָן אַ ספרל אַזוי האָט זי זיך נישט געקאָנט באַגיין אָן קיין בוך. נאָך דער אַרבעט אין געשעפט איז איר בעסט פאַרגעניגן געווען זיך צוצווזעצן צו אַ בוך אָן אויסגעטוענע פונעם טאָגיקן הו־האַ. אָן בוך איז גאָלדע נישט גע־גאַנגען שלאָפן. וועגן יעדן איבערגעלייענטן בוך האָט גאָלדע געהאַט עפּעס צו זאָגן. זי האָט אַרויסגעטראָגן איר אייגענע מיינונג און זיך געטיילט מיט די אײַנדרוקן צום ערשט מיט אירע חברטאָרינס און שפּעטער מיט אים, מיט אבנרן. ווו זי איז געגאַנגען, אין מאַרק אַרײַן, אויף שפּאַציר, צי צו געסט — שטענדיק און אומעטום האָט זי געטראָגן מיט זיך אַ בוך אונטערן אָרעם. נישט חלילה צו ווען געפּעלן דערמיט, ווי אַנדערע מיידלעך, וואָס מאַכן אָן אָנשטעל אַז זיי זענען אינטעליגענט, ווי דער שטייגער אין די קליינע שטעטלעך. דאָס בוך איז בײַ איר געווען אַ נויטווענדיקייט און אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, ווי עסן, ווי די לופט מיט וואָס זי אָטעמט. זי האָט אָפט געפּלעגט אין די אָוונטן דיסקוטירן אין ביבליאָטעק, ווו זי האָט גענומען די ביכער צום לייענען, אָנטיילגענומען אין די שמועסן מיט די חברים און חברטעס, אויף די קעסטל־אָוונטן, אויף וועלכע ס׳זענען באַהאַנדלט געוואָרן די נײַעסטע ווערק, וואָס זענען אָנגעקומען אין ביב־ליאָטעק אַרײַן. זי האָט זיך אַרויסגעזאָגט דרײַסט און זיכער וועגן די געלייענטע שרײַבער. וועמען זי האָט געליבט אַ באַגײַסטערטע, און וועמען זי האָט גע־מאַכט מיט דער בלאָטע צוגלײַך. זי איז געווען אומברחמנותדיק אין איר קריטיק, ממש ריקזיכטלאָז, נישט שוינענדיק אַפילו אַזעלכן וואָס איז שוין געווען אַ נאָמען אין דער ליטעראַטור.

ר׳ מנשה האָט אַ סך מאָל געקוקט מיט צער און באַדויער אויף זײַן טאָכ־טער וואָס שערט זיך אירע בלאָנדע האָר ווי אַ יונגל:

— ווייסעך וואָס — האָט ער געצויגן מיט די אַקסלען — לאַ־גאַרסאָן, שמאַ־גאַרסאָן... אַ מאָדע פון גיין אויפן קאָפּ אָנשטאָט אויף די פיס, ווי אַ מענטש. בנאמנות, ווי ס׳איז נישט שיין פאַר דיר, גאָלדע, זאָלסט נאָכמאַכן די אַלע פוסטע קעפּ. ווי פּאַסט עס פאַר דיר, פאַר מנשה רויזמאַנס טאָכטער. מע זאָגט אַזוי אויך אויף דיר, אַז דו וועסט בײַ דײַן מאַן גיין אין די הויזן און נישט ער. ס׳איז נישט פאַר דיר, טאָכטער, ביסט דאָך נישט קיין נאַר, פאַרשטיי, דאָס איז גוט פאַר די פּראָסטע מיידן, וואָס האָבן גאָרנישט אין קאָפּ... דו ביסט דאָך אַן עילוי, כלעבן, ס׳פּאַסט נישט!

— איך קאָן נישט זײַן קיין צוריקגעשטאַנענע, טאַטע... אויף קיין מאָדעס

פֿרעגט מען נישט קיין קשיות. אַז ס'וועט זײַן אַ מאָדע צו גיין מיטן אונטער־שלאָק פֿון דרויסן — וועלן זיך אַלע איבערדרייען די מאַנטלען מיט דער פּאַ־טשעווקע אַרויס. וואָס קאָן מען מאַכן? ס'איזאַ מאָדע...

— איך זע אַז דו ביסט טאַקע פֿאַרנאַרט — האָט זיך ר' מנשה אַנגענומען פֿאַר דער גראָלעכער באָרד — גיי באַנעם הײַנטיקע צײַטן...

ער פּלעגט אָפּט שאָקלען באַדויערנדיק מיטן קאָפּ און אין די נעכט אויס־קרעכצן זײַן עגמת־נפש אויפֿן געלעגער:

— הערסט, נעכע, — פּלעגט ער אַריבערעדן אין אַנדערן בעט אַרײַן צום ווײַב, — הערסט, כ'האָב אַ סך מאָל גרויס צער מיט אונדזער גאָלדען. דאַכט זיך, אַ געראָטענע, האַ? אַלע לויבן זי, האָבן נישט קיין ווערטער פֿאַר איר בריהשאַפֿט. נאָר איך זאָג דיר, אַז אַ מאַן האָט מורא פֿאַר אַ ווײַב אַ קאָזאַק, מעג זי זײַן ווי שיין און געראָטן. עפּעס איז זי מיר צו פֿיל זיכער בײַ זיך מיט איר יונגקייט. טרײַבט פֿון זיך שדכנים ווי די הינט. מע שלאָגט מיר אָן גאָלדענע שידוכים, און זי — איין מאָל ניין — איז ניין. זי וועט אַליין געפֿינען, זאָגט זי מיר... אפֿשר וואָלסטו איבערגערעדט מיט איר, ביסט דאָך אַ מאַמע, האָסט דאָך גיכער מיט איר אַ לשון ווי איך. מיר גיט זי באַלד אַ האַק אָפּ די פּליגל: „כ'זאָל זיך צו איר נישט מישן, זי וועט זיך איר שטעטל אַליין באַשטיין" און פֿאַרטיק.

— ווייסט דאָך די הײַנטיקע קינדער — קרעכצט נעכע אין איר בעט — ליבע־שמיבע... וואָס קאָן מען זיך העלפֿן... כ'האָב אויך דערפֿון גענוג עגמת־נפֿש. פּונקט ווי דו און אפֿשר נאָך מער. ס'נעמט מיר דעם קאָפּ אַראָפּ. גאַנצע טעג דריי איך מיך אַרום מיט קאַפּווייטיק. זי איז שוין אַ דערוואָקסענע מויד קיינאָרע. אַנדערע אויף איר אָרט זענען שוין מאַמעס פֿון קינדער. און בײַ איר הייבט זיך נאָך גאָרנישט אָן. נעכטיקע טעג. וויי איז מיר!...

— איך זע, נעכע, — דעקט ער זיך צו די אַקסלען מיטן איבערבעט צום שלאָפֿן, — איך זע, אַז מע מײַדט אויס מײַן טיר. מע רעדט מיר מער נישט קיין שידוך פֿאַר איר. אַז זי טרײַבט זיי אַלעמען פֿון זיך מיט אַזאַ שאַרפֿע צונג, אַז זי קרילט יענעם אָפּ...

— דאָס איינע, מנשה, מע דאַרף האָבן ביטחון. כ'בין נישט ווערט זײַן נאָמען צו דערמאָנען וועט אונדז נישט פֿאַרלאָזן. די צײַט וועט שוין טוען ס'אי־ריקע, אַ ברירה האָט מען — האָט נעכע אים געפּרווט באַרויִקן — שלאָף, מנשה, דאַרפֿסט אויפֿשטיין אין דער פֿרי אין געשעפֿט אַרײַן.

ווען ר' מנשה איז צומאָרגנס געקומען אין דער קראָם האָט ער פֿאַר דער טיר אויף דער וואַנט געטראָפֿן אַן אויפֿשריפֿט מיט פֿעטער שוואַרצער פֿאַרב: „סוווי דאַ סוועגאַ." יעדער צו די זײַניקע! „קויף נאָר בײַ אייגענע!" „האַנדל נישט מיט קיין פֿרעמדע!"

מיט ציטעריקע הענט האָט ר׳ מנשה אויפגעשלאָסן דעם שלאָס. אָן אומרו מיט אַ שרעק האָט אַרויסגעקוקט פון זײַנע אויגן. אמת, — האָט ער זיך געטרייסט, — מע לאַכט זיך אויס פון זייער באַבען. מ׳עסט דאָך פאָרט אַ שטיקל ברויט בײַם גוי. גאָלדע האָט אָבער נישט געוואָלט הערן די רייד, דעם טאַטנס, די רוגזה האָט אין איר געברענט ווי אַ פײַער:

— כוליגאַנעס אַזעלכע! ווען איך כאַפּ איינעם פון זיי, דריי איך אים אויס אַ פּוס. די פּיסקעס וואָלט איך אים זאַמאַלעוועט! מיר עסן זייער ברויט? מיר האָבן ווייניק צושטײַער געגעבן אונדזער בלוט פאַר פּוילנס גוטן נאָמען?... וואָס רעדסטו, טאַטע, זיי דאַרפן אונדז דאַנקען און נישט מיר — זיי...

אין זיך אין האַרצן האָט זי אָבער געפילט, ווי איבעריקנס אַלע אַנדערע יִדישע יִנגלעך און מיידלעך אין שטעטל, אַז ס׳ווערט שווער די לופט צו אָטעמען. וואָס־וואָס, נאָר קיין גוטס קאָן עס נישט ברענגען. זי האָט זיך גענומען בענטער טוליען צו איר אַבנרן. זי האָט געזען אַז די צוויי אַלטע טאַטע־מאַמע ווילן זי אײַנמעלירן אין זויערן. זי זאָל אויף ס׳כוח זיך לאָזן פאַרשלייערן מיט עפּעס אַ חסידישן וצדקתדך און קינדלען יאָר בײַ יאָר, און דאָ ברענט דער באָדן אונטער די פּיס. דערצו וואַקסן אונטער די אַנדערע צוויי מיידלעך, ביילע־ברכה און רוכטשע־רחל, אירע באַחנטע שוועסטערלעך, וואָס זענען צו יִנגע קאָזעס, אַז זיי זאָלן זײַן אירע קאַלעזשאַנקעס. זי וואָלט שוין לאַנג געזאָגט אַבנרן אַז ער זאָל אַרײַנקומען צו זיי אין שטוב, נאָר... חיים שנײַדערס זון... זי וואָלט דעם טאַטן מקצר־ימים געווען דערמיט... זי ווייסט וואָס ער וואָלט געווען געזאָגט: — זיך אויסגעקליבן, אַז ווי צו דײַן קאָפּ, חיים טאַנדייטערס זונדעלע... שוין נישט געפינען קיין בעסערס, ווי דעם לײַבסערדאַקס בנאָק... אויף דעם האָט זי געדאַרפט וואַרטן פולע זעקס־און צוואַנציק יאָר... די מאַמע וועט זיך ברעכן די הענט, ווי איר שטייגער, און דער צער אין אירע אויגן וועט ווערן טיפער, טרערנדיקער... דערצו זײַן אויסזען, אַ קליינער, אַ נידעריקער, אַ שטשופּלער, טאַקע אַ דרויבע.

אבנר האָט אָבער אַ פּאָר גוטע מילדע אויגן, אַ ברונעט, מיט אַ ליב אָנגענעם קול. ער באַנעמט זיך מיט איר איידל און פאַרערט זי, קוקט איר אין מויל אַרײַן, יעדעס וואָרט, וואָס זי זאָגט אַרויס, איז בײַ אים הייליק. ער פאַרגעטערט זי ממש. און דאָס האָט זי געזוכט. די חוצפּהדיקע יונגעלײַט פאַרטראָגט זי נישט, זי אַנטלויפט פון זיי. ער וועט זי נישט געבן, סתם ווי אַ בריטאַן, אַ כאַפּ אַרום און קושן, נישט צו פילן דערין דעם מינדסטן טעם. אָדער זי אַ דריק־טוען צו זיך, ווי אַלע אַנדערע — גראָב און אומגעלומפּערט, אַז ס׳עקלט זי דערפון... גיט זי אים אַ קוש און לייגט צו איר באַק צו זײַנער — נעמט ער זי אַרום מיט אַן אינערלעכן ציטער און באַרירט לײַכט מיט זײַנע ציטערדיקע ליפּן איר סאַמע־

טיקער הויט, אַז ס׳ווערט איר וואַרעם אין אַלע אברים... ער איז דאָך די איידל־קייט אַליין. ווער דאַרף בעסערס?

— ווי לאַנג וועט איר זיך אַזוי אַרומדרייען הינטער די ווענט? — האָט ר׳ מנשה אויסגעקרעכצט זײַן פראַגע צו דער עלטסטער טאָכטער זײַנער — ווי לאַנג איז דער שיִער? — איז ער צוגעשטאַנען און געוואַרט אויף אַן ענטפער.

— זײַ נישט פאַרזאָרגט, טאַטע, — האָט גאָלדע, נאָך אַ ישוב־הדעת, באַ־שלאָסן אויפצודעקן די קאָרטן, זעענדיק אַז דער טאַטע איז שוין אַזוי גוט ווי מסכים — מיר וועלן חתונה האָבן, שטעלן אַ חופה און פאָרן קיין אַרגענטינע. ס׳איינציקע לאַנד, וווּ מע קאָן נאָך פאָרן ווי טוריסטן און דאָרט בלײַבן, ווי אַ סך אַנדערע טוען... דאָ אינעם קליינעם שטעטל זענען מיר פאַרלוירענע, און דו ווילסט דאָך האָבן נחת פון דײַן טאָכטער...

— וואָס אַזוינס, זאָגסטו? אַוועקפאָרן? איר ווילט גאָר אַוועקפאָרן? מעבר־לים? אין עק וועלט? אָן וויסן פון טאַטע־מאַמע? מיר האָבן שוין גאָרנישט וואָס צו זאָגן? ווי קומט עס צו דיר, גאָלדע! די מאַמע וועט עס דאָך נישט איבער־האַלטן! מיר נישט־דיר נישט, נעמט מען און מע פאָרט... וואָס איז ס׳געיעג? אַן עלטסטע טאָכטער, די קרוין פון קאָפּ, ווי איז דאָס געהערט געוואָרן — כאַפּן און שטעלן אַ חופה און יאַזדאַ געפאָרן?... באַרעכן זיך גוט...

— מיר האָבן זיך שוין גוט באַרעכנט, טאַטע. קיין אַנדערער אויסוועג איז פאַר אונדז נישטאָ.

— וואָס ביסטו אַן אויסנאַם פון אַלע. וואָס ס׳וועט זײַן מיט אַלע וועט זײַן מיט דער כלה.

— מיר האָבן זיך צו עפּעס אַנדערש דערטראַכט. זעסטו נישט אַז דאָ ברענט די ערד אונטער די טריט? אַז מע קאָן שוין דאָ נישט לעבן ווי מענטשן. מע וויל דאָך אונדז אויפעסן לעבעדיקערהייט. אין די גרויסע שטעט שטייען פּיקעטן בײַ די ייִדישע געשעפטן. דאָס איז אַ מגפה. ס׳וועט זיך איבערטראָגן אויך אַהער. וואָס וועסטו דעמאָלט זאָגן? וועסט זיך גיין שלאָגן מיט זיי, זיי זאָלן לאָזן לייזן? אַרגענטינע איז אַ פרײַ לאַנד. גלײַך ווי מיר וועלן זיך אײַנאָרדענען וועלן מיר אײַך שיקן פּאַפּירן. אײַך אַלע אהיננעמען. איר זאָלט נאָך וויסן פון אַ לעבן.

— ווײַ, ווײַ! — האָט ר׳ מנשה געפילט ווי ס׳האַרץ ווערט אים פאַרקלעמט — די קינדער וועלן זיך צעלויפן, און מיר? אויף די עלטערע יאָר ווערן בלײַבן אויפן חסד פון די כוליגאַנעס? וואָס וועט דאָ ווערן פון אַלעם?...

אַ בלאַסקייט האָט באַדעקט זײַן פּנים. ס׳האָט אים באַגאָסן אַ קאַלטער שווייס. הענט און פיס האָבן אים גענומען ציטערן. וואָס וועט נעכע זאָגן? זי וועט דאָך אַוועקחלשן. ס׳וועט דאָך נישט זײַן וועמען צו מינטערן. נישט זאָגן —

וועט שפּעטער זײַן נאָך ערגער. ער האָט דערפילט ווייטיקדיקע קורטשן אין דער זײַט פון האַרץ:

— נעכע! — האָט ער גענומען רופן זײַן ווייב — נעכע! זײַ אַזוי גוט, קום נאָר אַרײַן. הערסט? האָסט שוין אַוודאי געהערט? אַלץ פאַרט אַוועק, אַלע, אַלע... דײַן גאָלדע אויך... וואָסי? זי איז נישט קיין מאָמעס קיין קינד? ווו זיי פאָרן? וואָס איז די נפקא־מינה וווהין? ווײַט, הינטער די הרי־חושך. אויסגעזוכט אַ מדינה... ערגעץ איבער ימען... אין דער תורה איז גאָרנישט דערמאָנט אַז ס'עקזיסטירט אַזאַ לאַנד אויף דער וועלט. ווי זאָגסטו, נישט דער מענטש קלײַבט זיך אויס, נאָר דער רבונו־של־עולם. וואָס זשע וועסטו אויפטוען מיטן וויינען, נעכע... מן־הסתם איז דאָך אונדז אַזוי באַשערט... וויין נישט, נעכע... הערסט? און אַליין האָט ער זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד, נישט אויפגעהערט צו צוקן מיט די אַקסלען פון אויפטרייסלענדיק געוויין.

* * *

ווער ס'זאָגט אַז די יאָרן לויפן שנעל. גאָלדע אָבער קאָן דאָס נישט זאָגן. די אַלע יאָרן, זינט זי איז געוואָרן אַ מאַמע, האַלטן זי אײַנגעקלעמט ווי מיט שטאָלענע צוואַנגען. וויפל נעכט ווי זי דערשלאָפט נישט. קלערט אַרײַן און קאָן גאָרנישט אויסקלערן קיין תכלית פאַר איר האַלב־שטומען זון. וואָס וועט זײַן מיט אים? ער וועט אייביק אַזוי גלאָצן מיט די קעלבערנע אויגן צום בעליק?... קומט זי מיט אים צו געסט, צווישן מענטשן, שמועסט, פאַרגעסט זיך אַ ביסל... גיט ער פּלוצים אַ ברום אַרויס, ווי אַ געקוילעטע קאַלב:

— מאַ־מע! קום אַהיים!...

גאָלדע פילט ווי די בלוטן גליוווערן איר אין די אָדערן. זי ווערט רויט פון חרפּה, כאָטש קיינער מאַכט נישט דערפון קיין וועזן; ס'איז דאָך נישט קיין זאַך וואָס מע קאָן עס באַהאַלטן פונעם מענטשנס אויג. זי גיט זיך אָבער באַלד אַ כאַפּ אויף פון אָרט צום אַוועקגיין...

— סעניאָראַ גאָלדע, וואָס יאָגט איר זיך, פאַר פאַוואָר, בלײַבט נאָך אַ ביסל.

איז טאַקע דערפאַר, וואָס מע הייסט איר בלײַבן, דאַכט זיך גאָלדען, אַז יענע מאַכט פון איר חוזק. זי גיט אַ דריי אויס דעם קאָפּ מיט כעס אין יענערס זײַט:

— וואָס בעטן זי מיך נאָך זיצן? איך ווייס דען נישט אַז זי ווילן מיך שוין פּטור ווערן, כ'זאָל וואָס גיכער זײַן אויף דער אַנדערער זײַט טיר?

— ווי פאַלן זי אויס אַזאַ זאַך? אדרבא — פּרוווט יענע זיך ווי פאַרענטפערן — וואָס שטערן זי מיר? ס'איז דאָך אַ נחת מיט אין אַ וואָרט צו רעדן...

— וואָס איז דאָ מיט מיר צו רעדן אַז מײַן אומגליק איז אַזוי גרויס. זי

זעען נישט אַז איך בין באַקליידט פון קאָפּ ביז פיס? וואָס ווייסן מענטשן פון מײַנע צרות?

— גלייבט מיר, סעניאָרא גאָלדע, יעדער האָט זיך זײַן פּעקל.

— אַ פּעקל צו אַ פּעקל איז אָבער נישט גלײַך. אַנדערע ווערן אַמאָל פּטור פון זייערע פּעקלעך. און איך? בעסער נישט רעדן...

גאָלדע רעדט נאָך אַזוי לאַנג, פרעגט און ענטפערט זיך אַליין. דערבײַ ווערט איר ס׳פּנים ווי איין באַוועגלעכער קנויל נערוון, די נאָז פאַרצויגן, די אויגן פאַר־זשמורעט, דאָס מויל ברייט און באַלד שמאָל ווי אַ שנעבעלע, און אַזוי אָן אַ גוטן טאָג גיט זי אַ שטופּ דעם תכשיט אויף פאָרויס און אַנטלויפט אַרויס פון דער שטוב.

אבנר, וואָס איז די גאַנצע צײַט געזעסן שטום ווי אַ שאָטן, נישט קאָנענדיק קומען צום וואָרט און אַליין אויך זיך נישט־וועלנדיק מישן צו די ווײַבער. — לויפט איצט נאָך גאָלדען, וואָס יאָגט איבער די בוענאָס־איירעסער גאַסן ווי אַ שטורעמווינט. ער ווייסט שוין, אַז דער צער פון זײַן ווײַב וועט זיך נאָכן איבער־ברענען, פאַרוואַנדלען אין קוילן פון צאָרן און אויסגיין וועט עס ווי שטענדיק צו זײַן קאָפּ...

— וואָס טוט מען זיך פאַר אַן עצה מיט איר? — לויפן־אָן פאַרשידענע געדאַנקען אין אבנרס צעגליטן מוח — בײַ וואָסערע דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן שוין נישט אויסגעווען מיט איר.. וואָס קאָן מען זיך דאָ העלפן? וואָס זענען מענטשן שולדיק? וואָס זאָלן זיי מיטווייינען מיט איר אומגליק?

ווי גאָלדע וואָלט קאָנטראָלירט זײַנע געדאַנקען האָט זי זיך פּלוצים צו אים אָנגערופן:

— הער, אבנר, מײַנע נערוון זענען צעשרויפט ביז לעצט. כ׳ווייס אַליין, אַז כ׳קאָן זיך נישט באַהערשן... לאָמיר מאָרגן צוגיין צום פּראָפעסאָר וויאַמאָנטע. ער איז דער גרעסטער נערוון־דאָקטאָר.

— אדרבא, האָט זיך אבנר אָנגעכאַפּט דעריך, ווי אַ טרינקעדיקער אָן אַ שטרוי, דאָס וואָלט געווען ס׳בעסטע... לאָמיר הערן וואָס וויאַמאָנטע וועט זאָגן.

— זאָגן... ס׳גייט נישט אין זאָגן... כ׳דאַרף ער זאָל מיר העלפן... זאָגן קאָן איך איבער אים מיט דיר פאַרבראָקט...

— שוין, דו הייבסט שוין ווידער אָן... כ׳האָב גאָרנישט געזאָגט.

זיי זענען צוגעקומען צום שטיקל גאָס, ווו ס׳געפינט זיך זייער וווינונג. אָנשטאָט צו ענטפערן אבנרן האָט גאָלדע אַ שטויס געגעבן איר צעחושטן זון אין דער פּלייצע:

— גיי! שלימזל איינער, גיי שוין, אומגליק מײַנס! ווען וועסטו ווערן אַ שטיקל מענטש?

דער זון גלײַכט אויס די איינגעבויגענע פּלייצע און עפּעס אַ צעציטערטע מורא, ווי נישט צו קריגן נאָך אַמאָל אַן אומגעריכטן קלאַפּ הינטנאָרום, פּלאַמט אויף אין אים און שלאָגט אַרויס אויפן גאַנצן פּנים אין אַ רויטקייט, אַז ער קאָן קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען פון האַלדז.

אין שטוב פאַלט גאָלדע אַוועק אויפן בעט און פאַרזינקט אין אַ מאַכטלאָזיקייט וואָס גרענעצט זיך מיט רעזיגנאַציע און מרה־שחורה. זי ציט אײַן איר גוף, קנוילט זיך צונויף, ווי זי וואָלט געוואָלט אַנטלויפן פון זיך אַליין, פון איר גאַנץ לײַב־און לעבן, אַז זי זאָל מער נישט זײַן. זי ליגט אַזוי אַפּ שעהען, נישט צו וויסן, צי זי איז אײַנגעשלאָפן, צי זי ליגט אַזוי אַ וואַכע, ווי אַ חיה אין לויער — גרייט אויפצושפּרינגען בײַ יעדן שאָרך און ריר.

— ווו זאָל איך לויפן? ווו זאָל איך זיך אַהינטון? — קלעמט אבנרן ס׳האַרץ זיצנדיק אין דער קיך, ווו ער כאַפּט עפּעס איבער, נישט־האָבנדיק גאָרנישט טועם געווען בײַ די פרײַנד, ווו זיי זענען געווען אין געסט. ער האָט געשלונגען די ביסן אָן חשק, אָן אַפּעטיט, בלויז צוליבן טוען עפּעס, נישט ווערן אַליין אויך אַזוי פאַרגולמט ווי דער זון, וואָס ווייסט נישט מיט זיך וואָס צו טון און שטייט בײַם פענצטער אַ באַליידיקטער פון דער מאַמעס אומזיסטיקן קלאַפּ, וואָס זי האָט אים געגעבן אָן אַ פאַרוואָס.

—ס׳גייט אים שוין גאָרנישט אָן, אבנרן, נישט די שיינע וווינונג, נישט ס׳געשעפט וואָס גיט פרנסה בריווח. זײַן גאַנץ לעבן גייט אים נישט אײַן. וואָס האָט ער פון דעם אַלעם אַ חוץ צער און ביטערניש איבער דער מאָס?...

* * *

ווען גאָלדע איז צוריקגעקומען פונעם פּראָפעסאָר וויאַמאָנטע האָט זי זיך געפילט ווי אַ נײַגעבוירענע. קיין שום זאַך האָט אַזוי נישט געווירקט אויף איר באַרויִקנדיק ווי זײַנע גוטע ברוינע אויגן פול מיט אויפריכטיקייט, מיטלייד און פאַרשטענדעניש. הגם זײַן שאַרפער דורכדרינגעדיקער בליק האָט איר אויסגעזען צו זײַן שטרענג, האָט ער זי אָבער באַלד בײַם ערשטן וואָרט זײַנעם „איר זענט עס די סעניאָראַ גאָלדע?״ געוווּנען אויף זײַן זײַט מיטן פולסטן צוטרוי ווי צו איינעם פאַר וועלכן מע קאָן זיך אַראָפּרעדן דאָס האַרץ ביזן דנאָ. אַז ס׳זאָל ווערן ריין און לויטער ווי אַ קרישטאָל.

דער פּראָפעסאָר מיטן גראָלעכן קאָמעצבערדל האָט איר געשטעלט אָן אַ שיִער פראַגעס וועגן זיך, וועגן מאַן, וועגן קינד, וועגן איר אָפּשטאַם און זײַן אָפּשטאַם, און נאָך אַנדערע, וואָס האָבן איר אויסגעזען אין גאַנצן ווי איבעריק און צומאָל נאַריש־קינדעריש. זי האָט אויף אַלעם געענטפערט אויסשעפּלעך מיט אַ סך פּרטים געדענקענדיק נעמען און דאַטעס, ווי אַמאָל בײַם טאַטן אין גע־

שעפּט. ער האָט זי געדולדיק אויסגעהערט און געהייסן דערציילן אַלץ, אַלץ וואָס ס׳קוועלט איר און טוט איר וויי.

נאָכן אויסהערן זי באַדאַכט האָט דער פּראָפעסאָר זי אָנגענומען בײַ דער האַנט, געקוקט פאַרטרוילעך אין די אויגן אַרײַן און איר געזאָגט אַז זי האָט זייער גוט געטון וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר נייטיק אַליין צו גיין צום דאָקטאָר, כאָטש קראַנק איז גאָר איר קינד און נישט זי, און אַז בכדי דעם קינד זאָל נישט ווערן ערגער דאַרף איר צום ערשטן ווערן בעסער.

ביסלעכווײַז האָט זיך די שטוב אומגעקערט צו אַ מענטשלעכן סדר. אַבנר האָט שוין פאַרשפּאַרט אָפּצוכאַפּן ס׳עסן אין דער קיך, זיך לייגן אין אַנטועכץ. גאָלדע האָט געגרייט צום טיש אַזוי ווי בײַ לײַטן. מ׳האָט מער נישט געהערט קיין געשרייען און גוואַלדן, וואָס האָבן טאָג־טעגלעך באַגלייט דאָס מיטאָג. די שכנים האָבן געהאַט רו און אָנגעהויבן צוריק זיך באַגריסן מיט זיי. אויך אַבנר דער שווײַגער האָט געפילט אַז ער לעבט צוריק אויף. ער האָט באַקומען אויף ס׳נײַ אַ גלאַנץ אין די מאַטע אויגן, און געמיינט, אַז דער גורל האָט שוין ווידער אָנגעהויבן שמייכלען צו אים, ווי אין די אַמאָליקע גוטע צײַטן, וואָס האָבן לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, בלויז איין יאָר, ביז ס׳אומגליק איז געבוירן געוואָרן.

די גאַנצע וואָך איז עפּעס דורך אַזוי געשווינד, ווי זי וואָלט באַשטאַנען פון איין גרויסן שיינעם זומערטאָג אָן אַ שפּרענקעלע שאָטן. פרײַטיק פאַרנאַכט איז אַבנר אַהיימגעקומען פריִער ווי אַלע מאָל, געגעבן אַ קוש דעם זון אין קאָפּ און אויך גאָלדען אַ קוש געטון. בײַנאַכט, ווען אַלע האָבן זיך געלייגט שלאָפן, האָט זיך אַבנר דערנענטערט צו זײַן ווײַב. אָבער דאָ איז גאָלדע אַרויסגעשפּרונגען פון בעט:

— גיי אַוועק פון מיר! האָסט ווייניק איין אומגליק? ריר זיך נישט צו צו מיר! כ׳וויל נישט פילן דײַן האַרטע הויט לעבן זיך...

— דו ביסט דאָך נישט אַזאַ שלעכטע, גאָלדע, ווי דו מאַכסט זיך... איך וויל דאָך דײַן גוטס...

— זײַ מיר נישט אַזוי געטרײַ און טשעפּע זיך אָפּ פון מיר. לאָמיך דיך נישט זען אויף די אויגן! האָסט געהערט וואָס כ׳רעד צו דיר? טראָג זיך שוין אָפּ פון מיר! די מינוט!

אַבנר נעמט די קאָלדרע, גייט ווי מיט פאַרמישפּטע טריט אַרײַן אין קיך און לייגט זיך אַ רעזיגנירטער אויפן צולייגבעטל: ס׳אַפּקומעניש האָט זיך שוין ווידער אָנגעהויבן... ס׳אַלטע גיהנום... באַלד נעמען אים די אברים ברעכן און שטעכן אויפן האַרטן געלעגער. צעפּיבערטע געדאַנקען הייבן אים אָן מאַטערן, באַפּאַלן אים ווי די בינען מיט אַ זשומען און רוישן אין קאָפּ: ווי קאָן עס פאַר־קומען אין אַ מענטש אַזאַ איבערקערעניש? ווו איז אַהינגעקומען די פרוי אין

איר? פון וואַנען נעמט זיך צו איר אַזאַ האַס צו אים, צום אייגענעם מאַן? וואָס טרײַבט זי אים מיט אַזאַ עקל פון זיך? נישט צו פאַרשטיין וואָס ס׳טוט זיך אין מוח פון אַזאַ מענטש. און ווי לאַנג איז עס דען ווי זי — אַ לײַדנשאַפטלעכע פרוי — האָט געריסן פון אים שטיקער אַ תאווהדיק־צעפלאַמטע, אַ קיינמאָל־נישט־געזעטיקטע.

פאַר זײַנע אויגן טויכן־אויף בילדער און סצענעס פון זייער צוזאַמענלעבן. דאַכט זיך ערשט נעכטן איז עס געווען. ער גייט מיט זײַן גאָלדען אין סאָסנע־וואַלד. זיי נעמען זיך אָרום. ער פילט איר פּנים לעבן זײַנס. הערט זי רעדן אַ באַגײַסטערטע וועגן דיכטער. זי ציטירט זייערע פערזן פון אויסנווייניק, ווי אַן אמתער אַרטיסט, פול מיט איבערלעבונג. אַרום אין פרימאָרגן־וואַלד איז קיינער נישטאָ. בלויז די פייגל איבער זייער קאָפּ טשוויטשערן פריילעך. זיי ליגן אויפן מאָך. די שמעקעדיקע וואַלדלופט פאַרשיכורט און צערייצט. זי בריט אים אָפּ מיט איר יעדן קוש וואָס זי גיט אים. מיט פיבערדיקע פינגער קנעפּלט ער איר אויף דאָס בלוזקעלע. זי ווערט זיך נישט. זיי דרייען זיך אַרום אין טוקעדיקן טונקעלן וואַלד ווי אדם און חוה אין גן־עדן. זיי שפּילן זיך אין יאָגעלעך. זי אַנטלויפט צווישן דיביימער. ער קאָן זי נישט כאַפּן. אַ בלענדיקע מיט צעלאָזענע האָר לויפט זי — אַ וואַלדקינד — פון בוים צו בוים. איר זילבערן געלעכטער לויפט איר נאָך און גיט זי אויס. ער כאַפּט זי הינטנאַרום. זי לאָזט זיך נישט פון אים. זיי אַמפּערן זיךביידע און מיטן ראַנגלען זיך שטײַגט די היץ אין די בלוטן. זי קאָן זיך מער נישט באַהערשן. זי קושט אים, קנײַפּט אים אויס שטיקער פלייש. ער פילט נישט קיין ווייטיק. פאַרשיכורט פון גליק נורעט ער דאָס פּנים אין איר קוועליק לײַב, ווי אַ דאַרשטיקער וואָס פאַלט צו צו אַ קוואַל — גרייט אויסצו־טרינקען ביזן לעצטן טראָפּן און זעטיקט זיך בײַ די ערשטע פּאָר שלוק. זי האָט אים אָבער נישט אָפּגעלאָזט און אַ רעכט־נישט־געזעטיקטע זיך אָפּגעקערט פון אים מיט שטומען פאַרדראָס. אפשר איז עס שוין דעמאָלט געווען דער האַס, וואָס איז צײַטיק געוואָרן אַ סך שפּעטער און מיט דער צײַט איז ער איר געוואָרן אומדערטרעגלעך, דערעסן און איבעריק.

* * *

ווידער דרייט זיך גאָלדע אַרום ווי אַ שאָטן איבער דער שטוב. זי רעדט נישט. שמעקט נישט אַראָפּ אין געשעפט אַרײַן. מאַכט עסן און שווײַגט ווי זי וואָלט געווען געשפּילט אין אַ ברוגז. פון מאָל צו מאָל גיט זי אַ וואָרף־צו אין דער שטוב אַרײַן:

— גיי צו עסן... ס׳ווערט קאַלט...

ווי אַ געהאָרכיק פאָלגעוודיק קינד גייט אבנר צו צום טיש ווי אויף די

שפּיץ פינגער מיט אַ תפילה אין האַרץ: פאַטער אין הימל, אפשר וועט פון היינט אָן שוין זיין גוט... אפשר... — קוקט אבנר צו זיין ווייב — ביי גאָט איז דאָך אַלץ מעגלעך...

זעט אויס, אַז פון אייגענעם גורל קאָן מען נישט אַנטלויפן. אין שטוב האָט שוין אויסגעזען ווי ס׳וואָלט ווידער אַריינגעטרעטן אַ ביסל געמיטלעכקייט. אַלץ איז שוין געגאַנגען ווי צום בעסערן. ער האָט איר עטלעכע מאָל פאַרשוויגן, נישט אָפּגעענטפערט, זיך נישט געמאַכט הערן און זען. ס׳איז שוין געווען מיטצו־דערלייַדן. העלפט גאָט און שיקט צו אַ פריש אַנשיקעניש אינגאַנצן אומגעריכט, ווי דער אין הימל וואָלט זיך פאַרלייגט אויף זיי. ער האָט נישט מער וואָס צו טון נאָר זיי צו דערגיין די יאָרן.

פלוצים צעקלינגט זיך אין אַ שבת־נאָכמיטאָג דאָס טירגלעקל און אין דער שטוב באַווייזן זיך געסט. די קוזינקע אסתר איז געקומען מיט איר מאַן פינחסל און זייער טאָכטער קלאַריטע. אָן אַ טעלעפאָן, אָן אַ צוזויסן־געבן אויף פריִער. גאָרנישט. זיי זענען געקומען אַ ביסל געוויר ווערן וואָס ס׳הערט זיך. געקומען און זענען דאָ.

— כאַ־כאַ.... — גיט גאָלדע אַזאַ איראָנישן לאַך און האַקט אָפּ — זיך מרחם געווען אויף אונדז און געקומען... זייער שיין... אַ דאַנק פאַרן האָבן אין זינען און וועלן וויסן וואָס כ׳מאַך. צ׳האָט מיך דאָך אָבער געקאָנט פרעגן צי כ׳קאָן היינט אויפנעמען געסט. צי מיין געמיט איז בכלל זיך אָפּצוגעבן מיט מענטשן? אַראָפּצופאַלן ווי פון הימל אַראָפּ: גוטמאָרגן, רעטעך טראָג איך... וואָס בין איך אַזוי ווי אַנדערע ווייבער וואָס זוכן נאָר געלעגנהייטן צו מאַכן „פּיעסטעס״, שימחהלעך. מע קלערט נאָר אַריין אין פרעס. היינט קומען צו דעם, מאָרגן וועט מען קומען צו מיר. מער ליגט זיי גאָרנישט אין זין ווי נאָר צו פאַר־ברענגען. כ׳דאַרף איינך אויספּילן אַ בלויז, זיין אייער אַטראַקציע...

אסתר האָט געקוקט אויף פינחסן, פינחס אויף אסתר. זיי האָבן זיך נישט געריכט אויף אַזאַ קבלת־פּנים. זיי, די גרויסע גבירים, האָבן באַשלאָסן צו פאַר־בייגן אויף זייער כבוד און געקומען אָפּשטאַטן אַ וויזיט צו די בידנע קרובים, איז אָט האָסטו דיר! זיי האָבן גאָר טענות צו דיר, כאַטש נעם און גיב זיי אַ רעשט. פון וואַן אָן האַלט עס גאָלדע פון צערעמאָניעס?

די זעכצניאָריקע קלאַריטע, וואָס האָט שוין פליי אין דער נאָז, האָט גע־וואָרפן אַ פאַראַכטנדיקן בליק אויף טאַטע־מאַמע, און פון זיי אויף איר מומען, זיך געטון אַ דריי־אויס און גענומען גיין צו דער טיר צוואָרפנדיק אָן אָפּשפּאָטנ־דיקן „סעניאָראַ גאָלדע!״ און באַלד צוגעגעבן — „טיאַ גאָלדע עס אונאַ לאָקאַ!״ [1]

— וואָס בין איך? — איז גאָלדע אַרויס פון די כלים — דו ראָצערין איינע,

[1] די מומע גאָלדע איז אַ משוגענע!

אויף מײַנע שונאימס קעפּ... מיר זאָגסטו משוגענע? דו ווייסט דען צומאָל ווער איך בין? אין דײַנע יאָרן האָב איך שוין געלייענט די וועלטמײַסטער, געקענט פון אויסנווייניק היינע, פּושקין, לערמאָנטאָוו, מיצקעוויטש, סלאָוואַצקי... וואָס קענסטו און וואָס ווייסטו?... ביסט אַזאַ פּראָסט שטיק ווי דײַן מאַמע... ווער דאַרף זייערע מיליאָנען? זיי גרייכן דאָך נישט מײַן קנעכל... ווי קומען זיי צו מיר? געטון אַ טובה, באַווייליקט זיך צו ברענגען פּאַר אַ קרבן און מיך באַזוכן... איר קומט זיך דאָך רייצן מיט מיר... פאַרגיסן מײַן בלוט...

אבנר דער שווײַגער איז געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט. ער האָט געוווּנקען צו זיי מיט די אויגן, געמאַכט מיט די הענט, געהאַלטן אַ פינגער פאַרן מויל, אַז זיי זאָלן איר נישט ענטפערן, בעסער אַוועקגיין און שאַ!...

— ווער שיקט נאָך זיי? ווער דאַרף זיי האָבן? איך לאַך אויס זייערע מיליאָנען!... אויף יענער וועלט קומען אַלע גלײַך... פּונקט ווי אין באָד אַרײַן... קיינער נעמט זיך גאַרנישט מיט...

אבנר האָט זיך מער נישט געקאָנט אײַנהאַלטן. זײַן אָנגעווייטיקט האַרץ האָט עס שוין געהאַט איבערגעגנוג:

— וואָס טוט זיך מיט דיר, גאָלדע, טרײַבסט מענטשן פון שטוב אַרויס? אַליין שרײַסטו אַז דו ביסט עלנט, האָסט נישט קיינעם... ווער קאָן דען קומען צו אונדז? דערבאַרעם זיך, גאָלדע, אַזוי נעמט מען אויף געסט? ביסט דאָך אַ קולטורעלער מענטש. איך ווייס דאָך יאָ וואָס דו קענסט? נעם זיך אין די הענט אַרײַן, באַרויִק זיך...

— נעבעכל וואָס דו ביסט — צעשרײַט זיך גאָלדע — דו לאָזסט זיך דאָך פון אַלע קריכן אויפן קאָפּ... זיי מיינען אַז זיי קאָנען קומען ווען זיי ווילן... אַזוי לאַנג וואַרטן זיי ווי איך וועל זיי מאַכן צו פרעסן... איך וועל זיך פאַרען און זי וועט זיך באַווײַזן מיט אירע נײַע „כאַזשעס"-י, מיט איר גראַטענער טאָכטער... און איך... וואָס האָב איך צו ווײַזן?... מײַנע צרות?... מײַן שטיק בראָך?...

גאָלדע איז אויסגעבראָכן אין אַ ספּאַזמאַטיש געוויין, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטול בײַם טיש און מיט ביידע הענט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים און הויך אַרײַנגעוויינט אין זיי...

— קוק דיך כאָטש אָן, גרויסע קענערין מײַנע, זע ווי דו זעסט אויס... אַז אַלץ איז בײַ דיר פאַרדרייט. ווילסט זיך באַווײַזן מיט דײַן ביבליאָטעק, מיט די ביכער וואָס דו האָסט געלייענט און צום סוף ווײַזסטו זיך מיט קללות וואָס ס'פּאַסט פאַר אַ יאַכנע און נישט פאַר קיין אינטעליגענטן מענטש... דו ווילסט נאָר פאַרלויפן דעם וועג, אַרויסלייגן אויפן טעלער אַלץ, אַפילו אַזוינס וואָס יע-

[1] צירונג.

נער האָט נישט אויפן זינען און אַנט צומאָל נישט אַז ער קאָן דיר מיט עפּעס ווי טון, — נעמסט און שיטסט זיך אַליין זאָלץ אויף די ווונדן... יעדן איינעם זוילסטו אָנהענגען דײַן בראָך. קיינער וועט דיר דעמאָלט נישט העלפן... מע וועט דיך בלויז אויסמײַדן, ווי מע מײַדט אַ משוגענעם הונט...

— קאַזשע סע לאַ באָקאַ! — איז זי איבערגעגאַנגען אויף שפּאַניש און באַלד דאָס זעלבע אויף יידיש — פאַרמאַך דאָס מויל דײַנס, כ'קאָן נישט הערן דײַן קול!... — און אַרײַן אין קיך פון וואַנען ס'האָט זיך געהערט אַ טומל, אַ געקלונגערײַ און געבראַזג פון צעבראָכן געפּעס און גלאָזוואַרג. באַלד איז זי צו־ריק אַרײַן ווי אַ פאַרווירטע — אַ משוגענע בין איך? אַליין זאָלסטו לויפן איבער די גאַסן ווי אַ משוגענער הונט... זאָלסט נאָר האָבן אַזאַ מנוחה אין לעבן ווי איך האָב! זאָל אַלץ חרוב ווערן! כ'האָב שוין איבערגענוג אַזאַ לעבן! אָט ביז דאַנען! — האָט זי געוויזן מיטן פינגער אויפן האַלדז — גיי אַרויס! כ'וועל דיך נאָך מיט אַ מעסער צעשנײַדן!... — און געגעבן אַ פאַל מיטן פּנים אויפן בעט — וואָס וויל ער פון מיר? דער מערדער פון מײַנע יונגע יאָרן!...

בײַ דער זײַט איז געזעסן דער זון, דער קאַליקע. זײַנע אברים הערן נישט אויף צו צוקן ווי אין קאָנוווּלסיע. הייסע טרערן באַנעצן זײַנע באַקן. ער ווייסט נישט נאָך וואָס מע דאַרף דעם גאַנצן טאַראַראַם און וואָסער שײַכות דאָס אַלץ האָט מיט אים. ער טשעפּעט דאָך נישט קיין פליג אויף דער וואַנט. ער מאָנט גאָרנישט און דאַרף גאָרנישט. ער האָט בכלל נישט קיין שום פאָדערונגען צום לעבן. איינס ווייסט ער, אַז קיין נאַכטעסן וועט שוין הײַנט זיכער נישט זײַן. ער איז נישט הונגעריק אויך. ער קאָן זיך אײַנגאַנצן באַגיין אָן עסן. אויב ער עסט טוט ער עס נאָר צוליב דער מאַמען, אַז זי זאָל נישט שרײַען אויף אים און נישט געבן קיין דזשאָך אין דער פּלייצע. אין דער שטוב איז זייער גרינג זיך אויסצו־לערנען גאָרנישט צו וועלן.

אבנר מאַכט גרייט דעם קינדס געלעגער. גיט אים אַ קוש אין קעפּל און לייגט אים שלאָפן. אַליין גייט ער אין קיך אַרײַן. גיט זיך אַ וואָרף אין אָנטועכץ אויפן צולייגבעטל און קאָן נישט אײַנשלאָפן. אַ נעפּל שטייט אים פאַר די אויגן. ער האָט אַפילו נישט באַמערקט, ווען די אומגעבעטענע געסט זענען אַוועק, צי גלײַך נאָך דער טאָכטער, צי שפּעטער אַ ביסל. אוי, ער האָט דאָך אַליין זיי געהייסן גיין. זי פאַרשוואַרצט אַלעמען די פּנימער, זיך און יענעם. און גיי רעד מיט איר. זי איז דאָך אָבער פאַרט נישט אַזאַ שלעכטע, גאָלדע. דאָס לעבן האָט עס פון איר אַזוי געמאַכט. ער ווייסט אַז ער טוט איר ווי מיט זײַן שווײַגן. אָבער ער זעט דאָך אַליין, אַז נאָך ערגער רעגט ער זי אויף מיטן רעדן. ער טאָר זי אָבער נישט אויפרייצן... ווען מע קאָן דאָס קינד ערגעץ באַשטאַטן, וואָלט געווען דער בעסטער אויסוועג. ס'איז נישט קיין אויסוועג. זי לאָזט אַפילו נישט

צו דעם געדאַנק צו זיך. כאַטש דער קראַנקער זון איז דער קוואַל פון אַלע אירע ערגערנישן — האָט זי אים פונדעסטוועגן ליב. זי היט אים אָפּ ווי אַן אויג אין קאָפּ. אין דער זעלבער צײַט לאָזט עס זי נישט רוען גאַנצע פּיראָונצוואַנציק שעה אין מעת־לעת. און דער קרבן איז ער. אַלע אירע נערוון לאָזט זי אויס צו זײַן קאָפּ.

פונקט ווי ער דאָ אין קיך אַזוי ליגט זי דאָרט אינעווייניק אין שטוב אויפן בעט און קאָן נישט אײַנשלאָפן. די געדאַנקען מאַטערן זי אַז ס'הייבט זי אַזש אונטער. וואָס וואָלט איר געווען געפעלט, ווען איר זון איז, ווי אַלע מענטשן, מיט אַ קלאָרן שכל, פול מיט איניציאַטיוו, מיט פּלענער אויף דער צוקונפט, מיט אַ זאָרג פאַרן מאָרגן, באַקענט זיך מיט אַ מיידל, גרייט זיך חתונה־האָבן, מע טרעפט זיך מיט מחותנים אין קאַפע, זונטיק פאַרט מען צוזאַמען אין פּאַלערמאָ־פּאַרק, מע שפּאַצירט אינעם בלומענגאָרטן „ראָסעדאַל" מיט די פּרעכטיקע אַלייען און קאָלאָנעס פאַרוואָרפן מיט קריכפלאַנצן, מיטן אָפּפרישנדיקן סטאַוו מיט די שוואַנען...

— וואָס ליג איך? — כאַפּט זיך גאָלדע אויף פון אירע טראַכטענישן פון נעכטיקע טעג. די ליפּן זענען איר פאַרטרוקנט ווי אַ לעדער. ס'נאַגט איר בײַם האַרץ, מיסתמא פון הונגער. אוי, ווי געמיין ער איז, דער „געשפּאָן" מײַנער! ווי נידערטרעכטיק! נישט עס אַרט אים עפּעס, נישט איך גיי אים אָן, נישט ער קומט זעען וואָס איך מאַך! אפשר חלש איך און מע דאַרף מיך מינטערן... ליגט אײַנגעלייגט אויף דער פּריטשע אין דער קיך, ווייל זיך האָבן אַ גאָלדן לעבן, אָן שום עול פון ווײַב און קינד... זי גייט אַראָפּ פון בעט, שלעפּט זיך אַרײַן אין קאָרידאָר, נעמט קלאַפּן אין דער פאַרשלאָסענער טיר:

— אבנר! עפן־אויף! וואָס ליגסטו דאָרט ווי אַ הונט? אב־נר! רוף זיך אָפּ! כ'רעד דאָך צו דיר! עפן!...

אַ גליווערנדיקע שווײַגעניש. קיינער רופט זיך נישט אָן. זי נעמט קלאַפּן מיט ביידע פויסטן אין דער טיר און פילט ווי צוויי שווערע לאַפּעס האַריק־באַוואַק־סענע שאַרן זיך צו איר האַלדז, נעמען זי ווערגן, ס'פעלט איר אויס אָטעם:

— עפן, אבנר! עפן, זאָג איך דיר! אוי, וויי איז מיר!... מענטשן!... אַ גרויס אומגליק איז מיר געשען!... א־ב־נ־ר!!

מיט אַ פאַרשטיקט געוויין איז גאָלדע אַ פאַל געטון אויפן טירוועגטל און זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שווערע לעבן דער שטומער פאַרשלאָסענער טיר.

# א מ ע ר י ק ע . . . ?

בערל זייד איז אַ דערשוויצטער אַרויס פונעם שניידער־טאַזשער און זיך מחיה־געווען מיטן קילן ווינטעלע, וואָס האָט אים אַרומגענומען און געקילט דאָס פּנים וואָס האָט אינגאַנצן געקלעפּט פון שווייס. ער האָט טיף אין זיך אַריינגעאָטעמט די פרישע לופט, זיך פאַרכלישטשעט מיט איר און גענומען הוסטן, דער־פילנדיק אַ שטיקנדיקן קנויל וואָס שפּאַרט אין אים אויף און אָפּ אין האַלדז, אַן אַדערדיק־אָנגעדראָלענעם נאָר צום פּלאַצן:

— טפו זאָל עס ווערן! נאָדיר אַ וואַרשטאַט — אַזוי ווי מיט פופציק יאָר צוריק אין פוילן — אַזאַ אָפּגעלאָזנקייט! אַזאַ ענגשאַפט! נאָר הערשטיקט צו ווערן.

דער שלעכטער פאַרדומפּענער ריח, ווי אין אַ הינטערשטאַטישן שוויצבאָד, וואָס ס׳האָט זיך געפילט אינעם ענגן שטיבל, ווו ס׳אַרבעטן אַכט מענטשן ביי די ניימאַשינען, און אַ פּרעסער טשאַדעט מיט דריי אייזנס, — האָט זיך צו אים צוגעקלעפּט צום לייב, צו די מלבושים און נישט געוואָלט פון אים אָפּטרעטן אַפילו ווען ער האָט זיך שוין געהאַט געפינען אויף יענער זייט פונעם וואַרשטאַט, אין דרויסן אויף דער גאַס.

די פאַלעס פונעם פאַלטן פלאַנטערן זיך אים אין גיין, פליען אויף ביידע זייטן, ווי זיי וואָלטן עפּעס צוריקגעיאָגט, אָפּגעשאַרט פון זיך די גראָע טאָג־טעגלעכקייט, וואָס ווערט געדיכט צעשטעפּט פון די נאָדלשטעך אין רעדלדיקן געדריי פון דער צאַקנדיקער ניימאַשין צוזאַמען מיט אַלע זיינע בענקענישן און פאַרלאַנגען.

ער האָט גענומען צואַיילן די טריט, ווען ער האָט זיך שוין געפונען נאָענט פון זיין קוואַדראַ. ער איז אַריין צו זיך אין צימער און געמאַכט ליכטיק. צוזאַמען מיטן ליכטשיין האָט אים אַ שלאָג געטון אין פּנים אַ טוכלער ריח, וואָס איז

זיך פאַרגאַנגען מיט אַ רײַסן אין האַלדז. בײַביידע זײַטן ווענט זענען געשטאַנען צוויי שמאָלע אײַזערנע בעטלעך, אויפגעבעטע, צערודערטע, ווי מע וואָלט פון דער שטוב אַרויסגענומען אַ מת. אַ טרויער ווייעט פון די האַלב־אָפּגעשיילטע ווענט. דער געלער סופיט אָטעמט מיט שימל און שפּינוועבס.

בערל וואַרפט זיך אַרויף אין אָנטועכץ אויפן בעטל, ציט זיך אויס אין דער גאַנצער לענג און דערפילט אַ לײַכטקייט, ווי דער גאַנצער מידער קערפּער וואָלט זיך באַפרײַט פון אַ שווערער משא. בלויז דער קאָפּ איז צוגעפּאַלן צום קישן מיט אַ בלײַערנער שווערקייט — נישט צו רירן אים פון אָרט.

* * *

שוין פיר יאָר ווי ער, בערל זײַד, איז אַרײַנגעפּלאָנטן אינעם הו־האַ און האַרמידער פון דער גרויסער שטאָט. די יוּנגלערישע פאַנטאַזיעס זענען צערונען געוואָרן דורכן האַרבן גראָען פאַרפּראַצעוועטן לעבן. די חלומות האָבן זיך אַרײַנ־געוועבט אינעם שפּינוועבס, וואָס האַלט זיך אין די ווינקלען און שפּרייט זיך שווינדזיכטיק איבערן פאַרשימלטן סופיט — ווײַט און אָפּגעפרעמדט פון אים — אויף מער זיי נישט צו דערגרייכן.

דאָס איינציקע, וואָס האָט אים דאָ אויפגעהאַלטן, איז געווען דער דינער פאָדעם וואָס האָט אים פאַרבונדן מיט זײַן נעכטן אין דער היים, פון וואַנען ער האָט זיך געלאָזט אין דער גרויסער וועלט אַרײַן. פאַר זײַן פאַרנעפּלטן בליק איז פּלוצים אַרויסגעשוווּמען דער קײַלעכיקער שטאָטמאַרק פול מיט אָנגעפּאַרעגע וועגענער. צווישן די פורן דרייען זיך אַרום בערל מיטן טאַטן. זיי קוקן אין די זעקלעך, דינגען זיך און טראָגן זיי זעקלעך מיט תבואה. די שטוב איז אָנ־געשטעלט מיט פולע זעק האָבער, ווייץ. דער דיל איז פול מיט תבואה־קערנדלעך. די מאַמע פּאָרעט זיך בײַ דער קיך. זי דערהייבט די אויגן צום הימל, בעט בײַ זײַן ליבן נאָמען, מע זאָל פאַרדינען אויף שבת...

— אוי! — גיט בערל אַ טרייסל מיטן גאַנצן קערפּער און וויל פאַריאָגן פון זיך דאָס אַלץ, וואָס פּײַניקט אים... אָן אומרו כאַפּט אים אַרום, אַזאַ נאַגנדיקע בענקשאַפט צו דער מאַמען, צו די שוועסטער, צום שטעטל מיטן קײַלעכיקן מאַרק... זײַנע אויגן ווערן פײַכט, ווען ער בלאָנדזשעט מיט זיי איבערן צימער. אַזאַ אײַנזאַמקייט!

בערל האָט אַ נעם געטון ס׳בוך פונעם טישל, געזשמורעט מיט די אויגן און הויך אויפן קול געלייענט עטלעכע מאָל ס׳זעלבע:

„געטלעכער חשבון האָט אפשר פון לאַנג שוין
מענטשלעכן חשבון צעריסן“.

און די מענטשן מאַכן ווײַטער דעם חשבון אויף אייגענער האַנט, אָן דעם

געטלעכן חשבון. און ער, בערל, איז ווײַט אַוועק פֿון זיך און אין ערגעץ נישט דערגאַנגען, ווײַל דער חשבון האָט בײַ אים, ווי בײַ אַ סך אַנדערע, נישט געשטימט.

* * *

ווי שטענדיק איז יאָסל אַרײַנגעקומען אַ שווער פֿאַרסאָפּעטער, אַוועקגעשטעלט די „וואַליכעס"[1] און גלײַך גענומען דערציילן ניסים פֿונעם טאָג. געלייזט אַזוי פֿיל, פֿאַרדינט אַזוי פֿיל. ער האָט זײַטיק געקוקט מיט זײַנע רויטלעכע אויגן, וואָס קוקן אַרויס פֿון אַ פֿאַרשוואַרצט אויסגעטרוקנט פּנים, די ליפּן בלאָע, טרוקענע פֿונעם ווינט, נעצט ער זיי כּסדר מיט דער צונג.

אַ צעטל האָט ער — איז ער זיכער — אַז ס'וועט אַרויס דאָס גרויסע געווינס, ווײַל ס'האָט זיך אים געחלומט אַ וואַסער...

בערל קוקט אים גלײַך אין פּנים אַרײַן מיט אַ שמייכל אין זײַנע שעלמישע אייגעלעך. טיף אין זיך באַדויערט ער זײַן שכן.

— וועסט נישט זײַן קיין לײַט — הייבט פּלוצים יאָסל אָן מיט ערנסט און בייזקייט אין טאָן — נאַר ביכער און ביכער! וועסט דאָך פֿון זינען אַראָפּ!...

בערל ענטפֿערט נישט. בלויז אַ שמייכל לײַכט־אויף אין זײַנע אויגן. ער גלײַכט זיך אויס, נעמט דעם פּאַלטן און אַ שטילער גייט ער אַרויס פֿון שטוב.

דער דרויסן איז אַ קאַלטער. אַ דראָבנע רעגנדל שפּריצט און שטעכט אים אין פּנים אַרײַן. ער האָט גענומען לויפֿן איבער דער גאַס דעם קאָפּ אײַנגעטוליעט אין אויפֿגעשטעלטן קאַלנער פֿון פּאַלטן. קיין באַשטימטן ציל און אָרט, וווהין צו גיין האָט ער נישט געהאַט, האָט אים דער וועג געפֿירט גלײַך צו דער קאַפֿע „דער לייב", אויף קאַריענטעס.

די אָנגערייכערטע וואַרעמקייט פֿונעם באַר „לעאָן" האָט אים אַרומגענומען ווי אַ היימישן אײַנגייער און שטאַמגאַסט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דורכשפּאַצירט איבער די טישלעך און קיין איין באַקאַנט פּנים נישט געזען.

בײַ די טישלעך זענען געזעסן די דאָמינע־שפּילער, די שטענדיקע קאַפֿע־זיצער, וואָס מער ווי אַ גוטמאָרגן־אַ גוט־יאָר טוישט ער קיין צוויי ווערטער מיט זיי נישט אויס. בײַ אַנדערע טישלעך זענען געזעסן די דאַדע־שפּילער צו פֿיר־פֿינף אין אַ גרופּע און נערוועז געמישט אין הויכע לעדערנע טעפּלעך די שפּילביינדלעך מיט די פּינטלעך־אויגן, געגעבן אַ מיש און אַ וואָרף־אויס אויפֿן טיש די ביינדלעך. יעדע מינוט האָט אויף אָן אַנדער טיש עמעץ געגעבן אַ קלאַפּ מיטן איבערגעקערטן טעפּל און אויסגעשיט די ביינדלעך. אַזוי האָבן זיך אָפּגעענטפֿערט קלעפּ אויף קלעפּ, ווי איין האָן דעם צווייטן פֿאַרטאָגס ווען די הענער נעמען קרייען.

בערל האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן די טישלעך ווי אַ פֿרעמדער, ווי ער

[1] וואַליזקעס.

וואָלט דאָס ערשטע מאָל דאָ אַרײַנגעפאַלן אַזוי מאָדנע איז אים אויסגעקומען דאָס צעיאַכמעטעקייט פון די שפּילער, וואָס זענען אַרײַנגעטון מיט לײַב־און לעבן אין די שפּילביינדלעך. ער האָט געקוקט אויף די פּנימער, וואָס זענען געווען אָנגעגאָסן מיט רויטקייט, אין די מײַלער זייערע האָבן געפּיפּקעט גראָבע ציגאַרן. אינעם רויך האָבן זיך געהילט די קעפּ, אַ מאַסע קעפּ. מיט האָר, אָן האָר. אַלץ באַוועגט זיך, רוישט און זשומט ווי אין אַ בינשטאָק.

אין אַ זײַט האָט בערל באַמערקט זיצן שמעון. ער האָט געטרונקען אַ קאַווועלע און געקוקט אויף אים וווילעריש מיט זײַנע גלאַנציקע שוואַרצע אויגן:

— זעץ דיך, בערל — האָט ער אים געגעבן אַ צי פאַרן אַרבל און גלײַך גענומען פּאַטשן מיט די הענט צום קעלנער:

— מאָסאָ! [1] — און צו בערלען — וואָס טרינקסטו? אַ קאַוועלע, צי אַ קאָר־טאַדאָ? [2] — און צוריק צום קעלנער — נאָך אַ קאַוועלע, פּאַר פאַוואָר [3].

— וואָס איז מיט דיר, בערל — האָט שמעון אים באַטראַכט פאַרשעריש — איך זע דו ביסט נישט אַזוי מיט אַלעמען... גייסט אַרום ווי אַ יענעוועלטיקער!

נאָך איידער בערל האָט אויפגעמאַכט ס׳מויל איז אים שמעון פאַרלאָפן דעם וועג:

— נאָר אָן פילאָזאָפיע, בעט איך דיך. צו מיר זאָלסטו רעדן ווי אַ פּראַקטישער מענטש — צו דער זאַך. די אַלע באָבע־מעשות בין איך דיר מוחל.

בערלען האָבן די רייד אַ ברי געטון:

— די באָבע־מעשות געפעלן דיר נישט, נאָר זיצן און פּטרן טעג אין באַר „לעאָן" בײַ אַ דאַדע, צי אַ דאָמינע איז בעסער?

— בעסער קעגן דײַנע ביכער איז עס נישט. ס׳איז אָבער בעסער קעגן די פערדלעך, פוטבאָל, רולעטע. פאַרגעס נישט, ברודערקע, — האָט שמעון געהאַלטן פאַר אים אַ פּראָפעסאָרישע לעקציע, — אָט דאָס איז עס דאָס אַמעריקע. דאָ גייען נישט די אַלטע שטיק מיט לייענקרײַזן, שפּילקרײַזן, זינגקרײַזן. דאָס איז דאָ ווערט אָן אויסגעבלאָזן איי. אַמעריקע האַלט נישט דערפון און וויל זיך נישט קענען הערויף. דאָ דאַרף מען האָבן אַ ליידיקן קאָפּ. וועסט אָנשטאָפּן דעם קאָפּ מיט ביכער, מיט מאַרקסן, מיט באַקונינען, מיט פּלעכאַנאָוון — וועט דיך קיינער מער נישט נעמען ערנסט. דו ביסט אין אַמעריקע, שוטה איינער! איך האָב דאָס אַלץ שוין לאַנג אָוועקגעוואָרפן, אַרויפגעלייגט אויפן בוידעם ווי אַלטע שמות...

בערל האָט געפילט ווי שמעון וואָלט אים מיטן וואָרט „אַמעריקע" דער־לאַנגט ווי מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ.

[1] קעלנער.

[2] אַ קאַוועלע מיט מילך.

[3] זײַט אַזוי גוט.

— וואָס איז אַמעריקע שולדיק, אַז די אַלע דאָ צעפּטרן זייער פּרײַע צײַט אויף שמאָנצעסעוואַטע שפּילעמייקעס וואָס מער ווי קאַפּווייטיק בלײַבט זיי נישט איבער נאָך אַלע געווינסן? זע די פּנימער — ווײַזט בערל אָן מיט דער האַנט — וואָס זאָגן זיי דיר?

— זײַ נישט קיין יאָלד, בערל! פּנימער שמענימער — געלט מאַכן זיי! ווײַטער איז אַלץ נאַ פּלעוואַט! וועסט זיי נישט איבערמאַכן!

— טאַמאַ [1] — האָט אָן עלנבויגן אַ קלאַפּ געטון אין אַ טישל.

באַלד האָט ווער בײַ אַ צווייט טישל זיך געהיצט און אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן צום אַנטקעגנזיצנדיקן שכן בײַם טישל:

— קאַליקע וואָס דו ביסט! זע ווו דו גייסט!

אַ קיביצער, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זײַט און זיך צוגעקוקט צו די צוויי צעהיצטע געמיטער, האָט אונטערגעשמייכלט און זיך צעזונגען:

— טשיוואָ! טשיוואָ!

שמעון האָט ווײַטער גערעדט, געשאַטן פּריסיקע רייד אויף בערלען אַז עס האָט אים אונטערגעהויבן פון אָרט. ווי גיך אַ מענטש קאָן עס שלום מאַכן מיט ירידה, זיך געפינען אין אַ סביבה, וואָס איז אויסגעליידיקט פון יעדן אינהאַלט, וואָס דעגענערירט און גייט צו גרונט. בערל האָט שוין נישט געהערט וואָס שמעון רעדט צו אים. קיין וואָרט איז שוין צו אים נישט דערגאַנגען. אינעם געריש און געפּילדער איז בערל געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן, געפילט ווי די גאַנצע וועלט גייט באַרגאַראָפּ, זינקט... און אַלץ אַרום רויעט זיך ווי אַ קופּע נאַסע ווערעם...

— אוווּף! — האָט בערל אויפגעשוידערט. שמעונס אויגן האָבן בערלען גע־פּרעסן מיט חוזק. בערל האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן פון טישל. זײַנע פיס האָבן זיך געפּלאָנטערט, ווי אַ געפּענטעטע פערד אויף אַן אָפן פעלד. ער איז גע־גאַנגען שלאַבעריק, ווי ס'וואָלט אים ווער כסדר פאַרשטעלט דעם וועג. ער האָט זיך קוים דורכגעשלאָגן דורך די פּולבאַזעצטע טישלעך און אַרויס אין דרויסן.

דער רעגן איז געוואָרן גרעסער, שטאַרקער. שטראָמען וואַסער האָבן אויף אים גענומען כליאַפּען און ווייקן די ביימער בײַם ראַנד טראָטואַר. בערל האָט גענומען אונטערלויפן. דער אָפּהילך פון זײַנע טריט האָט זיך אויסגעמישט מיטן ראַשיקן פאַלן פונעם רעגן. דער רעש פון דער קאַפּע האָט אים נאָך אַלץ נאָכגע־יאָגט. דער רעגן האָט אים, ווי די ביימער, דורכגעווייקט ביזן ביין, געשמיסן אים ווי מיט ריטער אין פּנים אַרײַן נאָר ס'האָט אים נישט געאַרט: — ביסט ווערט די שמיץ, בערל!

אַ כראָפּען, אַ פּײַפּן מיטן נאָז און אַ געדעמפּטע שווייסיקע לופט האָט בער־

---

[1] נעם.

לען אַ שלאָג געטון אין פּנים אַרײַן. זײַנע בליקן האָבן זיך פֿאַרהאַלטן בײַם בעטל ווו יאָסל איז געשלאָפֿן.

— ווי רויִק דאָס שלאָפֿט זיך! — האָט ער אַזוי געקוקט אויף זײַן מיטוווי־נער, אים מקנא געווען און באַדויערט... מיט אַ טיפֿן זיפֿץ האָט ער זיך גענומען אויסטון. פֿון דער גערדיכטער פֿינצטערניש האָבן אויפֿגעבליצט צוויי שפּיזיקע אויגן, וואָס האָבן אים דורכגעשטאָכן און אין אויער האָבן געזשומעט ווערטער:

— ביסט אין אַמעריקע, שוטה!

בערל פֿילט ווי ער ווערט פֿאַרברענט פֿון היץ. — וווּ טוט מען זיך אַהין? וווּ גייט מען? וווּ זוכט מען ערגעץ אַן אײַנהאַלט? — בערל שפּירט ווי ס׳לעבן גייט איבער אים ווי אַ טעמפּע זעג, צעשנײַדט אים, צערײַבט אים.

„איך מאָן נישט קיין געטלעכן חשבון פֿאַר טרערן,
די וועלט די באַנײַטע ועט מיר נאָך געהערן״.

שורות געלייענטע קומען אַרויס אויף זײַנע ליפּן און ער שעפּטשעט זיי ווי אַ תּפֿילה. די קלעפּיקע פֿינצטערניש איז נאָך געדיכטער געוואָרן. מיט צעריסענע חשבונות און בריִעדיקע טרערן, איז בערל געבליבן ליגן אַ פֿאַרמוטשעטער אויפֿן בחורישן געלעגער:

— נישט דאָס איז אַמעריקע.

# אויף אַ יום־טוב...

שוין עטלעכע טעג ווי אַ שווערע היץ מאַטערט די מענטשן. אַלץ באַוועגט זיך פויל. די לופט איז געדיכט און שטיקנדיק, שווער צו אָטעמען. דער הימל, וואָס צו אים זענען געווענדעט אַלעמענס בליקן, מיניעט זיך בלאָלעך־גראָ, ווערט כמורנע. עס גייט דורך אַ שעה, צוויי און ער העלט אויף ראָזלעך. ס'צעשווימט זיך די אילוזיע פון רעגן, אַ ביסל דערפרישונג. די צווײַגן פון די ביימער הענגען אַראָפּ פאַרחלשטע, וויאַלע. מענטשן באַגעגענען זיך מיט זיפצן: — שווער אויסצוהאַלטן פון דער היץ.

אינעם שנײַדער־וואַרשטאַט פון בערל גרויסמאַן איז אַ גיהנום. די האַנט־פּרעסערס מיט אָנגעגליטע אײַזנס, פּרעסן נעט פון רעקלעך און הויזן. די פּרעסמאַשינען אויף פּאַרע זעצן מיט גיהנומדיקער דאַמפּהיץ, וואָס צעטראָגט זיך איבערן לאַנגן לאָקאַל, ווו ס'זיצן אַכציק מאַשינערס געבויגן איבער זייערע מאַשינען און יאָגן פון זיך די כוחות אַרויס.

דער גאַנצער וואַרשטאַט אָטעמט מיט שווייס פון צעוויגטע מענטשלעכע גופים. די לײַבער פון די פּרעסערס זענען צעפּרײַעטע פון דער הייסער פּאַרע, וואָס נעמט זיי דורך. ריטשקעס שווייס רינען זיי פון די פּנימער, בײַ די שלייפן: אויסגעווייקטע אין אייגענעם שווייס דריקן זיי אויף די פּעדאַלן און ענדיקן אויס רעקלעך און הויזן אין די הונדערטער.

לייבל, דער עלטסטער פּרעסער, וואָס שטייט שוין אַזוי פופצן יאָר בײַ זײַן פּרעסמאַשין, פילט ווי ס'פעלט אים לופט. ער נעמט אַ האַנט וואַסער, באַוואַשט זײַן פּנים, אָטעמט טיף אַרײַן אין זיך די לופט, נאָר עפּעס קלעמט בײַם האַרץ; גרויסע פײַערדיקע רעדער נעמען שווינדלען פאַר זײַנע אויגן און ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים איז ער אַ פאַל געטון לעבן דער מאַשין.

ווען ער איז געקומען צו זיך האָבן זײַנע אויגן שטאַר און פאַרחידושט געקוקט אַרום זיך ווי זיי וואָלטן געפרעגט: וואָס האָט פּאַסירט? ווער איז דאָס

מיידל וואָס שטייט לעבן אים?... — האָט ער פאַרזשמורעט זײַנע אויגן — יאָ, מאַריע. — זי דערלאַנגט אים אַ קאַלטן טרונק — אַ־אַ־אַ! גו, מאַריע — שאָקלט לייב מיטן גראָען קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך אַליין באַדויערט — געפאַלן... מע ווערט אַלט!...

* * *

אַהיימגעקומען איז לייב ווי יעדן טאָג — נישט איבערצושרעקן זײַן ווײַב — מיטן רעקל אָנגעהאָנגען אויף די פּלייצעס, גלײַך ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געווען געשען מיט אים. די פיס אָבער זענען אים געווען שווער ווי צווײ קלעצער, קוים וואָס ער האָט זיך דערשלעפּט ביז אין שטוב אַרײַן. נאָכן אַראָפּוואַרפן פון זיך אַלץ, האָט לייב אַרויפגעצויגן אויף זיך די פּיזשאַמע־הויזן און געפילט ווי ס׳גייט אויף אים אין אים אַ דערלײַכטערונג. די פאַרשוואַכטקייט איז אָבער נישט אָפּגעטרעטן. ער ציט זיך אויס אויפן אויסלייג־בעטל און בלײַבט ליגן מיטן קאָפּ אויף אַ זײַט. פון זיך אַליין שליסן זיך אים צו די אויגן. די שלאַבעריקע הענט ליגן ווי צווײ אונטערגעשאָסענע פייגל — מאַכטלאָז, ווי נישט צו קאָנען מער רירן מיט זיי, נישט צו טון קיין באַוועג.

ברכה, זײַן ווײַב, — וואָס איז נאָר וואָס אַרײַנגעקומען פון אַ שכנטע אַנט־קעגנאיבער, ווו זי איז געגאַנגען קלינגען אין פאַבריק אַרײַן געוויר ווערן פאַר־וואָס איר מאַן איז נאָך נישטאָ פון דער אַרבעט, — איז געבליבן שטיין אין דער טיר ווי פאַרשטיינערט, קוקנדיק ווי איר מאַן ליגט אַ פאַרשמאַכטער אויפן בעטל, ווי ער וואָלט שוין געווען אַ זקן, אָן כוח. זײַן געלע מראה אויפן פּנים האָט זי באַאומרויִקט און געשראָקן. מיט ציטערדיקע פיס איז זי צוגעגאַנגען צום בעט:

— וואָס איז דיר, לייב? פילסט זיך שלעכט? אפשר רופן אַ דאָקטאָר?

— ניין, מע דאַרף נישט. ס׳איז גאָרנישט. ס׳עט מיר איבערגיין. זי באַלד מיט אַ דאָקטאָר. כ׳וועל זיך איבערשלאָפן וועט מיר אָוועקגיין די מידקייט.

לייב איז איצט באַהערשט געווען פון איין פאַרלאַנג: שלאָפן, שלאָפן.

ברכה זיפצט אָפּ. אין די אויגן שטעלן זיך איר טרערן. זי פילט ווי אַ קנויל וואָלט איר געווען געשטיקט אין האַלדז. זי מוז אַרויסכליפּען איר צער, וואָס זי האָט אַזוי לאַנג געדריקט אין זיך. אַלע זייערע באַקאַנטע האָבן זיך אַרויפגעאַר־בעט, פאָרן מיט אייגענע קאַטשן, האָבן אייגענע זומער־וווינונגען, פּרעכטיקע טשאַלעטן, — רעדט זי מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ ווי צו זיך אַליין — און ער האָט זיך באַגנוגנט מיט אַרבעטן פאַר יידישע שולן, גיין אויף זיצונגען, פירן אַק־ציעס, זאַמלונגען. וואָס האָט ער אָפּגעשפּאָרט פון דעם אַלעם? און האָט אים ווער געזאָגט אַ וואָרט — האָט ער באַלד פאַרריסן שטאָלץ דעם קאָפּ מיט דער

פרי גראָ־געוואָרענער טשופּרינע: — מיר איז ווילער פון זיי!... שוין איינמאָל ווילער...

— שוין? דו הייבסט שוין ווידער אָן? — האָט לייב אויפגעעפנט זײַנע מאַטע אויגן און געזען זײַן ווײַב זיצן לעבן אים אַ פאַרווײנטע. זיך פילנדיק ווי שולדיק אין עפּעס האָט ער אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף איר אַקסל און גע־קוקט אין אירע גרויסע שוואַרצע אויגן — נו, זאָג אַליין, ברכה, ביסט דאָך נישט קיין נאַר, מוזן טאַקע אַלע האָבן קאַטשן? און אַן טשאַלעטן, מיינסטו, קאָן מען זיך נישט באַגיין? איז נישט בעסער אַזוי ווי מיר, וואָס פאָרן אויף זומער־ווױ־בונג יעדעס מאָל ערגעץ אַנדערש... נישט אַזוי ווי יענע, וואָס מוזן שטענדיק זיצן אויף דער זעלבער דאַטשע, דאָרט ווו זיי האָבן דעם טשאַלעט — יאָר־בײַ־יאָר? וויפיל מענטשן, זאָג מיר, האָבן שוין פאַרלוירן זייער לעבן צוליב די קאַטשן? באָך גוט, וואָס דו האָסט נישט צו מיר קיין טענה פאַרוואָס איך שפּיל נישט אין „פּאָקער" און ווײַז זיך נישט אין קאַסינאָ בײַ דער רולעטע.

אַ ביסל אַ פאַרלוירענע פאָרן פאַרשאַפן דעם מאַן אומזיסטן עגמת־נפש, נאָך דערצו ווען ער פילט זיך שלעכט, פּרוווט ברכה פאַרגלעטן:

— זיפצן טאָר איך שוין אויך נישט? די יאָרן לויפן, לייב. גיב אַ קוק אויף זיך. די אויגן טיף אין קאָפּ, דאָס פּנים בלאַס, און די אָדערן אויף דײַנע הענט — אויפגעלאָפן פון שווערער פּראַצע. צוזאַמען מיט מײַן ברודער ביסטו געקומען אַהער. ביסט ייִנגער פון אים מיט צוויי יאָר און זע ווי ער זעט אויס, זיך אַרויפ־געאַרבעט ווי אַ מענטש.

לייבס האַנט האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון איר אַקסל. אירע ווערטער האָבן געווירקט אויף אים פּונקט קאַפּויער וואָס זי איז אויסן געווען. אָן אַ וואָרט אַרויס־צורעדן מער איז ער אויפגעשטאַנען און אַרײַנגעגאַנגען אין באַניע זיך אַרומ־וואַשן.

נאָכן איבערכאַפּן עפּעס, ווען לייב האָט זיך צוגעלעגט אַ ביסל אויפן פאָ־טעל אין אַנדערן צימער, האָט ער דערפילט ווי פרישע כוחות שטראָמען אין אים, גיסן זיך אַן אין זײַנע גלידער. די צעפּאַרעטע היץ אין וואַרשטאַט לייגט אים אַוועק. אַז ער קומט אַרויס אין דרויסן ווערט ער אַן אַנדערער מענטש. ווען נישט דעם ווײַבס יאָדען אים מיט איר ברודער, דעם גביר, וואָס ס'נעמט אים צו אַ שטיק געזונט צוליבן אויפרעגן זיך, וואָלט מען נאָך געקאָנט לעבן אויף דער וועלט.

אַזוי זיצנדיק אין פאָטעל מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן ווענטל האָט ער אָנגע־שפּיצט זײַן געהער. ער האָט אויפגעכאַפּט דאָס אַקצענטירטע ענטפערן פון זײַן טאָכטער, אַז זי וויל נישט גיין אויפן יום־טוב, וואָס איר פעטער סאַלאָמאָן מאַכט הײַנט בײַ זיך אין דער היים.

ברכה האָט זיך געבעטן בײַ איר מיט אַ ציטער אין האַרץ:

— איין פּעטער האָסטו — אַלץ איז אומגעקומען אין פֿײַער. ס'איז דיר געבליבן איין קוזינקע, נישט מער, איז ווי קאָנסטו פֿילן אַזאַ האַס צו איר? פֿאַר־וואָס? פֿאַר וועלכן? וואָס האָסטו צו זיי? זיי האָבן דיר געטון שלעכטס? באַליי־דיקט, צי ווייס איך וואָס?

— איך פֿיל צו זיי גאָרנישט און כ'האָב צו זיי גאָרנישט. דאָס אַלץ.

לייב איז אַרײַן אין אַנדערן צימער. די גראָע האָר צעפּלאָשעט, מיט אונ־טערגעשוואָלענע אויגן־טאָרבעלעך, ווי ער וואָלט וויפֿל נעכט נישט געווען גע־שלאָפֿן. מיט אַ טרוקן קול האָט ער גענומען צושטײַן צו דער טאָכטער:

— ווו איז עס געהערט געוואָרן, אַז אַ קינד זאָל נישט וועלן גיין מיט טאַטע־מאַמע, האַ? וואָס, שעמסט זיך מיט זיי? זיי שטייען דיר נישט אָן? קיין טאַטע־מאַמע קאָן מען זיך דאָך נישט צוקלײַבן. מע מוז זיי נעמען אַזוי ווי זיי זענען, מיט אַלע זייערע חסרונות און זיטן. וואָס זשע מאַכסטו קונצן וואָס? ביסט דאָך שוין אַ דערוואַקסן מיידל און פֿירסט זיך אויף ווי אַ קליין קינד...

די נײַנצניאָריקע אסתר — אַ הויכע און שלאַנקע — האָט אַ וואָרף געטון מיטן קאָפּ בלאָנדע האָר מיט עקשנות און גנבישן בליק אין פֿאָטערס זײַט, ווי זי וואָלט געפֿילט אינסטינקטיוו, אַז נישט געקוקט אויף די אַלע רייד, איז ער אויף איר זײַט. מיט איר קעגנשטעלן זיך דער מאַמעס קאַפּריזן דריקט זי, אייגנטלעך, אויס דעם פֿאָטערס געדאַנקען. מיטן רעדן אַקעגן און נישט וועלן גיין צום פּע־טער אויפֿן יום־טוב — טאַקע דערפֿאַר ווײַל די מאַמע וויל אַז זי זאָל זיך דאָרט באַווײַזן — דערפֿילט זי דעם טאַטנס ווילן און הייסן ווונטש. אין זיך קוועלט ער פֿון אסתרס האַלטונג. ער וואָלט אויך געדאַרפֿט האַנדלען אַזוי ווי זײַן טאָכטער...

* * *

לייב האָט געשעפּט נחת פֿון זײַן ברכהן: ווי שיין זי זעט אויס אין איר גע־בלומט זײַדן קלייד! ס'מאַכט איר אַ סך יינגער. ווי זי וואָלט ערשט געווען איבער די דרײַסיק. שלאַנק, כאָטש נישט געענוג הויך. אָבער רירעוודיק. די האָר האָבן ערטערווײַז אַרויסגעוואָרפֿן גראָע פֿעדעם. דאָס פּנים גלאַט, אָן קנייטשן. נאָר טיף אין זײַן נשמה האָט אַ פֿאַרביטערטקייט אים גענאָגט — פֿאַרוואָס צאַפּלט נישט אַזוי איר ברודער ווען ער דאַרף אַמאָל קומען זען זײַן שוועסטער? ער באַהאַלט זײַן פֿאַרדראָס, קוקט זיך צו ווי זײַן ווײַב פּאַקט אײַן זאַרגפֿעלטיק דעם טאָרט מיט שלייפֿעלעך און צאַצקעס זיך אַזוי ווי זי וואָלט באַדאַרפֿט גיין דער־מיט צום קייסער.

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן? — האָט לייב פֿאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל — ס'וועט זײַן אַ רעגן. די פֿלייצעס שטעכן מיר, ווי שפּילקעס זאָלן דאָרט

אַרומקריכן. די פּאַסקודנע וועטערן. הלוואַי רעגנט שוין אָפּ. כ׳האָב שוין נישט קיין כוח צו די פּאַרנע טעג.

— אַ קינד זאָל זײַן אַזוי פאַרביסן, — האָט ברכה איבערגעהאַקט דעם שמועס וועגן וועטער און זיפצנדיק אַרויפגעוואָרפן די שולד אויף לייבן, וואָס שטענדיק, אַז ס׳קומט צו עפּעס, איז ער נישט ווי אַ טאַטע דאַרף זײַן, — גיסט זיי נאָך די שמד ווערן זיי צעלאָזן.

— נו, קום שוין, לאָמיר שוין גיין. כ׳האָב פּײַנט צו זײַן פון די לעצטע בײַם טיש.

* * *

קלאַנגען פון פריילעכער מוזיק האָבן אַרויסגעהילכט אין דרויסן. צעפּראַלטע פענצטער, העל־צעלויכטענע, האָבן אָנגעזאָגט יום־טובדיקייט. באַלד בײַם אַרײַנטרעטן די שוועל האָט זיך לייבן אויסגעוויזן אַז די ווײַנונג פון זײַן שוואָגער סאַלאָמאָן וואָלט עפּעס ווי קלענער געוואָרן — אַזאַ עולם געסט איז זיך דאָ צונויפגעקומען. די שוועגערין פלאָרע האָט זיך האַרציק אַרומגעכאַפּט מיט אים, געהאַט טענות למאַי די טאָכטער איז נישט מיטגעקומען. ברכה האָט געפּרוווט פאַרגלעטן מיט עפּעס אַ תירוץ, וואָס פלאָרע האָט איידל אָנגענומען פאַר גוט געלט. אויך סאַלאָמאָן איז אַרויס מיטן זעלבן פּזמון און פאַרריכט אויף זיך דאָס צעכראַסטעטע ספּאָרטהעמדל, וואָס האָט זיך געריסן מיט אַ שפּיץ קאָלנער אויף דער קלאַפּע אַרויס.

לייב האָט געפילט, אַז אויך ער וואָלט דאָ נישט באַדאַרפט זײַן. פלאָרעס נאַקעטע פלייצעס און דער פאַרנטיקער טיף־אויסגעשניטענער דעקאָלט האָבן אַרויסגעקוקט מגושמדיק און אַריבערגעקוואָלן מיט דער פליישיקייט דאָס עלאַסטיש־אײַנגעצויגענע בלאַזײַדענע קלייד. סאַלאָמאָנס לויפן מיט די בלאָע אויסגעפרעסטע הויזן מיט אַ לאַנגער גאָלדענער קייט האָט זיך לייבן אויסגעוויזן ווי יענער וואָלט זיך געמאַכט פאַרן גאַנצן קנאַקער. עפּעס אַ קלייניקייט, ער, שלמה שנײַדער, איז געוואָרן אַ פאַבריקאַנט פון גרויסן שניט. צענדליקער מענטשן אַרבעטן פאַר אים. נו, איז ער נישט דאָס אייבערשטע פון שטייסל?

זײַן טאָכטער, כּוּאַנע, אײַנגאַנצן געראָטן אינעם טאַטן, שטייט אין קרײַז פון אירע יונגע פרײַנדינס און פרײַנד. קאָקעטירט מיט איר שיינעם צוקונפטיקן חתן... די מוזיק האָט זיך אַ צעשפּיל געטון ראַשיק און הייטער. דאָס יונגוואַרג דרייט זיך אַרום ריטמיש צעוויגט. די ייִנגלעך קאָנען זיך קוים דערוואַרטן אויף דער „בײַלע״ מיט די טענץ וואָס קומען נאָכן עסן.

— זייער וועלט! — שמייכלט לייב צו זיך אַליין.

ער האָט פרײַער אָפּגעאָטעמט, ווען די באַלעבאַטים זענען פון אים אַוועק אויפנעמען פרישע געסט, וואָס זענען געקומען אויסגעסטראַיעטע אויפן יום־טוב.

מיט פּאַמעלעכע טריט איז לייב אַרײַן אין דער גרויסער אַכט־מעטערדיקער סאַלע, ווו די טישן זענען געווען אויסגעשטעלט אין דער פאָרעם פון אַ „ח״. אויף די טישן זענען געווען געגרייט צעשניטענע שמאַלציקע אוליקעס, מאַרי־נירטע הערינג מיט ציבעלעס און ווייסן קראַצבאַרשט, סאַרדינען, אַליוון, צונג אין זויערן און נאָך גערעלצענע מאַכלים, וואָס לייב האָט נישט געוווסט ווי מע רופט זיי.

בלאָנדזשענדיק אַזוי מיט זײַן בליק איבער די אָנגעשטעלטע טישן איז לייב פאַרצאַפּלט געוואָרן. ער האָט געפילט ווי ס'האַרץ קלאַפּט האַסטיק, ווי ס'וואָלט אים פאַרפעלט אָטעם. אינדערמיט פונעם מיטלסטן טיש איז געשטאַנען אַ קליין ביימעלע, באַהאָנגען מיט בלישטשענדיקע צאַצקעס פון פאַרשידענע קאָלירן. לייב האָט זיך נישט צוגעגלייבט זײַנע אייגענע אויגן:

— וואָס איז דאָס? דאָס איז דער הײַנטיקער יום־טוב?

אַרום די טישן זעצן זיך אויס נאָענטע, פרײַנד. סאַלאָמאָן הייבט זײַן כוס:

— סאַלוט!

שטימען ענטפערן זיך איבער ווי אין אַ כאָר:

— סאַלוט! סאַלוט!

ברכה קוועלט פון איר ברודער, פון זײַן רחבות און זי ווינטשט אים בײַ זיך אין האַרצן, אַז ס'זאָל אים ווויל באַקומען זײַן עשירות. אָן זײַן שאָדן איר געזאָגט נישט ערגער:

— זע, לייב, ווי שלמהלע ווערט פון טאָג צו טאָג יינגער... כואַניטע שײַנט ווי אַ פּרינצעסין...

לייב האָט נישט געהערט און נישט געזען וואָס אַרום אים טוט זיך. ער איז געזעסן ווי פאַרטשמעליעט. פּלוצים האָט ער זיך געטון אַ שטעל אויף, געררופן זײַן שוואָגער מיט זײַן היימישן נאָמען:

— שלמהלע! — האָט אים לייב אויפגערופן — זאָג מיר נאָר, שלמהלע, וואָס איז דאָס דאָ אויפן טיש? — האָט ער מיטן ווײַזפינגער, וואָס האָט געצי־טערט אינדערלופטן, געשטאָכן אויף אַהין, ווו ס'איז געשטאַנען דאָס באַצירטע ביימעלע.

סאַלאַמאָן האָט דערפילט ווי עמעצער וואָלט אים אָנגעכאַפּט בײַם גאָרגל און וואָרגט אים. ער האָט גענומען שטאַמלען, מאַכן מיט די הענט, נאָר קיין קלאָרע ווערטער זענען פונעם מויל נישט אַרויסגעקומען. צום סוף האָט ער אַ מאַך געטון מיט ביידע הענט אינעם חלל:

— ווייסעך וואָס... נאַרישקייטן... פאַר די קינדער... זיך צו שפּילן... וואָס פרעגסטע קשיות וואָס?

אַלעמענס בליקן זענען געווען געווענדט צו לייבן, וואָס האָט געמאַכט אַן

איינדרוק פון אַ מענטש, וואָס האַלט ערב משוגעת. זיינע אויגן, וואָס זענען אים ווי געקראָכן פונעם קאָפּ, האָבן געגלאָצט צום אָרום, ווי זיי וואָלטן פאַרצווייפלט געזוכט הילף, נאָר זיך אָנגעטראָפן אויף טויבע אויערן.

— וואָס טוט זיך מיט דיר, לייב, — האָט זיך ברכה געבראָכן די הענט, — צעשטער נישט מענטשן קיין יום־טוב! ביסט פון זינען אַראָפּ?

אַ אירזנישער שמייכל האָט צעקרומט זיינע פאַרבלויטע ליפּן:

— אַ יום־טוב איז היינט? וואָסער יום־טוב?

אַ רעזיגנירטער האָט זיך לייב צוריקגעזעצט ווי אונטערגעהאַקט. אַרום האָט זיך ווידער געהערט אַ וויוואַט און אַ קלינגען פון גלעזער מיט שאַמפּאַניער באַגלייט פון הילכיקע געלעכטערס און פריילעך געריידל. לייב האָט געהאַלטן זיין קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף זיין רעכטער פויסט, פאַרזונקען אין מחשבות, וואָס האָבן אים אָוועקגעפירט אין אַ ווייטער צייט. ער האָט געזען פאַר זיך די נאַכט פון ניטל אין דער אַלטער היים. אַלע בתי־מדרשים זענען פאַרמאַכט. די קינדער גייען אַהיים פרי פון חדר. מע לערנט נישט. טיר־און פענצטער ביי אַלע יידן זענען פאַרהאַקטע. די וועלט שטאַרט אַ ווייסע און אַ קאַלטע, מיט אַ פראַסטיקן אָטעם. אַן אומהיימלעכע שרעק נעמט אַרום אַלץ און אַלעמען. עס ברומען אים אין די אויערן די צעוויגטע קלויסטערגלאָקן, וואָס מאַכן קלאַפּן יידישע הערצער, און יידישע אויערן ווערן אָנגעשפּיצט צו יעדן שאָרך, צי מע בראַזגעט נישט קיין יידישע שויבן, צי מ׳הערט נישט קיין געשרייען, קיין יידישן ג־ור־אַ־ל־ד!!

— ניין! — האָט לייב זיך ווי איבערגעוועקט — ניטל איז היינט, שלמהלע, האָסט אַ טעות, היינט איז ניטל!

די יוגנט האָט זיך צעלאַכט פונעם אַלטנס טומלען. זיי האָבן מיט די וויזפינגער געדרייט ביי די שלייפן פון זייערע קעפּ, וואָס באַטייט דאָס זעלבע וואָס משוגע, דער אַלטער איז צעדרייט...

— ס׳איז נישט אונדזער יום־טוב! — האָט לייב גענומען קלאַפּן אין טיש.

די שווערע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך געזאַמלט דעם גאַנצן טאָג און געשטיקט מיט פאַרנעקייט יעדעס לעבעדיקע באַשעפעניש, האָבן גענומען יאָגן מיט שאַרפע זיגזאַגיקע בליצן. אַ קיל ווינטל האָט זיך צעבלאָזן און אויפגעפרישט מענטש, חיה און פלאַנץ: — אַ־אַ־אַ! — האָבן מענטשן זיך געקוויקט ביי אויפגעמאַכטע פענצטער. אַ סך געסט האָבן — איבערגעזעטיקטע, מיט פאַרפעטסטע ליפּן פון פאַסמאַקעווען זיך מיט די גוטע עסנס, געצויגן מיט די אַקסלען אויפן סעניאָר סאַלאָמאָנס שוואָגער, וואָס מוז נעבעך זיין נישט מיט אַלעמען, ווייל ער האָט זיך נישט צוגערירט, נישט טועם געווען פון די טייערע געשמאַקע מאכלים.

אין דרויסן האָט מיטאַמאָל אַ פּלייץ געטון אַ שטאַרקער רעגן, זיך געצויגן סטרוגעסווייז פאַרביי די אָפענע פענצטער. לייב האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט

שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ער איז געקומען אויף אַ יום־טוב, וואָס איז נישט קיין יום־טוב, נאָר עבודה־זרה. זײַנע טענות זענען אָבער געפאַלן ווי אַ שטיין אין וואַסער, פאַרשלונגען געוואָרן אין די רוישיקע כוואַליעס פון פרייד און געלעכ־טער. קיינער האָט אים נישט געהערט, ווי אַלע וואָלטן געווען טויבע. זײַן בעטן זיך בײַ סאַלאָמאָנען, אַז ער זאָל אַראָפּנעמען דאָס יאָלקע־ביימל פון טיש איז געווען אַרויסגעוואָרפן ווי אויפן מיסט. איבערן זאַל איז געשטאַנען אַ טומלדיק גערײדערײַ און געקלאַנג פון לעפל־מעסער־גאָפל־טעלער, אַקאָמפּאַנירט פון אַן אָרקעסטער, וואָס האָט געשפילט אַרגענטינער פאָלקלאָר־מאָטיוון, וואָס האָבן דערמאָנט אין די ווילדע שבטים אין דזשונגל, און זיך צונויפגעמישט מיטן צאָרנ־דיקן דונערן און שטורעמדיקן שלאַקסרעגן אין פאַרפלייצנדיקן דרויסן.

# הינטער די אייגענע שאָטנס

די בלאָנדע שלאַנקע מירל האָט דערפילט אין זיך אַ מאָדנע אומרו־קייט מיט אַ שווערקייט צוזאַמען. זי האָט אויפגעשווידערט פונעם געדאַנק וועגן דער אומגעריכטער ענדערונג וואָס קומט אין איר פּאָר. דער דאָזיקער געדאַנק עקבערט אין איר עקשנותדיק און וויל פון איר נישט אָפּטרעטן. צום סוף ווערט זי באַהערשט פון אַ גלײַכגילט און בלײַבט אַזוי זיצן אַ פאַרזונקענע אין זיך. אויף אירע בלאַסע באַקן באַווײַזן זיך רויטע פלעקן, זיי פאַרשווינדן און קומען אַרויס... אַן אומהיימלעכקייט ווייעט פונעם גלאָץ פון אירע גרויסע בלאָע אויגן וואָס זוכן אַן אָנהאַלט אין דער אַרומיקער ליידיקייט.

מירל גיט זיך ראַפּטעם אַ כאַפּ־אויף ווי אַן איבערגעוועקטע חיה. איר בליק בלאָנדזשעט איבער די רייען בילדער, — איינגערעמטע און נישט־איינגערעמטע, — וואָס זענען צעהאָנגען איבער אַלע ווענט, און פאַרהאַלט זיך שטאַר אויפן גרויסן בילד אַנטקעגן, וואָס פאַרנעמט דעם אויבן־אָן. זעקס יאָר ווי זי קוקט דערויף יעדן טאָג און עפּעס ווי ס׳וואָלט זי מיטאַמאָל אויפגעהערט צו אינטע־רעסירן... זי דערפילט אַן איבל ביז קאָפּשווינדל און כאַפּט זיך אַן מיט דער האַנט אין קאָמאָד. איר מויל קרומט זיך אויס אין אַ גרימאַסע, ווי זי וואָלט געפילט אַן עקל צו זיך אַליין.

אויפן בילד זעט זי זיצן צוויי יונגע מענטשן בײַ אַ טישל. זיי קוקן זיך צעשמייכלטע אין די אויגן אַרײַן. ער האַלט זײַן רעכטע האַנט אויף איר לינקן אַקסל. די אויגן זײַנע שײַנען. אויפן טישל ברענט אַ ליכטל, ס׳פלעמל איז אויס־געקרומט און די שאָטנס פונעם פּאָרל בייגן זיך אײַן ביז איבער דער סטעליע אַריבער. דאָס איז זי מירל און אַהרן דער יונגער מאָלער. זײַנע ווערטער, וואָס

האָבן ביז דאָ נישט לאַנג אַזוי שיין געקלינגען אין אירע אויערן, פּאַלן אַרום איר ווי פּאַרוויאַנעטע בלעטער פון אַ בוים. זי גיט אַ האַסטיקן וואָרף דעם קאָפּ העלע האָר אויף אַרויף, די האָר צעשיטן זיך גאָלדיק אויף אירע שמאָלע קינדישע אַקסלען. אַ באַרויקטע נעמט זי זיך רוימען די שטוב.

זי בלײַבט שטיין בײַם גרויסן שפּיגל, וואָס האָט זי אַרײַנגענומען אין זיך אין דער גאַנצער גרויס. זי ציט אײַן דעם שלאָפראָק, זי וויל זײַן דין, שלאַנק און בויגיק ווי אַמאָל, באַלד שטופּט זי אַרויס דעם בויך. אַרום די בלייכע ליפּן קרומט זיך אויס אַ ביטערער שמייכל, וואָס וואַקסט איבער אין אַ געלעכטער. זי פּילט אַז עפּעס אומפאַרשטענדלעכס קומט פאָר מיט איר און נעמט זיך שרעקן פאַר זיך אַליין, וואָס מער זי וויל זיך באַהערשן און האַלטן חשבון פון דעם אַלעם, וואָס קומט דאָ פאָר אין אַרום, אַלץ מער גיט זי נאָך דעם קאַפּריז און חזרט ווידער איבער די זעלבע שפּיל מיט זיך...

אומבאַמערקט האָט מירל דערזען פאַר זיך די שכנטע פון אַנטקעגנדיקן דע־פּאַרטאַמענט מיטן קינד בײַ דער זײַט. סעניאָראַ ראַקעל איז געשטאַנען אין דער טיר. מירל האָט זיך דערפילט ווי מע וואָלט זי געכאַפּט בײַ דער האַנט.

— מע קאָן אַרײַנגיין?

— קומט נענטער, קומט!

ראַקעל האָט מיטן בליק דערפילט די פאַרענדערטקייט. ס'האָט זי געשראָקן די אומהיימלעכע פאַרנעפּלטקייט פון מירלס אויגן. עפּעס ווי זי וואָלט אויסגע־מיטן צו קוקן אויף איר קינד.

— זעט נאָר ווי שיין מײַן פונדיקל איז, צוויי יאָר איז אים ערשט געוואָרן.

מיט מאַמעשער פרייד האָט די שכנטע אַ קוש געגעבן ס'ייִנגעלע אירס אין קעפּל אַרײַן, דאָס קינד האָט זיך געריסן פון די הענט אַראָפּ, געבויגן ס'קײַלעכיקע קעפּעלע אויף אַלע זײַטן. די מאַמע האָט אים געגעבן עטלעכע ליבלעכע פּעטש־לעך און דערלאַנגט מירלען ס'קינד. מירל האָט אויסגעשטרעקט די הענט און ס'קינד איז געגאַנגען צו איר אָן קווענקלעניש. זי האָט צוגעדריקט דאָס קינד צו זיך, געקושט עס אין די פּולכנע בעקלעך, זיך אײַנגעקוקט אין די לויטערע בלאָע אייגעלעך און זיך פאַרטראַכט אַזוי אַ ווײַל מיטן פרעמדן קינד אויף דער האַנט.

ראַקעל האָט מיט צווייפֿלדיקער אַנצוהערעניש געוויזן אויפן קינד:

— האָרכט מיך, מירל... מע פאַרגעסט אין אַלע צרות.

די יונגע מאַמע האָט זיך לײַכט אײַנגעביסן מיט די ליפּן אינעם קינדס פּי־סקעלע. מיט אַ פריידיקער שטים גענומען רעדן צו מירלען אָפנע רייד, ווי אַ פרוי צו אַ פרוי. זי האָט גערעדט לאַנג און געשווינד, זי באַשיט מיט רייד און צום סוף צוגעגעבן:

— ס׳גייט אַלץ אַדורך... מע דאַרף זיך נישט שרעקן...
— כ׳שרעק מיך נישט... כ׳האָב זייער ליב קינדער.

* * *

ס׳זענען אַוועק דרײַ וואָכן. מירל האָט מורא געקריגן, אַז ס׳וועט זײַן צו שפּעט... זי האָט זיך געגרייט אויף אַ וויכוח מיט איר מאַן, זי ווייסט אַז איר אַהרן איז אַ שווײַגער, ער שווײַגט, ווען ער איז אַרײַנגעטון אינעם מאָלן. דע־מאָלט טאָר מען אים נישט שטערן מיט קיין וואָרט. ער שווײַגט בײַם מיטאָג, ווען זיי זיצן און עסן קאָן ער אויף צען ווערטער ענטפערן איינס און אַמאָל דאָס איינע אויך נישט. ביז איינמאָל בײַם טיש האָט בײַ איר געפּלאַצט דאָס געדולד, זי האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן די שווײַגיקע אָנגעשטרענגטקייט און געשפּאַנט־קייט. די צעררייצטע נערוון האָבן זי כסדר פאַרפאָלגט און געפירט פון איין סיטואַ־ציע צו אַ צווייטער אָן אַן אויסגאַנג. זי האָט זיך פלוצים געטון אַ שטעל־אויף, מיטביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ און אַרויסגעלאָפן פון שטוב אַרויס.

* * *

נאָכן אַרומוואַשן זיך, האָט זיך אַהרן געלייגט אויף דער סאָפקע אַ מידער, יעדער אבר האָט געלעכצט נאָך רו. דאָס דערווידערדיקע קריכן אויפן לייטער מאָלן ווענט און דאָס איינאָטעמען די שאַרפע ריחות פון די פאַרבן, וואָס ווערן געלייגט מעכאַניש — אַ שמיר נאָך אַ שמיר — האָבן אים שטענדיק אַרײַנגע־ברענגט אין צערודערטקייט און דערשעפּטקייט. ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַ ביסל אויף אַ זײַט, געשלאָסן די אויגן און אײַנגעדרעמלט אַ פאַרוויגטער אין אַ חלום — פרײַ פון יעדן עול און זאָרג... אויס מיט אַלץ, אויס...

מירל האָט זיך געפּאָרעט אין קיך בײַם צוגרייטן דאָס אָוונטברויט און אין דער זעלבער צײַט האָבן טונקעלע מחשבותן געיאָגט אין איר, ווי וואָלקנס איבער אַ הימל ערב שטורעם. געטריבן פון אַן אימפּעט איז זי פלוצים אַרײַן אין שטוב און געבליבן שטיין פאַר אַהרנען לעבן דער סאָפקע.

אַהרן האָט זי אַ דערשטוינטער אָנגעקוקט און נאָך אַ ווײַל אַ פרעג געטון מיט אַ צעוויגטער ברוסט:

— וואָס איז געשען, מירל? וואָס האָסטו זיך אַזוי צעיאָגט? וואָס איז מיטן דרינען?

מירל האָט זיך פאַרלוירן פון זײַן ברייט אויפגעריסענעם בליק און אַנשטאָט אַרויס מיט לשון — אַ זאָג געטון איבערדריסיק מיט בולטער איראָניע:

— דער טיש איז שוין גרייט, זאָל דער פריץ אַרײַנגיין עסן.

אַ שאַרפער פאַרדראָס האָט אַהרנען אַ ברי געטון פונעם ביטולדיקן טאָן

אירן פול מיט בײַסיקן חוזק, וואָס האָט זיך אַזוי נישט געפּאַסט צו איר מילד קינדלעכיק פּנים. ער איז געבליבן אַ רגע פאַרגאַפט פונעם גרינגעם פּײַערל אין אירע בלאָע אויגן. ער האָט נישט געקאָנט באַנעמען וואָס ס׳איז געשען. דאָך האָט אַ שמייכל, ווי שטענדיק, אַ שײַן געטון איבער זײַן פּנים. אַ פרוי — האָט ער בײַ זיך געטראַכט — בלײַבט אַ פרוי... קאַפּריזן...

ער איז אַרײַן אין קיך, אָן אַ וואָרט זיך געזעצט צום טיש און זיך פאַרקוקט אין אַ ווינקל. אַ שטילשווײַגן האָט אַלץ אַרומגענומען, בלויז צוויי הערצער האָבן האַסטיק געזעגט אַראָפּ — אַרויף. מירל האָט פאַרפלאָכטן אירע פינגער פון ביידע הענט און זיי קראַמפּהאַפט געדרייט און געבראָכן, פאַרריסן דעם קאָפּ אויף אַרויף און אַרויסגעקריגן פון זיך אַ טיפן קרעכץ.

— וואָס איז מיט דיר — האָט אַהרן זי פעסט אַ נעם געטון פאַר די אַקסלען און זיך אײַנגעקוקט אין אירע אויגן.

— גאָרנישט! — האָט זי געענטפערט — ס׳איז מיר גאָרנישט!

אירע ליפּן האָבן גענומען ציטערן און ווי אַ קליין קינד האָט זי זיך צעוויינט הויך אויפן קול.

אַהרן האָט זי אַרומגענומען, צוגעלייגט זײַנע ליפּן צו איר שטערן. זײַנע פאַסמעס האָר האָבן פאַרדעקט איר פּנים. ער האָט זיך אײַנגעזויגן אין איר קליין מויל... וואָס מער ער קושט זי אַלץ האַסטיקער צעהעשעט זי זיך.

— וואָס וויינסטו, וואָס איז שוין ווידער געשען? כ׳לאָז שטיין דאָס עסן און כ׳גיי אַוועק! — איז אַהרן אויפגעשפּרונגען פון טיש.

אַ מינוט איז געשטאַנען אַ פּײַנלעך שווײַגן. מאַן און ווײַב זענען זיך מיט־אַמאָל ווי פרעמד געוואָרן, אַ מחיצה איז אויסגעוואַקסן צווישן זיי, אַליין נישט ווייסנדיק צוליב וואָס. עפּעס אומקלאָרס און נײַעס דאַרף באַלד קלאָר ווערן, נאָר דערווײַל זידן די בלוטן... איר פּנים איז פאַרשפּיצט, און זײַנע אויגן, ווי צוויי עקבערס, גראָבן זיך אַרײַן טיף אין איר גאַנץ וועזן, ווילן עפּעס דערגיין:

— רעד! — שרײַט אַהרן נישט מיט זײַן קול און שטייט צו איר צו — רעד! זאָג איך דיר!

— כ׳וויל נישט, פאַרשטייסט! כ׳וויל נישט און גענוג!... אַזוי יונג... כ׳האָב נאָך צײַט! כ׳וויל נישט!...

אַהרן איז געבליבן שטיין אויסגעלעך רויק, ווי מירלס ווערטער וואָלטן אויף אים אינגאַנצן נישט געווירקט, נאָר טיף אין האַרץ בײַ אים האָט עס געקאָכט און געברויזט. ער האָט זיך צוריקגעזעצט צום טיש. מיט די פינגער עפּעס גענומען אויסקלאַפּן טאַקטן פון אַ מעלאָדיע און ביסלעכווײַז פאַרזונקען אין מחשבות. וויפל צער לעבן איבער קינדערלאָזע פאָרפעלקער?... און אַנדערע, אַזוי ווי זיי — וויפל פרייד?...

אַהרן האָט שטיל אַ פּליסטער געטון:

— ווילסט נישט זײַן קיין מאַמע? ניין? — קום צו אַ דאָקטאָר! דײַן פירונג, דאָס באַנעמען זיך דײַנס איז נישט צו פאַרשטיין, אינגאַנצן אָן געפילן.

די ווערטער האָבן מירלען געשניטן ווי מיט מעסערס. דער „קום צו אַ דאָקטאָר" האָט זי אויפגעטרייסלט. זי האָט געזען ווי אַהרן האָט זיך פאַרטיפט איבער אַ ווײַס שטיקל פּאַפּיר. מיט אַ רויטן בלײַשטיפט אין האַנט האָט ער גענומען האַסטיק אָנוואַרפן ליניעס. מירלען האָט אַרומגעכאַפּט אַ חרטה־געפיל. זײַן האַלטונג קעגן איר האָט זי אַרײַנגעפירט אין אַ מאָדנער פאַרלוירנקייט.

אַהרן איז צוריק אַרײַן אין שטוב, זיך געזעצט בײַם טיש און גענומען צייכענען.

מירל איז אַ שווײַגנדיקע נאָכגעגאַנגען, זיך געזעצט אין אַ ווינקל און זיך געביסן די נעגל פון דער רעכטער האַנט, באַטאַפּנדיק זיך מיט דער לינקער האַנט איר בויך.

אַהרנס האַנט האָט נערוועז אַרומגעפּלאָטערט איבערן ווײַסן פּאַפּיר און מיט יעדן שטריך איז אויסגעוואַקסן דאָס גרויסע געלעכטער אַרום די מוילווינקלען פונעם געצייכנטן לץ אין מיצל. שטיל איז ער צוגעגאַנגען צום בילד, וואָס ער האָט געמאָלן מיט זעקס יאָר צוריק, זיך פאַרטראַכט אַ רגע, גענומען זײַן נײַע צייכענונג און צוגעטשעפּעט צום אויבערשטן קאַנט פונעם בילד. ס'איז אויסגעקומען ס'געלעכטער איבער יוגנטלעכע חלומות...

ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. הײַזער צונויפגערוקטע און פאַרעמלאָזע קופּעס האָבן בולט געבלענדט אין דער פולער לבנה, זיך געהורבעט סילועטיש אין פאַנטאַסטישע גרופּעס. אינעם בלענדיקן שײַן האָט עס אַהרנען אַ טראָג געטון ווײַט, ווײַט צוריק אין זײַן היימשטעטל. אָט איז דער מאַרק, די גאַסן בערגיק און טאַליק, ס'וואַקסט מיטאַמאָל אויס דער סאָסנע־וואַלד, ווו ער האָט עס דאָ געפּלעגט אַרומטומלען מיט זײַנע חברים, זיך געיאָגט צווישן די ביימער... מיטאַמאָל טויכט אויף זײַן טאַטנס טויט. ס'געוויין פון אַלע און דאָס טוליען זיך פון דער מאַמען אין די קינדער אירע לעבן זיך... אַ טיפער ברי האָט אים ווי צוריקגעשלעפּט און אויף זײַנע ליפּן זענען צוגעקלעפּט געבליבן מירלס ווערטער — „כ'וויל נישט זײַן קיין מאַמע"...

אפשר קומען פאַר אין די אַלע שטיבער, וואָס זענען אַזוי הערמעטיש פאַרמאַכט, אויך אַזעלכע געראַנגלען צווישן מאַן און ווײַב?... אַ קיל ווינטל האָט געגלעט זײַן צעהיצטן קאָפּ. ער האָט זיך פּלוצים אויסגעדרייט, אַ מאָדנע בילד האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זײַנע אויגן. מירל איז געלעגן אין בעט מיט געשלאָסענע אויגן. איר קײַלעכיק פּנים איז באַגאָסן געווען מיטן רויטן שײַן פונעם

נאַכטלאָמפּ, אירע ברוסטן האָבן זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ. דער אָטעם איז געווען אַ גלײַכמעסיקער — שטיל, באַרויִקט.

אַהרן שטייט אַ צעשויבערטער און קוקט זיך אײַן אין מירלען. ער פּילט אַ גרויסע ליבשאַפט צו איר, כאָטש דער פּאַרדראָס ברענט נאָך געננג אין אים, אַ גרימאַסער שמייכל צעקרימט זײַן פּנים. ער גייט צוריק עטלעכע שפּאַן, פּאַרהייבט דעם קאָפּ און קוקט זיך אײַן אינעם בילד „הינטער די אייגענע שאָטנס״. ער באַטראַכט די פּנימער, די ליניעס פון די צוויי יונגע פאַרליבטע, וואָס גייען זיך האַרמאָניש צונויף, דאָס צאַנקענדיקע פלעמל פונעם ליכטל, וואָס קרומט אויס די בלייכע שאָטנס פון די צוויי פיגורן הינטער זייערע פּלייצעס.

ער האָט זיך מיט די האַנטפלאַכן עטלעכע מאָל געווישט דעם שטערן, מיט די פינגער דורכגעקעמט די געדיכטע טשופּרינע און גענומען גיין הין און צוריק איבערן צימער, אַ מינוט זיך ווידער אײַנגעקוקט אינעם בילד און געפילט, ווי ס'נעמען רוישן אין אים די געהירן פונעם לצישן ברייטן געלעכטער.

# צ ע ר . . .

יעדן טאָג זיצן זיי צוזאַמען בײַם זעלבן טיש אין רעדאַקציע. יעדער טוט זיך זײַן אַרבעט. ווי פֿאַרשידן זיי זענען אין זייער אויסערלעכן אויסזען, אַזוי זענען זיי פּונקט דער היפּוך אין זייער כאַראַקטער, אויפֿפֿירן זיך און שטענדיקן צובאַמקען איינער צום צווייטן צו יעדער קלייניקייט, וואָס איינער פֿון זיי זאָל נישט זאָגן אָדער טוען.

יעקב, וועמען יעדער קען מיטן נאָמען כאַקאָוואָ, איז שוואַרץ ווי אַ ציגײַ־נער. זײַן קײַלעכיק פּנים מיט די שוואַרצע אויגן, וואָס אייביק לײַכט אין זיי אַ שמייכל פֿון צופֿרידנקייט, רעגט זיך זעלטן ווען אויף. שטענדיק, אין אַלע צײַטן, טריפֿט אַראָפּ אַ ניגון פֿון זײַנע דיקלעכע ליפּן. פֿאַרקערט, איז לייזער, אָדער ווי מע רופֿט אים, דער רויטער לעאָן, שטענדיק אָנגעצויגן, קוקט פֿון דער זײַט מיט זײַן אויסגעשפּיצט פֿויגל־פּנים. זײַנע העלבלאָע אויגן, וואָס פֿאַלן אַרײַן אין אַ זויערלעכער גרינקייט, קוקן כיטרע און פֿאַרשעריש, אומצוטרוילעך. ער גלייבט נישט זײַנע אייגענע אויגן. זײַן לענגלעך פּנים מיט די רויטע פּלעקן מאַכט דעם אײַנדרוק, ווי ער וואָלט נאָר־וואָס אַרײַנגעקומען אַן אויסגעפּאַטשטער, אָדער דאַרף אויף ס׳נײַ קריגן פּעטש. אין די דינע ליפּן, וואָס אַ שעלמיש שמייכעלע קרומט זיי אויס פֿון איין זײַט אויף אַראָפּ, איז באַהאַלטן דער אומצוטרוי צו אַלע וואָס קומען מיט אים אין באַריר, אָפּט אַפֿילו צו זיך אַליין. דאָך שטערט עס אים נישט צו פֿאַרלאַנגען פֿון אַנדערן, אַז יעדער זאָל אים קוקן אין מויל אַרײַן און גלייבן אַלץ, וואָס ער זאָגט, ווי אין אַ נישט־געשריבן געזעץ, וואָס איז טייל מאָל שטאַרקער און ווירקעוודיקער ווי די געשריבענע קאָדעקסן.

לייזער ווייסט, אַז די פּאַרטיי לייגט מער אַכט אויף אים, דעם נאָכלויפֿער, דעם סימפּאַטיקער, ווי אויף אַ סך אַנדערע פּאַרטייער וואָס זענען טעטיק שוין לאַנגע יאָרן. אַ חלק אין דעם האָט זײַן עקשנות און דאָס רעדן מער מיטן בליק ווי מיטן מויל, זײַן פֿאַרשטיין זיך אויפֿן ווונק געווינט שטענדיק די וואָס דער־רעדן נישט. ער ווייסט, אַז מע האַלט אים פֿאַר אַ בראָוון, אַן אויסטויגער. צו

וואָס ער זאָל זיך נישט נעמען מאַכט ער דעם אײַנדרוק פון אַ מתמיד, וואָס איז אַרײַנגעטון אין דער אַרבעט, צי אין דער אויפגאַבע בלב־ונפש, און טוט־אויף מי־יודע וואָסערע גוואַלטיקע זאַכן, און אַז אַן אים וואָלט די אַרבעט בכלל נישט דורכגעפירט געוואָרן. זי וואָלט נישט דערגרייכט איר ציל.

אַז דער רויטער לעאָן זיצט בײַם טיש און שרײַבט, טאָר מען אים נישט שטערן, נישט באַאומרויקן. זײַן פּנים איז אָנגעשפּיצט מיט ערנסט, ווי ער זאָל שרײַבן אַ טראַקטאַט. אין זיך לאַכט אין אים אַ טײַוולאַניש שפּיציק געלעכטערל פון אַ פּראָווינצער מעפיסטאָפעל: זאָלן זיי רעדן, די יאָלדן... זאָלן זיי מיינען אַז ס'דערגייט נישט צו אים קיין וואָרט. פון זײַן געהער אַנטרונט נישט קיין שום זאַך, אויסער דאָס וואָס עס טויג נישט פאַר אים אַז ער זאָל עס האָבן געהערט. מיט די שפּיציקע אייגעלעך אין פּאַפּיר זעט ער און הערט אַלץ וואָס ס'קומט פאַר אַרום אים. אַ פּאָסטן מוז מען קאָנען היטן, ווי אַן אייגן ווײַב — פלעגט ער אָפט זאָגן זײַן חבר כאַקאָוואָן און יענער האָט גלײַך, אַן דערווידערונג, מסכים געווען אַז אַזוי איז עס טאַקע, גאָלדענע ווערטער. מע קען פון אים אַ סך לערנען. וואָרן ער האָט דעם קאָפּ אויפן קאַרק. בעלנים אויף אַ גוטן פּאָסטן ווי אויף אַ שיין ווײַב וואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן און מע דאַרף זײַן אויף דער וואַך צו געבן די הינטישע צין איבער די הענט, זיי זאָלן נישט קריכן ווו מע דאַרף נישט.

בײַם גיין איז לייזער שטענדיק געווען אין גאַעל, ווי ס'וואָלט זיך גע־האַנדלט אין ראַטעווען אַ מענטש פון אַן אומגליק און מע דאַרף אים וואָרענען. וועגן וואָס מע זאָל נישט רעדן, וועגן די סאַמע פּשוטסטע זאַכן, ווי וועגן אַ גוטן שוויצבאָד, למשל, רעדט ער אַזוי און שרײַבט אַזוי, אַז מע זאָל מיינען ווער ווייסט ווי ער פּליט ערגעץ מיט זײַנע געדאַנקען. טאָמער רעדט ווער מיט אים און יענער וויל אויך עפּעס זאָגן מאַכט ער זיך נישט דערהערן. כאַפּט די רעכטע האַנט צום אויער מיט אַ „האַ?" „וואָס? איר זאָגט עפּעס?" — אַז יענער מוז איבער־זאָגן דאָס שוין געזאָגטע און ער כאַפּט אויף דאָס שוין געהערטע מיט אַ קנייטש פונעם פּנים, ווי ער וואָלט גאָרנישט פאַרשטאַנען, מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס: אַז יענער ווייסט נישט וואָס ער רעדט איז דאָך ממילא נישטאָ וואָס צו הערן.

כאַקאָוואָ האָט אָפט מאָל געפילט, אַז דער רויטער לעאָן האַלט אים גע־פאַנגען. מיט זײַן זיכערקייט אין אַלץ וואָס ער טוט פלעגט ער יעדן איינעם. עפּעס פאַרלויפט ער אים אַלע וועגן, דער לעאָן. וואָס איינער זאָל נישט פרעגן. דאַרפן, בעטן — אַלץ ער און ער. ער האַלט אים אין איין טוען טובות, כאָטש ער בעט אים גאָרנישט ער זאָל עפּעס טוען פאַר אים. ווי קאָן מען טאַקע אַזאַ מענטש נישט זײַן דאַנקבאַר און נישט פילן זיך פאַרשולדיקט לגבי יענעם, דעם בעל־טובה.

אַפּילו אין רעדאַקציע איז דער רויטער לעאָן געוואָרן אַ גאַנצער שמעלקע, מישט זיך אומעטום אַרײַן, צי מע בעט אים יאָ צי נישט. דאָס וויל ער ווײַזן אַז ער איז איבערגעגעבן מיט לײַב און לעבן דער „אַלגעמיינער זאַך פֿון דער צײַטונג" און נישט, ווי אַנדערע, בלויז זייערע אייגענע אינטערעסן. זאָגט ער שוין דעות אויך, וואָס ס'איז שיין און דרוקפֿעיִק און וואָס ס'טויג אויף איינצוהייצן דעם אויוון. דיקטירט ער שוין די צײַטונג אויך, אַז דאָס וואָס ער וויל נישט — גייט נישט אַרײַן, ווערט נישט געדרוקט, דערזעט נישט די ליכטיקע שײַן. ער האָט זיך געהויבן מיט אַ קאָפּ העכער, געוואָרן אַ גאַנצער אויטאָריטעט. ברענגט ער עפּעס אַ שרײַבעכץ — דערזעט עס גלײַך צומאָרגנס דער לייענער אויף דער צײַטונג. זײַן קאָפּ האָט עפּעס גענומען שטאַרצן אין הימל אַרײַן. זײַן גאַנג איז געוואָרן פֿלינקער, באַוועגלעכער, און די אויגן? — ווער ס'האָט זיך געלאָזט באַאיינפֿלוסן, זיך אונטערגעבן זייערע פֿײַערלעך — האָט אים לײַכט געגעבן אַ פּלייצע און עס נאָך געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסן זכות.

כאַקאַוואַ האָט קיינמאָל נישט געזאָגט ניין, ווען דער רויטער לעאָן האָט געזאָגט יאָ, אָדער עפּעס באַפֿוילן צו טון. ער איז געווען צופֿרידן אויסצופֿירן בשלימות אַלץ, וואָס יענער האָט פֿאַרלאַנגט. דערבײַ פֿלעגט ער נאָך מיט אַ שמייכל אים געבן זײַן הסכּמה ווען לעאָן האָט אַ צווייטן איראָניזירט.

גרויס פֿאַרגעניגן האָט כאַקאַוואַ געהאַט, וואָס דער רויטער לעאָן האָט אים געטון דעם כּבוד און זיך אַליין אײַנגעלאַדן צו קומען צו אים אַהיים מיט אַ באַזוך. מיטן זעלבן פֿאַרגעניגן האָט ער צווויסן געגעבן זײַן פֿרוי פֿלאָרע, אַז מאָרגן קומט ער מיטן רויטן לעאָן עסן מיטאָג.

די העלבלאָנדע פֿלאָרע מיט די חן־גריבלעך אין אירע קײַלעכיקע בעקלעך, האָט דערפֿילט עפּעס אָן אומרו, וויסנדיק, אַז זי דאַרף מאָרגן גרייטן עסן פֿאַר צוויי מענער. הענט און פֿיס האָבן איר גענומען ציטערן. עפּעס איז זי נישט גלײַכגילטיק פֿונעם בלויזן געדאַנק, אַז דער רויטער לעאָן דאַרף צו זיי קומען און אַז ער האָט זיך אַליין אײַנגעלאַדן. צי מיינט ער נישט אַמאָל זי, און נישט כאַקאַוואַן. כאָטש זי שטעלט זיך נישט פֿאָר... זי האָט גענומען רוימען און רייניקן יעדעס ווינקעלע, ס'זאָל בלאַנקען אין שטוב אַלץ, ווי אַ שפּיגל, און דערבײַ געטראַכט וואָסערע מאכלים זי זאָל צוגרייטן, אַז ס'זאָל שמעקן די געסט, אייגנטלעך בלויז דעם גאַסט. דער מאַן איז נישט קיין גרימאַש. ער זאָגט קיין מאָל נישט אַז ס'טויג נישט אַפֿילו ווען ס'שמעקט אים נישט אַמאָל דאָס עסן אירס, וואָס זי קאָכט, זאָגט ער אויך אַז ס'האָט טויזנט טעם.

דאָס קליינע טעכטערל שפּילט זיך מיטן שפּילצײַג. דאָס מיידעלע איז אין גאַנצן געראָטן אין פֿאָטער, מיט די פּעכשוואַרצע האָר, מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן, די גוטסקייט אַליין, אָט אַזוי ווי דער טאַטע. נאָר זי זינגט און לאַכט און

שפּילט זיך מיט זיך אַליין. זי דאַרף נישט אַז ס׳זאָל זיך ווער מיט איר שפּילן. זי גיט זיך אַן עצה מיט אירע שפּילצייג וואָס פאַרטרעטן איר קינדער־געזעל־שאַפט. זי שטייט אָפט ביים שפּיגל, מאַכט פאַרשידענע קינצעלעך, שטעקט אַרויס דאָס צינגעלע, מאַכט אַ „בע״ צו זיך אַליין, און אַנטלויפט צו דער מאַמע, זי זאָל זי נעמען אויף די הענט, ווייל זי וויל שוין זיין אַ גרויסע, אַזוי ווי די מאַמע.

*   *   *

אַז די טיר האָט זיך האַסטיק אויפגעמאַכט איז די קליינע אַ צאַפּלענדיקע אַנטקעגנגעלאָפן מיטן פריידיקן אויסגעשריי:

— פּאַפּיטאַ!

כאַקאָוואַ האָט זי אַ כאַפּ געטון, זי הייס געקושט און מיטן גאַנצן פייער פון זיין נשמה זי געדריקט צו זיך.

פלאָרע האָט געקריגן אַלע קאָלירן אין פּנים. עפּעס האָט אַ צאַפּל געטון אין איר האַרץ. זי האָט זיך ווי פאַרלוירן. פון צעמישעניש איז זי עטלעכע מאָל גע־לאָפן איבערן צימער, דאָ צום קרעדענצל, דאָ צום שאַפּקעלע מיט די געטראַנקען. עפּעס געמורמלט אין אייגענער אומבאַהאָלפנקייט, ביז זי האָט זיך באַהערשט און געוואָנדן צו די מענער:

— וואָס שטייט איר אין אַ זייט, גייט צום טיש, אַזוי ווי ביי זיך.

כאַקאָוואַן איז געפעלן זיין ווייבס העפלעכקייט צום גאַסט, וואָס האָט דער־ווייל געכאַפּט ס׳קינד אויף זיין שויס און גענומען עס זינגען אַ לידל אויף קינ־דיש לשון. ס׳קינד האָט געצויגן צום פאָטער, געוואָרפן מיט די הענטלעך, ביז פלאָרע האָט זי אַ נעם געטון פונעם גאַסטס הענט אַרויס און זי אַריינגעטראָגן אַ ווייגענדיקע אין איר בעטל.

פלאָרע איז געווען אָנגעטון אין אַ זיידן געפּאַסט קלייד, וואָס האָט בולט געמאַכט אירע שיינע פאָרמען פון לייב. פול מיט גראַציע האָט זי געשטעלט אויפן טיש די געשמאַקע עסנס. זי האָט געזוכט מיט די בליקן לעאָנס צושטי־מונג, אַז אירע מאכלים זענען מלא־טעם, אַז זי קאָן צופרידנשטעלן אַפילו דעם צו מיינסט־קאַפּריזנעם מאַן. ער האָט אַ ביסל מיט אַ וואָרט און ס׳איבעריקע מיט די בליקן, געגעבן אַנצוהערן, אַז זי האָט אַ סך געשמאַק נישט בלויז אין גוטן קאָכן נאָר אויך אין אָנטון זיך. ביידע מענער האָבן דערפילט די אָנגענעמע צע־רייצטקייט, וואָס פלאָרע ווייעט אַן אויף זיי מיט איר סעקס־אַפּיל ביי יעדן קער און ווענד. טאַקע דערפאַר, ווייל זי קאָן געפעלן אַ צווייטן מאַנצביל, האָט עס דעם אייגענעם מאַן נאָך מער געטון הנאה.

דער רויטהאָריקער לעאָן האָט כּסדר געקוקט אויף איר מיט צוגעמרוזשעטע אויגן — אַזאַ בלענדנדיקע זוניקייט האָט געשלאָגן פון איר פּנים און דעקאָלטירט

לײַב. דער געשמאַקער טעם פונעם עסן האָט אויפגעוועקט אין אים זיכרונות פון זײַן היים. אָט זיצט ער אַנטקעגן זײַן טאַטן, דעם געלן מאיר, ווי מ׳האָט אים געזאָגן אין חסידים־שטיבל, און די מאַמע דערלאַנגט פונקט אַזעלכע רייצנדיקע מאכלים, ווי זי אַליין איז. זייער אַ שיינע איז זי געווען זײַן מאַמע. פלאַרע כאַפּט טאַקע דעם אָנבליק פון איר מיטן בעזל, מיטן שניט פון מויל, מיט די פלוימען־ליפּעלעך, אַ שטיק מאַמע. ער וואָלט נאָך לאַנג אַזוי געזונקען אין די דערמאָ־נונגען, ווען פלאַרע וועקט אים נישט איבער:

— וואָס האָט איר זיך אַזוי פאַרטראַכט?... ס׳עסן ווערט דאָך קאַלט... ס׳וועט נישט האָבן קיין טעם. עסט.

— האַ, וואָס? — האָט זיך לעאָן אַ טשוכע געטון — נישט־ווילנדיק טראַכט זיך וועגן דער היים... אַ מענטש קאָן נישט אַוועק פון זיך... כאָטש דאָרט איז אַלץ אַוועק מיטן רויך... נישט געבליבן קיינער... אָבער דאָ, מיט אונדז, אין אונדז זענען אַלע דאָ ווי געווען, ווי מיר האָבן זיי איבערגעלאָזט...

דער רויטער לעאָן האָט נאָך גערעדט וועגן זײַן איינזאַמקייט, געזיפצט אויף זײַן בחורישן שטייגער לעבן. די יאָרן גייען אַוועק מיט גאָרנישט. די ענגשאַפט אויפן שמאָלן אײַזערנעם בעטל, די פאַרדרענגטקייט אינעם פּיצל־צימערל. דאָס אַלץ נעמט די רעשט צו בײַ אים דעם חשק צום לעבן.

דאָס געשטאַלט פון פלאַרען האָט לעאָנען אָנגעצונדן מיט אַ הייס אינער־לעך פײַער. אירע קליינגעפאָרעמטע בריסטן האָבן אים געלאָקט און ווי זיך גע־בעטן בײַ אים: נעם, באַריר, זיי צאַפּלען פון באַגער באַוווּנדערט צו ווערן. דער פלעמלדיקער בלישטש פון אירע אויגן האָבן אַרויסגערופן אין אים זינדיקע מחשבות. בײַ יעדן בליק זייערן איז אים אַדורך אַן עלעקטרישער שטראָם ביז אַן אויפצאַפּל. עפּעס איז פאַראַן אין אירע אויגן אַ צוזאַג. דאָס שיינגעשניצטע מויל ציט צום קושן ווי מיט אַ מאַגנעטישער קראַפט. דער מאַן אין אים האָט זיך געוועקט ווי פון אַ לאַנגן שלאָף. ער האָט שוין לאַנג נישט געפילט צו אַ פרוי אַזאַ נישט־גלײַכגילטיקייט. אין דער זעלבער צײַט האָט ער באַנומען מיט אַלע זײַנע חושים, אַז צווישן פלאַרען מיט איר מאַן, וואָס איז עלטער פון איר מיט גאַנצע צען יאָר, איז עפּעס נישט אין גאַנצן גלאַטיק, נישט אין אָרדענונג. און ער איז דאָך מיט אַ שיינע פּאָר יאָר יינגער פון זײַן חבר. איז דאָס נישט קיין קלענער שאַנס פאַר אַ ריוואַל? ער וועט שוין צוטראַכטן אַזוינס, וואָס זאָל אים געבן אַ מעגלעכקייט צו קומען וואָס אָפטער אין דער שטוב. ס׳גייט אים נישט אַזוי אין אים ווי אין איר. זי ווערט דאָך בײַ אים פאַרשוואַרצט. וואָס פאַר אַ לעבן האָט זי בײַ אים? אַן אייביק מאַטערן זיך און נישט קאָנען קומען צו עפּעס... בײַ אים וואָלט זי דאָך אויפגעלעבט. זי וואָלט דאָך געהאַט בײַ אים אַ גאָלדן לעבן. ער וועט איר גאָרנישט זשאַלעווען. זי וועט בײַ אים האָבן פון

פייגלמילך. בײַ אים וואָלט זי געהאַט אַ דינסטמיידל וואָס זאָל פירן די ווירט־שאַפט, קאָכן, באַקן, רוימען, און זי זאָל זיך ארומדרייען אין שטוב ווי אַ פּרינ־צעסין. זי וואָלט דאָך אויפגעבליט ווי אַ רויז. זי וואָלט דאָך פאַרשפּאָרט אַזוי צו שקלאַפן אין קיך. יאָ, פּרויען קאָן מען לײַכט איבעררעדן. מע דאַרף נאָר האָבן די ריכטיקע איבערצײַגנדיקע אַרגומענטן. ער האָט שוין פריער באַמערקט אַז עפּעס איז פאַראַן אין אים, וואָס ס׳לאָקט איר, פלאָרען. זי איז זיכער נישט גלײַכגילטיק צו אים. אפשר איז זי בלויז אויסן אַן אומשולדיקן פלירט ווי פון לאַנגווײַליקייט, ווי ס׳טרעפט אָפט בײַ חתונה־געהאַטע פרויען וואָס דער מאַן לאָזט זיי רעכט נישט אַרויס פון שטוב און האַלט זיי ווי אין אַ קליאַטקע. אָבער ער איז אַן ערנסטער מענטש. ער האַלט נישט פון קיין קינדער־שפּילערײַען. דער־וואַקסענע מענטשן דאַרפן טראַכטן ערנסט און באַנעמען אחריותפול זייער סיטואַ־ציע, ווי אַזוי אויסצובעסערן זי, פערפעקציאָנירן. און נישט בלײַבן אין אַ פאַר־גליווערטן צושטאַנד פון אַ לאָז־מיך־געמאַך־לעבן. ווו איז פאַראַנטוואָרטלעכקייט? פאַר זיך, פאַרן קינד? פאַר דער צוקונפט?

— נו, מירן גיין אַרבעטן, כאַקאָוואַ, די צײַט שטייט נישט — האָט זיך לעאָן האַסטיק אַ הייב געטון פון אָרט, ווי צו ווײַזן זיך אַליין אַז ער איז אַן אחריותפולער מענטש. ער האָט זיך ברייט צעשמייכלט פון צופרידנקייט פאַרן גוטן עסן און מיט אַ סך דאַנקבאַרקייט געדריקט פלאָרען די האַנט, מאַכנדיק איר קאָמפּלימענטן אַז זי קאָן פירן אַ שטוב, ווי אַ גוטער קאַפּיטאַן פירט אַ שיף אויף די צעשטורעמטע וואַסערן.

פלאָרע איז געשטאַנען אַנטקעגן אים מיט אַ שמייכלענדיק מויל, מיט צוויי שורות ווײַסע ציין און קאָקעטישן קוק, וואָס וואַרפט אַרײַן אין אַן אומרו. פון העפלעכקייט וועגן האָט זי אים פאַרבעטן ער זאָל קומען נאָך אַמאָל צו זיי צו גאַסט. ער זאָל טאַקע נישט זײַן קיין גאַסט. ער ווייסט דאָך שוין זייער אַדרעס. זאָל ער קומען ווי צו זיך אַהיים... און ווען לעאָן איז שוין געשטאַנען אין דער אָפענער טיר האָט זי אים נאָך צוגעוואָרפן אַ „לאָזט אײַך נישט בעטן".

— יאָ, יאָ — האָט מאַט געקלונגען זײַן ענטפער מיט עפּעס אַ באַדויער אין טאָן און זײַטיק אַ קוק געטון מיט די שפּיציקע אייגעלעך אויף כאַקאָוואַן, וואָס ער וועט זאָגן דערויף, זיך לאַסטיק אַ לאָז געטון אַראָפּ מיט די שטיגן נישט וועלנדיק קוקן ווי זײַן חבר געזעגנט זיך מיט זײַן ווײַב. אפשר האָט ער איר עפּעס צו זאָגן און וויל נישט עמעץ זאָל זײַן דערבײַ.

ווען זיי זענען צוריק געזעסן בײַם רעדאַקציע־טיש — איינער קעגן אַנ־דערן — האָט לעאָן אַרויסגעהויבן דעם קאָפּ פון איבער די בייגעלעך פּאַפּיר אין מיטן שרײַבן זײַן מאמר פאַרן מאָרגנדיקן נומער פון דער צײַטונג — אַן אויס־געטועגער פונעם אַרום, פון דער וועלט — און לאַנג געקוקט אויף כאַקאָוואַן פון

אונטער די ברילעכלעך אַפער, נישט אַוועקנעמענדיק זיי פון די אויגן. ער האָט געקוקט אויף אים מיט אַ מאָדנעם ווידערווילן, ממש מיט אַ שינאה: אַזאַ לעקיש דאָס איז! אַלץ נעמט ער אָן פאַר גוט געלט, אַלץ איז בײַ אים רעכט. וואָס מע זאָל נישט מאַכן מיט אים איז ריכטיק. ער זאָל זיך דאָס כאָטש איין מאָל דענער־ווירן. ער רעגט זיך נישט אויף אויף קיין האָר. אַזוי נישט צו האָבן קיין חוש פאַרן לעבן און דאָס וויל זײַן אַ שרײַבער! שטעלט ער זיך טאַקע נישט פאַר אַז מע קאָן אים טון שלעכטס; אַז מע קאָן בײַ אים עפּעס צונעמען... אַזוי זיכער פילט ער זיך, מיטן פאָסטן אין דער רעדאַקציע, מיטן ווײַב אין דער שטוב... ווי קומט צו אים אַזאַ שיינע מויד? באַלד האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט מיטן געדאַנק. ער האָט נישט געמיינט אין דעם זין, אַז פלאָרע איז אַ גראָבע מויד. ער האָט זיך אָפּגעווישט די ליפּן. ס'האָט אים ווי פאַרדראָסן אויף זיך אַליין: כ'בין... — האָט ער זיך געוואָלט אַליין באַצייכענען מיטן ערגסטן נאָמען, נאָר זיך באַגנוגנט מיט... „אַ ציניקער, אַן אמתער ציניקער". זי איז דאָך די איידלקייט אַליין, די פלאָרע. צוריקגעשמועסט, וואָס אַרט עס אים, אַז יענער פילט זיך פעסט אין זאַטל. זאָל ער זיך פילן. ס'קאָסט אים טײַערער. ס'איז אפשר נאָך בעסער פאַר אים. נאָך וואָס דאַרף ער אַז יענער זאָל אים שטעקן דרענגער צווישן די רעדער?

נישט איין מאָל האָט ער זיך געפלעגט קלאָגן פאַר מענטשן — צו מיינסט ווען ער האָט עמעצן אונטערגעשטעלט אַ פיסל — אַז ער וועט מוזן גיין צו אַ דאָקטאָר, ער איז נישט מיט אַלעמען, ער לײַדט אויף דעם, ער לײַדט אויף יענעם; דאָ האָט ער צו טון מיט די לעבער, דאָ מיט די נירן, און אַרויסגערופן צו זיך מיטלײַד, ווי אַ שוואַך אומשולדיק טײַבעלע. אונטער אָט דעם פאַנצער האָט ער געקאָנט אָפּטון זאַכן, אַז די האָר אויפן קאָפּ האָבן זיך געשטעלט קאַפּויער. ווען ס'וואָלט עמעצער געקומען זאָגן אויף אים אַ שלעכט וואָרט וואָלט מען אים סײַ ווי נישט געגלייבט. ער האָט זיך אַזוי געקאָנט פלינק פאַרמאַסקירן, אַז ער איז שטענדיק אַרויס דער גערעכטער. אויך כאַקאָוואַ וואָלט געגאַנגען שווערן פאַר זײַן חברישער געטרײַשאַפט און אָרנטלעכקייט.

יעדן טאָג איז לעאָן אַרײַנגעקומען צו פלאָרען מיט אַ צווייטן אויסרייד. ער האָט געוווּסט אַז דאָס וואָס ער נעמט זיך אונטער מוז ער דורכפירן נישט גע־קוקט אויף קיין שום שוועריקייט. האָט ער זיך פאַרלייגט אויף דער פלאָרען וועט ער זי שוין אַרײַנציִען אין דער נעץ, וואָס ער האָט אויסגעשפּרייט. דאָס לעבן איז אַן אייביקער קאַמף צווישן שטאַרקע און שוואַכע — האָט ער געפּרוווט באַרעכטיקן זײַן האַנדלונג לגבי זיך אַליין, אַז ער זאָל קריגן פרײַע הענט... ס'גע־וויסן זאָל אים נישט מאַטערן. אַז ער וועט האָבן דורכגעקומען מיטן אייגענעם געוויסן וועט אַ העלפט אַרבעט זײַן אָפּגעטון. ער וועט זײַן דער גערעכטער און טוען זײַנס. דאָס איבעריקע וועט די צײַט צוהעלפן... מע קאָן זיך אויף איר פאַר־

לאָזן. זי ווייסט ווי אַזוי צו פאַרגלעטן, פאַרטעמפּן אַלע שאַרפקייטן, זי מאַכט שוין אַזוי אַז ער זאָל צוריק קאָנען גיין מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און קאָנען גלײַך קוקן מענטשן אין די אויגן אַרײַן.

פלאָרע האָט געקוקט אַרויף צו לעאָנען, ווי צו אַן אַלצווייסער, אַ פאַרשטאַנדיקער, מיט וועמען מע קאָן אויסרעדן אַ וואָרט, זיך באַראָטן וועגן פאַרשידענע שטובזאַכן, און אַנדערע אַנגעלעגנהייטן. ער האָט צו אַלץ געהאַט אַ פּראַקטישן צוגאַנג. וועגן אַלץ אין דער וועלט האָט מען געקאָנט מיט אים רעדן. און דער עיקר, ער זעט אויס צו זײַן אַ מאַן וואָס קאָן זיך מקריב זײַן פאַר אַ פרוי. איר האַרץ האָט געצאַפּלט אין דערוואַרטונג. זי האָט אויסגעקוקט דער קלונג פונעם טירגלעקל זאָל זיך שוין דערהערן. זי איז אים יעדעס מאָל געגאַנגען אַנטקעגן מיט אָפענע אָרעמס. געלאָזט זיך פון אים צודריקן מיט דער גאַנצער קראַפט זײַנער. אין גרויס צעטומלעניש האָט זי גענומען שטאַמלען מיט ציטערדיקע ליפּן:

— חבר לעאָן, נישט אַזוי שטאַרק, איר וועט מיך נאָך דערדריקן...

— וואָס חבר — האָט ער שפּאָטיש נאָכגעקרומט — מיר לעבן הײַנט אין אַנדערע צײַטן מיט נײַע באַגריפן. ס׳זענען נישט מער יענע יאָרן. נישטאָ זיך פאַר וואָס מקריב צו זײַן. ס׳איז אָבער יאָ דאָ פאַר וועמען זיך מקריב זײַן. איך ווייס אַז דו האָסט מיך ליב, און איך — דיך — הונדערטפאַך אַזוי פיל, איז קום זשע אַריבער צו מיר. כ׳וועל דיר צוגרייטן אַ שיינע וווינונג, וועסט זיך אייסקלײַבן מעבל וואָס ס׳וועט דיר נאָר געפעלן... מײַנע פאַרדינסטן, וואָס כ׳האָב בײַ מײַן גוטן פרײַנד, זענען פירפאַכיק מער ווי בײַם טיש אין דער רעדאַקציע...

פלאָרע האָט געהאַלטן אַנגעשפּאַרט איר געלאָקט קעפּל אָן זײַן אַקסל. זי האָט נישט געזען און נישט געפילט זײַן שלויקייט, דאָס פאַרשעמטע פּנים זײַנס וואָס האָט געגאַפט אין דערוואַרטונג, ווי אַ הונט אַנטקעגן יאַטקע־קלאָץ. איר געדאַנק האָט געבלאָנדזשעט ערגעץ אין מטושטשע וועלטן פון אַ נישטקלאָרן מאָרגן און אַ נאָך מער אומזיכערן איבערמאָרגן. ווען מע זאָל איר מאַן אָפּזאָגן פון דער אַרבעט אין דער רעדאַקציע וואָלט זי געבליבן ווי אויף דער פליישבאַנק...

דער רויטער לעאָן האָט זי אַנגענומען פאַרן גאָמבקעלע, פאַרהויבן איר פּנים און הייס גענומען קושן די באַקן, די צוגעמאַכטע אויגן:

— כ׳האָב דיך ליב געקריגן פון ערשטן טאָג אָן ווען כ׳האָב דיך דערזען. האָסט מיך אויך ליב? זאָג דעם אמת, פאַרלייקן נישט, זאָג, האָב מוט...

— יאָ — האָט פלאָרע אַרויסגעזיפצט דאָס וואָס זי האָט ביז איצט נישט געוואָגט פאַר זיך אַליין צו ברענגען פאַר די ליפּן.

— שטאַרק?

— זייער שטאַרק.

אין איר צעשויבערטקייט האָט זי זיך געהיט נישט צו פאַרלירן זיך, צו האַלטן זיך שטאַלץ און צוריקגעהאַלטן מיט אַלע כוחות. זי האָט אַפילו מורא געהאַט נישט צו רעדן קיין איבעריק וואָרט, ער זאָל נישט האָבן קיין אַרגומענט קעגן כאַקאָוואָן, אויב ס׳וועט ווען ס׳איז קומען צו עפּעס, כאָטש זי האָט נישט שטאַרק געגלייבט, ווײַל ס׳איז פאַרבונדן מיט גענוג קאָמפּליקאַציעס, אַ מאַן, אַ קינד, אַ שטוב...

— איך גיי, איך דאַרף שוין זײַן אין רעדאַקציע.

— ווּעסט קומען מאָרגן? — האָט פלאָרע אין צעטומלעניש, וואָס זי האָט זיך האַסטיק אַרויסגעדרייט פון זײַנע פעסטע אָרעמס, געערעדט מער צו זיך ווי צו אים:

— יאָ, פלאָרע, כ׳וועל מאָרגן קומען, זיכער...

די הייסע קושן, וואָס דער רויטער לעאָן האָט אַזוי לײַדנשאַפטלעך אָפּגעדרעסט אויף פלאָרעס פּנים און ליפּן, האָבן געגליט און געבריט ווי שטיקער פײַער. מע קאָן זיך טאַקע נאָך אָפּבריען. מע דאַרף אים פונדעסטוועגן האַלטן אַ ביסל פון דער ווײַטן. כאָטש זי בענקט נאָך זײַן נאָענטקייט און געפינט זיך נישט קיין אָרט ביז זי דערזעט אים נישט ווידער לעבן זיך.

אין דער זעלבער מאָס ווי ס׳איז געשטיגן די היץ צו לעאָנען איז געפאַלן די טעמפּעראַטור צו כאַקאָוואָן. דער פריִערדיקער אינטערעס צו אים איז געוואָרן וואָס אַמאָל קילער, ביז אַ פולשטענדיקן גלײַכגילטיק און קאַלטקייט האָט גענומען ווייען צווישן איר און דעם גוטן אַלץ־איבערטראָגנדיקן כאַקאָוואָן. ס׳איז אַרײַנגעטרעטן צווישן זיי אַ דערווײַטערונג, אַ מחיצה, וואָס האָט אין זײַן שטומקייט צעריסן דאָס האַרץ; אַ שווײַגן וואָס האָט געקאָנט קערן וועלטן.

כאַקאָוואָ האָט אין דער זעלבער צײַט אָנגעהויבן באַמערקן ווי עפּעס אַ מאָדנע אומרויִקייט יאָגט לעצטנס זײַן פרוי אַרום איבער די צימערן. דאָ געפעלט איר נישט דאָס, דאָ טויג איר נישט עפּעס אַנדערש. שטעלט איבער זאַכן פון איין אָרט אויפן אַנדערן. הייבט זיך און בייגט זיך, רויטלט זיך בײַ יעדער קלייניקייט און קאָן אים רעכט אין די אויגן נישט קוקן. אָט פלאַטערט ס׳קינד צום טאַטן, רײַסט זיך צו אים, און זי — זי לאָזט אים פשוט נישט נעמען ס׳קינד אויף דער האַנט: זאָל ער בעסער לייענען אַ בוך אין דער פרײַער צײַט און נישט מאַכן וויינען ס׳פּיצלס. ווען מאַכט ער זי וויינען, די קליינע. פאַרקערט, זי וויל גאָר צו אים און נישט צו איר? גייט ער אַוועק — לאָזט זי אים גיין. זי פרעגט אים נישט ווו ער גייט און נאָך וואָס? ס׳אַרט איר נישט, אַז ער קומט שפּעט, אָדער ער גייט אַוועק פריִ, גלײַך ווי ער וואָלט געווען אַ פרעמדער אין דער שטוב. ווי האָט זיך צו איר דערנומען מיט אַמאָל אַזאַ גלײַכגילטיקייט צו

אים? ס׳איז נישט צו באַנעמען מיטן שכל און טאַקע דערפאַר האָט ער באַשלאָסן אויפשנײַדן דעם בלאָטער:

— וואָס טוט זיך מיט דיר, פלאָרע, ביסט פון זינען אַראָפּ צי וואָס? — האָט ער זיך איין מאָל צעשריגן — וואָס איז דיר אונטערגעפלויגן? איך דערקען דאָך דיך נישט? ביסט נישט די זעלבע? זאָג! רעד!

דער מענערשער אינסטינקט האָט אים שוין לאַנג אונטערגעזאָגט, אַז ס׳איז עפּעס נישט גלאַטיק בײַ אים אין שטוב; אַז דאָ האָט עמעץ אַ האַנט דערין. ער ווייסט ווער, נאָר ער גלייבט זיך נישט צו. דאָס אַלץ, וואָס אַנדערע האָבן גע־זאָגט אויף יענעם, האָט ער שטענדיק אָפּגעוואָרפן, אַז ס׳איז הוילע רכילות, כאָטש ער איז נישט געווען אַזוי בלינד, אַז ער זאָל זיך נישט קענען אויף יענעמס גענג. נאָר כל־זמן ס׳האָט אים נישט אָנגערירט, האָט ער נישט געוואָלט צו זיך צולאָזן דעם געדאַנק, אַז יענער איז טאַקע פעיִק אויף אַזעלכע זאַכן. ער האָט שטענדיק אים געוויזן אַזאַ פרום רחמנות־פּנימל, אַז אַלע געמיינקייטן, וואָס מ׳האָט אים צוגעטראָגן, אַז יענער זאָל עס האָבן פאַראַרבעט, האָבן זיך צו אים געקלעפּט ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט... אַפילו איצט האָט ער נאָך אַלץ גע־טראַכט, אַז אפשר איז עס זײַן אייגענע שולד? צופיל אים פאַרבעטן צו זיך. נישט געהאַלטן קיין אויג אויף אים. נישט אומזיסט איז ער געלאָפן צופאַרדינען בײַ אַ גוטן אַ ברודער, ער זאָל האָבן פיר מאָל אַזוי פיל. איין מענטש — נאָך וואָס האָט ער באַדאַרפט אײַנרײַסן וועלטן? אויסהאַלטן אַ פרוי דאַרף קאָסטן, נאָך מער ווי אַן אייגן ווײַב, ווי אַן אייגענע שטוב:

— איך ווייס ווי איך האַלט מיט דיר — האָבן די בלוטן אים געשלאָגן צום קאָפּ — ווען דאָס טרעפט אָן אויף אַ צווייטן מאַן וואָלט ער דיר דעם קאָפּ צע־האַקט. נאָר כאַקאַוואַ גייט נישט מיט כוח. ער קאָן פאַרבײַסן, פאַרשווײַגן אַ ווייטיק. נאָר הער, פלאָרע, זאָלסט וויסן, איך וואָרן דיך, וועסט טײַער באַצאָלן פאַר דעם... ס׳וועט דיר גלאַטיק נישט אָפּגיין... געדענק, ס׳וועט דיר קאָסטן מער וויפל דו שטעלסט זיך פאָר!..

זײַנע ווערטער זענען געקומען צו־שפּעט. זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף טויבע אויערן. איר קאַלטקייט צו זײַן אויפגערודער האָט געריסן שטיקער פון אים. ער האָט געכאַפּט ס׳קינד אויף די הענט, ווי אַ טרינקענדיקער כאַפּט זיך אָן אַ שטרוי, זיך ווי געקילט, געלאָשן זײַן צערייצטקייט אינעם צאַרטן פּנימל, געזוכט דערין אַן ענטפער, אַ באַשייד פונעם גאַנצן פּלאָנטער אין די ליכטיקע אייגעלעך פונעם פריילעך־פּלאַפּלדיקן מיידעלע זײַנס, דעם „גאָלדענעם אוצר״, זײַן אייגן בלוט און פלייש: דאָס וועט מיר קיינער נישט קאָנען צונעמען... דאָס איז מײַנס...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— ווײַ איז מיר! — האָט כאַקאַבאַ אויסגעבראָכן אין ספּאַזמאַטישע קראַמפּן,

זעענדיק ווי די אויפגעפּראַלטע שאַפעס קוקן אַרויס צו אים מיט אַזאַ וויסטער ליידיקייט — מײַן אומגליק איז דאָך אַזוי גרויס! — האָט אַ בושה זיך געצונדן אין אים און אים פאַרכאַפּט פון קאָפּ ביז פּיס — מײַן קינד!... ווו איז מײַן קינד? גוואַלד־געשריגן!... כ׳וועל עס נישט איבערהאַלטן פאַר חרפּה!... כ׳וועל זיך דאָך נישט קאָנען ווײַזן פאַר מענטשן!... מ׳האָט דאָך מיך געוואָרנט... מ׳האָט דאָך מיר געזאָגט אַז ער איז אַ שאַרלאַטאַן, אַן אויסוואָרף!...

ווי משוגע איז כאַקאַווּאַ געלאָפן פון איין צימער אין אַנדערן דורך די אָפענע טירן און זיך געקלאַפּט מיט די פויסטן אין קאָפּ אַרײַן. אַרײַנגעלאָפן אין קיך, געכאַפּט דאָס גרויסע קיכמעסער און וואַנזיניק געגומען שרײַען:

— כ׳וועל אים קוילען, דעם באַנדיט! ער האָט דאָך מיך אָפּגעשאָכטן!... כ׳וועל אים...

די גאַנצע וועלט האָט זיך פאַר זײַנע אויגן ווי געקנוילט אין פלאַמען און אין ערגעץ האָט ער נישט געזען פאַר זיך קיין שפּאַרע צומאָל דורך וואַנען ער זאָל זיך קאָנען ראַטעווען. ער האָט געכאַפּט אַ בליק אַז ער האַלט דאָס מעסער אין דער האַנט און זיך אַליין דערשראָקן פאַרן בלאַנקן שאַרף אָט ווי ער וואָלט דערלאָפן צו אַ תהום. ער האָט עס אַ וואָרף געטון אין מיטן שטוב און אַרויס אין דרויסן. אין גאַס וועט ער גיכער צוימען די צעפלאַשעטע נערוון זײַנע. ער איז געגאַנגען און גערעדט צו זיך אַליין: — ניין, דאָס איז דאָך נישט מעגלעך אַזאַ זאַך! דאָס קאָן דאָך נישט זײַן! ווי אַזוי איז עס געשען? ווו זענען געווען זײַנע אויגן? איצט וועט ער שוין נישט דאַרפן גראָבן אונטער אים אין דער רעדאַקציע. ער וועט שוין סײַ־ווי מער נישט איבערטרעטן די שוועל פון דער צײַטונג... דער גנב־יונג האָט געשאָסן צוויי האָזן מיט אַמאָל... צוגענומען אים ס׳ווײַב און אַרויס־געשטופּט אים פון דער אַרבעט... וואָס טוט מען פאַרט? ווען זאָל איך דער־ציילן?... איך וועל אים דעם גאַרגל איבערבײַסן... כ׳וועל אים צערײַסן אויף שטיקער!...

פײַערדיקע רעדער האָבן זיך גענומען דרייען פאַר זײַנע אויגן... ווי אַ מחנה צעגליטע שפּינען וואָלטן אים באַפאַלן, אַזוי איז ער געלאָפן פון איין גאַס אין דער צווייטער און זיך נישט געקאָנט אָפּיאָגן פון זיי. די צעשטרײַטקייט האָט אים צוריק געטריבן אין שטוב אַרײַן דורך אַ נאַרישן געדאַנק: אפשר וועט ער זיי צוריק טרעפן אין דער היים... די אומהיימלעכקייט פון דער אויסגעליידיקטער וווינונג האָט אויף אים אַ שלאָג געטון אַ היץ אין פּנים און אים אַרומגענומען ווי מיט רייפן וואָס קלעמען אים דעם גוף וואָס אַמאָל שטאַרקער. ער האָט זיך אַ וואָרף געטון אויפן בעט און באַלד צוריק אַראָפּגעשפּרונגען. ווי ס׳וואָלט גע־שרפהט מיט גיהנומדיקן פײַער.

דעם קינדס בעטל האָט הויל און ליידיק געפּינצטערט אין ווינקל, ווי עפּעס

אַן איבעריקע, אַרויסגעוואָרפענע זאַך, וואָס ברענגט נישט קיינעם מער קיין נוצן. ער האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט און באַלד עס צוריק אָנגעצונדן. אַ ווײַלע האָט ער זיך ווי פאַרגעסן און פאַרזונקען אין האַלוצינאַציעס: ער האָט געזען קלאָר און שאַרף זײַן פלאָרע אין הענט פון אַ פרעמדן... און ווער? אַן אייגענער! זי וועט זיך אים וואַרפן אין די אָרעמס... אָט כאַפּט זי יענער אַרום, נעמט זי קושן, אַנט־בלויזן... זי וועט זײַן יענעמס... זי וועט אים געהערן, זײַן חברס ווײַב וועט זי זײַן... מיט אים וועט זי ליגן אין איין בעט... און ער וועט מיט איר טוען וואָס ער וועט וועלן, ער וועט זי באַהערשן... ער, וואָס האָט געשריבן אַזעלכע פלאַמ־פֿײַערדיקע אַרטיקלען וועגן מאָראַל, אָנשטענדיקייט, צניעותדיקע באַשיידנקייט; וועגן באַהערשן די אינסטינקטן, נישט נאָכגעבן זיך דעם געשמדטן האַלדז; וועגן פירן אַ קאַמף מיט די דעמאָראַליזאַציע־טענדענצן בײַ דער יוגנט; אַז מע דאַרף זיך אַקעגנשטעלן און אויסראָטן די באַצילן פון אויסגעלאַסנקייט, וואָס האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט אין אונדזער מישפּחה־לעבן... ווײ־געשריגן! ווי פאַרט זיך דאָס אַלץ צוזאַמען! נאָר פון זינען אַראָפּצוגיין!... ער וועט אויפהייבן אַ געשריי, אַז ס׳זאָל אויפטרייסלען די וועלט!...

די ליפּן האָבן אים געטרוקנט ווי בײַ אַ קראַנקן אין הויכן פיבער. אין די מוילווינקלען האָט זיך געבלעזלט אַ ווײַסער שוים ווי בײַ אַן עפּילעפּטיקער. דער גרויסער צער האָט אים אײַנגעקלעמט ווי מיט שטאָלענע לאַפּעס — נישטאָ קיין אַנטרינונג פון אים. ער האָט איצט דערקענט זײַן נײַעם חבר — אויפן אָרט פונעם פריערדיקן איבערגעגעבענעם חבר, וואָס האָט אים שטענדיק גענאַרט און פאַר־ראַטן. דער ציניקער האָט אים נישט געוואָלט לאָזן אַליין מיט זײַן אומגליק. ער האָט אים צוגעשאַנצט, דער רויטער לעאָן — לויט זײַן אײַנגעשטעלטער מאָראַל פון אַ טובה פאַר אַ טובה — אַ פרישן חבר און לעבנס־באַגלייטער — דעם אומ־ענדלעכן אומצעשיידבאַרן גרויסן צער.

# אַ וועלט אָן געוויסן

אויף דער דריטער זײַט פון דער מאָרגן־צײַטונג „דער טאָג“ איז געווען אַ מעלדונג, אַז פונעם שכנותדיקן לאַנד קומט צו פאָרן דער באַקאַנטער שרײַבער און טריבון בערל קאַלכמאַן, וואָס „וועט אויפטרעטן אין אַ ריי אינסטיטוציעס מיט אַ ריי רעפעראַטן“. „מיר פאַרשפאָרן פאָרצושטעלן דעם קאָנפערענציסט פאַר אונדזערע לייענער, — האָט די רעדאַקציע צוגעגעבן פון איר זײַט, — וואָס האָט זיך שוין קונה־שם געווען פון זײַנע פריִערדיקע באַזוכן בײַ אונדז אין לאַנד ווי אַ מוטיקער קעמפער פאַר יושר און גערעכטיקייט, וועמענס נישט־פאַרקויפטע פען דאַרף דינען פאַר אַ בײַשפּיל און מוסטער פאַר אַלע פענמענטשן און איבער־הויפּט פאַר די לייענער, וואָס האָבן אין אים אַ רבין, מורא־דרך און מדריך און וועלן אים אויך דאָס מאָל, ווי שטענדיק, אַרויסווײַזן גרויס סימפּאַטיע און מיט־הילף אין זײַן הייליקער מיסיע פון פאַרשפּרייטן דאָס ייִדישע וואָרט, די ייִדישע ביכער זײַנע וואָס ער גיט אַרויס מיט גרויס מסירת־נפש און אין וועלכע ער ווײַזט זיך אַרויס ווי אַ קעמפער און אײַנשטעלער פאַרן פאָלק“.

ביילע בורשטינס בליקן זענען געבליבן ווי צוגעשמידט צו דער בכבודיקער נאָטיץ, צום ברוך־הבא, וואָס די צײַטונג האָט געמאַכט דעם שרײַבער־גאַסט, און זיך נישט געגלייבט די אייגענע אויגן: איז עס טאַקע אמת, אַז בערל קומט צו פאָרן? אַז מיר וועלן אים דאָ האָבן אין אונדזער מיט?... די צײַטונג האָט אַ צאַפּל געטון אין ביילע בורשטינס הענט: אַזאַ געהויבענער גאַסט! פאַר איר, פאַר ביילען, איז ער דאָך אַ שטיק אַנטדעקער. טאַקע אים האָט זי צו פאַרדאַנקען, וואָס אירע ערשטע צוויי דערציילונגען זענען געדרוקט געוואָרן אין „אמת־זאָגער“ אויף אַ חשובן פּלאַץ דערצו. דאָס האָט ער אויסגעפּועלט בײַם רעדאַקטאָר, וואָס האָט נישט איבעריק פּראָטעזשירט יונגע שרײַבער. זײַנע צוויי בריוו צו איר, וואָס בערל האָט געשריבן, האַלט זי טאַקע באַהאַלטן ווי טײַערע צירונג. ער שרײַבט איר שוואַרץ אויף ווײַס, אַז „איר האָט טאַלאַנט, סעניאָראַ ביילע, איר זאָלט אים

היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ! טאַלאַנט איז מער ווי געלט!" אַזוי האָט ער איר בפּירוש געשריבן. אוודאי האָט זי טאַלאַנט. זי ווייסט עס אַליין אַן אים. אָבער ס'איז גוט אַז יענער זאָגט עס אויך, אַז ס'ווערט באַשטעטיקט דורך אַנדערע, דורך די אויטאָריטעטן, אַזאַ ווי ס'איז בערל קאַלכמאַן, וואָס זאָגט יעדן איינעם דעם אמת אין די אויגן. ווען זי האָט נישט קיין טאַלאַנט, וואָלט ער זיך נישט געשעמט איר צו זאָגן, אַז זי זאָל גיין נייען גאָרסעטן און נישט שרײַבן קיין דערציילונגען. ערשט נאָך דעם טאָקע, ווי ער האָט עס איר געשריבן, האָט זי דערפילט די גרויסקייט און דעם ווערט פון דאָזיקן וואָרט, אָט ווי דאָס גרויסע געווינס וואָס כישופט און לאָקט, כאַפּט זיך אַרײַן אין דער נשמה מיט אַזאַ צאַרטן גלעט, אַז די ברוסט ווערט צעשפּאַרט און קוועלט אַן ווי פון זיסן תענוג... מיט דער צײַט אָבער קרענקט מען עס איבער און ס'ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מין גאַליקייט. ס'קאָסט מער געזונט און עגמת־נפש וויפל נחת עס פאַרשאַפט. דער עכטער טאַלאַנט קאָן זיך אָבער נישט אָפּזאָגן דערפון. ס'ווערט אַ טייל פון זײַן אייגענעם איך.

אָט זי אַליין איז אַ גאַנץ גוטער בײַשפּיל דערויף. די יונגע שרײַבערין ביילע בורשטין האָט געלעבט מיט איר מאַן אַהרן געלדמאַן בײַ די דרײַצן יאָר. זיי האָבן אַ זון, אַ בחורל פון אַ יאָר צען. און שוין איבער צוויי יאָר ווי זי איז צעשיידט פון איר מאַן.

אַהרן געלדמאַן איז אַ הויכער, אַ שאַטין, פעסט געבויט, אַן אָנגעזעענער סוחר. דורך יאָרן האָט ער זיך אײַנגעשאַפן אַ גוטע קלײַנטעלע, אַ רחבותדיקן דעפּאַרטאַמענט מיט לוקסוס־מעבל. ער האָט שטענדיק געהאַט גרייט אַ ליבלעך צופרידן שמייכעלע פאַר זײַן ווײַב. דאָס קינד זייערס, יאַנקעלע, איז געווען אַ געטרײַע קאָפּיע פונעם טאַטן אינעם קינדס עלטער, אָט אַזוי ווי ער שטייט אויף איינער פון די פאָטאָגראַפיעס, וואָס ליגן אין אַלבאָם מיטן גאָלדענעם שלאָס, מיט לײַכטנדיקע אויגן פון אַ העלן גרין, גלײַך ווי לאַנקעס וואָלטן זיך אין זיי געווען געשפּיגלט. די טונקל־מאַטע הויט האָט דערמאָנט אין אייביקן זומער, ווען אַפילו די צומיינסט־העללײַביקע ווערן — דורכגעזונמענע פון זונבעדער — איבערגעצויגן מיט אַ געשמאַקער פאַרברוינטקייט איבערן גאַנצן לײַב. אויך די האָר בײַ יאַנ־קעלען זענען טונקל־שאַטינע ווי דעם טאַטנס. נאָר די נאַטור פון רויטלען זיך, צופאַלן צו מענטשן און זיי קושן מיט אַזאַ עקסטאַז איז אין גאַנצן דער מאַמעס. מיט דער אוממיטלבאַרער צוגעלאָזנקייט און גיכער פאַרהיימישקייט מיט אַלע איז ער געראָטן אינעם מאַמעלע.

וואָס זשע האָט אַזוינס פּאַסירט מיט דער שרײַבערין ביילע בורשטין, וואָס ס'איז אַרײַנגעטרעטן אין איר לעבן אַזאַ ראַדיקאַלע ענדערונג, אַז אַלץ זאָל זיך איבערדרייען מיטן קאָפּ אַראָפּ און פיס אַרויף?

נאָך דעם וויביידע בורשטין האָט פאַרעפנטלעכט עטלעכע דערציילונגען און באַקומען נישט קיין שלעכטע אָפּרופן, טייל אַפילו פול מיט באַגײַסטערונג פאַר איר „שטימונגפולער פולבלוטיקער בילדערישקייט" — האָט זי גענומען גיין אַ ביסל פאַרריסן און אויסגעמיטן אַ סך באַקאַנטע, וואָס זענען מיט איר געווען, ווי זי האָט געהאַלטן, צו־היימיש און איר שטענדיק פאַרדרייט אַ קאָפּ מיט ווײַבער־רישע מעשות. ס'איז איר מיטאַמאָל געווען אַ שאָד צו פאַרלירן צײַט אויף נאַרישקייטן. אויך חברים האָבן גענומען וווּנקען איינער צום צווייטן, אַז ס'איז עפּעס נישט דאָסיק מיט דער ביילע... מ'האָט זי גענומען אויסמײַדן נישט־אײַנלאַדנדיק זי מער צו די ביבקעלעך און שימחהלעך, וואָס האָבן געפלעגט פאַרקומען בײַ יעדער געלעגנהייט וואָס ס'האָט זיך נאָר געמאַכט, אָדער מ'האָט געשאַפן די געלעגנהייט, ווי אַן אויסרייד צו קאָנען פאַרברענגען אַן אָוונט בײַ גדעקטע טישן מיט כל־טוב.

גאָר אַ שאַרפע רעאַקציע איז פאַרגעקומען אין ביילע בורשטינען, ווען זי איז אינספּירירט געוואָרן פון אַ געוויסער געשעעניש, וואָס זי האָט באַצייכנט מיטן טיטל „אין אַ פינצטערער נאַכט". די באַהאַנדלטע טעמאַטיק איז פאַר זיך אַליין געווען אַן אַרבעט וואָס האָט איר נישט געגעבן קיין רו. זי איז געוואָרן אויסער זיך. ס'האָט מיט איר געטרייסלט עפּעס אַ מין נערוועזשקייט, אַז בײַ דער קלענסטער באַרירונג איז זי אויפגעשפּרונגען ווי אַ צערייצטע חיה; געמאַכט גוואַלדן, געקריצט מיט די ציין. זי איז דעמאָלט גרייט געווען צו ברעכן אַלץ וואָס ס'זאָל איר נאָר נישט קומען אונטער די הענט. „די פינצטערע נאַכט" האָט איר איבגאַנצן פאַרשלונגען. זי האָט פאַרנאַכלעסיקט די שטוב, נישט געמאַכט ס'עסן צו דער צײַט, וואָס דאָס איז שוין געווען אַ זעלטענער אויסנעם לויט ווי זי האָט זיך געפלעגט פירן אַלע יאָרן. אַ מאָדנער נישטאָיקער גלאַנץ האָט אַרויסגעשײַנט פון אירע אויגן, וואָס זענען געווען פאַרטראָגן ערגעץ אין אַנדערע וועלטן, אין די וועלטן פון אירע אויסטערלישע זעונגען און העלדן.

אַהרן האָט אָפט מאָל געפילט, אַז די אָדערן ציינדן זיך אין אים אָן פון אויפרעג, פון דענערוווירטקייט, יעדעס מאָל, ווען זי איז אַן אַ פאַרוואָס אויסגעבראָכן אין אַ שטורעם. לענגער האָט ער שוין נישט געקאָנט איבערטראָגן אירע קאַפּריזן, איר טראַציקייט און וואַרפן זיך בײַ יעדער קלייניקייט, ביז ער האָט אין אַן אָוונט אויסגעשריגן אַ דערצאָרנטער:

— אַן עק זאָל עס נעמען! איין מאָל פאַר אַלע מאָל! דו הערסט, ביילע! אַ סוף און אַן עק!... וואָס איז מיט דיר געוואָרן וואָס? נישט קיין היים, נישט קיין שטוב, וואָס מיר מאַן, ווער מיר קינד!... הפקר אַ וועלט!... וואָס ווילסטו באַווײַזן מיט דײַנע משוגענע שטיק? דו מיינסט אַז מיט אויגן־גלאָצעניש און מיט אַרומגיין צעחושט ווערט מען אַ גרויסער שרײַבער? אַ נײַער גאָרקי? אַ טשעכאָוו?

אַ שלום אַש? אַן אַפּאַטאַשו? וואָס קאָנסטו שוין מחדש זײַן מיט דײַנע שרײַבע־רײַען? אין חדש תחת השמש! ווּעסט שוין קיין געניאַלע ווערק נישט שאַפֿן. די געניאַלע ווערק זענען שוין אַלע אָנגעשריבן געוואָרן דורך אַנדערע, וואָס זענען געקומען פֿאַר דיר. אַזוי פֿיל קאַליקעס דרייען זיך אַרום פֿעלסטו אַקוראַט צו צום רומל?

ביילע בורשטין האָט זיך אַ ביסל פֿאַרלוירן פֿונעם אומגעריכטן קלאַפּ וואָס זי האָט געקריגן פֿון אַזאַ צד אויף וועלכן זי האָט זיך צום ווינציקסטן געריכט. זי האָט געבלאָזן מיט די פֿליגעלעך פֿון איר לענגלעך־געשניצטער נאָז, ווי שטענדיק, ווען זי ווערט אין כעס. זי האָט גענומען שפּיזן מיט די צווי צעצונדענע אויגן און שיסן מיט פֿײַער ווי אין וואַנזין:

— וואָס ווייסטו און וואָס פֿילסטו, סוחרוקל איינער! ס׳איז דען דאָ נאָך אַזאַ רוי באַשעפֿעניש ווי דו ביסט? ביסט דאָך אין גאַנצן רוי!

— גיי קײַען שטרוי! — האָט ער איר געזאָגט צום גראַם און זיך ביטער צעלאַכט זעענדיק ווי זי איז גרייט אים דורס צו זײַן.

— לאַכסט? לאַכסט פֿון מיר? לאַך! ס׳וועט זיך דיר שוין אָפּנעמען ס׳געלעכטער! — און מער צו זיך ווי צום מאַן האָט זי צוגעגעבן — יאָ, כ׳האָב נישט קיין ברירה! איך מוז זײַן אַליין! מיט זיך אַליין!... כ׳קאָן נישט מער זײַן געבונדן מיט שטריק. מײַן לעבן איז אַרויף אויף נײַע רעלסן...

— אפֿשר איז עס אַראָפּ פֿון די רעלסן... דו ביסט אינגאַנצן אַראָפּ פֿון די רעלסן, ווי אַ צעשרויפֿטע מאַשין...

— פֿאַרמאַך ס׳מויל — האָט זי געזוכט עפּעס אונטער די הענט — פֿאַר אַזעלכע רייד וועל איך דיר די פּיסקעס דײַנע אויספּלאַסקען!

— און איך וועל דיר דעם קאָפּ צעשפּאַלטן! — האָט אַהרן אַ צערודערטער אַ הייב געטון אַ פֿויסט ווי אַ האַמער קעגן זײַן ווײַב, און ווען ער לאָזט זי אַראָפּ אויף ביילעס קאָפּ — ווער ווייסט ווי זי וואָלט געענדיקט איר לעבן... אָפּגעהאַלטן האָט אים זײַן זונס צעצאַפּלטע שרעק און ספּאַזמאַטישער אויסגעשריי!

— פּאַ־פּאַ! פּאַ־אַ־אַ!!

אַן אויסגעניכטערטער האָט זיך אַהרן גלײַך צוריקגעצויגן מיט צעברענטע אויגן פֿון אַן אומגעשטילטן כעס:

— איך וועל דיר געבן פֿראַוועץ משוגעתן! ווילסט שרײַבן — שרײַב! ווער לאָזט דיך נישט? ס׳שטערט דיר ווער? אָבער מאַכן משוגענע שטיק — דאָס נישט! דאָס געהערט נישט צו די אויפֿגאַבן פֿון אַ שרײַבער — חרוב צו מאַכן אַ היים, אַז איך אַליין ווייס שוין נישט אויף וואָסער וועלט איך לעב, און ס׳קינד? אַזוי פֿאַרנאַכלעסיקן אַן אייגן קינד?...

אַהרנס ווערטער זענען געפֿלויגן ווי גיפֿטיקע פֿײַלן. זיי האָבן זי געבריט

און געשטאָכן. נאָר טיף אין איר איז עפּעס געזעסן אַ כוח, אַ מין סובסטאַנץ, וואָס האָט זיך געוועדט, זיך קעגנגעשטעלט און פאַרלאָשן אַלע זײַנע צעפלאַמטע ווערטער, וואָס זענען צוריקגעפאַלן, זיך אַראָפּגעגליטשט, ווי פון אַ פאַנצער אַראָפּ...

זי האָט זיך פון דעמאָלט אָן אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק, אַז זי מוז זיך אָפּזינדערן, גיין פאַר זיך, האָבן איבער זיך אַליין צו זאָגן. אַלץ אַרום שטערט איר נאָר צו פאַרווירקלעכן איר מיסיע אין לעבן, צו וואָס זי איז באַרופן פון דער השגחה.

ביילע בורשטין האָט זיך אין אירע אייגענע אויגן — יעדעס מאָל, ווען זי האָט איבערגעלייענט דאָס וואָס זי האָט אָנגעשריבן — אויפגעהויבן ביזן זיבעטן הימל אַרײַן, אין אַן אײַנגעגלייבטער פאַררייסנקייט אַז קיינער איז צו איר נישט גלײַך. זי האָט זיך געזען איינע פון די סאַמע חשובסטע שרײַבער, איינע פון די געציילטע גרויסע פון איר דור. זי האָט שטענדיק געהאַלטן אין איין זאָגן זיך אַליין:

— ביילע, דו ביסט גרויס! ריזעדיק! האָסט אַן אײַזערנע גבורה! נישטאָ קיין גלײַכן צו דיר! נישט דאָ און נישט ערגעץ אַנדערש! דו ביסט די קעניגין פון די פּרויען־שרײַבערינס! אָט וואָס דו ביסט!

שטענדיק, ווען זי איז געגאַנגען אין גאַס, האָט זיך איר אויסגעוויזן אַז אַלע קוקן איר נאָך, און ערשט מיט דער צײַט וועלן זיי זי אויף אַן אמת באַוואונדערן:

— ס׳גייט די שרײַבערין... אָט איז די באַוועליסטין...

זי ווייסט, זי איז זיכער דערין! אַהרנען אויף צו להכעיס וועט זי נאָך אָנשרײַבן גרויסע ווערק...

* * *

אַ טיפער ווייטיק האָט זיך אײַנגעשניטן אין אַהרן געלדמאַנס האַרץ. זײַנט יענעם אָוונט איז ער געוואָרן אויס מענטש. ער האָט זיך מער נישט געקריגט מיט איר און נישט געקוקט אין איר זײַט. זאָל זי טוען וואָס זי וויל. ער האָט שוין מער נישט קיין כוח צו איר. ס׳איז אים נאָר אַ שאָד וואָס פון קינד ווערט אַ וויסטן תל. ווײַטער גייט זי אים אָן ווי דער נעכטיקער טאָג. ער זעט אַז ס׳וועט שוין פון איר קיין לײַט נישט זײַן. זאָל זי זיך פירן ווי זי פאַרשטייט.

ערשט, ווען ער האָט זי שוין געלאָזט לויפן און זיך אויפגעהערט מישן צו איר, האָט ער איין מאָל, ווען ער איז אַהיימגעקומען פון געשעפט, געטראָפן אַ צעטעלע אויפן טיש מיט אַ פּאָר קורצע לאַקאָנישע ווערטער, אַז זי געזעגנט זיך מיט אים און בעט נישט האָבן קיין פאַרדראָס אויף איר. ער זאָל גוט אַכטיק געבן אויפן קינד, אויף איר יאַנקעלע... זי וועט זיך נאָך אומקערן ווי אַ גוטע געטרײַע מאַמע...

אַהרן געלדמאַן איז אַרומגעלאָפן איבער דער שטוב מיטן צעטעלע אין האַנט ווי אַ חיה, וואָס מע ברענגט זי ס׳ערשטע מאָל אין אַ שטאַט. וואָס זאָל ער זאָגן ס׳קינד? וואָס וועלן זאָגן מענטשן? ס׳אַרט אים שוין נישט אַזוי וואָס מענטשן וועלן זאָגן, ווי ער שעמט זיך פאַרן קינד... יאַנקעלע איז שוין צוועלף יאָר אַלט, אַ דערוואַקסענער בחור. מע קאָן שוין מיט אים רעדן ווי מיט אַ בר־דעת. ווען ער וועט קומען פון שול מוז ער אים אַלץ אויפקלערן... באַלד איז ביי אים געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק — ער וועט מוזן צונעמען אַ מענטש אויף אַ האַלבן טאָג. אַ שוואַרצע. זי זאָל רוימען, האַלטן אין אָרדענונג די שטוב. מע טאָר זיך נישט נאָכגעבן. מע מוז זיך נעמען אין די הענט אַריין. עסן וועלן זיי ביידע אין אַ פאַמיליע־פּענסיאָן... גיין זי זוכן? ניין! ס׳האָט נישט קיין זין. נישט אַנדערש נאָר זי איז חסר־דעה... זי וועט דערפילן דעם טעם פון איינזאַמקייט, פון אַרומדרייען זיך אָן עלנטע — וועט זי צוריקקומען. וואָס קאָן ער דען אַנדערש מאַכן?...

אויך יאַנקעלע האָט מיט טרערן אין די אויגן צוגעזאָגט דעם טאַטן, אַז ער וועט זיך אויפפירן גוט און זיין געהאָרכיק, ווי ביז איצט... דער טאַטע איז דאָך נישט שולדיק... מאָרגן־איבערמאָרגן וועט די מאַמע קומען צוריק און אַלץ וועט ווידער זיין ווי געווען... אין דער שטוב האָט אָבער געהויערט אַ וויסטקייט אויף אַלץ, ווי מע וואָלט נאָר־וואָס אַרויסגעפירט אַ מת וואָס וועט זיך מער נישט אומקערן צום לעבן און וועט שטענדיק פעלן דאָ אין דער דאָזיקער שטוב.

* * *

אינעם קליינעם צימער הינטער דער שטאָט, וואָסביילע בורשטין האָט געדונגען ביי אַ דאָרפישער פאַמיליע, האָט די לופט געפּרעסט ביז ווייטיק דעם קאָפּ און דאָס האַרץ. זי איז אַרויס אויף דער „פּאַטיע״[1] י, וואָס איז געווען אַרומבאַשטעלט מיט בלומענטעפּ פון אַלע זייטן, אָבער אויך דאָ איז איר געווען ענג צו אָטעמען. זי איז כמעט ווי אונטערגעלאָפן די צוויי קוואַדרעס ביזן וואַסער. זי האָט געפילט אַז ס׳איז ממש דערשטיקט צו ווערן. ווי עמעץ וואָלט זיך באַזעצט אין איר גאַנץ לייב־און לעבן און פּייניקט זי, וויל זי דערשטיקן. עפּעס אַ מידקייט האָט זי געפילט אין אַלע אברים.

אָנשטאָט שרייבן, ווי זי האָט געחלומט, גרויסע ווערק, האָט זי די פעדער נישט געקאָנט נעמען אין האַנט אַריין. זי איז לאַנגע שעהען געלעגן אויפן איינזערנעם בעטל און געגלאָצט צו דער סטעליע: וואָס האָט זי געטון? ווו איז געווען איר געדאַנק? — האָט זי זיך געבראָכן די פינגער — ס׳חיות גייט איר אויס נאָך איר יאַנקעלע. אויך אַהרן טרעט נישט אָפּ פון איר דימיון. זי זעט אים אַ שוויינגדיקן, אַ שטאָלצן, מיט זיין געזעצטקייט און גוטסקייט. אין תוך איז ער דאָך אַ

[1] הויף.

גוטער מענטש. ווי האָט ער טאַקע געקאָנט אויסקומען מיט איר? זי פילט ווי הייסע פלאַמען וויקלען זיך אַרום איר. זי האָט נישט קיין רו, קיין רגע קיין מנוחה זינט זי איז אַוועק פון שטוב. דער חלום וועגן שרײַבן גרויסע ווערק, וואָס זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז זי וועט מיט זיי מאַכן אַ רושם, האָט זיך גענומען דערוווּטערן און אויף זײַן אָרט האָבן זיך גענומען שפּרייטן טונקעלע שאָטנס, וואָס האָבן פאַרהילט איר פנים מיט אַ וואָלקן טרויער. זי האָט אָבער פאַרביסן זיך געראַנגלט מיט אירע ספקות, געוווּסט, אַז ס׳איז אַ פּראָצעס, וואָס דאַרף און וועט זיך אויסשטיין. מיט דער צײַט וועט זי ווערן צוריק שעפעריש. זי וועט שרײַבן... נאָך ווי שרײַבן!...

* * *

— אוי, ס׳אַראַ טײַערע זאַך! ווי פון הימל אַראָפּ! — האָט ביילע אויסגע־שריגן און דערפילט ווי זי וואָלט באַקומען פליגל — בערל קאַלכמאַן קומט צו פאָרן! די צײַטונג האָט געציטערט אין אירע הענט. זי האָט אינגאַנצן געפלאַ־טערט אין דערוואַרטונג. שוין מאָרגן, גלײַך ווי ער קומט אין האָטעל אַרײַן, וועט זי זיך צוכאַפּן צו אים. זי וועט אים לייענען די ערשטע קאַפּיטלען פון איר ראָמאַן. ער איז דער איינציקער וואָס האָט געשריבן וועגן איר און איר געשיקט עטלעכע בריוו. ער לייגט גרויס האָפענונג אויף איר שרײַבערישער אַנטוויקלונג.

ווי אַ הונגעריקער זוכט מיט וואָס צו דערהאַלטן זײַן חיות, אַזוי האָט ביילע בורשטין געזוכט עמעצן וואָס זאָל זי אויפהייטערן און איר צוגעבן מוט. זי האָט זיך איצט אין איר אָפּגעזונדערטקייט געגייטיקט מער ווי אַלע מאָל אין דער באַשטעטיקונג, אַז זי איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן רײַף, ווי יעדער גרויסער שאַ־פער, אין וואָס זי איז סײַ־ווי געווען איבערגעצײַגט, אָבער דאָך געוואָלט עס הערן אויך פון אַנדערע, וואָס זאָלן באַקרעפטיקן איר אייגענע מיינונג.

— כ׳וועל מיך אָנטון טונקל. מיר קליידט זייער טונקעלע זאַכן. ס׳גיט מיר צו ערנסטקייט און ס׳מאַכט מיך געצוימט.

די פרוי אין ביילען האָט גענומען די אויבערהאַנט. זי האָט זיך פאַרקעמט די האָר מיט אַ שרונט אין דער מיט און זיי פאַרלייגט אין אַ גרעק אויף הינטן. זי האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך דאָס טונקלגראָע קלייד מיט די טיפגרינע בלומען. זיך עטלעכע מאָל באַשפריצט מיט פאַרפום. זי איז לאַנג געשטאַנען קעגן שפּיגל און פאַזירט, ווי ס׳זעט אויס בעסער: אַ שמייכל מיטן גאַנצן מויל, אָדער אַזוי אַ צוק פון אַ שמייכעלע, וואָס שפּילט זיך קוים אויף אירע פליישיקע ליפּן.

— זאָל איך גלײַך אַרײַנגיין — האָט ביילע זיך אַליין געפרעגט, שטייענדיק אונטן אין טויער — אָדער וואַרטן ביז ער וועט אַרויסקומען. זי האָט געקענט דעם שרײַבער קאַלכמאַן פון בילדער, וואָס זי האָט געזען אין פאַרשידענע צײַט־שריפטן בײַ דער געלעגנהייט פון זײַנע אָפטע רײַזעס מעבר־לים. זי האָט אײַנ־

געהאַלטן דעם אָטעם אַ ווײַלע אין איר נישט דעצידירטקייט: — כ׳וועל יאָ אַרײַנגיין. זי האָט געוווּסט, אַז ס׳איז דער דריטער שטאָק. זי האָט אויך געקענט דעם רײַכן הובערמאַן, וואָס האָט אָפּגעגעבן אַ דעפּאַרטאַמענט אין זײַן צענשטאָקיקער געבײַדע פאַרן גאַסט, פאַרן שרײַבער בערל קאַלכמאַן וואָס שטייט שטענדיק אײַן בײַ אים.

אַ לײַכטער קלונג פונעם גלעקל, וואָס אַ ציטערדיקע האַנט האָט עס קוים באַרירט מיט אַ פינגער, האָט אָפּגעהילכט אויף יענער זײַט טיר. ביילע איז געשטאַנען מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם. ס׳האָבן זיך דערהערט טריט וואָס דערנענטערן זיך צו דער טיר:

— ווער איז? — האָט אַ גראָבלעך מענעריש קול געפרעגט פון יענער זײַט.

—מאַכט- אויף, חבר קאַלכמאַן — האָט ביילעס שטים אונטערגעציטערט — אַן אייגענער מענטש.

די טיר האָט זיך געעפנט. אַ פעסטע האַנט האָט אַרײַנגעכאַפּט ביילעס הענטל און פעסט אַ דריק געטון:

— אויב כ׳האָב נישט קיין טעות זענט איר עס ביילע בורשטין.

— יאָ, אַזוי ווי געשטאַנען דערבײַ, ווי מע זאָגט. איר האָט אַן אויג.

קאַלכמאַנס אויגן האָבן אויף שנעל, ווי צווײ מײַזעלעך, אַ לויף געטון איבער ביילעס גאַנצן געשטעל, אַרומגענומען מיטן בליק איר גאַנצע פיגור און מיט זײַנע פינגער, קוים צו באַרירן אירע אַקסלען, זי אַרײַנגעבעטן אין גרויסן אויפנעם-צימער:

— זיצט, מאַכט אײַך באַקוועם — האָט ער איר אָנגעוויזן אויף אַ שטול און מעשה-קאַוואַליר איר אַרויסגענומען דעם בײַטל פון האַנט און אָוועקגעלייגט אויפן קרעדענצל וואָס איז געשטאַנען בײַ דער זײַט.

— גוט, וואָס איר זענט געקומען אַהער צופאַרן. פערזענלעך אַז מע שמועסט זיך דורך איז אין גאַנצן עפּעס אַנדערש, נישט אַזוי? אײַער לעצטער בריוו האָט מיך אַ ביסל געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט.

— פון דער ווײַטנס איז אַלץ אַנדערש, — האָט זיך קאַלכמאַן פאַרריכט דעם קראַוואַט — **איר פאַרשטייט, אין חלום איז איין זאַך און אין דערווירקלעכקייט...** שווער צו מאַכן אַ לעבן פון שרײַבערײַ. מיר וועלן נאָך רעדן וועגן דעם...

— כ׳וועל דאָ זײַן אַ שטיקל צײַט — האָט ער זי דורכגענומען מיטן בליק און ביידע האָבן זיך געשענקט שמייכלען פון סימפּאַטיע...

— איר שרײַבט עפּעס נײַע זאַכן, חברטע בורשטין?

— ס׳איז אַ גרעסערע אַרבעט... „די פינצטערע נאַכט״.

ער האָט דערפילט אַ פאַרלאַנג אַ שמייכל צו טון נאָר זיך באַהערשט און עס

דערשטיקט אין זיך, באַמערקנדיק וויביילע בורשטין קוקט זײַטיק, מעסט אים אָפּ, ווי זי וואָלט דערוואַרט אַ רעאַקציע פון זײַן זײַט. וואָס ער זאָגט דערצו? איר בליק איז געלאָפן איבערן צימער אַזוי ווי אין דערוואַרטונג פון אַן אורטייל, וואָס זי וויל נישט מיט איר אַנוועזנהייט באַאײַנפלוסן אים.

אַנשטאָט צו רעדן וועגן איר ראָמאַן, וואָס זי שרײַבט, האָט קאַלכמאַן גענומען רעדן וועגן זיך:

— וועגן מײַן לעבן, דאַכט זיך, האָב איך אײַך געשריבן גענוג אויספירלעך... מיר וועלן נאָך רעדן — האָט ער מיט אַ מבינותדיק בליקל באַטראַכט די עטלעכע־און דרײַסיקיאָריקע שרײַבערין, וואָס טראָגט זיך אַן אומגעדולדיקע אַזוי איבערן צימער מיט איר שלאַנקן פרויען־קערפּער, דין און צאַרט, ווי אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן — יאָ, וועגן אײַער ראָמאַן... ווייסט איר וואָס, חברטע ביילע, איר זענט דאָך אַן אייגענער מענטש, אײַ? לאָמיר מאַכן אַ שפּאַציר מאָרגן גאַנץ פרי. מיר וועלן פאָרן ווײַט אַוועק פון שטאָט, צו זײַן די ערשטע אויף דער פּלאַזשע... באַלד וועלן קומען חברים מיך נעמען אויף אַ צוזאַמענטרעף... אַזוי אַז אויף שנעל קאָן מען נישט רעדן און אוודאי נישט לייענען קיין קאַפּיטלען פון אַ ווערק — האָט ער געגעבן אַ פּאָר־זשמורע די אויגן און זיך געשטעלט אין דער גאַנצער הייך אַנטקעגן איר און געפילט ווי זי ווערט פון זיך אַליין ווי דאָס קנעטליים אין די הענט פונעם טעפּער...

זי איז געווען אויסער זיך פון גליק, ווען זי האָט דערהערט, אַז ער רופט אירע שריפטן „קאַפּיטלען פון אַ ווערק" און ווי ערנסט ער באַציט זיך צו איר שאַפן:

— איר וועט מיר דערלויבן, חבר קאַלכמאַן, כ'וויל אײַך געבן אַ קוש...

זי האָט אים אָפּגעפּרעסט אַ הייסן קוש מיט אירע פולבלעכע ליפּן:

— איר האָט אין מיר אַרײַנגעזעצט אַ נײַע נשמה. איר ווייסט אַליין נישט וואָס איר זענט פאַר מיר... גאָט אין הימל האָט אײַך אַראָפּגעשיקט צו מיר...

דער לץ אין אים האָט אַ שפּיל געטון מיט איר ווי מיט אַ פּילקע:

— איך לייען אײַך, חברטע בורשטין, מיט גרויס הנאה... איך קאָן זיך ממש נישט אָפּרײַסן פון אייך... מירן עס לאָזן אויף מאָרגן, איר זענט מסכים? — אַזוי אַרומגענומענערהייט, מיט דער האַנט בײַ דער טאַליע האָט ער זי צוגעפירט צו דער טיר און זי אַרויסבאַגלייט אין דרויסן אויפן קאָרידאָר...

* * *

די פרימאָרגן־לופט איז געווען אַ פרישע און אַ קילע, דורכגענומען מיט געזאַלצענער פײַכטקייט. זילבערנע מעוועס זענען געפלויגן חמרימוויִז. אַ סך האָבן געקרײַזט נאָענט צום וואַסער, געבליבן הענגען אַ ווײַל אינדערלופטן אומבאַוועגלעך און זיך אַ לאָז געטון אין וואַסער מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלדז.

— וויפל וווּנסער שוים! — האָט זיך די ערשטע אָנגערופןביילע — ווי ס'וואָלט דאָרט אין די טיפּענישן געזידט און געקאָכט.

די כוואַליעס זענען געלאָפן געאָרעמטע צום ברעג — אַהין און צוריק, געוואַשן די זאַמדן, אָנגעקומען מיט שוים און צוריקגעלאָפן ווי אין שרעק פאַר דער יבשה. דער הימל איז אַ לויטערער געלעגן נידעריק איבערן קאָפּ, דער אָרום האָט געכישופט דאָס אויג.

— סאַרע וווּנדערבאַרע פּלאַזשעס איר האָט דאָ. אָסור צי אין גן־עדן זענען דאָ אַזעלכע פּלאַזשעס. ס'ווילט זיך גאָרנישט טראַכטן וועגן צעשיידן זיך מיט זיי. — האָט בערל קאַלכמאַן זיך אַלץ מער באַגײַסטערט פון דער פּיטאָרעסקער לאַנדשאַפט וואָס איז שוין באַשאָטן אין די זײַטן מיט סנאָפּעס ליכט פון דער אויפגעגאַנגענער זון, — ס'ווילט זיך דאָ זײַן אַן אייביקייט אין דאָזיקן רחבות־דיקן אָרום. אַ לויבגעזאַנג גייט אויף אין מיר, אַ כוואַליעדיקער ניגון צום וווּנדער פון אָרום.

פון באַגײַסטערונג האָט קאַלכמאַן אַרומגענומען ביילע בורשטינען מיט אַזאַ יינגלערישער פרײַקייט, אָט ווי דאָס יונגוואַרג וואָס גייט אַרומגענומענערהייט אויף די הינטערשטאַטישע שפּאַצירן. ער האָט זי געטוליעט צו זיך פעסטער און היימישער און זיך תאווהדיק אײַנגעזויגן אין אירע דאַרשטיקע ליפּן.

— אײַ, ווען ס'לעבן וואָלט געווען אויף שטענדיק... וואָס קאָן נאָך זײַן שענערס ווי אייביק יונג זײַן אויפן פּאָן פון אַזאַ ווונדערלעכע פּאַנאָראַמע!... אַזעלכע פּרעכטיקע נאַטורבילדער זעט מען, דאַכט זיך, נישט אין ערגעץ...

ביילע האָט נישט געוואָלט שטערן קאַלכמאַנען אין זײַן עקסטאַז און באַווונדערונג. זי איז געגאַנגען נאָענט בײַ זײַן זײַט, און שווײַגנדיק אים געהאַלטן מיט דער רעכטער האַנט פאַר דער טאַליע און געפילט אין אים די פאַרווירקלעכונג פון אירע חלומות אין די פאַרבענקטע טריבע טעג.

— מירן זיך איבערטון אין די באַד־קאָסטיומען און זײַן די ערשטע אינעם וואַסער.

ביילע איז אַרויסגעקומען פון די בײַדלעך אַ צעזוניקטע מיט אַ שמייכל וואָס האָט געוויזן קלאָר אירע צוויי שורות ווײַסע פּערלציין. דער באָרדאָ־קאָליר פון איר באַד־קאָסטיום האָט איר געפּאַסט צו איר ברוין לײַב. בערל אינעם בלאָען שאָרד האָט אויסגעזען ווי אַן אמתער ספּאָרטמאַן. ביידע האָבן זיך אָנגענומען פאַר די הענט און אין אייגענער פאַרגעסנקייט זיך געלאָזט לויפן זאָרגלאָז אין וואַסער אַרײַן.

— קאָנסט שווימען? — האָט איצט בערל זי אַ נעם־געטון דרײַסט פאַר דער טאַליע און זי האָסטיק איבערגעקערט. אַ שאַרפער קוויטש האָט דורכגעשניטן די לופט. בערל האָט נישט געלייגט קיין אַכט דערויף און געשריגן צו איר:

— קלאַפּ מיט די פּיס! שאַר מיט די הענט! דעם קאָפּ האַלט אין דרויסן! אַרויף! אַזוי! גוט!... איצט וועסטו שווימען! האָב נישט קיין מורא, כ׳וועל דיך נישט אָפּלאָזן! כ׳האַלט דיך פעסט!...

ביילע איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן וואַסער מיטן בויך אָנגעשפּאַרט אויף זײַנע הענט: אַ יאַט מיט ביינער! — האָט אַ געדאַנק זיך פאַרגנבעט אין אירע בלוטן און זיי צעריזלט, צעכוואַליעט — אָט דאָס הייסט אַ מאַנצפּאַרשוין פול מיט לעבן! ער פרעסט מיך מיט די אויגן, דער יונג...

— ווי נעמט מען בײַ אונדז אַזאַ טײַער ביסל וואַסער — אַ־אַ־אַ!! — האָט ער זיך געהאַלטן אין איין קוויקן זיך צודריקנדיק צו ביילען אין פאַרפּלאָנטער פון הענט און פיס. פונקט ווי זיי זענען אַרײַנגעלאָפן אַזוי זענען זיי מיטן זעלבן אימפּעטיקן געלייף אַרויס פונעם וואַסער, און זיך געלאָזט אין אַן אונטערלויפנדיקן שפּאַציר פאַזע דעם זאַמדיקן ברעג, וואָס איז שוין געווען גוט אָנגעוואַרעמט ...ן דער זון.

— חבר קאַלכמאַן — האָט ביילע זיך געוואָנדן צו אים מיט ערנסטקייט אין טאָן — איר ווייסט אַז כ׳האָב מיטגענומען עפּעס צו לייענען. מיר וועלן זיך אַוועקלייגן אָט דאָ אונטערן בוים, וועט אונדז קיינער נישט שטערן... איך וועל רויִק קאָנען פאַרלייענען פאַר אײַך די ערשטע קאַפּיטלען פון מײַן נײַעם ראָמאַן.

דאָס וואָרט „ראָמאַן" האָט זי עפּעס ווי פאַרשלונגען, נישט האָבנדיק די דרײַסטקייט אין קעגנוואָרט פון אַ שרײַבער צו רעדן וועגן איר זאַך וואָס זי ווייסט נאָך אַליין נישט וואָס ס׳וועט אַרויסקומען דערפון.

— נו, יאָ, זיכער... אונטערן בוים — האָט קאַלכמאַן געפּילט ווי ס׳ווערט אים הויל אונטערן לעפּעלע: כ׳בין שוין הײַנט אַ קרבן מיט דער פלאַמבע! — האָט דער לץ געערעדט אין אים טראַציק, אָבער דער מאַנצביל אין אים האָט גובר געווען און אים געשטופּט די ווערטער אין מויל אַרײַן:

— ס׳וועט פאַר מיר זײַן אַ גרויס פאַרגעניגן... כ׳וועל עס האַלטן פאַר אַ זכיה וואָס איך וועל זײַן דער ערשטער בײַ אייך צו הערן אײַך לייענען דעם אָנהייב פון אײַער נײַ ווערק...

— אָט אַזוי — האָט דער לץ אין אים געקוואַלן — דאָס איז דער איינציקער זשעסט מיט וואָס דו קאָנסט באַווײַזן מענערשע געטרײַשאַפט, וואָס אימפּאָנירט אַזוי שטאַרק אַ פרוי וואָס שרײַבט... איצט האָסטו זי געווינען אין גאַנצן אויף דײַן זײַט. איצט זעסטו שוין אַז צום לץ דאַרף מען זיך צוהערן און טוען אַלץ וואָס ער הייסט?...

* * *

דאָס וועלדל — נישט ווײַט פון ברעג — איז געווען אי זאַמדיק, אי מאָכיקבאַוואַקסן אַרום די שטאַמען. קיין לעבעדיק נפש איז דאָ נישט געווען צו זען אין

דער פרימאָרגן־שעה. בלויז פייגל האָבן געטרילערט צווישן די צווייַגן פון די באָדלביימער, געזונגען שירה אין אַ וועלטווינקעלע פון כולו שייבקייט און מנוחה.

ביילע בורשטין האָט עטלעכע מאָל אַ הוסט געגעבן בײַם זוכן דעם מאַנוס־קריפּט אין איר פלאַזשע־קיישעלע כאָטש זי האָט גאַנץ גוט געוווּסט ווו די העפטן ליגן.

בערל קאַלכמאַן איז געוואָרן בלייך און ווי פאַרלוירן ס׳לשון דערזעענדיק דעם דיקן העפט: — איך בין שוין הײַנט אַ געמאַכטער — איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק — ס׳גייען שוין אויף מיר די אמתע טאָרטורן... כ׳וועל מוזן אויס־הערן אַלץ וואָס זי האָט דאָ אָנגעשריבן, אַן אומגליק... אַ ריין אומגליק אָן אַן אויסוועג...

מיט אַ דראַמאַטישער שטים האָט ביילע גענומען פאָרלייענען איר אָנגעצ־הויבענעם ראָמאַן „אין אַ פינצטערער נאַכט" און זיך אַליין איבערגענומען מיטן גורל פון אירע אומגליקלעכע העלדן, אַז אָט צעווײנט זי זיך אין מיטן לייענען.

בערל קאַלכמאַן האָט געהערט ווי אַ פאַרמישפּטער צום טויט. געזעסן אָנגע־שפּאַרט אָן בוים מיטן קאָפּ אַמאָל־אַראָפּ, אַמאָל־אַרויף מיט די הענט פאַרלייגט איינע איבער דער צווייטער אויף דער ברוסט, ווי אַ גלח וואָס נעמט־אויף אַ ווידוי פון אַ שווערפאַרזינדיקטן מענטש. אין דער זעלבער צײַט אָבער האָבן זיך די ווערטער צו אים געקלעפּט ווי אַרבעס צו דער וואַנט. ער האָט יעדע פּאָר מינוט אַ זאָג געטון: — „פײַן!" און „אַוואַ!" „גרויסאַרטיק!" אויסגעצייכנט!" „אַ שעדעווער!" „אַ זעלטן בילד!" „אַן אָריגינעלע שילדערונג!" און אויף טייל ערטער צוגעגעבן „באַלד, לייענט נאָכאַמאָל איבער דעם שטעל!" „אהא, ריכטיק!" „וווּנדערבאַר! איר זענט אַ גרויסער פּסיכאָלאָג, אַ נשמה־קענער!"

אין קאָפּ האָבן זיך אים געמישט פאַרשידענע געדאַנקען, אַז אייגנטלעך איז ער דאָך נישט קיין קריטיקער, בלויז אַ דערציילער, און אויב לייענען, קאָן ער דאָך בעסער אָוועקגעבן די צײַט אויף שעקספּירן אָדער געטע, כאָטש אין דער אמתן האָט ער נאָך קיין שורה פון זיי נישט געלייענט. אָבער וועגן זיי יאָ. אַדורכגעזוּבערעוועט אַמאָל אַן אַרטיקל אין דער צײַטונג וועגן זייער גרויסקייט. שעקספּירן אַפילו געזען אויף דער בינע. נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז ס׳זענען דאָ אַזעלכע וואָס האַלטן אַז שעקספּיר האָט גאָרנישט געשריבן די דראַמעס, אַן אַנ־דערער האָט זיי געשריבן אויף זײַן נאָמען. בײַ אונדז פירט זיך פאַרקערט. זייער אָפט שרײַבן שרײַבערס יענעמס אַרטיקלען, שטעלן אַרויף זייערע נעמען אויף פרעמדע מאמרים. אַנדערע צײַטן הײַנט...

— איר הערט, חבר קאַלכמאַן?

— וואָס פאַר אַ פראַגע?... כאַ־כאַ־כאַ! איר פאַרמאָגט אַ דינעם הומאָר מיט אַ דראַמאַטישן אַקצענט, אַן אינטערעסאַנטער אופן פון אַרויסברענגען טיפן און

סיטואַציעס... ס'איז אַ געוואַלטיקער שטאָף... איך זע אַז ס'איז אַ ראָמאַן מיט אַ גרויסן פּאַרנעם... ס'וועט מאַכן פורור דאָס בוך... איר מעגט זײַן שטאָלץ... איך אַליין בין שטאָלץ אויף אײַך...

אין דער זעלבער צײַט האָט ער זיך אויסגעבויגן און מיטביידע הענט גענו־מען גלעטן די דיקערע טיילן פון אירע נאַקעטע פיס. ביילע האָט זיך עפּעס פאַר־האַקט אין מיטן לייענען. זי האָט אַוועקגעלייגט דעם פּאַק העפטן און זיך אויס־געצויגן אין דער גאַנצער לענג לעבן קאַלכמאַנען.

— ס'איז מיר ענדלעך געלינגען — האָט דער לץ אין אים שקאַציש גע־קוואַלן — כ'האָב זי געפּאַקט... קוים געפינען אַ פּאַרטל ווי אַזוי אַרויסצוגיין גאַנץ פונעם אומגליק... אַזאַ אַנשיקעניש אויף מײַן קאָפּ...

— איר זאָגט עפּעס, חבר קאַלכמאַן?

— יאָ, איך זאָג עס זיך אַליין, אַז איר זענט אַן אויסגעצייכנטע שרײַבערין, אַ גאָטגעבענטשטער טאַלאַנט. אײַערע מיטצײַטלער וויסן גאָרנישט וואָס זיי פאַרמאָגן אין אײַך. וויפל געדולד און אַרבעט איר האָט שוין אַרײַנגעלייגט אין אייער נאָוועלע. ממש צו באַוואונדערן. אַז איר וועט האָבן געענדיקט דעם ראָמאַן וועל איך שאַפן אַ געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט מע זאָל אַרויסגעבן דאָס בוך. די גרעסטע קעפּ וועלן זײַן פאַרטראָטן אינעם קאָמיטעט. בײַ מיר וועט זיך קיינער נישט אָפּזאָגן. אַלע וועלן זיי טאַנצן אויף מײַן שטריקל... מײַנס אַ וואָרט איז פאַר זיי הייליק, אַ געבאָט... איך אַליין וועל שרײַבן דאָס פאָרוואָרט, אויב איר וועט, פאַרשטייט זיך, מסכים זײַן.

— מסכים זײַן? וואָס רעדט איר? ס'וועט פאַר מיר זײַן דער גרעסטער כבוד! אַ קלייניקייט דער שרײַבער בערל קאַלכמאַן! וואָס רעדט איר? צען מאָל: מסכים! מסכים! — האָט זי זיך געטוליעט צו אים און אויסגעקושט זײַנע אויגן, די אַקסלען, די געדיכטבאַוואַקסענע ברוסט זײַנע, און אין זיך געטראַכט: איצט בין איך שוין אויף אַ דרך... געכאַפּט דעם פויגל אין שטײַג אַרײַן. ער וועט זיך שוין פון מײַנע הענט נישט אַרויסדרייען... ביילע, אַז זי וויל — קאָן זי אויספירן אַלץ, אַלץ!...

— וואָס זענען עס די פאַרשריבענע פּאַפּירן בײַ אײַך — האָט ביילע גע־וואָלט וויסן, זעענדיק ווי ער מאַכט פאַרשידענע פאַרצייכענונגען אין זיי.

— דאָס זענען די טעזן פון מײַן ערשטן רעפעראַט וואָס כ'וועל האַלטן דאָ אין שטאָט: „די ליטעראַטור בײַ פעלקער און בײַ יידן"... וועסט מיך קומען הערן — איז ער איבערגעגאַנגען אויף „דו" — מאָרגן טרעט איך אַרויס אין קהילה־זאַל. ס'וועט זיכער זײַן אַ געפּאַקטער עולם...

— פרעגסט נאָך? אַוודאי וועל איך קומען...

— אָ, ווי מע קאָן זיך פאַרלירן אין דײַנע שיינע ברענענדיקע אויגן —

האָט קאַלכמאַן זי אַ כאַפּ געטון נענטער צו זיך — מע פֿאַרגעסט זיך זיס אין דײַנע אָרעמס, אַזוי ווי אין שיכּרות...

— אָ־אָ, חבֿר קאַלכמאַן, כ׳ווער דערשעפּט אין אײַער הייסן ברען צו מיר... איר דערדריקט מיך... די כּוחות פֿאַרלאָזן מיך...

— ש־ש־ש־אַאַאַ! — האָט ער מיט הייסע ליפּן זיך אײַנגעזויגן אין איר מויל און געפֿילט ווי איר קערפּער לאָזט נאָך פֿון זײַן שטײַפֿקייט און גיט זיך איבער מיט צעגליטער לײַדנשאַפֿט ביז פֿאַרכלינעטקייט, ביז פֿאַרשוימטן אויפֿצאַפּל פֿון אַלע גלידער...

— לאָזט מיך... לאָזט... כ׳וויל אַהיימגיין צו מיר אין צימער — האָט זיךביילע געבעטן בײַ קאַלכמאַנען — כ׳וועל דאָך נישט בלײַבן דאָ אַ גאַנצן טאָג.

— וואָס יאָגסטו זיך אַזוי? ליג נאָך אַ ביסל, טשע, באַלד וועלן מיר גיין — האָט קאַלכמאַן זיך געצויגן מיט די פֿוילע גלידער, ווי נאָך אַ לאַנגן שלאָף, געלעגן אַ ביסל דערשעפּט און אין גאַנצן באַרויִקט, ווי אַן אויסגעניכטערטער נאָך אַ טיפֿער שיכּרות.

ביילע האָט געפֿילט אַ לײַכטן שווינדל אין קאָפּ און אַ נאָגעניש אונטערן האַרץ ווי פֿון הונגער. אַ שאָד וואָס זי האָט אין גרויס געאײַל פֿאַרגעסן מיטצונעמען עטלעכע סאַנדוויטשן, מע זאָל קאָנען עפּעס איבערכאַפּן אויף דער פֿרײַער לופֿט... זי האָט אים געלאָזט ליגן דאָ און אַוועק מיט פֿוילע קעצישע טריט צום וואַסער, וואָס האָט גערופֿן מיט די צעשפּילטע כוואַליעלעך. דער קאַלטער שטראָם האָט זי אַרײַנגענומען אין זײַנע אָרעמס, געקילט די צעהיצטקייט פֿון איר לײַב און גלײַכצײַטיק זי אויפֿגעפֿרישט פֿונעם טשאַד. אַ מאָדנע חרטה־געפֿיל האָט זי פֿאַרקלעמט: — ווו איז געווען מײַן געדאַנק? זי האָט געוואָלט פֿאַרטרײַבן פֿון זיך די מחשבֿות, נאָר ווי גליִענדיקע שפּינען האָבן זיי זיך אײַנגעשטאָכן, געקלאַמערט אין איר גוף: זע נאָר ווי גלײַכגילטיק ער ליגט איצט, גלײַך ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען צווישן זייביידע. ווען זי איז אַרויס פֿון שטוב האָט קאַלכמאַן אַ טרוקענעם לאָך־געטון. זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען, זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון וואָס זײַן לאַכעלע האָט באַטײַט. ווי מאָדנע — האָט אויפֿגעטויכט אין איר געדאַנק — אַז דאָס טראַכט ער זיך אוודאי ווי נאַריש די ווײַבער זענען, וואָס פֿאַרטרויען זיך אַ מאַן אוממיטלבאַר, אָן קאָנווענציאָנעלע שטיק, אָן שום צערעמאָניעס... און דאָך, גיי ווייס וואָס ס׳שטעקט אין זייערע צעפּיבערטע, ווײַבערישע ווייִנענדיקע נשמות... — — — — — — — — — — — — — —

* * *

— גאָט מײַנער! ס׳קאָן דאָך נישט זײַן! ס׳איז דאָך נישט מעגלעך! אַוועקגעפֿאָרן און נישט געזאָגט קיין גוטן־טאָג... בערל קאַלכמאַן — אַן אָפּנאַרער, אַ

פאַרפירער? וואָס קומט דאָ פאַר אויף דער וועלט?... ס'איז אויס וועלט! — האָט ביילע בורשטין זיך געבראָכן די פינגער און באַלד נאָכאַמאָל געכאַפּט די צײַטונג אין האַנט, זיך איבערצײַגן צי דאָס אויג האָט איר נישט גענאַרט, צי דאָס איז טאַקע ער אויפן בילד — אַוועקגעפאָרן און זיך נישט געזעגנט?

אַ קלעמעניש האָט אַרומגעכאַפּט איר גוף ווי מיט אײַזערנע רייפן: — אַ שאַנטאַזשיסט! אַ פּשוטער שווינדלער!.. ווו זענען זײַנע אמתן וואָס ער שרײַבט וועגן זיי און צעפּויקט זיי אַזוי ריקזיכטלאָז, אַז זײַן לעבן איז נאָר קאַמף פאַרן אמתן ריינעם יידישן וואָרט, אַז ער איז זיך מקריב פאַרן אמת, פאַרן פרײַען אומאָפּהענגיקן געדאַנק... אויפריכטיק פירן אַ קאַמף הייסט: האָבן אַ נישטפאַר־קויפטע פען... זײַן פען — שרײַבט ער — קאָן מען נישט קויפן. ער איז די ער־לעכקייט אַליין... ער און — ערלעכקייט! אַ בראָך צו די יאָר! וואָסער מענטש שטייט הינטער אָט די ווערטער, אַז ער זאָל זיך קאָנען אַזוי געמיין פאַרשטעלן?..

ביילע איז געבליבן זיצן שטאַר, אַ וואָרף געטון די צײַטונג אויף דער ערד און אַראָפּגעלאָזט די הענט ווי פון אַ באַפאַלענער מאַכטלאָזיקייט. הייסע טרערן זענען גערונען איבער אירע צעפלאַמטע באַקן, געפאַלן אויף די הענט: — ווו זענען געווען אירע אויגן? איר פרויען־אינסטינקט איז געווען טויב און שטום. זי האָט אים געקוקט אין מויל אַרײַן, געגלייבט זײַן יעדער וואָרט, וואָס ער זאָגט אַרויס, אַז ס'איז קודש־קדשים... אין וואָס פאַר אַ וועלט לעבן מיר? ס'איז דאָך נישט איבערצוהאַלטן! — האָט אַ געשריי, ווי פון אַ פאַרוווּנדעטער חיה, זיך אַ ריס געטון אינעם חלל פון איר איינזאַם צימער — ווע מען קאָן מען שוין גלייבן? וועמען?... קיינעם נישט? קיינעם נישט! מיר לעבן אין אַ געוויסנלאָזער וועלט!... אָט אין וואָס פאַר אַ וועלט מיר לעבן!... אַ וועלט אָן געוויסן!...

# אַן אָפּגעזונדערטער טשאַלעט

דער מיזרח האָט גענומען אויפליכטיקן צעצאַפּלט מיט די ערשטע העלע שטרייפן פונעם נײַעם טאָג. אינדערלופטן ציטערן־אויף די בהמהשע מ־ו־ס. די לעצטע הענערשע געקרייען ענטפערן זיך איבער נאָכן אויפגעביל פון הינט. באַלד נעמען פייגעלעך פּישטשען אין זייערע נעסטן, צעוואָרפענע איבער דיביימער. צוזאַמען מיט די מאַמע־פייגל טראָגט זיך די פייגלשע פרימאָרגן־שירה פון די צעגרינטע באַבלעטערטע צווײַגן אַראָפּ אויפן פעלד, איבער די סטעזשקעס פון דער אָפּגעזונדערטער ווילע ווײַט אַוועק פון וועג.

דער דיכטער מענדל לאַמענט ליגט שוין לאַנג אויף. נאָר ס׳גלוסט זיך אים צומאָל נישט קיין ריר טון אויף זײַן געלעגער. ער וועט גאָרנישט פאַרשפּעטיקן ווען ער וועט מיט אַ שעה שפּעטער אַרויסגיין אַרבעטן אין גאָרטן אַרײַן. ער האָט נאָר וואָס דערפילט אַן אויפגעצאַפּל פון זײַן פרוי, וואָס שלאָפט לעבן אים בײַ דער זײַט, ווי זי וואָלט זיך אין בייזן חלום געוואָלט אָן עפּעס אָנהאַלטן נישט אַראָפּצופאַלן ערגעץ אין אַן אָפּגרונט.

זײַן ווײַב שרה האָט לעצטנס שלאָפלאָזע נעכט. ערשט פאַרטאָג־צו כאַפּט זי אַ דרעמל, שלאָפט אָפּ אַ שעה־צוויי און קומט אויף אַ צעררודערטע, ווי פאַר־פאָלגט פון שרעק־זעונגען, וואָס קומען צו איר ווי נאָר זי מאַכט־צו די אויגן. גאַנצע טעג דרייט זי זיך אַרום אַ צעטראָגענע. ער ווייסט די סיבה פון אירע ווייטיקן. זינט זיי האָבן פאַרלוירן זייער פּיריאָריק טעכטערל איז זי געוואָרן אויס מענטש. די בת־יחידקע איז געווען בײַ זיי זייער גאַנצע טרייסט אין זייער אָנגע־ליטנקייט, וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין אין דער סביבה פון אינטריגעס און נישט־פאַרגינערײַ באַווירצט מיט רכילות און אַ ברענען די טריט אַזוי אים, מענדל לאַמענטן ווי אַן אָנערקענטן דיכטער און אַזוי זײַן ווײַב, די קולטור־טוערין

און מיטגלידערין אין דער שול־קאָמיסיע ווו זי איז געווען פאַררעכנט פאַר איינע פון די רעדנערינס בײַם באַגריסן און אויפנעמען געסט פון אויסלאַנד וואָס זענען געקומען באַזוכן די שול.

טיפּע זיפּצן האָבן זיך אָפּט געריסן פון זײַן צעווייטיקט האַרץ. ס׳איז געווען אַ גרויס רחמנות צו קוקן ווי די שרה לײַדט. ער נעמט זי אָפּט אַרום, טוליעט זי צו זיך, ווי זיי וואָלטן געווען צוויי יונגע קינדער. ער פאַרוויגט זי מיט אַ מאַמע־דיק קינדערליד ביז זי פאַלט אַרײַן אין אַ דרעמל, וואָס איז פאַר איר אַ רעטונג צו איר צעשטרײַט געמיט און מאַכט איר פאַרגעסן אין אַלע אירע צרות.

ווען מענדל זעט, אַז שרה איז אײַנגעשלאָפן, שאַרט ער זיך שטיל אַרויס פונעם בעט, נעמט אויף זיך די אַרבעט־קליידער און גייט אַרויס אין גאָרטן צו די בײַמלעך.

די קילע פרימאָרגן־לופט נעמט אים אַרום און פרישט אים אויף, פלאָנטערט אים אַרויס פון די שלאָפיקע שפּינוועבס־צויטן, פאַרפעדעמטע אין דער טשופּרינע איבער די האַלב־פאַרזשמורעטע אויגן.

ער קוקט זיך אײַן אין דער העלבלאָער הימלדיקער אויסגעשפּרייטקייט אי־בער זײַן קאָפּ, קוקט צום מיזרח, ווו די זון נעמט צעוואַרפן אירע בונטע שטראַלן, ווי אַ צעעפנטער פעכער. ער שטייט אָן אײַנגעהאָרכטער אינעם צעזונגענעם אַרום — ווער קאָן אָפּשאַצן אָט דאָס וווּנדער? אַזוי פיל טענער הערן זיך אינעם פייגלשן געשווישטש און געטרילער ווי פון אַ גאַנצן אָרקעסטער. ער אַליין זינגט אויס אַ געבעט אויף שטום־לשון און ער פילט ווי ס׳וואַקסט אין אים די גרויסע צופרידנקייט, וואָס ער איז באַצײַטנס אַוועק פון דער גרויסער שטאָט, זיך געראַ־טעוועט פון אַ סביבה, ווו ס׳האָבן זיך געפינען אַזעלכע ברואים, וואָס האָבן גע־גראָבן קעגן אים, געוואָלט אים דערנידעריקן אין מענטשנס אויגן, פאַרמיאוסן אים בײַ זײַנע גוטע פרײַנד, געגאַנגען מיט ליגנס, חניפה און פּשוטן בילבול:

— פאַרוואָס זאָל עס אַזוי זײַן? ווועמען האָט ער שלעכטס געטון און וועמען אַרט עס אַזוי שטאַרק וואָס ער לעבט אויף דער וועלט? — באַלד גיט ער אַ פאַר־טרײַב פון זיך די בייזע מחשבות, וואָס פליִען אָן אויף אים ווי אַ טשאַטע קראָען. ער גיט אַ כאַפּ דעם רידל אין האַנט און נעמט גראָבן פרישע בײַטן. די ערד שמעקט מיט דער אָפענער פײַכטקייט. די גראָזן אַרום זענען נאַס — פריש גע־וואַשן פון פרימאָרגן־טוי. אויף זײַן פּנים טרעט אַרויס אַ שווייס. מענדל אָבער זינגט איצט דאָס ליד פונעם רידל וואָס וואַרפט איבער די ערד אויף צו באַשאַפן וווּנדער. אויף טייל בײַטן גייען שוין אויף די פרישע געוויקסן. אָט שטופּן זיך אַרויס די נײַגעריקע קעפּלעך פון די ראָש־חודש־רעטעכלעך, די יונגע ציבעלקע־לעך, ווי קאָקעטקעלעך חנדלען זיך שלאַנקע מיט די לענגלעכע גרינע שטענגלעך. צווישן נידעריקן געדיכטן געבלעטער באַהאַלטן זיך גרינע אוגערקעלעך, אַ ריר

מיטן רידל און זיי ליגן גרייט: — נעם אונדז, מיר זענען צײַטיק... אויף די פּרוכטביימער רײַפן זיך פֿאַררויטלטע עפּל, באַרנעס. די ווײַנטרויבן האָט ער שוין אַראָפּגענומען. אין קעלער שטייען פולע בײַכיקע צעגליטערדיקע פלעשער מיט אײַנגעלייגטע קאַרשן, סלאָיען מיט אײַנגעמאַכטס פון פלוימען און פּאָמידאָרן...

— ווען מײַן טעכטערל לעבט און וואָלט דאָ געווען מיט אונדז — ווער וואָלט געווען אונדזערס גלײַכן?

זײַן קאָפּ זינקט אַרונטער אין מיטן דער אַרבעט. אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אָן רידל לאָזט ער איבער זיך לויפן די האַסטיקע מרה־שחורהדיקע געדאַנקען וועגן מענטשנס ציל אין לעבן, וועגן זײַן צוועק און גורל. ער פאַרהייבט פּלוצים דעם קאָפּ. ער הערט טריט, וואָס דערנענטערן זיך צו אים, באַקאַנטע טריט. היימישע, אייגענע:

— אַ גוטמאָרגן דיר, שרהלע — שמייכלט מענדל אַנטקעגן זײַן ווײַב, וואָס איז אַרויסגעקומען אין גאָרטן מיט אַ שטרויענעם הוט אויפן קאָפּ צו באַשיצן זיך קעגן דער ברענענדיקער זון. זי האָט געטראָגן אַ פול פאַרטעך קערנער פאַר די עופות:

— כ׳גיי געבן עסן מײַנע הינדעלעך, — שמייכלט שרה האַלבפאַרלוירן, ווי זי וואָלט איר מאַן שולדיק געווען אַ חוב און פּרוווט זיך אַרויסדרייען פון באַצאָלן. באַלד הערט זיך דאָס רופן די הינער מיט אַ „טשיפּ־טשיפּ־טשיפּ!"... מיט אַ געפילדער קלײַבט זיך צונויף אַרום איר דאָס געפליגל מיט אַ געפּאָכערײַ פון צענומענע פליגל נידעריק צו דער ערד. ס׳ווערט אַ געשטופּערײַ, מע פאַרלויפט זיך דעם וועג און מע רײַסט זיך דעם ביסן פון מויל אַרויס. שרה קוקט זיך צו אַ צעשמייכלטע און רעדט צו די הינער ווי צו קינדער:

— שטופּט אײַך נישט אַזוי, ס׳וועט זײַן פאַר אַלע. נאָר ס׳האָט מורא אַז ס׳וועט האָבן ווייניק, אַז ס׳וועט אויספעלן... זיי קאָנען נאָך חלילה פאַרהונגערט בלײַבן. ס׳איז דאָ גענוג, פאַר אַלע... נאַט, פרעסט!... זי נעמט וואַרפן גאַנצע זשמעניעס קערנער אין אַלע זײַטן.

— מענדלי! — לייגט זי צו די האַנט צום שטערן ווי אַ דעכל — קום עסן פרישטיק! געב אַ קוק ווי מע שלאָגט זיך איבער יעדן ברעקל.

— ס׳איז אומעטום, קינד מײַנס, איין וועלט — דערנענטערט זיך מענדל מיטן רידל אויפן אַקסל. ביידע לאָזן זיך גיין אין שטוב אַרײַן, ווו ס׳איז שוין געגרייט דער טיש מיט ווײַסן קעז, פרישע אייער און פּוטער.

— וויפל טאַלאַנטן ווערן פאַרלוירן צוליבן יאָגן זיך נאָך די ברעקלעך און קרישקעס — רופט זיך מענדל אָן בײַם טיש און אַ ווייטיקלעכער זיפץ רײַסט זיך אַרויס פון זײַן ברוסט. זײַנע ברוינע אויגן קוקן שאַרף פאַר זיך אין דער

נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, דאָרט אין דער שטאָט, ווו ער האָט פאַרבראַכט יאָרן אינעם ליטעראַרישן געמויזעכץ מיט קליינלעכע רײַסערײַען און גריזאָטע, אָבער אויך נישט ווינציקער שעפערישע שמועסן און שרײַבערישע וויכוחים, וואָס העלפן דעם יונגן שרײַבער זיך אַנטוויקלען און וואַקסן.

— מנע, דער שכל איז אַ ביסל געקומען צו שפּעט. באַדאַרפט עס טון מיט יאָרן צוריק.

ער האָט געגעסן מיט אַפּעטיט זײַן ברויט מיט פּוטער מיט די פּאָמידאָרן־פּריטשן און פּרישע אייער גלײַך פון דער הון. צווזפנדיק די קאַווע מיט מילך איז אויפגעגאַנגען אין אים אַ פאַרלאַנג אַרויסצובעטן אין זײַן ווילע עטלעכע חברים, שרײַבער, דיכטער און מאָלער. זאָל מען זײַן אַ וואָך צוזאַמען. ס׳וועט זיך שאַפן שטימונג. מע וועט זינגען לידער. יעדער וועט עפּעס פאָרלייענען. ווי אַ בליץ וואָלט געגעבן אַ שײַן־אויף איז אים דורך אַ געדאַנק: כ׳וועל אויך פאַר־בעטן די וואָס האָבן מיר אונטערגעשטעלט אַ פיסל. מע דאַרף מוחל זײַן מענטש־לעכע שוואַכקייטן.

באַלד אָבער גיבן אַ טויך־אויף אין אים מאָמענטן פון אויפברויז, דענערווי־רונג און ערגערניש וואָס ער האָט געהאַט מיט קאָלעגן. אָבער... און בײַם „אָבער״ פאַרזשמורעט מענדל זײַנע אויגן. אין געדאַנק קומען־אויף סיטואַציעס און ביל־דער, שינאת־חינמדיקע קריגערײַען מיט שרײַבער, וואָס האָבן געוואָלט דערטרינ־קען אין אַ לעפל וואַסער, פאַר גאָרנישט מיט נישט — צו וועלן פון אים פּטור ווערן, דערפאַר ווײַל זײַן ליד איז זיי געווען ווי אַ דאָרן אין אויג. ווען ער שעמט זיך נישט פאַר זיך אַליין וואָלט ער זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד.

ס׳איז דאָך שוין פיר יאָר ווי ער וווינט אין זײַן „פּאַלמע־ווילע״ און די גאַנצע צײַט זיך באַמיט נישט צו האָבן קיין שום מגע־ומשא מיט חברים שרײַ־בער, צו זײַן אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, צו זײַן מיט זיך, ווי דער איינ־ציקער אויסוועג צו זײַן שעפעריש און אַרבעטן איבער זיך, אָן דעם קאָן מען נישט זײַן קיין שרײַבער. מ׳האָט באַדאַרפט האָבן כוח בײַצושטיין דעם גרויסן ניסיון, ווען ס׳איז אים אויסגעקומען צו זײַן אין שטאָט, און נישט מאַכן קיין פאַרזוך זיך צו טרעפן מיט מענטשן פון זײַן קרײַז. ס׳האָט אים אָבער יעדעס מאָל פאַר־שאַפט פאַרגעניגן, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים אין זײַן היגטערשטאָ־טישער וווינונג, ווו פאַרן גרינגעמאָלענעם פאַרקאַנדל־טויער איז געווען אויפ־געהאָנגען דאָס אַליינגעמאַכטע שילדל מיט דער אויפשריפט „פּאַלמע־ווילע״, און געטראַכט דערבײַ, אַז דאָ, ברודערקע, האָבן די אַלע לאַפּיטוטנס נישט קיין שליטה איבער אים, דאָ וועט זייער פוס נישט אַריבערטרעטן די שוועל. מיט אַן אויפ־געהויבענעם קאָפּ איז ער געגאַנגען איבער דער אַלייע מיט די שלאַנקע פּאַלמעס פוןביידע זײַטן וועג, וואָס איז געווען אויסגעלייגט פון רויטע ציגל־שטיינדלעך,

און האָט געפירט צו עטלעכע הויכע מאַרמאָרנע שטיגן, ווו ס׳געפינט זיך אַן אַלטאַנקע מיט עטלעכע שטרויענע שטולן אויסגעבעט מיט ווייכע קישעלעך. דאָ, אין די צימערן הערשט היינט געמיטלעכקייט און שלווהדיקייט, שבת־יום־טובדיקע שטימונג, אָן דער געשפּאַנטקייט און מורא צו ווערן אונטערגעדריקט, באַעוולהט, צעטראָטן, געשלאָגן, נישט צו וויסן פון וועלכער זייט דער קלאַפּ קאָן געבן אַ פּאַל איבערן קאָפּ און פּלייצע. דאָ איז שעפערישע מנוחה היינט. דאָס גרויסע צימער איז באַשטעלט מיט צוויי שאַפעס ביכער. דאָס שלאָפצימער גייט אַרויס מיט צוויי גרויסע פענצטער צום גאָרטן. אויפן טיש אין עסצימער שטייען יעדן טאָג פרישע בלומען אין וואַזאָן. ער פילט איצט אַז ער לעבט, און נישט ווי דאָרט אין שטאָט, ווו מ׳האָט אָפּגעפּטרט די טעג מיט אַ יאָגעניש און האַוועגיש, אַז ס׳איז שוין ווייניק וואָס געבליבן צייט צו זיין אַ שרייבער.

ביי טאָג זענען די לאָדנס אַראָפּגעלאָזט איבער די פענצטער, וואָס זענען שטענדיק פאַרצויגן מיט מאַסיווע גאַרדינען. אין די צימערן איז טונקל און קיל אַפילו אין דער גרעסטער היץ. זיין בעסטער אָפּרו איז צו זיצן אין גרויסן ביבליאָטעק־צימער און לייענען ביים שיין פונעם שטיילאָמפּ אונטערן גרין־עמאַלירטן אַבאַזשור. אָפט מאָל ווילט זיך אים שרייבן, נאָר עמעצער אין אים, פילט ער, האַלט אים אָפּ:

— פאַר וועמען? נאָך וואָס? ווו וועסטו עס אָפּדרוקן? אַרויסגעבן אַ בוך? ווער קאָן היינט אָן עלנבויגנס אַרויסגעבן אַ בוך? פּונקט ווי אַ וואָרעם קאָן צעפרעסן אַ גאַנצן בוים מיט די פּירות, אַזוי קאָן אויך אַ שרייבערישער וואָרעם צעפּיקן און אויפפרעסן דעם שרייבער מיט זיין בוך. וואָס באַשיידענער דער מחבר און וואָס קינסטלערישער דאָס בוך אַלץ מער שאַנסן האָט עס אַריינצופאַלן אין די ווערעמדיקע מיילער. וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס גאַנצע שרייבן, ווען די ווערעמדיקע שמירערלעך פאַרמיאוסן אַפילו דאָס בעסטע בוך? ווען גוטע ביכער ווערן פאַרשוויגן און פאַרשריגן, און שלעכטע, בלאָפערישע, נישט צו נעמען אין האַנט אַריין, שלאָגן זיך דורך אַ וועג מיט צוויי אויסגעפּרוווטע ווירקנדיקע מיטלען, ווי ס׳איז חניפה און אייזערנער קאַסטעט, וואָס ס׳טראָגן די כמו־קריטיקער אויף דער ליטעראַרישער הינטערגאַס, אָט ווי די גענגסטער, פאַר וועמען אַלע ווייסן אַז מע דאַרף ציטערן פאַר זיי — פאַר זייער בליק און פויסט. אָט די זענען דאָך היינט געוואָרן גאַנצע דעה־זאָגער אין דער יידישער ליטעראַטור אַ דאַנק דעם פאַרקוקן און פאַרשוויגן פון די אמתע דעה־זאָגער, פון די וואָס האָבן אַ רעכט צו זאָגן אַ דעה. נאָר — צום באַדויערן — אַנשטאָט צו שטעמפּלען — גיבן פילע פון זיי נאָך זייער אונטערשטיצונג און דערמוטיקונג די ליטעראַרישע נאַכאַלניקעס, האַלטנדיק אַז מע דאַרף לעבן בשלום אַפילו מיטן גרעסטן בוח־גייער. מע קאָן דאָך נאָך אַמאָל דאַרפן אָנקומען צו אים... אַז אָך און וויי

אָבער אויף וועמען זיי שטעלן אויס. ווער ס׳דאַרף זיין זייערע לויבער. האָט דאָך אַוודאי נישט דעם מינדסטן זין אײַנצוטונקען די פעדער. וואָרן דער גורל פונעם באַשיידענעם ערלעכן שרײַבער, וואָס וויל נישט מיטמאַכן דעם שדים־טאַנץ און אײַנגיין אויף פשרות, איז שוין פון פאָרויס געחתמעט. ער וועט דאָך נישט אַרויס־גיין אין שלאַכט מיטן ערלעכן וואָרט ווי דוויד מיטן בלויזן שטיינדל אַקעגן די גליתן וואָס קלײַבן נישט איבער אין די מיטלען און ווענדן אָן די מאָראַל פון דער פאַלשער מאַמע אין שלמה המלכס מישפט פון: מיר נישט — דיר נישט.

באַלד אָבער ענדערט זיך די שטימונג בײַ מענדל לאַמענטן. די וועלט איז נישט הפקר. יעדער דור האָט זײַנע שאַצמײַסטערס — וואָס לאָזן נישט אַרײַן אין קעניגלעכן אוצר קיין פאַלשע ברילִיאַנטן, קיין גנבישע מציאות; מבינים וואָס האָבן מוט צו ווײַזן דעם וועג די כלערליי שווינדלער־ס, אַפּנאַרערס און מינצפעל־שערס, וואָס זוכן צו מאַכן אַ לעבן בײַ דער ליטעראַטור. פון די אַלע לאַפּיטוטנס וועט סײַ ווי אין דער ליטעראַטור־געשיכטע נישט בלײַבן קיין שבֿור. אויב עמע־צער פון זיי וועט זיך אַרײַנקריגן אַהין — וועט ער נאָר אַרויסקומען אַזוי ווי המן אין דער מגילה. די דיכטערישע קרוין וועט איבערגעענטפערט ווערן דעם אמתן גאָטגעבענטשטן דיכטער, וואָס וועט דאָ אָפּהאַלטן זיין פולשטענדיקן זיג אויף אַלע אייביקייטן.

מענדל לאַמענט איז אויפגעשטאַנען פון שרײַבטיש און גענומען אונטער־ברומען אַ ניגון, ווי שטענדיק, ווען ס׳קומט־אויף אין אים דאָס אומבאַוווסטע אַנגען פון אַן אויפלײַכטנדיקן געדאַנק, וואָס הייבט אָן קריגן אויף זיך בלוט און פלייש — אַ בילדערישן לבוש. די לעצטע טעג פילט ער שטאַרקער אין דאָזיקן איינזאַמען עק די בענקשאַפט נאָך מענטשן, נאָך מענטשיש גערייד, נאָך אַן אויפפרישונג און אויסטויש פון געדאַנק. שווער צו זײַן פּאָר אַ שטאָטישן ווײַט פון מענטשן... איז טאָקע דאָ נאָר איין אויסוועג צו שטילן די בענקשאַפט, אויב מע וויל נישט געפּרווט ווערן פונעם ניסיון נישט צוצופאַלן צום ביטערן טראָפּן — זיך נעמען צו דער פעדער, כי לכך נצרתי... האָט ער איבערגעחזרט עטלעכע מאָל דעם זאָג, ווי אַרויפצוצווינגען אויף זיך דעם שרײַבערישן עול.

נאָך אַ לענגערן אַרומשפּאַנען איבערן צימער הין און צוריק האָט זיך מענדל לאַמענט צוריקגעזעצט צום טיש, ווי געפירט פון אַ באַצווינגענדיקן געדאַנק גע־גומען אַנוואַרפן שורות, וואָס האָבן זיך געקייטלט איינע אין דער אַנדערער. באַלד האָט ער זיי אויסגעמעקט, איבערגעשריבן און צעריסן. אַנגעוואָרפן פרישע שורות און ווידער אויסגעשטראָכן. אויף ס׳נײַ האָבן זיך גענומען אויספּאַרמירן די פערזן אויסגעווייטיקטע, דורכגעלײַטערטע אינעם גלי פונעם פײַנפולן אינער־לעכן רוף, וואָס ס׳האָט שוין לאַנג אין אים געמאָנט אַ תיקון נאָר ער האָט נישט געקאָנט געפינען די וואָרטמיטלען אויסצודריקן דעם קוועל און צער, דעם טיפן

אומרו פון זײַן נשמה. ענדלעך האָט ער באַהערשט דעם וואָרטשטאָף, אָפּגעוואָרפן און אַרומגעטעסעט אַלע איבעריקע באַלאַסטן און איבערגעלאָזט נאָר דאָס סאַמע גײַטיקסטע, דעם קערן פונעם ליד, וואָס ער האָט געגומען לייענען אויף אַ קול ווי ער וואָלט געווען געהאַט פאַר זיך אַ גאַנצע אודיטאָריע:

די וועלט גייט אָפּ אין בלוט — אַ גוסס.
די געטער שמעטערט דער באַלוואַן.
און אַלע העלדן, גײַסטער גרויסע
דער תליון שטעלט זיי צו דער וואַנט.

עס בילן הינט און הענער קרייען.
עס דיריגירט דער שאַרלאַטאַן.
און שרעטלעך, שנעקלעך — פיסקלען, שרײַען:
— שפּאַנט־אײַן די מוזעס אינעם שפּאַן!

באַגראָבן אַלע אידעאַלן —
מטבעות פאַלשע, אָן שום ווערט.
עס בליט דער האַנדל מיט מעדאַלן
און ס׳ליגט דער אמת טיף אין דר׳ערד.

אַ צופרידענער האָט מענדל לאַמענט אַרײַנגעלייגט דאָס ליד אין דער טעקע מיט דער אויפשריפט „גרייט צום דרוק״. באַלד צוריק עס אַרויסגענומען, זיך אָפּגעווישט דעם שווייס, וואָס איז נאָך בײַם שרײַבן געהאַט אַרויסגעטרעטן אויף זײַן שטערן. צי קומט אַלעמען אָן אַזוי שווער אָנצושרײַבן אַ ליד? מיסתמא יאָ. בלויז דעם זשורנאַליסט קומען אָן גרינג די שורות, וואָס ער וואַרפט פון זיך אַרויס אין די הונדערטער אַ טאָג, באַשמעלצט זיי מיט ציבעלע־טרערן און וויל אַלעמען אײַנרעדן אַז דאָס שאַפט ער ליטעראַטור.

— כ׳מוז ס׳ליד איבערלייענען שרהלען, צי ס׳געפעלט איר. מיטן פּאַפּירל אין האַנט האָט ער זיך געלאָזט גיין צו דער טיר און נישט באַמערקט ווי ס׳זענען אין דרויסן אָנגעלאָפן גראָע כמאַרעס איבערן הימל, וואָס האָבן פאַרשטעלט די זון. שוין בײַ דער טיר איז אים אָנטקעגנגעלאָפן זײַן ווײַבס געשריי פון דער קיך:

— מענדל! ס׳גרייט זיך אויף אַ רעגן! מענדל! יאָג אַרײַן די הינער אין די שטײַגן!

מענדל לאַמענט האָט באַהאַלטן דאָס ליד אין בוזעמטאַש און אַרויסגעלאָפן אין גאָרטן. נאָך אים איז באַלד אַרויסגעקומען שרה אינעם געבלימלטן קיכ־פאַרטעך:

— גיכער, מענדל! ס׳נעמט שוין קאַפּען! זעסט!

דיביימער האָבן זיך צעוויגט פונעם ווינט און גערוישט מיט די צעבלעטער־טע צווײַגן. דער הימל פּאַרציט זיך וואָס אַמאָל מער מיט וואָלקנס. גיך האָבן מאַן און ווײַב געזומען צונויפרופן פון גאַנצן הויף די עופות, וואָס זענען צע־פלאַשעטע אַרויף אויף די גזשענדעס איבער די צעשטעלטע לייטערלעך. די הינט זענען אַרײַן אין שטאַל מיט די הויכע סלופּעס. דאָ האָבן זיי זייער געלעגער אויפן אויסגעשפּרייטן שטרוי. דער ברוינגעפלעקטער האָט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן זיך פויל געריבן אין מענדלס פוס. אַזוי ווי איינער זאָגט: בלײַב מיט אונדז, זעסט דאָך אַז ס׳גרייט זיך אויף אַ שטורעם. כהרף־עין האָבן בליצן דורכגעשניטן מיט ווײַס פײַער דעם בלײַערנעם הימל, וואָס האָט זיך ווי געשפּאָלטן אין צווייען. אַרום איז געוואָרן פינצטער ווי ס׳וואָלט שוין געווען מי־יודע ווי שפּעט אין דער נאַכט.

מענדל און שרה זענען ביידע אַרײַן אין שטוב און פאַרמאַכט די טיר אויפן ריגל. זיי האָבן נישט אָנגעצונדן קיין ליכט. אַרומגענומען פון דער געדיכטער טונקלקייט האָבן זיי זיך געזעצט ביים אָפענעם פענצטער נאָענט איינער לעבן אַנדערן און אַרויסגעקוקט אין דרויסן, אין דער ווײַט, צו די בערג ווו שווערע וואָלקנס קריכן איינס אויף ס׳אַנדערע, ווי די בהמות אין פעלד. טיף אויפן האָ־ריזאָנט איז אויפגעגאַנגען אַ שײַן פון צעפלאַמטן קופּער, ווי ערגעץ וואָלט, אָנ־שטאָט מיט סטרוגעס וואַסער, געוועזן געדרענגט מיט פײַער.

באַגלייט פון עטלעכע בליצן האָט אַ ווײַט קוילערן זיך פון אַ דונער דער־טראָגן אַהער און זיך אַראָפּגעלאָזט נאָענט ווי אויף יענער זײַט וואַנט, הינטערן שטיבל. דער רעגן, וואָס איז האַסטיק געגעבן אַ פאַל אַראָפּ, האָט זיך גיך גענו־מען שטאַרקן און פאַרגיסן וועג און שטעג. אַרומגעלאָפן מיט רוגזה איבערן הויף און גאָרטן. גענומען באַלעבאַטעווען ווי אַ הפקר־יונג, געשמיסן מיט די רעגן־רי־טערס אויף רעכטס און לינקס, צוגעפּאַלן צו טיר און פענצטער, געדראָט צו פאַר־פלייצן אַלץ און אַלעמען.

מענדל לאַמענט האָט געפילט אַן אומרו און אַ פחד אין אַנבליק פונעם מעכ־טיקן וווּנדערלעכן סוד־אַנטפּלעק פון דער נאַטור, וואָס איז נאָך אַלץ פאַרן מענטשן אַן אומאויפגעקלערטער ספינקס בײַ די אַלע דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט און טעכניק. אין מינדסטן גרעזל און ווערעמל ליגט סוד פון באַשאַף, סוד פון לעבן.

אויך שרה האָט אויפגעצאַפּלט בײַ יעדן בליציזיגזאַג, וואָס האָט זיי אַרײַנ־געקוקט אין די אויגן, אָפּגעשפּיגלט מיט אַן אַנדערוועלטיקן שײַן און פאַרטאָפּלט די שרעק. אויף צו באַרויקן שרהן האָט זיך מענדל צו איר אָנגערופן:

— כ׳האָב אָנגעשריבן אַ נײַ ליד — האָט ער אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף איר צעציטערטן אַקסל — איבערלייענען עס דיר, שרה?

— נישט איצט, מענדל. דאָס בעסטע ליד קאָן ווערן אָפּגעשוואַכט אַנטקעגן דער מעכטיקער סימפּאָניע פונעם הימלישן מײַסטער.

— פאַרוואָס זאָגסטו אַזוי, שרה, דאָס וואָרט איז שטאַרקער פונעם באַשאַ־פער... דאָס וואָרט האָט דאָך באַשאַפן דעם באַשאַפער. דו האָסט שטענדיק אַ טבע זיך אַליין נישט צו דערשאַצן, זיך דערנידעריקן אין דײַנע אייגענע אויגן... אַזוי ז י ך און נישט זעלטן אויך מ י ך...

— ווער זאָגט עס דיר? האָסט מיך שלעכט פאַרשטאַנען, מענדל... איך וויל טאַקע האָבן דעם פולן אײַנדרוק, וואָס ס׳ליד וועט אַרויסרופן אין מיר, אויב ס׳האָט זיך דיר אײַנגעגעבן ווי דו זאָגסט...

— נו, אויב דו ווילסט נישט איצט, וועל איך עס לייענען ווען די געסט וועלן קומען פון שטאָט — האָט מענדל געפירט די האַנט איבער שרהס סאַמעט־ווייכע האָר — דעמאָלט, אין דער קעגנוואַרט פון חברים, פון אַ שרײַבערישער אוידיטאָריע וועט דער אײַנדרוק זיכער זײַן אַ ווירקנדיקער.

— מעגלעך, אַז דו ביסט גערעכט, נאָר איך וועל דיך פּרוּער נישט לאָזן עס פאַרברענגען פאַר ווען ביז דו וועסט עס מיר נישט האָבן איבערגעלייענט. איך מוז עס פּרוּער הערן. פון מיר וועסטו דאָך זיכער קיין פאַלשע מיינונג נישט הערן — האָט שרה צוגעבויגן איר קאָפּ צו זײַנעם און אים אַ קוש געטון אין שטערן — לייען, מענדל, לייען עס מיר איבער.

מענדל האָט, ווי אַ פאַרשעמט חדר־ייִנגל, אַרויסגענומען דאָס פּאַפּירל פון בוזעמטאַש און מיט אַ געדעמפטן טאָן געלייענט די הייסע שורות פונעם נײַעם ליד.

די גרויסע בענקשאַפט נאָך מענטשן האָט זיי אַרומגענומען אין דער אָפּגע־שלאָסענער איינזאַמקייט און געהויערט איבער זיי מיט אומענדלעכן אומעט, ווי די מאַסיווע טונקעלע בערג, וואָס האָבן געבויגן זייערע קעפּ אונטער דער שווער־קייט פון די נידעריקע וואָלקנס, וואָס זענען זיי געלעגן אויפן קאַרק אַנגעפּוישטע און צעשויבערטע ווי ריזן־באַשעפענישן פון אַן אַנדערער פאַנטאַסטישער וועלט.

# ב ע נ ק ש אַ פ ט

פּיוול סאַמעט האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. געבליבן זיצן אויפן קליינעם אײַזערנעם בעטל און זיך דערמאָנט אַז הײַנט איז זונטיק. ער האָט אַ שמייכל געטון צו זיך אַליין, מיט גרויס הנאה זיך צוריקגעלייגט און אַריבערגע־צויגן די קאָלדרע איבערן קאָפּ.

ער האָט אָבער מער נישט געקאָנט שלאָפן. אין קאָפּ האָט אים געזשומעט און געררוישט, ווי דער געפּילדער פונעם נאַכטלאָקאַל וואָלט זיך דאָרט בײַ אים באַזעצט און וויל נישט אָפּטרעטן. פּלוצים האָט אויפגעטויכט אין זײַן מוח די טענצערין. לײַכט מיט צערייצטער הנאה גיט ער זיך איבער די איבערלעבענישן פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט. זי איז איצט נענטער. ער זעט בולטער איר שלאַנקע פיגור מיט די געטאָקטע פיס. זי רירט אים אָן מיט יעדן בייג אירן. די שוואַרצע האָר, וואָס טרייסלען זיך אין אַלע זײַטן לויטן וואָרף מיטן קאָפּ, פאַלן אויף זײַן פּנים און פאַרמרוזשען אים די אויגן. צוזאַמען מיט איר זינגט ער מיט:

— טריאַנאַ, מי טריאַנאַ...

איר קול, וואָס איז אָנגעפילט מיט אַ טרויעריקער בענקשאַפט, קייקלט זיך, דרייט זיך ווי אַ ספּיראַל, הייבט אים מיט זיך און טראָגט אים אַ גרינגן, שוועבנ־דיקן איבערן זאַל. אַט קוקט ער אין אירע גרויסע ברוינע בורשטין־אויגן, האַלט זי ציטערדיק אַרום בײַ איר שמאָלער צאַרטער טאַליע. זיי טאַנצן שווינדלדיק־שנעל. אַלץ דרייט זיך מיט זיי מיט, די טישלעך, דער בופעט, דער אָרקעסטער מיט די שפּילערס.

ביסלעכווײַז נעמט זיך אים אויסקלאָרן אין געדאַנק. ער ווייסט אַז ס׳איז נישט מער ווי אַ חלום. ער וויל זיך אויפכאַפּן. זיך אַרויסרײַסן פון די צערייצטע זעונגען און קאָן נישט אַרויס פון זיי, ווי אַ שווערע משא וואָלט אויף אים גע־לעגן און געדריקט. מיט אַלע כוחות באַמיט ער זיך צו ווערן וואַכיק. דרייט זיך אימפּעטיק איבער אויף דער אַנדערער זײַט און זעצט זיך אויף מיט אַ וואָרף פונעם גאַנצן קערפּער. דאָס שטיבל האָט זיך מיט אים אַ וויג געטון. ער קוקט זיך אַרום איבערן צימער. זײַנע זאַכן זענען אין אומאָרדענונג צעוואָרפן אויף דער שטול. אויפן טיש ליגן עטלעכע זשורנאַלן, אַ בוך. שטיקלעך פּאַפּיראָסן און אָפּפאַל פון עסנוואַרג וואַלגערט זיך אויפן דיל. די אָפּגעשיילטע ווענט, דער

שוואַרץ־צעשפּאָלטענער סופּיט, אַלץ ווייעט אויף אים מיט אומהיימלעכקייט. די צעפּאָטלטע האָר פאַלן אים איבערן שטערן. די פאַרשלאָפנקייט ליגט אין אַלע קנייטשעלעך אויפן בלאַסן פּנים, אַן אַ טראָפּן בלוט. זײַנע בליקן לויפן אומרויק איבערן די שטובזאַכן, פאַרהאַלטן זיך בײַם פענצטער, דורך וואַנען ס׳קוקט אַרײַן אַ בלייכער שטאַרער פרימאָרגן.

— ס׳איז קאַלט! — טוליעט ער זיך אין דער קאָלדרע, אַרויפּציִענדיק זי אויף דער פּלייצע. ציט צונויף ענגער די גלידער פון זײַן דאַרן גוף, שוידערט אויף, רייבט אַ האַנט אָן אַ האַנט מיט אַ תענוגלעכן: — א־א־א! ס׳ווילט זיך אים אַזוי צוריקלייגן זיך... ער פילט ווי דער מידער קאָפּ, די פּלייצעס, אַלע אברים ציִען צום געלעגער. נאָר גלײַך גיט ער אַ שפּרונג אַראָפּ פונעם בעט און נעמט זיך אָנטון:

— מע טאָר זיך נישט נאָכגעבן, פּײַוול!

* * *

פּײַוול האָט געמיינט, אַז ער וועט גיך פאַרגעסן אין גיטלען. נעכטן האָט ער זיך אַליין גענאַרט אַ גאַנצן טאָג. ס׳האָט אים געצויגן אַהין ווי מיט שטריק, נאָר ער זאָל גיין צו איר, און אָנשטאָט צו גיטלען איז ער כמעט קעגן זײַן ווילן אַוועק אין אַ קאַפע. איצט ווערט אין אים ווידער עפּעס פאַרציטערט אין האַרץ:

— גיין צו גיטלען? — ער ווייסט, אַז דער חלום פון הײַנטיקן פרימאָרגן וועט זיך נישט איין מאָל איבערחזרן. וויפל ער זאָל אים נישט אָפּשטופּן פון זיך, וועט ער מיט קונציקע הינטערוועגן דאָך קריגן זײַן שליטה איבער אים — טאָ וואָס?

אַזוי שטייט פּײַוול סאַמעט אויפן ראַג פון אַ בוענאָס־איירעסער גאַס און טראַכט וועגן זאַכן וואָס ער ווייסט אַליין אַז ס׳איז אַפילו נישט כדאַי צו רעדן וועגן זיי.

דער טאָג איז אַ קאַלטער. גראָע כמאַרעס ציִען אויף דרום. מענטשן טוליען זיך אין זייערע גראָבע מלבושים. די זון מאַכט הפסקות, כאַפּט אַ בליק אויף גאַס וועלט און באַהאַלט זיך אונטער אַ שווערן גראָען וואָלקן. אַ מרה־שחורה ליגט אויף די מוירערן. אין אַזאַ טריבן זונטיק־פרימאָרגן זעט אַלץ אויס ווי אײַנגעשרומפּן. אַפילו די געדאַנקען בײַם מענטש קאָרטשען זיך, ווי די נאַסע שלענגעלעך, ער ווערט פויל אין די באַוועגונגען, שלאַבעריק. אויך פּײַוול פילט הײַנט אַזאַ מין לאָז־מיך־געמאַכיקייט, ער גייט פּאַמעלעך, קוים וואָס ער שטעלט אַ טריט, קוקט פאַר זיך אין דער ווײַט. עפּעס וועקט זיך אין אים אַן אומדערקלערלעכער דראַנג, עס ציט אים צו גיטלען. ער מוז זי האָבן לעבן זיך.

אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט לויפט אין אים אַרום ווי אַ פאַרסמטע מויז. זײַנע

שווער־פאַרהאַרעוועטע טעג אין דער סטאָלערײַ ליגן ווי שטיקער בלײַ אין זײַן געמיט און זוכן אַן אָנשפּאַר, אַ תיקון. ער פילט ווי ס'צײַטיקט זיך אין אים אַ ווילן צו באַהערשן, באַזיצן, באַגוועלטיקן, אַמפּערן זיך, פירן אַ געראַנגל און בײַקומען, זיגן.

ווי אַן עכאָ קלינגט אין אים אָפּ גיטלס הילכיק געלעכטער וואָס כיפּלט זיך אין אים טויזנטפאַכיק. ער איז גרייט אויסצושרײַען פאַר דער גאַנצער וועלט:

— מײַן גיטל!

נישט קוקנדיק אין קיינעמס זײַט איז ער אַ דערוואַרעמטער פון די מחשבות אַרײַן אין פענסיאָן, ווו ער עסט מיטאָג יעדן שבת און זונטיק. אין דער קאַנטינע איז טומלדיק. מענטשן פירן צווישן זיך וויכוחים וועגן אַלץ אין דער וועלט, וועגן דער פּאָליטיק אין לאַנד, וועגן ייִדישן גורל, וועגן די אומגעבראַכטע ייִדישע שרײַבערס אין ראַטנפאַרבאַנד, וועגן ישראלס פּלענער צו לייזן די ייִדן־פּראָגע דורך עליה. איינער וויל איבערשרײַען דעם אַנדערן, איבערצײַגן יענעם און אים אַריבערציִען אויף זײַן זײַט. פּײַוול גיט אַ מידן שמייכל אויף די באַגריסונגען וואָס קומען צו אים פון די טישלעך און קומט אָפּ מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ אָנשטאָט אַ „גוטמאָרגן". זײַנע אויגן לויפן איבער די פעטע קעפּ און בילדער פון דער צײַטונג, וואָס ווײַזן אַ חרובע שטאָט נאָך אַן ערדציטערניש. ער קײַעט דאָס עסן און פילט נישט קיין טעם דערין — פאַראַן כך־וכך טויטע, אַ שרעק! — נו, וואָס קאָן מען העלפן? — ענטפערט אַ צווייטער מיט אַ פול אָנגעפּאַקט מויל — טויטע זענען דאָך טויט, אָבער די לעבעדיקע, די קאַליקעס און דאַכלאָזע — זיי איז צו באַדויערן...

ווי אַ קאַלטער רעגן וואָלט אים דורכגענעצט אַזוי האָבן פּײַוולען אויפגעשוידערט די קאַלטע רייד פונעם גאַסט איבערן פולן טעלער. ער איז געזעסן אַ ווײַל ווי אַן אַרויסגעטוענער פון דער וועלט. צו זײַן אויער האָט זיך שאַרף דערטראָגן דאָס גרויזאַמע כאָרכל־געשריי פון ריזיקע מאַסן צעקאַליעטשעטע און צעגהרגטע. ער האָט געפילט ווי ער וואָלט געזונקען אין אַ פינצטערן תהום פון טויזנטער אומגליקלעכע מענטשן מיט געשלאָסענע און אויפגעריסענע אויגן, אין יאָמערטאָל פון טויט. אַ צעפיבערטער אומרו האָט איבער אים אַ שפּרײַז געטון ווי צעפּאָכטעטע נאַסע ריטער, אַזש אַ קאַלטער שווייס איז אויף אים אַרויסגעטרעטן. ער האָט געלאָזט שטיין דעם טעלער פלייש און זיך געריסן צום אַרויסגאַנג.

ווען ער איז אַרויסגעקומען אין גאַס האָבן זיך בײַ אים אין קאָפּ געצומען קרייצן די וועגן. דער וועג, אויף וועלכן ער גייט, פירט אין דער ריכטונג צו גיטלען. אייגנטלעך איז ער אויף גיטלען נישט ברוגז. פאַרדראָסיק איז אים בלויז אויף איר ברודער, דעם שיינעם ייִד, וואָס וויל מיט אים רעדן וועגן זייערע

ביידנס פאַרהעלטענישן, מישט זיך אַרײַן אין זײַנע, פּײַוולס, עסקים מיט גיטלען. נו, גייט ער מיט כוח. זאָל ער רעדן וואָס ער וויל. וואָס גייט עס אים אָן. אין הויף האָט ער אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, אַזוי ווי איינער זאָגט: איך בין גרייט אויף אַלעם... מיט גיכע טריט איז ער אַרויף אויף די געדרייטע שווינדלטרעפּ וואָס פירן צו גיטלען אין צימער. אַ שאָטן האָט זיך געלייגט אויף פּײַוולס בלאַס פּנים. די אויגן זענען אים טיפער פאַרקראָכן אונטערן שטערן און אַ לויזער שמייכל האָט צעקרומט זײַן מויל.

מיט געמאַכטער זיכערקייט האָט פּײַוול אָנגענומען גיטלען פאַר ביידע הענט. גלײַך, אַן אַ פינטל צו טון מיטן אויג האָט ער געקוקט אין אירע אויגן, וואָס זי האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. אַרום איר מויל האָט פאַרציטערט עפּעס אַ נישט דערזאָגט וואָרט, אויפן פּנים האָבן זיך איר צעבליט רויטע פלעקן. זי האָט זיך פאַרלוירן אַ ווייל און קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— ביסט יאָ געקומען... אַבי איך האָב געמיינט אַז דו וועסט זיך מער נישט ווײַזן.

פּײַוול האָט געבלאָנדזשעט מיטן בליק פון זאַך צו זאַך, ווי ער וואָלט די אַלע קעגנשטאַנדן געווען געזען צום ערשטן מאָל, אַזוי פרעמד און נײַ האָבן זיי אים איצט אויסגעזען. אין ווינקל איז געשטאַנען דאָס קליינע טישעלע, אַזוי ווי בײַ אים, נאָר איבערגעדעקט מיט אַ ווײַס געהאַפּטן טישטעכל, אינדערמיט אַ בלומענטעפּל מיט גלאַנציקע קינסטלעכע רויזן. ס׳בעטווענטל און ס׳פענצטער איז געווען פאַרצויגן מיט ווײַסע פורהענגלעך, קלאָרע, ליכטיק־ריינע. אַ לענגערע ווײַלע איז אָנגעשטאַנען אַ שטילשווײַגן. אומדערוואַרט האָט פּײַוול דערפילט אַרום זײַן האַלדז גיטלס הענט. אירע רייד זענען איצט געווען וואַרעמע, מיט צאַרטער ציטעריקייט אין קול, אַז אַלץ אין אים איז הויל געוואָרן:

— וואָס זאָל איך טון, פּײַוול? — האָט גיטל אים אַרײַנגערעדט אין פּנים אַרײַן — קענסט נישט די בוענאָס־איירעסער מינהגים? מע מוז זיך היטן פאַר מענטשנס אויגן און מײַלער ווי פאַר פײַער... אַ ליאַדע־וואָס קוקט מען שוין אויף דיר מיט חשד: אַן אויסגעלאַסענע. דאָ גיי נישט און דאָ שטיי נישט, מיט דעם רעד נישט און צו יענעם גריס נישט... אַזאַ וועלט דאָ, די ייִדישע... וואָס קאָן מען מאַכן?

דער פײַכטער גלאַנץ אין גיטלס אויגן האָט דערציילט פון דערשטיקטן צער און דער שאַרפער שניט פון אירע ליפּן האָט ווי אונטערגעשטראָכן, אַז געגוג ביטערקייט איז אָנגעזאַמלט אין איר האַרץ.

פּײַוול האָט אומצוטרוילעך אַ פּרוּוו געטון דעם דופק:

— וואָס האָסטו געטון די גאַנצע צײַט אָן מיר, אויב מע מעג וויסן...

זי נעמט אים דורך מיט אירע גרויסע גרינע אויגן און ענטפערט מיט אַ פּילטײַטיקן שמייכל:

— זונטיק זענען מיר געווען בײַ אונדזער לאַנדסמאַן, שמערל, דו קענסט דאָך אים, דער הויכער, און דעם זונטיק קומט שמערל צו אונדז.

ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרגלוּשען אין זיך גיטלס ענטפער וועגן שמערלען האָט ער זי באַוואָרפן מיט קושן איבערן גאַנצן פּנים, ליפּן, נאָז און אויגן. ער גיט זי אַ נעם אויף די קני און טוליעט זי צו זיך, ווי אַ קליין צעפּיעשטשעט קינד. זײַנע הענט ציִען זיך איבער אירע אַקסלען, פּלייצע, זיי ווערןביידע ווי צונויפגעוואַקסן אין איין קנויל פון ליידנשאַפט.

נישט באַמערקנדיק פאַר זיך אַליין האָבן זיך זייערע ליפּן באַהאַפטן, זיך אײַנגעזויגן איינס אין ס׳אַנדערע ווי אויסצונאָגן פון זיך ס׳גאַנצע בלוט אין דער ליבשאַפט מיט אַלע אירע זאַפטן. דער גראָער מוטנער שײַן, וואָס איז געפאַלן פונעם קליינעם פענצטערל, האָט געלאָזט זייערע פּנימער האַלב אין שאָטן, האַלב אין בלײַכן פאַס ליכט.

* * *

שוין אַ שיינע פאַר יאָר ווי פּײַוול האָט זיך געפּילט, זינט זײַן פאַרלאָזן די היים, ווי אַן אָפּגעריסענער בלאַט פון אַ בוים, און איצט, ווען גיטל איז ממש ווי צונויפגעוואַקסן מיט אים, פּילט ער, אַז עפּעס ווערט גאַנץ אין אים, ווי זײַן נשמה וואָלט איצט באַקומען אַ תּיקון. אַזוי ארומגענומענערהייט האָבן פאַר אים אויפגעטויכט די רחבותדיקע העלגרינע לאַנקעס, די פעלדער און וועלדער, אויסגעשפּרייטע אונטער אַ ליכטיקן תּכלתדיקן שבת־הימל, וואָס גיט דעם מענטש מנוחה און שלווה אויף אַ גאַנצער וואָך אַרויס.

ביידע זענען מיטאַמאָל אָפּגעשפּרונגען איינער פון צווייטן. טריט האָבן אָפּגעהילכט אויף די טרעפּ. די טיר האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט. שטיל און הכנעהדיק האָט מענדל אַרויסגעזייעט צווישן זײַנע ציין:

— קומט אַראָפּ, זײַט מוחל, צו מיר אין שטוב.

ער האָט דערבײַ דורכדרינגלעך געקוקט מיט זײַנע קליינע גרינלעך־גראָע אויגן אויף זײַן שוועסטער, וואָס איז געשטאַנען אַ ביסל פאַרלוירן אין איין ווינקל, באַלד אויף פּײַוולען, אין אַנדערן ווינקל.

— קומט! — האָט זי מיט אַ צעשראָקן און צעציטערט האַרץ אַ רוף געטון נישט־דרייסט פּײַוולען, זיך אַ וויג געטון צום גיין, און שטיין געבליבן פאַרשטומט. האַלב פאַרשעמט האָט פּײַוול אַ הייב געטון מיט די אַקסלען און נישט קוקנדיק אויף קיינעם אַ זאָג געטון אין חלל פון צימערל:

— נישט נייטיק אַראָפּצוגיין... וואָס עפּעס אונטן?

ער האָט אַליין דערפּילט די שאַרפקייט פונעם זאָג און גלײַך פאַרריכט:

— פאַרוואָס טויג נישט דאָ? דאָ איז אויך גוט. רופט אַרויף איינער פרוי דאָ אַהער, וועלן מיר דאָ רעדן.

פייוול האָט געקלאַפּט מיט די פינגער אויפן טישל, גערוקט דאָס בלומענ־טעפּל הין און צוריק אַן אומגעדולדיקער און געשפּאַנטער, וואָס ער האָט אַזוי געוואָגט צו רעדן קעגן מענדלען אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ גרויסהאַלטער, אַ חוצפּהניק.

מענדל האָט נישט געהאַט ווו אַהינצוטון די אויגן. ער האָט עטלעכע מאָל געציילט די שויבן, געקוקט צום שפּיגל פון דער שאַפּקע און געכיפּלט די צוויי ווינקלען פון אונטן מיט די צוויי פון אויבן. מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ ריס געטון פונעם בענקל, זיך אויסגעגליכט, געקריגן אַ בייז און טרויעריק פּנים און מיט אַ „כ׳גיי נאָך ברײַנדלען" אַרויס פון צימער.

— פאַרוואָס שווײַגסטו? — האָט גיטל פאַרוואָרפן אירע הענט אויף זײַנע אַקסלען — דײַן שווײַגן טוט מיר אַזוי וויי — און אַ קוש געבנדיק אים אין שטערן האָט זי געפּליסטערט פאַרטוליעט — זײַ נישט קיין שלעכטער, פּײַוול, טו מיר צוליב און רעד מיט זיי... גלייב מיר מע קאָן זיך מיט זיי אויסטענהן...

— כ׳וועל רעדן! — האָט ער האַסטיק זיך אויפגעשטעלט, אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן, וואָס האָבן געשפּריצט מיט רציחה — כ׳וועל רעדן!...

צווייערליי טריט האָבן זיך געהערט אין דרויסן אויף די שטיגן. ברײַנדל, נאָך איר מענדל. זיי זענען אַרײַנגעקומען אַ ביסל אָנגעברוגזטע:

— סטײַטש, ווי קאָן מען עס אָפּזאָגן, ווען מע בעט אַראָפּ צו זיך אין שטוב אַרײַן?

ביידע האָבן עס געוואָלט פּײַוולען פאַרוואָרפן און אַרויסגעקומען איז עס מיט אַ זיס שמייכעלע. ברײַנדל איז נישט באַלד אַרויס מיט לשון. זי האָט פאַר־צויגן די ליפּן און אָנגעהויבן פון פאַרשידענע זאַכן ביז זי איז אַרויס אויף אַ שמועס, וואָס זי וויל טאַקע מיט אים, מיט פּײַוולען, הייסט עס, רעדן...

פּײַוול איז געזעסן ווי אויף הייסע קוילן. אויף זײַן מוח, האָט ער געפילט, דריקט אַ משא. דאָס בלוט האָט אין אים כוואַליעסווײַז געשלאָגן צום קאָפּ. ס׳איז אים ענג געוואָרן אין שלונג... ווערטער האַרטע ווי שטעקנס האָבן אים געשלאָגן איבערן קאָפּ:

— איר ווייסט דען נישט — האָט ברײַנדל זיך צעיאַכמעט — אַז מע קומט צו אַ מיידל צוויי־דרײַ מאָל זאָגן מענטשן אַז ס׳איז אַ חתן... אַוודאי אַזוי! ווען נישט — טאָ צו וואָס קומט ער?...

פּײַוולס פּנים איז געווען אָנגעשפּיצט, פון זײַנע קוים־אויפגעמאַכטע ליפּן האָט זיך געשניטן אַ שאַרף חוזק־שמייכעלע. גיטל און איר ברודער זענען גע־שטאַנען ווי פאַרגליווערטע מומיעס.

— האַ, וואָס זאָגט איר, סעניאָר פּיוול? — איז ברײַנדל צו אים צוגעשטאַנען מיט אַ הייס צעפּלאָמט פּנים — ווײַטער אַזוי קאָן עס נישט גיין. ס׳איז נישט קיין הפקר־וועלט, איר מוזט זיך באַשליסן. אַהין אָדער אַהער.

ער האָט צונויפגעצויגן זײַנע ברעמען. געזעסן אַ ווײַלע פאַרשטומט. ער האָט געוווּסט, אַז מיט זײַנע רייד וועט ער דאָ גאָרנישט אויפטון. ווי ס׳וואָלט זיך געוווּן געהאַנדלט אין אַ זאַך וואָס איז צום פאַרקויפן. קויפסטו איז — לחיים! קויפסטו נישט איז — קללות אויף קללות, איז פאַרשעמט אַ מיידל, גענומען און אַוועקגעוואָרפן, געלאָזט ווי אויפן וואַסער... אָ, ער קען זיי גוט, די מענטשעלעך... פון זײַן קעל קריגן זיך אַרויס הוילע ווערטער:

— וואָס איז די שרעק אַזוי גרויס, זאָגט מיר, וואָס מענטשן וועלן זאָגן? מאַלע וואָס מענטשן רעדן אַלץ אויס, איר קאָנט זיי דאָך נישט פאַרשטופן די מײַלער.

זעענדיק זייערע פאַרמאַכטע, פאַרשטשעמעטע פּנימער, אַז דער גזר איז נישט אָפּצובעטן און גאָרנישט אָפּצודינגען, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון בענקל, נישט־האָבנדיק ווו אַהינצוטון די הענט, וואָס זענען אים געהאַנגען ווי איבעריקע און אַרויסגעפּלאָצט, ווי אַ באַפרײַטער פון צוואַנגען, וואָס האָבן אים געהאַלטן פאַרקלעמט:

— לאָמיר עס אָפּלייגן אויף אַן אַנדערש מאָל... איך מוז איצט אַוועקגיין... מע וואַרט אויף מיר... ס׳עט נאָך זײַן ווען צו רעדן... איצט מוז איך גיין — האָט ער דעצידירט אַ זאָג געטון און גלײַך מיט „אַ גוטער נאַכט״ זיך געלאָזט צו דער טיר. גיטל איז אים אימפּעטיק נאָך אויף די שטיגן אין דרויסן, אָנגעכאַפּט אים פאַר די לאַצן פונעם פאַלטן און אַרײַנגעשריגן אין אים ווי אין אַ טויבן:

— זאָלסט קומען, הערסט, פּיוול? — האָט זי ממש מיט טרערן זיך געבעטן — זאָלסט נישט זײַן ברוגז... נישטאָ זיך וואָס צו באַליידיקן... מיר זענען נישט קיין פּיצלעך קינדער...

זי האָט אים אַרומגעכאַפּט און געדריקט צו זיך קוקנדיק מיט שטום געבעט, מיט פאַרלאָפענע פײַכטע אויגן אין זײַן פאַרשטיינערטן פּנים.

— כ׳וועל קומען — האָט ער געגלעט אירע שוואַרצע געדיכטע האָר — כ׳וועל זיכער קומען — האָט ער זי אַרומגענומען, געפּילט איר הייסן אָטעם אויף זיך און זיך אײַנגעזויגן אין אירע פלײשיקע ליפּן, זי הייס געדריקט צו זיך, ווי ער וואָלט וועלן צעשמעלצן צווישן אים און איר די ניכטערע פּריסיקע רייד פון ברײַנדלען.

דעם גאַנצן וועג ביז אַהיים האָט פּיוולען מאָדנע געקלונגען דער זאָג „מענטשן וועלן זאָגן״. ווי מענטשן האָבן עס אַזוי שטאַרק מורא פאַר מענטשלעכע מײַלער! איז וואָס אַז מענטשן וועלן רעדן? וואָס גייט עס ווען אַן וואָס מענטשן זאָגן?

מע לעבט דעם פּאָר די מענטשן, אַז ס׳זאָל זיי אַלץ געפעלן, אַז זיי זאָלן נישט האָבן וואָס צו רעדן? די רכילות־טרײַבער דאַרפן נישט האָבן דווקא, ס׳זאָל זײַן פון וואָס צו רעדן רכילות. זיי זייגן פון פינגער. פון קלענסטן פונק קאָנען זיי מאַכן דאָס גרעסטע פײַער. ער האָט זיך הילכיק צעלאַכט, ווען ער האָט זיך דער־מאָנט די מינע זייערע, ווען זיי האָבן געהערט, אַז ער לייגט אָפּ דעם שמועס אויף אַ צווייט מאָל און פון זייער גאַנצן פּלאַן לאָזט זיך אויס אַ בוידעם. זיי האָבן זיך נישט צוגעגלייבט זייערע אייגענע אויערן און זיך מורא געהאַט אַנצוקוקן איינס דאָס צווייטע, וואָס דער יונג האָט זיי געלאָזט מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג.

ווען ער איז געקומען צו זיך אין צימערל אַרײַן, האָט זיך פּײַוול סאָמעט אַ וואָרף געטון אויפן בעטל און געפילט ווי ער וואָלט אַרײַנגעפאַלן אין אַ תהום אַרײַן, פון וואַנען ער וועט שוין אַ גאַנץ לעבן מער נישט קאָנען אַרויס פון דאָרט. אַלץ האָט זיך מיט אים אַ וויג געטון, די גאַנצע שטוב מיט די אָנגעשטעלטע זאַכן אין דער גרעסטער אומאָרדענונג, ווי נאָך אַן איבערקערעניש, אַן ערדצי־טערניש. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער און אַרויס אויף דער טעראַסע, אַרומגענומען פון אַן אויפגעוואַכטער בענקשאַפט, וואָס האָט אים אינגאַנצן אויס־געפילט. דאָס איז זי גיטל, וואָס פילט אים אויס מיט זיך זײַנע טעג און נעכט. אָן איר קומט אים אויס נישט אַנדערש, נאָר אײַנצוזאָרן, ווי די צווײַגן פונעם בוים, וואָס קוקן אַרויף צו אים פונעם הויף. אָן גיטלען לויערט אַ סכנה פאַר־וויאַנעט צו ווערן... פּײַוולס אויגן — געווענדט צום הימל — שטויסן זיך אָן אויף אַ פאַרכאַפּנדיק בילד: שוואַרצע וואָלקנס מיט העלצעצונדענע ראַנדן ציִען פאַרבײַ מאַיעסטעטיש רויק, ווי זיי וואָלטן באַגלייט די לבנה אין איר אומקרײַז איבערן האַלבן הימלרונד. אַ צעלויכטענער אין לבנה־שײַן איז פּײַוול געשטאַנען מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, געגאַפט און באַוווּנדערט, ווי די לבנה דרייט זיך קונציק אַרויס פון די וואָלקנס, וואָס ווילן פאַרדעקן און פאַרשטעלן איר שיין קינדעריש לבנהדיק פּנים.

אַ פאַרבענקטער און דורכגעקעלטערטער ביזן ביין האָט פּײַוול נאָכגעפאָלגט דאָס קאַץ־און מויז־שפּיל פון די וואָלקנס מיט דער לבנה און אַ ברייטער אויס־געלייטערטער שמייכל האָט זיך צעשפּילט אויף זײַן פּנים:

— יאָ, ברודערקע, ס׳וועט דיר גאָרנישט העלפן, וועסט זיך מער נישט אַרויסדרייען פון דער נעץ... ס׳וועט דיך ציִען אַהין און וועסט אַליין זיך אַרײַנ־גליטשן ווי אַ פישל אין דער אויסגעשפּרייטער נעץ אַרײַן. אַזוי איז דער סדר־העולם... די ברײַנדל איז שלעכט אָבער איר מישפּט איז גערעכט.

# זײַט פון זיך...

אין אַ טריבן פאַרנאַכט איז דער צוואָנציקיאָריקער יצחק סופר אַראָפּ פון דער שיף. איינער נאָכן אַנדערן האָבן די שווערע וואָלקנס געצויגן איבערן האַרבסטיקן הימל. פונעם לאַ־פּלאַטאַ־טײַך האָבן געיאָגט קאַלטע ווינטן און געשמיסן יצחק סופרן אין פּנים. ער האָט זיך אומזיכער געוויגט אויפן בוענאָס־אײַרעסער באָדן אָט אַזוי ווי אויף דער שיף ווען זי איז נאָך געווען אויפן אָפּענעם ים. מיט אַ פאַרהויבענעם בליק צום פאַרכמאַרעטן הימל און צו די שטאָט־קאָנטורן, וואָס האָבן זיך געצייכנט פון ווײַטן, אײַנגעהילטע אין לײַכטן נעפל, האָט ער זיך געלאָזט גיין מיטן שטראָם פּאַסאַזשירן צו די לאַנגע האַלעס פון צאָלאַמט מיט די נידעריקע צעשטעלטע בענק אויף צו קאָנטראָלירן דאָס געפּעק. ער איז צוגעקומען צו אַ קליין פענצטערל, ווו אַ באַאַמטער מיט אַ רונדן פּליך האָט עפּעס גערעדט צו אים אויף שפּאַניש, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט. באַלד האָט מען אים צוגעפירט צו אַ הויכן אײַזערנעם טויער ווו ס'האָט אויף אים געוואַרט זײַן מישפּחה.

יצחק סופר איז אַרײַנגעפאַלן אין אָרעמס, וואָס האָבן אים געדריקט צו זיך, געקלאַפּט גוטברודעריש אין פּלייצע אויפן אַרגענטינער שטייגער. ער האָט געפילט אויף זײַן פּנים הייסע און פײַכטע ליפּן, וואָס האָבן אים געקושט, און קינדערשע הענטלעך, וואָס האָבן זיך געקלאַמערט אַרום זײַן האַלדז. ער האָט געגאַפּט צום אַרום מיט אויגן פאַרטראָגענע איבער ימישע ווײַטקייטן. דער קלעפּיקער נעפּל איז געווען טונקל אויסגעגאָסן אויף אַלץ און אַלעמען, און זיך מטושטש אָפּגעלייגט אויף זײַן געמיט.

ערשט ווען ער איז געקומען אין צימער, וואָס די שוועסטער האָט אים אָפּגעגעבן אין איר וווינונג, האָט ער גענומען זוכן ענלעכקייט־שטריכן פון דער פּאַ־

מיליע. די שוועסטער איז געווען ענלעך צום טאַטן. דאָס זעלביקע רונדלעכע פּנים, די העלע האָר, דער אָפענער שמייכל. דער ברודער מאיר האָט געכאַפּט זײַן אָנבליק, ווי זיי וואָלטן געווען אַ צווילינג. דער זעלבער לענגלעכער קין, די געהויקערטע אָדלערנאָז, שאַרף אַרונטערגעדרייט ווי אַ האַטשיק, די שאַרפע קײַלעכיקע אויגן, וואָס מיניען צווישן הימלבלאָ און פּאָספּאַריקן גרין ווי בײַ אַ שפּאַרבער. נאָר דער שמייכל איז אַ ביסל אַנדערש. בײַ מאירן איז ער העלער, אָפענער, מער אָפנהאַרציק. בײַ אים, דאַקעגן, בײַ יצחקן, ציטערט דער שמייכל בלויז אויף דער אונטערשטער ליפּ, ווי ס׳וואָלט געלעגן דערין אַ חוזקל, אַן איראָניעלע, אַן אָפּלאַכערל.

יצחק האָט זיך מיטביידע הענט געכאַפּט פאַרן קאָפּ, ווי די גאַנצע שטוב וואָלט זיך אַ וויג געטון מיט אים:

— דער קאָפּ מישט זיך מיר נאָך אַלץ!... ס׳דאַכט זיך מיר אַז כ׳בין נאָך אויפן וואַסער...

ער האָט זיך נישט באַוויזן רעכט אָרומצוקוקן און זיך ברענגען אין אָרדענונג, ווי ס׳האָבן גענומען גיין מענטשן. באַלד איז די שטוב פול געוואָרן מיט לאַנדסלײַט. אַלע פּונעם זעלבן שטעטל. זיי זענען געקומען זיך נאָכפרעגן וועגן זייערע אייגענע, אָפּנעמען אַ לעבעדיקן גרוס פון דער היים.

יצחק סופר איז געווען באַרעדעוודיק. ער האָט איבערגעגעבן אַלץ וואָס ס׳האָט יעדן אינטערעסירט צו וויסן, ווי ס׳לעבט זיך הײַנט ייִדן אין פּוילן, וואָס זיי טראַכטן וועגן מאָרגן. ער האָט בעת־מעשה געזוכט עפּעס קענטלעכס אין זיי און נישט געקאָנט געפינען. וואָס מער ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין זייערע פּנימער, אַלץ פרעמדער האָבן זיי זיך אים אויסגעוויזן. זיי זענען טאַקע פון זײַן היימשטעטל, נאָר ער דערמאָנט זיך נישט קיין איינעם פון זיי. בלויז דאָס לשון זייערס איז אים נאָענט. דאָס איז אַלץ וואָס ס׳פאַרבינדט אים מיט די דאָזיקע מענטשן. דאָס זענען אָבער געניג שטאַרקע פעדעם, וואָס קאָנען פאַרקניפּן אַ פרײַנדשאַפט אויף נישט צו צערײַסן, אויף אַ גאַנץ לעבן.

די לאַנדסלײַט זענען נישט אָפּגעשטאַנען פון אים. זיי האָבן געוואָלט וויסן נאָך און נאָך וועגן זייערע טאַטע־מאַמע, היימישע, באַקאַנטע; וועגן די פּוילישע שכנים. ער זאָל גאָרנישט באַהאַלטן פון זיי. זיי ווילן זיך אָפּגעבן אַ גענויעם דין־וחשבון ווי צו האַנדלען און וואָס מע קאָן טון פאַר זיי אַלעמען דאָרט אין דער ווײַטער היים; מיט וואָס מע קאָן זיי העלפן, און וואָס עצהנען, ראַטן דעם און יענעם.

יצחק האָט שוין דעמאָלט גאָרנישט באַהאַלטן פאַר זיי. ער האָט זיי דערציילט וואָס ס׳טוט זיך אין דער היים; ווי ס׳וואַקסט דער באַנדיטיזם פון די אַנטיסעמיטן. זיי וויסן שוין נישט אויף וואָס צו גיין — אויפן קאָפּ צי אויף די פיס.

אין די קליינע שטעטלעך איז גאָר שלעכט, נישט אויסצוהאַלטן פון זיי. די כו־ליגאַנעס דערגייען די יאָרן. זיי לאָזן נישט לעבן. ביינאַכט האָט מען מורא אַרויס־צוגיין פון שטוב. און מיט פּרנסה איז ערשט רעכט נישט פויגלדיק, נאָר ייִדן האָבן דאָך אַ בטחון — האָפן זיי אויף בעסערע צייטן.

כאָטש יצחק סופר איז געוועז מיד, נאָך נישט אויסגערוט פון דער רייזע, פונעם שטופּענישביים אויסשטייגן, פונעם שלעפּן זיך איבער דער שטאָט, דאָך איז אים נאָכן אָוונטברויט אָנגעקומען שווער דאָס איינשלאָפן אויפן ווייכן היי־מישן געלעגער. אַזוי פיל מענטשן זאָלן שלאָפן אין איין צימער! די שוועסטער שלאָפט מיט איר מאַן אין איין בעט. אמת, אַ ברייטס. אין דער היים האָט מען געזאָגט, אַז גוים פירן זיך אַזוי, אָבער ביי ייִדן? ס׳קאָן זיין די נויט צווינגט זיי דערצו. דער שוואָגער איז טאַקע בלייך, אויסגעמאַגערט. ער איז אַן אַרבעטער, דער שוואָגער, אַרבעט ביי יענעם, האָט קוים אויסצוקומען. איז איין בעט איבער־געגנוג פאַר צוויי. מילא, זאָל זיין אַזוי.

יצחק האָרכט זיך איין אין דער שלאָפמוזיק פון דער גאַנצער שטוב, וואָס שנאָרכט און כראָפּעט, סאָפּעט און פייפט. אַ שרעק. ווי קאָן מען דאָ שלאָפן? נאָ, אַזוי זעט אויס דאָס אויסלאַנד? צו דעם רייסן זיך אַזוי די מענטשן? — „מיר זענען דיך מקנא!״ — האָבן אים געקלינגען אין די אויערן די ווערטער פון זיינע שטעטלשע באַגלייטער. — „פאַרסט קיין אַרגענטינע... אַ רייך לאַנד״... ביים גע־זעגענען זיך מיט אים האָט יעדער געוואָרעמט אַ האָפענונג אין בוזעם, אַז אפשר וועט ער אין זיי, די איבערגעבליבענע, נישט פאַרגעסן און זען עפּעס צו טון פאַר זיי...

פאַרטאָגס, ווען יצחק איז שוין קוים מיט צרות איינגעשלאָפן, איז אויס־געבראָכן אַ שטורעם מיט דונערן און בליצן, וואָס האָבן געשניטן די גראָקייט ווי מיט מעסערס און געמאַכט אונטערציטערן די שויבן. דער רעגן האָט געגאָסן אין געדיכטע שטראָמען, גלייך דער הימל וואָלט זיך פאַרגענומען צו פאַרטרינקען די וועלט.

זיין שוועסטער שיינדל איז אויפגעשטאַנען פון בעט. זי האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַן אויסגעריבן שלאָפראָקל. זיך גענומען פאָרען ביי דער פּרימוס־מאַ־שינקע, וואָס האָט זיך נישט געוואָלט אַזוי גיך אָנצינדן. זי האָט אויפגעזאָטן וואַסער און אָנגעגאָסן אין עפּעס אַזאַ מאָדנע בייכיק הילצערן טעפּעלע און גע־זופּט דערפון דורך אַ רערל. געגעבן אַ פּאָר צי, צוגעגאָסן ביז פול און עס דער־לאַנגט איר מאַן.

— וואָס איז עס ביי אייך פאַר אַ טרינקעכץ? — האָט יצחק אָנגעשפּיצט זיין פּנים און באַהאַלטן אַ חוזק־שמייכעלע אין די ווינקלען.

— מאַטע, — האָט אים די שוועסטער צוריק געענטפערט מיט אַ שמייכע־לע — אַ געטראַנק אַזאַ, ביטער ווי גאַל. מע דאַרף זיך צוגעוווינען דערצו.

— מאַטע־שמאַטע, — האָט יצחק אָפּגעלאַכט פון איר, — ס׳איז גוט פאַר ליידיקגייערס און פוילאַקעס.

יצחק איז צוגעגאַנגען צו דער אָפענער טיר, אַרויסגעקוקט אין הייפל, וווּ אַן אָפּגעריסענע־אָפּגעשיילטע וואַנט האָט געקוקט צו אים מיט נאַסע טראָפּנס, ווי אין אַ שוויצבאָד. אַ מאָדנע מדינה, — האָט יצחק געטראַכט בײַ זיך, — שטובן אָן פענצטער, דרײַ ווענט מיט אַ געגלאָזטע טיר. אַ טוכלעקייט און טונקל־קייט אינעם לאַנגן קאָרידאָר, אין דרויסן, ווי אין אַ תפיסה. נאָך וואָס בויט מען דאָ די הײַזער מיט אַזעלכע פינצטערע, שמאָלע קאָרידאָרלעך? ס׳ווערט אַזש אומ־היימלעך פון זיי.

ער איז שוין עטלעכע מאָל אַרויס אין גאַס, זיך אַרומקוקן אַ ביסל, צוריקגע־קומען און נאָך אַלץ געטראָפן דעם שוואָגער זײַנעם, הערש מאַשקאָוויטש, זיצן בײַם הילצערן טעפּעלע און ציִען דאָס רערל מיט דער מאַטע.

— זאָלסט מיר לעבן, הערשל, — האָט יצחק אים געפרעגט אַ פאַרוווּנדער־טער — דו האָסט מער גאָרנישט וואָס צו טון, נאָר פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע נאַרישקייטן... ווי ווערט דיר נישט פאַרמיאוסט צו טרינקען אַ גאַנצן טאָג די מאַ־טע? דו לאָזסט דאָך רעכט נישט אַרויס דאָס רערל פון מויל אַרויס. מיט דעם קומסטו אָפּ אַ טאָג?

—דו האָסט זיך נישט וואָס צו וווּנדערן, יצחק. נישטאָ הײַנט קיין אַרבעט אין שטעפּערפאַך.

— נישטאָ קיין אַרבעט, זאָגסטו... אומעטום, זע איך, איז איין וועלט. וואָס זשע בין איך געקומען קיין אַרגענטינע? האָב איך דאָך געקאָנט זיצן אין דער היים, אין דרילדזש, אינעם שטעפּער־שטעטל... וואָס וועל איך טאַקע דאָ טוען? טרינקען מאַטע? — האָט יצחק אויסגעצויגן דעם קאָפּ פאָרויס און געבליבן אַליין אַזוי ווי אַ פרעגצייכן — צו וואָס וועל איך זיך דאָ נעמען? אַז ס׳איז נישטאָ, ווי דו זאָגסט, קיין אַרבעט בײַ שטעפּערײַ?

— דערווײַל, יצחק, האָסטו נישט וואָס אַרײַנצוקלערן וואָס דו וועסט טון. קודם דאַרפסטו זיך אַ ביסל אויסרוען. נאָך דעם וועסטו זיך אַרומקוקן. מע וועט שוין שפּעטער זען צו וואָס דו זאָלסט זיך נעמען. בײַ אונדז אין אַרגענטינע ווערט מען נישט פאַרפאַלן. — האָט אים הערשל צוגעוואָרפן צווישן איין זופּ און צווייטן. ווידער זיך צוגעגאָסן דאָס הייסע וואַסער אינעם טעפּעלע מיטן גרינעם טיי און זיך טיף פאַרצויגן מיטן מאַטע־רערל ווי מיט אַ גוטן ציגאַר.

* * *

יצחק סופר, וואָס האָט אין דער היים אָפּגעדרוקט זײַנע ערשטע לידער,

יוגנטלעך־נאַיווע און אומבאַהאָלפענע; לידער וואָס זענען אין אים אויפגעקומען מער אונטערן אײַנפלוס פון כאַראַקטערפולע דיכטער ווי פון אייגענע דיכטערישע אימפולסן, — האָט דאָ אויפגעשטורעמט און באַגײַסטערט דעם אַרגענטינער יידישן אַרבעטער. אומעטום רעציטירט מען זײַנע לידער פול מיט רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס. ער האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ פֿײַערדיקן טריבון, וואָס רײַסט־מיט די מאַסן מיט זײַנע פּלאָמיקע רייד.

אָט גייען טויזנטער אַרבעטער מיט פאָנען און טראַנספּאַרענטן איבער די בוענאָס־אײַרעסער גאַסן. דער ערשטער מײַ איז אויסגעפאַלן אַ וואַרעמער, אַ מילדער און טרוקענער. דער גאַנצער אַרבעטערקלאַס איז דאָ אין גאַס, פּאַרפּלייצט דעם ברוק און די טראָטואַרן. ס'הערן זיך לאָזונגען, אַלטבאַקאַנטע, אָבער שטענדיק דערמונטערנדיקע, וואָס גיבן מוט און פליגל. צווישן די דעמאָנסטראַנטן אין די פֿאָדערשטע רייען גייט יצחק סופר, דעם האַלדז אַרומגענומען מיט אַ זײַדן טיכל, אויפן אַרגענטינער שטייגער. ער איז שוין הייזעריק פון שרײַען. ער לויפט פאָרויס, פּאַרהאַלט זיך, בלײַבט שטיין און קוקט אויפן ים מענטשלעכע קעפּ. זײַן האַרץ פולסירט מיטן ריטעם פון די מאַרשירנדיקע מענטשלעכע טריט. אַלע זענען דורכגעדרונגען מיט איין פּאַרלאַנג:

— אַרבעט און בעסערע לוינען! ברויט צו דער זעט! אַכט־שעהיקער אַרבעטסטאָג! נידער מיט דער עקספּלואַטאַציע! דער אַרבעטער איז נישט הפקר!...

אין אָוונט איז יצחק סופר געזעסן בײַ איינעם פון די חברים אין שטוב...

— אַ הייזעריקער פון האַלטן רעדעס אַ גאַנצן טאָג, מיטהאַלטן מיטן געזאַנג און רײַסן דעם האַלדז מיטן אויסרופן די לאָזונגען; מיד און דערשעפּט פון לויפן אין דער דעמאָנסטראַציע. אַרום טיש זיצן חברים און חברטעס, טומלען, לאַכן; עסן און טרינקען לכבוד דעם ערשטן מײַ.

ער וויל עפּעס זאָגן, נאָר ס'קול דינט אים נישט. דער האַלדז איז אים פּאַרשלאָסן ווי אויף אַ שלאָס. זײַנע אויגן בלויז ווערן אין מינוטן פון פרייד אָנגעגאָסן מיט אַזאַ העלער גרינקייט, זיי שײַנען פריידיקע קוקנדיק אויף דער באַגײַסטערטער יוגנט, וואָס האַלט זיך נאָענט צו אירע זינגערס און רעדנערס.

— די פרײַהייט איז אונדזער! הערט וואָס איך זאָג אײַך! אין גיכן קומט די דערלייזונג! מיר וועלן אַרויסגיין די זיגער! — האָט ער אַרויסגעקריגן פון זיך מיט אַ כריפּעדיק קול — סאַלוט! — האָט ער אויפגעהויבן דאָס גלעזל ווײַן, וואָס ער האָט געגעבן אַ כאַפּ פון טיש — סאַלוט!!

* * *

— וואָס איז מיט דיר געשען? — האָט זײַן ברודער מאיר נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון אים — וואָס האָסטו זיך אַזוי דערווײַטערט פון די קעמפערישע

רייען? פון די אַמאָליקע קעמפער? דײַנע געוועזענע חברים האָסטו, זע איך, אין גאַנצן פאַרגעסן? דו האָסט אפילו אויפגעהערט שרײַבן אין זייערע אויסגאַבעס... זיך אַנטווישט? האַ, ס׳געפעלט דיר בעסער די רעאַקציאָנערע חברה, די לאָפּי־טוטנס און קאַריעריסטלעך, וואָס זענען אויסגעליידיקט פון יעדער אידיי? „צו־ריק אין שול אַרײַן!״ — ווי אַ לייזונג פאַר אַלע מאַטערנדיקע ספקות און דער־לייזונג פון מענטש און וועלט. שיינע צײַטן דערלעבט! אַהינצו ציט דיך, האַ?

יצחק סופרס לענגלעך־אויסגעשפּיצטע פּנים האָט זיך נאָך מער צונויפגע־צויגן פון די מעסערדיק־שאַרפע רייד. ער האָט אָפּגעמאָסטן זײַן ברודער מיט אַ שמייכלדיק בליקעלע פול מיט ביטול און איראָניע:

— רעד מיט מיר וועגן וואָס דו ווילסט, — האָט זיך דאָס שמייכעלע זײַנס געגומען קנייטשן אין די מוילווינקלען, — וועגן ליטעראַטור, דיכטונג, קונסט; וועגן די דערגרייכונגען אין דער טעכניק, נײַעסן פון דער וויסנשאַפט, וועגן אַלעם אין דער וועלט, נאָר נישט וועגן פּאָליטיק. די פּאָליטיק לאָז צורו... אַנישט וועלן מיר זיך דאַרפן קריגן, אָדער אפשר זיך גאָר שלאָגן... כ׳האָב בכלל נישט מיט דיר וואָס צו רעדן — האָט זיך יצחק סופר שטילערהייט אָפּגעקערט פון זיין ברודער, אַוועק אין אַ צווייט ווינקל אין דער קאַפע און זיך צוגעזעצט צו אַ טישל וווּ עטלעכע שרײַבער זענען געזעסן בײַ אַ קאַווּעלע.

— אָ, יצחק סופר איז דאָ! רוקט צו אַ שטול! מאַכט אָן אָרט פאַר אים! אָט דאָ!

— איז וואָס די גדולה אויף אײַך? — האָט זײַן פּנים נישט נאָכגעלאָזט פון דער פאַרשפּיצטקייט. זײַן מויל האָט עטלעכע מאָל אַ מליאַסקע געטון, ווי ער וואָלט זיך מיט עפּעס באַלעקט, און ס׳חוזק־שמייכעלע האָט אַ צאַפּל געטון אַרום זײַנע דינע בלאַסע ליפּן:

— וועגן וואָסווילט איר קאָמענטירן מיט מיר? — האָט ער זיך צוגערוקט נעענטער מיט דער שטול — וועגן ביסל באָרשט, וואָס לייבעלע לאַקריץ האָט הײַנט פאַרגאָסן אין זײַן פּעליעטאָן? אָדער וועגן דעם איבערגעשטאַנענעם וויער־קרויט, וואָס ס׳פּילט זיך פון כאַסקל ווייערכס וועכנטלעכן איבערזיכט? צי אפשר גאָר וועגן צוגערייטשטן קײַ־שפּײַ־מאמר פונעם באַנק־קוועטשער יונה־יאָסל פּירול־קע, באַשמאָלצן מיט אַ גאַנצער קאָלעקציע אומפלײַט וואָס קערט צו דער גאַל? אדרבא, זאָגט! לאָמיר הערן פון אײַך!

אין דער זײַט איז געזעסן אַ שעמעוודיק־פאַררויטלטער דער יונגער אָנהיי־בער נחום זאַסטאַוו און זיך געגלעט די שיטערלעכע האָר אויפן קאָפּ, ווי זײַן טבע, ווען ס׳איז אים עפּעס קשה. אין זײַן האַרץ איז אויפגעגאַנגען אַ נאָגנדיקער צער:

— מוז מען טאַקע זידלען יעדן איינעם? פאַרשעמען יענעמס פּראַצע? מאַכן

פון אַלע אַש און בלאָטע? אויב דאָס הייסט דברי־תורה, שרײַבערישער בעל־פּה, וואָס דאַרף סטימולירן די שעפערישקייט בײַם שרײַבער — מוחל במחילה גמורה! — האָט זיך דער יונגער שרײַבער אויפגעשטעלט און אַוועק אַ נאָך מער פאַר־רויטלטער אויפן גאַנצן פּנים ביז די אויערן, איבערלאָזנדיק די גאַנצע גרופּע קי־ביצער מיט אַן אָפן מויל.

* * *

די וועלט האָט שוין געוווּסט דעם טראַגישן ציפער פון די אומגעבראַכטע ייִדן אין פּוילן. סײַ אין שריפט, סײַ אין פּריוואַטע שמועסן האָט דער אומגע־שטילטער ביטערער צער אַרויסגעשריגן צו דער וועלט, צו איר האַרץ און געוויסן מיט פאַרוואָרף און מאַנונג, וואָס איז אין סך־הכל געבליבן אַ קול־קורא־במדבר. די וועלט איז געווען טויב און שטום פריִער, ווען מ׳האָט נאָך געקאָנט עפּעס אָפּ־ראַטעווען און אַוודאי שפּעטער, ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרפאַלן, דאָס פאַר־ברעכן איז שוין געהאַט געווען אָפּגעטון.

דאָס לעבן אין בוענאָס־אײַרעס איז זיך געפלאָסן מיט זײַן געוויינטלעכן טריב. קיינער האָט נישט געקאָנט שלום־מאַכן מיטן געדאַנק אַז אַ גאַנצע וועלט איז אָפּגעווישט געוואָרן פון דער אויבערפלאַך, אָבער לעבן מוז מען ווײַטער און ס׳לעבן האָט זיך זײַנע געזעצן און זײַנע פאָדערונגען צו די וואָס ווילן זיך דער־האַלטן אויף דער אויבערפלאַך.

יצחק סופר האָט צוזאַמען מיט זײַן שוואָגער הערש מאַשקאָוויטש אויפגע־מאַכט אַ קליין קלייטל פון אימיטאַציע־צירונג און אויך אַ ביסל גאָלדוואַרג. אַ מענטש דאַרף דאָך טראַכטן פון אַ תכלית פאַר זיך. די צײַט שטייט נישט און אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן איז נישטאָ אַ חוץ אויפן רבונו־של־עולם. ס׳וועט זיך אָנהייבן לייזן אַ ביסל געלט — האָט יצחק סופר געטראַכט בײַ זיך — וועט ער דעמאָלט קאָנען קלערן וועגן חתונה־האָבן, זיך אויסזוכן אַ מיידל און זיך אײַנאָרדענען ווי אַלע מענטשן... כאָטש נישט וועגן דעם האָט ער געחלומט אויפן איינזאַמען בחורישן געלעגער אין די נעכט און אויף די שפּאַצירן, צונויפקומען און דעמאָנסטראַציעס אין די בײַטאָגן, ווען ער האָט מיטגעריסן די פאַרגלייבטע אינעם בעסערן מאָרגן, די מאַסן, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו זײַן וואָרט וועגן אַ וועלט פון כולו־יושר.

— ווו איז זי, די וועלט פון כולו־זכאי? — פרעגט ער נישט איין מאָל זיך אַליין און די פראַגע בלײַבט הענגען אינדערלופטן נישט פאַרענטפערט. דער ענטפער, וואָס איז יאָ דאָ, קאָן אַראָפּפירן דעם מענטש פון קלאָרן זינען. די וועלט, וואָס האָט געוואָלט מזכה זײַן די מענטשן מיט פרײַהייט און ברידערלעכקייט, האָט אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ די אַלע, וואָס האָבן עס געמיינט ערנסט, געגלייבט דערין און עס געפּרעדיקט ווי אַ נײַע רעליגיע. די פירער פון אַט דער שיינער

וועלט האָבן געשאָסן די ענטוזיאַסטישע ייִדישע וואָרטשאַפער ווי די הינט. דאָס טרייפענע בלוט פון די מאַכנאָישע און פעטלורישע פּאָגראָמשטשיקעס האָט זיך אָפּגערופן אין די, וואָס האָבן באַדאַרפט ברענגען די ישועה פאַר דער לײַדנדיקער מענטשהייט.

פירער־באַגראָבער פון דער רעוואָלוציע! באַגראָבט אײַך אַליין פאַר חרפּה! איר וועט אַרײַנגיין אין דער געשיכטע, ווי מערדער. צו וועמען אויפהייבן דעם געשריי? די וועלט האָט טויבע אויערן צו אַזעלכע געשרייען, פון יחידים דערצו, און קיין באַוועגונגען, אין וועלטמאַסשטאַב, וואָס זאָלן שלײַדערן זייער פּראָטעסט קעגן די פאַרברעכערישע מעשים — די באַנדיטן אין פּנים אַרײַן, אומעטום ווו זיי וועלן זיך באַווײַזן, — אַזאַ באַוועגונג איז נאָך ביז איצט נישט געשאַפן געוואָרן. צוליב וואָס זשע איז געווען דאָס גאַנצע מקריב זײַן זיך? דאָס אַוועקגעבן די בעסטע יאָרן פאַר אַן אידיי פון מענטש־באַפרײַ וואָס וויל אויסרײַסן דעם מענטש מיטן וואָרצל? און אפשר האָט די וועלט יאָ אַ געוויסן? ווי קאָן מען קעמפן קעגן אַ שווינדל וואָס מאַכט געשיכטע דורך מאַכט, דורך באַוואָפנטער מאַכט? ס׳בלײַבט בלויז דאָס, וואָס די דאָזיקע מאַכטהאָבער ווילן — רעזיגנאַציע, אַנטוישונג, קאַפּיטולירן, אַראָפּלאָזן די הענט, צו לאָזן זיי טוען דאָס וואָס זיי ווילן. פאַרפאַלן. און פאַרן יחיד בלײַבט איבער: זיך אַרויסלאָזן פון שווינדל, אויפגעבן דעם חשק צו וועלן באַפרײַען... זיך אָפּווישן ס׳מויל. אַרײַנגעפאַלן — מאַך אַ שווײַג! לעב ווי אַלע מענטשן. הער זיך אויף צו מישן אין פּאָליטיק. נישטאָ קיין ברירה. דער אויסוועג: זיך צונויפגיסן מיט דער גראָער מאַסע, ווערן אַ טייל פון דער גראָער עמינענץ. אַ קליין טיילכל. צומאָל נישט קיין שרײַפעלע. אַ פינטעלע. ווערן אַ באַלעבעסל. חתונה־האָבן. זײַן אַ טאַטע פון קינדער. דאָס אַלץ. אַזוי ווילן די פירער־פאַרפירער פון דער צעשמעטערטער רעוואָלוציע, וואָס פירן זייער פּאָלק און אַלע אַנדערע וואָס גלייבן אויפריכטיק און אומקאָמפּראָמיסלעך אין גלײַכהייט, אין וועלט־און־מענטש־אויסלייז — צום ראַנד פון אָפּגרונט.

מיט די געדאַנקען איז יצחק סופר אויפגעשטאַנען און מיט די זעלבע מחשבות זיך געלייגט. ער האָט געטריבן פון זיך אַלץ און אַלעמען. ווער ס׳האָט געפּרוּווט עפּעס מליץ־יושר זײַן האָט ער אין אָנהייב געטריבן פון זיך מיט ברײַטדיקע רייד ווי מיט בײַטשן, און שפּעטער בלויז אָנגעקוקט יענעם מיט אַ פאַראַכטנדיקן בליק: אַ שאָד אַ וואָרט! אַ צוריקגעצויגענער האָט ער אויך פאַרוואָרפן די פעדער און מיט דער צײַט אויפגעהערט שרײַבן.

* * *

יצחק סופר האָט זיך איצט אַרומגעדרייט מיט די הענט אין די קעשענעס.

אַכטיק געגעבן אַז דאָס קראַוואַטל זאָל זײַן לײַטיש אויסגעבונדן, די הויזן זאָלן האָבן אַ קנייטש. אין די פּרײַזע שעהען פלעגט ער זיך אַרויסכאַפּן אויף ליבערטאַד, כאָטש ער האָט פײַנט געהאַט די שמאָלע ענגע גאַס דאָרט אין צענטער שטאָט. צוליב געשעפט האָט ער אָבער געמוזט קומען אַהער, געוואָר ווערן ווי ס׳האַלט דער פּרײַז פון גאָלד. ער פלעגט זיך אָפּשטעלן דאָ בײַ דעם, דאָ בײַ יענעם גאָלד־וואַרג־געשעפט, וואָס ס׳איז פול מיט זיי די גאַנצע לענג פון דער ליבערטאַד־גאַס; אַרײַנשמעקן צו די סוחרים, כאַפּן אַ שמועס:

— ווי האַלט דער „לאָקש״?

— וויפל, זאָגט איר, איז דער פּרײַז פון זהב?

— ס׳האָט זיך שוין געהויבן פלאַטין... גייט דאָך די ריי אויף גאָלד.

— מע מוז זײַן וואַך, זאָגט איר... אַזוי! דער דאָלאַר שפּרינגט שוין ווידער אין דער הייך... מע קאָן פון זינען אַראָפּ...

טרעפט אַז אין מיטן רעדן לאָזט ער יענעם שטיין, טראָגט זיך אָפּ אָן אַ גוטן־טאָג. דאָ אויף ליבערטאַד דינט מען צום עגל־הזהב. מע דאַרף וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן פון דאַנען. אים אַרט נישט צי ס׳הייבט זיך צי ס׳פאַלט. אין דער היים האָט ער אויך געהאַט די זעלבע געשיכטע. אויך פון דאָרט איז ער אַנט־לאָפן... כאָטש מיט אים האָט עס נישט געהאַט קיין שײַכות. מיטן טאַטן אַוודאי נישט. דער טאַטע איז אַ גאַנצן טאָג געזעסן בײַם וואַרשטאַטל לעבן פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צום קליינעם מאַרק, און געשטעפּט כאַלעוועס. די קליי־נע שוועסטער רבקה האָט געשמירט די אָנגעשניצטע קאַנטן מיט לאַם און זיי לײַכט פאַרקלאַפּט מיט אַ העמערל. די אויסגעמאָגערטע מאַמע מיטן קנאַכיקן לענגלעכן פּנים איז שטענדיק געווען פאַרפאַרעט בײַ דער קיך. און ער איז גע־לאָפן אין גאַס אַרײַן, אויף געהיימע קרײַזלעך, וואָס האָבן צוגעזאָגט אָפּצושאַפן דאָס דחקות פון זײַן טאַטן און פון אַלע פאַרהאָרעוועטע טאַטעס, אויפצוריכטן די לײַדנדיקע און געקריוודעטע מענטשן.

ער פלעגט זיך אַרויסגנבענען פון שטוב און גיין מיט אַ חבר הינטער דער שטאָט. דאָרט האָבן זיי זיך געטראָפן מיט נאָך יונגלעך און מיידלעך. זיי פלעגן קלעטערן אויף די בערג מיט אַ ליד פון האָפענונג און גלויבן, ווי מיט אַ תפילה, אויף די ליפּן. אין די בערג זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פאַרזאַמלונגען און אויף די שפּאַצירן האָט מען געחלומט וועגן אַ שיינער פרײַער וועלט פאַר אַלע גלײַך. ס׳וועלן אָפּגעשאַפן ווערן די קלאַסן־אונטערשידן, ווי ס׳האָט געזאָגט דער רעד־נער, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון צענטער, אַלע וועלן לעבן ווי איין מישפּחה. ס׳וועט אויפקומען די קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט, אַלע עוולות וועלן פאַרשווינדן. דער מענטש וועט מער נישט וויסן פון קיין נויט און אונטערדריקונג. ס׳וועט זײַן אַ פרײַע וועלט, אַ גלײַכע פאַר אַלע.

מיט אַט די געדאַנקען האָט ער זיך אומגעקערט פון ליבערטאַד צו זיך אין קלייט. פאַרגעסן זיך צו באַגריסן מיט די אָנגעשטעלטע זײַנע, די דרײַ מיידלעך — פאַרקויפערינס הינטער די בופעטן. ער האָט זיך גלײַך צוגעזעצט צו דער קאַסע ציילן ס׳לייזעכץ פאַרטראַגן מיט די געדאַנקען אין אַנדערע וועלטן.

דער שוואָגער זײַנער, הערש מאַשקאָוויטש, האָט געהאַט אַ טענה צו אים, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג באַלעמוטשעט אויף ליבערטאַד. נישט קריגנדיק פון אים קיין ענטפער איז ער אַרויס אין דער קאַפּע אַנטקעגן, ווו ס׳האָט געוואַרט אויף אים זײַנס אַ לאַנדסמאַן, איבערצורעדן מיט אים אַן ענין פון פאַרבאַנד.

יצחקן אינטערעסירן נישט מער די אַלע זאַכן. ער איז געבליבן אַנטוישט אין סאַמע יסוד. נישטאָ קיין צוריק, נישטאָ מער קיין פאָרויס...

— סעניאָר! — האָט איינע פון די מיידלעך אַ רוף געטון זעענדיק ווי דער באַלעבאָס איז פאַרזונקען ווי אין אַ דרעמל — סעניאָר! קאָורירט געלט!

— ווידער געלט! געלט!... ער איז אַנטלאָפן פון דער ליבערטאַד־גאַס, נישט קאָנענדיק באַנעמען ווי מענטשן לייגן אַרײַן דעם גאַנצן חוש אין מאַכן געלט. ער וואָלט אין אַזעלכע מינוטן אַנטלאָפן, ווען מע קאָן, פון זיך אַליין, ער־געץ אין אַ דזשונגל... וואָס וועט אַרויסקומען פונעם מאַכן געלט, פונעם דינען צום גאָלדענעם קאַלב? מאַכן געלט און פאַרשפּילן די יאָרן. ער צעפּטרט זײַנע פּאָר יאָר אויף גאָרנישט... וואָס דאַרף ער מער? נאָך וואָס דער גאַנצער געיעג? וואָס פעלט אים? זײַן שיינע פרידע היט אָפּ די צוויי טעכטערלעך, פירט די ווירט־שאַפט אין שטוב מיט אויסגערעכנטקייט, ווי אַ פרוי אַ באַלעבאָסטע. זי איז נישט צופיל אויסברענגעריש ווי אַנדערע פרויען מיט שיטערע פינגער. עס סטאַרטשעט אויף אַלעם און דאָס באַנקביכל וואַקסט, וואַקסט פון זיך אַליין. איז וואָס זשע דרייסטו זיך אַרום — רעדט ער צו זיך אַליין — ווי אַ נעכטיקער, קריכסט ווו מע דאַרף נישט, שלעפּסט זיך אַרום ווי אַ גבאיטע מיט וויזיטן, ווי אַ כובילירטער וואָס לעבט פון פענסיע, אַן עובר־בטול... און וואָס וועט זײַן מיט די גרויסע שרײַבערישע פּלענער דײַנע? ווו האָסטו די אויפטרייסלענדיקע פּאָעמע פון אַ פאַרטאַכלעוועטער יוגנט? דעם גרויסן ראָמאַן, די דראַמע פון יידישן לעבן אין אַרגענטינע, וואָס וואַרט נאָך אַלץ אויף איר שרײַבער, איר געשטאַלטיקער? די יאָרן לויפן גיכער ווי אַ שנעלצוג — נישט אײַנצוהאַלטן, נישט אָפּצושטעלן אין לויף. קוים אַרויסגעגעבן איין ביכל לידער. וואָסער שרײַבער ביסטו? ס׳ליגט טאַקע מאַטעריאַל אויף נאָך עטלעכע ביכער. אָבער אַ שרײַבער בײַם לעבן טאָר נישט לעבן אין זכות פון נעכטן, פון זײַן נעכטיקן שאַפן. ער דאַרף שרײַבן הײַנט. דער הײַנט דאַרף אַרײַנקלינגען אויך אין זײַן ווערק פון נעכטן וואָס ער שאַפט הײַנט. ער דאַרף געבן אויסדרוק דער הײַנטצײַטיקייט, דעם געראַנגל אָדער אַפילו דער אַנטוישונג, וואָס ס׳ברענגען מיט זיך די געשעענישן פונעם פאַרשווינדנדיקן איצט.

וואָס אָט דאָס טאַקע איז די גאַראַנטיע פון זייער דויערנדיקייט. דער שרײַבער מוז זיך מיטבאַטייליקן, מיטראַנגלען מיט די פּראָבלעמען פון זײַן צײַט און אויך נעמען שטעלונג צו זיי...

ער, יצחק סופר, איז אַוועקגעשטויסן געוואָרן אין אַ זײַט. די צײַטונגען האָבן אים נישט געוואָלט דרוקן זײַנע געוואַגטע שטעלונגען טאַקע צו די צײַטפּראָבלעמען, וואָס זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען אויסגערייפט, ווײַל ער האָט געוואַגט צו צווייפלען פריִער פאַר אַנדערע, ווען יענע, וואָס זענען שפּעטער געוואָרן די זעלבע צווייפלער, האָבן אים געהאַט פאַרשריגן פאַר זײַן דערוועגן צו זײַן ווײַטזיכטיק, פאַרלויפן די געשעענישן, נאָך איידער זיי האָבן זיך אַנטוויקלט אין זייער טראַגישער באַרגאַראָפּיקייט. בלית־ברירה איז ער אַרײַנגעכאַפּט געוואָרן אין דער געלט־גאָלד־פּאַסטקע. עפּעס אַ בלענדעניש האַלט אים דאָ צוגעשמידט צו דער קאַסע, צום גאָלדקלייטל. כאָטש אין דער זעלבער צײַט איז ער גלײַכגילטיק צום אַרום, אים אינטערעסירן נישט און ער שטייט נישט נאָך די מענטשן, די קונים, ער יאָגט זיך נישט נאָך זיי. זאָלן זיי יאָ קויפן, נישט קויפן. ס׳גייט אים נישט אָן. אָט גייען זיי און קומען מיט זייערע קליינע דאגות וועגן ריווח און פאַרלוסטן. דאָ פעלט זיי דאָס, דאָ קויפן זיי עפּעס אַנדערש וואָס זיי דאַרפן גאָרנישט. גיבן צו לייזן. ס׳געלט שטראָמט אין דער קאַסע. ער מיט זײַן שוואָגער שמייכלען זיך איבער: ס׳וואַקסט... נאָך אַ פּאָר יאָר און זיי וועלן נישט וויסן וואָס צו טון מיטן געלט... וואָסער טײַוואָלאָנישער כוח האָבן עס די פּאַפּירלעך אין זיך, וואָס שלינגען אײַן דעם מענטש פון קאָפּ ביז פיס? פאַרכאַפּן זײַן גאַנץ לײַב־און לעבן. אפשר איז עס מיט ראַנגעס און אַמטן אויך ס׳זעלבע, אָט ווי זײַן שוואָגער וואָס יאָגט זיך צו ווערן אַ שטיקל מאַכער, איז ער שוין מיט מזל געוואָרן אַ דעה־זאָגער, וויל ער שוין ווערן פּרעזידענט און אַרבעט מעשים, קאָנפּערירט מיט איין פאַרוואַלטונג־מיטגליד, מיט אַ צווייטן און אַ דריטן. ס׳גייט אים אין גאַנצן לעבן מע זאָל אים שטעלן אין שפּיץ, מאַכן פאַר פּרעזידענט. קיינער וויל נישט זײַן קיין יורד... שטײַגן ווילן אָבער אַלע... הרגעט מען זיך, ברענגט מען אום איינער דעם אַנדערן, לאָזט מען זיך דאָך נישט, פאַרקאָנקורירט מען יענעם, דערפירט מען אים צו באַנקראָט. דער שוואַכער פאַלט. דער שטאַרקער, דער מחוצף האַלט זיך, איז מנצח... דאָס געזעץ פונעם דזשונגל האָט דאָ צו זאָגן מער פון אַלץ, האַלט דאָ אָפּ טריומפן. און ער, יצחק סופר, פּלאָנטערט זיך, ווי אַן איבעריקער, צווישן די געפעכטן און צייַנגעשטשירערײַ, צווישן דעם געדריי פון די רעדער פון אייגענע קאָטשן, וואָס יאָגן מיטן שמאָלן וועג פון אויסזיכטלאָזיקייט ביז קאָפּשווינדל.

— צו וואָס וועל איך דערגיין, ווען כ׳וועל שוין האָבן נאָך אַ מיליאָן, נאָך צוויי? ס׳האַרץ וועט ווערן אָנגעפילט מיט מער זיכערקייט, מיט פרייד. נאָך

שטײַפער ווי איצט וועל שטיין פאַרן געשעפט מיט אַזאַ איך־בין־קלוג־מינעלע, מיט אַזאַ גרויסקייט־מאַניע־געשטעל... און דער סך־הכל? — אויבן וועט שטיין אויפגעשריבן: „געמאַכט געלט״, אונטן: „דו ביסט פאַרשפּילט״.

* * *

— וואָס איז מיט דיר, יצחק, די לעצטע טעג? — האָט פרידע אַרויפגעלייגט מוטערלעך די הענט אויף איר מאַנס אַקסלען און זיך צוגעבויגן צו זײַן באַק מיט אירע ווייכע ליפּן.

— וואָס זאָל זײַן, פרידע, דערקענסט דען אין מיר אַן ענדערונג? — האָט זיך זײַן פּנים פאַרצויגן אין אַ גרימאַסע־שמייכעלע אין וועלכן די איראָניע זײַנע איז פאַרמישט געוואָרן מיט אַ ביסל גאַל — כ׳בין דער זעלבער שוטה וואָס געווען.

— איך ווייס נישט וואָס דו ווילסט האָבן — איז זי צו אים צוגעשטאַנען נאָך ליבלעכער — אַנדערע אויף דײַן אָרט וואָלטן געווען גליקלעך וואָס גליקלעך הייסט.

— יאָ, ביסט גערעכט, פרידע־לעבן, אַלץ איז גוט. כ׳האָב אַ לײַטישע וווינונג, אַ גרויסע ביבליאָטעק מיט הונדערטער ביכער, נאָר ווער לייענט זיי, און אַ חוץ מיט דיר — מיט וועמען האָב איך דאָ אַ וואָרט אַרויסצורעדן? ווער האָט צײַט און געמיט? די יאָרן וועלן מיך פאַרשלונגען? וואָס וועט פון מיר בלײַבן? אַ גאָרנישט, האַ?

— וואָס זאָרגסטו זיך אַזוי וועגן די ביכער? ווער דאַרף הײַנט ביכער? ס׳פעלט ווו צו פאַרברענגען? וואָסי, אַמאָליקע בחורישע צײַטן דײַנע? קאָנסט זיך נישט דערלויבן? ווער, זאָג מיר, לייענט הײַנט ביכער וואָס דו זאָרגסט זיך אַזוי וועגן זיי?

— מע לייענט, ווײַבעלע מײַנס, מע לייענט און מע קויפט. ס׳איז נאָך נישט אַזוי שלעכט ווי דיר דאַכט זיך... איך האָב נאָר נישט קיין צײַט צו זיי. מײַנע געשעפטן לאָזן מיך נישט.

פון דער אַנדערער שטוב האָבן זיך געהערט טריט פונעם טעכטערל, וואָס איז אַרײַנגעלאָפן אַהער פון קינדער־צימער:

— פאַ! — איז די קליינע מירטע מיטן נאָכהענגענדיקן צעפּל אויף די פּלייצעס צוגעלאָפן צום טאַטן אַ לאַכעדיקע, אַ פריילעכע — וואָס וועסטו מיר קויפן צו מײַן געבורטסטאָג? — האָט זי אים גענומען קושן און האַלדזן.

— וואָס כ׳וועל דיר קויפן, פרעגסטו, — האָט ער גענומען אירע צאַרטע הענטלעך אין זײַנע — כ׳וועל דיר קויפן אַ ייִדיש בוך... האָסט דאָך געלערנט אין דער ייִדישער שול?

— יאָ, געלערנט: חנוכה, חנוכה, אַ יום־טוב אַ שיינער...

— נו, וועל איך דיר קויפן אַזאַ בוך צום לאַכן, שלום־עליכמס אַ בוך...

— פאַ!... — האָט מירטע געמאַכט אַ זויערע מינע — ווער האָט היינט דעם קאָפּ דערצו?... כ׳וועל זיין אין דיינע יאָרן וועל איך אַ סך לייענען, אַ סך, אַ סך...

— אַט האָסטו דיר... זי וועט זיין אין מיינע יאָרן וועט זי לייענען... נו, און איך — האָט ער זיך געוואָנדן צום ווייב — און איך אַליין לייען דען?

יצחק סופר האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען שפּאַנען איבערן צימער און זיך אונטערגעברומט אַ ניגון וואָס זיין טאַטע האָט געזונגען שבת ביים טיש, און איבערגעגאַנגען צו ראָש־השנה־תּפילות, צו די אויסגעצויגענע און געציקלטע ני־גונים פונעם חזן אַלטער ר׳ משה העשלס וואָס האָט געקאָנט רירן אַ שטיין.

די קליינע מירטע איז צום ערשט צוגעלאָפן צו דער מאַמע, אַז זי זאָל רעדן מיטן טאַטן, ער זאָל קויפן אַ לייטישן „רעגאַלאָ״ [1] און אַז די מאַמע האָט אַ פּאָר־זאָרגטע נישט באַלד אַזוי צוריקגעענטפערט איר מיט קיין צערטלעריין, האָט זי געגעבן אַ פאַרהייב די הענט, ווי איינער זאָגט: דאַרף מען נישט! און אַרויסגע־לאָפן אַ ברוגזע פון צימער.

גלייך נאָכן טעכטערל איז אויך די מאַמע אַרויס פון צימער און אים, יצחקן, געלאָזט אַליין מיט זיין פרומען ציקלען זיך אויפן קול — ער ווייסט שוין אַליין נישט וואָס צו טון מיט דער שטוב. ער וועט מיר באַלד אַריינבעטן אַ מנין צום דאַווענען.

בלייבנדיק אַליין האָט זיך יצחק סופר צוגעזעצט צום שרייבטיש, גענומען די פעדער אין האַנט, נאָר אַנשטאָט ווערטער און שורות האָבן גענומען שווינדלען און זשומען ווי גאָלדענע בינען, ציפערן פון ווערטפּאַפּירן, געלט, טשעקן און וועקס־לען וואָס מע דאַרף הייבן. פאַר זיינע אויגן האָבן זיך גענומען מישן די פאַרבן פון כלערליי באַנקנאָטן גאָלד־געל, גרין און רויט... געלט! דאָס געלט האָט אים אַריינגעכאַפּט אינעם כישוף־קרייז. ער טוט שוין היינט גאָרנישט דערצו, אַז ס׳זאָל זיך דרייען. דאָס ראָד דרייט זיך שוין אַליין, פון זיך זעלבסט. נישטאָ מער קיין אַרויס, נישטאָ קיין צוריק... דריי זיך, רעדעלע, דריי און פאַרדריי יצחק סופרן דעם קאָפּ, הענט און פיס און לייב־און לעבן... און וואָס וועט אַזוי זיין, אַז דו איינער, יצחק סופר, וועסט זאָגן:

— סטאָפּ!! איך דריי זיך נישט מער!... ניין, דאָס קאָן נישט געשען, פונקט ווי מע קאָן נישט לעבעדיק מאַכן די דערשאָסענע יידישע שרייבער. צו יענעם יצחק סופר, וואָס האָט מיט זיין וואָרט באַגייסטערט מאַסן, וועסטו שוין נישט צוריקגיין, ברודער! די שלייפן ווערן גראָ. די נערוון זענען צעטרייסלט. שוואַר

[1] מתנה.

זיך צו קאָנצענטרירן אויף אַרויסצוברענגען אַ געדאַנק. וואָס ווײַטער וועט עס גיין נאָך מער באַרג אַראָפּ. אין דער זעלבער צײַט פון זײַן ירידה, וועט ער טאָג־טעגלעך אַהיימקומען מיט דער מישטיינסגעזאָגטער סאַטיספאַקציע פון גרויסע פאַרדינסטן... די געשעפטן גייען גוט, די פאַרדינסטן — נאָך בעסער. ער וועט ווערן אַ גרויסער גביר. אַרומגיין מיט אַ בינטל שליסלען און זיי דרייען און דרייען אַרום דעם ווײַזפינגער, ווי אַלע זעלבסטצופרידענע און פיליסטערס. אָבער וואָס אַמאָל וועט דער נאָמען יצחק סופר זיך נעמען דערווײַטערן פון אים, זיך אָפּרוקן אויף אַ וואָס גרעסערער דיסטאַנץ, ווערן קלענער און קלענער, ווײַט פון אים, פון זײַן וועלט, פון זײַנע אַמביציעס און פאַרלאַנגען, העט ווײַט פון זיך אַליין...

# דער מענטשלעכער גורל

די לופט אז נאָך פול מיט קרעכצן פונעם קינד, וואָס איז אויסגע־גאַנגען אין גרויסע יסורים. איבער אַלץ דאָ ווייעט נאָך אַ דערשטיקטע גערוויין. אין דערדריקנדיקן רויטן ליכטל־שײַן צאַפּלט אַ העלער פלעק אין ווינקל פון צי־מער, וווּ ס'שטייט ליידיק דעם קינדס וויגל. דערלעבן אויפן בעט, אײַנגעדרייט אין דרײַען, מיטן פנים פאַרגראָבן אין קישן, העשעט שטיל די מאַמע. אַ פאַר־מאַטערטע בלײַבט זי, מרים, פאַרשטומט, אַרומגענומען פון טרויעריק־באַנגלע־כע מחשבות.

עס וואַקסט אויס פאַר איר דעם קינדס קײַלעכיק קלאָר פּנימל, די לאַכעדיקע בלאָע אייגעלעך. זי הערט ווי ס'פּלאַפּלט קינדעריש אויס: — טיאַ־טיאַ!... און אין דער קילער שטילקייט ברעכט מרים אויס אויף ס'נײַ מיט אַ געוואַלד:

— ווײ איז מיר! מײַן טײַער קינד! מײַן שיין טעכטערל! יינג שוועלבעלע מײַנס!

ווידער האַקט זיך אָפּ דאָס געוויין. מרים בלײַבט ליגן רויק. אָן אויסגעשעפּ־טע פאַלט זי אַרײַן אין דערלײַטערנדיקן דרעמל.

די גאַנצע צײַט גייט נחום איבערן צימער הין און צוריק. ער בלײַבט אַ רגע שטיין לעבן בעט. קוקט אויף זײַן פרוי וואָס איז קוים אַנטדרעמלט געוואָרן אַ באַפרײַטע אויף אַ קורצער פויזע פון דער צעשמעטערנדיקער פּײַן. פון זײַן צע־ווייטיקט האַרץ רײַסן זיך אַרויס טיפע זיפצן. ס'קומט אויס, ווי מע באַפאַלט אַ מענטש אין מיטן העלן טאָג און מע רויבט בײַ אים אָוועק זײַן גאַנץ פאַרמעגן — אַזוי האָט דער טויט אַרויסגעריסן די גאַנצע פרייד פון דער שטוב, אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרווען. ביטערע ווערטער וואַרגן זיך אין האַלדז. ער שלינגט זיי אַראָפּ ווי ביטערע פּילן. וואָס וועלן ווערטער העלפן? ער פילט אַ שוידער איבערן גאַנצן לײַב, אַזוי קאַלט איז אים אַז ער קאָן זיך גאָרנישט דערוואַרעמען.

נחום נעמט האַסטיקער שפּאַנען איבערן צימער, רײַבט אַ האַנט אָן אַ האַנט, זעצט זיך צום טיש, ציט צונויף די אברים, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף די הענט און בלײַבט אַזוי זיצן ווי פאַרגליווערט. ביסלעכווײַז גיט ער זיך איבער די זעונ־גען פון אַ ווײַטער וועלט, וואָס שיילן זיך אויס פאַר זײַנע אויגן ווי פון אַ נעפּל אַרויס.

ער זעט זײַן היימגעסל אַ טרויעריקס, אַ פֿאַרצאָגטס, כאָטש ס'איז אַ הייסער שיינער זומערטאָג. די שכנטעס אַלע האָבן טרויעריקע פּנימער. מע לאָזט שטיין די אַרבעט, ס'מיסחר און מע לויפֿט אין אַלטן בית־מדרש אַרײַן זאָגן תהילים. דינה, הערש־לייבס ווײַב, גייט שווער צו קינד. אויך נחום איז צווישן דער עדה ייִדן. ער שטייט, ווי אַלע דאָ, אַ צעוויגטער און זאָגט מיט גרויס כוונה קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל. די ליכט שמעלצן זיך פֿון היץ. ס'איז שווער צו אָטעמען. לעבן אָרון־קודש שטייט הערש־לייב מיט זײַנע צוויי זין. זיי וויינען הויך אויפֿן קול!

שפּעטער, ווען נחום איז געקומען אַ פֿאַרסאָפּעטער מיט אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק צו זיך אין שטוב, האָט ער געטראָפֿן זײַן אַלטע באָבע אײַדל זיצן און מורמלען עפּעס, דערציילן מעשׂות פֿון אַמאָליקע צײַטן. אויך זי האָט יעדעס יאָר געבוירן אַ קינד, עלף מאָל געבוירן. געהאַט שווערע האָבנס: — נאָר מע זאָגט — פֿאַרזשמורעט זי די פֿאַרנעפּלטע אויגן — אַז די קולות פֿון אַ געווינערין גייען ביזן זיבעטן הימל אַרײַן, און אַז ער, כ'בין נישט ווערט זײַן נאָמען אָנצורופֿן, דערהערט די געשרייען, מאַכט ער אויף דער געווינערינס טראַכט און זי ווערט געהאָלפֿן... עלף שיינע ביימער האָב איך געהאַט — רעדט זי ווײַטער, די אַלטע אײַדל — און כ'בין געבליבן, נישט פֿאַר קיינעם געדאַכט, בלויז בײַ איינעם...

די ליפּן נעמען בײַ איר ציטערן און די אויגן ווערן פֿאַרפֿולט מיט טרערן, וואָס קײַקלען זיך איבער איר אַלט צעקנייטשט פּנים. זי ווישט זיי אויס מיטביידע הענט און גלאָצט מיט די אויגן אויף אַרויף, צאַפּלט מיט שטיל שעפּטשענדיק גערייד:

— כ'זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, ביסטו, טאַטע אין הימל, אַ שטראָפֿער, אַז באַהיט זאָל מען ווערן, און אַ בעל־רחמים — איז נישטאָ נאָך איינער אַזאַ ווי דו... — — —

* * *

— וואָס איז מיט דיר, מרים? — איז נחום אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט זעענדיק ווי זײַן ווײַב נעמט אויף זיך דעם מאַנטל — ווו ווילסטו גיין?

— איבער די גאַסן! — ענטפֿערט מרים מיט אַ פּאָר אויפֿגעריסענע אויגן ווי אין וואַנזין — ס'טרײַבט מיך פֿון שטוב... כ'האָב דאָ מער גאָרנישט וואָס צו טון... ס'יאָגט מיך, כ'ווייס אַליין נישט וווהין... — זי גיט אַ צי אויס די הענט ווי זי וואָלט געוואָלט דערכאַפּן עפּעס וואָס מ'האָט בײַ איר נאָר וואָס אַרויסגעכאַפּט פֿון אונטער דער האַנט אַפּער. אַ שטאַמלדיקע, נישט קאָנענדיק אַרויסברענגען קיין וואָרט, גיט זי אַ פֿאַל אַרויף אויף נחומס אַקסל און נעמט כליפּען:

— ס'קינד... נחום... ס'פֿעלט מיר ס'קינד...

— וואָס ווערט דיר העלפֿן ס'וויינען — נעמט ער זי אײַן מיט אַ צוגעדערשעט קול, האַרט און טרוקן — ס'אַ גורל־זאַך, מרים... נאָר בײַ אונדז אַליין,

מײנסטו, איז געשען אַזאַ אומגליק? אַט האָסטו די באָבע אײַדל... געהאַט עלף און געבליבן בײַ אײנס... וואָס האָבן מײַנע זײדע־באָבע געוואָלט טון? מורא גע־האַט זיך נישט צו פאַרזינדיקן מיט קײן וואָרט! מיר טאָרן אויך נישט זינדיקן קעגן לעבן! מיר מוזן זיך שטאַרקן! מיר זענען יינג! נעם זיך אין די הענט אַרײַן.

זי האָט נישט געקאָנט פאַרנעמען די קאַלטע טרײסטנדיקע רײד. מרים האָט אים געלאָזט שטײן מיט צענומענע הענט. זי איז אָפּגעלאָפן צום פענצטער און צוריק אַ פאַל געטון אויפן בעט, זיך איבערגעדעקט מיטן מאַנטל איבערן קאָפּ, און ווי אַ שיף אויף אַ צעשטורעמטן ים — האָט זי געפילט — ווי אַלץ הײבט זיך און זינקט מיט איר צוזאַמען אין אַ תהום.

*   *   *

נחום האָט זיך אָנגעקוקט אין שפיגל, געזען זײַן לאַנג, אויסגעמאַטערט פנים, די הויכע ווינקלען פון זײַן שטערן און די אײַנגעפאַלענע אויגן וואָס מאַכן אים פאַרעלטערט פאַר דער צײַט. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און געבליבן שטײן פאַרבליפט. די זון פאַרגײט אין אַזעלכע װוּנדערלעכע כּישוף־פאַרבן, וואָס פאַרכאַפּן אויג און האַרץ. ער איז לאַנג אַזוי געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער. צוגע־גאַנגען צום ביכער־שענקל און אַרויסגענומען אַ בוך. ער שפּאַרט זיך אָן אָן ווענטל, לײענט, לעבט זיך אַרײַן אינעם זין פון די ווערטער. לעבט איבער דעם גרויסן צער, וואָס דער דיכטער זינגט אויס צעווײטיקט פון אײנזאַמקײט, פון צײַטן פאַרגאַנגענע, פון לײַדן געלײַטערטע, פון צערן צערונענע. ס'שטײען אויף שאָטנס פון דורות פאַרשווּנדענע... ער לײענט אַ ליד נאָך אַ ליד, סטראָף נאָך סטראָף. דער טרויער זינגט זיך אים אַרײַן אין געמיט, אין בלוט. דעם דיכטערס עלעגיע ווערט זײַן אײגן טרויערליד:

עס ווילט זיך מיר װײנען בײַם עמוד.
עס וואָלט אין מײַן װײנען צעגאַנגען
דער קאַלטער פאַרזשאַווערטער אומעט,
וואָס האַלט מיר דאָס האַרץ ווי אין צוואַנגען.

עטלעכע מאָל זאָגט נחום איבער דעם סטראָף ווי אַן אײגן געבעט אינעם אָבלדיק־טרויעריקן בין־השמשות. די הוילקײט פון שטוב פילט ער אין זײַן האַרץ, אַ לײדיקײט וואָס לאָזט זיך מיט גאָרנישט פאַרפילן. ער זינקט אין אַ ווײַטע שרפנדיקע וועלט. קולות פאַרטײַבן די לופט. מענטשן לויפן וואַנזיניקע, פאַר־געסן ווו זײ זענען אין דער וועלט. אומעטום הערן זיך דונערנדיקע קנאַלן וואָס צעשטערן און מאַכן חרוב. געשרײען געמישט מיט גוססדיק געקרעכץ. מענטשן מיט פלעשער פליסיקן ברענשטאָף אין די הענט. מיט פײַער אין זײערע אויגן

פּאַרטיידיקן זיי יעדן שטיין אין גאַס. טאַנקן כאַפּן אַרײַן יונגע גופים און צערײַבן זיי. טאַטעס שיקן זייערע קינדער זיך שלאָגן קעגן שונא מיט ברכות אויף די ליפּן.

— וואָס איז מײַן אומגליק אַקעגן דעם גרויסן ים פון פּײַן? — האָט נחום פאַר זיך אַליין געזוכט אַ טרייסט — אַ שטויבל, נישט מער. אָבער יעדער איי־גענער ווייטיק וואַקסט אויס צו דער גרייס פון יענעם אומענדלעכן צער. ווי צו יענעם צער איז נישטאָ קיין טרייסט אַזוי איז אויך נישטאָ קיין אויסרייד פאַר די אייגענע לײַדן וואָס פילן אין גאַנצן אויס דעם מענטש.

פונעם שכנס פענצטער האָט זיך אַ ריס געטון אַ מעלאָדיע, אַ היימישע, אַ האַרציקע און פריילעכע. די טענער זענען אַרײַנגעדרונגען אַהער אין דער אָבל־דיקער שטוב, אין אַלע קעמערלעך זײַנע, אין די בלוטן אַרײַן. נחום פילט ווי עס ווערט אים עפּעס גרינגער אויפן האַרץ. ס׳זינגט זיך אַליין אין אים דער האַר־ציקער יידישער ניגון, וואָס ער האָט אין ערשטן מאָמענט נישט צוגעלאָזט צו זיך, געקאַרטשעט זיך, זיך פאַרמאַכט אויף זיבן שלעסער. דער כוח פון לעבן, זעט אויס, איז שטאַרקער פון דער גרעסטער פּײַן.

ווי אַן אויפגעמינטערטער פון חלשות איז נחום צוגעגאַנגען צום בעט און מ׳ט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם גענומען וועקן זײַן ווײַב:

— מרים, שטיי־אויף! הייב זיך אויף, מרים, הערסט? נעם, גרייט צום טיש... דאָס לעבן פאָדערט זײַנס... יאוש איז אַ חטא... אפשר איז דאָס געזאַנג אין מיר אויך אַ חטא, אָבער די נשמה... זי וויינט און זינגט צוזאַמען... עפּעס אַזוי מאָדנע, ווי אויף צו להכעיס... מרים, באַנעמסט וואָס איך רעד צו דיר? שטאַרק זיך, מרים...

נחום האָט זי גענומען פאַר די הענט אַן אָפּהענטיקע, אַפּאַטישע. ער לייגט צו זײַן פּנים צו אירס און רעדט צו איר ציטערדיק, ווי ער וואָלט זיך געשראָקן פאַרן אייגענעם קול, זיך נישט־צוגלייבנדיק, אַז דאָס קומט פון זײַן קעל אַרויס:

— הער, מרים, הער זיך אײַן ווי ס׳לעבן זינגט אין מיר, אין דיר... ס׳לעבן איז שטאַרק, יאָ, שטאַרקער פונעם טויט... באַנעמסט? מיטן בלוט נאָר קאָן מען עס באַנעמען דאָס וואָס כ׳רעד צו דיר, און נישט מיטן שכל. קעגן טויט איז דער שטאַרקסטער שכל — אומזין, הוילער אומזין... מע דאַרף האָבן כוח און שטאַרקן ווילן גובר צו זײַן דעם צווייפל, דעם וווהין, וואָס פירט אין ערגעץ נישט. מע מוז לעבן, מרים, לעבן, אָן אַ פאַרוואָס.

מרים האָט זיך באַפרייט פון זײַנע אָרעמס, שטיל, אָן ווערטער, מיט אַ טרויער אַרום אירע פאַרווייינטע אויגן. מיט גאָכלעסיקע טריט איז זי אַרײַן אין קיך, צוגרייטן דאָס עסן. זי האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן אויף נחומס רייד, וואָס זי האָט זיי סײַ ווי נישט באַנומען. זי האָט בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער זאָגט, אַ ברירה האָבן מיר? אַזוי איז דאָס לעבן און אַזוי איז דער מענטשלעכער גורל.

# „דאָס אייביקע לעבן"

דער קאָפּ אַ ביסל אויף אַ זײַט, די געדיכטע טשופּרינע קאַפּריזנע פֿאַרדרייט אויפֿן הויכן בלאַסן שטערן, איז דער יונגער שרײַבער מלך טראַכטער געזעסן בײַם שרײַבטיש אין ווינקל פֿאַרזונקען אין מחשבות. שוין אַ לאַנגע צײַט ווי ער קאָן זיך נישט באַפֿרײַען פֿון זיי. זײַנע בליקן פֿאָלגן נאָך די קנוילן פּאַפּיראָסן־רויך, וואָס דרייען זיך ספּיראַל אַרויף און שאַפֿן אַ געדיכטע לופֿט, וואָס מאַכט פֿאַר אַ נישטרייכערער שווער דאָס אָטעמען.

די שמועסן און געלעכטערס, וואָס טראָגן זיך פֿון אַנדערן עק צימער, רײַסן אים נישט אָוועק פֿון די געדאַנקען, פֿון זײַן אַרײַנטראַכטן אינעם גורל, לעבן און סוף פֿון זײַן העלד. ער קאָן זיך נישט קיין עצה געבן מיט אים אין סאַמע פֿינאַל, געפֿינט נישט פֿאַר אים קיין תּיקון.

סאָפֿיע זיצט אָפּגערוקט אין אַ זײַט אויף דער אויסגעבעטער שטול. די האָר ווי צוגעגלעטע פּרעצייכנס. צוויי ברענענדיקע אויגן וואָס לאָזן נישט זײַן גלײַכגילטיק צו זיך. אַ באַהנט שמייכעלע איז צעשפּילט אויף איר שיין ראָזיק מויל, וווּ ס׳ווילט זיך אַ שורה ליכטיקע ציין.

זי הערט זיך אײַן וואָס משה בלומקין, דער קונסטמאָלער, דערציילט און צעלאַכט זיך דערבײַ הילכיק, ווי אַלץ אַרום וואָלט געוועזן בלויז פֿרייד. אירע לאַנגע פֿינגער, מיט זילבערגלאַנץ אויף די נעגל, לויפֿן אומרויִק איבערן קאָפּ האָר, עטוואָס נאָכלעסיק צעשויבערט. פֿון צײַט צו צײַט כאַפּט זי אַ בליק צו איר מלכן, וואָס זעט אויס מיטן בלאַסן פּנים און פֿאַרקלערטן, ווײַטפֿאַרטראַגענעם בליק ווי אַ לונאַטיקער.

מיטן צעשפּילטן שמייכעלע אויף די ליפּן גייט זי צו אויף די שפּיץ פֿינגער צו מלכן, כאַפּט אים אָן פֿאַר די האָר, בייגט אויס זײַן קאָפּ צו איר פּנים און בײַסט זיך אײַן אין זײַנע ליפּן:

— שלאָפֿסט? — גיט זי אים אַ פֿאַרקוק מיטן שנײַדיקן גלאַנץ פֿון אירע אויגן אין זײַן פּנים — ס׳גייט דיך גאָרנישט אָן וואָס מיר רעדן? בלומקין איז

זייער אַן אינטערעסאַנטער מיטשמועסער. יאָ, אַן אמת מעג מען זאָגן אין די אויגן... קום צו צו אונדז, קום, רײַס איבער דאָס שרײַבן, איך בעט דיך...

מלך מאַכט זיך צורעכט די צעשויבערטע האָר, קוקנדיק אויף סאָפיען מיט אַ בעטנדיקן בליק, ווי איינער וואָס וויל זיך אָפּבעטן דאָס לעבן בײַ אַ גזלן:

— בעט מיך נישט, סאָפיע, כ׳בעט דיך... כ׳בין נישט געשטימט איצט צו שמועסן...

כאָטש מלך האָט ליב סאָפיעס הייסע ליפּן זאָלן זיך אײַנזייגן אין זײַנע און דעם פאַרשיכורנדיקן ריח פון איר לײַב, וואָס גייט אים נאָך אויף זײַן בחורישן געלעגער ביז פאַרגעסן זיך, — האָט זי אים איצט, אין דער אָנוועזנהייט פון בלומקינען, אין גאַנצן נישט געצויגן, גלײַך ווי ער וואָלט זיך געוועזן געפינען ווײַט פון זיך אַליין.

ווי אויף צו להכעיס איז סאָפיע צו אים צוגעשטאַנען:

— נעם מיך אַרום, מלך! — האָט זי באַפעלעריש אַ זאָג געטון און זיך צוגערוקט האַרט לעבן אים — שטאַרקער, מלך! נאָך פעסטער! אַט אַזוי...

די פרוי אין סאָפיען האָט דערוואַכט. זי בעט זיך גאָר בײַ אים: „שענק אַ נדבה"... זי האָט זיך האַסטיק אַרויסגעריסן פון זײַנע הענט, זיך אויסגעדרייט און אַרויסגעלאָפן פון צימער, פאַרקלאַפּט די קיכטיר און שנעל גענומען לויפן איבער די טרעפּ.

מלך האָט זיך אײַנגעהערט אַ פריטשמעלעטער אינעם שנעלן געלייף פון איר־רע דראָבנע טריטעלעך און אַ גיכן נאָכגעלויף פון שווערע מענערשע טריט. דאָס איז בלומקין אַרויס נאָך סאָפיען פון שטוב אָן אַ גוטע נאַכט. אויף מלכס פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכעלע, וואָס האָט אים פאַרזשמורעט די אויגן:

— גאַרנישט צו מאַכן מיט איר... גיב איר אַלץ נאָך און ס׳איז איר ווייניק... גיב זיך אַוועק אין גאַנצן, מיט לײַב און לעבן, מיט דער נשמה...

אויף די שפּיץ פינגער, ווי ער וואָלט געציילט די טריט, איז מלך טראַכטער אַרײַן צו זיך אין שלאָפצימער און לאַנג געלעגן אויפן בעט אַ וואַכער מיט אָפענע אויגן ביז ער איז פאַרזונקען אין טיפן שלאָף אַ געקרענקטער פון סאָפיעס לאָזן אים מיט אַ נאָז.

* * *

דער איינציקער, וואָס איז וואַך געוועזן צו מלכס שטילע טריט, איז ר׳ יעקב, דער אַלטער זיידע, וואָס ליגט מער אין די נעכט, ווי ער שלאָפט. דער בײַטאָג־אָפּגעשוואַכטער זכרון, וואָס ווערט אויפגעפרישט אין די לאַנגע שלאָפלאָזע נאַכט־שעהען, פירט אים אָפט אַוועק צוריק אין זײַן היימשטעטל, ווו זײַן ווײַב נחמה מיט די דרײַ יינגלעך ליגן דאָרט אויפן אַלטן בית־החיים. דער עלטסטער זון מיט

דער עלטסטער טאָכטער זענען פאַרשלעפּט געוואָרן אין די טויטנלאַגערן. קיינער ווייסט נישט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

אין די נעכט וויינט ר׳ יעקב זיך אויס זײַנע אַלטע אויגן. ער זיפצט און שלוכצט ביז דער מאָרגן נעמט גראָען. פּאַמעלעך שאַרט ער זײַנע פיס. ער קומט צו צו מלכס שלאָפצימער, קוקט אַרײַן און אַן „אײַ־אײַ" באַגלייט זײַן שאָקל מיטן קאָפּ:

— נאָר שרײַבן־רײַבן וויל דאָס! אַ מענטש זאָל נישט װעלן זײַן קיין מענטש! נעם זיך צו וואָס דו ווילסט — אָבער זײַ אַ לײַט!

* * *

אַ ריח פון פרישע ציבעלע־פלעצלעך, בייגל און קאַווע צעטראָגט זיך איבערן עסצימער. מלכס טאַטע, יוסף טראַכטער, דער קאָנפעקציע־סוחר פון אַוועניו סאַן־מאַרטין, מיטן שפּאָרן בײַכל און שיטערע האָר אויפן קאָפּ, זיצט און גלאָצט צום צימער, ווו ס׳שלאָפט זײַן בן־יחיד. ער ברומט אונטער אַ ניגון, הייבט אויף זײַנע בליקן, וואָס שנײַדן זיך אײַן מיט זייער שאַרפקייט אין זײַן ווײַבס פּנים, פון וואָס שרה ווערט באַגאָסן מיט אַ רויטקייט, ווי אַ יונג שעמעוודיק מיידל. זי האָט זיך פאַרלוירן, ווען זי האָט דערפילט אויף זיך דעם מאַנס שאַרפן בליק. ווי שטענדיק וועט זי אויך איצט מוזן זײַן אײַנגעהאַלטן, ווי זי זאָל זיך שעמען פאַר די פיר ווענט:

— לאָז צורו מיט אים!

דער „לאָז צורו" קומט מער מיט שטומען ווייכן קנייטש פון אירע ברוינע אויגן, ווי מיט ווערטער. זי וויל דערמיט באַלד נישט דערלאָזן, אַז ס׳זאָל קומען צו אַ ווערטער־אויסטויש צווישן טאַטע און זון. שטענדיק, ווען מע זעצט זיך צום טיש, און זי באַוויזט נישט צו פאַרהאַלטן דעם מאַן מיטן „לאָז צורו", גייט אַוועק אַ געפעכט מיט פאַרשוימטע רייד, וואָס טרײַבט יוספן אַרײַן אין אַ רציחה. ער הייבט זיך אויף פון טיש, גייט עטלעכע מאָל איבערן צימער הין און צוריק און האַלט אין איין זיפצן:

— ווײ, ווײ! זיך אַרײַנגענומען אַ מאַניע אין קאָפּ אַרײַן און נאָר ער וויל ווערן אַ שרײַבער, נו און פּרנסה פון וואַנען? פון דער וואַנט?

אויך איצט האָט יוסף טראַכטער געוואָלט אָנהייבן דאָס געשפּרעך מיטן ווײַב נאָך איידער דער זון איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף:

— גיי, וועק אים אויף! — גיט ער אַ מאַך צו שרהן מיט דער האַנט געד־שטרעקט צו דער פאַרמאַכטער טיר — זאָל ער קומען אין געשעפט אַרײַן! איך קאָן זיך נישט קיין עצה געבן אַליין, אַ יינגל זאָל גאָרנישט וועלן טון פאַר דער שטוב? אומדערהערט!

און אַז יוסף זעט, אַז ס׳ווײַב רירט זיך נישט פון אָרט, גיט ער אַ גיי צו און גיט האַסטיק אַ רײַס אויף די טיר און אַ פאַרקלאַפּ צוריק, וואָס הילכט אָפּ אין שרהס פאַרביטערט האַרץ מיט אַ צאַפּל.

— אַהאַ! — האָט מלך זיך איבערגעשראָקן פונעם קלאַפּ — שוין געקומען מאַנטיק אויף גאָטס וועלט! מ׳האָקט שוין מיט די טירן!

מלך האָט אַ בלאָז געטון די ליפּן מיט אַ שווישטש און דערפילט אַ דער־לײַכטערונג. ער האָט זיך אויפגעזעצט אַ צעטשוכעטער און אַ רוף געטון אין דער אַנדערער שטוב:

— מאַ־מע! זײַ אַזוי גוט, מאַמע!

קיין ענטפער איז נישט געקומען. איז ער אַזוי געזעסן אויפן בעט און גע־קוקט אויפן פּאַס ליכט, וואָס איז געפאַלן פון פענצטער אין דער קרום איבערן צי־מער. פלוצים האָט אים אַ ברי געטון אין געדאַנק דער צער וואָס ער האָט נעכטן פאַרשאַפט סאָפיען. ער האָט זיך ראַפּטעם אַ הייב געטון, ווי געטריבן דורך אַ געהיימען כוח. ער איז צו צום טעלעפאָן זי אָפּרופן, זי זאָל קומען. ער וויל זי איבערבעטן, ער וועט איר פאַלן צו די פיס, זי זאָל נישט זײַן ברוגז אויף אים. ער מוז זי האָבן לעבן זיך, צודריקן, אַרומנעמען איר שלאַנקע פיגור, גלעטן די האָר, אויסקושן די רויטע רויזנליפּן.

אין דער טיר איז אויסגעוואַקסן זײַן מאַמע, די גוטהאַרציקע שרהלע, וואָס גיט אַזוי אַכטיק אויף איר אַלטן טאַטן, היט אים אָפּ ווי אַן אויג אין קאָפּ, זעט ער זאָל האָבן שטענדיק אַן אויסגעפּרעסט העמד לכבוד שבת און נישט איין מאָל פאַרגיסט זי צוזאַמען מיט אים אַ טרער, ווען זיי דערמאָנען דאָס שיינע יידישע לעבן וואָס האָט זיך געפירט אין דער פאַרשניטענער היים.

שרהלע איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל, געקוקט מיט אַ בליק פול מיט פאַרוואָרף אויף איר זון און נישט אַרויסווײַזנדיק דעם פאַרדראָס זיך אָנגערופן:

— טו זיך אָן, מלך, און גיי עסן, — האָט זי געפילט ווי אירע אויגן ווערן פאַרלאָפן מיט טרערן, — טו מיר צוליב און גיי אין געשעפט אַרײַן, לאָז נישט דעם טאַטן אַליין, דער טאַטע דאַרף אַ סך מאָל אַוועקגיין און אַלץ בלײַבט אויף הפקר... האָסט אין גאַנצן נישט קיין טראָפּן רחמנות אין זיך...

אין אַנדערן צימער האָט יוסף טראַכטער געטרונקען די הייסע קאַווע און געפילט ווי דער ביסן איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז: ווער דאַרף זײַן רחמנות? אויף אים דאַרף מען נישט האָבן קיין מיטלייד. ס׳האָלט נאָך נישט אַזוי שלעכט מיט אים. ער וועט זיך אָן דעם זונדעלע אויך באַגיין. ער האָט שוין געוואָלט אויפשטיין און אַרײַנגיין אַרויסבעטן שרהן פון דאָרט, זי זאָל נישט אַזוי פיל טענהן מיטן זון, זיך נישט דערנידעריקן פאַר אים. ער איז אָבער געבליבן אויף אַן אָרט.

מלך איז געזעסן בײַם טיש ווי אויף שפּילקעס. ער האָט קוים אײַן זיך אַרײַנגעבײַט דאָס עסן. נישט געקוקט רעכט אין פּאָטערס זײַט, נישט־וועלנדיק זיך אָנטרעפן מיטן שאַרפן שניט פון טאַטנס בליק. די שטוב־ענגשאַפט דאָ צווישן די פיר ווענט פון עסצימער האָט אים געטריבן פון דאַנען. ער איז אַרויס אויף דער גאַס, ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפן פונעם גאַנצן אײַנגעשטעלטן סדר. גענומען האַסטיק גיין צו דער נאָענטער פּלאַסע און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק דאָ אין גערטל — פרײַ פונעם טאַטנס מוסר־רייד, פון זײַן זאָגן איבער אים און פון דער מאַמעס זיפצן, פון דער קלעם פון דאגות און תכלית.

זײַנע בליקן האָבן איצט זאָרגלאָז נאָכגעפאָלגט דעם צעפלאַטערטן פלי פון די טויבן מיט די ראָזע שנעבעלעך און פיסלעך. אַרום אין גערטל איז געשטאַנען אַ פריילעכער געפּילדער פון קינדער. מיט תאווהדיקע בליקן האָט מלך נאָכגעקוקט די פאַרבײַגייענדיקע מיידלעך, וואָס האָבן אַפילו נישט געלייגט קיין אַכט אויף זײַנע הייסע דורכנעמענדיקע בליקן.

ווער ווייסט ווי לאַנג ער וואָלט אַזוי געזעסן, ווען נישט דער אויסגעצויגענער פײַפגעוואָי, וואָס האָט דורכגעשניטן די לופט, אָנוואָרפנדיק אַ פחד. דער אויטאָ פון דער גיכער הילף האָט פאַרטייבט דעם אַרום מיט זײַן וואָרענונג־סיגנאַל:

— לאָזט דורך! אַן אומגליק! לאָזט פרײַ דעם וועג! אַ מענטשלעך לעבן איז אין געפאַר!

— קאַראַמבאַ! צו אַלדי טײַוול! — האָט מלך אַ ברום געטון צו זיך אַליין — נישטאָ אין ערגעץ קיין רו! עפּעס קומט שטענדיק פאָר...

פון אַ נאָענטער פאַבריק דאָ אין דער געגנט האָט זיך צעפײַפט די סירענע. אַ צייכן אַז ס'איז שוין צוועלף אַזייגער בײַטאָג. מלך האָט פאַרלאָזט די פּלאַסע און זיך געלאָזט גיין אַהיים. ער האָט געוווּסט, אַז אויב דער טאַטע וועט אים נישט טרעפן בײַם מיטאָג וועט זײַן ערגער. די מאַמע וועט, ווי שטענדיק, זיפצן און וויינען, וואָס ס'איז איר נישט באַשערט קיין רויִק לעבן און דער טאַטע וועט אים פײַלן מיט זײַנע שאַרפע באַמערקונגען און נישט לאָזן דעם זיידן זאָגן קיין גוט וואָרט אויף זײַן אייניקל.

אַזוי גייענדיק טריט בײַ טריט האָט מלך טראַכטער דערפילט ווי אַלץ אין אים, אַלע אַרגומענטן קעגן טאַטן, לאָזן נאָך. עפּעס אַ נאָכגיביקע שוואַכקייט לייגט זיך אויף אים מיט אַ בלײַיקער שווערקייט. סאָפיע האָט אים אויסגעשטעלט צו נאַר. ער וועט איר נישט גיין נאָכלויפן. זאָל זי לויפן, די קאָזע. ער דאַרף איר נישט אַזוי נייטיק אַז ער זאָל זיך נישט קאָנען באַגיין אָן איר. זאָל זי נישט שטיין אַזוי אין גרויסן. ער וועט זיך נישט גיין בעטן בײַ איר. און פאַלן צו די פיס אַוודאי נישט. זי קאָן לאַנג וואַרטן...

די גראָע אַלטעגלעכקייט אין דער היים טוט אויך דאָס איריקע. זי דריקט אויף אים און מאַכט אים ווילנלאָז, שלאַבעריק. דער געדאַנק, פילט ער, באַוועגט זיך בײַ אים האַמעטנע. און אין גאַנצן איז ער באַהערשט פון אַן עסנדיקן אומעט: וואָס איז אייגנטלעך זײַן קאַמף מיט דער היים? זײַן מוח האָט קיין ענטפער נישט געזוכט און אויך נישט געקריגן.

גייענדיק אויף די שטיגן האָט ער אויפגעכאַפּט זײַן טאַטנס געשרייען. אַ היץ האָט גענומען שלאָגן אין זײַנע אָדערן. אַ צערייצטער האָט ער אַ יאָג געטון איבער די טרעפּ און האַסטיק אויפגעריסן די טיר. דעם טאַטנס רייד זענען אים אַנטקעגנגעלאָפן מיט אַ טומל:

— ער גייט שוין, דער גרויסער שרײַבער אונדזערער! זיך ענדלעך געיאָוועט אין שטוב אַרײַן! די געשעפטן לאָזן אים דאָך נישט זײַן צו דער צײַט!

יוסף טראַכטער איז אויפגעשטאַנען, אַוועק פון טיש און צו צום פענצטער, באַלד זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער שטוב און געשטעלט אַ טריט נענטער צום זון:

— וואָס שטייסטו און גלאָצסט אויף מיר מיט די אויגן? פונקט ווי איך וואָלט געווען נישט אַנדערש נאָר דײַנס אַ שונא! וואָס וועט זײַן פון דיר? וואָס וועט זײַן דײַן תכלית? פאַרוואָס זאָלסטו נישט זײַן מיט מיר אין געשעפט? זעסט דאָך אַליין, אַז מער ווי איין מאָל האָט מען דיך נישט געדרוקט. די רעדאַקציע דרוקט נישט קיין יונגע שרײַבער. זי האָט גענוג אירע אייגענע. מ׳האָט דיר פאַרשטופּט דאָס מויל און אָפּגעדרוקט אַ זאַך און ווײַטער זאָל גאָט זאָרגן. וועסט זיך גיין שלאָגן מיט זיי? וואָסי? זיי מוזן דיך דרוקן? וועסט זיי שמעלצן דעם טאָפּ? דאָס איז איין מאָל אַוועק. צווייטנס, גייסט אַרום מיט אַזאַ שיין מיידל און טראַכסט נישט וועגן זעלבסטשטענדיקייט, וועט זי דיך דאָך לאָזן שטיין אין אַ שיינעם טאָג. דו ווייסט דען נישט, אַז פּרנסה איז פאַרבונדן מיט אַ ביטערן געראַנגל, מיט קאָנקורענץ, מיט אַרויסרײַסן דעם ביסן פון מויל? גיב אַ קוק מיט וואָס דו ריזיקירסט אַלץ. דאָס מיידל וועט דיך לאָזן שוויצן. פון דײַנע מעשׂות, וואָס דו שרײַבסט, וועסטו האָבן, אַז ס׳וועט גוט גיין, וואָסער אויף קאַשע. איז וואָס זשע וועט ווערן פון דיר? ווילסט שרײַבן? אדרבא, שרײַב! ווער לאָזט דיך נישט? נאָר בײַנאַכט! אין די אָוונטן שבת און זונטיק. קיינער וועט דיר נישט שטערן. זעסט אַליין, כ׳האָב אַוועקגעשטעלט אַ ריזיק געשעפט מיט סחורות, מיט אָנגעשטעלטע און אַלץ איז ווי אויף הפקר. וואָס וועט זײַן פון דעם אַלעם אַן דיר? באַרעכן זיך.. ס׳וועט דאָך אַלץ גיין צו גרונט!

מלך האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַם טיש. צווישן זײַנע ציין האָבן זיך דורכגעזיפּט עטלעכע ווערטער:

— פון מאָרגן אָן גיי איך אַרבעטן מיטן טאַטן.

ער האָט נישט באַמערקט, ווי זײַן מאַמע האָט פֿון ווײַטנס געווונקען צום אַלטן יעקבן, ער זאָל אָוועקגיין, נישט זײַן דערבײַ. זי האָט געהאַלטן דעם ווײַז־פֿינגער בײַם מויל, ער זאָל נישט רעדן, זיך נישט אַרײַנמישן.

— עס, מלך, פֿאַרוואָס עסטו נישט? — האָט די מאַמע אים מוטערלעך־צאַרט אַרויפֿגעשאַרט די האָר פֿון שטערן אַוועק און ווי שטענדיק אין אַזעלכע פֿאַלן צוגעגעבן:

— דער טאַטע וויל נישט דײַן שלעכטס — האָט שרה זיך אַרויפֿגעלייגט די רעכטע האַנט אויפֿן האַרץ — גלייב עס מיר, ער איז דיר נישט קיין שונא. ער מיינט בלויז דײַן גוטס.

צוזאַמען מיטן ביסן האָט מלך אַראָפּגעשלונגען די ביטערניש פֿונעם אמת, פֿונעם טאַטנס רייד. קיין פּרנסה פֿון שרײַבן קאָן מען טאַקע נישט מאַכן. ס׳איז אָבער דאָ אַ שטאַרקער דראַנג, אַן אינערלעכער רוף, וואָס וויל נישט וויסן פֿון קיין שום תּכלית, געפֿילן וואָס רופֿן און צינדן אָן אַ פֿלאַמיקן באַגער זיך אויס־צודריקן מיטן און דורכן וואָרט די אינערלעכע וועלט. אָבער פּרנסה, עקזיסטענץ, דער מאָרגן? — דאָס אַלץ צוזאַמען, פֿילט ער, ווי ס׳וואָלט אים געשטופּט אין אָפֿענעם פּיסק פֿון אַ לייב.

— נו, זון מײַנער, וואָס עסטו נישט? — האָט אים די מאַמע איבערגעוועקט פֿון די מחשבות — מיטן עסן ווערסטו אין אַלע צרות פֿאַרגעסן — האָט זי אים געזאָגט צום גראַם און זיך אַליין צעלאַכט פֿונעם אויפֿטו, און זיך נישט געמאַכט זען דעם מאַנס שאַרפֿן בליק אויף איר, וואָס דאַרף זאָגן, אַז ער האָט פֿײַנט אַזעלכע חכמות, ס׳פּאַסט נישט פֿאַר איר.

מלך איז צוגעגאַנגען צו דער מאַמען און זי אַרומגענומען:

— דו ווילסט דאָך מײַן גוטס... איר ווילט דאָך ביידע מײַן גוטס... כ׳זאָל נישט פֿאַרפֿאַלן ווערן אין לעבן...

ער האָט דערפֿילט ווי אַ הייסער שטראָם גייט אין אים אויף פֿון די שפּיץ פֿינגער פֿון זײַנע פֿיס ביזן קאָפּ. ער כאַפּט זיך אויף און נעמט שפּאַנען איבערן צימער הין און צוריק.

— פּונקט ווי דער טאַטע — מאַכט שרה צום מאַן — נאַ גיב אַ קוק, דער גאַנצער טאַטע. ער האָט אין ווערמען אַרײַנצוגעראָטן.

מלך איז געבליבן שטיין בײַם פֿענצטער. ער האָט זיך געווישט דעם שטערן. דערפֿילט אַן אומרו, וואָס נאָגט אים שוין פֿון לאַנג און איצט ווערט עס אין אים רייף. ער גייט צו צום לענגלעכן קאָמאָד, וווּ ס׳ליגט דאָס זילבער־געשיר. אין איינעם פֿון די שופֿלעדער האַלט ער זײַנע מאַנוסקריפּטן מיט די בלאַנקן שרײַב־פּאַפּיר. ער נעמט אַרויס אַ בלאַק און זעצט זיך צו צום טיש. ער כאַפּט זיך ערשט אַז אַלע זענען שוין אַוועק פֿון טיש און אים געלאָזט אַליין. אַ צופֿרידענער, וואָס

ער ווערט נישט געשטערט פון קיינעם, האָט ער זיך גענומען צום שרײַבן און אָנגעוואָרפן דעם קאָפּ: „דער זעלבסטמאָרד פון סטעפאַן צווייג", ער נעמט אַרויס אַ צײַטונג, וווּ ס'איז פאַראַן דאָס בילד ווי סטעפאַן צווייג ליגט אַ טויטער, דאָס פּנים איבערגעצויגן מיט קאַלטער גליווערנדיקער רו, ווי פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף. לעבן אים ליגט טויט זײַן פרוי מיטן צעפּל פאַרלייגט הויך איבערן שטערן...

— נישט דאָס איז דער וועג פון אַ גרויסן שרײַבער — האָט מלך טראַכטער געשאָקלט באַדויערנדיק מיטן קאָפּ. אין וואָס פאַר אַ צײַט לעבן מיר? נישט אַנדערש, נאָר אַ קללה הענגט איבער אונדזער דור. די בעסטע ווערן אָוועקגעריסן אויפן סאַמע אומזיניקסטן אופן, גלײַך ווי ס'לעבן וואָלט טאַקע נישט געווען געדאַט דעם מינדסטן ווערט.

די האַנט זײַנע האָט זיך באַוועגט גיך, גיך איבער די בייגעלעך פּאַפּיר. אַרײַנגעטועט אין שרײַבן האָט ער נישט געהערט ווי זײַן שוועסטער ראָקעל איז געקומען צו גיין פון גאַס מיטן קינד בײַ דער האַנט. זי איז אַרײַן אין עסצימער, וווּ ער איז געזעסן בײַם טיש. די קליינע באַשעלע איז צו אים צו מיט די דראָבנע טריטעלעך און אים גענומען רײַסן בײַ אַ הויז:

— טיאָ! טיאָ!... פעטער! פעטער מלך!

מלך האָט אָוועקגעלייגט די פּעדער, פאַרביסן די ליפּן און גענומען די קליינע אויף די הענט. געקושט אין די קײַלעכיקע בעקעלעך און באַלד גענומען טאַנצן מיט איר:

— סאַראַ טעמעדיקע מויד דאָס איז! שיינע מויד!

ר' יעקב איז אַרײַנגעקומען אַ צעשמייכלטער זעענדיק ווי זײַן אייניקל שפּילט זיך מיט זײַן אוראייניקל. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, גענומען די צײַטונג אין דער האַנט אַרײַן און געקוקט אויפן בילד האַלטנדיק די צײַטונג נאָענט צו די אויגן:

— מלך, ווער איז עס דער מענטש, האַ? מלך?

מלך געפינט נישט קיין ווערטער, ער זאָל דעם זיידן קאָנען געבן צו פאַרשטיין על רגל אחת ווער און וואָס און פאַרוואָס? ער איז שוין איצט געווען צופרידן וואָס די שוועסטער איז געקומען. זי האָט זיך האַרציק מיט אים צעקושט און געקוקט אין די אויגן ווי זי וואָלט אים געהאַט עפּעס צו זאָגן, נאָר לעבן זיידן האָט זי זיך געפילט קרעמפּירט און אַרײַן אין דער קיך צו דער מאַמע.

דער אַלטער ר' יעקב, וואָס האָט גענומען זײַן אוראייניקל פון מלכס הענט, איז אָבער געווען צופרידנגלעך. ער וויל זײַן מלכל, וואָס וואַקסט אַ קאָפּמענטש, זאָל אים זאָגן וואָס ער ווייסט וועגן דעם פאַרשוין.

— זיידע, סטעפאַן צווייג איז געווען אַ גרויסער שרײַבער. ער ליגט דאָ

טויט צוזאַמען מיט זײַן װײַב. זיי האָבן ביידע באַשלאָסן אַ סוף צו מאַכן צו זייער לעבן און זיך צוזאַמען געסמט.

— אַזוי! — ווערט דעם אַלטנס פּנים ווי פאַרוואָלקנט, — געסמט? געגנר מען און אויסגעטרונקען סם? ווי האָט ער געהייסן, זאָגסטו?

— סטעפאַן צווייג.

— סטעפאַן, זאָגסטו? — האָט דער אַלטער אָנגעשפּיצט זײַן געהער און געפרעגט אַ פאַרחידושטער — אַ ייִד זאָל הייסן סטעפאַן? פאַרוואָס האָט ער זיך געסמט? אַוודאי נישט געהאַט קיין פּרנסה.

מלך האָט עפּעס אונטערגעמורמלט מיט אַ ביטער שמייכעלע אַרום די אויגן און מויל. נאָר דער זיידע איז אים אָבער באַלד פאַרלאָפן דעם וועג:

— ניין! אַ ייִד הרגעט נישט יענעם און זיך אַוודאי נישט. בײַ ייִדן, אַז עס טרעפט, רחמנא־ליצלן, אַזאַ זאַך, לייגט מען אים בײַם פּלויט. אַזאַ איינער פאַרלירט ביידע וועלטן. זאָג מיר, מלך, קינדער האָט ער געהאַט?

— ניין, דאַכט זיך, — האָט מלך געדרייט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געזוכט, ס׳זאָל עמעצער אַרײַנקומען אים אויסלייזן, באַפרײַען, און צום סוף געקוקט דעם אַלטן זיידן גלײַך אין פּנים אַרײַן, ווי ער וואָלט זיך שטום בײַ אים געבעטן, ער זאָל אים שוין לאָזן אַליין.

— אַהאַ, נעבעך נישט געהאַט קיין קינדער, אַ קינדערלאָז פאַרפאַלק געווען, אַ שאָד — האָט יעקב געשאָקלט מיטן קאָפּ און אָפּגעזיפצט מיט באַדויער. דריקנדיק צו זיך דאָס אוראייניקל האָט דער אַלטער ר׳ יעקב געוויזן אויפן בילד — זעסט, מלך, ווען ער וואָלט געהאַט אַזעלכע אייניקלעך, וואָלט ער געוואָלט לעבן אייביק! וואָלט ער געוווסט, וואָס ס׳הייסט דאָס אייביקע לעבן.

מלך האָט דערפילט ווי אַ פיבער וואָלט אים דורכגעריזלט זײַנע בלוטן. ער האָט געקוקט, ווי די בלאָנדע פיריאָריקע באַשעלע פלעכט אירע הענטלעך אַרום דעם זיידנס האַלדז און טוליעט איר פּנימל מיט קינדערשער פרייד צום צעקנייטשטן ייִדישן שטערן.

מלך האָט דורכגעוואָרפן די עטלעכע אָנגעשריבענע זײַטלעך, אַ כאַפּ געטון דאָס ערשטע בלעטל, אויסגעשטראָכן די פריִער־אָנגעוואָרפענע שורה פון קאָפּ „סטעפאַן צווייגס זעלבסטמאָרד". ווי פון זיך אַליין האָט די פּען אויפגעשריבן אויפן געדיכט־אָנגעשריבענעם זײַטל:

„דאָס אייביקע לעבן".

# אויף נײַע וועגן

I

אינעם זײַטיקן שמאָלן געסעלע „די שווייץ״, וואָס האָט די לענג פון אַ קוואַדרע, האָט זיך דורכגעטראָגן אַ געמורמל:

— דאָניאַ רעבעקאַ ציט זיך אַרויס פון דאַנען.

פון הויז צו הויז האָבן שכנישע ליפּן זיך איבערגעגעבן די נײַעס, און די הײַזער אַרום — ליכטיקע און ריינע — זענען געשטאַנען אײַנגעהערטע, ווי זיי וואָלטן באַהאַלטן אין זיך עפּעס אַ סוד.

אַלץ, וואָס די שכנים אַרום האָבן געוווּסט, איז געווען, אַז זי וועט וווינען אין אַ „טשאַלעט דע לוקאָ״[1], מע זאָגט אַזוינס און אַזעלכעס!... מער האָט קיי־נער נישט געהאַט וואָס צוצוגעבן. מ׳האָט זיך נאָר איבערגעוווּנקען, ווי איינער זאָגט:

— פון וואַנען האָט מען גענומען דערויף? פון וועלכע פאָנדן האָט מען אויף אַזאַ רעזידענציאַלע וווינונג?

די מענער האָבן געהויבן מיט די אַקסלען און געשטאַנען אַנטקעגן זייערע ווײַבער ווי אומבאַהאָלפענע קינדער, וואָס זיי האָבן נישט באַוויזן זיך אַזוי אַרויפ־צואַרבעטן. זיי האָרעווען אַ גאַנץ לעבן און קאָנען זיך צו גאָרנישט דערשלאָגן. וויפל מ׳האָט פאַרדינט האָט מען אויסגעגעבן. אַלץ איז אַוועקגעגאַנגען אויפן עסן, אויף דער שטוב, אויף אַ שוך און אַ מלבוש. און אָפּצושפּאָרן איז שוין גאָר־נישט געבליבן.

די זעקס יאָר, וואָס רבקה האָט געוווינט אינעם געסעלע, האָט זי זיך מיט גאָרנישט אונטערגעשיידט פון אירע ייִדישע און קריסטלעכע שכנים. יעדן פרי־מאָרגן איז זי געגאַנגען אײַנקויפן אויף מיטאָג אין דער „מערקאַדע״[2], ווײַל אויפן מאַרק קאָן מען קריגן צו קויפן פאַר אַ פּאָר סענט ביליקער. זי האָט אַליין געפירט דאָס באַלעבאַטישקייט, אַליין געקאָכט, געוואַשן, נישט אַרײַנגענומען קיין געהילף אין שטוב אַרײַן. אין די נאָכמיטאָג־שעהען, נאָך דער „סיעסטע״[3],

1 לוקסוס־פּאַלאַצל.

2 מאַרק, באַזאַר.

3 נאָכמיטאָג־שלאָף.

איז זי געשטאַנען פאַר דער טיר און גערעדט מיט אַלעמען וועגן וואָס אַלע האָבן גערעדט. זיך אָפּגעגעבן מיט העלפן אַ נויטבאַדערפטיקן, באַזאָרגן אַ קינד, אַ פאַרוואָרלאָזטס, אָט אַזוי ווי אַלע שטילע באַשיידענע מענטשן פירן זיך.

די גוטע מידה פון עזוב־תעזוב, פון אַנטקעגנקומען מיט הילף, האָט זי גע־ירשנט פון איר באָבע רבקה, וואָס זי הייסט טאַקע נאָך איר. אַ ייִדענע אַ צדיקת. זי איז אַרומגעלאָפן אַ פאַרפאַרעטע איבערן שטעטל דאָרט, אין דער אַלטער היים, אין פוילן, געלאָפן זען ווו ס׳פעלט עפּעס ווען אויף שבת, אויף יום־טוב. זי האָט געריסן פון די ווענט און געבערענגט צו טראָגן — דעם הונגעריקן אַ ביסל עסן, דעם קראַנקן אַ רפואה. ווי קומט זי צו איר באָבען? זי טוט צומאָל קיין פּערט־חלק נישט אַ גאַנץ יאָר וואָס יענע האָט געטון אין איין וואָך.

די לעצטע צײַט אָבער — האָבן די שכנים באַמערקט — האָט זיך דאַניע רעבעקאַ עפּעס ווי אָפּגעזונדערט פון אַלעמען. נישט אַרויסגעקומען פאַר דער טיר, בכלל זיך ווינציק געוויזן אין גאַס. זיי האָבן עס נישט געקאָנט לײַכט אַראָפּ־שלינגען. וואָס עפּעס מיט אַמאָל? אָט האָט דאָן מאַרקאָס געביטן די קאָטש אויף אַ לעצטן מאָדעל, און זיך שוין ווייניקער געהיצט מיט די שכנים וועגן פּאָליטיק. לעצטנס איז ער אין גאַנצן ווי אין וואַסער אַרײַן, פאַרשווינדן געוואָרן אויף אַ לענגערער צײַט. קיינער האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן אַז דאָן מאַרקאָס איז אין בראַזיל, אַז ער מאַכט דאָרט גרויסע געשעפטן און ווערט רײַכער פון טאָג צו טאָג.

ביז אין אַ טאָג — נישט לאַנג נאָך דאָן מאַרקאָסעס צוריקקומען פון בראַ־זיל — האָט מען זיך געגעבן אַ כאַפּ און אַ צי אַרויס, אָן צו זאָגן צומאָל אַ גוטן טאָג, ווי מע וואָלט זיך אין גאַנצן נישט געווען געקענט.

די שכנים פון געסל האָט עס אונטערגעהויבן. מ׳איז זיך צונויפגעקומען אַראָפּרעדן ס׳האַרץ איינער פאַרן אַנדערן. ווײַבער האָבן געשנײַצט די נעז. מענער זענען געזעסן ווי פאַרווירט, ווי ס׳וואָלט בײַ זיי אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. טאַקע ריכטיק. רײַך געוואָרן. אַלצדינג איבערגעלאָזט אין דער וווינונג. גענומען בלויז עטלעכע זאַכן. ס׳מעבל איז געבליבן בײַם נײַעם שכן, וואָס וועט זיך איך גיכן אַרײַנציִען אַהער. דאָן מאַרקאָס האָט אויסגעזען ווי אַ גראַף. די גאַנצע גאַס האָט געגאַפט ווען ער איז אָנגעקומען מיטן נײַעם גרויסאַרטיקן שוואַרצן אויטאָ מיטן געלן אויבערטייל. זײַן ווײַב, דאָניאַ רעבעקאַ און זייער זעכציאָריקער זון אַראָן האָבן זיך אַרײַנגעזעצט מעשה־פּריצישע לײַט אין דער קאָטש. ווי אַ שטור־רעמווינט וואָלט אָנגעלאָפן האָט זיך דער מאָטאָר צערוישט. די קאָטש האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט מיט אַ בליציקן גליטש אַוועק, זיך אַרײַנגעדרייט אין צווייטן געסל און ווי אַ ווינט פאַרשווינדן פונעם אויג.

אָפּפאָרנדיק האָט רבקה אַ טיפן זיפץ געגעבן און זיצנדיק אין דער לוכאַ־קאָטש זענען איר טרערן אָנגעלאָפן אין די אויגן. זי האָט גענומען צוקן מיט דער

אונטערשטעטער ליפ ווי אין אַ ציטעריקן כליפען. עפּעס האָט אַ ברי געגעבן אין האַרצן: נישט אַלעמען שפּילט אַזוי צו דאָס מזל, ווי איר. יענע אין געסל האָבן איר נאָכגעקוקט מיט אַזאַ קנאה אַזש ס'האָט איר פאַרקלעמט בײַם האַרץ פאַר מיטלײַד. יענע האָבן דאָך אויך געחלומט זיך אַרויסצורײַסן אַמאָל פון געסל און זענען געבליבן בײַ די פּוסטע פאַנטאַזיעס. אים, מאַרקאָסן, זעט זי, אַרט עס גאָר־נישט, ס'גיט אים נישט צומאָל קיין טשעפּ. די מענער זענען האַרט ווי די שטיי־נער. ס'רירט זיי גאָרנישט...

דאַן מאַרקאָס האָט אַ שמייכל געטון אַ צופרידענער און זיצנדיק בײַם רו־דער, מיט ביידע הענט אויפן רעדל, זײַטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ס'איז באמת דאָ וואָס צו ווייַנען... דײַנע יאָכנעס וועלן נישט וויסן וואָס ס'קאָכט זיך בײַ דיר אין טעפּל...

2

אַ ביסל אַרויס פון דער שטאָט איבער אַ ברייטער גאַס מיט גרויסע גרינ־באַבלעטערטעביימער, וואָס שפּרייטן קילן שאָטן אַרום זיך, ציִען זיך פאַרקאַ־נעס פון פאַרשידענע קאָלירן. הינטער זיי גליִען גערטנדלעך — אַ פאַרביקער פּעכער פון בלומען. ווײַטער אין דער טיף שטייען צעבלאַנקטע פּאַלאַצלעך — איינס שענער פון צווייטן. טייל הײַזער פון רויטן ציגל, אַנדערע פון ווײַסן און שוואַרצן מאַרמאַרשטיין, פאַרהילט אין אַ סודותדיקן שווײַגן, אָפּגעזונדערטע, שטילע, פאַרשלאָסענע. יעדעס הויז מיט זײַן פאַרקלערטקייט, אַרומגעזוימט פון אויבן מיט פאַרשידנפאַרמיקע קאַרניזן און באַפּוצעכצער וואָס פאַרכאַפּן דאָס אויג.

צווישן די אַלע לוקסוס־טשאַלעטלעך הייבט זיך אַרויס איין פּאַלאַצל מיט ווײַסע ברייטע טרעפּ פון גראָען מאַרמאָר, וואָס פירן אַרויף צו אַ רויט ציגלהויז, געבויט אין דער פאָרעם פון אַ שיף, ווו פון סאַמע קאַנטיקן פראָנט שנײַדן זיך אַרײַן צוויי לאָמפּן, ווי פײַערדיקע אויגן וואָס פאַרבלענדן בײַנאַכט די גאַס.

אויבן, פאַרן אַרײַנגאַנג איז די טעראַסע אויסגעלייגט מיט פּירקאַנטיקע שטיינערנע פּלאַטן פון פערלדיקן קיזלשטיין. אינעם פאָדערזאַל שטייען פון ביידע זײַטן וואַזאָנעס מיט די טײַערסטע בלומען. דער גרויסער צענמעטערדיקער סאַלאָן איז געבויט אין סטיל פון אַן אָפּערע־זאַל, ווו די ווענט בייגן זיך אויבן אויס אין האַלברונדיקע וואַלן און בילדן אַ טייל פונעם הימלבלאָען סופיט, העל באַלויכטן בײַ די ראַנדן מיט בלענדיקן נעאָנליכט, גלײַך זונען וואָלטן אָפּגעשלאָגן אַהער זייער מילכווײַסן שײַן, וואָס קומט פון ערגעץ טיפע באַהעלטענישן, נישט צו וויסן פון וואַנען און ווו ס'הייבט זיך אָן, און באַלײַכטן די טײַערע בילדער פון באַ־ווּסטע מאָלער וואָס באַצירן די ווענט.

ווי אַ דיסאָנאַנס צווישן די אַלע קונסטבילדער האָט אַרויסגעשײַנט דאָס בילד פון רבקהס באָבע מיטן שטילן טרויער אין די ייִדישע אויגן. אַ ווייך שע־מעוודיק עלטער־שמייכעלע האָט געצאַפּלט אַרום די מוילווינקלען, וואָס האָבן אייביק געציטערט נישט אַרויסצוברענגען קיין שלעכט וואָרט פון מויל, גלײַך ווי זי וואָלט זיך געוווּנט זשעניִרט וואָס זי געפינט זיך אויף אַזאַ אָנגעזעענעם פּלאַץ דאָ אין ליכטיקן זאַל; אַפילו בײַם לעבן האָט זי דאָך צומאָל נישט געחלומט אַראָפּצוליינען אַמאָל פון אַזעלכע פּריציש‌ע ווענט אין אַזאַ קעניגלעכן סאַלאָן.

רבקה האָט טאַקע בײַ זיך אין האַרצן געפליסטערט, שטייענדיק אַנטקעגן דער באָבעס בילד, ווי פאַר אַ הייליקע, אין מאָמענטן פון שרעק און צווייפל, אָדער קראַנקייט אין שטוב:

— טײַערע באָבע רבקה, פאַרנעם מײַנע רייד צו דיר, דו האָסט דאָך מיך אַלע מאָל פאַרשטאַנען, מיך אויפגעצויגן פון קינדווײַז אָן זינט די מאַמע איז ייִנג אַוועק פון דער וועלט און מיך געלאָזט אַ שוועלבעלע אין דײַנע הענט... אין דײַן זכות לאָמיך געהאָלפן ווערן הײַנט און אַלע מאָל ווען כ׳וועל זיך צו דיר ווענדן נאָך הילף.

אַ באַרויִקטע האָט רבקה געפלעגט אָפּגיין פון דער באָבעס בילד און מיט שטילע טריט אַריבער אין אויפנעם־צימער מיטן לאַנגן ברייטן טיש מיט פּלאַץ פאַר פּיראָונצוואַנציק פּערזאָן, בײַ דער זײַט דער טעלעוויזאָר, דערלעבן דאָס שפּילשענקעלע מיטן אויטאָמאַטישן אַפּאַראַט, דעם אַליין־איבערשטעלער פון די פּלאַטן. זי האָט געעפנט דאָס פענצטער און אַרויסגעקוקט אינעם וווּנדערלעכן שיין־קולטיווירטן גאָרטן, ווו ס׳שטייען זומערטישלעך און בענקלעך פון פאַרשי־דענע קאָלירן. אַלץ דאָ אָטעמט מיט נאַטור־שיינקייט. אַ פרישע פײַכטע קילקייט רײַסט זיך אַרײַן דורכן פענצטער. ס׳גלוסט זיך איר אַזש אויסזינגען אַ לויב זײַן ליבן נאָמען. דער מענטש ווערט אויפגעהײַטערט, באַפרײַט פון יעדער זאָרג און פול מיט אַנטציקונג פאַר גאָטס וווּנדערלעכן באַשאַף.

זי פילט אַ ווינטלדיקע קילקייט און פאַרמאַכט דאָס פענצטער, פאַרציט די גאָרדינען, וואָס לאָזן פאַלן פון סאַמע אינדערהייך אַ מאַטן פאַס טאָגליכט איבער דער שטוב מיט די דעמבענע טירן, איבערגעצויגענע מיט באָרדאָ־בראָקאַט, אַז דער רויש פון דרויסן זאָל זיך נישט דערטראָגן אַהער און נישט שטערן די רו.

רבקהס פּנים איז עפּעס בלאַסער געוואָרן צווישן די אַלע לוקסוסדיק־אויס־מעבלירטע צימערן. איר גאַנג איז געוואָרן אַזאַ צעוויגטער, אַ רויִקער, ווי זי וואָלט געציילט די טריט אין מורא נישט צו שטעלן קיין איבעריקן אומפאַרזיכטיקן טראָט. זי רעדט אויך ווייניקער ווי שטענדיק, ווײַל זי האָט דאָ נישט צו וועמען צו רעדן. די טשאַלעטן שטייען אָפּגערוקט איינער פון צווייטן — אַרומגעצוימטע, אָפּגעזונדערטע, אין גאַנצן פאַרזיכיקע, ווי פאַרזונקענע אין סודותפולקייטן, ווי זיי

וואַלטן אָנגעשפּיצטע אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם. אַז אַ שכנטע גייט אַמאָל אַרויס אויף דער טעראַסע, וואַרפט זי אַ זײַטיקן בליק פול מיט ווײַבערישער קאָקעטיש־קייט, פאַרציט ס׳פּיסקל און מאַכט זיך עפּעס קוקן העט ווײַט פאַר זיך...

וואָס זאָל זי טוען, רבקה, אַז איר מאַן איז כסדר פאַרנומען אין פרעמדע לענדער, און זי האָט נישט מיט וועמען קיין וואָרט אויסצורעדן. איר זון אַראַן זיצט נישט אין שטוב. אירע אויגן זענען שטענדיק אָנגעשפּיצט, צי דער טעלע־פאָן רופט נישט. וואָס קאָן זי פאַרלאַנגען פון די הײַנטיקע קינדער? זי בעט נאָר, ער זאָל זיך נישט אויסגליטשן, דער זון, און אַהיימברענגען אַ שיקסע אין שטוב.

בײַ אָט די געדאַנקען, פילט זי, אַז דער מוח רירט זיך איר פון אָרט:

— פעלן דען הײַנט אַזעלכע צרות? רבונו־של־עולם, — פאַרהייבט זי אירע בלאַסע הענט, — פאַרשעם נישט מײַן היים...

איר שרעק טרעט אַ ביסל אָפּ, ווען זי זעט זײַנע חברים — אַלץ ייִנגלעך פון ייִדישע היימען, וואָס גייען אין ייִדישע קלובן, אין דער „העבראַיקאַ״, אין „מכבי״. ווערט איר לײַכטער אויפן געמיט. איבעריקנס ער איז נאָך יונג.

— אַראַן — רופט רבקה איר זונדל וואָס איז נאַרוואָס געקומען אויף מיטאָג — וואָס ביסטו אַזוי שטענדיק פאַרנומען מיט חברים? די מאַמע גייט דיך גאָר נישט אָן? וואָכן גייען אַוועק, — רעדט זי מיט אַ שוואַך קול, אין וועלכן ס׳פילט זיך אַרויס געבעט, — דײַן טאַטע איז אונטערוועגנס, און דו זעסט נישט אַז איך בין אַליין... לויפסט אַוועק אויף גאַנצע טעג, ווערסט פאַרפאַלן אין די נעכט, און איך קאָן נישט אײַנליגן, כ׳מאַך קיין אויג נישט צו. אַ סך מאָל, ווען דער זייגער ווײַזט אַז ס׳איז שוין נאָך האַלבער נאַכט, אַנטפאַלט מיר ס׳האַרץ, וואָס דו ביסט נאָך אַלץ נישטאָ פון גאַס... נעם אַמאָל די מאַמע אין קינאָ, אין טעאַטער... שטענ־דיק מוז איך זיצן און קוקן טעלעוויזיע? אָדער שטיין אין קיך און קלערן וואָסער עסן דיר מאַכן הײַנט? וואָס מאַרגן? אָדער זוכן געזעלשאַפט בײַ מײַנע צוויי דינסטן, וואָס קײַען יעדן טאָג איבער דעם זעלבן פּזמון מיט זייערע „אַמאָרעס״ [1]... מע קאָן דאָך פון זינען אַראָפּ...

— מאַ! — שרײַט אויס אַראַן אין אַזעלכע מאָמענטן — ווו האָסטו דײַנע פּײַסאַנעס? [2] ווען כ׳בין געווען קליין זענען מיר שטענדיק געגאַנגען צו אַזוי פיל באַקאַנטע. איצט פאַרוואָס גייסטו נישט צו זיי? איך האָב מײַנע חברים און חבר־טעס. אַנדערע צײַטן... כ׳בין נישט מער קיין קינד, וואָס זאָל זיך האַלטן בײַ דער מאַמעס פאַרטעך.

— אַנדערע צײַטן — האָט רבקה אַ זיפץ געטון מיט ווייטיק, וואָס איר זון פרעגט אויף זייערע אַלטע באַקאַנטע פון זעלבן שטעטל... ווי שפּילקעס זענען

---

[1] געליבטע, [2] לאַנדסלײַט.

דעם זונס רייד אַרומגעלאָפן אין איר לײַב. זי איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין אַ פּאַרקלערטע, ווי זי וואָלט געזוכט אַ באַשייד אויף דער פראַגע, ווי אַזוי איז עס טאַקע געשען, וואָס זי איז געבליבן אָפּגעזונדערט פון אַלעמען? ווי זי וואָלט טאַקע קיינעם דאָ נישט געווען געהאַט. זי ווייסט נישט פון קיינעם און קיינער ווייסט נישט פון איר... און איר זון גאָר וואַרפט איר פאָר פאַרוואָס זי האַלט זיך נישט בײַ די איריקע, בײַ די אייגענע. ער האָט חברים, ער גייט שוין מיט מיידלעך. נו, וואָס וויל די מאַמע, אַז איר זון זאָל זיך טאַקע האַלטן בײַ איר פאַרטעך? אַ שיין נחת קאָן מען האָבן פון אַ קינד, אַ יינגל דערצו, וואָס ווייסט נישט צו שטעלן אַליין קיין טראַט אָן דער מאַמען. אַראָן, זעט זי, איז שוין אַ בחור מיט סודותדיקע פײַערלעך אין זײַנע אויגן... רבקהן איז פּלוצלעך דער בלויזער געדאַנק, אַז אָט־אָט און זי בלײַבט אַליין. אַ פּחד האָט גענומען ריזלען אין איר ברוסט, ווען זי האָט געכאַפּט אַ בליק אינעם טונקעלן טיפן ברונעם פון איר צוקונפט. ווהין וועלן איר די פאָר יאָר פאַרפירן? נאָר ערגעץ אין אַ וויסטע־ניש פון אַן אומענדלעכער איינזאַמקייט.

דער ערשטער אויפברויז איז געקומען מיטן געדאַנק, אַז איר זשמודנע אַר־בעט פון לאַנגע יאָרן איז געווען ווי אַרויסגעוואָרפן. איר אייגן בלוט און פלייש האָט נישט צו איר קיין שום געפיל, איז אָפּגעפרעמדט צו איר און ווײַט. צו ביס־לעך האָבן גענומען אויפטויכן אין איר זיכרון בילדער פון דער יוגנט־צײַט אין דער אַלטער היים. די געשרייען פון איר טאַטן דעם מלמד:

— מיט וועמען גייסטו אַרום אין די נעכט? מענטשן שטעכן מיר אויס די אויגן... אַ מויד שלעפּט זיך אַרום מיט אַ יונג. וואָס וועט זײַן דער סוף דערפון?

קיין וואָרט האָט זי אים נישט געענטפערט. געליטן פונעם טאַטן וואָס האָט זי נאָר געוואָלט חתונה־מאַכן פאַרן גבירס הולטײַסקע זונדל. זי האָט זיך ווײַטער־שטילערהייט געטראָפן מיט איר יינגל, מיט מרדכין דעם אַרבעטזאַמען בחור. זי האָט אים דערציילט פון מענטשנס בייזע צינגער און אָפּגעשמועסט זיך צו טרעפן ווײַט פון זייער גאַס. אַזוי זענען אַוועק צוויי יאָר ביז זייער חתונה... ווי ווײַט דאָס אַלץ איז פון איר! גלײַך ווי נישט מיט איר וואָלט עס פאַרגעקומען. וואָס זשע וויל זי טאַקע פון איר קינד? פאַרוואָס זאָל ער זײַן בעסער פון איר? זי האָט זיך דען געפירט אַנדערש? אַ וואויל קינד, לערנט זיך גוט, גייט אין יידישן וועג. וואָסערע טענות קאָן זי האָבן צו אים? וואָס איז ער שולדיק, אַז זי געפינט זיך ווײַט שוין אַריבער דער העכסטער הייך פון וואַנען ס׳איז נאָר דאָ דער באַרגאַראָפּ־גאַנג, וואָס פירט צום ראַנד, צום תהום? צי ווענדט זיך דען אינעם יינגל, וואָס זי קאָן נישט צוריקכאַפּן דאָס פאַרגאַנגענע, דאָס אָפּגעלאָפענע, וואָס האָט גע־האַט אין זיך אַזוי פיל ביטערניש, פּײַן און נויט? פאַר וועמען דען איז געווען דאָס גאַנצע מיזאַמע זאַמלען אַ ציגל צו אַ ציגל, אויב נישט פאַרן דור, וואָס זי

האָט אויפגעשטעלט? אַז ער זאָל שוין נישט וויסן פון די אַלע שווערי̤קייטן. אײַ, ער קאָן עס נישט אָפשאַצן, ער האַלט עס שוין פאַר אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכ־קייט? — אויף דעם איז נישטאָ קיין עצה. און אפשר איז טאַקע בעסער אַזוי, ער זאָל אַפילו נישט וויסן פונעם מיזעראַבלען נעכטן. זאָל ער מיינען אַז ס'איז פון אייביק אַזוי בײַ זיי אין שטוב. אַ רײַכע אײַנגעפונדעוועטע שטוב פון דור־דורות ייִדישע פריצישקייט.

רבקה האָט זיך אַ ביסל באַרוּ̤קט. זי האָט זיך אַנידערגעלייגט אויף דער סאָפע באַגאָסן מיט אַנגסטן און אײַנגעדרעמלט.

אַ וויסטער חלום האָט רבקהן אַרײַנגענומען אין זײַן אײַזערנער קלעם. עפּעס לויפט זי אין איין שרעק צווישן הויכע גראָזן און צעוויגטע ביימער. דער ווינט רײַסט שטיקער פון אַלץ וואָס געפינט זיך אויף דער ערד־אויבערפלאַך. געדיכטע וואָלקנס לאָזן זיך אַראָפּ נידעריק איבער איר קאָפּ, ווי זיי וואָלטן זי געוואָלט דערדריקן. זי שרײַט, רופט נאָך הילף, ראַנגלט זיך זי זאָל זיך קאָנען איבעררוועקן, נאָר דער גאַנצער קערפּער שווערט איר ווי ער וואָלט געווען פון איין שטיק שטיין.

מיט די לעצטע כוחות גיט זי אַנגסטיק אַ געשריי:

— מאַר־קאָס!

זי האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ אַ̤יף מיט אַ קאָנוואולסיוון ציטער. אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט איר לײַב. זי האָט נישט געוווּסט אויף וואָסערער וועלט זי געפינט זיך. ווען זי איז אַ ביסל געקומען צו זיך, האָט זי זיך אַ שווערע אויפגע־הויבן פון בעט און מיט מידע טריט איז זי אַרײַנגעגאַנגען אין קיך זיך נעמען אַן אויפפרישנדיקן טרינק. זי האָט געטראָפןביידע דינסטן זיצן בײַם קיכטיש און טרינקען מאַטע:

— סאַראַ שלעכטן חלום האָב איך נאָר וואָס געהאַט, פרעגט שוין בעסער גאַרנישט, מיידלעך, כ'האָב געמיינט אַז כ'וועל זיך שוין מער נישט אויפכאַפּן.

— די סעניאָראַ דאַרף גיין צום דאָקטאָר — האָט געזאָגט די עלטערע און פאַרביסן די אונטערשטע גראָבע ליפּ פון איבערגענומענקייט.

— בעסער צום קוראַנדעראַ [1] מיט אַזעלכע זאַכן... ער ווייסט בעסער...

— גיטס מיר בעסער אַ גלאָז טיי מיט ציטרין. דאָס איז די בעסטע רפואה.

אַרײַנגייענדיק אין גרויסן זאַל איז רבקהן געקומען אויפן געדאַנק, זי זאָל מאָרגן נאָכמיטאָג צוגיין צו פּערלען, איר חברטע פון דער אַלטער היים, און זיך בנעימות געמומען טרינקען דאָס גלאָז טיי, וואָס דאָס שוואַרצע מיידל האָט פאַר איר אַרײַנגעבראַכט אויפן קליינעם טישעלע מיטן שפּיגלדיקן פּלאַט.

* * *

[1] באַבסקע־דאָקטאָר, זנאַכער.

אָן אויסגעפּוצטע איז רבקה פאַרפאַרן אין איינער פון די צענטער־גאַסן וווּ פּערל האָט געוווינט. זי איז געוואָרן דערשטוינט, ווען זי האָט דאָ געטראָפן עטלעכע פרויען זיצן און וואַרטן. ס׳קומט דאָ באַלד פאַר אַ צוזאַמענקונפט. באַלד דאַרפן טאַקע אָנקומען נאָך עטלעכע פרויען.

— זײַט באַקאַנט — האָט פּערל, אַ ביסל אַ פאַרלוירענע צוליבן אומגעריכטן גאַסט, פאַרגעשטעלט איר היים־חברטע און ס׳האָט זיך געמערקט, אַז ביידע — סײַ פּערל, סײַ רבקה — פילן זיך עפּעס ווי שולדיקע לגבי זיך אַליין, אָט ווי צוויי מענטשן, וואָס דאַרפן זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ, איינע פאַר דער אַנדערער, ס״זאָל זיי ווערן לײַכטער אויפן געמיט.

צו ביסלעך האָט זיך דאָ צונויפגעקליבן אַ צוויי צענדלינג פרויען. זיי האָבן זיך אַרומגעזעצט בײַם טיש. איינע, אַ נעט־געקליידטע מיטליאָריקע פרוי, האָט אין אַ שיינעם יידיש געעפנט די מסיבה און פאָרגעבראַכט אַ פּלאַן פאַר ווײַטערדיקער אַרבעט פון דער פרויען־קאָמיסיע.

אַ רויטקייט האָט אַרויסגעשלאָגן אויף רבקהס פּנים. ווי היימלעך, ווי פרייִדיק ס׳איז דאָ אין דער נישט זייער גערוימער וווינונג פון איר חברטע; ווי פרויען נעמען זיך איבער מיט זייער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט; ווי אָרגאַניזירט זיי זענען אין דער דאַמען־קאָמיסיע; וויפל פרייד פון אָפּגעטוענער אַרבעט און מיט וויפל פרייד מע דאַרף זיך אָנגורטן פאַר דער ווײַטערדיקער טעטיקייט! אויסער דער ראָל פון ווײַבער, מאַמעס און גוטע הויזווירטינס, פירן זיי נאָך אויס אַ צווייטע ראָל, וואָס גיט זיי נישט ווינציקער באַפרידיקונג אין זייער לעבן. מע לעבט פאַר עפּעס אַ שיינעם דערהויבענעם ציל. דאָס האָט רבקה אַרויסגעפילט פון זייער רעדן. נאָר עפּעס גייסטיק, העכערס בינדט צונויף מענטשן פון פאַרשידענע שטאַנדן: פרויען, וואָס האָבן מענער סוחרים, און פרויען וועמענס מענער זענען פּשוטע אַרבעטער, צי אָנגעשטעלטע בײַ יענעם — אַלע האָבן זיי איין גרויסן ציל: העלפן אַלע היימישע מענטשן וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די דײַטשע גיהנום־לאַגערן און גלײַכצײַטיק העלפן בויען אַ באַנײַטע יידישע היים.

די פאַררויטלטקייט אויף רבקהס פּנים האָט אויסגעזאָגט פון אַ בזיונדיק מאָנען: — אויף וואָס גיסטו אַוועק די צײַט, רבקה? מיט וואָס גייען בײַ דיר אַוועק די טעג? דײַן מאַן קלײַבט קאַפּיטאַל, וואָס מער קאַפּיטאַל. דײַן זון ווערט פאַרפאַלן מיט זײַנע קאָלעגן אויף גאַנצע נעכט, און דו, רבקה, גייסט אַרום אַ פּוסט־אונפאַסטעניצע אין די ווייכע שטובלעטשעלעך איבער די ליידיקע קאַלטע סאַלאָנען. וואָס ווייסטו פון לעבן, וואָס ס׳קומט פאַר אויף דער וועלט? מיט יעדן טאָג ווערסטו מער פאַרנאַרט...

די געדאַנקען זענען ווי שפּיזן געלאָפן איבער איר לײַב. טייל זאַכן, וואָס זענען דאָ אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך די אַנדערע פרויען, זענען אַפילו נישט

דערגאַנגען צו איר באַוווסטזיין. זי האָט זיך געפילט אומבאַקוועם, גלײַך ווי זי וואָלט געווען זיכער אַז די פאַרזאַמלטע פרויען דאָ לייענען אירע געדאַנקען.

נאָכן אַוועקגיין פון אַלע איז רבקה געבליבן מיט פּערלען אויג אויף אויג:

— וואָס עפּעס, פּערל, קוקסטו אויף מיר מיט אַזאַ נאָז? — האָט זיך רבקהס קול געבראָכן און אונטערגעציטערט. זי איז געשטאַנען פאַר פּערלען מיט אַ מין שולדגעפיל, וואָס מע וויל עס אײַן זיך פאַרשרײַען דורך אַרויפוואַרפן די טענות אויף יענעם, אָנשטאָט צו נעמען די שולד אויף זיך. — פאַרוואָס האָסטו מיך קיינמאָל נישט פאַרבעטן צו זיך?

— ווי קאָן איך מיך גלײַכן צו דיר? — האָט פּערל אַרויסגעפּלאַצט — מײַן מאַן איז אַן אַרבעטער, אַ פּראָסטער מענטש. ווי שטייט אײַך אָן צו קומען צו מיר? מיט יאָרן צוריק, מילא... הער, רבקה, איך האָב נישט ליב צו רעדן הינטער די פּלייצעס. דײַן מאַן איז געוואָרן אַ גרויסער אויפטוער, אַ גאַנצער מענטשששש!
— האָט פּערל פאַרצויגן די ליפּן און אויסגעצויגן די שינס — ווי קומט ער צו אונדז? ער פאָרט קיין אויסלאַנד, פירט געשעפטן מיט אויסלענדישע פירמעס, אַ סוחר פון גרויסן פאַרנעם! ווי קומט ער אַהער? ווי שטייט אים אָן אונדזער געזעלשאַפט? ער איז פאַרנומען מיט מאַכן אַמעריקע.

רבקה האָט געפילט אַז זי וועט בײַ פּערלען נישט לעקן קיין האָניק. די פּערל וועט נישט שווײַגן זייערע פּאַלאַצן מיט די קאָטשן מיטן גאַנצן ווילטאָג און צום סוף וועט זי אַרויס מיט איר שטענדיקן פּזמון „ווער איז דען אײַך מקנא?... אין קבר אַרײַן גיט מען סײַ ווי קיינעם גאָרנישט מיט”... דערמיט וואַרפט פּערל אַראָפּ פון זיך אַ שטיין פון האַרץ און ס׳ווערט איר גרינגער. רבקה האָט אויך איצט, ווי איר שטייגער, אַלץ געפּרווט פאַרגלעטן און פאַרלייקענען. זיי זענען פאַרנומענע מענטשן. דער עול איז גרויס. נישטאָ קיין צײַט אויף גאָרנישט, אַפילו אויפן בייטיקסטן פאַר זיך... זי האָט געזען, אַז אירע ווערטער זענען אַרויסגע־וואָרפן אויפן מיסט. זי רעדט צו אַ טויבער וואַנט. זי האָט זיך קאַלט אָפּגעזעגנט און אַרויס אַ שטאָלצע און צוריקגעהאַלטענע, זיך אַפילו נישט צעקושט מיט איר. אויס גוטפרײַנדשאַפט. איצט איז שוין דער לעצטער פאָדעם איבערגעריסן וואָס ס׳האָט איר געבונדן מיט איר חברטע פון איר היימיש געבוירנשטעטל, מיט אַלץ וואָס ס׳האָט זי פאַרבונדן מיטן אַמאָל, מיט איר היים און יוגנט.

3

איבערן גאַנצן טשאַלעט האָט זיך אַ טראָג געטון אַ פיבערדיקע צו־גרייטונג:

— דער פּאַטראָן קומט!

אַלץ האָט דאָ אין די שטובן אָנגענומען אַן אַנדערן ריטעם, אַ האַסטיקן, אַ

פאַרגיכערטן טעמפּ. רבקה איז אַרומגעלאָפן פון איין שטוב אין דער אַנדערער. דאָ געגעבן אַ גלעט, דאָרט אַ וויש, דאָס איבערגעשטעלט און דאָס אַראָפּגענומען. אַליין איז זי פול געווען מיט דערוואַרטונג, ווי אַ כלה־מיידל. אַ קלייניקייט, צוויי חדשים ווי דאָן מאַרקאָס פעלט פון שטוב! דאָס וועט אָבער שוין זײַן דאָס לעצ־טע מאָל. זי וועט קעמפן ווי אַ לייב, אַלע מיטלען וועט זי אָנווענדן, אַז ער זאָל זי מער נישט לאָזן אַליין אין די פוסטע קאַלטע צימערן.

מיטן באַווײַזן זיך פון דאָן מאַרקאָסן אין הויז האָט אַלץ אויפגעלעבט, אַלץ אַרום איז געוואָרן אויפגעהייטערט, ווי ס׳וואָלט עפּעס העלער געוואָרן אין אַלע ווינקעלעך.

דאָניע רעבעקע איז געוואָרן אַ צווייטער מענטש, נישט צו דערקענען, אַז דאָס זאָל זײַן די זעלבע. זי לאַכט. די באַקן באַקומען אַ ראָזעלעכן קאָליר. דער גלאַנץ אין די אויגן איז געוואָרן אויפגעפרישט. אין דער קיך ווערט געקאָכט און געבאַקן. ס׳איז דאָ אין שטוב פאַר וועמען עפּעס צו טוען...

דאָס בן־יחידל, אַראָן, פילט זיך עפּעס ווי שולדיק קעגן זײַן מאַמען. ער ווייסט, דער צעפּיעשטשעטער בנאָקל, אַז אין קינאָ איז ער געגאַנגען, אָנשטאָט מיט דער מאַמען, ווי ער האָט צוגעזאָגט דעם טאַטן פאַרן אָוועקפאָרן — יעדעס מאָל מיט אַן אַנדער מיידל. נישט איינמאָל האָט די מאַמע זײַנע געווישט אַ טרער, וואָס איר אייגן קינד איז אַזוי קאַלט צו איר. אַ מזל אַזאַ.

באַלד האָט אַ טיפער זיפץ אײַנגעשטילט איר אַנגעווייטיקט האַרץ. הײַנטי־קע קינדער זענען אַלע אַזוי — עגאָיסטיש, לײַכטזיניק, עגאָצענטריש. זיי האָבן נאָר אין זינען זיך אַליין. די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן פאַר זיי. זיי זאָלן זיך ווײַלן און פאַרברענגען. זיי טוען נאָך אַ טובה, אַז זיי קומען אַהיים עסן אין שטוב אַרײַן...

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך מאַרקאָסעס צוריקקומען פון וועג, האָט זיך אַ שאַרפער קלונג געהערט אין טיר. אַראָן איז שנעל געלאָפן עפענען. אין דער אָפענער טיר האָבן זיך באַוויזן דרײַ פרויען, עלעגאַנט געקליידט. ער האָט זיי אַרײַנפאַרבעטן אין פאָדער־צימער און אַוועק רופן די מאַמע, זי זאָל גיין אויפ־נעמען די סעניאָראַס, וואָס ער זעט זיי צום ערשטן מאָל דאָ אין שטוב.

— פאָסע, קומט אַרײַן! — האָט דאָניע רעבעקע זיך פאַרנייגט מיט אַ האַר־ציקן שמייכל און זיך בעת־מעשה פאַרריכט די פריזור אויפן קאָפּ.

אַלע דרײַ פרויען האָבן זיך געזעצט אַרום טיש. סעניאָרע ראַקעל מיטן קאָפּ דורכגעוואָרפענע זילבערנע פעדעם האָט אין אַ ביסל אַ שעמעוודיקן טאָן אָנגע־הויבן מיט אַ ליבלעך־זיס שמייכעלע אויפן פולן פנים. ס׳איז אַוועק אַ שמועס וועגן פרויען וואָס קאָנען נוצלעך זײַן דער געזעלשאַפט, און אַז די געזעלשאַפט נייטיקט זיך טאָקע אין אַזעלכע טיכטיקע פרויען ווי ס׳איז דאָניע רעבעקע. זענען

זיי טאַקע געקומען צו איר אין נאָמען פון דער פרויען־קאָמיסיע איר פאָרלייגן, אַז ס׳וועט פאַר זיי זײַן אַ גרויסער כבוד, ווען צו דער קאָמיסיע וועט אויך גע־הערן אַזאַ נאָבעלע פרוי ווי זי איז, זאָל זי נישט שטיין אין אַ זײַט און זען עפּעס צו טון, מיטאַרבעטן לויט אירע מעגלעכקייטן. גלײַך האָט די דיקע טאַניע אונ־טערגעהאָלפן, אַז זיי ווילן מאַכן אַן אָוונט־ברויט... און אין האָנאָר פון דאַניע רעבעקע וואָלט געוועןגעווינטשן צו האָבן צו דער דיספּאָזיציע דעם טשאַלעט, וואָס איז זייער אַ רחבותדיקער און מע קאָן דאָ אײַנאָרדענען די שענסטע „פּיעס־טע״ אַפילו מיט אַן אָרקעסטער.

— איך מוז אײַך זאָגן — האָט צוגעגעבן די סעניאָרע עוכעניע וואָס ציילט אַ רענדל אַ וואָרט — איר האָט אַ פּרעכטיקן טשאַלעט, נאָר אַ שהחיינו צו מאַכן איבערן דאָזיקן געשמאַקפול־אײַנגעאָרדנטן גן־עדן־ווינקעלע. מע זעט אַז ס׳וואַכט אַן אויג פון אַ גוטער באַלעבאָסטע.

דאַניע רעבעקע האָט זיך באַגאָסן מיט אַ רויטקייט איבערן גאַנצן פּנים. אַ הייסער שווייס איז אויף איר אַרויסגעטראָטן. זי האָט נישט געקאָנט זאָגן יאָ און נישט געוואָלט זאָגן ניין:

— לאָזט עס איבער אויף מאָרגן... רעדט צו מיר טעלעפאָניש, וועל איך אײַך געבן אַן ענטפער. באַזונדער דאַנק איך אײַך פאַר די אַלע קאָמפּלימענטן וואָס איר האָט דאָ געמאַכט אויף מײַן חשבון. וואָס איך וועל קאָנען וועל איך טון. איבעריקנס, איז דאָך נאָך דאָ צײַט אַ גאַנצן חודש. כ׳וועל זיכער מיטאַרבעטן. אפשר מער לויט מײַנע מעגלעכקייטן...

די דרײַ בכבודיקע סעניאָרעס, וואָס האָבן גאַנץ שפּאַר טועם געווען פונעם ברייטגעשטעלטן כיבוד, וואָס איז געווען „אַלץ היימיש געבאַקן״, האָבן זיך פרײַנדלעך געזעגנט און אַוועק זאַטע און צופרידענע פון דאַניע רעבעקעס טיש.

— וואָס טוט מען? וואָס זאָל איך זאָגן מאָרקאָסן — האָט רעבעקע זיך גע־נומען צום אַראָפּרוימען נאָך די געסט. זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט נאָכן אַוועקגיין פון דער ווײַבערישער דעלעגאַציע. אין דער זעלבער צײַט האָט איר אַ הנאה געטון אי וואָס מ׳איז זי געקומען בעטן, אי וואָס זי וועט ווערן אַ מאַכערקע אין דער דאַמען־קאָמיסיאָן, ווערן אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און זיך פאַרשפּאָרן צו לאַנגווײַליקן אין דער היים נישט צו האָבן ווו זיך אַהינצוטון אין דער פרײַער צײַט וואָס זי צעפּטרט און צעטרענצלט אויף גאָרנישט.

נאָכן ברענגען דעם אויפנעם־צימער צוריק אין אָרדענונג האָט זי זיך צוגע־זעצט אויף איינער פון די אויסגעבעטע אָנלענשטולן און זיך וויגנדיק פאַרפלויגן מיטן געדאַנק ערגעץ ווײַט, ווײַט... פאַר אירע אויגן איז אויפגעגאַנגען איר היי־מיש שטעטל. דער מאַרק. די גאַסן. אַלץ אַזוי קלאָר און בולט. זי האָט געזען די פאַרהאָרעוועטע יידן, וואָס אַרבעטן אַ גאַנצע וואָך שווער און ביטער זיי זאָלן

האָבן שבת צו מאַכן. די ווייבער, וואָס זענען פאַרנומען איבערן קאָפּ, ביים קאָכן, וואַשן, באַקן און רוימען, פאַרזאָרגן אַ שטוב. פאַר אירע אויגן האָט געשוועבט די געשטאַלט פון אַן אַלטער ייִדענע, וואָס גייט פון הויז צו הויז און זאַמלט געלט פאַר אָרעמע אלמנות און יתומים, פאַר קראַנקע און שוואַכע. ס׳איז געווען איר באָבע רבקה, וואָס זי הייסט נאָך איר. דורך דער באָבען האָט זי שוין אויך שטי־לערהייט געוווסט ווער ס׳ליידט נויט אין שטעטל, ווער ס׳דאַרף אַ הילף... ווי אַ גוטער מלאך איז די באָבע אירע אויסגעוואַקסן אויף אָרעמע שוועלן און אַנט־קעגנגעטראָגן הילף מיט אַ שמייכל אויף איר ציינלאָז מויל:

— מע דאַרף נישט קיין דאַנק, מע דאַרף נישט... דאַנק דעם רבונו־של־עולם... אים דאַרפסטו דאַנקען, נישט מיר...

אַ גרויסע צדיקת געווען, די באָבע רבקה. מע זעט גאָרנישט היינט אַזעלכע ווייבער. זי האָט טאַקע געלאָזט נאָך זיך אַ שם־טוב, וואָס איז, ווי מע זאָגט, מער ווי אַן אבן־טוב. אַזוי זיצנדיק פאַרטראַכטערהייט, אַ פאַרטראָגענע אין אַנדערע וועלטן, האָט זיך די טיר האַסטיק געעפנט און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן מאַרקאָס:

— ביסט געשלאָפן, רעבעקעלע? — איז ער צוגעגאַנגען צו איר, אַרויפגע־לייגט די האַנט אויף איר אַקסל און באַמערקט אַ פאַרטראַגנקייט אין איר בליק, וואָס איז געווען ווי פאַרצויגן מיט אַ נעפל פון פיבער — וואָס איז דיר, האַ?

— גאָרנישט, מאַרקאָס, כ׳בין נאָר וואָס געווען אין דער היים. לויט ווי מ׳האָט אַלע מאָל ביי אונדז גערעדט וועגן מיין באָבען האָב איך זי איצט קלאָר געזען גיין איבערן היימישן געסל, אַ פאַרפאָרעטע אַזוי ווי ערב־שבת. זי איז גע־לאָפן מיט אַ פריש געקוילעט עוף, וואָס זי האָט ערגעץ געקריגן, צו טשיפּעלע דער אַלמנה וואָס איז געבליבן מיט דריי שוועלבלעך, יתומים... און איך, וואָס טו איך? — האָט רבקה אויפגעהויבן אירע פייכטע אויגן צום מאַן, אויגן וואָס מאָנען אַן ענטפער — איך גרייט אַן עסן אַז דער טיש ברעכט זיך... מ׳האָט נאָר אין זינען דעם אייגענעם מאָגן אָנצופילן, מע באַווייזט זיך פאַר יענעם אויף די באַנקעטן אָנגעטון אין גאָלד און בריליאַנטן און מע פאַרגעסט אין דער גאַנ־צער וועלט; אַז ס׳זענען דאָ הונגעריקע וואָס קוקן אויס אויף הילף וואָס קומט נישט פון ערגעץ...

רבקה האָט זיך אויפגעהויבן, זיך געשטעלט קעגן מאַן פּנים־אל־פּנים און אים אַ זאָג געטון שטיל און דעצידירט:

— הערסט, מאַרקאָס, מיר װעלן זיך פון היינט אָן אָנהייבן פירן אַנדערש. מיר לעבן נישט בלויז פאַר זיך. מיר דאַרפן ברענגען נוצן אויך אַנדערע. מיר מוזן צולייגן אַ האַנט פאַר ייִדישע צוועקן. האָסט אָפּגעשפּאָרט אַ שיין פאַרמעגן, ווי זאָגט פּערל, מע גיט קיינעם גאָרנישט מיט אין קבר אַריין. די יאָרן לויפן, מאַר־

קאָס, פון פּאַקער וועסטו קריגן אַ הויכן בלוטדרוק. ס׳גאַנצע גוטס וועט אונדז אויסגיין באַקעם... נו, דאָס וועט שוין זײַן זײַן בעסער? האָסט געזען די דרײַ פּרויען, וואָס זענען דאָ געווען בײַ מיר? זיי ווילן כ׳זאָל זיי געבן דעם טשאָלעט אונדזערן אויף אַן אוונט. ס׳וועלן קומען מענטשן. זיי האָבן אײַנגעלאַדן אויף דער „פּיעס־טע״ דײַן באַליבטן שרײַבער מענדל קאַמערטאָן. ער וועט האַלטן אַ רעדע. דו האַלטסט דאָך פון אים אַ וועלט. זײַנע באַשרײַבונגען פון די אַרגענטינער קאָלאָ־ניעס האָסטו געשלונגען ווי מצה־וואַסער. ס׳וועט טאַקע זײַן פּאַר אונדז אַ כבוד אַז מירן האָבן אַזאַ געהויבענעם גאַסט בײַ אונדז אין הויז. נו, וואָס זאָגסטו? וואָס שווײַגסטו? ס׳גייט דיך נישט אָן? „ווײַבערישע זאַכן?״ „ס׳איז גוט פּאַר לייַ־דיקגייערס?״...

דאָן מאַרקאָס האָט דערפילט אין די אַלע רייד פון זײַן ווײַב, וואָס איז קיין מאָל נישט איבעריק באַריידעוודיק, אַ פּאַרלאַנג, וואָס האָט שוין געדרעמלט אין איר פון לאַנג און זיך איצט אויפגעוועקט מיט באַנײַטע כוחות אַזוי ווי אַ טײַך וואָס גייט פרילינגצײַט אַרויס פון די ברעגן. עס ציִען זיך, זעט אויס, אומזעבאַ־רע פעדעם פון דער באָבען צום אײניקל, אַ ירושה־זאַך. ער האָט זיך אָבער גאָר נישט געקאַנט פאַרשטעלן זײַן רבקהלע אין דער ראָל פון יענער גבאיטע אין שטעטל, וואָס איז שטענדיק פאַרפּאַרעט, מע קאָן נאָך מיינען מי־יודע וואָסערע געשעפטן זי פירט. אין סך־הכל איז זי פאַרנומען מיט געבן צדקה. אַ ברייטער שמייכל האָט זיך אַזש צעלייגט אויף זײַן פּנים, וואָס זײַן רעבעקע גייט זיך אונ־טערנעמען זאַכן וואָס געהערן נישט צו איר. פון דער אַנדערער זײַט אָבער, פון רײין־סוחרישן שטאַנדפּונקט האָט ער געהאַלטן אַז ס׳איז אים איצט אונטערגע־קומען ווי אליהו־הנביא, ממש ווי אַ רעטונג. אַז זי וועט האָבן אַן אָנשפּאַר, זײַן פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, מיט קהלשע ענינים, וועט זי אים לאָזן צורו און אויפהערן צו אים צוצושטיין, ער זאָל זי מיטנעמען קיין אויסלאַנד, ווו ער פירט איצט זײַנע מיסחרים מיטן עקספּאָרט־אימפּאָרט. מיט אַ רויקן קאָפּ וועט ער זיך קאָנען אָפּגעבן זײַנע געשעפטן.

— נו, וואָס דאַרפסטו קלערן אַ סך? — האָט ער אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף איר אַקסל — וואָס האָסטו מורא זיי וועלן אָפּבײַסן אַ שטיקל וואַנט? אַז זיי וועלן רעדן טעלעפאָניש זאָג זיי אַ גרויסן „יאָ!״ גיב צושטײַער מיט דער פּור־לער האַנט. דו ביסט דאָך די באַלעבאָסטע — דאַרפסטו איבערשטײַגן אַלע אַנ־דערע. נישט־קשה, מע קאָן זיך דערלויבן. און זאָלן זיי דיך טאַקע מאַכן פּאַר פּרעזידענטין. ס׳שטייט דיר מער אָן ווי זיי, די יאַכנעס פון איישישאָק...

רבקה איז אַרויפגעפאַלן אויפן מאַנס האַלדז. זי האָט אים באַדעקט מיט הייסע קושן, ווי שוין לאַנג נישט:

— רעד נישט אַזוי, מאַרקאָס, דו האָסט צו טון מיט עלעגאַנטע דאַמען פון

דער געזעלשאַפט... מע רעכנט זיך מיט זייער וואָרט. אַלע צײַטונגען גיבן זייערע רעדעס אויף די יום־טובים וואָס זיי אָרדענען אײַן. כ'לייען דאָך. כ'וואָלט געווען גליקלעך ווען מע שרײַבט אַזוי וועגן מיר...

טרערן האָבן איר געשטיקט אין האַלדז... זי האָט זיך געריכט אויף אַ קאַמף, אויף אַ קריגערײַ. צום סוף אַזאַ נאָכגיביקייט... אַלץ געפּועלט אָן אַ וואָרט... די אויגן זענען בײַ איר געוואָרן פאַרלאָפן פון טרערן.

— וואָס איז דיר, רבקהלע, אפשר אַ ביסל וואַסער?

— ניין, ס'איז מיר גאָרנישט, פאַרקערט, איך בין איבערגליקלעך...

— מיט איין מאָל אַזאַ הייסע אָנהענגערין?...

— פאַרוואָס נישט, מאַרקאָס? וואָסער זין האָט ס'גאַנצע לעבן ווען מע פאַטערט עס בײַ קאָרטן. מײַן מאַמע האָט אויך געשפּילט אין „פּאָקער”? און מײַן באָבע, די גרויסע צדיקת, זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן — זיי האָבן אויך געוווּסט פון דעם אָנשיקעניש!

— נו, יאָ, ביסט גערעכט, רבקהלע, נאָר וואָס טוט מען מיטן יצר־הרע? ווי גיט מען זיך מיט אים אַן עצה, ס'זאָל נישט אַזוי ציִען צום שפּילטיש מיט די פּיטשעס?

— זעסט דאָך — מע טוט אַזוי ווי איך.

— ס'איז גוט צו זאָגן, נישט אַלע קאָנען האָבן אַזאַ שטאַרקן כאַראַקטער ווי דו...

ווען מאַרקאָס איז אַרויס פון צימער אַ צעשמייכלטער און זי געלאָזן אַליין אַזוי בײַם פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער ברייטער אַוועניִדע פול מיט באַוועגונג, — האָט זי זיך פאַרקלערט אַ ווײַל וועגן דער פאַרשטייענדיקער „פּיעסטע” בײַ איר אין הויז. זי האָט געזען אין געדאַנק ווי מענטשן קומען צו מיט עלעגאַנטע אויטאָס צו זייער טויער. די שטוב ווערט פול מיט געסט. מע שטעלט אָן ייִדישע פּלאַטן. די גאַנצע שטוב איז פול מיט ייִדישע מענטשן, געזעלשאַפטלעכע טוער, פאַרשטייער פון אינסטיטוציעס... לאַנדסלייט. אַלע טרינקען לחיים, ווינטשן זיך נײַע גרויסע דערפאָלגן פון די פאָרגענומענע קאַמפּײַנען. און פאַרוואָס טאַקע נישט פּראָקלאַמירן דאָ דאָס בויען אַן אייגן הויז? מיט וואָס שלאָגט מען זיך אַרויס אין אויבן־אָן אין אַן אינסטיטוציע? זי וועט אַרײַנטראָגן דעם פאָרשלאָג און טאַקע די ערשטע געבן אַ שפּאָרע סומע צו זײַן אַ בײַשפּיל פאַר אַנדערע... מע וועט זי מער נישט רופן „דאָניאַ רעבעקאַ!” ווי בײַ די קאָרטן... וואָס פאַר אַ דאָניאַ און וואָס פאַר אַ רעבעקאַ? — רבקה, רבקהלע, ווי די מאַמע האָט זי גערופן, ווי די באָבע, וואָס האָט זי גענומען בײַ דער האַנט, זי זאָל מיט איר מיטגיין ווען זי אויך האָבן אַ מיצווה. אָט אַזוי, ריין ייִדיש. אין אַלע צימערן איז ליכטיק, ייִדישלעך ליכטיק. ס'הויערן נישט מער

קיין שאַנס אין די ווינקלען. אמתע יידישע מענטשן אָן דער שטיפּער אָנגע־צויגנקייט, אַזוי די מענער ווי די פרויען... אַלע אַרבעטן פאַר אַן אידעאַל. ס׳איז דאָ אינהאַלט אין לעבן... וועסט זען, מאַרקאָס, — וועט זי זאָגן דעם מאַן, אַז ער וועט אַרײַנקומען, — בײַ אַזעלכע צוזאַמענקונפטן וועט אויך אונדזער אַר־נאַלדאָ ווערן אַן אַנדערער... און ווען מאַרקאָס איז אַרײַנגעקומען מיט אַ גלאָז פּאָמעראַנצן־זאַפט וואָס ער האָט איר צוגעטראָגן צום מויל, האָט זי אים טאַקע פאַרגעשטעלט דאָס בילד, ווי די שטוב זייערע וועט באַקומען אַ תיקון... אַלע וועלן זיי אויפגעריכט ווערן...

מאַרקאָס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער זאָגט, ווילסט ס׳זאָל זײַן אַזוי זאָל זײַן אַזוי — אַ גביר קאָן זיך אויף אַלץ דערלויבן, אַפילו זיך פירן יידיש־לעך אויך...

רבקה האָט זיך אָבער נישט באַרויקט מיט איר מאַנס צובאָמקען. זי האָט כסדר אין אים אַרײַנגעטענהט, געוואָלט ער זאָל פילן מיטן גאַנצן האַרץ דאָס זעלבע וואָס זי פילט... אַז זיי שטייען פאַר אַ נײַעם אופן לעבן, אַז אין יידישן לעבן איז זינטן חורבן און אויפקום פון דער מדינה אַרײַנגעטרעטן אַן ענדערונג... זי וויל נישט, אַז איר מאַן זאָל שטיין פון דער ווײַטנס, ווי אַ פרעמדער, ווי אַן אורח אויף אַ פרעמדער שימחה. ער זאָל נישט אָפּקומען בלויז מיט די פאַר טאַ־לער וואָס ער גיט. נאָר ער זאָל אַליין אויך צולייגן אַ האַנט. מע דאַרף אומעטום, ווו מע געפינט זיך, צוריקבויען דאָס וואָס די שונאים האָבן חרוב געמאַכט, טאַקע צו להכעיס די שונאים:

— דו מוזסט אַליין אויך געבן אַ פּלייצע, מאַרקאָס, פאַרוואָס זאָלסטו טאַקע נישט ווערן פּרעזידענט, וואָסי, ס׳שטייט דיר נישט אָן? נאָך וואָס דאַרף איך געבן איין סומע פאַר איינעם, אַז ס׳קאָן פאַרן זעלבן געלט זײַן פאַר צוויי? ס׳וועט נאָך זײַן אפשר שענער און וואָגיקער און ס׳וועט דיך פאַרשפּאָרן צו שטעלן אין שאָטן. מענטשלעכע מײַלער זאָלן נישט האָבן וואָס צו רעדן. מע זאָל נישט דאַרפן הערן אַז דאָניאַ רעבעקאַ גייט אין די הויזן און ער איז בײַ איר אַ פאַנטאָפל־מאַן...

— נו שוין, נו שוין, נו לאָמיך שוין הערן וואָס דו ווילסט, מאַטער מיך שוין נישט אַזוי פיל... ווילסט כ׳זאָל ווערן פּרעזידענט, נו זאָל שוין זײַן פּרעזידענט, אַבי לאָמיך שוין צורו...

— וועסט זען, מאַרקאָס, אַז אונדזער היים וועט ווערן שענער, און אונדזער לעבן, פיל איך, וועט אַרויפגיין אויף נײַע רעלסן... מיר גייען צו אַ בעסער לעבן, אויף נײַע וועגן...

דאַן מאַרקאָס האָט אַרומגענומען זײַן ווײַב און זי לאַנג געדריקט צו זיך, ווי אין די אַמאָליקע יונגע יאָרן.

# בײַם זײַדנס קבר...

אַ פאַרטאָגיק קיל ווינטל האָט אַרײַנגעבלאָזן דורכן אָפענעם פענצטער. אַלע זענען נאָך געשמאַק געשלאָפן ווען דער אַלטער ר׳ יעקב־מאיר איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף. גלײַך מיטן פריִען הענערקריי פאַרעט ער זיך שוין אין דער קיך בײַם מאַכן אַ ביטערע מאַטע. ער פירט זיך שוין אַזוי אַ סך יאָרן. ווען ס׳וואַסער האָט געוועמען זידן אין טשײַניקל האָט ער געוומען ס׳הילצערן טעפּעלע, אַנגעשיט אַ ביסל גרינע זשערבע, דעם גרינעם סענץ און אָנגעגאָסן אַ פול טעפּעלע. אַרײַנגעשטעקט דאָס זילבערנע רערל און געוומען ציִען די קאַכיקע מאַטע, אַ ציִ נאָך אַ ציִ. ער האָט דערהערט עטלעכע לײַכטע קלעפּ אין פענצטער און אַ קול האָט אַ רוף געטון:

— זעידע! זעידע!

ווער קאָן עס זײַן אַזוי פריִ? — האָט זיך ר׳ יעקב־מאיר געחידושט. באַלד האָט ער אין קול, וואָס האָט זיך איבערגעחזרט, דערקענט זײַן זונס איידעם — יאָ, ס׳איז סאַנטיאַגאָ. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער:

— וואָס איז געשען סאַנטיאַגאָ? — האָט ר׳ יעקב־מאיר אַרויסגעבויגן דעם קאָפּ דורכן פענצטער — אַזוי פריִ?

— סאַבינע גייט צו קינד!

ר׳ יעקב־מאיר האָט אַראָפּגעשיקט דאָס דינסטמיידל עפענען אונטן די הויזטיר. אין שטוב איז געוואָרן אַן אויפגערודער. אַלע זענען באַלד אויפגעשטאַנען. מ׳האָט געמאַכט פריִ טאָג. ר׳ יעקב־מאירס זון, אַלבערטאָ, האָט אויף זיך אַרויפגעכאַפּט די הויזן און פון גרויס איבערראַשונג געלאָפן אין דער באַניאָ. זײַן ווײַב עלמאַ האָט אין גאַנצן געציטערט: איר טאָכטער סאַבינע גייט ווערן אַ מאַמע.

אַן ערשטלינג! אַלע האָבן, ווי פאַרלוירענע, אַפּהענטיקע, נישט געוווּסט וואָס אָנהייבן פריִער צו טון.

אַלבערטאָ איז צוגעגאַנגען צום זון זײַנעם, קאַטשאַ, וואָס איז געלעגן אין בעט און זיך נישט גערירט פון אָרט, געגאַפּט פאַר זיך, ווי ס׳וואָלט אים גאָר נישט אָנגעגאַנגען. דער טאַטע האָט אים צוגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער:

—כ׳ווייס נישט, קאַטשאַ, צי כ׳וועל קאָנען קומען אַזוי שנעל אין געשעפט אַרײַן, הערסט? כ׳רעד דאָך צו דיר! זאָלסט זען אַז אַלץ זאָל זײַן אין אָרדענונג.

— גוט, פּאַ־פּאַ, כ׳וועל שוין זען...

אַלבערטאָ האָט זיך גלײַך אָפּגעקערט פון זײַן פאַרשלאָפן זונדל און צוגעגאַנגען צום טאַטן, ר׳ יעקב־מאיר, וואָס האָט געצויגן זײַן מאַטע:

— טאַטע, — האָט אַלבערטאָ זיך אָנגערופן צו אים איילִיק, — גיב אַכטיק אַז די מענטשן זאָלן אַרבעטן...

— גיי שוין! גיי, לויף! — האָט ר׳ יעקב־מאיר אַ מאַך געטון מיט דער רעכטער האַנט אין דער לופטן — נאָר ער האָט מורא אַז מע וועט נישט בײַ אים אַרבעטן... נאָר ער האַלט אין איין מורא האָבן...

* * *

אינעם גרויסן געשעפט „אַלבערט און זון“ איז אַ גאַנצן טאָג אַ גערויש און האַרמידער. זעקס מענטשן שטייען בײַ לאַנגע און ברייטע טישן און שנײַדן צו מיט עלעקטרישע שנײַדמאַשין־מעסערס די סחורה אויף העמדער פון פאַרשידענע מאָסן און קאָלירן. מיט איין צי מיט דער שנײַדמאַשין ווערן צוגעשניטן פאַר אַמאָל אין די צענדליקער פּלייצעס, אַרבל, קעלנער, פאָדערזײַטן. די פאַרשידענע העמדערטיילן ווערן אַרויסגעגעבן צום אויספאַרטיקן און קומען צוריק פאַרטיקע העמדער.

פאָרנט, אַ ביסל אַרײַנגערוקט אין אַ זײַט שטייען צוויי מענטשן און פּאַקן אײַן די סחורות אין גרויסע קאַסטנס וואָס דאַרפן גיין פאַר דער פּראָווינץ. פון אונטערן פּענדזל, געטונקען אין טינט, וואַקסן אויס אויף די זעק און קאַסטנס מיט גרויסער פעטער שריפט די נעמען פון פּראָווינצשטעט וווהין די פּעק סחורה דאַרפן ווערן אָפּגעשיקט.

בײַ אַ ביוראָ־טיש אין דער רעכטער זײַט, אַרומגעצוימט מיט אַ הילצערן ווענטל מיט מאַטע שויבן, זיצן צוויי מיידלעך און קלאַפּן אויף שרײַבמאַשינקעס שנעל, שנעל. צווישן די אַלע מענטשן דאָ דרייט זיך אַרום אַלבערטאָס זון, קאַטשאַ, ווי אַ צעררייצטער אָקס... גלאָצט מיט די שטרענגע בייזע בליקן ווי ס׳וואָלט אים ווער עפּעס שולדיק געווען, יאָגט אַלעמען אונטער, לאָזט נישט דעם קאָפּ אויפהייבן, אַלץ מוז קלאַפּן.

דאַן אַלבערטאָ, מיטן גלאַטיק־פּאַרקעמטן קעפּל, ווי אַ חתן־בחור, וואַקסט באַלד אויס הינטער זײַן זונס פּלייצעס. ער מאַכט זיך נעבעך גאָט די נשמה שולדיק:

— שרײַ נישט אַזוי, קאַטשאָ, לאָז געמאַך... כ׳האָב דאָך דיר שוין וויפל מאָל געזאָגט, זאָלסט נישט שרײַען און דו שרײַסט ווידער...

— איי, לאָז מיך צורו, טאַטע — גיט ער אַ דריי מיטן קאָפּ אין אַ זײַט — כ׳ווייס אַליין וואָס כ׳האָב צו טון... אַז איך שרײַ, פּאַפּאַ, ווייס איך וואָס איך שרײַ.

אין זיך שעפּט ער נחת, דאַן אַלבערטאָ, פון זײַן געטרײַען זון, וואָס ווייסט ווי זיך אומצוגיין מיט מענטשן, האַלט אין איין טרײַבן די אָנגעשטעלטע, יאָגט פון זיי די קישקעס אַרויס. דאָס איז דער ריינער ריווח און אפשר דער גאַנצער.

קאַטשאָ גיט אַ צעפּיר די הענט אין דער ברייט, ווי אַ שוואַן מיט די פליגל איידער ער לאָזט זיך אויפן וואַסער. ער דרייט זיך אויס מיט דער פּלייצע צום טאַטן און לאָזט זיך ווידער פון איין טיש צום צווייטן אונטעריאָגן די אַרבעטער:

— גיכער, גיכער! נאָר מע גראַבלט זיך און מע שפּילט זיך!... ס׳איז דאָך נאָך גאָרנישט געמאַכט געוואָרן!... ס׳איז שוין באַלד גאָרנישט געבליבן פונעם טאָג!... סאָרע אַרבעט דאָ גייט צו, אַ שרעק אין דער וועלט!...

* * *

דער אַלטער ר׳ יעקב־מאיר האָט גרויס צער פון זײַן אייניקלס פּירעכץ. ער קוקט זיך צו, שאָקלט באַדויערנדיק מיטן גראָען קאָפּ און זיפצט אונטער:

— מנע... וואָס וויל ער נעבעך פון די מענטשן וואָס ער יאָגט פון זיי די נשמה אַרויס?... וואָס האָט ער מורא פאַרן טאַטנס ירושה? זי וועט אַזוי אויך נישט קלענער ווערן, פאַרקערט טאַקע, זי האַלט אין איין פאַרגרעסערט ווערן. די פּאָר טויזנטער, וואָס זײַן זון, אלתר, האָט אַרײַנגעלייגט אין דער פאַבריק, האָבן שוין אַזוי אויך אַרײַנגעבראַכט שפּאָרן ריווח. די פירמע „אַלבערטאָ און זון" איז אויסגעוואַקסן ווי אויף הייוון און ציילט שוין אין די שווערע מיליאָנען. ד צווײ הײַזער, די צוויי נײַע אויטאָס מיטן קאַמיאָן און ס׳געשעפט אַליין, — דאָס אַלץ איז אים נאָך ווייניק. ער דאַרף נאָך... ער זינדיקט, קאַטשאָ. אוי, זינ־דיקט ער... וויפל ער האָט איז אים אַלץ נישט גענוג, ער וויל מער!... ער האָט דאָך נישט אויסצוקומען, אַ נישט וועט ער דאָך נישט האָבן אָפּצועסן:

— דעם טאַטן ווילסטו נישט הערן, — גיט ער אים אַ שטעל אָפּ אין מיטן, קאַטשאָן, — אָבער דעם זיידן מעגסטו דאָך פאָלגן... כ׳בין דײַן זיידע צי נישט?

— מאַכט ר׳ יעקב־מאיר צום אייניקל, כאָטש ער ווייסט אַז ס׳זענען אַרויסגע־וואָרפענע רייד — דו זאָלסט נישט שרײַען אַזוי אויף קיין מענטשן, קאַטשאָ־

לעבן, איך קאן עס נישט פארטראגן — האט ער זיך געבעטן ביי אים מיט א ציטערדיק קול און געקוקט אויף זיין איבערגעוואקסן אייניקל, וואס ס'גייט אים נישט אן קיין שום זאך ווי נאר ס'געשעפט. ער רופט אים שוין אויך קאטשא, פארגעסן דעם יידישן נאמען ווי ס'אייניקל הייסט:

— קום נאר אהער! — האט ער אים גערופן מיטן ווייזפינגער — די שוועסטער דיינע גייט צו קינד און דיך ארט עס גארנישט? נעמסט זיך נישט איבער? זיי א ביסל ערנסטער... ס'איז שווער מיט אן ערשטלינג... רייץ נישט אויף קיין מענטשן אין אזא טאג... וואס טוט זיך מיט דיר, קאטשיטא־לעבן...

—אאא!... — גיט קאטשא א הייב מיט די פלייצעס — פון אלץ דא מאכט מען טראגעדיעס!... אין שטוב טראגעדיעס!... זאל שוין זיין... אבער אין פאבריק?...

זיינע אויגן זענען אים געקראכן פון קאפ. ער האט פארהויבן די צוויי לאנגע הענט אין דער הייך, גענומען שטאמלען און בעבלען אויף א קאמישן יידיש:

— די מאמע באלד זי וויינען... דער טאטע ווערן טויט...

אויף ר' יעקב־מאירס פנים האט זיך באוויזן א קרומער ביטערער שמייכל:

— רעד שפאניש... ווי איז מיינע אויערן... ווער ס'דארף זיין מיין יורש...

ר' יעקב־מאיר איז געגאנגען מיט קליינע טריטעלעך הין און צוריק איבערן געשעפט און געוויזן די אנגעשטעלטע מיט א פינגער אויפן מויל, ס'הייסט, ענטפערט נישט דעם נארישן אייניקל מיינעם... ער מיינט אז מיטן קאמאנדעווען טוט מען א סך אויף...

ארום זעקס אזייגער פארנאכט האט דער טעלעפאן זיך צעקלונגען און מ'האט אנגעזאגט א מזל־טוב! ס'איז געבוירן געווארן א מיידעלע!

— א טעכטערל!... זאל זיין מיט מזל!

ר' יעקב־מאיר איז געבליבן שטיין מיט אן אויפגעטייעטער פרייד אין הארץ. דאס גאנצע בלוט האט איצט צוזאמען מיט דער פרייד געזונגען אין אים שירה... א תיקון... זיין חלום איז מקוים געווארן... איידל, זיין ווייב ע"ה, וואס ער האט מיט איר אפגעלעבט עטלעכע און פופציק יאר, איז צוריק געבוירן געווארן. זי גייט איצט צוריק אריין אין לעבן, צוריק צווישן די לעבעדיקע...

די אויגן זענען אים פארלאפן מיט הייסע טרערן. שוין זעקס יאר ווי ער איז אליין. ער פארעט זיך ארום ווי אויף אן עולם־התוהו. ער ווייסט אליין נישט וואס צו טון מיט זיך אין דער פרייער צייט. א מענטש מוז אבער שלום מאכן מיטן גורל. האט ער אלץ געדריקט אין זיך. וואס מער ער איז ארומגעגאנגען א שוויגנדיקער אלץ מער איז די עלטער אויף אים ארויפגעקראכן, כאטש נישט

געבויגן אים דעם רוקן. ער איז ווײַטער אַרומגעגאַנגען אַ שלאַנקער, אַ גלײַכער און געהאַט אַן אויג אויפן גאַנצן געשעפט.

* * *

אין געראַמען ליכטיקן צימער פון דער סאַנאַטאָריע, ווו די קימפעטאָרין איז געלעגן, האָט געהערשט אַן איינגעהאַלטענע שטילקייט. אַרום אַ גרויסן טיש מיט וואַזאַנען בלומען, וואָס האָבן פאַרפולט די לופט מיט שמעקעדיקע ריחות, זענען געווען אַרומגעשטעלט אויסגעבעטע בענקלעך פון פאַרשידענע קאָלירן. אין דער זײַט אויפן בופעט איז געשטאַנען אַ בוקעט רויזן, צוגעשיקט דורכן יונגן טאַטן, דעם דאָקטאָר, וואָס איז אַרומגעלאָפן פאַרפאַרעט. אָט איז ער געלאָפן צום ווײַב, אָט זיך געגריסט מיט אַרײַנגעקומענע געסט און אָט האָט ער געמוזט אַוועק — ס'וואַרטן אויף אים קראַנקע.

אין צווייטן צימער מיט אַ גרויס פענצטער צו דער גאַס איז געלעגן סאַבינע מיט אַן אויסגעבלײַכט פנים נאָר מיט אַ לויטערן שמייכל אַרום מויל וואָס האָט אויסגעזאָגט איר גרויס צופרידנקייט.

דער זיידע ר' יעקב־מאיר איז אַרײַנגעקומען אין יום־טובדיקן ראָק און מיט פאַרזיכטיקע טריט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט ער זאָל עמעצן נישט איבערוועקן, צוגעקומען צו דער קימפעטאָרין:

— מזל־טוב דיר, קימפעטאָרין! — האָט ער זיך צוגעבויגן צו איר און אַ קוש געטון אין שטערן — זאָלסט זײַן אַ געזונטע מאַמע צו דײַן קינד!

סאַבינע האָט אַ גערירטע און גליקלעכע צוריקגעקושט דעם זיידן און גע־גלעט זײַנע באַאָדערטע הענט מיט איר דורכזיכטיק פאַרבלאַסט הענטל.

— יעקב־מאירן איז דורכגעלאָפן אַ ווייטיקדיקער געדאַנק, וואָס האָט אים געשטאָכן ווי אַ דין שפּיזעלע:

— אַ שאָד וואָס די באָבע האָט נישט דערלעבט דאָס נחת אָנצוקוקן איר ערשט אורייניקל... אײַ, צו די צרות איז מען שטאַרק, קינד מײַנס... כ'וויל זען דאָס קינד... ווי קאָן מען עס זען? — האָט זיך ר' יעקב־מאיר געבעטן בײַ די אַרומיקע — מע קאָן עס גאָרנישט אָנקוקן?

— קום, טאַטע, — האָט אַלבערטאַ גענומען דעם טאַטן פאַר דער האַנט, אים געפירט דורך געדרייטע קאָרידאָרן, האַלבטונקעלע און ריינע און צוגעקומען מיט אים צו אַ הויכער גלעזערנער וואַנט:

— אָט דאָ, טאַטע, גיב אַ קוק, — האָט דער זון אים אָנגעוויזן, — זעסט? דאָס דריטע בעטעלע, דאָס מיטן ראָזן שלייפל צוקאָפּנס — אָט דאָס איז עס...

יעקב־מאיר האָט אָנגעשטרענגט זײַן בליק און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— איך קוק און קוק... כ׳זע אַלץ איינס נישט!... מילא, אַ לויב צו דעם וואָס לעבט אייביק... אַבי ס׳קומען נײַע דורות.

טאַטע און זון זענען צוריק אַרײַן צו דער קימפּעטאָרין אין צימער.

— סאַבינע! — האָט ר׳ יעקב־מאיר זיך צוגעבויגן צו זײַן אייניקל און מיט אַ שעפּטש אין אויער איר דערמאָנט — געדענקסט נאָך די באָבע איידל?

— יאָ, זיידע, כ׳געדענק... נישט פֿאַרגעסן...

— דו ביסט די מאַמע און דו האָסט צו זאָגן, זאָלסט אַ נאָמען געבן ס׳קינד נאָך דער באָבע.

— קע?! — האָט סאַבינע זיך באַגאָסן מיט אַ רויטקייט און אָנגעקוקט דעם זיידן מיט אַזאַ מאָדנעם בליק ווי ער וואָלט פֿון זינען אַראָפּ:

— ווער מישט זיך עס אַרײַן אין מײַנע „אַסונטאָס״? [1] — ווען מען גייט אָן ווי ס׳קינד וועט הייסן?

— מיר לעבן אין נײַע צײַטן... נישט ווי אַמאָל...

— אַך, לאָס וויעכאָס! די אַלטע לײַט! נאָר שלעכט בלוט מאַכט מען זיך פֿון זיי... אַנטיגוואָס! אַלטפֿרענקישע מענטשן!...

— שווער! — איז אויסגעוואַקסן די שנור — ס׳הייבט זיך שוין ווידער עפּעס אָן? — האָבן די ליפּן אירע אונטערגעציטערט — וואָס מאַכט איר דעם קינד שלעכט בלוט? אויסגעזוכט אַ מינוט ווען זיך צו קריגן! לאָזט צורו, גייט אייך אין שיל אַרײַן און מישט זיך נישט!

— טאַטע! — איז אַלבערטאָ אַרײַנגעקומען פֿון אַנדערן צימער — ס׳איז דאָך אַ סאַנאַטאָריע! דאָ דאַרף זײַן רויק... מע וועט דאָך אונדז נאָך אַרויס־וואַרפֿן!

— מע וואַרפֿט נישט! — איז ר׳ יעקב־מאיר רויט געוואָרן אויפֿן גאַנצן פּנים פֿון דער אַרומיקער חוצפּה צו אים ווי נאָר ער האָט געפּרוווט עפּעס זאָגן אַזש הענט און פֿיס האָבן אים געציטערט. ער האָט שוין פֿון פֿריִער געאַנט, אַז מע וועט עפּעס אויסזוכן אַ גויִשן נאָמען פֿאַרן קינד. ער האָט זיך עס נישט געקאָנט שענקען, דער אַלטער:

— ס׳איז דאָך אומדערהערט אַזאַ זאַך! איבעררײַסן אַלע פֿעדעם! אויס־מעקן אַ כשרן ייִדישן נאָמען... זיך שעמען מיט מײַן איידל?... ס׳איז דאָך אַ גרויסע זינד...

ר׳ יעקב־מאיר איז נישט פֿון די נאַרישע ייִדן, וואָס ווילן סתם שרײַען אין דער וועלט אַרײַן. ער האָט אַרויסגערופֿן זײַן זון אין גאַס און גענומען מיט אים אײַנטענהן פֿאַטערלעך:

[1] עסקים.

— הער, אײַזיק, פון אייביקע דורות אָן גייען איבער די נעמען, פון די זיידעס צו די אייניקלעך... דו אַליין, אַלבערטאָ, הייסט דען נישט נאָכן זיידן ר׳ אײַזיק?... וואַסי, די מאַמע, זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן, האָט עס נישט פאַר־דינט?... ווי קאָנסטו דערלאָזן אַזאַ זאַך?...

אַלבערטאָ איז געשטאַנען אַ רויקער און גלײַכגילטיקער צום טאַטנס רייד:

— וואָס ווילסטו פון מיר, טאַטע? וואָס וויסן די הײַנטיקע ווײַבער... זיי האָבן נישט קיין געפיל פאַר אַזעלכע זאַכן... וואָס וועסטו מאַכן מיט זיי? וועסט זיך גיין אַרומקריגן מיט ווײַבער? מער פעלט מיר נישט...

— וואָס דערציילסטו מיר ווײַבער־שמײַבער — האָט ר׳יעקב־מאיר זיך צע־שריגן — מיך הערן זיי טאָקע נישט, אָבער דו, אַז דו וועסט וועלן און זיך אײַנ־שטעלן וועט זײַן אַזוי ווי דו ווילסט. אַז דו וועסט זאָגן ניין וועט די מאַמע צוריק אַרײַן צווישן די לעבעדיקע... און אַז דו וועסט שווײַגן וועלן זיי געבן אַ גוייִשן נאָמען... בײַ אונדז ייִדן זאָגט מען אַז ווען ס׳ווערט געבוירן אַ קינד און מע גיט עס אַ נאָמען נאָך אַ נאָענטן ווערן אַראָפּגענומען די שערבעלעך פונעם טויטנס אויגן... די מאַמע וועט צוריק אויפשטיין... ס׳וועט זײַן אַ נײַע איידל... זאָל זי רופן דאָס קינד פאַרצויגן, ווי זי וויל, נאָר זאָל עס האָבן אַ נאָמען אויף ייִדיש...

— דו זעסט דאָך אַליין, טאַטע, אַז דײַנע רייד האָבן אַרויסגערופן אַ שטור־רעם מיט געשרייען. אַלע האָבן זיך אַקעגנגעשטעלט. אַלע ווי איינער. ווילסטו אַז איך זאָל פועלן? כ׳וועל זיך באַלד נישט נאַריש מאַכן און פּטור.

— פאָלג מיך, אײַזיק...

— טאַטע, זײַ נישט פאַרנאַרט... לאָז מיך לעבן רויק. ס׳וועט גאָרנישט העלפן. זיי האָבן שוין אַ נאָמען און זיי וועלן נישט ענדערן. איך קען זיי גוט...

— אַזוי זאָגסטו! — האָט ר׳ יעקב־מאיר אַרויסגענומען ס׳נאָזטיכל פון דער אונטערשטער הויזן־קעשענע, זיך אויסגעווישט די אויגן און אָן אַ וואָרט אַרויס־צורעדן איז ער אַוועק פון זון אָן אַ זײַ־געזונט.

* * *

אַ טיפער טרויער האָט אַרומגענומען דעם אַלטן ר׳ יעקב־מאיר. ער איז אַרומגעגאַנגען גאַנצע טעג און געשוויגן. נישט געוואָלט עסן בײַם זונס טיש און נישט געקומען אין געשעפט אַרײַן. אויף לאַנגע שעהען איז ער אַוועקגעגאַנגען פון שטוב אַרויס, ער האָט זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט בײַם זון אין שטוב. אַלץ דאָ איז אים מיט אַמאָל ווי פרעמד געוואָרן און ווי אָן איבעריקער האָט ער זיך יעדן אינדערפרי זיך אָפּגעטראָגן פון דאַנען. כמעט אומבאַמערקט זיך געגעבן אַ שאַר אַרויס. געגאַנגען סתם אַזוי איבער די גאַסן, זיך צוגעזעצט ווו אויף אַ באַנק אין אַ סקווערל און אָפּגעזעסן אַ שטיקל צײַט אויף דער פּלאַסע

צוזאַמען מיט די כובילירטע, וואָס האָבן דערמאָנט די אַלטע גוטע צײַטן אין אַרגענטינע, ווען אַלץ איז געווען שפּאָט ביליק, נאָר גראָד דעמאָלט זענען די פּאַרדינסטן געווען קליינע.

יעקבֿ־מאירן זענען די אַלע מעשות אין איין אויער אַרײַן און פון אַנדערן אַרויס. ער האָט געטראַכט אַז ער דאַרף שוין צוריקגיין אַהיים און פון דאָרט טרײַבט עס אים צוריק אַרויס אין דרויסן: כ׳וועל אַוועק פון דאַנען און גיין ווינען צווישן פרעמדע. ס׳ביסל געלט וואָס איך האָב וועט מיר קלעקן אויף אַ פּאָר יאָר... וואָס וועל איך גיין פאַרזאָרגן אַ וועלט... אײַ, ווי די איידל האָט עס אויסגעווײנט גאַנצע נעכט ווען אײַזיק איז אַוועק קיין אַרגענטינע:

— איין אויג אין קאָפּ! — האָט זי געשריגן — ווער ווייסט וואָס ס׳וועט מיט אים דאָרט ווערן? ווער וועט אים עפּעס דערלאַנגען? ווי ס׳מאַכט זיך אַמאָל אַ מענטש ווערט נישט געזונט — ווער וועט אַרום אים אַרומגיין דאָרט אין דער וויסטער פרעמדער?

ער האָט שוין נישט געהאַט קיין כוח צו די טענות פון זײַן ווײַב און באַשלאָסן צו פאַרקויפן דאָס הויז מיטן געשעפט צוזאַמען מיט דער סחורה. צום יאָר האָט יעקבֿ־מאיר זיך אויפגעזעצט אויף דער שיף, וואָס האָט אים נאָך לאַנגע טעג וויגענישן און הוידענישן אויפן ים געבראַכט אַהער אין בוענאָס־איירעסער פּאָרט.

— ווער האָט אים, דעם זון זײַנעם, אײַזיקן, געגעבן די סומע פון צען טויזנט פּעזעס? דאָס האָט ער, יעקבֿ־מאיר, זײַן גאַנץ פאַרמעגן אַרײַנגעלייגט צו אים, צום זון, איצט האָט ער מיר געזאָגט, אַז כ׳זאָל אים לאָזן צורו... גוט דערלעבט...

ר׳ יעקבֿ־מאיר האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דער באַנק אינעם האַלבליידיקן סקווער, ער איז אַרויס אין גאַס און צוגעקומען צום ראַנד:

— טאַקסי! — האָט ער פאַרהויבן די הענט צום אַנגעלאָפענעם אויטאָ מיטן רויטן פענדל „פרײַ!״ — פּאָר פאַוואָר, שאָפער, אויף טאַבלאַדאַ פירט מיך, אויפן בית־עולם — האָט זיך יעקבֿ־מאיר אַרײַנגעזעצט אין דער טאַקסי, אַנגעשפּאַרט זײַן קאָפּ אין אויטאָ־ווענטל, אים אַנגעזאָגט צו פאָרן שנעל און געהאַלטן די גאַנצע צײַט פאַרמאַכט די אויגן ווי פון אַ באַפאַלענעם שלאָף.

— סעניאָר, — האָט אים דער שאָפער געוועקט — דאָ איז עס, דער סעמענטעריאָ...

— שוין? גוט, — האָט זיך יעקבֿ־מאיר צעטשוכעט ווי נאָך אַ לאַנגן שלאָף.
— פאָר נישט אַוועק, וואַרט אויף מיר... כ׳וועל פאַר אַלץ באַצאָלן...

געציילטע מענטשן זענען געווען אויפן פוסטן בית־עולם מיט די באַביימערטע אַלייען. ער איז געבליבן שטיין פאַרגאַפט ווי פון אַ פאַרבלענדונג. זײַן ווײַבס פּנים איז פאַר אים ווי אויפגעגאַנגען פון צווישן די מצבות אַרויס. פון אירע

לעבעדיקע אויגן האָט אַרויסגעקוקט שמייכל וואָס האָט זיך צעלייגט איבערן גאַנצן פּנים. אירע ליפּן האָבן אַ ציטער געטון ווי זיי וואָלטן געוואָלט עפּעס זאָגן נאָר זיי קאָנען נישט אַרויסברענגען קיין וואָרט.

אומבאַוווּסט פאַר זיך אַליין איז ר׳ יעקב־מאירן באַפאַלן אַ פּחד. אַרום און אַרום זעט מען נישט קיין לעבעדיקן נפש. בלויז קברים, שטיינער און בערגלעך און פון די מצבות אַפּער — אומעטום וווּ ער ווענדט נאָר דעם בליק זעט ער ווי זײַן איידל — אַ לעבעדיקע — קומט אַלע מאָל נענטער צו אים, לויפט אָפּ און דערנענטערט זיך און קערט זיך ווידער אום...

פּלוצים דערהערט ער אַ שוואַך קול, ווי ס׳וואָלט געקומען פון קבר אַרויס:

— וואָס נעמסטו זיך אַזוי איבער, יעקב־מאיר... ס׳זענען דאָך אונדזערע קינדער... קאָנסט זיי רופן ווי דו ווילסט... און אַזוי וועלן זיי הייסן... אונדזער בלוט און פלייש... זיי שעמען זיך מיט אונדז? ס׳איז זיי אַ בושה צו טראָגן אַ נאָמען נאָך אַ באָבע, נאָך אַ זיידן... איך לעב סײַ ווי אין זיי, אין זייערע קינדער און קינדס־קינדער... אין אַלע קומענדיקע דורות... זאָרג זיך נישט, יעקב־מאיר... גיי אַהיים, גיי צוריק אַהיים צו אונדזערע קינדער... פאַרשאַף זיי נישט אומזיסט קיין עגמת־נפש... זיי וועלן עלטער ווערן וועלן זיי בעסער ווערן... וועסט נאָך האָבן אַ סך נחת פון זיי, אַ סך, אַ סך נחת...

— איידל! — האָט זײַן האַרץ אַ צאַפּל געטון — אַ־יי־ד־ל!

מיט אונטערגעבראָכענע קני‌ען און אַ שווערקייט אין אַלע גלידער איז יעקב־מאיר אַ פאַל געטון מיטן שטערן צום נידעריקן מצבה־שטיין און געבליבן אַזוי ליגן אומבאַוועגלעך, פאַרדעקנדיק מיט זײַן גוף די אויסגעקריצטע יידישע אותיות פון זײַן ווײַבס נאָמען אויף דער שטיינערנער פּליטע.


D.T

# אין שײַן פון דורות

געהייליקט דעם אָנדענק פון
מײַן פרוים עלטערן
**שמעון און דינה ראָזענבערג**
און אַלע קדושים פון אָסטראָווצע
שנהרגו על קידוש־השם
אין די יאָרן פון יידישן חורבן
1945 - 1939
במדינת פוילן

# אַ ייִדישע טאָכטער

די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ צעגליטע פון אַ גאַנצן טאָג ברענען און בראָטן. די שטעטלשע מענטשן האָבן זיך מחייה געווען מיטן קילן ווינטל וואָס דער פאַרנאַכט האָט געבערענגט מיט זיך פון די אָפענע פעלדער. עלקע, ר׳ נחמן מלמדס ווײַב, האָט זיך נישט געפינען קיין אָרט. זי איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ, פון וואַנען ס׳האָט זיך אַרויסגעזען צעשניטענע רעדלעך קאַרטאָפל, וואָס זי האָט זיך צוגעלייגט צום קאָפּווייטיק. געלאָפן אַלע ווײַל צו דער טיר, אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, זיך אויסגעקוקט די אויגן, וואָס מע זעט נאָך אַלץ נישט אַביש פורמאַן מיט זײַן פור, וואָס דאַרף קומען פון אָסטראָוועצע און טאַקע מיטברענגען אַהיים איר מאַן אויף שבת.

— וואָס זאָל דאָס זײַן? — האָט זיך די מלמדקע געפּאָרעט בײַ דער קיך צוגרייטנדיק די שבתדיקע סעודה צום מאַנס צוריקקומען פון וועג.

ס׳איז שוין געווען שפּעט נאָך מיטאָג, ווען ס׳האָט זיך פון ווײַטנס דערהערט דאָס טראַסקען פון רעדער איבער די שטיינער, און דער „וויאָ" פון אַבישס גראָבער שטים האָט אָפּגעקלונגען איבערן גרויסן קיניוועך מאַרק.

ייִדן מיט באַדאַשיקטע טוכענע היטלען און ווײַבער מיט פאַרביקע טיכלעך אויפן קאָפּ זענען אָפּגעשטיגן מיט פולע קויבערס זאַכן וואָס זיי האָבן אײַנגעקויפט אויפן יאַריד אין דער שטאָט.

ר׳ נחמן מלמד איז געקומען מיט אַ קליין קלומיקל. ער האָט געבערענגט פון אָסטראָווצער יאַריד עטלעכע שמאַלצהערינג, אַ נײַ קוועטל, אַ נײַעם קאַנטשיק און אַ גרויס לאַנג ברויט מיט קימל וואָס ער האָט געטראָגן אונטערן אָרעם.

אַזוי שטיל ווי ר׳ נחמן איז אַוועקגעפאָרן אַזוי איז ער צוריק אַרײַן אין זײַן שטוב. בײַם איבערטרעטן די שוועל האָט ער אַ וויש געטון די מזוזה מיט דרײַ פינגער, זיי צוגעלייגט צו די ליפּן און געברומט עפּעס אַ פּאָר ווערטער, וואָס האָבן זיך פאַרלוירן אין זײַנע געדיכטע וואָנסעס, וואָס זענען זיך צונויפגעגאַנגען מיט זײַן לאַנגער, שוין היפּשלעך־גראָער באָרד. ער איז געבליבן שטיין בײַם טיש און באַטראַכט דעם נײַעם קאַנטשיק, ווידער עפּעס אַ זאָג געגעבן, אַזוי ווי־

סתם אין דער שטוב אַרײַן, עטלעכע ווערטער, וואָס זענען געבליבן געפאַנגען אין דער האַריקער נעץ פון דער געדיכטער באָרד.

עלקע האָט נישט אַזוי דערהערט איר מאַנס זאָג. האָט זי, ווי איר שטייגער, אַ פרעג געטון אײַנגעהאַלטן מיט אַן אינערלעכן אָפּשײַ פאַר איר מאַן דעם קענער, דעם תלמיד־חכם, וואָס וואָלט געקאָנט זײַן רב און איז געבליבן אַ מלמד, ווײַל מלומדת לוינט זיך בעסער, דערצו האָט מען נישט צו טון מיט קיין צעקריגטע צדדים און מע דאַרף נישט זײַן אויף איין צד, אָפּט מאָל לײַדער גראָד אויפן אומגערעכטן צוליב יענעמס שטאַנד, אַנזען און פּאָזיציע און בכלל אויב מע וויל האָבן דערפון, פונעם פסקענען שאלות, אויפן שטיקל ברויט.

— האָסט עפּעס געזאָגט, נחמן?

עלקע איז געשטאַנען אַנטקעגן איר מאַן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן פון נײַ־גער, נישט חלילה פון ווײַבערישן, נאָר פונעם ריין־מאַמישן — וואָך אויפצו־כאַפּן יעדעס וואָרט. נאָר איצט, אַז עלקע האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט וויסן, האָט ר׳ נחמן מלמד געשוויגן. דאָס פּנים זײַנס — האָט עלקע ערשט באַמערקט — פינצטערט בײַ אים ווי די נאַכט. שוין בעסער גאָרנישט מער צו פרעגן און וואַרטן ביז ער וועט אַליין נעמען רעדן.

— כ׳וועל קומען פון קלויז וועל איך דיר שוין זאָגן — האָט ר׳ נחמן ווי געטראָפן עלקעס געדאַנקען.

עלקע האָט באַגלייט איר מאַן מיט אַ טיפן קרעכץ ביז צו דער טיר, זעענ־דיק אים אַ געהויקערטן, גלײַך ווי אויף זײַנע פּלייצעס וואָלטן געלעגן פּעק מיט צער און ער קאָן זיי קוים דערטראָגן...

— פאַרוואָס קומט עס מיר? — איז עלקע געשטאַנען אין דער אָפענער טיר נאָך דעם ווי נחמנס טריט האָבן זיך דערוײַטערט אין געסל. זי האָט פאַרהויבן ביידע הענט צום הימל: — האָב שוין רחמנות אויף אונדז!... ווען וועלן מיר שוין אויך אַמאָל געהאָלפן ווערן? און מיט שלאַבעריקע טריט איז זי אַרײַן אין שטוב אַ קוק געבן צו דער קיך, צי ס׳עסן האָט נישט צוגעברענט.

באַלד איז געקומען צו גיין אין שטוב אַרײַן די נײַנצניאָריקע ברכה, — הויך און שלאַנק מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן אין זיך די מילדע ווייכ־קייט פונעם טאַטן, דעם גם־זה־לטובהניק. זי האָט זיך אַרײַנגעשלײַכט אַ שטילע, אַן אײַנגעהאַלטענע נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפן אַ צעבאַלעוועטע צו די חבר־טאָרינס אירע אויסנוצנדיק די געלעגנהייט וואָס דער טאַטע איז נישט געווען אין דער היים.

אין דער מאַמעס נישט אומקוקן זיך און נישט פרעגן „וווּ ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן?“ האָט ברכה פאַרשטאַנען אַז אין שטוב איז נישט פויגלדיק, אַז דער טאַטע האָט קיין פריילעכע נײַעס נישט געבראַכט מיט זיך פון אָסטראָוועצ. מילא

— האָט זי זיך געזאָגט, ברכה — נישטאָ אויף קיין פּאָר שיך? דאַרף מען נישט. זי קאָן זיך באַגיין אַזוי. זי וועט די אַלטע אָפּגעטראָגענע לאַטשן גוט אָפּפּוצן וועלן זיי האָבן אַ גלאַנץ אַזוי ווי נײַ. די חברטעס שעמען זיך נישט מיט איר. זי מאַכט אַלע פריילעך. וועט זי דעם שבת, ווי אַלע מאָל ווען זי גייט אַרויס מיט אירע חברטאָרינס, זיך ווידער אָנטוען דאָס אַלטע קליידל. ס׳מאַכט נישט אויס. ס׳קליידט איר סײַ ווי אַלץ, וואָס זי זאָל נישט אַרויפוואַרפן אויף זיך...

זי ווייסט, ברכה, אַז זי איז אַ שיינע — איינע אויפן אָרט. דאָס איז דער עיקר. אַ קליידל קאָן מען טוישן. הײַנט גייט מען אין דעם, מאָרגן אין אַ צווייטס. אַ פּנים אָבער קאָן מען נישט איבערבײַטן. סאָראָ פּנים מ׳האָט — אַזאָ מוז מען טראָגן אַ גאַנץ לעבן. איז אַ שיין פּנים בײַ אַ מיידל טאַקע אַ גרויסע זאַך, ווי זאָגט מען עס — אַ האַלבער נדן. לייזער, דעם שכנס יינגל פון קעגנאיבער, אַ בחור וואָס פאָרט שוין אין די גרויסע שטעט, האָט איר געזאָגט, אַז זי איז שיין ווי די וועלט:

— ווען כ׳זע דיך, ברכהלע, קאָן איך נעכט נישט שלאָפן... כ׳האָב נאָך קיין שענערע פון דיר נישט געזען אין ערגעץ... ביסט אַזוי גראַציעז...

— גראַציעז... אַזאַ שיין וואָרט...

זי האָט זיך געשעמט אים צו פרעגן וואָס דאָס מיינט. ס׳האָט איר קיין רו נישט געגעבן. זי האָט געקוקט אין שפּיגעלע און געזוכט דעם באַטײַט...

— וואָס האַלטסטו אין איין קוקן אין די שפּיגלען? ס׳איז דיר עפּעס אַרײַן אין אויג? קום אַהער וועל איך עס דיר אַרויסנעמען.

— ניין, — מאַמע, — האָט ברכה געגעבן אַ באַהאַלט דאָס שפּיגעלע, — ס׳איז גאָרנישט. גלאַט אַזוי — און זיך פאַרשעמט ווי מע וואָלט איר געוווּען גע־כאַפּט בײַ דער גרעסטער עבירה. נאָר באַלד ווידער געכאַפּט אַ בליק צי די מאַמע זעט נישט, און אַ קוק געגעבן אין שפּיגעלע, געזוכט דערין די גראַציעזקייט וואָס פאַרכישופט אַלע יינגלעך איבערהויפּט אים, לייזערן, וואָס גייט אויס נאָך אירע טריט.

ברכהס האַרץ איז געווען מאָדנע אומרויִק. דער מאַמעס צוװאָרפן איר אַ פּאָר ווערטער איז איר עפּעס נישט געפעלן. זי האָט געאַנט נישט קלאָרס און אומאַנגענעמס, פאַרבונדן מיט איר ביז איצטיק לעבן ווי אַ פרײַ פליפייגעלע. טאַטע־מאַמע פירן סודות צווישן זיך. מע קאָן איר נישט קוקן אין די אויגן אַרײַן. מיצקעדרינען האָט דער טאַטע אַהיימגעשיקט די יינגלעך פון חדר. מיט אַ פולן תירוץ, אַז ער דאַרף קויפן אויפן יאַריד אַ נײַעם קאַנטשיק פאַר די קינדער, איז ער אַוועק קיין אַסטראָווצע. זי האָט זיך געוווּמען גרייטן צו עפּעס אַזוינס, קעגן וואָס זי וועט דאַרפן שטעלן אַ ווידערשטאַנד... אפשר אַ חתן... אַ שמעגדע, וואָס דער טאַטע וועט איר דאָרט אויסזוכן און זי פאַרשלייערן. מ׳האָט שוין דעם טאַטן

אַ סך מאָל אָנגעשלאָגן פאַרשידענע שידוכים פאַר דער טאָכטער. נאָר יעדעס מאָל ווי נאָר ס׳קומט אַ רייד וועגן געלט, ווען דער טאַטע גיט אַ זאָג, אַז „אַ שיינע מויד איז אַ האַלבער נדן", ווערן די מחותנים ברוגז און פון שידוך ווערט גאָר־נישט. דער טאַטע האָט נישט פאַר איר קיין נדן. נו, וועט זי וואַרטן. זי זאָרגט זיך נישט אַזוי שטאַרק. אַ שיינע מויד פאַרזיצט נישט. אפשר וועט זי נאָך פירן אַ ליבע מיט לייזערן ווען ער וועט קומען אַהיים אויף יום־טוב פון לאָדזש...

ר׳ נחמן מלמד איז צוריקגעקומען פון בית־מדרש, אַ וויש געטון די מזוזה און זיך מאָדנע געמומען פאַרהוסטן מיט אַזאַ הוסטעלע וואָס קומט ביי אים שטענדיק פאַר אַ פאַרציע מוסר. ער האָט אַ רוף געטון זיין ווייב מיטן ווייזפינגער געבויגן צו זיך. עלקע איז צוגעקומען נישט געאיילט. ס׳וואָלט געווען גוטס וואָלט ער איר באַלד געווען געזאָגט. ביז זי איז צוגעגאַנגען זענען דערווייל די אַנדערע צוויי מיידלעך געקומען אַריינצולויפן פון אַנדערן הויף אין שטוב אַריין, און ר׳ נחמן האָט נישט באַוויזן צו זאָגן עלקען דאָס וואָס ער האָט איר געוואָלט איבער־געבן שטרענג פאַרטרוילעך, די קינדער זאָלן נישט וויסן וועגן וואָס עס גייט.

אין שטוב איז געוואָרן טומלדיק פון דיביידע קינדער — חייהלע, פון אַ יאָר פערצן — הויט און ביין, און אסתרל פון צען יאָר — אַ מויד אַ מזיק, ס׳וואָלט געפּאַסט זי זאָל זיין אַ יונג. שטענדיק, אַז דער טאַטע קומט אַריין אין שטוב איז שאַ־שטיל, קיין שאָרך נישט צו הערן. היינט אָבער איז אַ פריילעכער טאָג. דער טאַטע האָט געברענגט גוטע זאַכן פון יאַריד אין אָסטראָוועצ. מ׳האָט געלייגט אויפן טיש געביילטלט ברויט מיט אַ סך מאָן, שמאַלצהערינג, געהאַקטע ציבעלעס מיט לעבער. אַ גאַנצע סעודה.

געמישט מיט דער פרייד פון די קינדער האָבן זיך געריסן טיפע האַלבפאַר־שטיקטע זיפצן פונעם טאַטן וואָס דאַרף באַלד רעדן מיט דער עלטסטער טאָכ־טער, וואָס די צוויי יינגערע מיידלעך האָבן אינגאַנצן נישט געלייגט קיין אַכט דערויף.

אויך עלקע, קוקנדיק אויף די קינדער, האָט געפּרוּווט אַלץ אויסלייגן צום גוטן. מילא וואָס אַ טאַטע זיפצט. ער וואָלט געוואָלט פאַר די קינדער דאָס טע־לערל פון הימל. פאַרוואָס נישט. אָבער דאָס, וואָס ס׳איז דאָ, איז אויך נישט צו פאַרזינדיקן. קיין שטיקל ברויט פעלט חלילה נישט אויס אין שטוב. ווייטער איז דאָ אַ פאָטער אין הימל, וואָס זאָרגט און באַזאָרגט זיינע קינדער נאָך זיין איינזען און לויט דעם ווי יעדער איינער פאַרדינט זיך. דאָ קאָן אים קיינער נישט זאָגן קיין דעות. גיט ער טאַקע דעם אָרעמאַן אַ ביסל און דעם גביר — אַ פולע שיסל. גיי האָב צו אים טענות, אַז ער פאַרשטייט אַזוי. ער ווייסט דאָך וואָס ער טוט. אַלץ איז דאָך אין זיינע הענט...

ווען די צוויי שוועסטערלעך זענען געגאַנגען שלאָפן האָט ר׳ נחמן אַ רוף

געטון זײַן עלטסטע טאָכטער, זי זאָל זיך צוזעצן נעבן צו אים. ער האָט איר עפּעס צו זאָגן.

— קום נאָר אַהער, ברכה, שעם דיך נישט, ס׳גייט וועגן דיר..

ברכה האָט געפילט ווי אַ היץ באַשלאָגט זי — ווי גרויס זי איז. מיט פאַרמעלעכע טריט איז זי מיט אומווילקן פאַרבאַהאַלט צוגעגאַנגען צום טאַטן און זיך גלײַך צוריקגעצויגן אויף אַ טריט.

— זעץ דיך און הער מיך אויס מיט קאָפּ. אָט אַזוי. זײַ ווייסן, מײַן קינד, — האָט זײַן קול זיך געבראָכן און די אָפּגעהאַקטע ווערטער האָבן, ווי צעקרישלטע שערבלעך, זיך קוים אַרויסגעקריגן פון זײַן קעל — דו ווייסט גאַנץ גוט... ביסט אַ דערוואַקסן מיידל... פאַרשטייסט... אָט אַזוי... אין שטוב זעסטו אַליין... וואָס האָב איך צו רעדן... נישטאָ קיין פרנסה פון מײַן גאַנץ מלומדת... ס׳אַ ביטערע צײַט... נישטאָ צו צאָלן קיין שכר־לימוד־געלט... שיקט מען נישט די קינדער... נו, טאַקע אַזוי, וואָס זאָלן די מענטשן פריִער צאָלן — דירה־געלט צי מלומד־געלט? אַ דאַך איבערן קאָפּ איז בילכער פאַר אַלץ... מילא, די קלענערע קינדער זענען דאַך נאָך גאָרנישט אויף צו קאָנען אַרויסהעלפן די שטוב. אָבער דו, טאָכטערשי... פאַרשטייסטו מיך... וואָס וועט זײַן דער תכלית? קיין קליידל צי אַ פּאָר שיך קאָנען מיר דיר נישט קויפן... און אַזוי ארומגיין קאָן מען נישט...

ר׳ נחמנס קול איז געוואָרן פאַרשטיקטער. ער האָט אײַנגעהאַלטן די טרערן וואָס האָבן זיך אים געקנוילט אין האַלדז. נאָר באַלד האָט ער זיך געשטאַרקט:

— מע טאָר נישט זינדיקן... מיר האָבן אַ גרויסן גאָט אויף דער וועלט... כ׳האָב דיר אויסגעזוכט אַ גוטע שטעלע בײַ פײַנע באַלעבאַטים... מענטשן וואָס שטאַמען פון גרויס יִחוס... ער, ר׳ שלמה־אַהרן זײַדשנור, איז אַ ייִד אַ למדן אַ בן־תורה. זי, זײַן ווײַב, מרים־ביילע, אַ גאָלדענע נשמה. אַסטראָווצער ייִדן רופן זי מאַרמע־ביילע. סוחרים מיט נעמען. ס׳וועט דיר בײַ זיי גאָרנישט פעלן. מע וועט דיך באַהאַנדלען ווי אַן אייגן קינד. דערצו וועסטו דאָך עפּעס זײַן אין אַ גרויסער שטאָט...

ברכה האָט געפילט ווי ס׳האַרץ שפּרינגט איר אַרויס פון בוזעם:

— אוי! — האָט זיך בײַ איר אַרויסגעריסן פון דער ברוסט, און זי איז אויסגעבראָכן אין אַ געוויין — מיט דעם דאַרף איך אָנהייבן מײַן לעבן?...

זי האָט געפילט אַן אינערלעכע פאַרשעמונג פאַר איר מיידלשן שטאָלץ וואָס אַנדערע וועלן אים אָן רחמנות טרעטן אויף אים ווי אויף אַ שמאַטע. אויפן געדאַנק איז איר געקומען לייזער, דעם שכנס זון, וואָס מאַכט איר שטענדיק קאָמפּלימענטן. ער איז נישט גלײַכגילטיק צו איר. זי קוקט זיך אויף אים נישט אום. אויב ער וועט איר איצט געבן אָנצוהערן, אַז ער שלאָפט נישט קיין נעכט דורך איר, וועט זי אים זאָגן דאָס זעלבע, אַז זי טראַכט כסדר פון אים, אַז ער גייט

איר נישט אַרויס פון זינען. זי האַלט אין איין בענקען נאָך אים און קוקט שוין אויס די מינוט פון זײַן קומען אַהיים. ער איז דער איינציקער — וועט זי אים זאָגן — וואָס וועט זי ראַטעווען, זי זאָל נישט דאַרפן זײַן קיין דינסט בײַ יענעם...

זי האָט נישט צוגעטון קיין אויג. אַ גאַנצע נאַכט האָט זי אַרײַנגעוויינט אין קישן. זי האָט געפילט, אַז זי וועט נישט אויסהאַלטן, ווען די חברטעס וועלן זיך דערוויסן נאָך וואָס זי פאָרט קיין אַסטראָווצע... זי וועט זיך דאָ מער נישט קאָנען ווײַזן פאַר זיי...

אויך עלקע האָט געקריגן אַ פינצטער פּנים. טיפע שלוכצן האָבן זיך געריסן פון איר צעווייטיקט מאַמע־האַרץ. זי האָט געפילט אַז ס׳ווערט בײַ איר אויסגע־ריסן אַ שטיק לעבעדיק פלייש. זיך געהאַלטן אין איין ווישן דאָס פּנים וואָס איז נאַס געווען פון טרערן. זי האָט אײַנגעפּאַקט אַ פּאָר שטיקלעך וועש אין אַ קיישל — אַ מיידל קאָן דאָך נישט פאָרן אין איין העמד, בײַם איבערגעבן ס׳פּעקל האָט זי דער טאָכטער אײַנגערוימט ווײַבערישע סודות... ווי זי זאָל זיך פירן.

— זאָלסט נישט פאַרגעסן, ברכה, אין דער פרעמד... דער רבונו־של־עולם זאָגט צום מענטש: — היט דיך, בן־אדם, וועל איך דיך אויך היטן... נאָך דערצו אַ מיידל... אַ מיידל דאַרף זיך אַוודאי היטן... זי זאָל נישט דאַרפן נאָך דעם לײַדן אַ גאַנץ לעבן...

ר׳ נחמן האָט נישט געהאַט קיין תרעומות צו דעם וואָס לעבט אייביק, אָבער אַ „פאַרוואָס?״ האָט זיך געשטעלט דיבאָם אין זײַן מוח: פאַרוואָס דאַרף מײַן קינד אויסגעריסן ווערן אין פרעמדע הײַזער? פאַרוואָס דאַרף מײַן קינד נישט וויסן דעם טעם פון אַן אייגן געלעגער? פאַרוואָס דאַרף מײַן קינד באַדינען יענעם ווען ס׳פּאַסט איר צו זײַן אַ קייסערינע, מע זאָל איר באַדינען? וואָס האָט זי אַזוינס געזינדיקט? זי איז דאָך שענער און גרעסער פון גערעסטן גבירס קינדער. פאַרוואָס זשע קומט יענע אַזאַ שווילטאָג, און זי, וואָס איז מיט אַלע מעלות, זאָל דאַרפן לײַדן אומזיסט און אומנישט?

די צוויי שוועסטערלעך האָבן געוויינט. אין שטוב איז געוואָרן אַזאַ ענג־שאַפט ווי די ווענט וואָלטן זיך צוזאַמענגעדריקט... בײַם אַרויסגיין פון שטוב האָט אויך עלקע אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין. ר׳ נחמן איז צו איר צוגעלאָפן און גענומען מאַכן מיט די הענט, ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגל מיט די צוויי מאַכטלאָזע פליגל:

— מע טאָר נישט, עלקע, דערבאַרעם זיך... בײַ ייִדן טאָר מען נישט באַ־וויינען קיין קינד ווען ס׳פאָרט אַוועק... כ׳דאַרף עס דיר נישט זאָגן. דו ווייסט עס אַליין... הער שוין אויף, נו, שאַ!... מע טאָר נישט, זאָג איך דיר...

שכנים האָבן נישט דרײַסט גענומען געגעגען צו זיי, זיך געזאַמלט גרופּקעס־

וויַז אַרום דער פור. די אַלטע איידל מיטן פּאַררוקטן שייטל, די וואָס האָט ס'געפּ־
וועלבל אין מאַרק, האָט זיך צוגעקריגן צו ברכהן:

— וואָס ביסטו אַזוי פאַרזאָרגט, טאָכטערשי? אַ שיף מיט ווייץ איז דיר אונטערגעגאַנגען? אַ, די הײַנטיקע מיידלעך! נאָר זיי זאָרגן זיך? וואָס נעמסטו זיך אַזוי איבער? אַזאַ לאַלקעלע, ווי דו ביסט, וועט אויף קיין האָר נישט שאַדטן צום יִחוּס. וואָס ווייסטו וואָס?

— וואָס זאָל איך — טאַנצן? — האָט ברכה געשלונגען די טרערן.

— ס'טאַנצט זיך הײַנט אַזוי אויך אין קאָפּ — האָט צוגעגעבן אַ ייִדענע אויף דער פור וואָס איז אויך געפאָרן קיין אָסטראָווצע.

— מע קאָן דאָך שוין נישט לעבן דאָ — האָט אַ צווייטע אויף דער פור באַשטעטיקט יענערס רייד.

— וואָס רעדן זי, ווײַבל, דעם ביסן פון מויל ווילן זיי דיר אַרויסרײַסן, די אַנטיסעמיטן, אַז אויסגעריסן זאָלן זיי ווערן איינס בײַ איינס — האָט זיך אַרײַנ־געמישט אַ שכנטע לעבן דער פור — טאָג און נאַכט האָט מען נישט קיין רו פון זיי, נאָר שרײַב זיי ביטעס און זיי וועלן כסדר אַרויפלייגן שטראָפן. ווער האָט כּוח צו זיי?...

— איר האָט שוין נישט געפינען קיין אָרט ווו צו דערציילן מעשׂות נאָר דאָ בײַ דער פור ווען דעם מלמדס טאָכטער פאָרט אַוועק — האָט זיך אַרײַנגע־מישט אַ צווייטע מיט די הענט בײַ די באַקעס — וואָסי, מ'האָט ווייניק די אייגענע צרות?

ברכה האָט זיך יאָ און נישט אײַנגעהערט, ווי די ווײַבער קלאָגן אויף זייער ביטערער דאָליע. די מענער מיט די צעקנעפּלטע וועסטלעך, פון וואַנען ס'האָבן אַרויסגעקוקט די טלית־קטנס, האָבן זיך געריבן דעם שטערן, צעגומען די הענט:
— ווי לאַנג קאָן מען טאַקע אַזוי אויסהאַלטן?... ביז וואַנען?... אַז מע זעט גאָר־נישט ס'זאָל גיין צום בעסערן...

דער באַלעגאָלע אַבישל האָט מיט דער גראָבער שטים אַ כריפּע געטון נאָכן אָנפּאָיען די פערד:

— זאָגסט אַ גוטנטאָג, וואָרן מע לאָזט זיך שוין אין וועג אַרײַן! גיכער, ווײַבער!

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געזעגעניש מיט אַ צעקושעניש מיט אַ ווישן נעז און אויגן, מיט אַ נאָכשרײַען און פאָכען מיט הענט און טיכלעך ביז דער וואָגן מיט די פּאַסאַזשירן האָט גערירט פון אָרט.

* * *

ווען אַבישל האָט בײַם ערשטן „וויאָ!" אַ שמיץ געטון די פערד, איז ברכהן

עפּעס הויל געוואָרן אונטערן האַרץ. נישט זי האָט זיך אומגעקוקט צו די באַ־גלייטער, נישט ס'האָט זי שוין געאַרט וואָס זי פאַרלאָזט די היים. אַלע מענטשן מיט זייער געדרייד האָבן זיך דערוויַיטערט פון איר צוזאַמען מיט די לעצטע שטיבלעך בײַם וועג. זי האָט זיך געטרייסלט אויף דער פור אַ פאַרזונקענע אין אירע אייגענע מחשבות און דאגות. ווי אַזוי וועט זי אַרײַנקומען אין דער פרעמ־דער שטוב? וואָס וועט זי זאָגן? וואָס וועט זי דאָרט האָבן צו טוען? וועמען וועט זי דאָרט טרעפן? צי זענען דאָרט דאָ יינגלעך? בעסער וואָלט געווען ווען ס'איז דאָ מיידלעך. איז מען ווייניקער קרעמפּירט. צי וועט מען זי גוט באַהאַנדלען? אָדער זי וועט אָנטרעפן אויף אַ גיהנום? זי האָט זיך אין דימיון אויסגעמאָלן פאַרשידענע פּנימער...

באַלד האָט זי זיך איבערגעגעבן די צעגרינטע רחבות פון די אויסגעשפּרייטע פעלדער. ווו דער בליק האָט נאָר געגרייכט האָט זיך אַלץ געטונקען אין פרישן מחיהדיקן גרינס. די הויכע סאָסנע־וועלדער, וואָס ציִען זיך בײַ די ראַנדן וויַיט און טיף אַוועק, האָבן פאַרשפּרייט אַזעלכע שמעקעדיקע זשיוויצע־ריחות... אונ־טערן באַריר פונעם ווינט האָבן די זאַנגען אין פעלד זיך געבוקט און געוויגט אויף אַלע זײַטן ווי אין אַ הייסער תפילה, די זון זאָל זיי נישט פאַרברענען און דער רעגן — פאַרשווענקען. די קאָרנבלימלעך און געלע פעלדבלימלעך בײַ די זײַטן פעלד האָבן געוווּנקען צו איר פריילעך־שטיפעריש:

— שפּרינג אַראָפּ פון וואָגן! קום זיך שפּילן! לאָמיר הערן דײַן גלעקלדיקן געלעכטער! דײַנע שיינע פאַרבענקטע לידער!

גאָטס וועלטל איז טאַקע שיין! אַלץ אַרום פאַרמאָגט אַזאַ ווילדן רייץ און כישוף, אַז דו וואָלסט נישט מיד געוואָרן אַרומצולויפן און אײַנזאַפּן אין זיך די גאַנצע שיינקייט, אַז ס'זאָל פון גרויס באַוווּנדערונג פאַרפעלן אָטעם... זיך צוניפּ־העפטן און ווערן אַ טייל פון דער מאָלערישער לאַנדשאַפט, אַ טייל פון דער נאַטור.

* * *

— נאָך ווײַט ביז אָסטראָווצע? — האָט ברכה געפרעגט, אַרומגעכאַפּט פון אַן אומגעדולד, אי די מיטפאָרער אי דעם באַלעגאָלע.

—אָט־אָ שוין! — מיר זענען שוין באַלד אויפן אָרט — האָט אַבישל באַ־לעגאָלע אונטערגעיאָגט די פערד מיט אַ פריילעכן „וויאָ!" זיך דערנענטערנדיק צום באַרגאַרויף אויפן שטויביקן וועג נענטער צו דער מיל — פונעם באַרגאַראָפּ איז שוין אַ קליינינקייט צו דער שטאָט.

ווען די פור איז געבליבן שטיין אין מאַרק, איז אַבישל אַראָפּגעשפּרונגען דער ערשטער, זיך אָפּגעטרייסלט פונעם שטויב און דערלאַנגט ברכהן אַ האַנט צום אַראָפּשפּרינגען פון וואָגן.

ברכה האָט זיך אויסגעגלײַכט אַ ביסל די ביינער און זיך גענומען אַרומקוקן, געגאַפּט אויף די אָסטראָוועצער גאַסן וואָס לויפן אַרויס פון מאַרק אין אַלע זײַטן. אָט גייען מיידלעך טומלדיקע, באַריידעוודיקע, ייִנגלעך לויפן פרייליעכע ווי יונגע לאַשיקלעך. עלטערע מענטשן, מיטליאָריקע — היגע איינוווינער, אָסטראָוועצער באַלעבאַטים — גייען באַזאָכט, געזעצט, מיט אַ זיכערקייט פון אַ לאַנגיאָריקער אײַנגעזעסנקייט: זיי איז גוט! — טראַכט ברכה — זיי האָבן דאָ זייער שטוב, זייער היים, זייער עקזיסטענץ... אויף איר אָבער ווייעט אַ פרעמדקייט פונעם אַרום: וווּ גייט מען דאָ? עפּעס צו אַן אומבאַקאַנטע? אַ מאַרמע־ביילע, ווי ס׳רופן זי די אָסטראָוועצער.

כאָטש די זון ברענט און בראָט האָט ברכה אָבער געפילט אַ קעלט אין אַלע אבֿרים. זי ציטערט־אויף, אַ דראָשטש לויפט איר דורך איבערן לײַב: ווי גייט מען עס אַליין אין אַ פרעמדער שטוב אַרײַן נישט באַגלייט פון קיינעם: „גוטמאָרגן, רעטעך טראָג איך!״ כ׳בין דאָ! ווער וועט מיט איר מיטגיין? ווי דערפרעגט מען זיך, בײַ וועמען? זי האָט געשטעלט אַן אומזיכערן טריט. זיך אָנגעהויבן נאָכ־פרעגן בײַ איינעם, אַ צווייטן, און קוים זיך דערשלאָגן צו מרים־ביילעס שטוב מיט די פרעמדע טויערן, מיט די גרויסע הויכע ברייטע מאַרמאָרנע טרעפּ און פּאַרענטשן באַשלאָגענע מיט מעש.

פּאָר ברכהן מיטן קויבערל אין האַנט האָט זיך אויפגעמאַכט אַ טיר מיט קאָלירטע שויבן. אַ דיקע פּרוי מיט אַ נאָכהענגענדיקן גוידער האָט זי גיך אַרײַנ־געבעטן אינעווייניק אין שטוב אַרײַן. נאָך איידער ברכה האָט געעפנט ס׳מויל צו זאָגן ווער זי איז, האָט יענע זי שוין געגעבן אַ נעם בײַ דער האַנט, ווי אַ שוחט אַ הינדל, און גייענדיק מיט איר איבערן קאָרידאָר בלויז צוגעגעבן:

— איך ווייס שוין אַלץ... שוין אַלץ אָפּגערעדט...

ווי אַן אַלטהיימישן מענטש, וואָס מע קאָן אים שוין פון ווי לאַנג האָט זי דעם מיידל אָנגעוויזן בײַ דער טיר פון דער קיך:

— זעסט, דאָרט שטייט דבורה... זי וועט דיר שוין אַלץ זאָגן וואָס דו האָסט צו טון...

דבורה איז געווען, פּונקט ווי די באַלעבאָסטע אַ נידעריקע און געפּאַקטע. נעבעך אַן אײַנזאַמע, אַן עגונה. זי וואַרט נאָך אַלץ אויף איר מאַן, וואָס איז אַוועק אין ערשטן קריג און נישט געלאָזט נאָך זיך קיין שפּור. זי דינט שוין אַזוי באַלד צוויי צענדלינג יאָר בײַ מאַרמע־ביילע אין הויז און האַלט אַ וואַך אויג אויף די מיידלעך, וואָס קומען דאָ אָן דינען, זײַן אירע אַרויסהעלפערינס. עפּעס אַ קלייניקייט: דינען בײַ מאַרמע־ביילע אין הויז!

דער ערשטער שטאָק אַליין פאַרנעמט גאַנצע אַכט שטובן מיט אַ גרויסער

סאַלע מיט צוויי באַלקאָנען אין מאַרק אַרײַן. אויב נישט דבורה — ווער וועט דאָס אַלץ האָבן אויפן קאָפּ?...

— אַ שיין מיידל! ווי אַ פּופּע־לאַלקע! — האָט דבורה געזאָגט צו זיך אַליין הויך אויפן קול — אַוודאי פון אַ שיינער היים... ווי דען אַנדערש?...

ברכה האָט זיך נישט געמאַכט הערן. זי האָט אַראָפּגענומען דאָס טיכל פון קאָפּ און אַפּגעדעקט אירע גלאַנציק־שוואַרצע האָר פאַרקעמט אין צוויי דיקע צעפּ פאַרלייגט אין אַ קיישעלע אויף הינטן. פון די טיפע אויגן האָט געווייעט אַ טרויער־ריקע גוטסקייט צוזאַמען מיט אַ שעמעוודיקייט פאַר זיך אַליין. דעם דינעם שלאַנקן קערפּער האָבן די קליינע רונדגעפאָרעמטע בריסטלעך צוגעגעבן יונגמיידלשן חן. עפּעס אַן אָריענטאַלישער שיינקייט־צויבער האָט אַרויסגעשטראַלט פון איר גאַנצער געשטאַלט און אַרויסגערופן אַ דרך־ארץ צו זיך.

— כ׳וועל אײַנען ווײַזן וואָס זי האָבן צו טוען — האָט דבורה זי אָנגענומען פאַר דער האַנט ווי פריִער די באַלעבאָסטע, נאָר נישט אַזוי גראָב, אַ סך איידע־לער ווי יענע מיטן גוידער.

— כ׳וועל אַלץ טוען וואָס זי וועלן מיר הייסן.

דבורה האָט גלײַך דערזען אַז זי האָט פאַר זיך אַן איידל קינד. מע דאַרף וויסן ווי אַזוי זיך אומצוגיין מיט אַזאַ צאַרט נשמהלע: „כ׳וועל אַלץ טוען וואָס זי וועלן מיר הייסן״ — האָט זי אין זיך נאָכגעזאָגט ברכהס ווערטער. זי האָט זיך איצט מוטערלעך געווענדט צו דער שיינער ברכה מיט אַ פאַרצויגענעם דײַטשמעריש:

— זײַן זי אַזוי גוטיקס און לייגן זי אַרײַן אינס זאַכן דאָ אין דיזן שאַפּ־קעלע. דאָס איז פאַר אינס וועגן. קיינער וועט נישט צוגיין דערצו. זי קאָנען זײַן אינגאַנצן רויִק. גאָלד און ברילאַנטן קאָנען זי דאָ האַלטן. מע וועט אָפּעסן פרישטיק וועלן מיר זיך נעמען צום רוימען...

* * *

נאָך עטלעכע טעג זײַן אין אַסטראָווצע האָט ברכה געשיקט אַ בריוול צו טאַטע־מאַמע, אַז זי איז זייער צופרידן. זי האָט דאָ געטראָפן אַ פרוי מיט אַ גאָלדן האַרץ. מיט גאָטס הילף וועט זי זיך צוגעוויינען...

אַלע דאָ בײַ מאַרמע־ביילע אין הויז האָבן זי שוין געקענט פאַר אַ ווילע און געהאָרכזאַמע, וואָס ווייסט נישט וואָס ס׳הייסט אַזוינס רעדן אָקעגן. פאַר די טעכטער האָט ברכה נישט געהאַט אַזוי פיל בושה ווי פאַר יעקבן, דעם צע־באַלעוועטן בן־יחיד, אַ בחור פון צוויי־דרײַאונצוואַנציק, וואָס האָט די אויגן אור־מעטום ווו מע דאַרף נישט. ער האָט געהאַט אַ לענגלעך עטוואָס געהויקערט נעזל, ווי בײַ אַ יונגן אָדלער און אַ פאָר דיקלעכע ליפּן אַזוי ווי דער טאַטע זײַנער, ר׳

שלמה־אַהרן זײַדשנור. נאָר די שניאַדע צערע האָט ער געהאַט דער מאַמעס. ווען זי שעמט זיך נישט, ברכה, וואָלט זי אים אויסגעקושט... אַ סך מאָל ווילט זיך איר שטאַרק אים אַ גלעט טון איבער דער באַק, פירן מיט די פינגער איבער די אויגן, שטערן, קין, גאָמבע. זי האָט פאַרגאַפט נאָכגעקוקט זײַן שטעל, זײַן גיין. ער גייט נישט נאָר ער שוועבט. באַלד אָבער האָט זי געטריבן פון זיך די זינדיקע מחשבות, ווי מע טרײַבט אַ זלידנע פליג, און וואָס מער זי האָט זיי געטריבן פון זיך אַלץ מער זענען זיי צו איר צוגעשטאַנען און נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון איר כאָטש טרײַב זיי מיט בײַטשן.

יעקב דאָקעגן האָט די זינדיקע געדאַנקען נישט געטריבן פון זיך. פאַרקערט, ער האָט זיי געכאַוועט, געוואָרעמט און זיך אַרומגערינגלט מיט זיי ווו ער איז געשטאַנען און געגאַנגען. ער האָט נישט געקאָנט אײַנרוען זינט ער האָט דערזען דאָס שוואַרצחנעוודיקע מיידל שלאָפן די ערשטע נאַכט אין דבורהס צימער. פלאַ־מען פון באַגער האָבן זיך געצונדן אין זײַן האַרץ און נשמה פון גרויס לעכצעניש צו איר. ער האָט כסדר געזוכט אַ געלעגנהייט דורכצוּוואַרפן אַ פּאָר ווערטער מיט דער שיינער ברכהלען, זאָגן איר אַז זי איז אַ שיינע, אַז זי איז די שענסטע פון גאַנץ אָסטראָוועצ, אַן אמתע אסתר־המלכה...

ווען דבורה איז איין מאָל אַוועק צו איר קראַנקער שוועסטער אויף־צו־זײַן בײַנאַכט, ווײַל ס׳האָט געהאַלטן זייער שמאָל מיט איר — האָט יאַנקעלע גנביש געטשאַטעוועט אויף זײַן פאַנג. אַ זייגער צוועלף בײַנאַכט, ווען אַלע אין שטוב זענען שוין געשמאַק געשלאָפן, איז ער אויף די שפּיץ פינגער אַרײַן אין דבורהס צימערל. געבליבן אַזוי שטיין בײַ דער טיר, וואָס האָט אים אָפּגעטיילט אַ שפּאַן פון בעט, ווו ברכה איז געשלאָפן אַ מידע פון אַ גאַנצן טאָג האָרעווען ווי אַן אייזל. ער האָט זיך גוט אײַנגעקוקט אין איר שיינגעפאָרעמטן לײַב: ווי איר ברוסט הייבט זיך אַרויף־און אָפּ. דער אָטעם איז אַ גלײַכער, און אַז דער אָטעם איז אַ רעגלמעסיקער איז דער שלאָף אַ פעסטער. אירע פולבלעכע ליפּלעך האָבן געגרייצט און געצויגן צו זיך נישט ווינציקער ווי די בריסטלעך, וואָס האָבן זיך אַרויסגעצייכנט בולט דורכן לײַכטן העמדל. און די פעכשוואַרצע געפלאָכ־טענע האָר האָבן דערמאָנט אין אַן אָריענטאַלישער פּרינצעסין פון טויזנט און איין נאַכט.

יאַנקעלע האָט געפילט ווי יעדער אָבר ציטערט אין אים. ער האָט זיך ערשט געכאַפּט, אַז ער האַלט אָפּגעשפּאַרט די טיר, פון וואַנען ס׳איז אַרײַנגעפאַלן אַהער אַ קרומער שײַן פון פאָדערצימער. מיט גרויס פאָרזיכטיקייט האָט ער שאָרכלאָז צוגעלענט די טיר און פאַמעלעך, אָפּוואַרטנדיק אַ ווײַל, צי מע הערט נישט קיין טריט פון ערגעץ, זיך צוגעשאַרט צום בעט, אויסגעשטרעקט אַ האַנט אין דער פינצטער און אָנגערירט איר נאַקעטן אָרעם, געפירט מיט איר איבערן רונדן

אַקסעלע אַראָפּ צו דער ברוסט. מיט פיבערדיקע פינגער געגומען אָפּדעקן פון איר די קאָלדרע און פאַרשאַרצט אַרויף דאָס העמדל. אין דער רגע האָט ברכה אַ צאַפּל געטון און זיך אויפגעכאַפּט אַן איבערגעשראָקענע.

יאַנקעלע האָט זיך נישט צוריקגעצויגן פון דעם וואָס ער האָט שוין דער־גרייכט:

— ששששאַאַא! שרײַ נישט... איך בין עס... יאַנקל... — און אַזוי געהאַלטן די האַנט פאַרקראַמפּט אין זוים פון איר העמד. ער איז האַסטיק צו געפאַלן צו איר און זיך אײַנגעזויגן אין אירע זאַפטיקע ליפּן, אַז דער אָטעם האָט זיך אים פאַרהאַקט...

— ניין! — האָט זי געגומען קלאַפּן איבער זײַנע הענט, וואָס האָבן זיך געקלאַמערט, געריסן מיט קראַפט צו אירע דיקלעכע טיילן פון די פיס. נישט קיין הענט נאָר שטיקער פלאַמען האָבן אַרומגעכאַפּט איר לײַב, נאָר פאַרברענט צו ווערן אונטער זיי.

ברכה האָט זיך האַסטיק אַ ציי געטון ביז צו דער וואַנט פאַרלייגנדיק אַ פוס אויף אַ פוס און געגומען שרײַען מיטן גאַנצן כוח:

— גיי אַוועק פון מיר! אַרויס פון דאַנען! דו געמיינער יונג דו! די מינוט אַרויס! — האָט זי מיט אַלע כוחות אים געגעבן מיטן פוס אַ קאַפּע אָפּ פון בעט, אַז ער האָט זיך איבערגעקערט אויפן דיל, און אַ באַפרײַטע פון זײַנע פעסטע הענט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין...

— וואָס איז געשען? — איז מאַרמע־ביילע אַרײַן אין איין אָטעם זעענדיק ווי איר יאַנקעניו אַנטלויפט אין די אונטערוועש צו זיך אין צימער אַרײַן.

— חצופה איינע וואָס דו ביסט! — איז מאַרמע־ביילע אַרויס מיט אַ פּיסק — שוין אַרויס פון מײַן שטוב, אַרויס! דו וועסט מיר קאַליע־מאַכן מײַנע קינדער?

זי האָט געגעבן אַ רײַס־אויף דאָס שאַפקעלע, געכאַפּט די זאַכן און זיי גע־נומען שלײַדערן אויפן קאָרידאָר אַרויס...

אַ הויך פאַרצווייפלט געוויין האָט אָפּגעהילכט אין פינצטערן חלל פון הויז און זיך אַרויסגעריסן אויפן הויף צו די שכנישע אָפענע פענצטער...

מאַרמע־ביילע, אינגאַנצן אַ צעפּלאָשעטע, האָט נישט אויפגעהערט צו שרײַען:

— ווי איז מיר! אַ חצופה אין מײַן שטוב!... און דאָס קומט פון אַ פײַנער היים!... וואָס מײַנע אויגן האָבן געזען!... גוואַלד־געשריגן! מע דאַרף זי דאָך פאַר־שטיינען, די אויסגעלאַסענע מויד!...

אויפן טומל און געוויין זענען זיך די שכנים פון הויף צונויפגעלאָפן זעען וואָס ס'קומט פאָר. ברכהס יאָמערלעך געוויין האָט אָפּגעקלונגען הילפלאָז און פאַרלוירן. פאַרשלאָפענע אויגן האָבן זיך איבערגעקוקט. מ'האָט נישט געוווּסט וואָס ס'איז דאָ אַזוינס פאָרגעקומען און ווער ס'איז דער שולדיקער. זיכער נישט

די שוואַרצע ברכה, וואָס איז געזעסן אויפן שוועל און זיך געבראָכן די הענט, בישט־אויפהערנדיק צו קלאָגן אויף איר ביטערן גורל, וואָס אויב דאָס איז ווייניק, האָט זי נאָך אַ בילבול אויף איר קאָפּ... ווו וועט זי זיך אַהינטון אין מיטן דער נאַכט?...

— קום אַרײַן צו מיר — האָט די אַלטע חנה־שרה פון פּאַרטער־שטיבל זי אַ נעם געטון פּאַר דער האַנט — קום, וועסט בײַ מיר איבערשלאָפן די נאַכט, און מאָרגן אין דער פרי וועל איך מערצעשעם זען פאַר דיר אַ נײַע שטעלע, אָן די שיינע פּאָקאָיעס, אָבער בײַ אָרנטלעכע לײַטישע מענטשן...

איר מאַן שיִע מיטן שיטעדן קאָזע־בערדל האָט געציטערט פון אויפגע־בראַכטקייט:

— נאָ דיר דײַנע ווירטסלײַט, רײַסן פון די לאָקאַטאָרן לעבעדיקע שטיקער, צאַפּן פון זיי אַרויס דאָס בלוט און איזדעקעווען זיך נאָך איבער אַן אָרנטלעך קינד, וואָס דינט זיי געטרײַ מיט לײַב און לעבן, און טראַכט נאָך אויס בילבולים... ווער ס'קען נישט איר בנאָקל, איר יאַנקעלע!...

ער האָט געגעבן אַ כאַפּ דאָס פּעקל אירס:

— קום, ברכה, וועסט דערוויַל זײַן בײַ אונדז... וויין נישט, נאַרישע מויד... נישטאָ וואָס צו וויינען...

אַלע איבעריקע שכנים זענען זיך צעגאַנגען איבער די שטיבער ווער מיט פאַרביסענע ליפּן, ווער מיט אַ שאָקלען מיטן קאָפּ פון באַדויער...

— כ'וועל נישט שלאָפן — האָט ברכה זיך אַרומגעקוקט איבער דער אָרע־מער שטוב מיטן פאַרקאָפּטשעטן סופיט — כ'קאָן נישט שלאָפן... כ'וועל בלויז איבערזיצן בײַ אײַך די נאַכט.

— זיי מיינען אַז אַלץ געהערט זיי... ווער ס'ווייסט נישט סאַראַ יאַנקעלע דאָס איז!... שוין איין מאָל אַ תכשיט!... נישטאָ וואָס צו רעדן... ווען אַ צווייטער טוט עס וואָלט מען דאָך געמאַכט פון אים קרעפּלפלייש... שטיקער וואָלט מען פון אים געריסן, אַז רײַסן זאָל אים דאָרט בײַ די קישקעס, פּאַטער אין הימל...

שוין ליגנדיק אויף איר געלעגער, האָט חנה־שרה נאָך אַלץ נישט אויפגע־הערט צו שעלטן מאַרמע־ביילעס צעבאַלעוועט זונדל: — אַ מכה וועט ער האָבן אַ כשרע יִדישע טאָכטער.. קדחת מיט קרענק קאָן איך אים געבן... אַ געשמאַקן ביסן האָט זיך אים פאַרגלוסט, דעם געשמדטן האַלדז זײַנעם... אַז אויסקרענקען זאָל ער עס, דער בעל־תאווהניק... נישט־קשה, אַ יִדישע טאָכטער ווייסט ווי צו שוינען איר כבוד...

# אַ שטום געבעט

די אַלט־ייִדישע שטאָט אָסטראָוועצע טובלט זיך אין בלייכן לבנה־ליכט, וואָס פאַרגיסט די שלאָפנדיקע גאַסן אײַנגעהילט אין פײַערלעכער שטילקייט ווי אין אַ דורכזיכטיקן טלית. דער בײַנאַכטיקער הימל איז געדיכט באַזעצט מיט פינקלענדיקע שטערן ווי אַ זילבערנע עטרה מיט פליטערלעך, וואָס צאַפּלען זיך, צינדן און לעשן זיך און בליצן ווידער אויף. פון צײַט צו צײַט ווערט די שטיל־קייט איבערגעריסן מיטן קרייען פון די הענער.

איטשע מזיק ליגט אײַנגעדרייט אויף זײַן בעט. ס'נעמט אים נישט דער שלאָף. זײַן געהער איז אָנגעשפּיצט. ער כאַפּט אויף יעדן שאָרך וואָס קומט פון דרויסן. עפּעס הערט ער אַ מורמלען, אַ ברומען, וואָס טראָגט זיך צו אים פון דער אַלטער הילצערנער שיל אַנטקעגן זײַן שטוב. אפשר איז עס אַ ווינטל וואָס דר־אַפּעט זיך אויף די גלײַכע ווענט, צי גאָר מתים?... ווי מע דערציילט זיך אָן איז די האַלב־חרובע אַלטע שיל פול מיט טויטע בײַנאַכט ווײַל ס'איז נישט פאַראַן קיין מזוזה בײַם אַרײַנגאַנג. זיי שוועבן אום, די מתים, דאַווענען, לייענען די תורה נאָך צוועלף בײַנאַכט, שרײַען און קרעכצן ביז די הענער הייבן אָן צו קרייען. דעמאָלט אַנטלויפן זיי צוריק אין זייער רו אַרײַן.

אַן איבערגעשראָקענער איז איטשע מזיק האַסטיק אַראָפּ פון געלעגער, זיך אַ וואַקל געטון און געבליבן שטיין אַ רגע אַן אײַנגעהערטער. ער האָט דערטאַפּט די בלעכענע שעפּ, אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער און גענומען ברומען מודה־אַני.

אַ קיל ווינטל האָט איטשען מחיהדיק געבלאָזן אין פּנים אַרײַן און אים אויפגעפרישט. פון אונטער די גרויסע ברעמען האָבן זײַנע אויגן געבלאָנדזשעט אין אַלע זײַטן. די אומבאַוווסטע מורא איז אַלץ נישט אָפּגעטרעטן פון אים. די פענצטער־לעכער פון דער שיל האָבן פינצטערע געקוקט צו זײַן באַלקאָן־גאַנעק וואָס פירט מיט עטלעכע טרעפּ אַראָפּ צו דער גאַס. טיף אין זיך, נישט באַוועגנ־

דיק מיט די ליפּן האָט ער געזאָגט „שמע ישראל!" און מיט אימפּעט גענומען אַראָפּלויפן פון די שטיגן.

די הײַזער אַרום זענען געשטאַנען טייל פאַרשאָטנטע און טייל באַזילבער־טע פון דער פולער לבנה — פאַרזונקענע אין סודות. קיין לעבעדיקער נפש האָט זיך נישט געוויזן פון ערגעץ. מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם האָט ער זיך גע־לאָזט גיין באַרג־אַראָפּ מיטן געסל ווו ס'איז געשטאַנען אַ ווײַסגעקאַלכטע מויער מיט צוויי קײַלעכיקע געוועלבן וואָס האָבן געפירט אין שילהויף אַרײַן. ווען ער איז געקומען אינעווייניק אין הויף איז די מורא ווי פון זיך אַליין געוואָרן אויס־גערונען, צעגאַנגען ווי אַ רויך. אַ ליכטיקייט האָט זיך געשפּרייט דורך די פענצ־טער פונעם שטאָטישן בית־מדרש פון וואַנען ס'האָט זיך געהערט אַ זיס תורה־קול מיט אַ נאָגנדיקן ניגון.

די שווערע מאַסיווע טיר האָט זיך קוים געעפנט. אַ זויערלעכער ריח האָט איטשען אַ שלאָג געטון צום פּנים. ס'האָט אים אַזש פאַרפּעלט אָטעם. די געדיכ־טע דעמפּיקע לופט אין בית־מדרש האָט זיך געטראָגן פון די שלאָפנדיקע ייִדן הינטערן קאַכל־אויוון, ייִדן מדינה־גייער וואָס זענען געקומען אַהער פון פאַר־שידענע מקומות.

דאָס בית־מדרש האָט נאָך געפּוסטעוועט. בײַם גרויסן טיש — אַנטקעגן דער טיר — זענען געזעסן עטלעכע בחורים געבויגן איבער גמרות, פאַרטון אין לער־נען. באַלד זענען אַרײַנגעקומען נאָך עטלעכע יונגעלײַט. זיי האָבן זיך צוגעזעצט צום צווייטן טיש אין דער זײַט פון די פענצטער. אָנגעצונדן ליכט אויף די בלע־כענע טעלערלעך מיט די שפּאַרערס און זיך גענומען וויגן איבער די צעעפנטע פאַרגעלטע גמרות. אויף די אַנטקעגנדיקע ווענט זענען אויסגעוואַקסן זייערע גע־בויגענע שאָטנס צעוויגטע ביז איבערן סופיט. אייניקע האָבן אונטערגעברומט אַ ניגון. אַנדערע זענען געזעסן פאַרטראַכט, געבלאָנדזשעט מיט די בליקן איבער די ווענט, געכאַפּט אַ קוק אין דער גמרא און ווידער זיך געמוטשט פירנדיק דעם בליק אין דער הייך צו די פענצטער.

איטשע מזיק איז יעדע פּאָר מינוט געשטאַנען בײַ אַ צווייטן לערנער, אים געקוקט אין פּנים וואָס איז געווען רויט באַשלאָגן פונעם ליכטלדיקן שײַן. ער האָט זיי מקנא געווען וואָס זיי קענען אַ סך און ווייסן אַלץ וואָס ס'שטייט אין די קליינע אותיותלעך.

הינטער דער גרויסער הילצערנער שיל פון וואַנען ס'הייבט זיך אָן די מויער־וואַנט, וואָס ציט זיך איבער דער גאַנצער לענג פונעם באַרגגעסל און פירט צו דער מיקווה, איז איצט איטשע געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער נאָכן פאַרלאָזן דאָס בית־מדרש. ער האָט געגאַפט ווײַט, ווײַט ווו הימל און ערד קומען זיך צוזאַמען. ער האָט זיך געחידושט וואָס אין דער סאַמע ווײַטסטער ווײַט זענען הימל און ערד

— איינס — צונויפגעגאָסן ווי איין שטיק, ווי פון איין און דעם זעלבן שטאָף. אין דער זעלבער צײַט האָט אים געמאַטערט אַ געדאַנק: וואָס אַזוינס טו איך, איטשע מזיק, אויף גאָטס וועלט? כ׳האָב אַ ווײַב, קינדער — זין און טעכטער — אַלע קײַנאָרע געזונטע ווי די ניס. נאָר איין זאַך האָט געהאַמערט אין זײַן מוח וואָס ס׳האָט אים געמאַכט אויפּציטערן — יענע וועלט... אָט טאַקע דאָרט, ווו ס׳עקזיסטירט נישט מער קיין אונטערשיד צווישן ערדישן און הימלישן... די צווייטע וועלט פון כולו רוחניות האָט אים נישט געלאָזט רוען.

עפּעס האָט ער געהערט פון ייִדן לערנערס, בני־תורה, אַז ס׳זענען פאַראַן למד־וואָווניקעס, גרויסע צדיקים, מענטשן פאַרבאָרגענע, וואָס זענען שוסטערס, שנײַדערס, באַלעגאָלעס, וואָס די גאַנצע וועלט האַלט זיך אויף זיי, ווײַל ווען נישט די ל״ו צדיקים וואָלט חלילה קיין זכר נישט געבליבן פון גאַנצן גוטס אויף דער וועלט.

איטשע האָט פאַרגלאָצט די אויגן צום הימל, געבליבן שטיין אַרומגערינגלט פון ספקות וואָס האָבן אים נישט געגעבן קיין רו. ווער איז וואָס? און וואָס איז ווער? אין האַרץ בײַ אים האָט גענומען צאַפּלען אַן אפשר? — אפשר טאַקע אַני הקטן, איך, איטשע מזיק?... עפּעס פריידיקס האָט גענומען גלעטן זײַן האַרץ. די פרייד איז צעגאַנגען איבערן גאַנצן לײַב־און לעבן. פון זיך אַליין האָבן די הענט זיך פאַרלייגט אויף הינטן, ווי איינער וואָס איז פאַרנומען מיט שווערע רעיונות. ער האָט גענומען גיין מיט די הילצערנע שטיגן וואָס האָבן געפירט אויף אַראָפּ. נאָך דעם זיך פאַרנומען אויף לינקס. אַז ער איז צוגעקומען צום בריקל, וואָס פירט אין דער מיל, איז ער געבליבן שטיין און זיך צוגעקוקט ווי ס׳וואַסער שוימט זיך, קאָכט און שאַרגעט ווי דער סמבטיון, אָט אַזוי ווי ס׳קאָכט איצט אין אים מיט עפּעס זאַכן וואָס ער האָט קיין מאָל נישט געטראַכט פון זיי, נישט געאָנט זיי און גייען אויף אין אים ווי אַ גרויסע אַנטפּלעקונג.

די זאַנגען אויפן פעלד שטייען געבויגענע מיט פולע שווערע קעפּ און כוואַליען זיך גינגאָלדיק אַנטקעגן דער זון. אַ שאַרפער דופּטיקער ריח טראָגט זיך פון פעלד. דער הויכער קוימען פון דער ציגעלניע שטייט געשטרעקט צו די הימלען און שפּײַט מיט קנוילן רויך, ווי ער וואָלט זיך אונטערגענומען צו פאַרשוואַרצן דעם הימל.

בײַ איטשען אין געדאַנק ווערט עפּעס געבוירן, עפּעס אַ גרויס ליכט גייט אין אים אויף וואָס ער האָט נישט קיין נאָמען דערפאַר און ווייסט נישט פון וואַנען עס קומט. זײַן גאַנצער גוף פלאַטערט אויף. ער גיט אַ געשריי ווי נישט מיט זײַן קול:

— שבת־קודש איז די וועלט! קודש־קדשים איז דער מענטש! לשון־קודש איז מײַן ייִדיש לשון, וואָס איך רעד און וואָס איך שווײַג, וואָס איך טראַכט און

וואָס איך חלום. נאָר ווער בין איך אַליין? נאָך וואָס פירט זיך דער אין הימל מיט מיר אַרום ווי מיט עפּעס רעכטס? ווי מיט אַ מחותן אויף אַ חתונה? וואָס זאָגט ער מיר אונטער זאַכן וואָס געהערן נישט צו מיר? וואָס זענען וויַיט פון מיר? וואָס קען איך און וואָס ווייס איך? איך בין דאָך ביַי אַלע אויף חוזק? מע קוקט דאָך אויף מיר פון אויבן אַראָפּ? וואָס פאַר אַ ראָלע שפּיל איך ביַי וועמען? איך בין דאָך נאָך ווינציקער ווי אַ ווערעמל אַקעגן דיַין גרויסן באַשאַף! טאָ וואָס זשע האָסטו אויסגעקליבן מיך און נישט די מתמידים און לומדים? פאַרוואָס קומט עס מיר צו האָבן ביַי דיר מער חן אין די אויגן ווי זיי וואָס זענען מיך מבטל? ס׳מוז דאָך עפּעס זיַין דערביַי וואָס דו פאַרטרויסט זיך מיר און נישט זיי? הייסט עס, אַז איך... יאָ, איך... גרויסער גאָט!... דו מיינסט עס ערנסט? דו חוזקסט נישט פון מיר ווי יענע דאָרט?... בין איך עס טאַקע ווערט?...

ווי אַ קינד וואָס פרייט זיך מיט אַ שפּילצייַג, אַזוי האָט זיך איטשע מזיק געפרייט מיט זיַין אַנטפּלעקונג, מיט זיַין ניַיעם באַנעם פון זיַין אָרט אויף דער וועלט. פון גרויס באַגיַיסטערונג האָט ער געטון אַ נדר, געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט זיך אַליין: יעדן שבת וועט ער אַרויסגיין אין פעלד. דאָ קען ער באַנעמען זאַכן וואָס אין שטאָט דערגרייכן זיי נישט צו זיַין פאַרשטאַנד. אין די קאַלטע ווינטער־שבתים וועט ער אַכטיק געבן אַז דער אויוון אין בית־מדרש זאָל זיַין גוט גע־הייצט, די לערנערס זאָל זיַין וואַרעם. זומער וועט ער ברענגען עמערס קאַלט וואַ־סער אַז ייִדן זאָלן זיך דערקוויקן זייערע הערצער. אַן ווערטער האָט ווער אין אים געפּליסטערט:

— גוט אַזוי, איטשע, ווייל און ליכטיק וועט זיַין דיַין לעבן דערפאַר!...

און הויך אויפן קול האָט זיך איטשע מזיק צעזמרט ווי די לערנערס אין בית־מדרש:

— איך דאַנק דיר, גאָטעניו, ליכטיקער פאָטער אין הימל! מיט וואָס האָב איך זיך עס פאַרדינט ביַי דיר? איך וועל דיר אָפּדינען מיט מיצוות און מעשים־טובים... איך וועל דיר דערפאַר נישט בלייַבן קיין בעל־חוב... איך וועל דיר אָפּ־צאָלן מיט גאָלע גוטס, איך זאָל טאַקע ווערט זיַין דיַין גנאָד, דיַין גרויס חסד וואָס דו טוסט מיט מיר... וואָס דו האָסט זיך דערקענט אויף מיר, מיך אויפגעזוכט און דערהויבן אין דיַינע אויגן, כ׳זאָל קאָנען גיין איבער דער וועלט מיט אַן אויפגע־הויבענעם קאָפּ.

* * *

דער פריַיטיקצונאַכטס איז געשטאַנען אַ ליכטיקער און געטובלטער אין זיבן וואָסערן. ייִדן גייען שוין פון דאַווענען, פון די בתי־מדרשים, פון דער שיל, פון חסידים־שטיבלעך. עדות ייִדן ציִען איבער די שבתדיק־אויפגערוימטע געסלעך. פון אַלע זיַיטן הערט זיך:

— גוט־שבת, ייִדן!

— גוט־שבת, גוט יאָר!

אָסטראָווצער גאַסן שײַנען צניעותדיק און פֿרום. אין אַלע פֿענצטערלעך צאַפּלען זיך די שבת־ליכט. דער שײַן פֿאַלט איבער די שטעטלשע גאַסן און געס־לעך ווי אַ פֿײַערלעכע אילומינאַציע. די שכינה רוט אין יעדן הויז, און די מנוחה און שלווה בײַ יעדן שבתדיקן טיש.

איטשע מזיק איז ווי תמיד אַרײַנגעקומען אין זײַן שטוב מיט אַן אויפֿגע־רוימטן „גוט־שבת!" זײַן ווײַב איז געווען אָנגעטון אין אַ רביצין־קופּקע מיט ציי־טער־שפּילקעס און פּערל. זי האָט אויפֿגענומען דעם מאַנס „גוט־שבת" נישט פֿילנדיק קיין שום ענדערונג אין איר מאַנס אופֿן לעבן. גיכער האָט זיך איר אויס־געוויזן אַז זי האָט עפּעס פֿאַרהערט... ווײַל שטענדיק נאָכן „גוט־שבת", האָט ער עפּעס געפֿרעגט, געזאָגט אַ פּאָר ווערטער וואָס האָבן נאָך געהערט צום אינדער־וואָכן. נאָר באַלד איז איר עפּעס קלאָר געוואָרן פֿאַר וועלכן זי האָט זיך דער־שראָקן. איר מאַן האָט, אָנשטאָט צו רעדן, ווי אַלע מאָל, מיט אַ גראָבן וויץ, מיט אַ הלצהלע, דברי־חול; וואָס דער זאָגט אויפֿן רב און וואָס יענער זאָגט אויף דער רביצין — גענומען רעדן וועגן זאַכן וואָס זי הערט זיי ס׳ערשטע מאָל פֿון זײַן מויל זינט זי קען אים, נאָך פֿון ייִנגלווײַז אָן, נאָך פֿון פֿאַר דער חתונה.

שפּעטער, בײַ דער שבתדיקער סעודה, ווען די קינדער בײַם טיש האָבן גע־נומען דערציילן מעשׂות פֿון שטעטל, וועגן פּאַרטייען, מיסחר, פּרייזן פֿון תבואה, פֿויערן אויפֿן יאַריד און דאָס גלײַכן, — האָט איטשע מזיק גענומען טופּען מיט די פֿיס, דראָען מיט די פֿויסטן און שרײַען אויף די קינדער בײַם טיש:

— נו, אַ, דברים־בטלים!... שטיל זאָל זײַן! כ׳וויל נישט הערן אַזעלכע זאַכן בײַם שבתדיקן טיש! הײַנט איז שבת־קודש אויף דער וועלט! יעדעס וואָרט וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט דאַרף זײַן הייליק! דאַרף האָבן אין זיך קדושה!... איך וויל נישט הערן פֿון אַזעלכע זאַכן בײַ מײַן טיש! דברי־חול לאָזטס איבער אויף אַ גאַנצער וואָך! איר זאָלט זיי מער נישט אַרויפֿברענגען אויפֿן שבתדיקן טיש!...

די קינדער האָבן זיך איבערגעקוקט מיט צעשראָקענע אויגן און זײַטיק גע־קוקט אויפֿן טאַטן ווי ער וואָלט געווען חסר־דעה און פֿון דעמאָלט אָן אים גע־האַלטן פֿאַר אַן עובר־בטול וואָס רעדט שוין נישט צו דער זאַך.

* * *

יאָרן זענען געלאָפֿן. אַלע קינדער האָט איטשע מזיק חתונה געמאַכט. די באָרד זײַנע איז געוואָרן גרײַז־גראָ אין איינעם מיט די געדיכטע ברעמען־בערשט־לעך איבער די אויגן. די שטאָט האָט, ווי שטענדיק, ווײַטער חוזקדיק נאָכגע־

מאַכט זײַן מאָדנע אויפפירן זיך אין שבת, ווי ער וואָלט געווען אַ רבי, אַ צדיק. ייִנגלעך, לאָבוסלעך און אַפילו דערוואַקסענע האָבן אים, מיכלומרשט אומגערן, געשטופּט און געשטויסן, בכדי מע זאָל הערן זײַנע פּסוקים און פאַרשטעלטע תורה־רייד וואָס מ׳האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען.

איטשע מזיק האָט זיך נישט געמאַכט דערפון, און ווײַטער אין הייסע שבתים געבראַכט קאַלט וואַסער אין בית־מדרש אַרײַן, ייִדן זאָלן זיך דערקוויקן. זײַן פּנים האָט געשײַנט, ווען ער האָט געזען ווי ייִדן מאַכן אַ ברכה איבערן קאַלטן טרונק וואַסער וואָס ער האָט אַרײַנגעבראַכט. די אויפגעגאַנגענע פרייד אין אים האָט אַרויסגעקוקט פון זײַנע אויגן, ווי ער וואָלט דערגרייכט דאָס העכסטע גליק, וואָס אַ בשר־ודם קאָן דערגרייכן אויף דער וועלט.

יעדעס מאָל, ווען ס׳האָט זיך דערנענטערט דער שבת־בין־השמשות, אין די ווינקלען פון בית־מדרש האָט געגומען צאַפּלען דאָס לעצטע ביסל טאָגליכט און דורך די פענצטער האָט זיך געזען דער צעפלאַקערטער זונפאַרגאַנג, איז איטשע מזיקן געוואָרן טרויעריק אויף דער נשמה.

אין מערב־זײַט האָט דער הימל רויט געשרפהט ווי מע וואָלט ערגעץ ווו צעלייגט ריזיקע פײַערן, שײַטער־הויפנס. איטשע מזיקן האָט עס דעמאָלט פאַר־קלעמט בײַם האַרץ. דאָס הייצט מען איצט אײַן די קעסלען אין גיהנום, מע גרייט די קאַלך־אויוונס פאַר די רשעים. יענע דאָרט וועט מען באַלד ברענען און בראָטן, שמײַסן און קאַטעווען, און ער דאָ זיצט במנוחה בײַם טיש צוזאַמען מיט דער עדה ייִדן בײַ שלוש־סעודות און ס׳גיט זיי נישט צומאָל קיין טשעפּ, קיין ריר. מ׳עסט במנוחה ברויט מיט הערינג, וואָס דער בעקער, בערעלע יחיאל־טוביהס גרייט צו יעדן שבת צום טיש און ער אַליין, בערעלע בעקער, זיצט אויבן־אָן און פירט אָן מיטן כאָר. איטשע מזיק זינגט מיט, הייס, צעפלאַמט, התלהבותדיק איבערגעגנו־מען, ווי אַלע ייִדן. דאַרף עס טאַקע אַזוי זײַן אויף דער זינדיקער וועלט? קאָן זי טאַקע נישט קריגן קיין תיקון?

בערעלע בעקער פּרוּווט אַלעמען איבערשרײַען. אין מיטן זינגען קלערט ער שוין וועלכן פרישן ניגון צוצופּאַסן צום פרישן זמר. צו מייגסטן זענען די ניגונים פריילעכע, לעבעדיקע מאַרשלעך, אַנדערע ניגונים זײַנע פירן אַוועק אין די עול־מות־העליונים מיט זייער דביקות און געדעמפּטקייט פון די פאַרבענקטע טענער. ער פאַרגעסט אויף אַ ווײַלע אַז באַלד וועט ער מוזן הייצן זײַן אויוון, מע דאַרף זיך שוין באַלד שטעלן באַקן בייגל. ער שוועבט איצט אויף די פליגל פון געזאַנג. ער הערט נישט און זעט נישט וואָס אַרום אים טוט זיך. ער איז אין גאַנצן ווי אויסגעטון פון דער וועלט. זײַנע אַלע אבֿרים זענען דורכגענומען פון תענוג־נגינה וואָס פאַכעט צעפלאַטערט און צעפליגלט איבערן חלל פונעם בית־מדרש, רײַסט

זיך אין דרויסן אַרויס און שוועבט אַוועק ווײַט איבערן געסל און הויך צו די הימלען, ווי טשאַטעס זילבערנע טויבן.

* * *

צווישןביידע מיטלסטע פענצטער זיצט איטשע מזיק אַ צעוויגטער מיט געשלאָסענע אויגן. די ניגונים פלאַטערן איבער זײַן קאָפּ. טיף אין זיך בעט אי־טשע מזיק פאַר זײַן בני־בית, פאַר די קינדער מיט די אײניקלעך, פאַרן גאַנצן פאָלק ישראל, אויך פאַר די זינדיקע און געפּייניקטע, פאַר אַלע לײַדנדיקע, אויף דער גאולה־שלימה. נישט מיט קיין ווערטער, נישט מיט קיין געברום קומט אויף אין אים דאָס געבעט. דאָס שטומע געבעט גייט אויף אין אים ווי אַ זון־אויפגאַנג, אַט ווי ס׳איז אויפגעגאַנגען אין זײַן געמיט דעמאָלט אויפן פעלד, ווו ער האָט אָפּגעריכט התבודדות, זיך באַהאַפטן מיט דער גאַנצער תשוקה פון זײַן נשמה מיטן וווּנדערלעכן וועלטבאַשאַף, און צוריקגעקומען בין־השמשות אין בית־מדרש צו שלוש־סעודות מיט אַ נײַ שטום געבעט — אַ דערמונטערטער און געלײַטער־טער מיט דער רײַנקייט און פשטות פון אַ ייִד אַ למד־וואָווניק.

# ס׳וועט נישט גיין פאַרלוירן...

צווישן באַרגיקן געסל, וואָס ציט זיך פון טילנע און זאַטילנע, אַנט־קעגן דעם קליינעם בית־מדרשל און צווישן געסל־שיפּוע, וואָס פירט אין דער שוואַמער־גאַס צום רבס הויף; צווישן די צוויי באַרגיקע גאַסן שטייען עטלעכע הײַזער פון וואַנען עס הערן זיך קולות פון קינדער. דאָ וווינען די מלמדים פון שטעטל. אַ ביסל ווײַטער, ווו אַן אַלטער פאַרשימלטער פאַרקאַן נעמט אַרום אַ שטיקל הויף — לינקס בײַם אַרײַנגאַנג — לויפן הילצערנע שטיגן מיט אַ גאַניקל סאַמע אין דער הייך. דאָ וווינט דער לאַנגער דוויד, וואָס איז באַקאַנט אין דער גאַנצער שטאָט און אין אַלע שטעטלעך אַרום ווי דער באַזינגער און באַוויינער פון אַלע חתנים און כלות.

אַז מע קומט אַרויף צו דווידל בדחן און מע גייט אַרײַן אין זײַן וווינונג, טרעפט מען זיך אָן אויף אַ לאַנגער שמאָלער שטוב וואָס טונקלט אין דער טיף. רעכטס שטייט אַ טיש און לינקס בײַ דער ניימאַשין זיצט דער לאַנגער דוויד און גייט אַרויף פוטערנע קעלנער אויף פּאַלטנס. אין די יינגערע יאָרן האָט ער גע־אַרבעט שנײַדערײַ אויף אייגענער האַנט. איצט, ווען ער האָט שוין אַריבערגע־שפּאַנט די פופציקער, נעמט ער אַרויס בײַ שנײַדערס אונטערצונייען פוטערס, אַרויפגעבן פוטערנע קעלנער, און ווי אַ צולאָג צו דער פּרנסה דינט אים דאָס בדחנות, וואָס ער האָט עס ליב פּונקט אַזוי ווי דאָס שנײַדערײַ.

זיצט ער זיך אַזוי, ר׳ דווידל מיטן קאָפּל אויפן שפּיץ קאָפּ, מיטן פינגער־הוט אויפן מיטלסטן פינגער און שטופּט די נאָדל אינעם פעלענעם קאָלנער. אַז די נאָדל גייט נישט, קוויטשעט ווי ס׳וואָלט איר ווײ געטון, גיט ער מיט איר אַ רײַב אין די האָר אַהין־אַהער און זי לויפט שוין ווידער רויק מיט אירע נאָדל־שטעך אין די פעלעכלעך.

אַ ביסל ווײַטער, כמעט אין מיטן שטוב, זיצט בײַם גרויסן טיש דווידל בדחנס ווײַב, שיינדל־דינה, און קינטשעט אַרויס די שטיקלעך אַרבעט. פון מאָל

צו מאָל גיט זי אַ טיפן זיפץ, צו מיינסט ווען זי כאַפּט אַ בליק אויף די ווענט, ווו ס'הענגען די בילדער פון אירע זין מיט זייערע ווײַבער און קינדער; אירע אייניקלעך, וואָס זי קען זיי נאָר פון די בילדער. דאָס האַרץ פאַרקלעמט איר אַזוי, קוקנדיק אויף זיי, אַז זי וואָלט זיך צעוויינט אָט דאָ בײַם טיש.

— דו וויינסט שוין ווידער? — פרעגט איר דער מאַן מיט זײַן באַסאָוועד שטים — וואָס וועסטו אויסוויינען פרעג איך דיך? אַ גוט יאָר?

— יאָ, — גיט זי אַ שאָקל מיטן קאָפּ, — איך וויין שוין ווידער.

זי ווענדט אָפּ דעם קאָפּ פון דער וואַנט און טוט זיך ווײַטער איר אַרבעט וואָס זי באַגלייט מיט זיפצן און שלוכצן.

ווען דער לאַנגער דוויד גייט אין גאַס ווײַזט ער זיך אויס ווי אַ גרויס־האַלטער ווײַל זײַן גאַנג איז אַ געשטרעקטער. זײַן אַשיק־גראָ בערדל איז ציכטיק פאַרקעמט, זײַן בליק לויפט פאָרויס, ווי ער וואָלט קיינעם אַרום זיך נישט גע־זען. דאָס איז אָבער נישט צוליב דעם וואָס ער בלאָזט פון זיך. דאָס פילט ער ווי ס'ריזלען אין אים ניגונים און ווערטער, די גראַמען גאַלאָפּירן אין זײַן מוח ווי אַ פּאָר צעבריקעוועטע פּאָטשטאָווע פערדלעך, ער קאָן זיי קוים אײַנהאַלטן, צוימען.

אָט איז מאָרגן אַ חתונה. ווי נאָר מע וועט אים דערזען וועט מען פון אים פאָדערן:

— נו, ר' דווידל בדחן, ווײַזט עפּעס וואָס איר קענט!

— עפּעס אַ נײַע זאַך, ר' דווידל!

— ס'זאָל געבן אַ נעם! אָט אַזוי ווי איר קענט!

בײַם בדחן אין קאָפּ נעמען זיך מישן די ווערטער, טרויעריקע, האַרצרײַסנ־דיקע, מע דאַרף דאָך עפּעס מאַכן וויינען חתן־כלה, מחותנים און סתם ווײַבער פאַר דער חופּה. וואָס מער זיי וועלן וויינען אַלץ מער וועלן זיי צאָלן. און אַזוי גייענדיק גיט ער זיך אַ צעזאָג מיט זײַן בדחניש טענדל:

אוי, כלהשי, כלהשי,
זאָלסט זיך נישט פאַרלירן
באַלד וועט מען דיך צו דער חופּה פירן.

און אָט גיבן די בליצלאָמפּן אַ בלענד פאַר די אויגן צוזאַמען מיטן צירונג אויף ווײַבערישע הענט, העלדזער און קעפּ. ס'שאַרכן אויף די זײַדענע און טאַפּ־טענע קליידער מיט די בריליאַנטענע שפּילקעס אין די שײַטלען און קופּקעס. ר' דווידל שטייט אויף אַ בעלעמער אין דער זײַדענער קאַפּאָטע און דערלאַנגט לשון מיט זײַן שאַרף געשליפן בדחניש צינגל. אין אַרום די קלעזמאָרים האַלטן אים אונטער, גלײַך ווי ס'וואָלט זיך צערוישט און צעריזלט אַ צעכוואַליעטער טײַך.

די שורות מיט די גראַמען שטראַמען צוגעפּאַסטע לויט די נעמען פון די מחותנים, מישפּחה — פון לעבעדיקע און געשטאָרבענע, וואָס ווערן אײַנגעלאַדן אויף דער שימחה, אַז ס׳קאָן רירן אַ שטיין. אַלץ גאַפט און האָרכט. אַלע זענען זיכער אַז די טויטע זענען טאַקע דאָ צוזאַמען מיט אַלע, געקומען זיך מיטפרייען מיטן יונגן פּאָר. די לאַמפּן און די ליכט שײַנען העל און ס׳דאַכט זיך ווי זיי וואָלטן זיך נאָך העלער צעצונדן. דאָס מתיקותדיק קול, וואָס קומט אַרויס פונעם הויכן געשטרעקטן בדחן מיטן גראָלעכן בערדל, נעמט אַרום אַלץ און אַלעמען. דאָס שוועבט אַזוי ר׳ דווידל בדחן אין די עולמות־העליונים. די קלעזמאָרים, וואָס העלפן אים מיט, ווייסן גאָרנישט אַז מיט זייערע פידלען, טראָמפּייטן און פלייטן שטופּן זיי אָפּ זײַן וואָכעדיקן אומעט, זײַנע זאָרגן, זײַן גראָ שנײַדעריש לעבן פון אונטערנייען פוטערס און אַרויפגעבן קעלנער אויף וואַטאָווע שפּענצערס און מאַרינאַרקעס.

שוין צומאָרגנס נאָך דער חתונה פאַרשווינדט דער גאַנצער יום־טוב און ס׳טרעט צוריק אַרײַן דער פּראָסטער אינדערוואָכנס ווי קיין מאָל גאָרנישט. די וואָך גיט אַ לויף אָפּ ווי ס׳רעגן־וואַסער אין פרילינג. שבת אין דער פרי, ווען אַלע שלאָפן נאָך און מע דאַרף זיך נישט אויפהייבן צו גיין צו דער אַרבעט, קאָן זיך ר׳ דווידל פּאָרט נישט פאַרגינען דאָס ביסל רו. עס הייבט אים פון געלעגער. ערשטנס, בענטשט מען הײַנט ראש־חודש טבת. וועט ער מוזן זײַן אין שיל, ווײַל אַלץ — קינד און קייט — קומט הערן דעם חזן אין דער אַלטער הילצערנער שיל. צווייטנס האָט ער שוין אַ שפּאָר שטיקל צײַט נישט געזאָגט קיין קאַפּיטל תהילים. ווי לאַנג ס׳איז דאָ דאָס ביסל אַרבעט אין סעזאָן איז מען אַ פאַרקויפטער מענטש. לייגט מען אָפּ אויף שפּעטער. און אויב נישט שבת טאָ ווען?

דער דרויסן איז אויסגעבעט מיט אַ ווײַס־בלאָען שניי, וואָס איז אויסגע־פאַלן איבער נאַכט און האָט אַלץ אײַנגעהילט און פאַרדעקט. ר׳ דווידל שטעלט די ערשטע טריט אינעם טרוקענעם שניי וואָס סקריפּעט אונטער די פיס. ער טרעט אויס אַ וועג פון זײַן שטוב צום בית־מדרש, וווּ ייִדן זענען שוין פאַרזאַמלט אַרומען קאַכלענעם אויוון און וואַרעמען זיך מיט אַ מחיהדיקן „אַ־אַ־אַ!“. די וואַ־רעמקייט צעגייט אין יעדן אבר...

די הילצערנע שיל איז פול מיט מענער, אַלט און יונג. דורך די קליינע היל־צערנע קראַטן־פענצטערלעך קוקן אַרויס די ווײַבער. הערן זיך אײַן ווי דער חזן מיט זײַנע משוררים זינגען די חיימס פון ראש־חודש־בענטשן. אַלע קוויקן זיך מיט די שיינע חסידישע קאָמפּאָזיציעס און האַרמאָניש־אײַנגעזונגענע פאַרשידע־נע שטימען וואָס בילדן דעם כאָר. ווי דער געברום פון צעוויגטע ביימער אין שטורעם טראָגט זיך די באַסשטימע פונעם לאַנגן דוויד. ווען ער ענדיקט דאָס דאַ־ווענען טראָגן זיך יישר־כּוחס צום חזן און צו ר׳ דווידן, וואָס לייגט פּאַוואָליע צונויף דעם טלית, מיטן בליק זײַנעם פאַרויס ווי תמיד, בעת ס׳לויפט אין אים אָן

דער שטראָם פון שורות וואָס שטעלן זיך אויס צום גראַם. אויך איצט האָט זיך אַ ליַיטזעליקייט צעלייגט אויף זײַן פּנים. אין זײַן געדאַנק זענען אויפגעשווומען געגראַמטע ווערטער:

„יישר־כוח, ר׳ דוויד,
איך בין זייער צופרידן,
איר האָט געזונגען מיט האַרץ —
אַ פאַרגעניגן צו הערן.
נאָר וויסן זאָלט איר,
מײַנע טײַערע ייִדן,
אַז פון „יישר־כוח" אַליין
קאָן מען קיין שטוב נישט דערנערן..."

די ווערטער גייען אויף אין אים אין געאָרדנטע רייען, ווי פון זיך אַליין, און באַגלייטן אים אויפן גאַנצן וועג ביז ער קומט צו זיך אין שטוב אַרײַן מיט אַ ברייטן „גוט־שבת".

ער האָט געטראָפן זײַן ייִנגסטן זון, אברהמעלע, שטיין בײַם טיש אַ פאַר־קלערטן אין מיטן ברומען אַ ניגון פון אַ נײַ ליד וואָס זײַן ברודער פון אַמעריקע האָט אים געשיקט צוזאַמען מיט די נאָטן.

דער גלאָץ פון די אויגן בײַ ר׳ דווידן איז געווען אַ בייזער ווען ער האָט געזען זײַן זון אַ פאַרטועגעם אין די נאָטן:

— הער נאָר, תכשיט, האָסט שוין הײַנט געדאַוונט, צי דו קלײַבסט זיך ערשט גיין דאַווענען?

די טענה איז נישט דערגאַנגען צום הויכן דאַרן אברהמעלע מיט די ברילן אויף דער לענגלעכער נאָז און מיטן לויפנדיקן קנאָפּ, וואָס קוקט אַרויס פון זײַן דינעם האַלדז, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט אַראָפּשלינגען נאָר ס׳גייט נישט דורך דורך דער קעל. ער איז געשטאַנען ווי נישט אים מיינט מען. ער האָט גוט געקענט זײַן טאַטנס טבע. באַלד וועט אים איבערגיין דער כּעס.

נאָר אַז אברהמעלע האָט נאָך דער שבתדיקער סעודה גענומען זינגען הויך אויפן קול מיטן באַנגלעך־טרויעריקן ניגון: „אויף וועמענס מזל קלאָגט אַזוי דער רעגן?" איז אויך דווידלען אַליין אַדורך אַ ציטער איבערן לײַב, גלײַך ווי מוראש־קעס וואָלטן אים געקראָכן אונטער דער הויט. כאָטש זײַן ווײַב האָט אים שוין עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז ער זאָל זיך גיין צולעגן נאָכן עסן, כאַפּן אַ דרעמל, ס׳איז דאָך שבת: — גיי, דווידל, כ׳האָב דיר אָרײַנגעלייגט אַ וואַרעמען ציגל אין בעט, גיי, כּלעבן, דערוואָרעם זיך אַ ביסל! — איז עס אים אין איין אויער אַרײַן און פון אַנדערן אַרויס. דער נײַער ניגון מיט די האַרציק־אומעטיקע שורות האָבן

אים צוגעפירט צום זון, אים געשטעלט אין איין ריי מיט אברהמעלען, אוןביידע — דער טיפער באַס און דער יונגער באַריטאָן — האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין האַרמאָנישער גאַנצקייט.

ר׳ דווידל האָט געפילט ווי ער וואָלט עפּעס יינגער געוואָרן; אַז ער קריגט נאָך בײַם לעבן אַ תיקון. זײַן זון אברהמעלע טראָגט אין זיך זײַן האַרציק קול־נגינה דאָ, אין קליינעם שטעטל, און זײַן טאָכטער שרהלע דאָרט אין דער גרויסער שטאָט קלאָגט אויס מענטשלעכע לײַדן, יידישן צער און ביטחון אויף דער טעאַטער־בינע פאַר טויזנטער צוהערער. דווידל בדחן ליגט זיי אין די בלוטן. אפשר וועלן די אייניקלעך און אוראייניקלעך אויסזינגען דאָס שיינע לעבנסליד וואָס ער האָט נישט געקענט און נישט באַוויזן, ווײַל ער האָט נישט געטאָרט... דער עול פון לעבן האָט אים נישט דערלויבט, דאגות פרנסה האָבן אים נישט געלאָזט זיך אָפּגעבן מיט העכערע זאַכן, מיט שאַפן גרויסע קאָמפּאָזיציעס צום פּיוט, צום תהילים וועגן וואָס ער האָט געחלומט אַ גאַנץ לעבן.

שטייט דער טאַטע מיטן זון בײַם פענצטער, קוקן אַרויס אין דרויסן אויפן ווײַסן ליכטיקן שניי, וואָס ליגט אַזוי הויך, און ביידע זינגען זיי אײַן „צי אפשר אויף מײַן מזל קלאָגט אַזוי דער רעגן?“ אמת, ר׳ דווידלס בערדל איז שוין גראָ־לעך צו ביסלעך. ער איז נאָך אָבער אין די מיטעלע יאָרן. ער האָט נאָך פאַר זיך אַ גאַנצע וועלט. און זײַן זון אברהמעלע, ער איז נאָך גאָר אַ יינג בחורל. זײַן, דווידלס, קול גייט טיפער, דעם זונס קול — העכער, ביידנס שטימען צוזאַמען קאָנען רירן אַ שטיין. און אַ צופרידנקייט נעמט אַרום זײַן גאַנץ לײַב־און לעבן. זײַן געזאַנג האָט ער איבערגעגעבן אין די בלוטן פון זײַנע קינדער, וואָס וועלן עס צעטראָגן איבער דער וועלט... ס׳וועט גאָרנישט גיין פאַרלוירן...

# זאַלמעלע באַלעגאָלע

יעדן אינדערפרי, ווען מ׳הערט ס׳געטראַסקערײַ פון רעדער באַגלייט מיט פאַרשידענע געשרייען, ווייסן שוין אַלע, אַז דאָס פאָרן זיך צונויף די באַלעגאָלעס פון דער שטאָט. יעדער קומט זיך פון זײַן גאַס מיט זײַן פערד און וואָגן און מיט זײַן אייגן געשריי. אַ סך טראָגן נאָך ייִדישע היטעלעך מיט לאַנגע קאַפּאָטעס וואָס זייערע פּאָלעס זענען פאַרשטעקט אין די גראָבע שטריק אַרום זייערע לענדן. די ייִנגערע טראָגן שוין קורצע מאַרינאַרקעס מיט ליציפּעטן. אָנשטאָט צו גיין דאַווענען — שטייען זיי אין חנה־רבקהס געוועלבל, כאַפּן אַרײַן עטלעכע כוסות און רעדן שוין וועגן זאַכן וואָס מע מוז זיך דערבײַ אַרומקוקן פריִער צי עמעצער הערט זיך נישט אונטער.

גאַנץ שפּעטלעך, ווען די זון רוקט זיך שוין כמעט צום מיטן מאַרק און אַלץ אַרום פילדערט מיט האַנדל, מיט קליינע און גרעסערע פאַרדינסטלעך — הערט זיך אַ טומל און ייִנגלשע געשרייען. דאָס קומט אָן מיט אַזאַ פּאַראַד דער באַלעגאָלע זלמן פּאָמליטשקאָ. ס׳פערדל זײַנס — אויסגעדאַרט, מיט צוויי שפּיציקע ביינער פון הינטן — שלעפּט דאָס צעפּאָרענע וועגעלע מיטן האַלבן טוץ ייִנגלעך... זאַלמעלע אַליין גייט צופוס. טאָמער פרעגט ווער: וואָס איז די חכמה? ווייסט זאַלמעלע בײַ זיך, אַז דער וואָגן איז ליידיק — זאָלן זיי פאָרן, די לאָבוסעס. אָבער ס׳מאַכט זיך, אַז מע דאַרף פירן עטלעכע זעקלעך רײַז אָדער צוקער, טאָ ווער וועט אונטערשטופּן אויב נישט דאָס קליינוואַרג?

שטייט ער זיך, זאַלמעלע — אַ קליינטשיקער מיט אַ קינדיש פּנימל, וואָס איז באַזוימט מיט אַ שיטער רויטלעך בערדל און געדרייטע פּיאות — שטייט און קוקט ווי ס׳קליינוואַרג שטופּט אונטער ס׳וועגעלע מיט אַ פורמאַנסקען „האָאָפּ!״ ער פאַרשטעקט נישט זײַנע פּאָלעס אינעם גאַרטל, ווײַל ער טראָגט נישט קיין שטריק אויף זיך. די קאַפּאָטע ליגט אויף אים מיט איר גאַנצער לענג. אויך מיט די איבעריקע באַלעגאָלעס רעדט ער נישט. ער רעדט צו קיינעם נישט, אויסער צום ריבונו־של־עולם און להבדיל אלף הבדלות צו זײַן פערדל...

זאַלמעלע האָלט בכלל נישט פון אונדזער טומלדיק וועלטל. אַזוי אַ שטייגער, וועט ער קיינעם נישט מקנא זיין. מעג עס זיין דער שענסטער באַלעבאָס פון שטאָט. וואָס מישטיינס־געזאָגט איז געלט? מענטשן זאָלן נאָכגעבן דעם יצר־הרע; אָדער וואָס איז אַז מ׳האָט שוין הייזער און שלעסער, אַז מע מוז אַלץ איבערלאָזן און גיין ווען מע רופט. אַ שטייגער, זיין דאָר פערדל און אַלע איבעריקע באַשעפענישן זענען זיי דען נישט קיין גילגולים, וואָס קומען נעבעך אָפּ אויף דער וועלט פאַר זינדיקע נשמות? אַיי, די גאַנצע וועלט טראַכט נישט וועגן דעם, — שטייט ער, זאַלמעלע, אין מיטן אַסטראָווצער מאַרק און טראַכט גראָד יאָ און זעט נישט דערביי ווי יונגע שאַלטיקעס רייסן האָר פון זיין פערדס וויידל, צו מאַכן פון זיי סטרונעס צו פידלען.

— אַיי, אַיי, גאָט־ט־ט! — גיט זאַלמעלע אַ געשריי און פילט ווי זיין גאַנצער גוף גיט אַ פּלאַטער, ווי ס׳האַרץ וואָלט זיך דערקוויקט מיט אַ טייער מאכל. ער גיט זיך דערביי אַ שטעל אויף די שפּיצן פון זיינע מיט טראָן אויסגעשמירטע שטיוול, ווי ער וואָלט אונטערגעשפּרונגען קדוש... ווער פילט נאָך אַזאַ תענוג אויף דער זינדיקער וועלט, ווי זלמן, ווען ער צעקרעכצט זיך מיט האַרץ און נשמה?... לעצטנס האָט זלמנען עפּעס פאַרקלעמט ביים האַרצן. ווי תמיד, פּריי־טיק פאַרנאַכט, ווען ער פאַרנעמט זיך אַהיים און גרייט זיך מקבל זיין די מלכה שבת, איז עפּעס מיט זיין פערדל נישט גלאַטיק. ווי אויף צו להכעיס וויל זיך עס נישט רירן, גלייך ווי ס׳וואָלט געווען צופרידן און פאַרשטאַנען זיך צו רייצן מיט זיין באַלעבאָס.

— נו, — בעט זיך זאַלמעלע, — גיי שוין! ריר זיך! זעסט דאָך ס׳איז שוין באַלד שבת.

נאָר וואָס ווייסט אַ פערדישער קאָפּ: ניין און ניין! זאָגט דאָס פערדל. עס רירט זיך נישט און טו אים עפּעס. וויל ער דערלאַנגען מיטן בייטשל איבערן פערדס רוקן, פאַרקלעמט אים ס׳האַרץ. ווי מעג מען שלאָגן אַ באַשעפעניש! דער־צו נאָך ווען עס העלפט דיר אין דער פרנסה. שטייט ער זלמן אַן אומבאַהאָלפע־נער און ס׳שטיקן אים די טרערן. שווער צו וויסן ווּעמען זלמן באַוויינט — זיין גורל, זיין ווייב און טאָכטער, וואָס ווערן יעדן פאַרטאָג אויסגעריסן און פאָרן מיט אים פון דאָרף צו דאָרף קויפן מילך, בכדי ס׳זאָל זיין די פּאָר זלאָטעס אין שטוב. העשעט ער, אָכצט און קרעכצט, וויינט אויס אָן איבעריקע רייד זיין גרויסן אין טיפן צער.

* * *

שבת, אין די ערשטע טעג פון חודש טבת, כאַטש דער קליינער, מידער גוף בעט זיך, אויף זיין שטייגער, מיט שטעכעניש, מיט ברעכעניש, מיט אַ בלייִקער שווערקייט: — ליג נאָך אַ ביסל אינעם וואַרעמען בעט, רו זיך אויס, וואַרעם

זיך אויס פון גאַנצע טעג פרירן אין דרויסן — עגבערט דער מוח: שבת היום! ס׳וואַרטן מיצוות... קריכט ער אַרויס פונעם בעט, טוט זיך אָן די זײַדענע זשי־פּעצע מיטן סאַמעטענעם היטל, זאָגט אַ פּאָר יידישע ווערטער און פאַרגעסט נישט דערבײַ אָנזאָגן זײַן טאָכטער, זי זאָל נישט פאַרגעסן אין זײַן פרנסה־העלפער. זי זאָל זען צו געבן דעם פערדל אַ טרונק און עסן.

זלמן, ווי זײַן טבע, גייט נישט, כאַטש זײַן גוף וועגט אַ לויט, גרינג ווי אַ פעדער, נאָר ער שלעפּט זײַנע פיס. ווייסן שוין שכנים, אַז דאָס איז ער, זייער שכן, דער „וועקזייגער״. יעדער דעקט זיך צוריק אײַן צו שלאָפן לענגער דעם שבתדיקן שלאָף. אַ ווײַסע וועלט באַגעגנט ער און נעמט זיך אַרומקוקן ווי ער וואָלט קיין מאָל די גאַסן נישט געקענט. שטייט זיך די ברייטע אַלייע אָן אומ־באַרירטע, אַ צוגעדעקטע, ווי אַ כלה פאַר דער חופה מיט איר ווײַסן שלײַער. קיי־נער קומט נישט פון ערגעץ און קיינער גייט נישט איצט אויסער ער, זלמן, מיט זײַן בנעימותדיק טרײַטעלע ווי שבת נאָכמיטאָג אַ ייִד, וואָס גייט דינען דעם בורא־עולם בכל לבבך.

* * *

— מאַמע! — איז פּעסל, זלמנס טאָכטער, אַרײַן אין שטוב מיט אַ גוואַלד — ס׳פערד איז געפּגרט!

— אוי, ווי איז מיר! — איז שיינדל געוואָרן צעטראָגן — וואָס טוט מען?

מאַמע און טאָכטער האָבן זיך געבראָכן די הענט און נישט געוווּסט וואָס מע הייבט אָן צו טון. דערווײַל זענען אָנגעלאָפן שכנים, געבליבן שטיין בײַם הילצערנעם גרויסן קאַמער, ווו ס׳איז געלעגן מיט די פיס פאַרוואָרפן ס׳גלע בײנערדיקע פערדל. זיי האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ, גערעדט צווישן זיך און יע־דער איז אַוועק צו זיך אין שטוב.

— גוט שבת! — איז זלמן געקומען שוין נאָך האַלבן טאָג און זיך געוואַשן וואַשן, מאַכן המוצא. עפּעס האָט ער דערקענט, אַז ס׳איז נישט אַלץ ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן. די טאָכטער איז פאַרוויינט; ס׳ווײַב — דעסגלײַכן, פאַרזאָרגט, ווי די שיפן וואָלטן איר אונטערגעגאַנגען.

— וואָס איז? — האָט ער געפאַרשט מיט זײַנע בליקן.

מאַמע און טאָכטער האָבן זיך איבערגעקוקט, נישט געוואָלט מצער זײַן זלמנען. האָבן זיי געזוכט זאָגן תירוצים און געוואַרט די נאַכט זאָל צופאַלן. אָן אייביקייט האָט זיך געצויגן דער האַלבער טאָג. מאַמע און טאָכטער זענען פול געווען מיט ווייטיק. זיי האָבן מקנא געווען דעם טאַטן וואָס ער ווייסט נישט פונעם אומגליק. ער איז זיך דאָרט רויק געזעסן צווישן אַלע ייִדן אין בית־מדרש בײַם שלוש־סעודות און בנעימותדיק מיטגעזונגען די שבת־פאַרנאַכטיקע זמירות אויסגעטון פון אַלע דאגות, פון אַלע וואָכיקע זאָרגן.

שיינדל האט ווי יעדן שבת געקומען זאָגן „גאָט פון אברהם", נאָר מיט מער צעבראָכנקייט. זי האָט דערבײַ קוים אײַנגעהאַלטן דעם קוואַל פון טרערן, וואָס האָט איר געקומען שטיקן אין האַלדז. מע טאָר נישט פאַרשוועכן דעם הייליקן שבת וואָס גייט אַוועק. אַ נײַע וואָך קומט אָן וועט זי אפשר זײַן מזלדיקער ווי די פאַרגאַנגענע וואָך — מיט ברכה און הצלחה.

די טאָכטער אירע, פעסל, איז געזעסן שטיל מיט פאַרלייגטע הענט אויף דער בריסט, נאָכגעזאָגט אין זיך די הייסע געבעטן פון דער מאַמען און געטראַכט פון פערדל וואָס ליגט דאָרט אין הילצערן קעמערל מיט אויסגעצויגענע קאָפּיטעס און אַרויסגעזעצטע אויגן.

זיי האָבן ביידע נישט געזען ווען זלמן איז אָנגעקומען פון בית־מדרש. די מאַמע ווי די טאָכטער זענען געזעסן פאַרטראַכט קוקנדיק דורכן פענצטער צי ס'זעט זיך נאָך נישט קיין שטערן. ערשט זלמנס „גוטוואָך" האָט זיי אויפגעוועקט פון די מחשבות:

— גוטוואָך, גוט יאָר...

האָבן ביידע געענטפערט און מער נישט גערעדט קיין וואָרט בלײַבנדיק ווײַטער אַזוי זיצן אין דער זעלבער פּאָזע ווי פריִער.

זלמן האָט געמאַכט ליכטיק און זיך גענומען פאַרען בײַם דעמבענעם קרעדענצל ווו ס'איז געשטאַנען דאָס זילבערנע בשמים־ביקסל צו מאַכן הבדלה. ער האָט אָנגעצונדן די צוויי געפלאָכטענע דרײַקאָליריקע ליכט און נאָכן זאָגן דעם קידוש געטרונקען זײַנע הענט אינעם איבערגעגאָסענעם ראָזשינקע־ווײַן און זיי באַסע געשטעקט אין די קעשענעס, ס'זאָל זײַן מזל־ברכהדיק אויף דער פולער וואָך.

אַ שיינע פּאָר מינוט האָט אָנגעהאַלטן אַ ווייטיקלעך טשילשווײַגן, ביז מאַמע און טאָכטער האָבן אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין און דערציילט זלמ:ען וואָס ס'האָט זיי געטראָפן. אַ קאַלטער שווייס האָט זלמנען באַגאָסן אויפן גאַנצן לײַב. ער האָט גענומען שטאַמלען ווערטער אָפּגעבראָכענע, פרעגנדיקע, שטוינענדיקע, תרעומותדיקע. ווערטער וואָס האָבן זיך געלייגט ווי שפּיציקע שטיינדלעך אויף דער צונג. ער האָט געגעבן אַ לויף צו דער טיר, זיך פאַרהאַלטן אַ רגע און ווידער געלאָפן צוריק ווי חסר־דעה. גלײַך האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שבתדיקע מוכענע קאַפּאָטע און אָנגעטון דאָס וואָכעדיקע כאַלאַטל און אַרויס אין דרויסן. ווען ער איז צוגעקומען צו דער גרויסער שטאַלטיר איז ער רויקער געוואָרן, געשטאַנען שטום און באַטראַכט דעם אויסגעצויגענעם טויטן פערדישן גוף וואָס איז געלעגן מיט די פאָדערשטע פיס פאַרדרייט ווי פון אַן אינערלעכן קראַמפּ־האַפטיקן ווייטיק, ווי צוויי אויסגעבויגענע פרעגצייכנס:

— האַ, וואָס זאָגסטו נישט צו דעם, באַלעבאָס מײַנער? פריִער האָט דיר

גישט געטויגט, נו און איצטער איז דיר שוין בעסער? דיר ווי דיר, אָבער מיר זיכער.

זלמן האָט דערפילט אַז עפּעס ווערט אים לויז בײַם האַרץ. דאָס האָט אַזוי געווירקט אויף אים דעם פּערדס טויטע פאַרגליווערטקייט מיט די שטאַרע פאַרגלייזטע אויגן.

ווי דאָס פינצטערע מזל שפּילט אים צו! אָט, אַז זלמן האָט שוין ליגן די פאַר זלאַטעס, ווי ס'מאַכט זיך מיט זײַן איינציקער טאָכטער אפשר אַ שטיקל שידוך — נאָ, קומט אַ צרה און זאָגט לאָ! נאָר אַז ס'ווײַב האָט גענומען וויינען הויך אויפן קול, איז זלמן געוואָרן בײַ זיך עפּעס שטאַרק און אַ געשריי געטון:

— גענוג! וויין נישט, ידענע, מע טאָר נישט... יעדער מענטש און יעדע חיה, אַלע גאָטס באַשעפענישן זענען אויסגעשטעלט צו דעם! שוין גענוג אָפּגעקרענקט אויף דער וועלט. אפשר, — האָט ער גענומען רעדן ווייכער, מיט האַרץ, — אפשר איז חלילה עפּעס געהאָנגגען איבער אונדזערע קעפּ? זאָל עס זײַן אַן אָפּקומעניש פאַר אונדז אַלע, פאַר אונדזער מישפּחה און פאַר כל ישראל... — האָט ער אויסגעצויגן ביידע הענט צום הימל: ה' נתן, ה' לקח.

שיינדל האָט זיפצנדיק נאָכגעזאָגט איר מאַנס ווערטער, ווי ווײַבער אין שיל זאָגן נאָך דעם חזן: — אַן אָפּקומעניש פאַר אונדז און פאַר כל ישראל, אָמן!

# צוויי ברילאַנטן

אַ זומערטאָג אין אַסטראָווצע. די פרימאָרגן־ווינטעלעך טראָגן אָן פרישע ריחות פון די פעלדער. די פאָרשטאָט נעמט זיך וועקן. ס׳הערט זיך אַ שאַרפער סקריפּ פון אַ טיר און שווערע טריט. דער טרעגער בערל טשאָטשקע האָט זיך געוויזן אויף דער גאַס פאַרן טויער. ער האָט אײַנגעאָטעמט אין זיך די מחייהדיקע לופט און פאַרהויבן צו די טיפבלאָע הימלישע געוועלבן זײַן גרויסן קײַלעכיקן קאָפּ אָנגעטון אין ייִדישן שוואַרצטוכענעם היטל. אַ הייסער ליוב גייט אין אים אויף צו דעם וואָס לעבט אייביק, אַ צופרידנקייט אַזאַ, אַז ער וואָלט זיך מיט זײַן גרויסן שווערן גוף געגעבן אַ צעטענצל אַז הימל און ערד זאָלן מיט־שווינדלען אין געדריי. נאָר אָנשטאָט אַן אויפגעשריי פון התפּעלות רײַסט זיך אַרויס פון זײַן ברייטן ברוסטקאַסטן אַ טיפער שווערער זיפץ. דאָס האָט זיך אָפּ־גערופן אין אים דער פאָטערלעכער צער וואָס זײַנע קינדער זענען אַוועק אין ווײַטע לענדער, מעבר־לים, עק וועלט.

בערל טשאָטשקע נעמט שפּאַנען איבערן שמאָלן געסל מיט זײַן שענקלדיקן טרעגערשן גוף צעוויגט איןביידע זײַטן ווי די גאַס וואָלט געווען זײַנע. איבערן וועג טראָגט ער אַנטקעגן גוטמאָרגנס די פאַבריק־אַרבעטער וואָס קומען אָן מחנות־ווײַז פון אַלע זײַטן. ער גייט באַרג־אַרויף סאָפּענדיק שווער. פון איין זײַט ציט זיך דער טונקעלער פּלויט איבער וועלכן ס׳הענגען אַריבער געדיכט־באַבלעטערטע צווײַגן פון אַלטע קאַשטאַנביימער. דורך שפּאַרונעס קריכן גראָזן וואָס ציִען זיך אויף אַרויף ביז צו דער טומאה.

אַזוי שפּאַנענדיק אינעם שמאָלן קלויסטערגעסל, וואָס פירט צום גרויסן שטאָטמאַרק, ווערט בערל וואָס אַמאָל מער אומגעדולדיקער און אײַליקער ווי ער וואָלט דאָס גאַנצע געסל שוין געוואָלט האָבן הינטער זיך. ער דערפילט אַ מיד־קייט פונעם אײַליקן באַרג־אַרויף. דאָך אין מאַרק באַווײַזט ער זיך אַ רירעוודיקער

מיט דער גרינגקייט פון אַ יינגל. ער שלעפּט נישט, ווי אַנדערע אין זײַנע יאָרן, דעם אויסגעהאָרעוועטן גוף, ווי אַן אַלטע קלאַטשע שלעפּט דעם וואָגן פון אַ בלאָטע אַרויס. אויפן מאַרק איז ער שטענדיק דער ערשטער אויף צו הייבן אַ פּעקל. ער גיט עס אַ כאַפּ אויפן אַקסל, ווי שווער ס׳זאָל נישט זײַן, מיט דער גרינגקייט פון אַ פּעדער.

באַלד אין דער פרי, נאָך איידער ס׳איז דאָ עפּעס צו טון, האָט ער ליב צו שטיין און צו קוקן ווי די טשאַטעס טויבן גיבן זיך אַ הייב און אַ פלאַטער אין דער לופטן, מאַכן קרײַזן פאַרלעכווײַז איבערן מאַרק און גיבן זיך מיט אַמאָל אַ לאָז אַראָפּ קלײַבן די תבואה־קערנער וואָס ליגן צעשאָטן נאָכן דאָנערשטיקן יאַריד.

ער איז אַ גרויסער בריה נאָכצומאַכן פאַרשידענע בעל־חי. ער שאַרט זיך קאַטשקעדיק, גאַנערט ווי אַ האָן און וואָרקעט ווי אַ טויב. ווען די טויבן זענען פאַרנומען מיטן זוכן רוקט ער זיך פאַמעלעך צו צו זיי און צעוואָרקעט זיך מאַמעדיק, ווי ער וואָלט זיי אַלע גערופן זיך צו זאַמלען אַרום אים. די טויבן פאַררײַסן זייערע קעפּלעך, דרייען זיי אויף אַלע זײַטן מיט די ראָזע שנעבעלעך און וואַרטן ער זאָל שוין נעמען שיטן די ברויטקרישקעס וואָס ער שאַרט צונויף פון זײַן טיש אין טיכעלע אַרײַן פאַרן גיין אויפן מאַרק.

דער צעוואַקסענער ברייטפּלייציקער גרײַזגראָער ריז איז איצט אַליין מילד און גוט ווי אַ טויב: — אררר... אררר... וואָרקעט ער אונטער און גייט נאָך די צעהאָפּסלטע זילבערבלאָע טויבן וואָס אײַלן צו און אײַלן אַוועק צעוויגטע אויף זייערע דינע ראָזע פיסלעך.

ווען ער האָט זיי שוין געגעבן אָפּצועסן די שריים, שוין אויסגעקראַצט די לעצטע קרישקעס און זיי ווילן נאָך אַלץ נישט אָפּטרעטן פון אים — גיט ער אַ פאַרשטעק אין מויל צוויי פינגער פון זײַן מאַסיווער האַנט און אַן אויסגעצוויגענער פײַף שנײַדט דורך די לופט. די טויבן גיבן אַ צעפּאַטש מיט זייערע פליגל און לאָזן זיך איבערגעשראָקענע, ווי ס׳וואָלט זיי געדראָעט אַ סכנה, אַרויף אויף די דעכער פון די הײַזער אין מאַרק וווּ זיי פילן זיך אומדערגרייכיק און זיכער.

* * *

די שטאָט אָסטראָווצע וועקט זיך פרײַטיק פריִער ווי יעדן טאָג אין דער וואָך. פון אַלע גאַסן און געסלעך אײַלן ייִדן אין איין ריכטונג — אין בית־מדרש אַרײַן — וואָס גיכער אָפּדאַווענען און זײַן אין מאַרק. אפשר מאַכט זיך עפּעס אַ מציאהלע בײַ וואָס מע קאָן כאַפּן אַ לײַכט פאַרדינסטל. נאָכן ערשטן סירענע־פײַף זעט מען לויפן דאָס יונגוואַרג אין פאַבריק אַרײַן צו דער אַרבעט. אויפן מאַרק עפענען זיך די געשעפטן און די קרעמער לייגן אַרויס די פאַרביקע סחורות פאַרנט אויף די בענקלעך פאַר די אָפענע טירן.

די ערשטע רעשן זיך היינט גאַנץ פרי די פישערס וואָס שטייען אין די צע־ראַטענע פאַרטעכער ביי די באַליעס לעבעדיקע פיש. מ׳הערט דאָס גוואַלדעווען פונעם שיכורלעכן זיסל קוואָקע. ער שטייט אויף זיינע לאַנגע פיס אין די גומענע שטיוול מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און רויטצעפלאַמטער באָרד און האַלט אין איין שעלטן זיין שכן יעיקעלע סקיפקע. ער גיט אַ צענעם די הענט און זינגט־אויף זיין אַפּלאַכעריש לידעלע, אַז ער, זיסל קוואָקע, דער שיכור און שפּאַסער האָט פיינט צו כאַפּן פיש אין מוטנע וואַסער; אַ שטעכעניש און ברעכעניש זאָל אַריין אין אַלע לייבער אויב ס׳וועלן אים היינט נישט געבן צו לייזן די גבירישע ווייבער. אַזעלכע קאַרפּן, שלייענס און העכט איז טאָקע, מאַדאַמען, נישט מער ווי רעכט, איך זאָלט זיי אויסכאַפּן אַלע ווי איינעם, זיי זאָלן אייערע נגידישע טישן באַשיינען.

אַרום שטייען מענטשן און האַלטן זיך ביי די זייטן פון געלעכטער פון זיסל קוואָקעס קללות־געזאַנגען צום גאַנצן אַרום. עס ווערט אַ געשטופעריי פון די ווייבער אַרום זיין שטעל. אַלע שטופּן אים דאָס געלט אין די הענט אַריין. אַז מע קערט אים שיער נישט איבער די באַליעס פיש וואָס דאַרפן באַשיינען אַ יידישן טיש.

צו די אַנדערע פישער קומען די אָרעמע שטילע ווייבלעך, וואָס נעמען די קליינע קוריסלעך, אַלץ וואָס מע גיט זיי. אַבי ס׳זאָל נישט פעלן קיין שטיקל פיש לכבוד שבת. די אָרעמע איילן זיך נאָך מער ווי די רייכע. זיי דאַרפן אַרומגיין איבערן מאַרק און אויסזוכן דאָס סאַמע ביליקסטע ביי די מאַרקזיצערינס מיט די קיישלעך מייערן און ציבעלעס, כאָטש אַלע שרייען זיי, די פשעקופּקעס: — ביליק, ווייבער, ביליק! נאָר אַז מע גייט צו קויפן צו זיי רייסן זיי די הויט.

ביי די האַנטוועגעלעך שטייען די טרעגערס און הערן זיך צו ווי שימעלע בוכלייזער דערציילט וואָס ער האָט געלייענט אין די בלעטער. ציט אַרויס פון דער בוזעם־קעשענע אַ צעקנייטשטע „פאָלקסצייטונג״ און לייענט איבער די פאָר־זעצונג פון ראָמאַן. ער פינטלט מיט זיינע פאַררויטלטע אויגן און הערט נישט אויף איבערצוחזרן:

— אוי, איז דאָס אַ שרייבער! אַ פאַרגעניגן צו לייענען זיינע זאַכן, אַ כאַ־לערע אויף אים וואָס סאַראַ קאָפּ ער האָט, דער ממזר־יונג! ס׳איז דאָך אויסצו־קושן זיין יעדער וואָרט...

די דראָשקאָזשעס קומען צו פאָרן פון ערשטן צוג. ווער מיט אַ פּאַרשוין, אָדער צוויי, ווער ליידיק, אָן אַ פּאַטשאַנטיק. זיי שטעלן זיך אויס איינער היג־טערן צווייטן לעבן דער אַפּטייק. דער מאַרק נעמט ווימלען און טומלען. די זון שטייט אין מיטן אַסטראָווצער הימל, וואַרפט אָן סנאָפּעס ליכט. אויף דער הויכנצאַל קומען זיך צונויף די שטעקל־יידן מיט אומרו און נייגער:

— ווי האַלט עס מיטן דאָלער? ווי טײַער האַלט אַ גאָלדשטיקל?

אַט פאַרמירט זיך אַ גרופּקעלע און באַלד צעפאַלט זיך עס צוריק. מע נעמט גיין צו צווײ און צו דרײַ. טייל מיטן שטעקן אויפן אַקסל, אַנדערע מיט פאַר־רוקטע היטלען אויף אַרויף. ס׳ווערט אַ געזשום צווישן זיי:

— מע וואַרפט דעם דאָלער... מע הייבט אים... אָבער נישט אויף לאַנג... גאָלד האַלט זיך פעסט... כאָטש מע קאָן הײַנט גאָרנישט וויסן...

די וואָגשאָל איז דער ווײַסער יאָסל וואָס האָט אַ ברודער אין אַמעריקע. ער אַליין איז שוין אויך דאָרט געווען עטלעכע מאָל און קען זיך אויף די האָסעס און בעסעס פונעם דאָלער וואָס ס׳וואַרפט אים לעצטנס אין קדחת. דער ווײַסער יאָסל רירט זיך נישט אָן זײַן שותף, שמעלקע באָרד, וואָס גייט צעקנעפּלט זײַן אַמעריקאַנער בלאָען סאַק מע זאָל אַרויסזען די גאָלדענע זייגער־דוויסקע, וואָס קייטלט זיך איבער זײַן וועסטל־קעשענע גביריש־אַדיריש, מעשה דעה־זאָגער איבער דער גאַנצער בערזע.

* * *

צווישן די באַלעגאָלעס פון דער שטאָט האָט הײַנט געזידט און געקאָכט. בראָנפן און ביר האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער. דאָס האָט מען געטרונקען לחיים צוזאַמען מיט די ווױלע־יונגען, זיי זאָלן העלפן נישט דערלאָזן שלמה הולטײַ זאָל ווערן דער עלפטער באַלעגאָלע אין שטאָט. ס׳איז דאָ צען, איז גענוג. מער דאַרף מען נישט. צען איז אויך איבערגענוג. מ׳האָט זיך געאַמפּערט צווישן זיך. איי־נער האָט געפּרוווט איבערשרײַען דעם צווייטן. אָנגעטרונקענע איז מען געגאַנגען איבער אַלע פיר צאַלן פונעם מאַרק זוכן שלמה מיט זײַן ברודער יאָסל, צו פאַר־פירן מיט זיי אַ געשלעג. אַז די באַלעגאָלעס זאָלן זיך נישט רײַסן פאַר די קעפּ.

שלמה הולטײַ איז אַרויס פון שענק פאַררויטלט ווי אַ שטיק פײַער. ער האָט אויסגעזען ווי אַ רויבפויגל וואָס גרייט זיך באַפאַלן זײַן קרבן. די פאַרבויגענע אָדלער־נאָז צעפּאָכעט. פּאַסמעס לאַנגע האָר זענען אים געפאַלן אין די אויגן. ער האָט געהאַלטן אין איין גוואַלדעווען אַז ער איז פון דורות אַן אַסטראָווצער. אויב טאַרלער ייִדן מעגן זײַן באַלעגאָלעס אין אָסטראָווצע מעגן אייגענע מענטשן, היגעבוירענע, אוודאי זײַן!

באַלד האָט זיך שלמה הולטײַ מיט זײַן ברודער יאָסל בײַ דער זײַט באַ־וויזן לעבן ברונעם וואָס שטייט אין מיטן מאַרק פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. ער איז געווען שיכור ווי לוט. ער האָט געמאַכט ווילדע קולות, גערופן צו אַ געשלעג מיט די איבעריקע באַלעגאָלעס. אין זײַן האַנט האָט געבלאַנקט אַ גרויס שאַרף מעסער. זײַן ברודער יאָסל איז נישט אָפּגעטרעטן פון אים. ער האָט געהאַלטן אַ קלאָניצע אין האַנט און געדראָעט מיט איר אין דער לופטן:

— קעפּ וועלן פאַלן! זאָלן זיי נאָר קומען אַהער! וועמיר זעען ווער ס׳איז שטאַרקער!

קוקנדיק אויפן ברודער איז שלמה געוואָרן זיכערער בײַ זיך:

— איך בין אַן אַסטראָווצער!... קיינער וועט מיר נישט שטערן פאַרדינען מײַן ברויט!... כ׳האָב אַ ווײַב מיט אַ קינד!... כ׳וועל פאַר זיי גיין אין פײַער אַרײַן!... כ׳וועל זיי נישט לאָזן הונגערן!...

מענטשן האָבן זיך גענומען זאַמלען אַרום דעם ברונעם אין מאַרק. פון דער צווייטער זײַט צאַל האָבן זיך געגרייט די איבעריקע באַלעגאָלעס מיט שטעקנס און שטיקער אײַזנס. צווישן די גרויסע טרעגערס ווי בײַ די קליינע איז געוואָרן אַ שטיקל בהלה. באַלד וועט זיך גיסן בלוט. נאָר דערווײַל רירט זיך קיינער נישט פון אָרט. יעדער איינער האָט מורא אָנצוהייבן דער ערשטער. ס׳זאָל נישט גיין אויף זײַן קאָפּ. אַז ער איז דער שולדיקער אין געשלעג. שטייט איין גרופּע קעגן דער צווייטער מיט אָנגעצויגענע געשפּאַנטע נערוון און צערייזלטע בלוטן וואָס קאָכן און זידן, ווי יעדער איינער וואָלט מורא געהאַט פאַר זײַן אייגענעם בייזן כּוח וואָס ער האָט אין זיך, וואָס אַז ער וועט זיך צעפּענטען וועט מען אים נישט קאָנען צוימען ווי אַ צעבריקעוועט פערד.

בערל טשאַטשקע איז געשטאַנען מיט אַלע אַ צעקאָכטער און צערודערטער. ער האָט געקוקט מיט זײַנע גרויסע קײַלעכיקע אויגן אויף די אומבאַהאָלפענע יונגען וואָס ווייסן נישט וואָס מיט זיך צו מאַכן. זײַן ווײַסע רונדע באָרד איז געווען צעפּלאַטערט. ער האָט געפּאַכעט מיט די גרויסע נאָזלעכער, געקוקט אַרום זיך אויף די טרעגערס און באַלעגאָלעס און מיט אַמאָל אַ ברום געגעבן ווי אַ לייב:

— וואָס שטייט מען דאָ וויל איך וויסן? איר ווילט אַז ייִדן זאָלן זיך שעכטן? אַ סוף זאָל נעמען צו די מחלוקתן! שימאַלע! ביסט דאָך אַן אַלטער חבר! יאָסל! משה! זײַנוועלע קוטשמע! לאָזט ענק נישט שפּײַען אין דער קאַשע!

נאָך איידער בערל טשאַטשקע האָט געענדיקט האָבן זיך שוין מענטשן געקנוילט אין אַ קופּע. פויסטן האָבן זיך געהויבן אין דער לופטן. שטעקנס האָבן זיך געבראָכן איבער קעפּ. ס׳איז געוואָרן אַ געלייף פון אַלע זײַטן. בערל טשאַטשקע האָט געפילט אַז ס׳גיט אים אַ טראַג. מיט איין אָטעם־געשריי איז ער געלאָפן איבערן מאַרק צום ברונעם:

— ייִדן, הרגעט זיך נישט! גוואַלט, ייִדן, הערט זיך אויף צו מימתן! לאָזט נאָר מיך צו!...

מיט זײַנע שווערע הענט און רויטצעצונדן פּנים האָט ער אָפּגעריסן איינעם פונעם צווייטן. נאָך אים האָבן זיך שוין אַרײַנגעמישט די אַנדערע גרויסע טרעגערס וואָס האָבן גענומען מאַכן אַן אָרדענונג צווישן די יונגע שוויצערס. די אַרומשטייענדיקע מענטשן האָבן גענומען פרײַער אָפּאָטעמען.

אויף דער ערד איז געלעגן שלמה הולטײַ אַ צעבלוטיקטער און צעקײַלטער. פונעם מויל און קאָפּ איז אים גערונען בלוט.

שימאַלע בוכלייזער האָט אים אָרומגעווישט דאָס בלוט:

— האָסט גוט געטון, שלמה, וואָס דו האָסט זיך נישט געלאָזט. איצט ביסטו אַן אייגענער. וועסט פאַרדינען דײַן ברויט ווי מיר אַלע... מע וועט דיך נישט לאָזן פאַלן.

עמעץ איז געלאָפן און געבראַכט וואַסער. בערל טשאָטשקע האָט מיט אַ פאָטערלעכן קרעכץ אָרומגעוואַשן שלמהן דאָס צעבלוטיקטע פּנים און די הענט. שימאַלע און בערל האָבן אים אונטערגעהויבן. זיי זענען געגאַנגען מיט אים טריט בײַ טריט איבערן מאַרק, באַגלייט פון נײַגעריקע מענטשן וואָס האָבן באַ־דויערנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ווי שווער ס׳קומט הײַנט אָן דאָס שטיקל ברויט... ער האָט שיִער נישט באַצאָלט מיטן לעבן...

איבערן וועג האָט בערל טשאָטשקע אַ צופרידענער אַרײַנגערעדט אין שלמהן:

— דאַנק גאָט, שלמהלע, וואָס דו ביסט אָפּגעקומען אַזוי... ס׳האָט געקאָנט זײַן אַ סך ערגער ווען איך מיש זיך נישט אַרײַן... איצט וועט מען זיך שוין מער נישט שלאָגן... ס׳וועט שוין צוריק זײַן שלום ושלווה צווישן ייִדן באַלעגאָלעס...

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו יאָסלען, וואָס איז געגאַנגען פון הינטן אונ־טערהינקענדיק אויף אַ פוס מיט אָן אָפּגעריסענעם אַרבל:

— נעם, יאָסל, פיר אַהיים דײַן ברודער... אַנהייב וואָך זאָל ער אַרויסקומען מיטן פורל.

* * *

די באַלעגאָלעס זענען דערשוויצטע געפאָרן גאַלאָפּ צו דער ראַמפּע אויס־לאָדענען וואַגאָנען מיט פעסער הערינג און זעק רײַז וואָס זענען אָנגעקומען איי־נער נאָכן צווייטן צום אָפּלייגן.

די טרעגערס האָבן געאײַלט נאָך די פורמאַנעס, געקאָלערט די פעסער הע־רינג, געטראָגן די הונדערטקילאָדיקע זעק רײַז, וואָס זיי האָבן געגעבן אַ כאַפּ אויפן אַקסל גיך און גרינג, ווי ס׳וואָלט געווען בײַ זיי אַ שפּילכל.

אומגעריכט אָבער פאַר אַלע איז צווישן די לעצטע אָנגעקומענע פורן אויך געווען די נײַע פור פונעם נײַעם באַלעגאָלע — שלמהלע הולטײַ, וואָס האָט גע־טריבן די פערד מיט אַ נצחונדיקן שמייכל פון אַ געדעכטן, פון אַ זיגער.

* * *

די זון האָט זיך גערוקט צו מערב. דער שילקלאָפּער האָט מיט זײַנע דרײַ קלעפּ געלאָזט וויסן, אַז ס׳רוקט זיך אָן דער שבת. בערל טשאָטשקע — אויסגע־

זוייקט אין שווייס — האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים. בײַם ברונעם אין מיטן מאַרק איז ער געבליבן שטיין און זיך אײַנגעקוקט אינעם פאַרגליווערטן בלוט. ער האָט ווייטיקלעך געשאָקלט מיט זײַן גרײַזגראָען קאָפּ. פון זײַן ברוסט האָט זיך אַרויס־געריסן אַ טיפער קרעכץ:

— אוי, סאַראַ זינדיקע וועלט!

ער האָט אויפגעהויבן זײַנע אויגן צום פאַרנאַכטיקן ערב שבתדיקן הימל. מיט אַן אינערלעכן ציטער האָט ער גענומען ברומען:

— חיים של פרנסה, אוי, די פרנסה! וואָס טוט נישט אַ ייִד צוליב פרנסה פאַר ווײַב און קינד?... גאָטעניו, פאָטער אין הימל, סאַראַ טײַערע ייִדן דו האָסט!...

בערל טשאָטשקע איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין מיט די שטאַרע בליקן גע־ווענדט אַרויף צו די טונקלבלאָע הימלישע הייכן. פון זײַנע אויגן־ווינקלען האָבן זיך אַרויסגעשפּאַרט צוויי גרויסע ליכטיקע טרערן וואָס האָבן געבלישטשעט קעגן דער אונטערגייענדיקער זון ווי צוויי געשליפענע ברילאַנטן.

# ר׳ אהרן און דער פּריץ

אַ לאַנג שמאָל צימער מיט אָפּגעשיילטע ווענט, געבויגענע און נאַ־
סע, ווי זיי וואָלטן געהאַלטן אין איין וויינען אויף די גרויסע צרות וואָס זיי האָבן
דאָ אַלץ צוגעזען אין דער שטוב. די האַלב־האָרבאַטע סטעליע איז אונטערגע־
שפּאַרט מיט פינף בעלקעס. ווען ס׳פאַלט צו די נאַכט כפלען זיי זיך און וואַרפן
אַן אַן אומהיימלעכקייט, ווי זיי וואָלטן געזאָגט אויף זייער פּחדימדיק שטום־
לשון:

— צייל, אַהרן ברייער, צייל די סלופּעס, וואָס האַלטן אונטער דײַן דאַך אי־
בערן קאָפּ. פינף סלופּעס און פינף לאַנגע שאָטנס. צוזאַמען צען. פּונקט אַזוי פיל
קינדער, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, האָסטו פאַרלוירן צווישן אָט די פיר ווענט.
קליינע, גרעסערע און דערוואַקסענע, ס׳זאָל אויסגיין צו אַלע וויסטע פעלדער און
וועלדער.

ר׳ אהרן ברייער איז געבליבן אַליין מיט זײַן ווײַב פרײַדל און אַן אייניקל
פונעם עלטסטן זון נחום וואָס טראָגט דעם פאָטערס נאָמען. ווייעט דאָ מיט
טרויער פון יעדן ווינקל. נאָך מער פילט זיך דער עלנט אין די פאַרטאָגן, ווען
דער אַלטער ר׳ אהרן גייט צו דער אַרבעט בײַם פּריץ סאָסקי. פרײַדל בלײַבט דע־
מאָלט אַליין מיט איר אייניקל אין שטוב. זי זעצט זיך אויף איר בעט און איז
מכבד אירע קינדער, וואָס זענען אַלע מיט אַמאָל געקומען צו איר צו געסט, מיט
אַ ברייט־מאַמישן „סקאָצל קומט!“ זי רופט אַלעמען בײַם נאָמען. זי הייסט זיך
זיי זעצן לעבן איר בעט און שײַנט אַ גליקלעכע אַרומגערינגלט אין קרײַז פון
אירע פאַרשטאָרבענע קינדער, מיט וועמען זי טענהט זיך אויס וועגן זייער פּי־
רונג אין לעבן.

— מאַמע! — שרײַט פלוצים אויס מיט שרעק איר אייניקל נחום — מיט
וועמען רעדסטו, מאַמע?

— זע נאָר, זע! — האָט די אַלטע פרײדל תרעומות צו איר אייניקל — האָסט מיר אַלע מײַנע קינדער פאַריאָגט...

באַלד פאַלט זי צוריק אַרײַן אין אירע זעונגען און אויסדאַכטענישן. זי רופט נאָך אַמאָל צו זיך די קינדער בײַ די נעמען, זיי זאָלן נישט שטיין פון דער ווײַטנס און צוקומען נענטער. זיי האָבן זיך נישט וואָס צו שרעקן פאַר איר. זי לעבט נאָך. זי וועט זיי נישט טוען קיין שלעכטס...

שוין באַלד דרײַסיק יאָר — אַזוי לאַנג ווי אהרן ברייער אַרבעט בײַם פריץ סאַסקי אין דער ביר־ברויערײַ — ווי ער דאַוונט יעדן אינדערפרי ביחידות, כאַפּט אָפּ דאָס דאַוונען בײַ זיך אין דער היים און לויפט צו דער אַרבעט. אויפן וועג בעט ער דעם וואָס לעבט אייביק אַז ער זאָל אים מוחל זײַן וואָס ער איז אַזוי פאַרהאָרעוועט אַז ער האָט נישט קיין צײַט צו אים. ער קאָן זיך נישט קיין עצה געבן, דאגות פרנסה. ער וואָלט, פונקט ווי אַלע ייִדן אין שטאָט, געגאַנגען יעדן פרימאָרגן אין בית־מדרש אַרײַן דאַוונען בציבור. מיט אַ מנין, אַרײַנכאַפּן אַ קדושה. נאָר ווער ווייסט נאָך אַזוי ווי דער רבונו־של־עולם אַליין, אַז ער איז נישט בכוח זיך אַרויסצורײַסן פון דער קלעם, וואָס דער פריץ האָט אים אָנגעטון, כאָטש מיט אַ גוטער כוונה, אַז ער זאָל האָבן ברויט צו דער זעט און אַ מלבוש זיך צו ווײַזן פאַר מענטשן און טאָקע פאַרן פריץ אַליין אויך:

— מע דאַרף דאָך דיך נישט לערנען ווי צו פירן דאָס רעדל! — רעדט ער ווי זײַן שטייגער צו זיך אַליין מיט די אויגן געווענדט צום הימל.

יעדן טאָג פון מיטן דער וואָך, ווי נאָר ער לייגט־צונויף דעם טלית און תפילין, גיסט ער זיך אָן אַ שעפּ מיט הייס וואַסער, וואָס ער רופט עס טיי, בראָקט זיך אײַן אַלט ברויט און דרייט עס אין זײַן צייגלאָז מויל, זופט צו ס׳ביסל וואַרעמס און איז זיך מחייה מיט אַן „אַ־אַ־אַ!" בײַ יעדן שלונג.

ווי יעדן פרימאָרגן אין אהרן געגאַנגען מיטן מאַרק צו שענער־גאַס, זיך פאַרנומען אויף לינקס מיט דער הויכער מויער־וואַנט אַן פענצטער און צוגעקומען צו דער ביר־ברויערײַ. אַרײַנקומענדיק אינעם ברייטן טויער איז אים אויסגעקומען עפּעס מאָדנע דאָס באַגעגענען זיך אַזוי פרי מיטן יונגן פריץ און מיט זײַן פאַרוואַלטער זאַמויסקי.

— אַלטער! — האָט אים זאַמויסקי אַ רוף־געטון מיטן שטאָלענעם בליק זײַנעם וואָס האָט זיך אין אים אַרײַנגעדרייט ווי אַ שרויף.

אַ ווײַלע איז אַלץ ווי פאַרשטומט געוואָרן, נאָר גלײַך האָט זאַמויסקי ווי־דער אַ זאָג געטון מיט באַפעלערישער שאַרפקייט:

— וועסט הײַנט איבערגעבן די אַרבעט אין וואַרשטאַט. מיר האָבן אַ צווייטן מײַסטער אויף דײַן אָרט, אַ קריסט. אמת, די קעסלען, וווּ מע שטעלט דאָס ביר,

זענען דײַנע האַ? יאָ? ס'מאַכט נישט אויס... מע וועט דיר פאַר זיי באַצאָלן וויפל דיר קומט...

דער אַלטער אהרן איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט, אָן אַנגעגאָסענער מיט אַ שטײַפקייט וואָס ליימט הענט און פיס. ער איז נישט געווען בכוח אַרויסצו־רעדן קיין וואָרט און צו רירן מיט קיין אבר. בלויז די גראָלעכע באָרד זײַנע האָט געציטערט אין ליכטיקן פרימאָרגן קעגן דעם יונגן פריץ און זײַן פאַרוואַלטער.

— אדוני פריץ, — האָט דער אַלטער אהרן קוים אַרויסגעקריגן פון זיך מיט אַ צוגעדושעט קול, — אויף מײַנע הענט האָב איך אײַך געטראָגן ווען איר זענט געווען אַ קינד. דער גוטער טאַטע אײַערער האָט שטענדיק אויסגעלויבט דעם זעלטענעם טעם פונעם ביירישן ביר וואָס איז געשטעלט געוואָרן דורך מיר לויט מײַן געשמאַק. אָט דאָס אַלץ — האָט ער געגעבן אַ פיר מיט זײַנע אויסגעפּראַ־צעוועטע הענט אין אַ האַלב־קרײַז — איז געמאַכט געוואָרן אַדאַנק מיר. דאָס האָב איך דאָך דערפירט צום ווילשטאַנד פונעם פריץ. אַדאַנק מיר האָט דאָך דאָס ביר אַ שם אין דער גאַנצער געגנט, אין גאַנץ פוילן. פאַרוואָסזשע, יונגער פריץ, קומט מיר אָפּצוזאָגן אויף מײַנע אַלטע יאָרן?

— אַלע פּריצים, אַלטער, זאָגן אָפּ זייערע ייִדישע מײַסטערס, ווילסטו איך זאָל זײַן אַן אויסנאַם? איך קאָן נישט אַנדערש... דו פאַרשטייסט?

דער יונגער פריץ האָט מער נישט גערעדט קיין וואָרט. געלאָזט שטיין דעם אַלטן אהרן מיט אַן אָפן מויל און זיך דערווײַטערט פון אים צוזאַמען מיטן פאַר־וואַלטער וואָס איז געגאַנגען לעבן אים און צובאַגלייט ביז צום טויער. זאַמויסקי איז געבליבן שטיין מיט הכנעה אין בליק, גרייט אויף באַפעל. דער יונגער פריץ האָט נישט געלייגט קיין איבעריקן אַכט דערויף, זיך אַרײַנגעזעצט אין זײַן ברי־טשקע געשפּאַנט מיט דרײַ פערד נאָ־שפּיץ און אַוועקגעפאָרן אין גאַלאָפּ.

— רבונו־של־עולם! — האָט אהרן אַ צענעם געטון זײַנע הענט — וואָלטן מײַנע קינדער געלעבט... וואָס קאָן איך איצט טון מיט מײַנע אַכטאונזעכציק יאָר?

דער אַלטער אהרן איז נישט געגאַנגען אַהיים, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז ער וועט נישט טרעפן צו זיך אין שטוב אַרײַן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אי־נעם הויף. גערעדט דאָ מיט איין אַרבעטער, דאָ מיט אַ צווייטן. צום סוף האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט און אָפּגעזיפצט:

— גאָט זאָל זיי באַצאָלן.

* * *

די זון האָט זיך גערוקט צו מערב און זיך אָפּגעשפּיגלט אין די פענצטער פו־נעם פריץ סאַסקיס הויז. דער אַלטער בירשטעלער אהרן ברייער האָט מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ צום הימל פאַרלאָזט דעם הויף, וווּ ער האָט דאָ איבערגעלאָזט

אַ העלפט פון זײַן לעבן — אַן איבעריקער, אַן אומנייטיקער, אַט ווי ער וואָלט געווען אַן אָפּגעניצטער צעבראָכענער שאַרבן.

אַלע שטיבער אַרום — האָט זיך אים אויסגעוויזן — גלאָצן צו אים עפּעס אַזעלכע טרויעריקע און באַדויערנדיקע. די מענטשן, וואָס גייען פאַרביי, מאַכן זיך אים נישט זעען, ווי זיי וואָלטן אים נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן אַרײַן, בכדי אים נישט וויי צו טון, אים נישט פאַרשעמען. אָדער אפשר, זעען זיי אים שוין נישט. ער איז שוין פאַר זיי אַ שאָטן, אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא... עפּעס געדויערט הײַנט דער וועג אַהיים אַזוי לאַנג גלײַך ווי דער טאָג וואָס ציט זיך הײַנט אַן אייביקייט...

* * *

ווען דער אַלטער אהרן ברייער איז אַהיימגעקומען אין שטוב אַרײַן איז שוין געווען לאַנג נאָכן זונפאַרגאַנג. ער האָט געטראָפן, ווי שטענדיק, זײַן אַלטיטשקע אין בעט. זי האָט געוואַרט אַז דער מאַן זאָל שוין קומען אַהיים פון דער אַרבעט אין דער ברויערײַ. דאָס אייניקל איז הײַנט אויך געקומען שפּעט פון חדר. אהרן האָט נישט געזאָגט צומאָל קיין „גוטנאָוונט". ער האָט נישט געקאָנט אַרויס־ברענגען קיין וואָרט, קיין קלאַנג. זײַנע הענט, וואָס זענען איצט אַראָפּגעהאָנגען ווי איבעריקע, האָבן שוין גערעדט פאַר אים. פרײַדל האָט שוין אַלץ פאַרשטאַ־נען. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר צערפּולע אויגן. ער האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין, וואָס האָט געמאַכט גליווערן דאָס בלוט. זי האָט געקוקט אויף איר אייניקל, וואָס איז געקומען פון חדר, און גערעדט אין שטוב אַרײַן מיינענ־דיק אהרנען:

— ווו וועסטו נעמען צו צאָלן דעם רבין? אַ שטוב דאַרף דאָך פּרנסה... אַצינד אויף דער עלטער צו בלײַבן אָן ברויט?... ס'איז דאָך אַ הימל־געשריי!...

דער אַלטער אהרן האָט מיט אַ פאַרשטיקט קול געגומען טרייסטן זײַן ווײַב, זי זאָל זיך נישט צופּיל איבערנעמען, ס'קאָן איר שאַטן צום געזונט. ער האָט זי אײַנגענומען מיט גוטע רייד פול מיט ביטחון, אַז גאָט אין הימל האָט אונדז נישט פאַרלאָזט ביז אַהער וועט ער אונדז אויך ווײַטער נישט פאַרלאָזן.

— כ'וועל אָנצינדן דעם לאָמפּ — האָט ער גערעדט ווי פאַר זיך — וועל איך זיך שטעלן דאַווענען מעריב און גיין עפּעס טועם זײַן. נאָר נישט געזאָרגט, פרײַדל, זאָג איך דיר, דער טאַטע אין הימל וועט זיך דערבאַרעמען איבער אונדז. ער וועט נישט לאָזן אויף הפקר... אין זײַן זכות — האָט ער אָנגעוויזן אויף נחומען — וועלן מיר געהאָלפן ווערן.

— אַז דו זאָגסט — האָט זיך ס'ווײַב באַוועגט אויפן געלעגער — מיסתמא ווייסטו דאָך וואָס דו זאָגסט...

— ווייסן ווייס איך וואָס איך זאָג — האָט ר' אהרן גענומען אָפּגיסן די הענט צום בענטשן — נאָר העלפן קאָן בלויז דער אָב־הרחמים נישט קיינער.

דאָס פלעמל אינעם לאָמפּ האָט גענומען צאַנקען און אונטערשפּרינגען. פּונקט ווי ס'פלעמל האָבן די שאָטנס פון די סלופּעס גענומען ציטערן און צאַפּלען, וואַרפן אַן אימה אויף אַלץ און אַלעמען.

— דאַוון, נחומל! — האָט דער זיידע אַרײַנגערעדט מיט ביטערניש אין זײַן אייניקל וואָס האָט געהאַלטן פאַר זיך דעם סידור און גאָרנישט געזען. די שורות האָבן געטאַנצט פאַר זײַנע אויגן ווי שוואַרצע צעבויגענע שטריכעלעך. זײַן בליק איז געלאָפן פון זיידן צו דער באָבען און צוריק. ער האָט געפילט דעם גרויסן צער וואָס האָט אײַנגעהילט די שטוב און זיך געוווּנדערט ווי עלטערע מענטשן קאָנען וויינען ווי קליינע קינדער.

— פאַרוואָס קומט עס אונדז אַזוי? — האָט אהרן ברייער געפרעגט שטייענדיק אָנגעשפּאַרט בײַ איינעם פון די סלופּעס — וואָס איז דיר אַזוי געגאַנגען אין לעבן אַז איך, אהרן ברייער, זאָל נישט האָבן דאָס שטיקל ברויט אין שטוב? מיינסטו אַז אַזוי וועט זײַן בעסער? מילא, פאַרלאָז איך זיך אויף דיר. מיסתמא וועסטו מיר קיין עוולה נישט טון... דו זעסט דאָך אַליין אַז כ'בין אַזוי אויך אויף גרויסע צרות...

ער האָט אַ קוק געגעבן אַהין צום ווײַב אין בעט און מיטביידע הענט זיך פאַרשטעלט די אויגן ווי צו זאָגן שמע ישראל.

דאָס אייניקל נחומל האָט שוין פון לאַנג געטראָגן אַ כעס אויפן יונגן פּריץ וואָס האָט אים איינמאָל געגעבן אַ שמיצל מיטן רײַטבײַטשל און זיך צעלאַכט. ווען ער קאָן וואָלט ער אים צעריסן אויף שטיקער. זײַן פּנימל איז געווען פאַרפלאַמט פון צאָרן. זיין האַרץ האָט געברויזט קעגן אומרעכט וואָס דער יונגער פּריץ איז איצט באַגאַנגען קעגן זיידן. זײַנע צען יאָר האָבן געברענט ווי אַ פלאַם. אין געדאַנק האָט ער געהאַט איין גרויסן פאַרלאַנג:

— הלוואַי זאָל קומען אַ שריפה אויפן פּריצס הויף! זאָלן אים באַפאַלן באַנדיטן! זאָל ער האָבן ס'גיהנום אויף דער וועלט.

אַזוי בעט ער, דער קליינעם נחום בײַ גאָט, נאָר ער ווייסט אַז דאָס אַלץ וועט נישט מקוים ווערן. דער פּריץ איז שטאַרק ווי אײַזן און געזונט ווי אַ נוס. קיין שום שטורעם קאָן אים נישט בייגן און אַוודאי נישט אויסרײַסן ווי אַ בוים אין וואַלד.

ר' אהרן ברייער, ווי ער וואָלט מיטגעגאַנגען מיטן אייניקלס געדאַנק, האָט ווי פאַרגעזעצט נחומלס טראַכטענישן הויך אויפן קול:

— איך וועל זיך נישט גיין בעטן בײַ דיר, פאָטער ליכטיקער, אַזוי ווי דו וועסט וועלן אַזוי וועט זײַן... נאָך וואָס דאַרף איך בעטן אויפן פּריצס טויט, אַמער־

וועל איך בעטן אַז דער אייבערשטער זאָל זײַן אַ רחם אָב על הבנים... אויף דעם אין הימל קאָן מען זיך פאַרלאָזן. ער וועט שוין דעם פריץ באַצאָלן אַזוי ווי ער האָט זיך פאַרדינט. ער וועט נישט האָבן קיין גרויסע אַרבעט. וואָס שפּילט בײַ גאָט אַ ראָלע צו נעמען בײַם פריץ און געבן אים אהרנען, און טאַקע מיטן יונגן פּריצעס הענט. דאָס פריצל אַליין וועט מיט פאַרקריצטע ציין ציילן דאָס געלט אים, אהרנען, אין דער האַנט אַרײַן. דער דאָזיקער טאָג וועט נישט לאָזן לאַנג אויף זיך וואַרטן. דער פריץ אַליין וועט אים קומען בעטן:

— אהרן, זײַ מיר מוחל, כ׳בין באַגאַנגען אַ פעלער, אַ גרויס נאַרישקייט... כ׳האָב נישט געוווסט אַז קיינער, חוץ דיר, וועט זיך נישט קאָנען אומגיין מיטן קעסל... קיינער קאָן נישט אַרויסקריגן דעם טעם פון ביירישׁ ביר ווי דו, אהרן... איך בעט דיך קום צוריק צו מיר אין דער ביר־ברויערײַ... כ׳וועל דיך באַגילדטן... וואָס דײַן מויל וועט אַרויסזאָגן וועסטו באַקומען און נאָך מיט אַ דאַנק דערצו...

— אהרן! אהרן! — האָט ס׳ווײַב אים גערופן מיט אַ פאַרשלאָפן קול — וואָס גייסטו נישט שלאָפן, אהרן! גיי לייג זיך, ס׳איז שוין גוט שפּעט... ס׳טאָגט דאָך שויך באַלד אין דרויסן...

אהרן האָט מער גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געענטפערט. צווישן די פינף סלופּעס אין דער שטוב איז אַרײַנגעטרעטן די גליווערנדיקע שטילקייט פון נאָך האַלבער נאַכט...

# אַ פאַרשטערטער שבת

יעדן פאַרטאָג האָט דער אָסטראָווצער שמש געוועקט די ייִדן אין שיל אַרײַן. ער איז געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, געקלאַפּט אין די לאָדנס און אויסגערופן מיט אַ פאַרשלאָפן קול:

— שטייט אויף, ייִדעלעך, לעבודת הבורא!

ייִדן און ייִדענעס האָבן זיך אײַנגעהערט צום שמשס קלעפּל מיטן הילצערן העמערל. האָט ער געגעבן דרײַ קלעפּ האָבן הערצער לײַכטער אָפּגעאָטעמט. טאָמער, חלילה, צוויי — האָבן שוין בליקן געפרעגט מיט אָנגעשפּיצטקייט:

— ווער איז שוין, נעבעך, אַוועק?

אין דרויסן אויף דער גאַס האָבן זיך שוין מענטשן איבערגעגעבן צוזאַמען מיט די גוטמאָרגנס:

— ס׳איז דאָ אַ מת אין שטאָט.

מע זאָגט דעם פּסוק: „ברוך דיין אמת״, און מע גייט דאַווענען אין ביתמדרש אַרײַן מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם.

באַלד באַווײַזן זיך הענדלערקעס מיט פולע קוישן, מיט פּעקלעך פּוטער, קעז, אייער. אַנדערע מיט פאַרשידענערליי געבעקסן, מיט קייזערקעס, פּלעצלעך, זאַלצוווקעס און בולקעלעך. יעדע איינע גייט צו אירע קונים וואָס קלײַבן זיך אויס זייער באַליבט געבעקס.

נאָך איידער די פרימאָרגן־זון נעמט וואַרפן אירע גינגאָלדיקע שטראַלן איבער די הײַזער, דעכער, פענצטער און טראָטואַרן באַווײַזן זיך די ייִדישע דראָשקאַזשעס וואָס פאָרן אין גרויס געאײַל צו דער ערשטער באַן וואָס קומט אָן נאָך זיבן.

די שווערע טריט פון די טרעגער מיט די ברייטפּלייציקע שענקלדיקע גופים הילכן אָפּ איבערן געסל וואָס פירט אין מאַרק אַרײַן. זיי זעצן זיך אויס אויף די הויכע שטיינערנע שטיגלעך פאַר די ייִדישע געוועלבער וואָס זענען נאָך דער־

ווײַל צוגעמאַכט און וואַרטן ביז ס׳וועלן אָנקומען פורן מיט פעק סחורה צום אָפּלאָדן.

מחנות טויבן פלאַטערן אַרום פאַרפאַרעטע, זוכן קערנער. צו ביסלעך מאַכן זיך אויף די קליינע קרעמלעך, שפעטער די גרעסערע. באַלד זענען אַלע געשעפטן אַרום דעם גרויסן מאַרק אָפן מיט די הויכע טירן. די קרעמער שטייען אויף די שוועלן און וואַרטן אַף זייערע קונים.

בײַ איינס פון די געוועלבער מיט הויכע אײַזערנע טירן, ווו מע קריגט צו קויפן פאַרשידענע פאַרבן, קרײַד, פּראַשקעס צו מאַכן טינט און באַרשטן וואָס שטובנמאָלערס דאַרפן האָבן צו דער אַרבעט, דרייט זיך הין און צוריק ר׳ קלמן מעקלער. דער הויכער ייִד מיט די צוויי קלוגע קוילשוואַרצע אויגן, וואָס קוקן אַפּער פון אונטער צוויי געדיכט־באַוואַקסענע ברעמען. ער אײַלט זיך עפּעס און האַלט זיך אַליין אָפּ:

— וואַרט צו אַ מינוט! — טענהט ווער מיט ציטערניש אין אים — ווּעסט גאָרנישט פאַרשפּעטיקן.

ער צעקעמט מיט די פינגער זײַן לאַנגע באָרד, וואָס איז דורכגעוואָרפן מיט אַ סך גראָע האָר, ווי ער וואָלט געהאַט אַ ישוב־הדעת מיט זיך אַליין. דער קלמן איז אַ ייִד וואָס קאָן אַליין נישט אָפּשאַצן זײַן כוח וואָס ער האָט יענעם צוצור־רעדן, איבערצורעדן; אײַנצורעדן זאַכן וואָס וואַקסן אויס אין יענעמס דימיון צעב־פּאַד אַזוי פיל פאַרגרעסערט. ער ווייסט צו ווּעמען צוצוגיין, וועמען צו נעמען אין דער אַרבעט אַרײַן, צוזאָגן גאָלדענע גליקן, ס׳טעלערל פון הימל, יענער זאָל אים קוקן אין מויל אַרײַן און גלייבן זײַן יעדן וואָרט וואָס ער זאָגט אַרויס. און ער ווייסט אויך פון ווּעמען זיך אָפּצוטראָגן אָן אַ „זײַטס מיר און האָטס מיר״, אים לאָזן שטיין מיט אַן אָפן מויל.

ווען ר׳ קלמן האָט באַמערקט אַז אין געשעפט, ווו ער קלײַבט זיך אַרײַנצור־גיין, האָט דער קונה שוין עפּעס אײַנגעהאַנדלט און מע ציילט שוין די גרײַצערס, האָט ער אַרויסגעכאַפּט אויף שנעל אַ לאַנגן אַליין־געמאַכטן ציגײַער, גיך אים פאַררויכערט און מיט אימפּעט, ווי ער וואָלט געווען אין גרויס געאײַל, אַרײַן אין געשעפט מיט אַ ברייטן גוטמאָרגן.

— אַ גוט מאָרגן, אַ גוט יאָר, ר׳ קלמן! — האָבן מאַן און ווײַב געענטפערט און אָנגעשפּיצט זייער געהער — וואָס זאָגט איר, ר׳ קלמן, עפּעס גוטס?

דער מעקלער האָט עטלעכע מאָל פאַרצויגן דעם ציגײַער און געזוכט אַן אָנ־הייב פון אַ שמועס געריכט אין חייהלעס זײַט, ווײַל ער ווייסט אַז אין איצטיקן מאָמענט וועט ר׳ יעקב, דער גערער חסיד, זיך נישט אַזוי אײַלן צו מאַכן פרישע געשעפטן.

ר׳ יעקב פײַנזילבער גייט עס די לעצטע צײַט קײַנאָרע פון אַלע זײַטן. צו

וואָסער געשעפט ער זאָל זיך נישט צורירן איז ער מצליח, און אַלע, וואָס פאַרען זיך לעבן אים, לייגן נישט צו צו אים דער באָבעס ירושה. ער האָט אַ גרויסן שפּײַכלער אָנגעפּאַקט מיט סחורות וואָס האָבן די ווערט שווערע צענדליגגער טויזנטער. אויך דאָס דרײַשטאָקיקע הויז, וווּ ער האָט אונטן דאָס געשעפט, איז זײַן אייגנס. וואָס זשע וועט זיך דער בלאָסער ר׳ יעקב אָנכאַפּן אין עפּעס אַזאַ געשעפט וואָס ער, קלמן, לייגט דאָ פאַר? דערפאַר האָבן זײַנע אויגן זיך געצונדן צו דער הויכער פעסטער ייִדענע וואָס האָט קיין מאָל נישט געפילט דאָס נחת פון אויסטראָגן און האָבן אַ קינד...

— וואָס דאַרף איך רעדן איבעריקע רייד? — מאַכט צו איר קלמן דער מעקלער — זיכער ווי דער טאָג אַז ס׳לוינט זיך דאָס עסק. איר האָט דאָך עפּעס צו טון מיט אַ פריץ וואָס האָט פעלדער און וועלדער, גאַנצע שטיקער לאַנד זע־בען זײַנס. די צוקער־פאַבריק האָט ער נאָך פון זיידן בירושה. הײַנט וויפל מענטשן אַרבעטן בײַ אים? אַ גאַנצע אַרמיי! דער פראָצענט איז אַ גרויסער... אין צוויי יאָר נעמט איר אָפּ צוויי מאָל אַזוי פיל... כ׳וועל אײַך זאָגן דעם ריינעם אמת. כ׳וואָלט נישט געקומען אָנשלאָגן אײַך, איר פאַרשטייט, נאָר — האָט ער אַ שמייכל געטון און זיך צוגעבויגן נענטער צו חייהלען און אויסגערופן הויך — איך ווייס אַז דאָ האָב איך געטראָפן, ווײַל ס׳ווײַב איז פונקט אַזאַ סוחר ווי דער מאַן...

ר׳ יעקב פײַנזילבער האָט זיך אָנגענומען פאַרן אַשיק־גראָען בערדל, גע־קוקט מיט זײַנע ברוינע אויגן אַזוי מילד און ווייך און ווי געגלעט מיט זיי זײַן חייהלעס טונקל־אַליוון פנים מיט די זאַפטיקע פליישיקע ליפן, וואָס גאָר ווינציק ווייסט ער זייער ריכטיקן טעם...

— נו, חייהלע, — האָט ער אַ ברום געטון און געוואַרט וואָס זײַן ווײַב וועט דאָ באַשטימען.

— ס׳לוינט, מאַן מײַנער, — האָט אַ קוים־מערקבאַרער שמייכל אַ שוועב געטון איבער אירע ליפן.

קלמן מעקלער האָט איצט פאַרשטאַנען אַז זײַן שליחות איז אויסגעפירט, זײַנע פראָצענטער זענען געזיכערט. מיט אַ האַרץ פול מיט שימחה האָט ער אויסגעשריגן:

— זאָל זײַן אין אַ גוטער שעה! צ׳וועט מיט גאָטס הילף קיין חרטה נישט האָבן...

— מיר וועלן מאַכן פעקלעך צו צען טויזנט וועט זײַן לײַכטער איבערצו־ציילן און ס׳וועט בײַם פריץ נישט פאַרנעמען קיין סך צײַט...

דאָס געמיט בײַ ר׳ יעקבן איז געוועזן גענוג שווער. אַ בלײַיקע שווערקייט

האָט געדריקט זײַן נשמה. ער האָט עפּעס אַ מורמל געטון און זיך אײַנגעקוקט אין זײַן ווײַב:

— נעמען און אַוועקגעבן אַ גוי דאָס געלט? — האָבן אים די געדאַנקען גע־נומען בריִען ווי אַנגעגליטע שפּיזן — נאָך וואָס דאַרפֿן מיר פּראָצענט? וואָס זענען מיר פּראָצענטניקעס? מיר האָבן נישט חלילה קיין פּרנסה? מע זאָל דאַרפֿן לעבן פֿון פּראָצענט... אוי, גאָט, וואָס דאַרפֿסטו מיך פּרוּוון אויף אַזאַ אופֿן?

ר׳ יעקב פֿײַנזילבער האָט געטריבן פֿון זיך די געדאַנקען וואָס האָבן גע־זשומעט אין זײַן קאָפּ ווי די בינען. זיי האָבן זיך אָבער נישט געוואָלט אָפּטראָגן פֿון זײַן מידן מוח און נישט אויפֿגעהערט מאַטערן: אַזוי פֿיל ייִדן נייטיקן זיך מע זאָל זיי אַרויסהעלפֿן... געבן אַ גמילות־חסד... און אַ שונא־ישׂראל... זאָל האָבן אַזאַ גוייִש מזל... ווײַל ער גיט פּראָצענט...

ער האָט נישט קיין חשק און ס׳פֿעלט אים אויך מוט אויסצודריקן זײַנע געדאַנקען און ספֿקות אויפֿן קול. חייהלעס אויגן וועלן זיך באַלד אָנצינדן מיט אַ גרין פֿײַערל פֿון צאָרן. זי וועט באַלד נעמען שרײַען מיט באַנומענע קולות:

— פֿאַרזאָרג ווייניקער דײַנע ייִדן!... ס׳איז דאָ אַ ייִדישע גמינע — זאָל זי זיי אַרויסהעלפֿן!... דו קאָנסט נישט פֿאַרזאָרגן די גאַנצע וועלט!...

— צי וואָס אייגנטלעך דאַרפֿן מיר אַז ס׳געלט זאָל ווערן צוויי מאָל אַזוי פֿיל? אפֿשר קאָנסטו מיר זאָגן, חייהלע, נאָך וואָס דאַרפֿן מיר זיך אַזוי רײַסן דעם יאַשטשיק? פֿאַר ועמען?

— פֿאַר וועמען? — האָט די הויכע חייהלע זיך גענומען בלאָזן ווי אַן אינ־דיק — פֿאַר וועמען, פֿרעגסטו? וואָס וועלן מיר טון אין די שפּעטערע יאָרן, וואָס, ווען מיר וועלן שוין נישט קאָנען שטיין אין געוועלב? וועסט וועלן פֿירן אַ ספֿר אין שיל אַרײַן, שרײַבן אַ ספֿר־תּורה, וועט עס אויך אָפּקאָסטן אַ מטמון מיט געלט...

— מילא, מילא, — האָט ר׳ יעקב באַלד חרטה געקריגן וואָס ער איז אַרויס מיט אַ טענה — זאָל זײַן אַזוי... זאָל זײַן ווי דו זאָגסט... כ׳האָב דאָך נישט גע־זאָגט אַז ניין... זאָל זײַן!...

אַזייגער פֿיר נאָך מיטאָג איז צו יעקב פֿײַנזילבערס געשעפֿט פֿאַרפֿאָרן אַ בריטשקע געשפּאַנט מיט צוויי אומרויִקע פֿערד און אַ קוטשער פֿון פֿאָרנט אויף דער קעלניע מיט ווײַסע הענטשקעס. קלמן איז אַנגעקומען אַ פּאַרסאָפּעטער און גלײַך אַרײַנגעלאָפֿן אין געשעפֿט אַרײַן אָנזאָגן אַז מע מוז שוין פֿאָרן אין פּאַלאַץ אַרײַן ווײַל נאָך הײַנט בײַנאַכט פֿאָרט אָפּ דער פּריץ קיין פּאַריז.

באַלד האָט זיך געוויזן פֿאָרן געשעפֿט ר׳ יעקב פֿײַנזילבער מיט אַן אויסגע־קעמטער באָרד מיט געפּוצטע שטיוועלעך און מיט אַ לעדערנער טעקע אונטערן אָרעם. הינטער אים איז געגאַנגען אַ צעיאַכמעטער קלמן מעקלער מיט דער

קאַפּטע פאַרקנעפּלט אויף אַלע קנעפּ. מיט אַ באַדאַכטן טריט האָט ר׳ יעקב זיך דערנענטערט צו דער בריטשקע, און אַליין מיט חשיבות, מעשה־פּריץ, אויפגע־זעסן צוזאַמען מיט קלמנען. ערשט ביים באַזעצן זיך אויפן אויסגעבעטן געזעס האָט ער אויפגעכאַפּט חייהס „זייטס מצליח״, און כהרף־עין איז די בריטשקע מיט זיי פאַרשווינדן פון דער ברייטער האַנדלגאַס באַגלייט פון נייגעריקע שכני־שע בליקן און פון סתם פאַרבייגייער.

ווען זיי זענען אַרויסגעפאָרן פון שטאָט האָבן מחייהדיקע ריחות זיך גע־טראָגן זיי אַנטקעגן פון גערטנער און סעדער. די פערד זענען געלאָפן גאַלאָפּ און געטראָגן די בריטשקע ווי אַ לייכט פעדערל.

ר׳ יעקב האָט רעכט נישט געזען ווי גיך זיי זענען צוגעקומען צום פּריצס הויף. ער האָט נישט געוווּסט וואָס ס׳טוט זיך מיט אים. זיינע געדאַנקען זענען געווען פאַרוויקלט ווי רציאות אַרום זיין פאַרטפעל מיטן געלט. ער האָט זיך גע־האַלטן נאָענט פון ר׳ קלמנען, דעם שטענדיקן איינגייער אין פּריצס הויף, וואָס איז איצט אויך נישט ווייניקער פון אים געווען צעטראָגן און צעטומלט.

אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַן עלטערער מאַן מיט גראָע וואָנסעס, ריין און עלעגאַנט געקליידט. ער האָט זיך פאַרנייגט און זיי אַריינגעבעטן אין קאַנטאָר. די צוויי יידן האָבן זיך ביים אַריינקומען אין קאַנטאָר נאָך מער פאַר־נייגט, וואָס ס׳האָט ביי ר׳ יעקבן, דעם גערער חסיד, אויסגעזען צו זיין מער לע־כערלעך ווי אונטערטעניק און העפלעך. ער איז שוין אָבער דאָ נישט ביי זיך אין די הענט. ער פילט זיך געפאַנגען אין אַן אומגעזעענער נעץ וואָס מע קאָן זיך פון איר נישט אַזוי לייכט באַפרייען.

דער עלטערער באַוואָנסעטער מאַן, וואָס איז דעם פּריצס רעכטע האַנט, האָט אויסגעפילט אַ פּאַפּיר, ווו ס׳איז אַלץ געווען גענוי פאַרשריבן, ער האָט צו־געגרייט אַ וועקסל און פאַרשווינדן דערמיט הינטער אַ הויכער גלאַנציקער טיר.

שפּעטער מיט עטלעכע מינוט איז אַריינגעקומען דער פּריץ מיט קליינע פאַר־דרייטע וואָנסעלעך, אין קורצע רייטערהויזן און געלסאַמעטענער וועסט, באַהאָנ־גען מיט מעדאַלן און אַ גאָלדענער קייט ביי דער זייט פון דער וועסטל־קעשענע. ער האָט גאַסטפריינדלעך דערלאַנגט די האַנט זיין ייד, וואָס שטעלט אים צו אַלץ וואָס נאָר זיין האַרץ פאַרלאַנגט, און מיט אַ נייג מיטן קאָפּ אויסגעשטרעקט די האַנט ר׳ יעקבן וואָס האָט קוים עטוואָס געגעבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַנשטאָט דעם טיפן הכנהדיקן בייג, ווי דער מעקלער האָט זיך באַגריסט.

נישט געוווּנט צו אַזעלכע צערעמאָניאַלן האָט ר׳ יעקבן אַ שלאָג געטון אַ היץ אין פּנים אַריין. אין האַלב־פאַרלוירנקייט האָט ער גענומען שטאַמלען עפּעס וואָס קיינער האָט נישט געקאָנט כאַפּן קיין וואָרט.

הינטערן פּריצס פּלייצע איז, ווי זיין שאָטן, געשטאַנען דער עלטערער

גראָער מאַן מיט די פּאַפּירן אין דער האַנט. דער פּריץ האָט זיך אויסגעדרייט צו אים אוןביידע זענען צוגעגאַנגען צום טיש. באַלד האָט ער גענומען אונטער־שרײַבן ס׳פּאַפּיר און נאָך דעם ס׳וועקסל. איבערראַשנדיק די זעלבע צערעמאָניע ווי בײַם אַרײַנקומען האָט ער זיך אויסגעדרייט צו זיי מיט דער פּלייצע און פאַר־שווינדן אין זעלבן צימער פון וואַנען ער איז געקומען.

דער עלטערער מאַן מיט די גראָע וואָנסעס, וואָס האָט אַליין אויסגעזען ווי אַ שלאַכטשיק, האָט איבערגעציילט די פּעקלעך געלט, צונויפגעלייגט עס אין איין פּעקל און אײַנגעשלאָסן אין דער אײַזערנער קאַסע. ערשט איצט האָט ער דערלאַנגט ר׳ יעקבן די פּאַפּירן און אים אָנגעזאָגט אַז יעדע דרײַ חדשים, און אַלע מאָל פּרײַטיק נאָכמיטאָג, זאָל ער קומען אין פּאַלאַץ און אַרײַנגיין דורך דער צווייטער זײַט ווו ס׳געפינט זיך די פּריוואַט־וווינונג, וועט ער באַקומען אויס־געצאָלט די פּראָצענטער פונעם געבאָרגטן קאַפּיטאַל.

אַ באַגאָסענער מיט שווייס האָט ר׳ יעקב זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג מיטן זעלבן לייכטן נייגן זיך פאַרן אַלטן ווי בעתן קומען פאַרגעסנדיק אין גאַנצן אַז קלמן מעקלער גייט בײַ זײַן זײַט ווי ער וואָלט נישט געווען עקזיסטירט פאַר אים. ער איז איצט געווען נאָך מער צעטומלט דערפון וואָס די טעקע איז איצט אַזוי גרינג און לײַדיק ווי זי וואָלט געווען אַן איבעריקע זאַך וואָס קאָן שוין נישט ברענגען קיין נוצן.

* * *

— זעסט, מאַן מײַנער — האָט חייהלע פאַרצויגן די רייד מיט אַ גמרא־ניגון — אָט זענען שוין אַוועק די ערשטע דרײַ חדשים, טאַקע מיטן קוק, איינס־צוויי, און מערצעשעם פּרײַטיק, אַז גאָט וועט געבן געזונט, וועסטו גיין צום פּריץ מיטן משרת אונדזערן, מיט נחומען. כ׳האָב שוין גערעדט מיט אים און ער האָט מיר נישט אָפּגעזאָגט, פאַרקערט, ער איז נאָך געווען צופרידן וואָס ער וועט גיין מיט דיר... אַז ס׳וועט אַוועק דאָס ערשטע יאָר וועלן מיר נעמען שרײַבן אַ ספר־תורה. מירן פּראַווען אַ סעודה ווי אויף אַ חתונה פון אַן אייגן קינד און טאַקע מיט קלעזמאָרים...

ר׳ יעקבן האָט אַ קלעם געטון בײַם האַרץ: „ווי אַן אייגן קינד"... אײַ, וואָסער שטראָף... לאָמיך נאָר נישט זינדיקן מיט די רייד...

פּרײַטיק, ווען ר׳ יעקב פּײַנזילבער האָט באַדאַרפט גיין צום פּריץ, איז אין דרויסן געווען אַ גרויסע חמימה. די זון האָט שוין געהאַט היפּש אַ שפּאַן געטון איבערן הימל און דורכגעגליט די הײַזער און גאַסן... מענטשן האָבן זיך גע־שאַרט בײַ די מויערן, געזוכט אַ ביסל שאָטן.

אײַנגעוויקלט אין אַ טיכל האָט חייהלע דערלאַנגט דעם זעכצניאָריקן נחו־

מען אַ פּעקל מיט געבעקס, שטרודל, אייערקיכלעך און צוויי גרויסע זאַפּטיקע באַרנעס:

— נאַ, דאָס וועט עץ האָבן אויפן וועג, ווען צ'וועט זיך אָפּרוען.

דער צוויי־קילאָמעטערדיקער וועג האָט זיך געצויגן צווישן פעלדער און רייען ביימער פון ביידע זייטן שליאַך. זיי זענען געגאַנגען שווייגנדיקע. דאָס לאַנגע שווייגן האָט געשווערט אי אויף ר' יעקבן אי אויף נחומען. צוקומענדיק צום וועג־אויסבייג מיטן פּליסנדיקן וואַסערל ביי דער זייט האָט ר' יעקב אַ פרעג געטון נחומען, ער זאָל אים זאָגן, וואָס ער טוט דאָרטן אין די פאַראייניגען ווו ס'קומען זיך צונויף יינגלעך מיט מיידלעך? וועגן וואָס רעדט מען דאָרט? מיט וואָס פאַרנעמט ער זיך אין די אָוונטן?

— כ'ווייס וועגן וואָס? — איז נחומען געווען אומבאַקוועם די אַלע פראַגעס און ס'האָט אים אויך געוווּנדערט וואָס ר' יעקבן אינטערעסירן אַזעלכע זאַכן וועגן יינגלעך און מיידלעך, — מע רעדט וועגן פאַרשידענע זאַכן, ר' יעקב, אין אַ פאַראיין פעלט וועגן וואָס צו רעדן?

— אַ־האַ! דו האָסט מורא כ'זאָל נישט דערציילן דיין טאַטן — האָט ר' יעקב אַ נעם געטון נחומען פאַר אַן אויער — וואַקסט אַ סטאַטיק! דאָס געפעלט מיר...

ווידער זענען זיי געגאַנגען אַ שטיקל וועג פאַרטראַכטע. פון צייט צו צייט האָבן זיי זיך אומגעקוקט צו די שקצימלעך, וואָס גייען פאַרביי, ווילן נישט אַמאָל זיי מכבד זיין מיט אַ שטיינדל... אַן אַלטע טבע ביי די לאַבוסלעך, נאָכצוואַרפן שטיינדלעך אַ פאַרבייגייענדיקן ייד. פאַר צוויי, קאָן זיין, האָבן זיי אפשר מורא, טשעפּען זיי נישט.

— נו, קאָן זיין גוט, נחום, אַז מיר דאַרפן כסדר לעבן אין פחד, אין איין שרעק, כסדר מורא האָבן מע זאָל אונדז נישט טוען קיין שלעכטס... ס'איז דאָך אָבער נישטאָ קיין אַנדערע ברירה... מיר זענען דאָך צעשפּרייט צווישן די פעלקער... הונדערטער יאָרן שוין אַזוי... וואָס ווּעסטו מאַכן? אַ גורל אַזאַ...

ווען זיי זענען צוגעקומען צום פּריצס הויף האָט ר' יעקב זיך אויסגעגלעט די באָרד, זיך אויסגעהוסט, דאָס קול זאָל זיין ריין, און מיט אַ ציטערדיקער האַנט געגומען קלאַפּן אין טירל פון דער הינטערשטער זייט פון דער געביידע, ווי דער עלטערער מאַן מיט די גראָע וואָנסעס האָט אים געהאַט אָנגעזאָגט.

אויך נחום האָט געפילט אַז ס'האַרץ נעמט אים קלאַפּן האַסטיק און אַ היץ האָט אים געשלאָגן צום קאָפּ. דורכן גרינעם פאַרקאַן־טירל האָט נחום אַרומגעקאַפּט מיט זיינע בליקן דעם גאַנצן לאַנגן הויף מיט די קלעטערפלאַנצן, וואָס וויקלען זיך אויף די ווענט, איבערן דאַך און פאַרהילן אַלץ אין עפּעס סודותדיקס, פרעמדס און אָפּשרעקנדיקס.

אַ שיקסל פון אַ יאָר זעכצן האָט גיך מיט פלינקע באָרוועסע פיס אַ לויף געטון צום טירל:

— וואָס פאַרלאַנגט איר, פּאַנאָוויע?

— דער פּאַן דזשעדזשיץ איז אין שטוב? — האָט ר׳ יעקב אַ פרעג געטון דאָס שיקסל פון אַ זײַט — דער פּריץ איז דאָ? גיי זאָג אַז מ׳איז געקומען צוגיין אַזוי ווי ער האָט געהייסן.

איידער זיי האָבן זיך גלײַכגעמאַכט, זיך אָפּגעפּוצט פון שטויב און טיף אָפּגעאָטעמט איז שוין דאָס שיקסל געווען צוריק. זי האָט אויפגעמאַכט דאָס טירל, זיי געהייסן אַרײַנגיין און צוואַרטן.

נחום האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן פּאַלאַץ, וואָס איז געווען געבויט אַ־דאָרפיש אי סאַלאָנאַרטיק מיט הילצערנע טרעפּ וואָס האָבן געפירט צו באַל־קאָנדלעך מיט געשניצטע קאַרניזן. דורכן פענצטער אין דער טיף פון גאָרטן האָט זיך געהויקערט אַ בריקל איבער אַ שפּיגלדיקן סטאַוו. ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן פון דער רחבותדיקער צעגרינטער פּאַנאָראַמע פון אַרום.

אינעם גרויסן זאַל דאָ האָבן אָפּגעהילכט טריט און אַ שווישטשען פון אַ בײַטשל אין דער לופטן. באַלד איז פאַר זיי אויסגעוואַקסן אַ הויכער יונגער שגץ מיט קליינע פאַרשפּיצטע וואָנסעלעך מיט אַ קאָפּ פלאַקסענע האָר און אַ פּאָר אויגן וואָס האָבן געשרפהט מיט קאַלטן שטאָלענעם צאָרן:

— וואָס ביסטו געקומען אַהער, זשידלאַק איינער?! האַ־האַ, פּראָצענט!... פּראָצענט ווילסטו?... פּראָצענט!... קומט! — האָט ער אַ רוף געטון אַז די בלוטן האָבן גענומען גליווערן בײַ ר׳ יעקבן אין די אָדערן.

נחום איז געגאַנגען האַרט לעבן זײַן באַלעבאָס און זיך געטראַכט ס׳זײַניקע: ווען זײַן מאַמע וואָלט דאָ געווען כאָטש איין זומער וואָלט זי געזונט געוואָרן און אויפגעהערט צו שפּײַען מיט בלוט. אַזאַ געשמאַקע לופט אַז ס׳איז אַ מחייה. פון וואַסער האָט זיך דערטראָגן אַ פליעסקערײַ. דאָס האָבן אַוודאי אַזוי גע־פּאַטשט מיט זייערע עקן די גרויסע פעטע קאַרפּן. אין דער לופט האָט זיך גע־טראָגן אַ ווינטלדיק שושקערײַ פון צווײַגיקן געבלעטער, פייגל און גראָזן. דער סאָד ציט זיך אַוועק אויף אַ גרויסן שטח. די פּרוכטנביימער בייגן אַראָפּ די צווײַגן באַלאָדענע מיט עפּל, באַרן און פלוימען וואָס רייצן דעם גומען — נעם און רײַס מיך אָפּ און בײַס זיך אײַן...

דער יונג האָט זיי אַריבערגעפירט אין צווייטן פליגל פון דער געבײַדע. דער פּריץ איז צו זיי אַרויסגעקומען מיט די סאַמעטענע הויזן קורצע ביז די קני און הויכע גרינע זאָקן. ער האָט אַ הייב אַ געטון דעם שפּיצרוט און אַ פאָכע געטון מיט אים איבער ר׳ יעקבס פּאָלעס אַז ס׳האָט אַזש אַ הילך געטון:

— נאַ, נעם ס׳געלט, ייִד! און ווידער אַמאָל אַ פּאַטש איבער דער לאַנגער קאַפּאָטע... באַלד האָט ער זיך העפלעך אַ בייג געגעבן:

— צום ווידערזען!

ר׳ יעקב און נחום האָבן זיך טיף פאַרנייגט און זיך געררוקט אויף הינטער־ווײַלעכץ, ווי ווײַבער ווען זיי גייען אַרויס פון אַ שיל.

דאָס געלט האָט ר׳ יעקב אַרײַנגעלייגט אין דער בוזעם־קעשענע מיט ציטערדיקע הענט. ווען ער האָט זיך שוין געפינען אויף דער צווייטער זײַט פונעם גרינעם טירל האָט ער פרײַער אָפּגעאָטעמט. די בושה אָבער פאַר זיך אַליין האָט נישט אויפגעהערט פלאַמען אויף זײַן פּנים און פאַרקלעמט דאָס האַרץ. פאַר די אויגן האָט אַלץ אַרום געמיניעט מיט פאַרשידענע קאָלירן וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין טוישן אין שווינדלדיקן געדריי. ער איז נישט געווען בכוח צו שטעלן קיין טראָט, ווי ער וואָלט פאַרלוירן די מאַכט אין די פיס.

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן, נחום? מיר וועלן זיך אַוועקזעצן אָפּרוען אַ ביסל און דערווייל עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן, האַ?

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט בײַ דער אַנדערער זײַט וועג אין שאָטן פון אַ בוים און נחום האָט אויפגעפּאַקט ס׳פּעקל עסן וואָס די באַלעבאָסטע האָט מיטגעגעבן. ר׳ יעקב האָט גענומען בלויז אַ באַרנע, געמאַכט אַ ברכה און געפילט אַז דער ווײַניקער זאַפט פאַרגיסט אין אים די פֿײַנלעכע ביטערניש אָבער נישט דאָס ביטערע געפיל פון חרפּה, וואָס ער וועט נישט מער קאָנען ווײַזן דאָס פּנים פאַר מענטשן נאָך דער דערנידעריקנדיקער סצענע, וואָס דער פריץ האָט פאַר אים אויפגעשפּילט אין די אויגן פונעם יונגן בחורל, זײַן משרת. באַדאַרפן אַליין גיין צום פּריץ, אָן קיינעם, אָן עדות.

נחום האָט געגעסן די געשמאַקע קיכלעך מיט גרויס אַפּעטיט, צוגעביסן מיט דער באַרנע און געקוקט פון דער זײַט אויף ר׳ יעקבן וואָס קאָן אים נישט קוקן אין די אויגן אַרײַן. אמת, ער האָט שוין אַ סך מאָל געהערט רעדן און נישט באַנומען וואָס דאָס הייסט אַז געלט זוכט ריווח. ס׳געיעג נאָך געלט איז גרויס, נאָר בײַשטיין דעם ווילדן חשק איז שווער. דער ניסיון פון נישט גלוסטן איז גרעסער און שווערער אַפילו בײַ אַזאַ שיינעם ייִד ווי ר׳ יעקב פֿײַנזילבער, דער גערער חסיד, וואָס ווייסט אַליין נישט וואָס צו טון מיטן געלט. ס׳איז אָבער נישט צו פאַרשטיין אַז אַזאַ ר׳ יעקב זאָל זיך לאָזן שלאָגן מיט אַ ביטשעווקע איבער די פּאָלעס און זיך נייגן מיט אַ „כע־כע", „ניטע"... ווי ער וואָלט געווען אַ שפּיל־לאַלקע...

— לאָמיר גיין אַהיים, נחום, פאַרגעס נישט אַז ס׳איז ערב שבת... אַז מירן דאָ לאַנג זיצן וועלן מיר אַהיימקומען ווען ס׳וועט שוין צופאַלן די נאַכט... איך וויל נאָך גיין אין מיקווה אַרײַן.

דעם גאַנצן וועג צוריק האָבן זיי נישט געקוקט איינער צום צווייטן, געגאַנגען אָפּגערוקט פון זיך און געשיקט די אויגן פאָרויס פאַר זיך. ווען זיי זענען געקומען אין שטאָט אַריַין און אַרויסגעקומען אויפן מאַרק האָבן נחומען אַ רוף געטון עטלעכע חברים פון פאַראיין. ער האָט זיך געלאָזט לויפן צו זיי נישט־זאָגנדיק צומאָל ר׳ יעקבן אַ גוטן טאָג — אַ באַפרײַטער פון אַ שווערן עול.

ר׳ יעקב איז — אַ דערשוויצטער און פאַרשטויבטער פון וועג — געקומען אין שטוב אַריַין וואָס איז שוין געווען שבתדיק אויפגערוימט און די שבת־לײַכטער זענען שוין געשטאַנען אויפן געדעקטן טיש.

* * *

— אָ, אַבי איך זע דיך שוין צוריק — האָט חייהלע אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם — אַזוי שפּעט? ס׳איז דאָך שוין באַלד שבת... ס׳האָרץ האָט זיך מיר געשראָקן... כ׳ווייס, צווישן גוים...

— ניין, אַלץ איז אַדורך בשלום — האָט ר׳ יעקב איר דערלאַנגט דאָס געלט און געפילט ווי די קישקעס דרייען זיך אים איבער פון קרענקונג.

— נו, ווי איז עס צוגעגאַנגען? — האָט חייהלע געוואָלט וויסן איינצלהייטן.

— צייל איבער צום ערשט דאָס געלט, צי ס׳שטימט...

ער האָט נישט געפינען די ריכטיקע ווערטער וואָס זאָלן זײַן בכוח צו פאַרשטופּן דעם אמת פונעם פאַרלויף בײַם פריץ אין פּאַלאַץ. ער האָט גענומען עפּעס שטאַמלען, נאָר די ווערטער האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין דער באָרד וואָס האָט איצט אין גאַנצן פאַרלוירן דעם פריַערדיקן גלאַנץ. ער האָט זיך אָפּגעקערט אין אַ זײַט:

— כ׳וועל זיך גיין איבערטון... מ׳עט שוין רעדן שפּעטער, בײַם טיש...

ווידער האָט זיך אומגעקערט צו אים דער געדאַנק וואָס מאַטערט אים שוין פון לאַנג און האָט אים נישט אויפגעהערט צו פּײַניקן דעם גאַנצן וועג: וואָסער שליחות האָב איך אויף זיך גענומען אויסצופירן? וואָס איז מיט מיר געוואָרן אויף די עלטערע יאָרן? אַזוי פיל יידן זענען פאַראַן אין שטאָט בעלי־ניצרכים... ווען מע באָרגט זיי אַ גמילת־חסד, גוואַלט־געשריגן! מע וואָלט דאָך זיי דערהאַלטן בײַ דער נשמה! ווי האָט ער געקאָנט זײַן אַזוי שלעכט, טויב און שטום צו די נויטן פון די אייגענע ברידער? וועט אַזאַ ייד נישט אָפּגעבן, איז וואָס? און אַז דער גוי וועט נישט צוריקגעבן און אויסשטעלן צוויי פּײַגן מיט אַ שפּיצרוט פאַר אַ צולאָג — וועט זײַן רעכט?...

— גיי אין מיקווה אַרײַן, מאַן מײַנער, וואָס ביסטו אַזוי פאַרקלערט? מע דאַרף שוין באַלד ליכט בענטשן...

ר׳ יעקב איז נישט געשטאַנען ווי פאַרקלעמט בײַם פענצטער, נאָר ווי גע־

ליימט. זײַן ווײַבס זאָג האָט אָפּגעטרייסלט פון אים די בייזע מחשבות. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כוחות און זיך געלאָזט אין אַנדערן צימער צום באַל־קאָן, כאַפּן אַ ביסל לופט, ער זאָל קאָנען קומען צו זיך.

די זון האָט זיך שוין געהאַט אַראָפּגעזעצט ווײַט אויף מערב אַ צעצונדענע מיט בלוטרויטע פלאַמען וואָס האָבן פאַרכאַפּט אַ שטיק הימל אויפן האָריזאָנט. ייִדן זענען שוין געגאַנגען צו קבלת־שבת. אין פענצטער האָבן זיך געפלעמלט די שבת־ליכט. ר׳ יעקב האָט געפילט ווי די כוחות פאַרלאָזן אים:

— חייה! חייהלע! — האָט ער גערופן מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

— וואָס איז, יעקב? וואָס איז דיר? וואָס איז געשען? אפשר רופן אַ דאָק־טאָר?

— ניין, חייהלע, כ׳וועל זיך לייגן אין בעט אַרײַן... ס׳איז מיר פינצטער פאַר די אויגן... ס׳שווידערט מיך אַ קעלט...

ווען ר׳ יעקב האָט זיך אַנידערגעלייגט אויפן בעט האָט ער געפילט ווי ער נעמט זינקען אין אַ צעוויכערטער וועלט... פלאַמען פײַער זענען געפלויגן אין אַ ווירוואַר. פון אַ קופּערנעם הימל זענען אָנגעפלויגן גרויסע פײַער־פייגל וואָס האָבן אָנגעצונדן די גאַנצע שטוב מיט פלאַמען. באַלד איז אַלץ אַרום אַרײַנגעפאַלן אין אַ פינצטערניש. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אַרויס פונעם חושך און גענומען לויפן אָן אָפּשטעל, אָן אָפּרו, באַהערשט פון אַ צעפּאָכעטן און צעפלאָטערטן פחד. פלוצים האָט אויפגעטויכט דער הויכער בייזער דינשטשיק פונעם פריץ מיטן קאָפּ פלאַקסענע האָר און גענומען פּאָכען מיטן שפּיצרוט איבער זײַן קאָפּ. ר׳ יעקב איז געלאָפן אין איין אָטעם, די שמיץ זאָלן אים נישט גרייכן און נישט אָנרירן זײַן צעווייטיקט לײַב.

ער האָט שווער געאָטעמט און נישט באַנומען אַז דאָס שטייט לעבן אים דער דאָקטאָר, באַטראַכט אים און פאַרשרײַבט אַ רעצעפּט. ערשט דעם דאָקטאָרס רייד האָבן אים אויפגעוועקט פונעם קאָשמאַר. ער האָט געהערט ווי דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז ס׳וועט איבערגיין, נישט געפערלעך, די נערוון זענען אַ ביסל צעטרייסלט, מיסתמא געמוזט האָבן אַ שווערע איבערלעבונג. ער האָט געזען ווי דער דאָקטאָר האָט פאַרפּאַקט זײַן רענצל, געהייסן צולייגן הייסע קאָמפּרעסן צום קאָפּ, מע זאָל אַרויפקאַפּען טראָפּנס שפּירט, וועט עס איבערגיין און ער וועט ווערן געזונט... — — —

* * *

ווען אַלע ייִדן אין שטאָט זענען געזעסן בײַם שבתדיקן טיש און געזונגען זמירות האָט זיך ר׳ יעקבס ווײַב דאָ אין שטוב באַוואָשן מיט טרערן. די גרויסע סוחרטע חייהלע פײַנזילבער האָט שוין איצט אַלץ פאַרשטאַנען. זי האָט שוין באַנומען אַז מיט איר יעקבן איז געשען נישט קיין היימלעכע זאַכן הײַנט בײַם

פריץ אין פּאַלאַץ... אַז דער ברוך־הבא האָט אים שוין נישט געקאָסט דאָס לעבן.

זי איז געזעסן איינע אַליין בײַם שבתדיקן טיש און געהאַלטן אין איין אױ־בערחזרן ווי אַ תפילה:

— אַזאַ פאַרשטערטער שבת... ווער האָט זיך געזאָלט ריכטן... אַזאַ פאַר־שטערטער שבת...

זי האָט געקוקט אויפן טיש מיט די אָנגעצונדענע ליכט, מיטן ווײַן אין דער צעפינקלטער קאַראַפקע, מיט די חלות איבערגעדעקט מיטן חלה־טישטעכל, ווי זיי וואָלטן גערעדט צו איר אויף זייער שטום־לשון:

— מיר שטייען פאַרשעמטע אויף דײַן שבתדיקן טיש. פאַר וועמענס זינד דאַרפן מיר אָפּקומען, לײַדן אומזיסט? וואָס האָט זיך מיט דיר געטון? ווו איז געוועזן דײַן קאָפּ? גענומען און געשיקט דעם מאַן צום גוי אַליין מיט עפּעס דאָרט אַ ייִנגל. אַליין האָסטו באַדאַרפט מיטגיין... פאַר דיר וואָלט ער געהאַט דרך־ארץ, דער פּריץ... ווי זעסטו איצט אויס, חייה?

זי האָט זיך פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּנים און הייס אַרײַנגעוויינט אין זיי:

— ס׳הייבט זיך אָן מיטן שבת... ס׳זאָל זיך חלילה נישט אויסלאָזן צו דער וואָך...



# פֿאַר אַ בעסער לעבן

# ב י ד נ ע  פ ר וי ד

קאָנסטאַנטינאָס בלאַנדזשענדיקע בליקן זענען געבליבן שטיין אויפן פּאָס ליכט, וואָס האָט זיך דורכגעשלאָגן דורכן שמאָלן פענצטערל און זיך פאַר־האַלטן בײַם בעט ווי ס׳איז געשלאָפן זײַן ווײַב. ער איז געלעגן געשטרעקט אין אײַנגעהאַלטענעם שווײַגן. זײַנע בליקן האָבן גענומען לויפן אומרויִק איבערן צי־מער. עטלעכע מאָל האָבן זיך שווערע זיפצן אײַנגעביסן אין דער שטילקייט. דאָס זיפצן איז געקומען פון דער רעכטער זײַט שטוב, וווּ ס׳האָט זיך געטונקלט אויפן אײַזערן בעט די לענגלעכע פיגור פון זײַן פרוי.

נאָך אַ לענגערן שטילשווייגן האָט ער גענומען רעדן אין דער שטוב אַרײַן און ווי צו זיך אַליין:

— שוין באַלד צוויי חדשים ווי אַ מענטש אַרבעט נישט און עסן דאַרף מען און עפּעס אין שטוב אַרײַן מוז מען געבן... אַזוי פיל טעג אַרומגעבלאָנקעט, און נישט געפינען וווּ צו פאַרדינען אַ נאַרישע פּעזע...

צווישן אים און דער פרוי איז שוין לאַנג אַרײַנגעטרעטן אַ בײַסיקע קעלט. ביז ווייטיק שטעכט אים דאָס רחמנות וואָס די שכנים ווײַזן אים אַרויס. זייער מיטלייד מיט אים שטעקט אים ווי אַ ביין אין האַלדז. ראַפּטעם גיט ער זיך אַ ריס אויף פון געלעגער. ער פילט אַ היץ, ווי אַ שריפה וואָלט זיך אין אים גע־צונדן. אין קאָפּ האָט אים גענומען הודזשען אַ גערויש וואָס האָט אים די רעשט צעטומלט.

אַ בייזע קללה צו דער וועלט האָט ער געשיקט צוזאַמען מיט אַ שפּײַ אין חלל פון דער שטוב, און ווי אַ שטיין נאָכגעוואָרפן אַ צווייט זידלוואָרט ווי צו פאַרטרײַבן אַ הונגעריקן הונט פון זיך. ווי ער וואָלט דערמיט אויסגעלאָדן זײַן כעס האָט ער זיך ביסלעכווײַז גענומען באַרויִקן. פּאַמעלעך שלײַכט ער זיך צו דער טיר. קוקט זיך אײַן אין זײַן שלאָפנדיקער פרוי און קינד וואָס ליגט אײַנ־געטוליעט אין דער מאַמען. ער וויל זעען זייערע פּנימער וואָס זענען באַהויכט

מיט לײַטזעליקער רו, אָן גרימאַסן און געוויינען. לײַכט ווי אַ קאַץ שלײַכט ער זיך אַרויס פון שטוב, מאַכט צו די טיר און בלײַבט שטיין אויפן גאַניק מיטן קאָפּ געבויגן און מיט אַ טיפן ווייטיק אין האַרצן.

* * *

פון ווײַטנס טונקלט זיך דער סילועט פון דער ריזיקער הענגבריק, וואָס פירט נאָכאַנאַנד דעם גאַנצן מעת־לעת איבערן ריאַטשועלאָ־טײַך מענטשן, אויטאָס, פורן — הין און צוריק. פאַרטאָגס זענען געהאַנגען, נאָך פון איבער נאַכט, געדיכטע שטשעמפּעס נעפּל איבער דער שטאָט, וואָס האָבן אײַנגעהילט די גאַסן מיט די מויערן אין גראָע וואַטענע פּלאַכטעס. פון מינוט צו מינוט, ווי ס׳האָט נאָר גענומען טאָג ווערן, האָט זיך אַלץ מער געלײַטערט דער הימל און מיטן אָפּטרעטן פון די וואָלקנס איז אויך אונטן אָפּגעטרעטן דער נעפּל אַ שיטערער און צעפּלאָסענער.

קאָנסטאַנטינאָ שטייט שטום אויפן הילצערנעם גאַניק, וואָס פירט מיט עטלעכע טרעפּלעך אַראָפּ אין הויף. ער קוקט אין דער ווײַט ווו ס׳טרעטן אָפּ די לעצטע רעשטלעך נעפּל. פון רעכטס לויפט אָן אַ פּאַרסאָפּעטע מאַשין. אַ שווערעטעמדיקע טראָגט זי זיך אַלץ ווײַטער און לאָזט הינטער זיך אַ טויבע שטילקייט. הענער קרייען פון אַלע זײַטן. ביסלעכווײַז נעמט העלן דער טאָג און דער לעצטער פלעק נעפּל צערינט אין דער העלקייט.

— וואָס וועט זײַן? — הערט עס אים נישט אויף פּײַניקן — ווי לאַנג קאָן מען זײַן ברוגז?...

אַ ביטערער פּאַרדראָס בריט אים. ער וואָלט אַזאַ רעווע געטון ווי דער רעמאָלקאַדאָר[1] וואָס גליטשט זיך איבערן טײַך. זײַן געהער ווערט פאַרשפּיצט: הייבט זי זיך שוין אויף?... ווי קאָן זי זײַן צו אים אַזוי גלײַכגילטיק און אַרומגיין אַ שטומע ווי אַ שאָטן?... זי איז גאָרנישט אַזאַ שלעכטע... און אַז ער האָט נישט קיין אַרבעט — האָט זי שוין נישט מיט אים קיין שום געמיינזאַמס? נו, און ס׳קינד? ס׳איז דאָך אונדזער קינד, מײַנס און אירס. אונדזער ביידעס קינד...

אַזוי שטייענדיק אויפן גאַניק זעט ער ווי מענטשן פון דער פאַרשטאָט, פון פאַרשידענעם עלטער אײַלן צו דער אַרבעט. יונגע מיידלעך לויפן ווי ס׳וואָלט זיי פאַרגעשטאַנען צו פאַרלירן מי־יודע וואָס. אַלץ אײַלט און יאָגט צו דער בריק, וואָס פירט צו דער צווייטער זײַט שטאָט. זײַנע קאַלטע שטומע בליקן באַגלייטן די אַלע זיך־אײַלנדיקע ערגעץ צו אַ ציל, ווו זיי זענען אַלע נייטיק און נוציק, נישט קיין איבעריקע מענטשן אַזוי ווי ער.

---

1 שלעפּשיף, צוצי־שיפל וואָס פירט אַרײַן די שיפן אין פּאָרט

קאָנסטאַנטינאָ איז אַראָפּ אונטן אין גאַס און זיך געלאָזט גיין מיטן שטראָם. נאָר נישט אַזוי אַװליק. ער האָט זיך נישט וואָס צו יאָגן. ער גייט פּאַמעלעך, לאַנגזאַם. עפּעס אַ געהיימער כוח אין אים ציט אים כסדר ער זאָל גיין צוריק. פּלאָנטערט ער מיט די פיס: אַ טראָט און בלײַבט שטיין און ווידער עטלעכע טראָט. אַזוי קריכט ער ווי זײַנע געדאַנקען וואָס באַוועגן זיך קוים. אפשר וועט אים ווער נאָכלויפן, דאָס ווײַב. זי וועט אים רופן... ניין, קיינער האָט אים נישט אין זינען, קיינער רופט אים נישט.

גייט ער אַ פאַרשעמטער מיט דער הענגבריק. קומט אַריבער אויף דער צווייטער זײַט און נעמט גיין לענג־אויס מיטן ברעג, וווּ ס'שטייען שיפן מיט לאָדונג. אפשר וועט זיך עפּעס מאַכן, אַ פאַרדינסטל, עטלעכע פּעזעס.

דער מיזרח האָט זיך אָנגעצונדן טונקל רויט ווי אַ נישט־געפּוצטער מעש. באַלד וועט די זון אויפשײַנען. אויף אַ מהלך שטייען שיפן, שלעפּשיפן, שיפלעך מיט זעגלען, אָן זעגלען. פון אַלע זײַטן הערן זיך לאַנגע אויסגעצויגענע גענעצן. די מענטשן פון די שיפן, מאַטראָסן, באַדינערס קומען ערשט פון זייערע געלעגערס אונטן אין די קאַיוטעס. שיפהייצערס, דאַרע דינער־יונגען שטייען מיט לולקעס אין די מײַלער. דער אַרום ווערט רעשיקער. אויפן ברעג גייט אָן נאָכאַנאַנד אַ טומלדיקער געררויש און אימפּעטיקע באַוועגונג. אין אַ ווינקל בײַ דער זײַט וואָנט פון אַ גאַלפּאַן¹ הייבט זיך פויל אויף אַ וואַגאַבונד, פּאַקט אײַן זײַנע שמאַטעס אין אַ זאַק, קוקט מיט אַ פינצטער פּנים צו דער וועלט, פאַרשאַרצט די לאַנגע גראָע האָר אויף אַרונטער צו דער פּאַטילניצע און נעמט גיין פּאַמעלעך נישט קוקנדיק צו קיינעם און אויף קיינעם. ער גייט זײַן טעגלעכן שלעפּערשן מאַרש איבער די שטאָטישע גאַסן, אַ גאַנצן טאָג אַזוי, כאַפּנדיק דאָ אַ ביינדל דאָ אַ שטיינדל ביז אין דער ענדלאָזער נאַכט אַרײַן וואָס פירט אים צוריק אַהער צום ברעג.

דער איינציקער, וואָס קוקט נאָך דעם וואַגאַבונד, איז קאָנסטאַנטינאָ. דער קאַלנער פון העמד איז בײַ אים צעבראָסטעט. זײַן שטערן קנייטשט זיך. ס'לינקע אויג איז אַ ביסל פאַרזשמורעט און די נאָז אָנגעשפּיצט. ער בײַסט זײַן לולקע אין מויל און מחשבות לויפן איצט אום אין מוח ווי איבערגעשראָקענע מײַז אויף אַ טרינקענדיקער שיף. מחשבות פינצטערע, צעצויטיקטע, אָפּגעשליסענע, ווי יענער, וואָס האָט זיך ערשט אויפגעהויבן, אַרויסגעקראָכן פון בינטל שמאַטעס און זיך געלאָזט גיין — אַ פרײַער פויגל, אָן פליכטן, אָן זאָרגן. אים איז גוט, נאָר מקנא צו זײַן.

קאָנסטאַנטינאָ האָט אַ שפּאַן געטון פאָרויס און שלום געמאַכט מיט זיך.

---

¹ סקלאַד, לאַגער

מיט זײַן גורל. יאָ, ער וועט זיך מער נישט אומקערן אַהיים! ער וועט גיין אין דער וועלט אַרײַן, וואַנדערן איבער שטעט און שטעטלעך. מיט האַסטיקע טריט האָט ער גענומען גיין באַרג־אַרויף מיטן ברעג וואָס פירט אין שטאָט אַרײַן. געביסן זײַן לולקע און געלאָפן, ווי געטראָגן פון אַ בלינדן כוח, אַ כוח וואָס באַפרײַט אים פון יעדער לאַסט. נאָר קומענדיק שוין אין די ערשטע פאַרשטאָטישע גאַסן איז אים באַפאַלן אַ מידקייט. אַרײַנדרייענדיק זיך אין אַ זײַטיק־אויסגעבויגן געסל איז ער אויסגעקומען אין דער פונקט פאַרקערטער ריכטונג וואָס האָט געפירט אויף אַהיים.

— הײַנט איז שבת! — האָט זיך קאָנסטאַנטינאַ דערמאָנט, זעענדיק די יום־טובדיק צעשײַנטע פּנימער פונעם יונגוואַרג. די זון שלאָגט מיט היץ. ס׳גיסט זיך פון אים דער שוויס. די הענגבריק שלאָגט מיט אָנגעגליטקייט. ער גיט זיך אַ כאַפּ, אַז ער שטייט דאָ אויף דער בריק פאַרגולמט. די מחשבות האָבן אים ווי צוגענאָגלט צום אָרט. די געדאַנקען בײַטן זיך בײַ אים — איינער אַנדערש ווי דער צווייטער, זיי לויפן אָן אין אים ווי אונטן די כוואַליעס — צעצאַפּלטע, צעשריגענע, צעטראָגענע. מאָרגן איז זונטיק, שוין ווידער אַ פרישער זונטיק, נאָך אַ גאַנצע אויסגעליידיקטע וואָך. ווי פײַנלעך איז פאַר אים דער מאָרגנדיקער טאָג!... אפשר וועט מאַריאַ הײַנט קומען צו גיין. שוין צוויי וואָכן ווי מע זעט אים נישט. דער איינציקער אמתער פרײַנד, וואָס האָט אים אין זינען און העלפט אים חבריש. קריגט פאַר אים אַרבעט אויף אַ טאָג־צוויי, אַ „טשאַנגע״ דאָ, אַ „טשאַנגע״ דאָרט. ער שאַנצט אים שטענדיק עפּעס צו. ער קומט קיין מאָל נישט מיט די ליידיקע הענט:

— אָט דאָס הייסט אַ חבר, איינער פון הונדערט! — רעדט ער צו זיך אַליין און ווערט דערבײַ באַהערשט פון אַן אָנגענעם געפיל, וואָס פאַרגנבעט זיך בײַ אים אונטערן האַרץ: אָט וועט מאַריאַ הײַנט קומען צו אים אין שטוב, און ס׳וועט שוין ווערן פריידיק אין אַלע ווינקעלעך. ער גיט אַ צוק מיטן רעכטן אַקסל. מיט קינדיש־וואַקלדיקע טריט לאָזט ער זיך גיין איבער דער הענגבריק אַהיים. קומענדיק אין הויף בלײַבט ער שטיין, קוקט מיט אויגן שולדיקע צו דער טיר פון זײַן שטוב. ער פילט אַ היץ אין אַלע אברים. דאָס איז פון הונגער וואָס קנײַפּט אים די קישקעס. מאָדנע, אין גאַס פילט ער נישט אַזוי שטאַרק דאָס באַגעניש. ווי נאָר אָבער ער דערנענטערט זיך צו דער היים קריגט ער גלײַך אויף דער שוועל אַ קבלת־פּנים פונעם הונגער וואָס באַלעבאַטעוועט בײַ אים אין שטוב פראַנק און פרײַ. ער פילט, קאָנסטאַנטינאַ, אַז ער וואָלט געקאָנט איצט אײַנשלונגען אַן אָקס מיט די קאָפּיטעס און נאָך זײַן הונגעריק. ער בלײַבט שטיין און גיט אַ שטילן אײַנגעהאַלטענעם רוף:

— אַדעלאַ! אַדעלאַ! — חזרט ער איבער איר נאָמען. נאָר קיינער הערט נישט.

מאַריאַ, זעט אויס, איז נישט געקומען. אוודאי איז ער, קאָנסטאַנטינאַ, דער שולדיקער, וואָס אַדעלע גליט אָפּט פון רציחה צו אים. טעג קאָנען דורכגיין זי זאָל נישט רעדן צו אים קיין וואָרט. אָט ווי ער וואָלט געווען נישט איר מאַן נאָר דער שאָטן אויף דער וואַנט. און ווי איבערגעאַנדערשט זי ווערט ווען ער קריגט ערגעץ אַרבעט אויף עטלעכע טעג. נישט די זעלבע. זי איז דעמאָלט נישט צו דערקענען. אַזאַ ליב שמייכעלע אויף איר פּנים. אַזעלכע צעשפּילטע אויגן. אַן אַנדערער מענטש ווערט זי. אַן אמתדיק ווײַב. זי גרייט אים צו ס׳פּעקעלע עסן מיטצונעמען צו דער אַרבעט. לאָזט אים נישט אַרויס אָן אַ טרונק. אָט אַזוי ווי אַ ווײַב דאַרף זײַן.

ער האָט זיך אַרײַנגעשאַרט אין שטוב ווי אַ גנב. דאָס קינד איז געשלאָפן אײַנגעטוליעט אין דער מאַמען. אַ גאַנצן טאָג ווײנט זי, די קליינע העליע. אַ קינד דאַרף זיך פאַרשפּילן און זי האָט נישט מיט וואָס... מאַכט זי גוואַלדן און מענטשן האָבן וועגן וואָס צו רעדן. ער איז געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער. נישט געוואָלט קיינעם איבערוועקן. ער האָט גענומען דאָס קייבערל, פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר אָן איבעריקן שאַרך, זיך אַרויסגעגנבעט שטיל פונעם הויף אַרויס און אייליק זיך געלאָזט צום טײַך כאַפּן עטלעכע פישלעך אויף זונטיק. מאָרגן איז דאָך זונטיק!

די שמאָלע געסלעך אַראָפּ־צו צום ברעג ווערן פאַרטויבט פון קינדערשע געשרייען. די שטיבלעך שטייען ווי אײַנגעדרעמלטע מיט פאַרמאַכטע לאָדנס און איבער זיי אַ רחבותדיקער טיפבלאָער הימל. ווײַט אין הינטערגרונט טונקלען קליינע גראָע כמאַרעס. דער אַרום ווייעט מיט שבתדיקע גענעצן. פאַר אַ סך שטיבער לאַכן זאַרגלאָזע מיידלעך. מיטליעריקע פרויען רעדן צווישן זיך מיט צעקנייטשטע פּנימער, פאַרזאָרגטע, פאַרעלטערטע פאַר דער צײַט.

אַ ווידערקול קלינגט אָפּ פון הינטישן געביל. פון ווײַטנס הערט זיך דאָס קרייען פון הענער. גערויש פון לאַסט־אויטאָס וואָס פאַרשטומט באַלד אין די זײַטיקע גאַסן. קאָנסטאַנטינאַ לויפט גיך. ער וויל זיך נישט אָנטרעפן מיט די שכנישע פאַרשנדיקע בליקן. אַ קורצע ווײַלע איז ער שטיין געבליבן בײַם ברעג, געגאַפט, געקוקט דאָ אויפן הימל, דאָ אויפן טײַך. אויב די וואָלקנס וועלן אָניאָגן געדיכטער וועט מען הײַנט קיין פיש נישט קאָנען כאַפּן. דערווײַל איז נאָך מיטצור־דערלײַדן. אַרום אויפן וואַסער וויגן זיך שיפלעך רעכטס און לינקס. הויך פאַר־ריסן פלאַטערן זייערע פענדלעך... גרעסערע שיפלעך גיבן זיך אַ באַוועג, צעוויגן זיך פון די אומרויִקע כוואַליעס. גרויסע שיפן, מאַסיווע, יחסנים האַלטן זיך פעסט פאַרריסן מיט זייערע מאַסטן געשטרעקט אויף אַרויף. זײַנע בליקן לויפן אַלץ ווײַטער איבערן שטח פונעם ריאַטשועלאָ־טײַך, וואָס איז אַרומבאַזוימט מיט יאַכט־שיפלעך, פענדלעך, „רעמאָלקאַדאָרן". אַלץ איז אַזוי אומעטיק און פאַרגאַסן מיט

די איינטאָניקע כוואַליעס, וואָס שלאָגן נאָכאַנאַנד צום ברעג — אויף און אָפּ. אַ רויך פון אַ לאָסטשיף־קוימען מאַכט אַ קרייזלדיקן שפּאַציר, הייבט זיך, ווי אַ דורכזיכטיקער טיול, צו די הייכן, צום רוים, וואָס נעמט זיך לײַטערן און אויס־קלאָרן. צוויי רעמאַלקאַדאָרן גליטשן זיך מיט נישט געאײַלטן טעמפּ און שוימען אַרום אַ ווײַסן פּערלדיקן שוים.

לינקס, בײַם סאַמע ברעג שטייט אַ שיף אַ חורבה, צעפּרעסן פון זשאַווער, מיט ברעטער פאַרלייגט איבער איר ווי אַ בריקל. קאָנסטאַנטינאַ קריכט אַרויף אויפן סאַמע שפּיץ, זוכט אַן אָרט וווּ אָנצובינדן די שטריק און לאָזט אַראָפּ דאָס קייבערל אין וואַסער אַרײַן.

פון די שיפן ווייעט אַן אומעט פון ווײַטע וועגן, פון ערגעצן אומבאַקאַנטע. דער אומעט האָט אין זיך אַזאַ כישוף, וואָס פאַרגליווערט דעם ווילן, מאַכט דעם מענטש מאַכטלאָז, פירט אַרײַן אין פאַרגעסנקייט. קאָנסטאַנטינאָס בליקן פאַלן אין קויבערל, וואָס ער ציט אַרויף מעכאַניש, כמעט ווילנלאָז, וויסנדיק פון פאָ־רויס אַז ס׳איז ליידיק. ער האָט עס עטלעכע מאָל אַזוי אַראָפּגעלאָזן אין וואַסער און אַרויפגעצויגן, נישט מיד געוואָרן עס אַרונטערצולאָזן און אַרויפצוציִען, און כסדר דער זעלבער רעזולטאַט — ליידיק.

די הענגבריק, וואָס וויגט זיך הין און הער, גיט אַ בראַזג בײַ יעדן ברעג. עטלעכע משא־הייבערס שטייען פאַרריסן מיט זייערע רעדלקעפּ און וואַרפן אַרום זיך לאַנגע שאָטנס.

— נישטאָ וואָס צו מאַכן — אַלאַ מאַדאָנע! — שרײַט קאָנסטאַנטינאַ — כ׳וועל קיין פיש הײַנט נישט כאַפּן, גיכער אַ קאַטאַר, נישט קיין פיש. דווקא ווען דו ווילסט — ווילן זיי נישט...

ער האָט אַליין נישט באַמערקט ווי דער טאָג איז אים אַהינגעקומען. די גאַנצע בריק טובלט זיך איצט אין אומעטיקלעכן בין־השמשות־שײַן. אין מערב צינדט זיך דער הימל מיט גליִענדיקער רויטקייט. געדיכטע וואָלקנס האָבן זיך צונויפגערוקט, הענגען ווי בערג — איינער איבערן צווייטן מיט אַ טונקע־לער זילבערנער מאַטקייט צעצונדן בײַ די ראַנדן. אין מיטן הימל האָט זיך צע־בלאָסט אַ האַלבע לבנה. און די גאַנצע טאָגיקע שײַן איז ערגעץ־ווו אַרונטער־געפאַלן אונטערן האָריזאָנט.

קאָנסטאַנטינאַ קוקט מיט שטאַרע אויגן אין איין ריכטונג — צום מערב. די פאַרבן פון זונפאַרגאַנג וויגן אים אײַן אין אַ חלום פון אַ פול קייבערל פיש. דאָס קיישל איז שווער. ער שלעפּט זיך דערמיט אַהיים. ער זעט זײַן אַדעלע אַ דערפרייטע. ווען זי איז צעשמייכלט איז זי צען מאָל שענער ווי זי איז. אָט כאַפּט ער זי אַרום. ס׳קינד לויפט אים אַנטקעגן מיט פאַרהויבענע הענטלעך:

— פאַ־פאַ!...

— מיידעלע טײַערס, קינד מײַנס, גיב אַכטיק זאָלסט נישט אומפאַלן!...

דער אָטעם האָט זיך אים אַזש פאַרהאַקט. ווי פונעם חלום האָט ער אַ ציטער געטון מיטן גאַנצן קערפּער. מיט אָפּגעשוואַכטער מידקייט האָט ער גע־נומען ציִען דאָס פאַרשאָלטענע קייבערל פון וואַסער אַרויס. ס'האָבן זיך אַרײַנ־געכאַפּט דערין עטלעכע טויטע אויפגעשוואָלענע פישלעך. מיט כעס האָט ער זיי אַוועקגעשלײַדערט און זיך דערבײַ גוט אויסגעזידלט מיט אַ שפּײַ אין אַ זײַט באַגלייט מיט אַ קללה אין דער מאַמען אַרײַן.

* * *

די שטומע ערד איז אײַנגעהילט אין נאַכט. די לבנה באַהאַלט זיך אונטער קליינע כמאַרעס, וואָס שווימען זי פאַרבײַ און לאָזן זי איבער אַ נאַקעטע, אײַלן זיך ווי זיי וואָלטן געהאַט אויסצופירן אַ נייטיקע שליחות. אין טײַך צאַפּלען זיך פינקלענדיקע לעמפּלעך, באַוועגן זיך, ווי די פישלעך, וואָס גיבן זיך אַ באַ־ווײַז, פאַרשווינדן און קומען ווידער צוריק אַרויף אויף דער אויבערפלאַך: זע, איך בין דאָ, נאָר כאַפּן וועסטו מיך נישט... כ'בין פלינקער פון דיר.

אין נאַכטישן צוזאַמענגעפלעכט שטייען שיפן און שיפלעך. ס'ציטערן שטי־מען מענערשע באַגלייט מיט פאַרבענקטע טאַנגאָס, לידער און געשרייען. קאָנס־טאַנטינאָ קריכט אַראָפּ מיטן ליידיקן קויבערל פון דער חורבה־שיף, גיט אַ האָס־טיקן בלאָז פון זיך, ווי ער וואָלט געוואָלט אַוועקבלאָזן פון זיך די אַלע שיינע חלומות, וואָס זענען נישט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי. ער נעמט גיין מיט אונטערגעבראָכענע מידע פיס. אינעם ערשטן געסל פאַרנעמט ער זיך באַרג־אַרויף און פאַרשווינדט אין דער פינצטערניש פונעם שטאָטישן אָוונט.

* * *

נישט ווײַט פון זײַן שטוב האָבן הילכיקע קולות זיך געריסן אין גאַס אַרויס. געשרייען דומפּיקע, הייזעריקלעכע, פון מענטשן וואָס האָבן שוין געטרונקען צו עטלעכע גלעזער. ער האָט אָנגעהויבן גיין לאַנגזאַמער. פאַרהאַלטן זײַנע בליקן אויף די נידעריקע פענצטערלעך, בײַ דער סאַמע ערד, פון וואַנען ס'האָט געווייעט מיט טונקעלע ריחות צוזאַמען מיטן קאַרגן ליכט וואָס האָט זיך אַרויסגעזיפּט פון דאָרט. ער איז געבליבן שטיין און געוואָלט עפּעס הערן וואָס די שכנים רעדן צווישן זיך. צו זײַן אויער איז אָבער גאָרנישט דערגאַנגען. פאַרעמלאָזע גרופּקעס מענטשן זענען געזעסן צונויפגעטוליעטע, אײַנגעהילטע אין אַ געדיכטן וואָלקן ציגאַרנרויך. לעבן טירל, וואָס פירט אין זײַן שטוב אַרײַן, איז געשטאַנען מאַריאַ. ער איז אַרויס אַ ביסל זיך אָפּקילן און דערזען אָנקומען זײַן חבר:

— העי, קאָנסטאַנטינאָ! — האָט זיך מאַריאָ מיט אים אַרומגעכאַפּט און געקלאַפּט אין דער פּלייצע אויפן גוטברודערישן שטייגער.

קאָנסטאַנטינאַ האָט זיך דערפילט אַ ביסל פאַרלוירן און אַ מוטלאָזער זיך געלאָזט קלאַפּן און אַרומנעמען נישט אָפּגעטפערנדיק מיטן זעלבן, אָט ווי אַ פאַרשולדיקט קינד, וואָס לאָזט מיט זיך אַלצדינג מאַכן, ווײַל ס׳ווייסט אַז ס׳איז שולדיק, אַז ס׳האָט אָפּגעטון אַ פעלער.

אין איין אָטעם האָט מאַריאַ אים דערציילט, אַז נאַרוואָס איז ער בײַ אים געווען מיט דער נײַעס אַז ער האָט פאַר אים אַרבעט. מאָנטיק, ס׳הייסט איבער־מאָרגן, זאָל ער וואַרטן אויף אים בײַ דער בריק, פאַר זעקס. קאָנסטאַנטינאַ האָט זיך נאָך מער פאַרלוירן, געבליבן שטיין אָפּהענטיק, אָן אַ וואָרט און אָן אַ דאַנק צומאָל. אַלץ אין אים איז געוואָרן הויל און ליידיק.

מאַריאַ האָט אים רעכט נישט געלאָזט צו זיך קומען און גלײַך אים גע־שלעפּט נאָך זיך זעענדיק אים אין אַזאַ פינצטערן מעמד:

— וואַמאַס, טשע! קום מיט מיר — האָט ער אים געשלעפּט אין באַר אַרײַן נישט ווײַט פון דער שטוב, אויף דער אַנדערער זײַט גאַס.

אַ היץ האָט געשלאָגן פון אַלע זײַטן און אַ געדיכטער רויך האָט געשטיקט אין האַלדז. בײַ די ווענט ביז אַרויף צום בופעט זענען געשטאַנען טישלעך. בײַ יעדן טישל איז געזעסן אַ גרופּע מענטשן. מ׳האָט געטומלט, געשריגן אויפן קול, זיך געריסן דעם האַלדז מיט באַנומענע קולות. קאָנסטאַנטינאַ האָט זיך צוגעזעצט אַ פרעמדער צו דעם גאַנצן גערויש און גערעדערײַ. זײַן פּנים האָט אויסגעדריקט אַ געמיש פון פּײַן און פרייד...

מאָנטיק! איבערמאָרגן אין דער פרי — האָט עפּעס געציטערט בײַ אים אין האַרץ — מאָנטיק פאַר זעקס בײַ דער בריק... דאָס פּנים האָט בײַ אים גע־פלאַמט. זײַן נאָז האָט געציטערט מיט די פליגעלעך, ווי שטענדיק ווען ער ווערט עמאָציאָנירט, איבערגענומען, ווען ער פאַלט אַרײַן אין כּעס אָדער ער ווערט באַהערשט פון אַ פרייד. זײַנע אויגן האָבן איצט געגלאָצט מיט קאַלטע פײַערלעך צום אַרום. זײַנע הענט ציטערן אים, ער בײַלט זיי און פאַרקלעמט אין פויסטן מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם קריץ פון די ציין.

מאַריאַ לאָזט נישט אַראָפּ זײַן שמייכל פון פּנים. זײַנע וואַסערדיקע אויגן גלאַנצן פון צופרידנקייט. די וואָנסעס זענען בײַ אים נאַס פון טונקען זיי אינעם ווײַן:

— טרינק, קאָנסטאַנט! — בייגט ער זיך צו אים צו און כאַפּט אים אַרום — באַ, טרינק. זאָרג נישט. ס׳וועט זײַ ווי גאָרנישט העלפן דײַן זאָרגן. אַזוי איז די וועלט און דו וועסט זי נישט איבערמאַכן.

קאָנסטאַנטינאַ האָט אַ טרייסל געטון מיט די אַקסלען און געפילט ווי עס

יאָגט אים פון דאַנען: — נו, — האָט ער זיך אַ האָסטיקן הייב געטון פון אָרט, פאַרפלאָכטן די פינגער פוןביידע הענט און זיי געדריקט ביז ווייטיק.

מאַריאַ האָט געזען זײַנע רציחה־בליקן און נישט דערווידערנדיק אים באַ־גלייט צו דער טיר:

— פאַרגעס נישט... ביז מאָנטיק!...

— ביז מאָנטיק!...

* * *

דאָס שטיקל וועג ביז זײַן שטוב איז ער כמעט נישט געגאַנגען נאָר גע־לאָפן. די ערד האָט זיך ווי געדרוקט אונטער זײַנע פיס. זלידנע געדאַנקען האָבן אויפגעבליצט ווי גרינגע שטערנדלעך און באַלד זיך געלאָשן צוזאַמען מיטן לעצטן פונק פון חשד, פאַרשווינדן ווי דאָס שטיקל וועג ביז צום געסל וואָס פירט אין שטוב אַרײַן. זײַנע פיס האָבן זיך שווער געהויבן אויף די טרעפּ. מיליאָנען זיל־בערפינקען האָבן געבלענדט פאַר זײַנע אויגן. אויפן גאַניק האָט ער זיך פאַר־האַלטן און געקוקט צו דער טיר, ווי ער וואָלט זיך געוואַקלט: יאָ, אָדער נישט אַרײַנגיין.

אויף דער שוועל האָט זיך פלוצים באַוויזן אַדעלע. מיט אַן אויפּציטער האָט זי געקוקט צום אומבאַוועגלעכן קאָנסטאַנטינאָ. זי האָט זיך געפינען אין אַ פאַר־לעגנהייט. ס׳קינד איז שוין געשלאָפן. זי האָט זיך דערנענטערט צו איר מאַן, אַ שעפּטשע געטון ווי מיט אַ געבראָכן קול:

— מאַריאַ איז דאָ געווען...

— כ׳ווייס, כ׳האָב אים געטראָפן...

אַדעלע האָט געפילט ווי אַ קנויל וואָלט זיך איר געשטעלט אין האַלדז, נאָר דערוואָרגן צו ווערן פון זײַן פינצטערן בליק, וואָס האָט באַגראָבן אין זיך אַ געבונדענעם שטורעם. גענוג איין צי מיט דער שטריק אַז דער שטורעם זאָל קערן וועלטן.

קאָנסטאַנטינאָס צונג איז געווען ווי צוגעקלעפּט צום גומען. קוים וואָס ער קאָן אַרויסברענגען אַ וואָרט. דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטון צום קאָפּ, אַ שלאָג געטון פון די פיס ביזן מוח. אַלץ אין אים האָט געגליט.

— וואָס ווילסטו, זאָג! — האָט אַדעלע מוטערלעך אַרויפגעלייגט אירע הענט אויף זײַנע אַקסלען — וואָס איז דיר נאָך שלעכט?... צוויי חדשים אַר־בעט... צוויי חדשים רויִק פאַרדינען אויפן לעבן... וועסט צוריק אַרײַן אין אַ מענטשלעכער הויט... זײַן גלײַך מיט אַלע... בעסער קאָן דאָך נישט זײַן...

פון אירע שטילע רייד איז זײַן פײַער אָפּגעקילט געוואָרן און זיך גענומען לעשן, ווי אַ זומערדיק פאַרנאַכטווינטל וואָלט אים אָפּגעפרישט פון דער גרוי־סער בייטאָגיקער היץ. אירע הענט, וואָס זי האָט געהאַלטן אויף זײַנע אַקסלען,

האָבן אים באַפרײַט ווי פון אַ פיבער. ער האָט זיך געלאָזט אַרײַנפירן אין שטוב אַרײַן. זײַנע בליקן זענען צום ערשט געפאַלן אויפן שלאָפנדיקן קינד, וואָס איז געלעגן אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט, און גלײַך האָט ער זיי אַ פיר געטון שפּיזיקע, דורכדרינגלעכע אויפן בלייכן פּנים פון אדעלע, וואָס האָט איצט געליכטיקט מיט ריינער אומשולדיקייט, וואָס ס׳האָט בײַ קאָנסטאַנטינאָן אַוועקגענומען דעם לעצטן שאָטן פון פאַרדאַכט.

די שטוב האָט באַקומען אַן אַנדערן אויסזען. אַפילו די שאַנק מיטן צעראַצטן שפּיגל האָט ווי געשמייכלט: זע, איך שטיי אויפן זעלבן אָרט ווי נעכטן, ווי שטענדיק.

— גיי, וואַש זיך אָרום... נעם דיר וועש...

קאָנסטאַנטינאָ האָט נישט גערעדט. זײַנע בליקן האָבן זיך געביטן. אָט ווי זיי וואָלטן געגאַפט אין פאַרלוירנקייט און שולדיקייט, און אָט ווי ס׳וואָלט זיך מיט אַמאָל אין זיי צעשפּילט אַ קינדישע אומבאַגרענעצטע פרייד, וואָס האָט זיך געשפּיגלט אין אַדעלעס אויגן פאַרלאָפענע מיט טרערן. ער האָט געקוקט צום קינד און נישט אַוועקגענומען זײַנע בליקן פון אַדעלען. ער האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן און גובר זײַן די אָנפּלייצנדיקע פרייד אין אים און אַרומגעכאַפּט אַדעלען און זי הייס און לאַנג געקושט, באַוואָרפן איר פּנים, אַקסל, הענט מיט הייסע ברײַענדיקע קושן.

# אַ וואַגאַבונד

אין אַ טריבן האַרבסט־טאָג האָט לאָפּעז פאַרלאָזט דעם שטאָטישן שפּי־טאָל. ער איז אַרויסגעקומען אויף דער גאַס, וואָס איז געווען פול מיט באַוועגונג און רויש, געבליבן שטיין פאַרן שפּיטאָל־טויער און נישט געוווּסט ווו צו שטעלן אַ טראָט. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי ער וואָלט די דאָזיקע גאַס געווען געזען צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן.

אין שפּיטאָל אַרײַן האָט מען אים אַרײַנגעפירט מיט אַ פּיר חדשים צוריק ווען די גאַסן האָבן זיך אים מיט אַמאָל אַפּערגעגליטשט פון אונטער די פיס. איצט טאַנצן די הײַזער אים אַנטקעגן אַ ווילדן שדים־טאַנץ ווען ער נעמט שיקן פאָרויס זײַן קוליע־שטעקן. מיט שוועריקייט שלעפּט ער קוים נאָך זײַן הינקעדיקן קראַנקן פוס. דער הימל איבער אים נעמט זיך וויגן און אויסבייגן פאַר זײַנע אויגן. אָט אין איין זײַט, אָט אין דער אַנדערער...

אויסער זײַן צעקנייטשטן אָנצוג, וואָס הענגט אַראָפּ פון זײַן דאַרן קנאָכיקן גוף אַ לויזער מיט אַראָפּגעלאָזענע אַקסלען; די פּאָר גרויסע טשאַפּטשעס וואָס ער טראָגט אויף זײַנע קראַנקע פיס, און דער קוליע־שטעקן אונטערן לינקן אָרעם — פאַרמאָגט לאָפּעז נאָך עפּעס... אַ שטיקל צײַטונג־אויסשניט, ווו ס׳דערציילט זיך אַז דעם און דעם טאָג זענען צוויי מוליער־אַרבעטער אַראָפּגעפאַלן פון אַ רישטאָוואַניע. איינער איז געבליבן טויט אויפן אָרט. דער צווייטער איז געוואָרן שווער פאַרוווּנדיקט. די אַרויסגערופענע גיכע הילף האָט אים אָפּגעפירט אין שפּי־טאָל אַרײַן. זייערע נעמען — לאָפּעז ספּאַדקאַ און בערל ברוידע. צוזאַמען מיט דער אויסגעשניטענער צײַטונג־נאָטיץ ליגט אין קאָנווערט אַ בילד ווי ער שטייט מיט זײַן איסאַבעלע און זייער פּיריאָריק טעכטערל ראָסיטע. אויפן בילד שטייט לאָפּעז — אַ שמייכלענדיקער, הויך און שלאַנק — לעבן זײַן פרוי, אַ מיטלוווּק־סיקע מיט אַ קאָפּ שוואַרצע געדיכטע האָר. אין מיטן — זײַן ראָסע אין געפאַל־דעוועטן קליידעלע מיט די צוויי צעפּלעך אַראָפּגעלאָזט פון פאָרנט, פאַרפלאָכטן

מיט צוויי קאַקאַרדעס. ער גיט אַ טאַפּ די בוזעם־קעשענע, וווּ ס׳ליגט פֿאַרבאָרגן אַ שטיק פֿון זײַן לעבן און זיפֿצט דערבײַ אָפּ טיף און לאַנג. דערפֿילנדיק אַ בלײַיקע שווערקייט אין אַלע גלידער.

ער קוקט זיך אַרום, ווי ער וואָלט באַדאַרפֿט אַריבערשפּרײַזן אַ קאַלוזשע און זיך געישובֿט ווּ צו שטעלן דעם טראַט... ער האָט נישט איצט קיין שום באַשטימט ווינקל פֿאַר זיך. ווּ וועט ער זיך אַהינטון? ווּ זאָל ער גיין? נו, — גיט ער זיך אַ צעוויג מיט זײַן שוואַכן אויסגעצערטן גוף, ווי זיך אָנצונעמען מיט מוט — ער וועט צופֿאָרן צו זײַן לאַנדסמאַן וויצענטע. זיי קענען זיך נאָך פֿון קינדווײַז, פֿון דער היים. ער וועט בײַ אים זיכער זײַן אַן אָנגעלייגטער גאַסט. נאָך דערצו אַז ער גייט איצט גלײַך פֿון שפּיטאָל וועט ער זיך אַוודאי דערפֿרייען מיט אים וואָס ער איז אַרויס גאַנץ פֿונעם אומגליק וואָס ער האָט געליטן בײַ דער אַרבעט.

בײַ וויצענטען אין שטוב האָט לאַפּעז געפֿילט אַז אַלץ אין אים ווערט אויסגעהוילט. נישטאָ מער דער ברייטער שמייכל אויפֿן פֿולן פּנים פֿון וויצענטעס גראָב־אָנגעגאָסענער פֿרוי. די קינדער זענען קאַלט צו אים גלײַך ווי ער וואָלט געווען אַ ווילדפֿרעמדער. זיי רוקן זיך פֿון אים אָפּ, ווי ער וואָלט מיט זײַנע אַרויסגעזעצטע אויגן אָנגעוואָרפֿן אויף זיי אַ פּחד. פֿון זייערע פּנימער האָט ער אַראָפּגעלייענט ווערטער וואָס זיי האָבן טיף אין זיך דערשטיקט און באַהאַלטן:

— „אָט האָסטו דיר אַ גאַסט!“

ער האָט זיך צוריקגעצויגן און שנעל אַרויס פֿון דער שטוב אָן אַ וואָרט. וויצענטע איז גלײַך נאָך אים נאָך. אַ ביסל פֿאַרלוירן און שולדיק האָט אים יענער גענומען פֿאַרן אָרעם:

— האָב נישט קיין פֿאַרדראָס. אַזוי זענען זיי שוין, די נאַרישע ווײַבער!... וועסט גאָרנישט מיט זיי מאַכן. זאָג, ווּ וועסטו זיך שלאָפֿן איצט? קער זיך אום, ס׳איז זיך נישטאָ פֿון וואָס איבערצונעמען, וואַמאָס, קום...

— ניין, ברודערקע, דאַרפֿסט מיך נישט צורעדן, — האָט לאַפּעז געוואָלט פֿון אים פּטור ווערן, — כ׳וועל שוין ווּסן ווּ צו פֿאָרן... כ׳וועל פֿאָרן צו... — האָט ער עפּעס פֿאַרשנויפּלט מיט די ציטעריקע ליפּן און מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ אים צוגעוואָרפֿן:

— צוםווידערזען! טשאַו!

לאַפּעז האָט זיך מיט שווערע באַוועגונגען אַרויפֿגעזעצט אויפֿן טראַמווײַ.

— טשאַו! זאָלסט צוקומען ווען! הערסט!... — האָט וויצענטע אים אַרײַנגעשריגן אין אָפֿענעם טראַמווײַ וואָס האָט גלײַך גענומען רירן פֿון אָרט.

— יאָ, יאָ, מיר וועלן שוין זען!...

וואָכן און חדשים זענען אַוועק. זײַן געוועזענער באַלעבאָס, דאָן פּעדראָ, האָט אים גענומען פֿאַר אַ היטער פֿון דער בויונג. ער האָט אים געצאָלט אַזוי ער זאָל

האָבן גענוג אויף צו לעבן. שוין אַ צוגעווינטער צו זײַן אומגליק האָט איצט לאַפּעז אויסגעזונגען זײַן בענקשאַפֿט אין לידער, אין היימישע פֿאָלקסלידער. די האַרציקע ווערטער האָבן זיך געקאָלערט פֿון זײַן האַלדז, זײַן פּנים האָט דעמאָלט אויפֿגעלויכטן פֿריידיק ביז פֿאַרגעסן זיך...

אָפּט מאָל פֿלעגט ער אויף דער בויונג צושטיין עטלעכע מאָל צו איין און דעם זעלביקן מענטש, אים ווײַזן דעם צײַטונג־אויסשניט מיטן בילד. ס'איז געווען זײַן ברענענדיקע ווונד, וואָס האָט אים פֿאַרשאַפֿט אי ווייטיק אי עפּעס אַן אָנגענעמע פֿריידיקע דערמאָנונג פֿון אַלטע גוטע צײַטן, וואָס זענען געווען אָט טאַקע ערשט, נאָר וואָס, נעכטן.

צום בויפּלאַץ איז האַסטיק צוגעפֿאָרן אַן אויטאָ און זיך אָפּגעשטעלט פֿאַרן ווערכטער־בײַדל. אַ דיקער, פֿולגעפּאַקטער מענטש איז אײַליק אויסגעשטיגן. אינעם הילצערן שטיבל בײַם אַרײַנגאַנג איז געזעסן לאַפּעז און געטרונקען אַ מאַטע. מיט שווערע דראָבנע טריט האָט זיך דאָן פּעדראָ צו אים דערנענטערט און אויסגעפֿרעגט וועגן פֿאַרלויף פֿונעם טאָג, וועגן אַלץ וואָס ס'איז פֿאַרגעקומען אויף דער בויונג.

לאַפּעז האָט געוויינטלעך געהויבן מיט די אַקסלען, ווי איינער זאָגט: וואָס ווייס איך? איך ווייס גאָרנישט.

— הער מיט קאָפּ, — האָט זיך דאָן פּעדראָ צו אים האַרט צוגערוקט און אים געקוקט גלײַך אין פּנים אַרײַן, — אַז דו וועסט דערזען פֿרעמדע מענטשן זיך דערנענטערן צו דער געבײַדע זאָלסטו געבן אַ פֿײַף מיט אָט דעם פֿײַפֿל... די אַנדערע וועלן זיך שוין פֿאַרשטיין דערויף...

— סי סעניאָר.

— זאָלסט שטיין אויף דער וואַך ווײַל דו ביסט פֿאַר אַלץ דאָ פֿאַראַנטוואָרטלעך.

— סי סעניאָר.

— נאָ, דאָ האָסטו דאָס פֿײַפֿל... האַלט עס אַזוי אַז דו זאָלסט עס האָבן באַלד אונטער דער האַנט.

— סי סעניאָר.

ווען לאַפּעז איז געבליבן אַליין האָט ער געקוקט אויפֿן פּאָליציייִשן פֿײַפֿל, וואָס אַז ער וועט געבן דערמיט אַ פֿײַף וועט עס אויפֿוועקן ערגעץ דאָ נישט ווײַט פֿאַרבאָרגענע בייזע כוחות, וואָס וועלן זיך פֿאַרשטיין אויפֿן דאָזיקן פֿײַף־לשון און אַרויסקומען פֿון זייער לויער, זיך אַ וואָרף טון פֿון באַהעלטעניש ווי אַ מחנה צעווילדעוועטע הינט — נישט אָפּצוהאַלטן, נישט צו צוימען אין לויף... פֿאַר זײַנע אויגן איז געשטאַנען דער פֿלאַמיקער פֿלעק פֿון דאָן פּעדראָס רויטן קאַרק און צעצינדן פּנים. די פֿולכנע האַנט מיטן סיגנעט האָט בײַ יענעם געציטערט ווען ער

האט לאפעזן דערלאנגט דאס פײפל. וואס ווייסט לאפעז? מ׳האט אים געגעבן א פײפל האט ער עס גענומען. וואס דען האט ער געזאלט טון? — נישט נעמען?...

אנשטאט צו האלטן דאס פײפל אויבן־אויף אין קליינעם טאשן־קעשענקעלע האט ער עס פארשטופט אין דער לאנגער הויזן־קעשענע. זאל עס דארט ליגן. וואס גייט עס אים אן. ער איז דאך נישט מער ווי א לעבעדיקער מענטש. ער קאן נישט באמערקן אויך. און אז ער זעט נישט קיין שום פארדעכטיקס וועט ער דאך נישט פײפן סתם אין דער וועלט אריין, מאכן אן אלארעם און אויפוועקן מענטשן...

די נאכט האט זיך צוגעקריגן צו דער בוינג ווי א גנב. דער אײזן־בעטאנע־נער געשטעל פון דער נאך נישט־פארענדיקטער געבײדע, וואס איז צוליבן סיכסוך מיט די בוי־ארבעטער געבליבן שטיין נישט אויסגעפארטיקט, אן טירן און פענצ־טער, איז געווארן אײנגעהילט מיט טונקעלע שאטנס. איינצלנע פארשפעטיקטע פארבײגייערס האבן געווארפן א זײטיקן בליק אויף דער נײער געבײדע און גיך אוועקגעאײלט.

ס׳איז שוין געווען גוט שפעט אין דער נאכט, ווען עטלעכע סילועטן האבן זיך באוויזן פון אנדערן גאסווינקל און זיך צוגעשארט צו דער אנטקעגנדיקער מויער. די שאטנס האבן א פלאטער געטון מיט פחד און דראונג, זיך געפארעט אין דער פינצטערניש און עפעס א שלײדער געטון אויף דער פראנטיקער וואנט פון דער נײער געבײדע.

לאפעז איז געשטאנען אינעם בײדל און ארויסגעקוקט אין דרויסן. ס׳האט זיך אים טאקע אויסגעוויזן אז ער האט געהערט טריט. מאלע, וואס מ׳הערט ווע־מען גיין. ער האט אין אנהייב גארנישט פארדעכטיקט. וויפל מאל גייען דא פאר־בײ אין דער צײט פארליבטע פארלעך, שטעלן זיך אפ און סודלען זיך, קושן זיך. א פוסטער פלאץ בײ א נאכנישט־פארענדיקטער געבײדע וועט קיינער נישט שטערן... וואס ארט אים אז די פארליבטע קלײבן אויס גראד דעם פלאץ פארן פאסיקסטן פאר זייערע ליבע־אויסדרוקן? האט ער זיי קיין מאל נישט געשטערט. זאלן זיי שטיין און זיך ארײנשושקען איינער דעם צווייטן, זיך אנשעפטשען א פולן בויך. יונגע פארליבטע — וויפל זיי רעדן האבן זיי אלץ ווייניק.

אז ער האט אבער באמערקט די האסטיקע באוועגונגען פון די שאטנס איז ער ארויס א קוק געבן ווער ס׳איז. זיי זענען זיך שוין אבער אלע געהאט צעלאפן. ער האט ארויסגעכאפט דאס פײפל און געוואלט א פײף טון. נאר וואס פאר א זין האט שוין איצט דאס פײפן אז קיינער פון זיי איז שוין נישטא. האט ער צוריק ארײנגעלייגט דאס פײפל אין דער קעשענע און ארײן אין בײדל.

צומארגנס אין דער פרי האט זיך דער זעלביקער אויטא געגעבן א גליטש צו צו דער בויונג און זיך אפגעשטעלט הארט פאר דער וואכבודקע. דאס טירל פון דער קאטש האט זיך געעפנט. דאן פעדרא איז האסטיק ארויסגעשפרונגען א

רויטצעצונדענער אויפֿן גאַנצן פּנים. מיט צענומענע הענט און ווילדע געשרייען האָט ער זיך געלאָזט גיין צו דער געביידע און אַ ווײַז געטון לאָפּעזן מיט דער האַנט אין דער הייך:

— נאַ, זע, וואָס די הפקר־יונגען האָבן געטון! — האָט ער געשפּיזט אויף לאָפּעזן מיט אַ פּאָר צאַרנדיקע אויגן — באַגאָסן מיט אַלקיטראַן די ווענט! די גאַנצע געבײַדע געמאַכט פול מיט שוואַרצע פלעקן! און דו, ווו ביסט דו געווען? כ׳האָב דאָך דיך געהייסן פּײַפֿן! פאַרוואָס האָסטו נישט געגעבן קיין פּײַף? מײַנע מענטשן האָבן דאָך געוואַרט אַ גאַנצע נאַכט פאַרשטעקט אין אַנדערן עק גאַס. איין פּײַף ווען דו גיסט און די געבײַדע וואָלט געווען געראַטעוועט... גיי שטעל אַוועק אַ מענטש אַ קאַליקע, אַ שטיק גולם? ווו זענען געווען דײַנע אויגן?... ביסט געשלאָפֿן? האָסט זיך נישט געמאַכט זעען? האָסט מורא געהאַט מע וועט דיך שיסן?... צו אַלדע טײַוול!

לאָפּעז האָט זיך געפּרווט פאַרענטפערן, גענומען שטאַמלען:

— איך בין נישט שולדיק... כ׳ווייס אַליין נישט ווען ס׳איז געשען? כ׳האָב קיינעם נישט באַמערקט... מעגלעך, געכאַפּט אַ דרעמל אַ ווײַלע... אָבער ניין... אַרויס אויף אַ מאָמענט... מ׳איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש... מע דאַרף אַרויס־גיין... האָבן יענע עס אויסגענוצט... כ׳קום צוריק... שוין נישטאָ צו וועמען צו רעדן... אַלע צעלאָפֿן... גיי פּײַף, אַז קיינער איז נישטאָ...

דאָן פּעדראָ האָט געגעבן אַ נעם אַרויס פון טאַש עטלעכע גרינע פּאַפּירלעך און אַ שמײַס געטון מיט זיי לאָפּעזן אין פּנים אַרײַן:

— נאַ, געגאַנגען! — האָט ער אים געשטופּט דאָס געלט אין דער האַנט אַרײַן — נאַ, שלאָפֿן וועסטו בײַ דיר אין דער היים, נישט ווען דו ביסט אויף דײַן פּאָסטן. דײַן אַרבעט איז אויפֿזײַן און נישט שלאָפֿן! פאַרשטאַנען? פאַר דעם נעמסטו געלט! פאַרן היטן! היטן! פאַרשטאַנען?

— סי סעניאָר.

— לאָמיך דיך שוין נישט זען אויף מײַנע אויגן!

לאָפּעז איז געשטאַנען אַ צעטומלטער, ווי צעמישט. די רציחה האָט זיך גענומען וועקן אין אים, נישט בלויז פאַר איצט, נאָר פאַר דער גאַנצער צײַט פון זינט מ׳האָט אים אָוועקגענומען פון דאַנען אַ פאַרוואונדיקטן. ער האָט איצט געהאַלטן פאַרן פאַסיקסטן מאָמענט אים אַרײַנצוזאָגן אַלץ וואָס ס׳האָט זיך אָנגעזאַמלט אויף זײַן ביטער האַרץ:

— וועמען וואַרפט איר אַרויס? וואָס שלײַדערט איר מיר מײַן אויסגעהאָרעוועט געלט אין פּנים אַרײַן? פאַר דעם? — האָט ער אים געוויזן דעם פוס און די האַנט — פאַר מײַן פאַרקריפּלטן גוף? פאַר מײַן צעריסן פּנים? פאַר די צעבראָכענע ריפּן מײַנע — האָט לאָפּעז אויפגעריסן ס׳העמד זײַנס, גענומען צי־

טערן קאָנוואולסיוו מיטן גאַנצן גוף אַזש די מוילווינקלען האָבן זיך אים שוימיק פאַרפינעט — באַצאָלן וועסטו פאַר דעם! — האָט זײַן געזונטע לינקע האַנט זיך צעבײַלט — פאַר אַלץ וועסטו באַצאָלן! איך וועל דיר!...

* * *

ביטערע טעג האָבן זיך איצט אָנגעהויבן פאַרן קראַנקן לאָפּעז. ניִשט פּעיִק מער צו קיין אַרבעט האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן אַן איבעריקער, אַ געקרענקטער, אַ פאַרביטערטער. און צוביסלעך האָט אַלץ אַרום גענומען פאַרלירן פאַר אים יעדן זין און ווערט. דאָך ווײַט פון געדאַנק אויפצוגעבן עס אין גאַנצן.

זײַנע טעג זענען אויסגעגאַנגען טרויעריקע און בענקענדיקע נאָך זײַן שיינעם און קורצן אַמאָל וואָס איז איצט הימלווײַט פון אים, ניִשט מער צום דערגרייכן. דער גאַנצער הו־האַ פון מענטשן, דער וויסטער געיעג און געלייף, וואָס נאַרט און פאַרפירט, דערפירט ניִשט אין ערגעץ; דער גאַנצער אַרום האָט זיך פאַרוואַנדלט פאַר אים אין אַ טעמפּער ענדלאָזיקייט, אָן אַן אָנהאַלט, אָן אַן עפּעס אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן.

ער איז אַרומגעגאַנגען אַן אָפּגעלאָזענער, גערעדט צו זיך אַליין, באַקלאָגט זײַן גורל און דעם גורל פון זײַן פרוי און קינד אין ווײַטן שפּאַניע וואָס ער וועט זיי קיין מאָל שוין מער ניִשט זען און זיי וועלן אויך גאָרנישט וויסן פון אים. ער האָט ניִשט דעם מינדסטן אינטערעס און באַדאַרף צו שרײַבן וועגן זיך, וועגן זײַנע גליקן אין דער פרעמד. וואָס וועט ער זיי שרײַבן? אַז ער טויג שוין צו גאָרנישט? אַז ער דרייט זיך אַרום אַ קאַליקע מיט צעבראָכענע אברים?

ער האָט געפינען אַ נאַכטלעגער אין אַ תבואה־שפּײַכלער וואָס איז אָפּגעזונדערט פון דער גאַס מיט אַ רויטער געמויערטער וואַנט. דאָרט שלאָפן אַ סך אַזעלכע איינזאַמע ווי ער. זיי קומען פון פאַרשידענע טיילן שטאָט, לייגן אויס צײַטונגען און שמאַטעס, רוען דאָ אָפּ איבער נאַכט. גלײַך מיטן באַגינען כאַפּן זיי זיך אויף מיט שווידער אין זייערע אויסגעצערטע גופים און טראָגן זיך אָפּ פון דאַנען צוזאַמען מיט די נאַכטיקע שאָטנס.

אין איינעם אַ טאָג — בײַ דער וועלט איז עס געווען פאַררעכנט פאַר אַ יום־טוב, די מענטשן זענען געגאַנגען שיין אָנגעטון, אין נײַע מלבושים; די געשעפטן זענען געווען געשלאָסן און די גאַס האָט באַקומען אַ מנוחהדיקן אויסזען — אין אָט אַזאַ טאָג האָט זיך לאָפּעז געשלעפּט אַ צעוויגטער איבער די גאַסן, פאַרמאַטערט פון גרויסע יסורים. פּלוצים האָט אים אַ שניט געטון ווי מיט אַ מעסער אַ וואָרט, וואָס ס'האָט געלאָזט פאַלן אַ פרוי, וואָס איז לעבן אים פאַרבײַגעגאַנגען; אַ מאַמע האָט הויך אויפן קול אַ זאָג געטון צו איר טעכטערל וואָס איז געגאַנגען בײַ איר זײַט:

— זעסט, אַ וואַגאַבונד!

לאַפּעז האָט דערפילט אַ מיש אין קאָפּ. אין האַלדז האָט אים געגומען שטיקן אַ קנויל ווערטער, ברייזקע ווי קראָפּעווע. מיט אַלע כוחות האָט ער זיך באַמיט זיי אַראָפּצושלינגען. ער האָט טיף אָפּגעזיפצט, זיך נישט אומגעקוקט צומאָל אויף זיי, אויף דער מאַמע מיט דער טאָכטער און אַ נאָך מער צעווייטיקטער זיך אַוועקגעוויגט פון דעם אָרט.

די אויגן פון די דורכגייער — האָט ער באַמערקט — האָבן אים אָן אַ פּאַר־וואָס אַדורכגעשטאָכן ווי מיט שפּיזן, אָט ווי מע קוקט אויף אַ גנב, אַ באַנדיט. ער האָט וואָס שנעלער געוואָלט זיך דערשלאָגן צו זײַן מקום־מנוחה און פאַרגיכערט די שווערע אומגעלומפּערטע טריט.

די זון האָט שוין געגומען אַראָפּנידערן אויף מערב־זײַט. זי האָט געוואָרפן אויף אים איר רויטן שײַן, פאַרפלאַמט זײַן אָפּגעבערענט פּנים. זײַן קאָפּ מיט די פאַרלאָזענע, שוין לאַנג נישט־געשוירענע האָר האָט איצט אויסגעזען אויס־טערליש, פאַנטאַסטיש, ווי ער וואָלט געקומען פון אַן אַנדערער, שוין לאַנג־פאַר־שווינדענער וועלט. אַ טיפער צער האָט זיך פאַרשניטן אַרום זײַן מויל וואָס האָט אויסגעקרומט אַ ביטער חוזק־שמייכעלע איבער זיך אַליין. אַבי ער האָט געמיינט אַז ער האָט נישט קיין נאָמען; אַז ער שטעלט גאַרנישט מיט זיך פאָר; אַ שמאַטע אין אַ מיסטקאַסטן, ווייסט מען, איז אַ שמאַטע. אָבער ער — ווער מען האָט ער מיט זיך פאַרגעשטעלט? איצט ווייסט ער שוין צו וואָסער קאַטעגאָריע ער גע־הערט: ער איז אַ טרעמפּ, אַ וואַגאַבונד.

ער איז אַוועקגעפאַלן אַ מידער אין זײַן ווינקל אין שפּײַכלער צווישן די אָנ־געוואַלגערטע מענטשלעכע שאָטנס. טיף אין אים האָט אָפּגעקלונגען דאָס מאָדנע פרעמדע וואָרט: „זעסט, אַ וואַגאַבונד!" מיט פאַרמאַכטע אויגן און אָפּע־נעם פּנים געווענדט צום פאַרנאַכטיקן הימל, האָט פאַר אים אויפגעטויכט יענע נאַכט אינעם וועכטער־בײַדל, ווען די שטומע סודותפולע סילועטן פון די שטרײַקב־דיקע בוי־אַרבעטער האָבן זיך געשלײַכט בײַ דער מויער, מיט אַמאָל אַ שלײַדער געטון די אַלקיטראַן־באַמבעס אויף דער נײַער געבײַדע און שוואַרץ געמאַכט איר פּנים פאַר דער ליכטיקער וועלט.

אין האַלוצינאַציע־פיבער האָט ער איצט צום ווייפלטן מאָל שוין, נקמה־גע־נומען אין דאָן פּעדראָ. ער האָט אים נאָך אַמאָל באַגאָסן מיט ביטערע מוטנע רייד, ווי מיט דער אַלקיטראַן־פליסיקייט. דער אומגעזעענער דאָן פּעדראָ האָט איצט געשוויגן און געלאָזט מיט זיך טון אַלצדינג אומגעשטערט, אָן שום ווידער־שטאַנד. דאָס האָט לאַפּעזן באַרויקט. זײַן ברענענדיקער צאָרן האָט זיך אײַנגע־שטילט.

ער האָט אויפגעעפנט די אויגן און דערזען ווי דער מערב איז רויט צעצונדן...

די זון האָט געבלוטיקט בײַ איר פֿאַרגיין. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער טיר, געשלאָסן די אויגן און ווי יעדן אָוונט פֿאַרזינקען אין אַ וויזיע, די היים זײַנע דאָרט אין ווײַטן שפּאַניע האָט זיך העל געצונדן אין זײַן דימיון. ער האָט געזען טאַטע־מאַמע זאַטע און צופֿרידענע. זײַנע ברידער לאָזן זיך אַרויס אויף שפּאַציר אין פֿעלד אַרײַן. ער גייט אַ גלײַכער, אַ פֿריילעכער און געזונטער מיט זיי צוזאַמען. זיי זינגען לידער, לויפֿן אַרום זאָרגלאָזע איבערן פֿעלד. זײַן יונגע פֿרוי מיטן שיינפֿאַרקעמטן קאָפּ געלאָקטע האָר רופֿט אים עסן, דער טיש איז געגרייט מיט כּל־טוב. זי נעמט אים אויף מיט אַ ליבלעך שמייכעלע, אַ גליקלעכע וואָס דאָס טעכטערל זייערס האָט שוין אָנגעהויבן גיין אין דער שולע אַרײַן. דאָס שיינע באַטעמטע טעכטערל, ראָסיטע, פּאַטשט מיט די הענטלעך, זינגט נאָך די לידלעך פֿון קינדערגאָרטן. ער טוליעט זי צו זיך און ער דערפֿילט ווי אַ וואַרעמקייט גייט אין אים אויף. ער פֿרייט זיך וואָס זײַן קינד זינגט אַזוי שיין און לערנט זיך גוט. ער ליגט מיטן פּנים צו דער ערד און זײַנע ליפּן מורמלען באַגײַסטערט:

— קינד מײַנס, מײַן טייער מיידעלע, ראָסיטע מײַנע...

מיט איר נאָמען אויף די פֿאַרברענטע ליפּן זינקט ער אײַן אין טיפֿן האַרטן שלאָף אויף דער גאָלער ערד.

# דער מענטש איז נישט הפקר!

יעדן פאַרטאָג, ווען אַלע שכנים פון הויף זענען נאָך פאַרזונקען אין שלאָף, הערט זיך דאָס הוסטן פונעם אַלטן מאַנועל פאַרן גיין צו דער אַרבעט אין מעכאַניקער־וואַרשטאַט וווּ ער אַרבעט שוין דאָרט לאַנגע יאָרן.

ער שלעפּט זײַנע מידע פיס ווי זיי וואָלטן זיך ברעכן אונטער זײַן קערפּער. די אַלטע קאַרמען פאָלגט נאָך אַ האַלבפאַרשלאָפענע ווי איר אַלטער הוסט. הערט זיך אײַן געשפּאַנט ווען ער פאַרקײַכט זיך אַ לענגערע ווײַלע ביז ער קריגט צוריק דעם אָטעם. זי עפנט אַלע מאָל די אויגן און מאַכט זיי באַלד צוריק צו.

נאָך איינער הערט זיך צו צו מאַנועלס הוסטן און שלעפּן די מידע פיס יעדן באַגינען: דער שכן זײַנער, יאָסל. ער פאָלגט נאָך אַ וואַכער צום האַלדז־רײַסעניש און טשאַפּטשען מיט די פיס, און ווייסט נישט ווען ס׳איז שווערער: אים דעם האַלב־געליימטן, צי מאַנועלן דעם אַסטמאַטיקער? אַ דריטער, אַ זײַטיקער וואָלט געוועזן גענזאָגט אַז ס׳איז ביידע נישט מקנא צו זײַן. באַלד הערט זיך אַ קלאַפּ מיט דער טיר. מאַנועל איז שוין אַוועק צו דער אַרבעט, און אַלץ ווערט פאַרזונקען אין אַ שטילשווײַגן.

די זון האָט זיך שוין באַוויזן אויף דער מיזרח־זײַט. די גאַסן הייבן אָן ווערן באַלעבט מיט מענטשן. יאָסל זיצט אויף אַ ווייך־אויסגעבעט בענקל. ער קוקט מיט זײַנע גלעזערנע גראָע אויגן אין דער גאַס אַרײַן. זײַן פּנים איז געל, אויפגעלאָפן ווי פון אַ געשווילעכץ. די אָדערן אויפן האַלדז זענען אָנגעצויגענע, אָבגעדראָלענע ווי די שטריק.

זײַן ווײַב, אַלטע, מיט צוויי הענט ווי די שטעקנס, נעמט אַהיים צו וואַשן, זי וואַשט וועש פאַר פּרעמדע מענטשן. זייערע צוויי קינדער — יאַנקעלע און שיינדעלע — לויפן אַרום דעם גאַנצן טאָג פאַרקויפן „פּאַסטיזשעס". יאַנקעלע שטייט נישט אײַן אויף קיין אָרט מיטן קעסטל צוקערלעך. ער יאָגט אַרום איבער דער גאַס, שרײַט אויף אַ קול:

— פאַסטיזשאַס דע מענטאַ! מיענטע־צוקערלעך! גיט פאַרן האַלדז! קעגן הוסט!

פאַרבײַגייער און גרופּעס יאַטן, וואָס שטייען אויף די ראָגן, נעמען בײַ אים אַ טובקע פּאַסטילקעס. ער וואַרפט אַרײַן דאָס קליינגעלט אין דער לאַנגער קע־שענע און לויפט שוין ווײַטער. שפּרינגט אַרויף אויף אַ טראַמווײַ, גייט אים דורך און פאַרקויפט עטלעכע טובקעס, גיט אַ שפּרונג אַראָפּ אין מיטן פאַרן און שטופּט שוין ווידער ווען אונטער אַ פּעקעלע צוקערלעך אונטער דער נאָז. ער וואַרט נישט מע זאָל קומען צו אים קויפן, נאָר ער יאָגט זיך אַליין נאָך די קונים.

זײַן שוועסטערל, שיינדעלע, פּלאָנטערט זיך צווישן מענטשלעכע פיס. זי האַלט הויך דאָס שעכטל מיט די פּאַסטילקעס, מאַכט אַ וויינענדיקע מינע און רעדט קוים אַרויס:

— צוקערלעך פאַרקויף איך! קויפט אַ פּעקל! דאָס האַרץ צו דערכאַפּן!

זיי קומען אַהיים אין אָוונט מידע, אָפּגעברענטע פון דער זון. זעצן זיך צום טיש און איידער די מאַמע דערלאַנגט זיי אַ ביסל וואַרעמס האַלטן זיי שוין די קעפּ פאַרזונקען אין דרעמל.

* * *

דער אַלטער מאַנועל זיצט פאַר זײַן שטוב און לייענט די צײַטונג ווי יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט. דאָס פּנים איז בײַ אים עלטערלעך צעקנייטשט, די אויגן טריבע, די וואָנסעס, פאַרגעלט פון ציגאַרנרויך, הענגען אַראָפּ פון ביידע זײַטן געדיכט און שווער.

יאָסל זיצט אויף דער הויכער שטול און קוקט ווי זײַן פרוי זייפט, רײַבט פרעמדע וועש. מאַנועל, וואָס האָט ליב קינדער, גיט יאָסלען אַ פרעג:

— די קינדער שלאָפן שוין?

— יאָ, — שאָקלט יאָסל מיטן קאָפּ, — זיי זענען שוין געגאַנגען שלאָפן.

זײַנע בליקן בלײַבן הענגען אויפן אַלטן מאַנועל. ער קוקט אויף אים לאַנג אַ פאַרטראַכטער. ער זעט די פרימאָרגנס ווען ער פלעגט לויפן צו דער אַרבעט. געקומען צו לויפן אויף מיטאָג, אײַליק אָפּגעגעסן. מיטן לעצטן ביסן אין מויל צוריק געלאָפן צו דער אַרבעט. ווידער גענומען לוסטרירן די מעבל. אַזוי יעדן טאָג.

דער הוסט האָט מאַנועלן גענומען שטיקן אין קעל. ער האָט אַרײַנגעהוסט לאַנג אין דער צײַטונג, זיך פאַרשטעלנדיק מיט איר ס׳מויל, נישט אָנצוהויכן זײַן אַסטמאַטישן אָטעם אויף יאָסלען.

— וואָס איז אײַך, דאָן מאַנועל? אפשר אַ ביסל וואַסער? וועל איך רופן מײַן סעניאָרע.

— ניין, נישט נייטיק, — האָבן אים די ווערטער געשטיקט, — ביטער, יאָסל, — האָט דער אַלטער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

נאָכן קומען צו זיך אַ ביסל פונעם לאַנגן הוסטן האָט ער זיך אָנגערופן צו יאָסלען:

— האָרכט, יאָסל! אײַער זון איז שוין אַ דערוואַקסענער בחור. ער זעט טאַקע אויס פון דרײַצן און נישט פון פופצן, נאָר ס'מאַכט נישט אויס. אויב איר ווילט וועל איך אים מאָרגן נעמען מיט זיך אין וואַרשטאַט אַרײַן. מע דאַרף יונגע יאַטלעך.

מאַנועל בלײַבט שטיל, קוקט זיך אַרום און גיט צו:

— ער וועט אַרבעטן אַ קורץ שטיקל צײַט אָן געצאָלט און נאָך דעם וועט ער קריגן געצאָלט ווי אַ לערניינגל. די גאַס מאַכט אים צעלאָזן. וויפל פאַרדינט ער אַ טאָג?

יאָסל האַלט זיך צו מיט דער רעכטער האַנט דאָס האַרץ, הייבט מיט די אַקסלען, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס אַראָפּטרייסלען פון זיך, און רעדט קוים אַרויס:

— פרעגט מײַן ווײַב, וואָס זי וועט זאָגן.

שפּעטער־צו איז אַלטע שוין געזעסן אויף יאַנקלס בעטל, אים אַלץ דערציילט און נאָך צוגעגעבן וועגן די גרויסע פאַרדינסטן וואָס ס'שטייט אים פאָר אין וואַרשטאַט, ער זאָל קריגן מער חשק צו דער אַרבעט:

— וועסט ווערן אַ מענטש, יאַנקל, אין דער פרי וועל איך דיר צוגרייטן אַ פּעקל עסן אויפן טיש, שלאָף.

צומאָרגנס באַלד אין דער פרי, ווען דער זייגער האָט זיך צעקלונגען, איז יאַנקל נאָך געשמאַק געשלאָפן. די מאַמע זײַנע, אַלטע, שרײַט פון בעט:

— יאַנקל, שטיי־אויף! יאַנקל! — מאַנועל וואַרט אויף דיר!...

יאַנקל האָט זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע. ס'האָט זיך נאָך געוואָלט שלאָפן אַ ביסל. נאָר דער מאַמעס קול האָט אים ווי געעגבערט אין מוח און געטריבן פון בעט אַרויס. מאַנועל האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. מיטן פּעקעלע אונטערן אָרעם איז יאַנקל צוזאַמען מיט מאַנועלן געגאַנגען אין וואַרשטאַט אַרײַן.

דער פרימאָרגן איז אים געקומען אַנטקעגן מיט אַ גראָען הימל איבער פאַרשטומטע הײַזער. ס'האָט אים געפריידט דאָס קלאַפּן פון זײַנע פריַע טריט. לעבן וואַרשטאַט זענען שוין געשטאַנען אַ סך אַרבעטער מיט די פּעקלעך עסן אונטערן אָרעם. זיי האָבן געוואַרט דאָס ברייטע טויער זאָל זיך עפענען. מ'האָט זיך באַגריסט, זיך איבערגעוואָרפן מיט אַ פּאָר ווערטער. באַלד האָט זיך דאָס טויער אויפגעמאַכט. די געדיכטע גרופּע אַרבעטער האָט זיך געשטופּט אינעווייניק. יעדער האָט אָפּגעקלאַפּט זײַן קאַרטע אויפן פאַבריק־זייגער וואָס רעגיסטרירט די שעה פונעם קומען און אַוועקגיין. מאַנועל בייגט זיך צו צו יאַנקלען און שושקעט אים אין אויער אַרײַן:

— דו וועסט אויך האָבן אַזאַ קאַרטע... וועסט זײַן אַ פּאָלנער אַרבעטער.

אָנשטאָט אַן ענטפער באַווײַזט זיך אויף יאַנקלס פּנים אַ שמייכל פון צו־פרידנקייט. מאָטאָרן לאָזן זיך אין גאַנג. טראַנסמיסיע־פּאַסן לויפן מיט אימפּעט. רעדער דרייען זיך מיט טײַוולאָנישער גיכקייט. די לופט ווערט צעוויגט און פאַר־רוישט מיט אַ הילכיקן געטראַסקערײַ און געקלאַפּערײַ. יאַנקלס האַרץ קלאַפּט מיט פאַרגיכערט. ער שרעקט זיך פאַרן אימפּעטיקן הו־האַ און געטומל; פאַר דער נאָכאַנאַנדיקער באַוועגונג. ס׳הייבט אים אָן שווינדלען פאַר די אויגן. מאַנועל רעדט עפּעס צו אים. ער שטייט אַ פאַרטויבטער, אַ פריטשמעליעטער און הערט נישט קיין וואָרט. בלאָנדזשעט מיט די אויגן איבער אַלץ וואָס געפינט זיך דאָ אין וואַרשטאַט. פאַרהאַלט זײַן בליק אויף איינס פון די פאַרקראַטנטע פענצטער אין שטומער באַהעפטונג מיט די זונשטראַלן וואָס גנבענען זיך אַרײַן אַהער אינעם צערוישטן געאײַל און געיעג פון מאַשינען און מענטשלעכן געשפּאַנטן נאָכיאָג מיט די געניטע הענט, וואָס בייגן און קנייטשן, פאַרעמען די שטיקער מגושמדי־קע טיילן. מאַנועל גיט אים אַ צי פאַרן אַרבל, ער זאָל זיך נישט גאַפן. נישטאָ קיין צײַט דערויף. מע דערלאַנגט אים עפּעס אַ כלי מיט אַ פײַל און מע ווײַזט אים ווי אַזוי צו פײַלן.

אין דער מיטאָג־שעה, ווען יאַנקל איז געגאַנגען צוזאַמען מיט מאַנועלן אוי־בער דער גאַס, האָט ער גאָרנישט געהערט וואָס אַרום אים טוט זיך. אין מוח האָט גערוישט און געזשומעט דאָס קלאַפּן פון די מאָטאָרן, נאָר פאַרטייבט צו ווערן. ער האָט גאָרנישט געקאָנט פאַרשטיין ווי מענטשן קאָנען אַזוי אײַנשטיין אַ גאַנצן טאָג אין דעם ווירוואַר פון די מאַשינען, אין דעם צעפּענטעטן געיעג פון וואַר־שטאַט.

* * *

פונקט ווי די טראַנסמיסיע־פּאַסן אַזוי איז אויך געלאָפן די צײַט. יאַנקל איז געוואָרן אַ „מענטש" — האָט מען אויף אים געזאָגט. ער קומט יעדן טאָג אין סינדיקאַט. ער איז פאַרנומען מיט לייענען ביכער, צײַטונגען. די מאַמע זײַנע װוּנדערט זיך:

— ווי אַזוי קאָן „דער אומרו" אײַנזיצן אין שטוב?

ערב דעם ערשטן מײַ איז די אַלטע קאַרמען, ווי יעדן טאָג, געשטאַנען פאַרן טויער און אָפּגעוואַרט איר אַלטן. ער האָט שוין פון לאַנג געדאַרפט קומען פון דער אַרבעט. זי איז אַן אומרויקע אַרײַן צו אַלטען און זי געפרעגט:

— אפשר ווייסט איר וואָס אַזוינס האָט געקאָנט האָבן געשען וואָס מע זעט זיי נישט? ס׳איז דאָך שוין נישט פרי... דער זייגער מוז שוין זײַן גוט שפּעט.

— זײַט נישט אַזוי נערוועזיש און מאַכט זיך נישט קיין בייז בלוט. זיי וועלן זיכער באַלד קומען.

— יאָ, איר זענט גערעכט, — האָט זיך די אַלטע קאָרמען צעשמייכלט, — אַט גייען זיי שוין טאַקע... כ'זע זיי שוין גיין.

ביידע — מאַנועל און יאַנקל — זענען געקומען יום־טובדיק אויפגעלייגט. מאַנועלס שטענדיק צעקנייטשט און גערונצלט פּנים האָט זיך ווי צעצויגן און באַקומען אַ גלאַטן אויסזען. יאַנקלס גראָע אויגן האָבן געלויכטן מיט יוגנטלע־כער פרייד. ער איז אַרײַן אין שטוב מיט אַן אויסגעשריי:

— מאַמע, מאָרגן איז דער ערשטער מײַ!

יאָסל זיצט שווער אויף זײַן שטול, ווי אַלע טעג, אָנגעשטרענגט, מיט אַ גע־שפּאַנטקייט, גלײַך ווי אַ שווערע משא וואָלט אים געוווען געדריקט און אים נישט געלאָזט זיצן גלײַך. זײַן זונס פרייד האָט זיך אויך אים איבערגעגעבן בלויז אויף אַ ווײַלע. באַלד האָט זיך זײַן פּנים ווידער פאַרצויגן מיטן נעפּל פון מרה־שחורה און אָנגעשטרענגטע קנייטשעלעך אַרום די האַלבפאַרמרוזשעטע אויגן.

אין הויף האָבן זיך שוין געלאָשן די פענצטער. מ'איז שוין געגאַנגען שלאָפן. יאַנקל איז געזעסן בײַם טיש, געגעסן וועטשערע און געכאַפּט אַ בליק צו שיינ־דעלעס געלעגער. ער האָט געקוקט אויף זײַן שוועסטערס ברוין פּנים. זי איז גע־שלאָפן אַ מידע פון אַרומלויפן אַ גאַנצן טאָג, זי זאָל האָבן צושטײַער צו געבן איר חלק אין דער שטוב אַרײַן, די מאַמע זאָל האָבן אויסצוקומען אויף דער וואָך.

יאָסלען פלעגט אָנצינדן אַ כעס, ווען דאָס זינדעלע זײַנס פלעגט אויף אים קוקן מיט אַזאַ דורכדרינגענדיקן בליק פול מיט פאַרוואָרף. ווען יאַנקל איז גע־גאַנגען שלאָפן האָט ער זיך אָנגערופן צו אַלטען, וואָס איז געשטאַנען געבויגן איבער אַ באַליע און געריבן די שטיקלעך וועש:

— זאָלסט מיר לעבן, אַלטע, אפשר קאָנסטו מיר זאָגן וואָס ער קוקט אַזוי בייז אויף מיר? — האָט זײַן פּנים געקריגן אַ נעבעכדיקן אויסזען — איך ווייס נישט וואָס ער האָט צו מיר. כ'האָב אים דאָך נישט געזאָגט קיין וואָרט. נישט אָנגערירט זײַן כבוד, אויף אַזוי פיל נישט — האָט ער געוויזן אויפן שפּיץ פינגער.

אַלטע האָט רײַבנדיק די וועש אויפן ברעטל אים צוגעוואָרפן פון אַ זײַט:

— ס'ווײַזט זיך דיר אויס, יאָסל!... — בלײַבט זי שטיין אין מיטן וואַשן, אַ פאַרקלערטע און גיט צו — אויף מיר קוקט ער אויך אַזוי... וואָס זאָל איך אים טון?

בײַ יאַנקלען אין זיכרון קומען אויף געשטאַלטן און בילדער פון זײַן נישט־לאַנג־פאַרגאַנגענער קינדהייט: ער זעט דעם טאַטן — אַ האַרטער און בייזער, דערצו אַ גרויסער קמצן, אַ געלטגײַציקער, קלײַבט אַ סענט צו אַ סענט. נאָך פּיצלעך קינדער שיקט ער זיי — יאַנקלען און שיינדעלען — אין גאַס אַרײַן, נאָכצולויפן די דורכגייער מיטן קעסטל שאָקאָלאַדקעס און פּאַסטילקעס, און בײַ־נאַכט נעמט ער בײַ זיי צו דאָס פאַרדינסט פון אַ גאַנצן טאָג. טראָגט זיך אַרום

מיטן געדאַנק זיך איינצושאַפן אַ נחלה. איצט איז ער אַ קריפּל, דער טאַטע זיי־בער. דאָס גאַנצע שפּינגעוועב פון חלומות איז צעקראַכן געוואָרן אינעם אַרומיקן טומל און קאָכן זיך און שטיין אויף איין אָרט. ער איז געבליבן, דער טאַטע, אַ בייזער און האַרטער, אָבער אָן אַ שטוב, אָן אייגענע, אָן געלט און אָן געזונט. יעדעס מאָל, ווען יאַנקל קוקט אויף אים, קומט אין אים שטענדיק אויף דאָס זעל־ביקע טראַכטעניש:

— נאַ, אָט האָסטו דיר! נישט גענאָסן פון עולם־הזה, זיך נישט פאַרגינען דעם ביסן אין מויל און פון די הייזער האָט זיך אויך אויסגעלאָזט אַ בוידעם... זיך געריסן מיט די קינדער פאַר יעדן סענט... און איצטער וואָס?

* * *

דער ערשטער מיי איז געווען אַ טריבער. אַ שיטערער נעפּל האָט פאַרהילט די הייזער־רייען. יאַנקל האָט אַ צעפּיבערטער געטון אַ שלונג קאַווע. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָט ער איילִיק אַרויפגעכאַפּט אויף זיך דאָס רעקל און גערופן דעם אַלטן:

— דאָן מאַנועל, ס׳ווערט שפּעט! וואַמאָס, קומט!

מאַנועל האָט צופרידן געשמייכלט. ער האָט זיך נישט טועה געווען אינעם יינגל. אַ יאַט מיט ביינער! ער האָט אים גענומען פאַרן אָרעם, יאַנקלען, און אַוועק מיט אים אין סינדיקאַט.

זיי האָבן זיך גענומען אונטעראיילן ווען זיי האָבן דערזעען פון דער ווייטנס די דעמאָנסטראַציע זיך פאַרקערעווען אין דער צווייטער גאַס:

— כ׳האָב געזאָגט אַז מיר וועלן פאַרשפּעטיקן! — האָט יאַנקל גערעדט אין גאַנצן אַ צעצאַפּלטער. פון שנעלן אונטערלויפן האָט אים אַזש פאַרפּעלט אָטעם פונקט ווי דעם אַלטן. מאַנועל האָט געאייַלט מיט זיינע מידע פיס פאַרבייסנדיק די ליפּ. יאַנקל איז געווען אָנגעפילט מיט פרייד און דערהויבונג. ער האָט גע־שיקט זיין שטים פאַרויס צו די מעכטיקע וויוואַט־אויסגעשרייען פון דער קאַמ־פאַקטער מאַסע אין מיטן גאַס. ווען זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען די מעטאַל־פאַ־בריק האָבן זיי מיט אַלע מיטגעזונגען דאָס קאַמפּליד, וואָס רופט אַ סוף צו מאַכן מיט דער אונטערדריקונג פונעם אַרבעטערקלאַס און געוואָרפן די לאָזונגען צו די פאַרקראַטנטע פענצטער פון דער פאַבריק אין גאַנצן באַגאָסן מיט שווייס פון אויפרודערונג און איבערגענומענקייט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען מאַנועלן, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע עלטערע אַרבעטער, אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט.

ביים אַלטן האָבן די ליפּן אונטערגעציטערט ווען ער האָט זיין קאַרמען דער־ציילט די ביטערע נייעס. די אַלטע האָט אָנגעהויבן וויינען און אַזוי וויינענדיק

האָט זי אַלע שכנים דערציילט וואָסער אומגליק ס'האָט איר געטראָפן. דער גאַנ־צער הויף האָט מיטגעפילט מיטן אַלטן פּאָרפאָלק.

יאָסל האָט געקוקט מיט זײַנע פאַרגלאָזטע אויגן — שטאַר, ווי פאַר זיך. אַלטע האָט נישט געוווּסט אויף וואָס פריִער צו זיפצן. יאַנקל האָט אַן איבערגע־בומענער פון דעם אַלעם אַרויסגעזאָגט פעסט, מיט אַנטשלאָסנקייט:

— מיר וועלן שטרײַקן! אַלע אָפּגעזאָגטע וועלן מוזן צוריק צוגעלאָזן ווערן צו דער אַרבעט. אַנישט וועט מען נישט לאָזן דעם מאָטאָר.

פון נערוועזקייט האָט ער נישט געקאָנט עסן. אַלטע האָט זיך געבעטן בײַם זון אַז ער זאָל זיך נישט מישן אין שטרײַק. זי האָט געשריגן אויף יאָסלען הלמאַי ער שווײַגט. יאַנקל האָט געוואָרפן אַ בליק צום טאַטן ווי ער וואָלט גע־וואַרט וואָס ער וועט זאָגן. יאָסל האָט אַן אַ וואָרט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט אינעם חלל נישט צו וויסן צי ער איז מסכים, צי נישט.

יאַנקל האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט אײַנליגן אויפן געלעגער. ער האָט זיך באַמיט צו פאַרטרײַבן פון זיך די געדאַנקען וואָס האָבן אים נישט גע־לאָזט אײַנשלאָפן. דער אומרו אָבער פאַרן אומבאַקאַנטן, פאַרשטייענדיקן האָט אים גענומען אין דער אַרבעט אַרײַן און אים געטראָגן ווי אויף צעשטורעמטע כוואַליעס.

מיטן טאָג צוגלײַך האָט זיך דער זייגער רעשיק צעקלונגען, שאַרפער ווי אַלע מאָל. אַזוי האָט זיך יאַנקלען געדאַכט. מיט האַלבפאַרמאַכטע אויגן האָט ער זיך גענומען אָנטון. דער קאָפּ האָט אים ווייַ געטון ווי ער וואָלט אים געהאַט אין אַ קלעם. ער איז געבליבן שטיין פאַר מאַנועלס טיר וואָס ער האָט יעדן טאָג זי געפלעגט טרעפן אַן אויפגעמאַכטע. איצט איז זי געווען צוגעשלאָסן און סודות־פול געקוקט שטום מיט אירע צוויי שײַבלעך וואָס האָבן זיך געשפּיגלט אינעם בלאָסן פאַרטאָגיקן שײַן.

אַרויסקומענדיק אויף דער גאַס איז יאַנקל געשטאַנען אַ ווײַלע פאַרטראַכט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט ווי ער וואָלט געזוכט דעם אַלטן לעבן זיך. מאַנועל האָט אים געפעלט בײַ דער זײַט.

אַן אומרויִקער איז יאַנקל שפּעטער געשטאַנען בײַ דער אַרבעט. זײַנע בליקן זענען געלאָפן פון איין אַרבעטער צום צווייטן. זייערע פּנימער גלאַנצן פון שווייס. יעדנס פּנים איז ביינערדיק פאַרביסן. יאַנקלען גיט עס צו מוט. זײַן אַנגעשטרענג־טער געדאַנק מישט זיך צונויף מיטן ריטמישן קלאַפּן פון די טראַנסמיסיע־פּאַסן:
— הײַנט בײַנאַכט! הײַנט בײַנאַכט!...

אין אָוונט זענען אַלע אַרבעטער געקומען אין סינדיקאַט. אַ טייל אַפילו מיט זייערע פרויען. דער אַלטער וויצענטי האָט זיך צעשריגן מיט זײַן הייזעריק קול:

— וואָס איז אונדז געבליבן נאָך צוואַנציק יאָר אַרבעט? יענע זענען רייך געוואָרן, און מיר אַלע, ווי זעען מיר אויס?...

די פרויען האָבן מיט ציטערדיקע ליפן געמורמלט:

— אמת. אַז אָך און ווייז ווי מיר זעען אויס.

אויף די פּנימער פון די עלטערע אַרבעטער האָט זיך דער צאָרן אַרויסגע־קריגן דורך די צעפלאַמטע אויגן. איין אַלטער האָט געדראָעט אין דער לופטן מיט אַן אָפּענער האַנט, וואָס האָט געוויזן אַז ער האָט פאַרלוירן צוויי פינגער ביי דער אַרבעט. אַלע זענען געווען אָנגעשפּיצט צום אַלטן וויצענטי, וואָס האָט נערוועז געטרייסלט מיט די הענט, ווען ער האָט זיי געהויבן אין דער הייך, און דערביי דערמאָנט דעם געוועזענעם דירעקטאָר, דעם אַלטן שאַרדאַטש, וואָס נעמט שוין עטלעכע יאָר „כובילאַציע"־פּענסיע און קומט יעדן טאָג אין וואַרשטאַט שמעקן ווי אַ הונט צום יאַטקעקלאָץ.

אַלעמענס אויגן האָבן געברענט פון האַס. יאַנקל איז געזעסן ביים טיש צו־זאַמען מיט דער פאַרוואַלטונג פון סינדיקאַט. ער האָט גלייך מיט אַלע פּיבעריק געוואָרט אויפן דערקלערן דעם שטרייק. אַלעמענס הענט האָבן זיך געהויבן:

— שטרייק! אַלע טרעטן אַרויס אין שטרייק!

ווידער האָט די הייזעריקע שטים פון אַלטן וויצענטי אַ כריפּע געטון:

— מאָרגן אין דער פרי דאַרפן אַלע זיין פאַרן טויער פון דער פאַבריק!

אַלע זענען זיך צעגאַנגען. אַרום טיש האָבן זיך אַוועקגעזעצט עטלעכע אַר־בעטער. דער אויסגעקליבענער שטרייק־קאָמיטעט. צווישן די דעלעגאַטן האָט זיך געפינען יאַנקל — אַ צעיאַכמעטער, אַ טריומפירנדיקער:

— דער מענטש איז נישט הפקר!

# אויס „קלאַפּער"!

אין אַ הייסן נאָכמיטאָג פון מיטן זומער, אָפּגערוקט אין אַ זײַט פון די קליינע הײַזקעס אויפן עק שטאָט האָט זיך לייבל צאַנק אָוועקגעזעצט אָפּרוען אויפן גראָז — אַ מידער און דערשעפּטער פונעם אַרומקריכן אונטער אַ ברענענ־דיקער זון. די לופט איז געווען אַ געפּרעסטע. דער גאַנצער אַרום האָט געגליט ווי אַ באַקאויוון. לעבן אים איז געשטאַנען די אָפּגעריבענע וואַליזקע וואָס זעט אויס ווי זײַן געמיט — חושכדיק, לאָז־מיך־געמאַכיק, דערשלאָגן. די אויגן־לעדלעך פאַלן אים צו און בלײַבן שוין אַזוי ווי צוגעקלעפּטע. דער קאָפּ זײַנער גיט זיך אַ מידן טרייסל און בלײַבט שווער העננגען אַראָפּגעלאָזט צו דער ברוסט.

די גאַסן אינעם שטעטל פּרעַען זיך ליידיקע אויף דער זון. מע זעט נישט קיין לעבעדיקן נפש פּאַר די אויגן. אַלע טירן פון די הײַזער זענען צוגעמאַכט. לייבל צאַנק וויל זיך געבן אַ הייב פון אָרט, נאָר ער פילט אַז ער וועט צוריק־פאַלן. שטרעקט זיך אויס, צעציט זיך מיט אַלע גלידער. ער איז שוין אַזוי אויס־געדאַרט ווי אַ שטעקן. ער דערפילט אַ הוילקייט אונטערן האַרץ. דער הונגער נאָגט. אין טרוקענעם האַלדז פּײַניקט אים דער דאָרשט. די צונג איז האַרט ווי אַ לעדער. אין זײַן וואַליזקע ליגן צוויי שטיקלעך ברויט מיט צוויי באַנאַנעס. דאָס דאַרף מען דערווײַל נישט טשעפּען. מע מוז עס לאָזן אויף אַ שוואַרצער שעה. ווען ס׳וועט שוין טאַקע נישט זײַן קיין ברירה. די הענט ליגן אויפן גראָז מאַכט־לאָזע, פאַרחלשטע.

לייבל צאַנק זינקט אײַן אין אַ דרעמל. אין מוח יאָגן זיך בילדער. אין זײַן זיכרון טויכט אויף דאָס היימישע שטעטל. ער זעט עפּעס אַ געלויף איבערן מאַרק. מע יאָגט איינער איבערן צווייטן. אַ געשטופּערײַ. דער טאַטע זײַנער אין אַ צע־ריסן העמד מיט אַ צעפּלויגענעם טלית־קטן שטרעקט זיך צו אים, וויל אים עפּעס זאָגן, נאָר צוויי האַריקע לאַפּעס נעמען אים וואַרגן... און לאָזן נישט דעם טאַטן זיך דערנענטערן צו אים.

אַ באַגאַסענער מיט אַ קאַלטן שווייס האָט זיך לייבל צאַנק אויפגעכאַפּט פון שלאָף. ער איז געבליבן זיצן אין אַ פאַרלעגנהייט. וווּ געפינט ער זיך ערגעץ אין דער וועלט? די רעכטע האַנט איז אים געווען אײַנגעשלאָפן. ער האָט אויפגע־שוידערט גלײַך ווי ווערעמלעך וואָלטן אים געווען געקראָכן אונטער דער הויט. ער האָט פאַרהויבן דעם בליק און דערזען צוויי מענטשן שטיין צוקאָפּנס, נישט ווײַט פון אים. ס׳איז אים געווען שווער זיך צו אָריענטירן ווער זיי זענען און וואָס זיי ווילן פון אים. פאַרוואָס לאַכן זיי? זײַן אויסגעבלייכט פּנים איז פון שרעק אַרײַנגעפאַלן אין אַ גרינקייט. אַרום די מוילווינקלען האָט זיך געלייגט אַ גרימאַסע. די רויטלעך־פאַרלאָפענע אויגן האָבן האַלבפאַרזשמורעטע געזען אַלץ ווי דורך אַ נעפּל. ער האָט זיך אײַנגעריבן דאָס פּנים מיט די האַנטפלאַכן און גע־גאַפט אויף די צוויי פאַרשוינען. צו זײַן געהער זענען דערגאַנגען אָפּגעריסענע רייד:

— ער זעט אויס ווי אַ צעחושטער אַ ביסל — האָט איינער אַ זאָג געטון צום צווייטן.

— דאַכט זיך אַן אייגענער — האָט אים דער צווייטער באַטראַכט מיט מבינות.

— וואָס שעמסטו זיך? גיב אַ פרעג ווער סטו וויסן.

— פרעג דו.

איינער פון די יונגעלײַט האָט געמאַכט אַ טריט נענטער צו לייבלען:

— וואָס טוט איר דאָ, יונגערמאַן, אין מיטן וועג?

— כ׳בין נישט געשלאָפן — האָט לייבל צאַנק אַ ביסל פאַרלוירן זיך ווי־פאַרענטפערט פאַר די צוויי אומבאַקאַנטע מענטשן וואָס זענען געשטאַנען איבער אים מיט זייערע וואַליזקעס און פּעק.

איינער פון די צוויי — אַ פעסטער יונג מיט אַ פאַרברווינט פּנים צעאַקערט פון טיפע קנייטשן האָט אַ קוק געטון אויף לייבלס וואַליזקע און אים אַ פרעג געטון:

— נו, עפּעס געמאַכט הײַנט? געפּאַקט אַ „כיש״?

— אַ וואָס?

— אַ פרײַער. נאָך גאָרנישט געמאַכט דעם טאָג?

— שוואַך, — האָט לייבל געדרייט מיטן קאָפּ דאָ אויף דעם, דאָ אויפן אַנ־דערן, ווי ער וואָלט נישט געוווּסט וואָס זיי ווילן פון אים. — מע לאָזט זיך נישט כאַפּן אויף דער ווענדקע.

— נו, ביז נאַכט, — טרייסט אים דער צווייטער מיט אַ חוצפּהדיקן בליק און רויטן קאַרק, — ביז נאַכט קאָן מען נאָך כאַפּן אַ העכט.

לייבל צאַנק קוקט אויף זיי מיט אַ בליק פון אַן אָקס פאַר דער שחיטה. איך

זײַנע אויערן קלינגען מאָדנע די ווערטער „געפּאַקט אַ כיש״, כאַפּן אַ העכט, גע־מאַכט דעם טאָג. ער האָט אַ שמייכל געטון ווי פֿאַר זיך און געזאָגט סתם אין דער וועלט אַרײַן:

— איך שלאָף און אַנדערע מאַכן דערווײַל אַמעריקע... נעמען אײַן די וועלט... און איך קלער וועגן חלומות, פּוסטע מעשות, נעכטיקע טעג...

די צוויי מענטשן האָבן זיך אָנגעקוקט, אַ קוועטש געטון מיט די אויגן אויף אָנצוהערעניש אַז פּונעם בלאָסן בחור מיט די הויכע ווינקלען פֿון זײַן פֿאַרריסע־נעם שטערן קומען רייד וואָס געהערן נישט צום פֿאַך. זיי האָבן זיך צוגעזעצט לעבן אים און דער עלטערער מיטן רויטן קאַרק האָט גענומען אײַנטענהן מיט אים ווי אַ טאַטע מיט אַ קינד:

— מע טאָר נישט אַזוי, יונגערמאַן, — האָט ער אַרויפֿגעלייגט זײַן האַנט אויף לייבלס אַקסל, — מע מוז זיך קאָנען האַלטן אויפֿן וואַסער... אַנישט גייט מען צום גרונט... איר פֿאַרשטייט וואָס איך רעד צו אײַך? מע דאַרף קלאַפּן טיר בײַ טיר, אַפֿילו ווען מע זאָל אײַך אָפּגיסן מיט אַ שעפֿל וואַסער... נאָר נישט שע־מען זיך... איר גייט נישט גנבענען... איר ווילט אָרנטלעך פֿאַרדינען אײַער שטיקל ברויט... געדענקט צוויי זאַכן: נישט שעמען זיך און נישט שלאָפֿן... אויף די צוויי קוליעס האַלט זיך אַ קלאַפּער...

* * *

בײַם ראַנד פֿון אַ שטעטל פֿון דער ווײַטער בוענאָס־אײַרעסער פּראָווינץ זיצן דרײַ ייִדן אין אַ זומער־פֿאַרנאַכט צעלייגט אויפֿן גראָז. דרײַ יונגעלײַט פֿון דרײַ שטעטלעך פֿון פּוילן מיט דרײַ פֿאַרשידענע פּאַכן ווילן ווערן גרויסע סוחרים און שלעפּן זיך אַרום ווי בראָדיאַגעס. צוויי הויכע געזונטע יונגען מיט אָפּגעברענטע פּנימער, מיט אַן אײַזערן געדולד, מיט אַ סך קוראַזש און מוט צו גיין קלאַפּן בײַ פֿרעמדע טירן, טיר בײַ טיר. דער דריטער — אַ בלאַסער מיט בלאַנדזשענדיקע בליקן און מיט אַן אינערלעכער טיפֿער בושה צום גאַנצן מין קלאַפּערײַ.

זיי זיצן אַזוי גיך־פֿאַרהיימישטע אויפֿן גראָזיקן בערגל מיט די „געשעפֿטן״ זייערע צופֿוסנס — פּול־אָנגעשטאָפּטע וואַליזקעס מיט זאָקן, האַנטעכער, טיכ־לעך, שאַליקעס און „טאַרכעטלעך״, ווי זיי רופֿן אויפֿן קלאַפּער־לשון קאָרטלעך סחורה. די צוויי יונגען חשבונען די פֿאַרדינסטן פֿונעם טאָג. דער דריטער שמייכלט ביטער צו זיך אַליין. צוויי האָבן געגעסן אַ זאַטן מיטאָג און פֿאַרטרונקען מיט ווײַן, און דער דריטער איז געשלאָפֿן, פֿאַרשלאָפֿן אַ טאָג לייזעכץ, אַ טאָג פּרנסה, אַ טאָג חרפּות און בושות.

— זאָגט מיר, — מאַכט צו זיי לייבל צאַנק און שטעלט אָן אויף זיי אַ פּאָר פֿאַררויטלטע אויגן, — נאָך אַלע גרויסע פֿאַרדינסטן, וואָס איר האָט הײַנט גע־האַט, ווייסט איר כאָטש אײַער היזק?

ביידע יונגעלײַט האָבן אים אָנגעקוקט ווי ער וואָלט נישט געווען גערעדט צו דער זאַך. צוויי פּנימער — צווי גרימאַסן, צוויי פּאָר אויגן — צוויי פּאָר־דראַסיקע בליקן:

— וואָס רעדט איר עפּעס? מיר פאַרדינען אין יעדער זאַך צוויי־דרײַ מאָל אַזוי פיל, טאָ ווי קאָן זײַן היזק?

— איר רעדט דאַכט זיך פון היץ... אַז מ׳האָט ריווח לייגט מען דאָך נישט צו... וואָס האַלט איר אונדז פאַר אַזעלכע שלימזלען... דער באָבעס ירושה קאָן מען צולייגן, נישט מער.

לייבל צאַנק האָט געקוקט אויף די צוויי מדינה־גייערס, וואָס ווערן אויס־געריסן בײַם אַרומשלעפּן זיך איבער שטעט און שטעטלעך. זײַן אופן רעדן, זײַן „פּריוואַט״, נישט־סוחריש לשון, זעט ער, איז זיי שוין פרעמד, דאָך האָט ער גע־נומען אַרויסלייגן פאַר זיי זײַנע טראַכטענישן און ספקות און זיי געגעבן צו פאַר־שטיין אין וואָס ס׳באַשטייט קודם־כל ז ײַ ן היזק:

— אָט גיט אַ קוק, — האָט זיך לייבל צאַנק אָנגענומען פאַר דער שויך־עט־לעכע־טעג־נישט־ראַזירטער גאַמבע, ווי ער וואָלט זיך אָנגענומען פאַר דער באָרד און געוואָלט מיט זיי לערנען זײַן תורה, — וואָס דאַרפט איר ווײַט גיין זוכן, נעמט צום בײַשפּיל מיך. כ׳האָב געמיינט, כ׳וועל זיך באַפרײַען פון די שטיקנדי־קע שנײַדער־טאַזשערן דאָרט אין בוענאָס־אײַרעס; פאַרשפּאָרן צו זיצן געהוי־קערט בײַ דער ניימאַשין צען שעה אַ טאָג צו פאַרדינען אַ פּאָר נאַרישע פּעזעס מער... האָב איך עס אָוועקגעוואָרפן... ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז די גע־בראָטענע טײַבעלעך וועלן אַליין פליִען אין בוזעם אַרײַן... ווי, וועןן, ווער? — אַ נעכטיקער טאָג! — לייגט לייבל צאַנק אַרויף זײַן האַנט אויף דער ברוסט — ווי איר קוקט מיך אָן שלעפּ איך זיך שוין אַזוי אַרום גאַנצע נײַן חדשים מיט דער וואַליזקע אויפן אַקסל, און טו טאַקע אַזוי ווי איר האָט מיר פריִער געזאָגט, — כ׳גיי פון טיר צו טיר — אַ ברירה האָב איך?... וואָס זשע ווײַזט זיך אַרויס? — די גאַנצע מעשה איז משה־קאַפּויער — דו אַליין גאָר דאַרפסט זײַן יענעמס „כיס״... פאַרן „כיס״ האַלט מען ד י ך... מע קוקט דאָך אויף אונדז ווי אויף מענטשן פון אַ נידעריקן שטאַנד, ערגער ווי אויף שלעפּערס!

ער האָט פאַרבײַלט זײַן רעכטע האַנט אין אַ פויסט און געוויזן מיט איר אין דער ריכטונג פון שאָסיי וואָס פירט אין דער הויפּטשטאָט:

— יענער דאָרטן, דער שיינער סוחר, שטייט מיט אַן אָפן געשעפט, טוט נישט די האַנט אין קאַלטן וואַסער, און מיר זענען זײַנע אומזיסטע טרעגערס...

ביידע יונגען האָבן זיך צעלאַכט מיט אַן אָפן חוזקדיק געלעכטער גלײַך אים אין פּנים אַרײַן:

— יאָלד איינער וואָס איר זענט!

— גייט צום פּאַרט טראָגן פּעק!

— אַ שטיוול־פּוצער ווערט נישט קיין קלאַפּער!

לייבל צאַנק האָט דערפילט ווי זייער לאַכן וואָלט אים געביײַטשט מיט בי־טול און איגנאָראַנץ. ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַ כאַפּ געטון זײַן וואַליזקע און אַן אַ גוטן־טאָג געגומען שפּאַנען מיט שנעלע טריט אין שטעטל אַרײַן מיט די באַלעבטע געסלעך נאָכן נאָכמיטאָג־שלאָף — פול מיט ווײַבער, מענער, אַלטע לײַט און קינדער. די מאַנצבילן זענען געשטאַנען, שוין נאָך דער אַרבעט, אַרום־געוואַשענע פאַר די טירן פון זייערע שטיבער און גערעדט וועגן שטעטלשע ענינים, זיך איבערגערופן, געלאַכט און געטומלט.

לייבל צאַנק האָט זיך אָנגענומען מיט פרישן מוט און אויסגעשריגן זײַן סחורה מיט אַ מידן טרויעריקן ניגון:

— זאָקן! קראַוואַטן! טיכלעך! ביליק! — קויפט סעניאָרעס און סעניאָראַס — ביליק, בילליק! ביליקער ווי ברויט!...

קיינער האָט אים נישט גערופן. זיך נישט אומגעקוקט אויף אים. דער עולם האָט נישט קיין איבעריק געלט. דאָס פּנים פלאַמט אים און ס׳וואַקסט אין אים אַ פאַרדראָס קעגן זיך אַליין. אין מוח האַמערן ווערטער: — כ׳וועל זײַן פרײַ!... פאָרן, קויפן, פאַרקויפן, האַנדלען, וואַנדלען, קערן אַ וועלט... האָבן פאַר זיך אַן אָפענעם ברייטן בלאָען הימל... און דאָ שלעפּט ער זיך מיט אַן אָפּגעריבענער שטומער וואַליזקע, וואָס האַלט אים געבונדן ווי אַ שקלאַף, ווי אַ בהמה צו דער קאַריטע, און שווער איז זי ווי אַ שטיין אויפן האַלדז, וואָס ציט דעם טרינקענ־דיקן אויף אַראָפּ, צום דנאָ...

מיט אימפּעט איז ער געגעבן אַ פאַל אַרײַן אין אַ געוועלבל, זיך געהייסן געבן עטלעכע בויגן פּאַפּיר מיט אַ שטריק. אַרויסגעכאַפּט ס׳ביסל סחורה און אַ שלײַדער געטון אין דרויסן אַרויס די צעהודערטע וואַליזקע מיט די צעבראָכענע שלעסער. מיט ציטערדיקע הענט פאַרפּאַקט דאָס פּעקל, אַרומגעצויגן פעסט מיט דעם שטריק און אַרויסקומענדיק אין דרויסן האָט ער פרײַער אָפּגעאָטעמט. ער האָט געגומען גיין איבערן געסל מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ.

* * *

די זון איז שוין געשטאַנען העט ווײַט אין מערב־זײַט. דער גאַנצער האָרי־זאָנט האָט זיך אָנגעצונדן ווי פון אַ העלישער שריפה. ווי אַ געשלענגלטער רויך פון אַ קומען וויקלען זיך אין זײַן מוח די געדאַנקען. אַזוי פיל יאָר געווען אַן אַר־בעטער. ער האָט אָנגעהערט צו וועמען. געווען פאַרבונדן מיט חברים פון שנײַ־דער־טאַזשער און פון אַנדערע וואַרשטאַטן. ער האָט געפירט אַ נאָרמאַל מענטש־לעך לעבן. דער טאָג האָט טאַקע געהערט צו דער פאַבריק. די נאַכט אָבער צו אים, צו דער געזעלשאַפט, צום קרײַז. וואָס איז אים עפּעס אײַנגעפאַלן אַ

משוגעת אין קאָפּ? מיט אַמאָל געוואָרן אָפּגעריסן פון זיי, פון אַלעמען. געוואָרן אַן איינזאַמער וואָגלער, געגאַנגען אָפּריכטן גלות. גענומען אַרומשלעפּן זיך איבער די וועגן, איבער שטעטלעך און דערפער, איבער געסלעך ענגע, בלאָטיקע. צווישן פרעמדע, שוואַרצע אײַנגעבוירענע, האָט ער זיך געפּלאָנטערט, לייבל צאַנק, איין ייִד אַ פאַרבלאָנדזשעטער, אַ פאַרלוירענער. פון כסדרדיקן אויסרופן די סחורה האָט זײַן קול שוין פאַרלוירן זײַן אייגענעם קלאַנג, זײַן אייגענעם טעמבער, געוואָרן כריפּעוואַטע פאַרהייזעריקלעכט, און ער אַליין — אַ וואַנדערער־שלעפּער, אַ לינדזשעראָ, אַ וואַגאַבונד.

אַרום אים ווערט טונקל. די טונקלקייט פאַלט דאָ צו אומגעריכט, פּלוצים, מיט איין מאָל. אַ קיל ווינטל צעשויבערט זײַנע האָר. אין לופט צאַפּלט אויף אַן אָפּגעריסענער הונטגעוואָי. לייבל צאַנק האָט זיך דערזען אײַנגעהילט אין נאַכטשאָטנס. אין מוח האָט גענומען ליכטיקער ווערן, זיך אויסקלאָרן און ווערן העלער אַ געדאַנק אַזאַ וואָס איז געווען אַזוי פּשוט און געוויינטלעך ווי דאָס ליכט וואָס קומט מיטן טאָג:

— געענדיקט מיט אַלעם. איך פאָר צוריק קיין בוענאָס־אײַרעס זוכן אַרבעט.

אַלע ספקות און צווייפלענישן זענען אַוועקגעפאַלן ווי איבעריקע שאָלעכץ וואָס מע וואַרפט אַוועק. ס׳איז געבליבן דער קערן וואָס איז צום געניסן. דאָס אָנגעצונדענע פלעמל האָט זיך גענומען צעברענען און איז אויפגעגאַנגען אין אים ווי אַ פאַקל וואָס באַלײַכט דעם וועג. ער האָט זיך האַסטיק געלאָזט גיין אַ דעצידירטער מיט דער ברייטער אַלייען־גאַס, אַרויפצו וואָס פירט צום וואָקזאַל. ער האָט נאָך געוואָרפן אַ לעצטן בליק צו דער אַוועקגעשלײַדערטער וואַליזקע, וואָס איז געלעגן אין מיטן גאַס ווי אַן אויסגעצויגענער פּגר, און גענומען אונטעראײַלן דעם טראָט, ווי ער וואָלט געוואָלט וואָס גיכער זיך דערווײַטערן דערפון ווי פון אַ קלעפּיקער צרעת.

ס׳איז שוין איצט נישט געווען דער פריִערדיקער גאַנג ווי אַ געשמידטער אין קייטן. נאָר עפּעס אַ שוועבן, אַן אונטערטענצלען. דער טראָט זײַנער האָט אַ צעזונגענער מיט יעדן שפּאַן ווײַטער ווי אויסגעזונגען אין אים:

— אויס קלאַפּער! אויס קלאַפּער! אויס קלאַפּער!

# די גרויסע האָפענונג

אַ שטילע קילקייט, ווי דער פאַרנאַכטיקער ווינט דורכן אָפענעם פענצ־טער, האָט זיך אַרײַנגעשניטן אין שמאָלן קליינעם צימער און ווייעט איבער די ווענט, איבערן מעבל און איבערן בעט, ווו ישראלס ווײַב, חנה, ליגט צונויפגע־קאָרטשעט, מיטן פנים צו דער וואַנט אַז ס׳איז שווער צו וויסן צי זי שלאָפט, אָדער זי איז פאַרזונקען אין מחשבות.

פונעם וויגל, וואָס שטייט לעבן בעט, הערט זיך אַ שלוכצן. דאָס קליינע באַ־שעפעניש ציט מיטן מײַלכל אַ גומען מאַמקעלע וואָס פאַרמאַטערט און גיט דעם קינד גאָרנישט, נאָרט עס אָפּ...

ישראל זיצט בײַם טיש איבער אַ בוך און נורטעוועט אין געפילן, איבערלע־בונגען וואָס רײַסן מיט, מאַכן אים פאַרגעסן אין אַלץ און אַלעמען.

ער בלײַבט זיצן אַ ווײַלע אַ פאַרגליווערטער, קוקט זיך אײַן אין זײַן ווײַבס פאַרנורעטן גוף און זיפצט אָפּ ווי פון אַן אינערלעכן ווייטיק. זײַנע בליקן לויפן צום וויגל, ווו זײַן זונדעלע איז אַן אײַנגעמאַטערטער שטיל אײַנגעשלאָפן גלײַך ווי ס׳זאָל וויסן אַז אַזוי וועט זײַן בעסער...

שנײַדיק שאַרף שפּיזט זיך אײַן אין אים דער איינס וואָס קוקט אַראָפּ צו אים פונעם קאַלענדאַר מיט דער שאַרפער פאַרשפיצטקייט פון אַ שטילעט אַזש אַ היץ נעמט אים דורך. שוין דער צווייטער חודש און ער קאָן נאָך אַלץ נישט קריגן קיין אַרבעט.

— וואָס וועט זײַן? — כאַפּט זיך אַרײַן אין אים אַ גיפטיק פײַערל פון פאַרצווייפלונג. נאָר פאַר די אויגן טוּיכן אויף פריידיקע שורות וואָס טאַנצן אַרום אין זײַן מוח, צעשפּילן זײַנע בלוטן און באַלאָדן אים מיט אַזוי פיל האָפענונג און צוזאָג אַז ער שפּרינגט אויף אַ דערמוטיקטער:

— דאָס חשבות מוז צערינען! ס׳וועט נאָך זײַן גוט, נישט געזאָרגט! — רײַבט ער אַ האַנט אָן אַ האַנט — ס׳וועט מוזן גוט זײַן!

ער נעמט שפּרייזן איבערן צימער הין און צוריק, נאָר באַלד בלײַבט ער שטיין לעבן בעט, ווי ער וואָלט זיך געישובט מיט זיך אַליין, שטרעקט אויס די האַנט און נעמט וועקן זײַן חנהן:

— חנהלע! — האָט זײַן קול אַרויסגעציטערט — חנהלע, הייב זיך אויף. דער זייגער איז שוין באַלד זעקס.

חנה האָט מיט האַסט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. פון אירע פאַרזשמורעטע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט בייזע פײַערלעך ווי בײַ אַ הונגעריקן וואָלף — גרייט צו פאַרצוקן:

— וואָס ווילסטו פון מיר? — האָבן אירע אויגן אים געשטאָכן ווי צעגליטע שפּיזלעך.

— איך גיי אַראָפּ אין גאַס אַרײַן — האָט ער איר נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן אַרײַן — אַ קוק געבן אין סינדיקאַט.

— נאָך וואָס? ווו האָסטו צו גיין? ווו טרײַבט דיך דער שוואַרציאָר?

גלײַך האָט זי אַ רעזיגנירטע אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— זעץ זיך בעסער לייענען — ועסטו האָבן פּרנסה... זי וועט אַליין קומען אין שטוב אַרײַן.

דער קאָפּ אירער איז צוריקגעפאַלן אויפן קישן. זי איז פונקט ווי פריִער געבליבן ליגן ווי צוגעפּלאַטשט צום געלעגער מיטן קאָפּ פאַרגראָבן אין די הענט.

ישראל האָט פאַרלוירן גענומען שטאַמלען ווי אַ שולדיקער, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר די ווערטער זענען אים געבליבן פאַרהאַקטע אינעם שלונג.

* * *

די זעלביקע גאַסן, ווו ישראל גייט יעדן טאָג, זענען אים אַנטקעגנגעקומען מיט דער זעלביקער גראָקייט און וואָכעדיקייט. דער זעלביקער וועג פירט אים יעדן פאַרנאַכט אין סינדיקאַט אַרײַן. נאָר איצט האָט ער געפילט אַז נישט ער גייט, נאָר גלײַך ווי ער וואָלט זיך געדראַפּעט אויף אַ הויכן באַרג. ער פירט מיט זיך אַליין וויכוחים איבערן גאַנצן וועג. ער פילט ווי ס׳צײַטיקט זיך אין אים אַן אויפברויז פון שינאה און פאַרביטערונג צו זײַן חנהן. נאָר באַלד נעמט ער שעפּן זשמעניעס זאַמד צו לעשן די שריפה. נעמט זוכן אַרגומענטן פון אונטער דער ערד צו באַרעכטיקן אירע זידלערײַען און דערנידעריקנדיקע רייד וואָס מאַכן פון אים אַש און בלאָטע... — וואָס זאָל זי טאָקע טון? אַ פרוי, אַ קינד אין וויגל... אַנדערע מאַכן זיך, קויפן זיך, גייען, קומען, פאַרברענגען, לעבן, געניסן פונעם לעבן, און זי? — אַפילו אויפן פּשוטן טאָגטעגלעכן אויסקום האָט זי נישט; זי מוז אָפט מאָל לויפן זיך שאָפן, באָרגן, פאַרשוואַרצן זיך דאָס פּנים בײַ מענטשן אין די אויגן זי זאָל קאָנען צונויפפּירן אַ וואָנט מיט אַ וואַנט.

אַלע אירע ווערטער און דורכדרינגענדיקע בליקן קלעפּן זיך צו צו זײַן לײַב

ווי פּיאַווקעס — נישט אָפּצורײַסן. דאָס איינציקע מיטל וואָס קאָן זי אויסהיילן פון אַלע אירע קרענק און עגמת־נפשן איז — געלט — וואָס ער האָט נישט קיין צוטריט דערצו. טאָ וואָס זאָל ער טון? שרײַען גוואַלט אין די גאַסן? נו וועט עס העלפן?

אַזוי ראַנגלענדיק זיך מיטן אייגענעם געדאַנק איז ער מיט שלאַבעריקע מידע טריט אַרײַן אין סינדיקאַט.

— פאַראַן עפּעס? — האָט ישראל נישט־דרײַסט אַ מורמל געטון צום די זשורנעם חבר בײַם טישל ווי פון יוצא־וועגן. נאָר באַלד האָט זײַן פּנים אויפגעלויכטן, זיך צעשמייכלט פונעם „יאָ, פאַראַן!" מיט וואָס דער חבר האָט אים אויפגענומען נישט אָן סאַטיספאַקציע, קוקנדיק אויפן דערפרייטן ישראל.

דאָס ראָזע קאַרטל, ווו ס׳איז געווען אויפגעשריבן זײַן נאָמען און דער אַדרעס פונעם טאַזשער, וווהין ער דאַרף זיך ווענדן, האָט געציטערט צווישן זײַנע פינגער:

— יאָ, כ׳ווייס ווו ס׳איז, אין טאַזשער פון יעגערמאַנען, דעם טריקאָטאַזש־פאַבריקאַנט. פון מאָרגן פרי... יאָ, יאָ!... זיבן אַזייגער...

ישראל איז אַרױס פונעם לאָקאַל. אַן אימפּעט האָט אים געטראָגן צוזאַמען מיט אַ פרייד גלײַך ס׳וואָלט בײַ אים אַרויס דאָס גרויסע געווינס. ער איז געלאָפן ווי מע וואָלט אים נאָכגעיאָגט. ער האָט זיך געאײַלט צו זײַן וואָס פריער אין דער היים, אויסצושרײַען זײַן פרייד אַז... מאָרגן גייט ער אַרבעטן! ער האָט געקריגן אַרבעט!

* * *

דער דרויסן איז נאָך געשטאַנען אײַנגעהילט אין נאַכטיקער פינצטערניש ווען ישראל האָט פאַרלאָזט די שטוב. זײַן פרוי מיטן קינד זענען נאָך געשלאָפן. חנה איז אפשר געווען וואַך. בײַ איר קאָן מען קיין מאָל נישט וויסן צי זי שלאָפט, צי זי מאַכט זיך שלאָפן. מיט איין האַלב אויג שפּירט זי נאָך — פילט ער — זײַן יעדן באַוועג און ריר. ער ווייסט קיין מאָל נישט וואָס זי האָט אַזוי מורא. עפּעס האָט זי מיסתמא שלעכטע פאָרגעפילן, עפּעס אַזוינס וואָס ס׳קומט אים אַפילו נישט אויפן געדאַנק. אפשר טראַכט זי פון אַזעלכע אומזיניקייטן און דערפאַר היט זי אים. אָבער אַ מאַמע פון אַ קינד קאָן נישט פועלן בײַ זיך צו ווערן אָפּטון אַ נאַרישקייט. ווען איר איז נישטאָ צו האָבן קיין שום קלער, אַז זי זאָל זיך טון עפּעס שלעכטס. אָבער ער?...

ער האָט זיך נישט געהאַט איצט וואָס צו אײַלן. ס׳איז נאָך געווען גוט פרי. נאָר פון זיך אַליין האָבן זײַנע פיס גענומען שפּרײַזן, שלינגען קוואַרטאַל נאָך קוואַרטאַל. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ דערשוויצטער לעבן צוויי אַראָפּגעלאָזטע גרינע שטאָרן מיט אַ גרויסער שילד פון אויבן איבער דער גאַנצער ברייט וואָס

האָט אַראָפּגעשריגן מיט פּעטע פלאַמיק־רויטע אותיות איבער דער שטילער פאַר־טאָגיקער גאַס אַז די „טריקאָטאַזש־פאַבריק פון יעגערמאַן און קאָמפּ. מאַכט די בעסטע אַרבעט פאַר קינדער און דערוואַקסענע".

— כ'האָב זיך אַ ביסל צוגעאײַלט, — רעדט ישראל צו זיך אַליין, — ס'איז ערשט קוים האַלב זיבן. נאָך דאָ אַ גוטע האַלבע שעה.

ער האָט גענומען שפּאַצירן הין און צוריק. ס'האַרץ האָט בײַ אים געפּלאַ־טערט ווי אַ פייגעלע אויף אַ דין צווײַגל. ער איז אַליין נישט געווען זיכער מיט זיך ווי ער וועט זיך דאָ דערהאַלטן. ווי מע שמועסט אין טריקאָטאַזש־צירקל איז נישט אַזוי פויגלדיק צו אַרבעטן בײַם סעניאָר יעגערמאַן... אויף צו פאַרדינען — זאָגט ער שטענדיק — איז ער בילכער. ער האָט עפּעס מער אַרײַנגעלייגט ווי די אַרבעטער אין געשעפט אַרײַן. דעריבער קומט אים די סמעטענע און נישט זיי.

איינצלנע מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן פאַרן טויער. זיי זענען גע־קומען פון פאַרשידענע זײַטן. וואָר ס'גריסט זיך שטיל און וואָר ס'קומט אָן שווײַגנדיק, פאַרטראַכט, מיט די הענט אין די קעשענעס. טייל קומען צו אײַנגע־טוליעטע אין לײַכטן מענטעלע, שטייען בײַ די זײַטיקע ווענט און וואַרטן. מייד־לעך און ווײַבלעך פון פאַרשידענעם עלטער מיט געשמינקטע ליפּן און געפּודערטע בעז רעדן אויפן קול. טייל ווערטער שלאָגן זיך אָן אָן ישראלס אויער, אָפּגעריסע־נע, אומקלאָרע. ער נעמט זיי נישט אויף. ער איז אַ צעפּיבערטער פאַרנומען מיט זײַן גורל וואָס דאַרף דאָ באַלד דעצידירט ווערן, אַהין אָדער אַהער.

די זשאַלוזעס נעמען זיך אויפרוקן פּאַמעלעך. דער וועכטער עפנט אויף דאָס טויער. אַלע נעמען אַרײַנגיין. ישראל שטופּט זיך נישט־דרײַסט צווישן אַלעמען. מע ווײַזט אים זײַן נומער אויף אַ קאַרטל:

— נאָט, — גיט אים דאָס מיידל זײַן „טאַרכעטל", — נעמט עס נישט צו זיך, — זאָגט זי אים מיט אַ לײַכטן שמייכל, זעענדיק ווי ער לייגט עס אין בו־זעמטאַש — לייגט עס אַרײַן אין גרויסן שטייזייגער בײַם וואַנט וועט ער אויס־קלאַפּן דעם טאָג און די שעה ווען מע קומט צו דער אַרבעט, אָט ווי אַלע טוען...

ישראל האָט זיך אַ פאַררויטלטער געלאָזט גיין אין דער פאַבריק־האַלע און געקוקט מיט בלאָנדזשענדיקע בליקן פול מיט חידוש אויפן גרויסן זאַל מיט די לאַנגע רייען מאַשינען וואָס אַרבעטן אָן באַדינונג, בלויז אונטער דער אויפזיכט פון אויפזעערס וואָס גיבן אַכטיק צי ס'פאַרהאַקט זיך נישט עפּעס, צי ס'רײַסט זיך נישט קיין פאָדעם. אַנדערע פאַרען זיך אַרום, רייניקן און שמירן. צענדלינגער לאָמפּן מיט גרינע שײַנען פאַרכאַפּן זײַן אויג, ווי ער וואָלט געהערט אַ מעשה פון טויזנט און איין נאַכט וועגן אַן אויסגעחלומטן אידעאַלן וואַרשטאַט. אַלע מיידלעך גייען אָנגעטון אין שוואַרצע שערצלעך מיט ווײַסע קעלנערלעך. זיי זיצן בײַ נידעריקע רויטע טישלעך אַרײַנגעטון אין דער אַרבעט פון צונויפנייען די

טיילן. לייגן די פּאַרטיקע שטיקלעך אַרבעט אין גרויסע קוישן און וואַרפן זיך איבער מיט אַ וואָרט, שושקען זיך און לאַכן. דער באַלעבאָס אַליין פּאָרעט זיך בײַ ישראלס מאַשין, ווײַזט אים אָן וואָס צו טון און זאָגט אים האַרט און שטרענג:

— דאָס וואָס איך ווײַז אײַך דאַרפט איר מאַכן. געמאַכט — לייגט עס אַוועק צו אים, צו דער ווײַטערדיקער מאַשין. בײַ מיר, סעניאָר, מאַכט יעדער זײַן אַרבעט. וועט איר זיך אויסטויגן איז גוט...

— מוי ביען, סעניאָר! — האָט ישראל אונטערגעכאַפּט מיט אַן אינערלעכן ציטער.

באַלד גיט זיך אַ גלעקל אַ צעקלינג מיט ליאַרעם ווי ס׳וואָלט אונטערגעיאָגט די מענטשן זיי זאָלן זיך נישט זעצן, נאָר וואַרפן מיט אימפּעט צו דער אַרבעט ווי אין אַ וועטלויף פון פערדלעך אָדער לויפערס. איבערן זאַל צעטראָגט זיך אַ געקלאַפּערײ פון אײַזנס, האַמערנדיקע מאַשינען, צעוויגטע קערפּערס פון פּרע־סערס בייגן זיך איבער טישן. מיידלשע הענט פּלאָנטערן זיך מיט די פינגער צווישן די פעדעם, ציִען זיך אין דער הייך נאָכן ריַסעניש פון די מאַשינען וואָס שלינגען די סחורה מיט זייערע ציין און צײַנדלעך מיט אַזאַ שנעלקייט וואָס די הענט פון די מיידלעך קאָנען קוים נאָכקומען.

ישראל האָט עטלעכע מאָל אָפּגעלאָזן די סחורה וואָס די מאַשין האָט זי בײַ אים אַרויסגעריסן אין איר לויף, בײַם צונויפּנײ פון די טיילן. ער האָט געמוזט נאָכער אַרויסצופּן די שטעך וואָס ס׳איז אים אָנגעקומען מיט אַ הייסן ברי̇עדיקן שוויס.

אַז דער באַלעבאָס איז ווידער אויסגעוואַקסן הינטער זײַנע פּלייצעס האָט זיך ישראל געפּלײַסט מיט אַן ענטפער נאָך איידער יענער וועט אים מאַכן אַ פאָרוואָרף:

— כ׳וועל זיך צוגעוויינען צו דער מאַשין וועט עס גיין ווי געשמירט.

— איר זענט אַ טריקאָטאַזש־אַרבעטער? — האָבן אַ פּאָר בייזע בליקן גע־גלאָצט אויף ישראלן — יאָ? דאַרפט איר קאָנען נייען!

ישראלן האָט ס׳בלוט אַ שלאָג געטון צום קאָפּ. זײַן ווײַב, ס׳קינד, די שטוב. דעם ווײַבס טענות... אָנשטאָט צו ענטפערן דעם באַלעבאָס האָט ער זיך פאַר־מאָסטן מיט דער מאַשין. געוואָלט ווײַזן אַז דער מענטש שטייט העכער פונעם גולמדיקן מעכאַניזם צו וועלכן ער מוז זײַן צוגעבונדן. ס׳קאָן דאָך נישט זײַן אַז די מאַשין זאָל האָבן איבער אים צו זאָגן. ער מוז זי באַהערשן.

— דו שלינגסט די שטיקער סחורה, דו יאָגסט — יאָג, און איך וועל נאָכקו־מען. מײַנע הענט ליגן נישט אין קימפּעט.

ווי די הענט זײַנע וואָלטן זיך באַוועגט אויף עלעקטריע אַזוי האָבן זיי פלינק און גיך געאַרבעט, נאָכגעגעבן און מיטגעהאָלפן מיטן פיבערדיקן געלייף. ער האָט

געפילט אַז ער איז גובר, ער קומט נאָך. ער דערפילט דעם איינציקן באַפעל:
נאָכקומען! וואָס מער נאָכקומען!

ווידער צעקלינגט זיך דאָס גלעקל און אַלץ בלײַבט שטיין ווי אויף באַפעל.
פיס הייבן זיך איבער בענק. העגט טרייסלען אָפּ דעם שטויב מיט די דרימען פאַר־
דעם וואָס שלעפּן זיך נאָך.

ישראל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון בענקל אַ צעפלאָמטער ווי מע וואָלט אים
אָפּגעשטעלט אין מיטן נאָכיאָגן זיך נאָך עמעצן. אַט כאַפּט ער אים און אַט איז ער
ווידער אַרויס פון זײַנע הענט און ער יאָגט זיך נאָך אים און יאָגט... די אויערן
פאַרשפּיצט און צעגליט, פאַר די אויגן שווינדלדיקער נאָדלגעלייף און אין קאָפּ
אַזאַ טויבער רעש... ער האָט זיך אַ וואַקל געטון, ווי מע וואָלט אים אָפּגעגאָסן
מיט אַ שעפל קאַלט וואַסער און אַן אויסגעטשוכעטער האָט ער זיך געלאָזט גיין
צו דער טיר.

* * *

עטלעכע וואָכן זענען אַוועק אין נאָכאַנאַנדיקן געיעג. ישראל האָט תופס גע־
ווען אַז דער אַרבעט־סיסטעם אין יעגערמאַנס טאַזשער, ווו ס'זענען באַשעפ־
טיקט איבער צוויי הונדערט אַרבעטער, איז אַ געגוג קאָמפּליצירטער און נאָך
שווערער איז דער ריגאָר וואָס הערשט אין אַזאַ גרויסער פאַבריק. די ווערטער
פונעם באַלעבאָס, אַז מע מוז נאָכקומען, האָבן זיך אַרײַנגעשטאָכן ווי די מעסערס
אין ישראלס האַרץ.

יעדן שרעקט דער מוז, דער צוואַנג. ברעכן זיך בײַ איינעם די נאָדלען און
ער בעט מע זאָל אים אַרויסהעלפן — גיט די מורא אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ און מע
מאַכט זיך נישט הערן יענעמס בעטן. אַפילו ווען איינער פילט זיך שלעכט און
איז נישט בכוח נאָכצוקומען, מיטהעלפן מיטן געיעג, איז נישטאָ מיט אים קיין
שום אײַנזען. מע זידלט זיך. פּנימער ווערן פינצטער, ברוגזע פאַרשפּיצט. אויגן
שפּריצן מיט רציחה. ס'דערגייט שיִער נישט צו קיין געשלעגן. דער באַלעבאָס
באַווײַזט זיך און מע וואַרפט זיך אויף דער אַרבעט מיט אַזאַ האַסט און אימפּעט
אַז נאָר אַ נס וואָס קיין שום זעצט נישט פון די מײַלער. באַלד ווי ער דרייט זיך
אַוועק הערט מען שוין ווידער די קריגערײַען צווישן די מיידלעך וואָס מישן זיך
אויס מיטן געקלאַפּ פון די אײַזנס, מאַשינגערויש און געפילדער ווי בייזע רוחות
וואָלטן אַרומגעפלויגן מיט ליאַרעמדיקע קולות. אַ פּאָר אָפּענע היטנדיקע אויגן
גלאָצן בייז, רײַסן זיך פון אַ שמאָל פּערדיש לאַנג פּנים, לויפן פון איינעם צום
אַנדערן, איבער אַלץ און אַלעמען און וואַרפן אָן אַ מורא, די גרויסע מורא פאַרן
מאָרגנדיקן טאָג.

אַ טונקעלע מרה־שחורה האָט זיך געלייגט אויף ישראלס פּנים. אַ פאַרבי־
טערטער פון די אָפּטע קריגערײַען איז ער אַליין אויך געוואָרן אָנגעשטעקט מיטן

שרעקגעפיל און אַ סך מאָל זיך נישט געמאַכט הערן ווען מ׳האָט אים עפּעס גע־בעטן. ס׳איז אים אויסגעקומען ווי אַלץ אַרום וואָלט געווען אַ קייט אויף אומזע־באַרע ראָדציין וואָס דרייט זיך און שלעפּט אַלץ מיט זיך מיט אין שווינדלדיקן געדריי. אַלע פילן די ציין וואָס בײַסן זיך אײַן אין זיי און אַלע גיבן נאָך:

— וואָס מער! וואָס מער! דאָס איז דער איינציקער אויסוועג, די איינציקע רעטונג פאַר זיי, פאַר אַלע, פאַר יעדן איינעם באַזונדער.

אָט איז מיט עטלעכע טעג צוריק דאָ געזעסן אַן אַרבעטאָרין, זי האָט גע־יאָגט פון זיך די קישקעס אַרויס, האָט זיך עפּעס אין איר אָפּגעריסן... מ׳האָט איר אויסגעצאָלט אין קאָנטאַר עטלעכע הונדערט טאָלערס, און אויף איר אָרט זיצט איצט אַ צווייטע. מענטשן טוישן זיך, פאַלן ווי שפּענער אין אַלע זײַטן. די פּראָ־דוקציע מוז שטײַגן, וואַקסן אויפן חשבון פון די יאָגנדיקע וואָס אַליין פאַר זיך דעריאָגן זיי קיין מאָל גאָרנישט.

אויף די געשרייען פונעם באַלעבאָס ענטפערט קיינער נישט. מע זיצט אויף די בענקלעך מיט טיפן אײַנערלעכן ברי און מע שווײַגט. איבער אַלעמענס קאָפּ הענגט אַ וואָרט וואָס פאַרמאָגט די שאַרף פון אַ חלף:

— סוספּענסיאָן! איר ווערט אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט! דעמאָלט איז דער חשבון אַ פּאַרטיקער, רעגולירט... שיקט מען אַ קללה אויפן קאָפּ פון דער מאַשין און מע יאָגט ווײַטער.

פאַר ישראלס אויגן וואַקסן אויס די פאַרשידענע טיפּן אַרבעטער — מענער און פרויען וואָס ער טרעפט זיך מיט זיי דאָ און דאָרט מיט זייערע פאַרביטערטע רייד. אָט האָט ער פאַר זיך דעם משוגענעם יאַנקל מיט די אויסגעקריצטע טיפע שניטן אויף זײַן שמאָל ביינערדיק פּנים, מיט זײַן שטענדיקן פּזמון:

— צ׳זאָלט מאָ לעבן, ווי לאַנג קאָן מען אַזוי רײַסן די קישקעס? נישט אָפּ־צואָטעמען קיין רגע, נישט צו האָבן קיין פרײַע מינוט...

ווי נאָר ער פאַרשווינדט פון ישראלס בליק וואַקסט גלײַך אויס דער פּרע־סער מיטן שטענדיק פאַרזאָרגטן פּנים, מיט די אָנגעצויגענע אָדערן אויפן האַלדז ווי שטריק בײַם אַרויסקריגן פון זיך אַ וואָרט און אַז ער צערעדט זיך רעדט ער פאַר צען:

— מע וועט דאָ קראַנק ווערן און קריגן אויסגעצאָלט די עטלעכע הונדערט פּעזעס... מיר זענען נישט די ערשטע און נישט די לעצטע קרבנות. זיי מערן זיך דאָ ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. נישט מעגלעך דורכצואַרבעטן אַ שטיקל צײַט ס׳זאָל זײַן רויק. יעדע פאַר טעג אַן אַנדער אומגליק, אַן אַנדערע צרה. דאָ ווערט קאַליע די מאַשין, דאָ פעלט עלעקטרישע קראַפט, דאָ איז נישטאָ קיין פאָדעם, דאָ ווייסט אים דאָס שוואַרציאַר. אַ ליאַדע וואָס ווערן מענטשן אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט מיט אַ ווײַז מיטן פינגער און מע פליט שוין אַרויס. הײַנט טרעפט עס דעם, מאָרגן

דעם צווייטן. קיינער ווייסט נישט ווען ס'קומט זײַן ריי איבערצולאָזן די מאַשין און גיין אַהיים.

קיינער ענטפערט אים נישט. מ'הערט אים אויס מיט פאַרשטשעמעטע ליפּן. מיט אַ פאַרביסן שווײַגן, וואָס איז נאָך ערגער ווי געשריגן. געענדיקט די אַרבעט צעלויפט מען זיך אין די היימען, יעדער אין זײַן ווינקל. אַ טרויער לאָזט זיך אַראָפּ איבער אַלעמענס פּנימער. מע באַמערקט אַפילו נישט אַז עמעצער פעלט. דער היציקער שׂיעלע קאָכט זיך אין מיטן גאַס. ס'אַרט אים נישט וואָס זײַטיקע מענטשן, פאַרבײַגייער קוקן זיך צו. ער מאַכט מיט די הענט און גוואַלדעוועט:

— צונויפגענומען אַ ביסל פערד און זיי האַרעווען אויף אים.

— נו, אדרבא, באַווײַז אַ בריהשאַפט און טו אים נאָך? וועט מען האַרעווען פאַר דיר און דו וועסט אַרומגיין מיטן בינט שליסלען אין דער האַנט.

— אַ־דאָס נישט! דאָס וועסטו בײַ מיר נישט פועלן!... בעסער שטאַרבן פון הונגער, אויסצײַען די קאַפּיטעס...

אַלעמענס הערצער זענען פאַרקלעמט:

— טאָ וואָס איז דער אויסוועג לויט דיר נאָך?

אויף דעם האָט שוין קיינער נישט קיין ענטפער. אַ כישוף־וואָרט ליגט בײַ אַלעמען אויף דער צונג. נאָר קיינער וואַגט עס נישט צו ברענגען פאַרן מויל. דער אויסוועג איז — קאַמף. אַלע ווייסן דעם אויסוועג, נאָר קיינער מאַכט זיך נישט וויסן אַז ס'עקזיסטירט אַזאַ זאַך אויף דער וועלט. דאָס איז אַ שטעקן מיט צוויי עקן... בעסער אים נישט באַנוצן. ווי לאַנג מע קאָן זיך באַגיין אָן אים וועט עס נאָר אויסגיין צום גוטן.

מיט צעברויזטע געמיטער צעגייט מען זיך צעצינדענע פון די אייגענע צע־פלאָמטע רייד. מע צעשיט זיך אין די פאַרשידענע געגנטן פון בוענאָס־אײַרעס אויף איבער נאַכט.

* * *

ווי נאָר ישראל האָט אָפּגעגעסן איז ער, ווי יעדן טאָג, גלײַך אַרויס פון שטוב. זאָל זי נישט וויסן, חנה, צי ער אַרבעט, צי נישט. זאָל זי מיינען אַז ער יאָגט זיך נאָך אין טאַזשער אַרײַן, אַז ס'וואַרטן אויף אים פּעק סחורה. ער ווייסט סײַ ווי נישט וואָס איר צו זאָגן, פאַרוואָס מ'האָט אים אָפּגעזאָגט. מ'האָט אים געמאָלדן קורץ, לאַקאָניש, מיט אַ פאָנפע אונטער דער נאָז:

— פון מאָנטיק אָן האָט איר נישט מער צו קומען צו דער אַרבעט. ס'פּער־סאָנאַל ווערט געשניטן...

דאָס מאָל איז ער דער קרבן. אפשר נישט בלויז ער. נו איז וואָס? ווערט אים דערפון גרינגער אויף אַ האָר? די עטלעכע הונדערט פּעזעס, וואָס ער האָט גע־קריגן אויסגעצאָלט און ליגן בײַ אים אין בוזעמטאַש, ברײען אים ווי קראָפּעווע...

ער האָט געבלאָנדזשעט איבער גאַסן, געטריבן פון אַן אומרו, ווי צו ווערן אַנטלויפן פון זיך אַליין. אַ מידער האָט ער זיך צוגעזעצט אויף אַ פּלאַסע מיט עטלעכע שיטערע ביימער. געהאַפּט דאָ צו געפינען אַ ביסל רו. נאָר די מעגלעכע טענות פון זײַן ווײַב, פון וועלכע ער איז אַ שטיקל צײַט געהאַט אַנטלאָפן פון זיי, האָבן גענומען אַנלויפן צו אים ווי אַלטע באַקאַנטע, פון אַלע זײַטן. זיי האָבן זיך געיאַוועט פּלוצים, אים אַנגעיאָגט און געפּאַקט דאָ אויף דער שטיינערנער באַנק אין סקווערל. ער האָט געזען פאַר זיך טעג, ווי דינע צווײַגן, וואָס דער מינדסטער באַריר בייגט זיי און קאָן זיי צעברעכן אויך; טעג נישט זיכערע, וואָס הענגען אין דער לופטן, ווי אָפּגעריסענע קינדערשע באַלאָנדלעך. ערגעץ ווו, ווען זיי וועלן קומען גאָר הויך, וועלן זיי פּלאַצן און ס׳וועט פון זיי גאָרנישט ווערן, פון זיי פּונקט ווי פון אים אַליין.

ישראל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט ווי אַן אָפּגעבריטער. זיך געלאָזט גיין אַהיים. ס׳איז שוין די שעה ווען מע קומט פון דער אַרבעט. די זון האָט שוין רויט געברענט אין מערב, געצונדן דעם הימל מיט העלישע פלאַמען. ער האָט שוין וואָס גיכער געוואָלט זײַן בײַ זיך אין שטוב. ער איז געווען צופרידן וואָס ער קאָן נאָך אַ טאָג פאַרשאַפן זײַן ווײַב און קינד אַ ביסל פאַרגעניגן, אַ טראָפּ־לע נחת. כאָטש שוין נישט אויף לאַנג. דער דערווײַליקער פונק גליק גייט אויך נישט צופוס. זאָל ער נאָך גלײַען און טלײַען ווי לאַנג ער וועט האָבן כוח. ער שטעלט זיך שוין פאָר ווי זײַן ווײַב און קינד וואַרטן אויף אים, ווי יעדעס מאָל, פריידיקע, מיט אַ ליבלעך שמייכעלע אויף די ליפּן פון דער גרויסער האָפענונג וואָס ליגט אין די ווערטער:

— דער טאַטע דאַרף באַלד קומען פון דער אַרבעט!...

זיי ווייסן גאָרנישט און אַנען צומאָל נישט אַז די גרויסע האָפענונג וועט אָט־אָט מיטן קוק ווערן צערונען, צעגיין, אויפפלאַצן ווי אַ קינדערשער באַלאָן אין דער לופט.

# דער אומבאַקאַנטער

סטאַך איז געלעגן אויפן בינטל שטרוי אין „ראַנטשאָ"־בײַדל און נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. אַ געשריי און געריטש האָט זיך אַ ריס געטון צו זײַן אויער פון נישט ווײַטן ברעג און גלײַך אַנטשטומט געוואָרן. ער איז אויפגעשפרונגען, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן און זיך אײַנגעהערט מיט אַן אָנגעשפּיצט אויער. ער האָט מער גאָרנישט געהערט. אַלץ איז צוריק פאַרזינקען געוואָרן אין שטילקייט. ער פאָלגט נאָך מיט זײַן בליק די שלענגלדיקע רויכן, וואָס ציִען זיך פון די אויסגייענדיקע פײַערן, צעוואָרפענע איבערן פעלד לענג־אויס פון לאַ־פּלאַטאַ־טײַך נישט ווײַט פון פּאָרט.

ער לייגט זיך צוריק אויפן בינטל שטרוי, דעקט זיך איבער ס'פּנים מיטן רעקל. נאָר אומזיסט. ער קאָן נישט אײַנשלאָפן. ער וויל פאַרטרײַבן פון זיך די פּײַנלעכע אומהיימלעכע געדאַנקען וואָס עקבערן זײַן מוח. נאָר וואָס מער ער באַמיט זיך זיי צו פאַריאָגן פון זיך אַלץ מער קריכן זיי צו אים, שטייען צו אים צו — נישט פּטור צו ווערן פון זיי. ער גיט זיך ווידער אַ הייב און אַ דריי אויפן האַרטן געלעגער. זײַן בליק פאַלט אויף יוזעקן וואָס שלאָפט אײַנגעקנוילט אין דרײַען. זײַן בלוט הייבט אין אים אָן צו רוישן. ווי לאַנג איז עס דען ווי ער האָט אים — אַ קליין קינד — געטראָגן אויף די הענט, און איצט אויסגעוואַקסן אַזאַ יונגאַטש!

ער גיט זיך האַסטיק אַ הייב־אויף, גייט צו צום עלעקטרישן לאָמפּ, וואָס שטייט לעבן וואַסער און פינקלט מיט זײַנע סיגנאַל־קאָלירן — בלאָ־רויט. מיט ציטערנדיקע הענט נעמט ער אַרויס פון בוזעמטאַש דאָס בילד פון זײַן פרוי און קינד. ער קוקט זיך גוט אײַן אין זייערע פּנימער און אַ קעלט נעמט דורך זײַן קערפּער. ער שוידערט אויף. זײַן פּנים פאַרציט זיך אין אַ גרימאַסע ווי פון אַן איבערלעכן ווייטיק.

אַלץ אַרום שטייט אײַנגעהילט אין נאַכטיקער שוואַרצקייט. ער ווענדט זײַן מוטנעם בליק צו דער שטאָט וואָס טובלט זיך און טוקט זיך אין ליכט. די גאַסן דאָרט זענען איצט באַלעבט מיט מענטשן, אַ געגייערײַ און געקאָך ווי אין מיטן טאָג. די רעסטאָראַנען און באַרן פֿאַרעך פֿאַרען זיך פון געדיכטעניש און ענגשאַפט. מע פּרעסט און מע זויפט. ס׳איז אַ וועלט און מענטשן לעבן, געניסן פון אַלע גוטע זאַכן וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן פֿאַרן מענטש צום נעמען און הנאה האָבן פון זיי, זיך אײַנצובײַסן אין זיי ווי אין אַ זאַפטיקן עפּל.

צום ווילפטן מאָל שוין קומט אויף אין אים די מאַטערנדיקע פֿראַגע:

— וואָס וועט מיט מיר זײַן? אַזוי צי אַזוי וועל איך דאָ אויסצײַען די קאַפּיטעס.

ער איז צוריק אַוועק אויפן געלעגער, זיך אַוועקגעלייגט ווי אַ שטיק פלאַץ און אַלץ נישט געקאָנט אײַנשלאָפן. פאַר זײַנע אויגן האָבן גענומען אויפשווימען, ווי פון אַ נעפּל אַרויס, שטיקער בילדער פון זײַן פּויליש דאָרף. אָט זעט ער די הילצערנע הײַזקעס שטיין צוגעטוליעט צום באַרג. אַ לײַכט ווינטל צערטלט אים זײַן פּנים, שאַרכט אַרום צווישן די צווײַגן פון די אַרומיקע אַקאַציע־און ליפּע־ביימער, וואַרפט אַראָפּ פון זיי אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל. די תבואה וויגט זיך שווער אין פעלד. די פולע זאַנגען שטייען מיט געבויגענע קעפּ, ברומען עפּעס אַ מאָדנעם באַנגלעך־טרויעריקן ניגון, ווי יעדן ערב שניט, וואָס דאַרף הייסן, באַלד וועט מען אונדז אַראָפּנעמען פון די זוניקע פעלדער און אײַנזאַמלען אין די טוכלע שײַערן אין סנאָפּעס און גאַרבן.

די זאַפטיקע גרינע לאָנקעס מיט די געפּלעקטע קיעלעך וואָס פּאַשען זיך אויף זיי; דאָס שפּיגלדיקע טײַכעלע מיט די קוואַקנדיקע זשאַבעס וואָס שפּרינגען אַרום אין גראָז — דער גאַנצער דאָרפישער אַרום שפּרייט זיך אויס פאַר זײַן פאַנטאַזיע מיט שמעקעדיקע רײַצנדיקע פאַרבן. ס׳קומט אויף אין אים די גרויסע בענקשאַפט וואָס ציט און נאָגט און רופט: אַהיים! צום ווײַב און קינד!...

שוין פון פריִען באַגין האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועג און גערודער בײַם ברעג. ס׳האָבן זיך געהערט לאַנגע צעצויגענע גענעצן וואָס האָבן אָנגעפילט די שאַרפע פרימאָרגן־לופט מיט אַ זיסער פוילקייט פון צעצויגענע געשטרעקטע גלידער. פון ווײַטן זעט מען גיין גרופּעס אַרבעטלאָזע מיטן שמאָלן פּאַרוואַקסענעם שטעגל וואָס פירט צו פּאָרט. טייל גייען צו די שיפן, אַנדערע שלעפן זיך מיט טאָרבעס און בלעכענע פּושקעס בעטן עסן בײַ אַ גאַרקיך, אויסבעטלען אַ שטיקל ברויט. ווי מוראשקעס ציִען זיי זיך אין לאַנגע רייען.

ווען ס׳האָט גענומען טאָגן האָט יוזעק גענומען וועקן סטאַכן פון שלאָף. ערשט פאַרטאָג איז סטאַך אײַנגעשלאָפן. ער פּילט אַ שווינדל אין קאָפּ און פּאַלט צוריק אַ מידער אויפן בינטל שטרוי. יוזעק וועקט אים נאָך אַמאָל:

— סטאַך, שטיי אויף, סטאַך!

אַ צעשויבערטער הייבט סטאַך אויף זײַן קאָפּ און אַ הייזעריקער „האַ־אַ־אַ!“ קאָלערט זיך אין זײַן טרוקענעם האַלדז. זײַנע פאַרשוואָלענע אויגן־לעדלעך זענען אַראָפּגעלאָזט, ס׳זעען זיך בלויז צוויי דינע שפּעלטעלעך איבער אַ געעפנטן מויל, ווי בײַ אַ פיש אויף דער יבשה, ווי ס׳וואָלט אים פאַרפעלט לופט צו אָטעמען. אַ פינצטערניש ליגט אויסגעגאָסן אויף זײַן פּנים און אַ שלאָבעריקייט אין אַלע אברים, קוים וואָס ער באַוועגט מיט זיי אין גראַלעכן פאַרטאָגיקן שיין.

— קום גיכער אין שטאָט אַרײַן — טרייסלט אים יוזעק פאַרן אַקסל — אַ סך זענען שוין אַוועק קלײַבן פּאַפּיר... מיר וועלן שוין זײַן די לעצטע...

— די גליקן וואַרטן נישט אויף דיר — האָט סטאַך אַ בורטשע געטון אונטער דער נאָז — וועסט גאָרנישט פאַרשפּעטיקן...

— נו, לאָמיר דיך שוין זען אויף דער אַנדערער זײַט! — האָט יוזעק באַפעלעריש אַ קאָמאַנדעווע געטון — גראַבל דיך שוין אַרויס פון דאַנען!...

סטאַך האָט אַרײַנגענומען דעם קאָפּ אין די הענט, ווי ער וואָלט געוואָלט אַז די רייד זאָלן נישט דערגיין צו אים. ער האָט נישט געזען ווי יוזעק איז אַוועק נישט אומקוקנדיק זיך אויף אים. סטאַך האָט זיך ערשט דערפילט אַן אויסגעלייִדיקטער, אין גאַנצן דערשעפּט. ער האָט געגעבן אַ פאַרגראָב זײַן קאָפּ אין בינטל שטרוי אויף דער ערד און אײַנגעזונקען אין אַ פאַרדרעמלטן גליווער.

יעדן באַגינען האָבן זיי ביידע מיט געבויגענע רוקנס געפּלעגט קריכן פון טיר צו טיר מיט זעק אויף די פּלייצעס און געזוכט פּאַפּיר אין די מיסטקעסטלעך, בעקנס, בלעכן און קעסלען, וואָס זענען געשטאַנען הפקרע האַרט אויפן טראָטואַר פאַר יעדן הויז אָנגעלייגט מיט שטובמיסט און אָפּפאַל פון עסנס, אַרויסגעוואָרפענע אומנוציקע כּלים און אַלטע בלעטער.

דער שטיקנדיקער צוגעפוילטער מיסט־ריח האָט געשטאָכן, אַרויסגערופן אַ הוסט וואָס האָט אים אַרויסגעריסן אַ שטיק האַרץ. דער בושהדיקער ווייטיק האָט אים די רעשט געבריט און געשטאָכן אַז ער האָט געמיינט די גערערעם דרייען זיך אים איבער אין בויך. ער האָט זיך דאַן לאַנג פאַרהוסט, אויסגעשפּיגן שטיקער האַרץ מיט לונגען צוזאַמען מיט אַ בייזער קללה אין דער וועלטס מאַמען אַרײַן צוליב זײַן פאַרוואָגלטקייט אין דער פרעמד.

קאַלט און שפּיזיק האָבן זײַנע אויגן געקוקט אויף די פאַרבײַגייענדיקע מענטשן וואָס האָבן זיך געאײַלט צו דער אַרבעט אין וואַרשטאַטן, אין ביוראָען און געשעפטן. דאָס טראַסקערײַ פון די טראַמווײַען און פײַפערײַ פון קאַטשן האָט אים אַרײַנגעבראַכט אין אַ צערודערונג:

— זיי מאַכן מיך משוגע מיט זייער גערויש... זיי שפּילן מיר צו אויף מײַנע צעשרויפטע נערוון...

זיי האָבן זיך טייל מאָל אָפּגעשטעלט בײַ אַ סטאָליער־וואַרשטאַט און גע־בעטן אַרבעט. נישט איין מאָל אַוועק אין רעסטאָראַנען, אפשר וועלן זיי קריגן אַ „טשאַנגגע"[1] אויף עטלעכע טעג צו וואַשן געפּעס אין קיך; געזוכט אַרבעט בײַ לאַדונג־שיפן. אומעטום האָבן פינגער געדרייט און צינגער געסמאַטשקעט און נאָך מער טונקל געמאַכט פאַר סטאַכן זײַן הײַנט און אויסגעלאָשן זײַן שוואַכע האָפענונג אויף מאָרגן.

יוזעק האָט זיך צופרידנגעשטעלט מיט וואָס ס'האָט זיך געלאָזט. ער האָט נישט באַדאַרפט האָבן קיין סך. בלויז אויף איבערצוקומען דעם טאָג, אַ „פּר־טשערע" — דאָס שטיקל פלייש מיט אַ גלאָז ווײַן און אַז ס'איז גוט געגאַנגען אויך אַ „קאַניעלע" — אַ גלעזל בראָנפן. בײַ דער דאָזיקער אַרבעט מוז מען מאַכן אַ שנעפּסל און אַז ס'איז שוין דאָס אויך נישט געווען האָט ער צו זיך אַ זאָג געטון:

— ס'מאַכט נישט אויס... הײַנט נישט — מאָרגן וועט זײַן... ס'וועט קומען אַ צײַט... זי מוז קומען...

* * *

אין אַ האַרבסטיקן בין־השמשות זענען זיי ביידע פאַרבײַגעגאַנגען פאַר אַ בויפּלאַץ נישט ווײַט פון פּאָרט און געזען ווי די מויערער זיצן אַרום אַ פײַער. אויפן אײַזערנעם רושט האָבן זיך געבראָטן שטיקער פלייש. די אַרבעטער האָבן געערדט צווישן זיך, געלאַכט און געדולדיק געוואַרט ביז ס'פלייש וועט פאַרטיק ווערן. זייערע פּנימער האָבן געלויכטן רויט פון די פייערן וואָס האָבן זיי היימלעך באַשײַנט.

מער פון אַלע מאָל איז סטאַך דעם טאָג געווען צעטראָגן. ער איז אַרומגע־גאַנגען אַ צעדרודערטער. דעם גאַנצן טאָג האָט ער גאָרנישט געהאַט גענומען אין זײַן מויל. געגאַפּט פאַר זיך מיט זײַנע רויטע, נישט־אויסגעשלאָפענע אויגן.

זיי זענען געבליבן שטיין פאַר דער גרופּע אַרבעטער בײַ דער בויונג, ווי זיי וואָלטן געוואַרט אַז עמעצער פון דער גרופּע וועט זיי פאַרבעטן צום עסן. דאָס געשמאַקע פלייש, וואָס בראָט זיך אויפן פײַער, איז דאָ איבערגענוג. ס'קאָן סטײַען פאַר נאָך עטלעכע. קיינער פון יענע האָט אַפילו קיין בליק נישט גע־וואָרפן אויף די צוויי אָפּגעריסענע מיט די הונגעריקע אויגן, ווי זיי וואָלטן גע־ווען, די צוויי — אַ טייל פון די שאָטנס וואָס זאַמלען זיך אַרום דער גרופּע.

יוזעק האָט געכאַפּט אַ בליק אויף סטאַכן. זײַן אויסזען האָט אים געשראָקן. ער האָט אים אַ טרייסל געטון:

— וואָס ביסטו שטיין געבליבן ווי אַ גולם? — האָט ער אים געגעבן אַ

---

[1] צײַטווײַליקע אַרבעט

שלעפּ — וואָס מיינסטו אַז אין דער וועלט האָט איינער אין זינען דעם צווייטן? דאָ טראַכט מען נאָר וועגן זיך, וועגן אָנשטאָפּן די אייגענע קישקע, נישט מער. זיי ווילן דיר אַפילו קיין ביינדל נישט צוואַרפן. דעם הונט יאָ, דיר נישט... קום, מירן זען צו קריגן ערגעץ ווו אָפּצועסן...

סטאַך האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט ווי פון זיך אַוועק, אָפּצוטרייבן אַ בייזן געדאַנק. ער האָט קוים אַרויסגעקריגן פון זיך די שטיקנדיקע ווערטער:

— נעם מיך אַוועק פון דאַנען — האָט סטאַך געפילט ווי אַלץ אין אים ווערט פאַרחלשט — פון די זולל־וסובהניקעס... כ׳האָב געזען זייערע בליקן פול מיט פאַראיבל... אונדזער אומהיימלעך אויסזען האָט זיי געשטערט די פולע הנאה פון זייער פרעס...

— וואָס גייען זיי דיר אָן? — האָט יוזעק אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל — זאָלן זיי זיך שטיקן דאָרט מיטן ביסן... אָן ענגהאַרציקע וועלט אונדזע־רע... דו האָסט נישט צו דערוואַרטן פון איר קיין שום רחמנות... קיין שום איינ־זען... דו שטערסט זיי נאָר... דו ביסט ביי זיי אָן איבעריקער...

— דו רעדסט דאָך אַלע מאָל וועגן די גוטע צייטן — האָט סטאַך אַרויס־געשטאַמלט מיט ציטערדיקע ליפּן — ווו האָסטו זיי?

— נישט געזאָרגט... זיי וועלן קומען...

— יאָ, נאָר ביז מע דערזעט זיי קאָנען דיר פריִער די אויגן אַרויסקריכן פון קאָפּ אַרויס...

— דאָס ביסטו גערעכט, סטאַך...

זיי זענען געגאַנגען מיט די ליידיקע זעק אונטערן אָרעם איבערן טונקעלן פאַרנאַכטיקן פעלד. אין דער קעשענע זענען געלעגן די פּאָר צעקנייטשטע באַנק־נאָטן, וואָס זיי האָבן אָפּגענומען פאַר אָפּפאַל־פּאַפּירן, צונויפגעקליבענע פונעם גאַנצן טאָג איבער די האַנדלגאַסן אין דער יידישער געגנט. דאָרט איז אַ קוואַל נישט־אויסצושעפּן. דאָס ראַטעוועט זיי אַ ביסל, זיי זאָלן זיך נישט לייגן מיט קיין הונגעריקן מאָגן שלאָפן אויפן שטרויענעם געלעגער.

— די פּלייצע, יוזעק, ציט מיר ווי זי וואָלט געווען געפּרעסגעוועט מיט שטריק... וואָס וועט זיין מיט מיר, האַ? — האָט סטאַך מיט פאַרצווייפלונג אַ שטרעק געטון די האַנט אַ דראָענדיקע צו די הימלען — איז טאַקע דער מענטש אַזוי עלנט און הפקר אַז קיינער זאָל זיך נישט אומקוקן אויף אים און ער אַליין זאָל נישט האָבן צו וועמען צו רעדן — כאָטש נעם און ציִ זיך אויס אין מיטן גאַס...

— טראַכט נישט צופיל אַריין אין עסק, סטאַך, — האָט יוזעק געזאָגט מיט באַדויער אין קול, — טויזנטער זענען דאָ וואָס ליידן און שווייגן... טויזנטער זאָג איך?... מיליאָנען!... הונגעריקע, אָפּגעריסענע, חושכדיקע, אומצופרידענע,

פאַרצווייפלטע, אויסזיכטלאָזע... היינט האָסטו אַן אַרמיי פון קאַליקעס, שוין נאָך־מילחמהדיקע... מענטשן וואָס שטייען ביים ראַנד פון אונטערגאַנג, מיט אַ פוס אין קבר, און דאָך ווילן זיי אַלע לעבן, מיט אַלע פיבערן פון זייער נשמה, קלאַמערן זיך אָן אַ שטרוי, ווילן נישט אויפגעבן זייער דראַנג זיך אָנצוהאַלטן אָן ברעקל לעבן וואָס גליטשט זיך זיי אַפער פון אונטער די פיס, צעקריכט און צערינט זיי צווישן די פינגער...

— נו, פאַרוואָס זשע, יוזעק, פאַרוואָס אַזוי? מיט וואָס דערקלערט זיך עס? אָט איך אַליין... איך וואָלט דאָך באַדאַרפט איינס און צוויי מאַכן אַ קרייץ אויף מיין בידנער עקזיסטענץ... געווען און נישטאָ און אַראָפּ פון מאַרק... און דאָך וויל איך נישט פאַרקלאַפּן די טיר... ס׳ווילט זיך אַלץ נישט זאָגן „אַדיאָס" דער וועלט, „אַ גוטן טאָג דיר, לעבן!"

— ווייל כ׳בין זיכער, סטאַך...

— וואָס ביסטו זיכער?...

— יאָ, ס׳וועט נאָך קומען אַ צייט...

— לאָז שוין אָפּ מיט דיין צייט! — האָט סטאַך אַ פאַרהאַרטעוועטער ווי אַ שטיין אָפּגעהאַקט די רייד...

יוזעק האָט אים אַ נעם געטון פאַר דער האַנט:

— אָט איז אַ רעסטאָראַן...

* * *

סטאַך האָט אַ זופּ געטון פונעם פלעשל מיטן שאַרפן געטראַנק און פאַרקרומט דאָס פּנים אַזש די נאָז האָט זיך ביי אים אויסגעצויגן ביז אַראָפּ צום מויל:

— פוי, ווי ס׳ברענט אויפן האַרץ — אַ פייער! דאָס וואָס דו טרינקסט היינט וועט דיך וואַרעמען מאָרגן. אָבער דאָס וואָס דו וועסט מאָרגן יאָ אָדער נישט טרינקען קאָן דיר היינט העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. דער מאָרגנדיקער טאָג אינטערעסירט מיך נישט. מיר גייט אָן דער היינט.

— אָט דאָס ביסטו גערעכט — האָט יוזעק געשמייכלט.

ווען זיי זענען צוריקגעקומען אויף זייערע געלעגערס איז שוין געווען גוט שפּעט אין דער נאַכט. אַ טיפע שטילקייט האָט אַלץ אַרומגענומען. פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַ מענטש הוסטן און אַ הונט בילן.

יוזעק האָט זיך איינגעקנוילט אין דריי און זיך איבערגעדעקט דעם קאָפּ מיטן מיסט־זאַק. סטאַך איז געלעגן מיט אָפענע אויגן, געקוקט אין הימל אַריין און געזען ווי די וואָלקנס האָבן איבערגעצויגן מיט אַ שוואַרץ טוך דאָס העלע פאַרפלאַמטע פּנים פון דער לבנה. ער האָט אָפּגעקערט די אויגן. די קעלט האָט זיך איינגעגעסן אין זיינע ביינער. ווי אַ צולאָג האָט אים דער רעוומאַטישער

ווייטיק געפּרעסט אויפן ברוסטקאַסטן. זײַן בליק איז געפאַלן אויף יוזעקן: ער שלאָפט ווי געהרגעט, דער יונג. ווידער האָבן די מוטנע געדאַנקען זיך גענומען ציִען בײַ סטאַכן, אַזוי ווי אויבן די כמאַרעס איבערן הימל, און טונקל געמאַכט זײַן מוח.

אויף ס׳נײַ האָט גענומען בײַ אים וואַך ווערן דער פּײַנלעכער געדאַנק, וואָס האָט געטאָטשעט ווי אַ וואָרעם, וועגן אַ סוף, מאַכן אַן עק מיט זיך, אָפּהאַקן דעם פאָדעם, דעם דין־דינטשיקן, ווי אַ האָר נישט מער וואָס בינדט אים מיטן אָרום, מיט זײַן מיזערנעם נעבעכדיקן לעבן. ער האָט זיך געקלאָמערט אין זײַן געלעגער. די געדאַנקען האָבן זיך אים געמישט. ער האָט זיך געוואָרפן פון איין זײַט אויף דער צווייטער ווי אין אַ קאָנוולסיע. זײַן האַרץ האָט גענומען קלאַפּן פאַרגיכערט. דאָס געפיל פון אויפהערן צו זײַן האָט אים אי געשראָקן אי געלאָקט. ער האָט שוין איצט נישט געקאָנט אויסקלאָרן דעם געדאַנק. אין שאָטנדיקן געפלאָנטער איז ער געפירט געוואָרן פון אַ משונהדיק בילד וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיך אין זײַן מטושטשער פאַנטאַזיע.

סטאַך האָט זיך אַ פאַרטויבטער אויפגעהויבן פון געלעגער. גענומען גיין פּאַמעלעך מיט פאַרזיכטיקע טריט, ווי ער וואָלט קיינעם נישט געוואָלט איבערוועקן. נישט אומקוקנדיק זיך, ווי ער וואָלט זיך געשראָקן פאַרן אייגענעם שאָטן, האָט ער זיך גענומען שאַרן בײַ דער וואַנט און איז געבליבן שטיין בײַ דער טיר פאַרקוקט אין דער געדיכטער קלעפּיקער פינצטערניש פון צונויפגעגאָסענעם הימל און ברייטע וואַסערן פון לאַ פּלאַטאַ.

אויפן ברעג איז געווען מיטנדאַכטיק שטיל. צו סטאַכס אויער האָט זיך דערטראָגן דאָס פּליעסקען פון די כוואַליעס וואָס האָבן זיך אַן אויפהער אַנגעשלאָגן אַן שטיינערנעם ברעג. דאָס גלײַכגילטיקע לבנה־פּנים האָט גענומען צוריק אַרויסקריכן, זיך באַפרײַען פון אונטער דער שוואַרצער כמאַרע אָפּער. זי האָט זיך איצט באַוויזן אַן אויסגעבלייכטע און אַראָפּגעקוקט אונטן גלײַך אויף אים, ווי זי וואָלט נאָכגעפאָלגט אַלץ וואָס ער גייט טון דאָ אַן איינזאַמער בײַם ברעג.

— ניין, איך קאָן נישט מער! — האָט סטאַך אַ פאַרקריץ געטון מיט די ציין — נישטאָ מער קיין כוח צום דאָזיקן אומזין!

ער האָט אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט בײַ זיך אין די קעשענעס, אַ שליידער געטון אין וואַסער אַרײַן. זײַנע בליקן זענען וואַנזיניק געלאָפן איבערן משא־הייבער וואָס שטייט הויך פאַרריסן מיט זײַן רעדלקאָפּ און קוקט אין דער ווײַט. פלינק ווי אַ קאַץ האָט ער זיך אַרויפגעדראַפּעט אין דער הייך און געבליבן זיצן אויפן שטאַנג וואָס פירט צום האַק.

ער האָט גענומען שווער אָטעמען, געכאַפּט אַ בליק אויפן שטומען ברעגלאָזן פינצטערן אָרום און מיט געשיקטער פלינקייט זיך צוגעשאַרט צום האַק. מיט

ציטערנדיקע הענט האָט ער צוגעבונדן די פּאַרוואָרפענע שטריק אויפן האַק און זיך פאַרלייגט די פּעטליע אויפן האַלדז. בליציק האָבן זיך דורכגעטראָגן פאַר־שידענע געדאַנקען וואָס זענען אויגנבליקלעך פאַרשווינדן, פאַרטראָגן געוואָרן מיטן לײַכטן ווינטל פון טײַך. מיט קאַלטע הענט האָט ער אָנגעכאַפּט דעם האַק, זיך געטון אַ צי מיט דער פאַרלייגטער פּעטליע אויפן האַלדז, און אָפּגעשפּרונגען אַ שפּאַן אין דער לופטן. אַ קאָנוואולסיווער ציטערדיקער קראַמף איז דורך זײַן קערפּער. ער איז געבליבן הענגען אַ רויקער, באַלויכטן פון אַ האַלבער לבנה וואָס האָט אַראָפּגעקוקט צווישן צוויי כמאַרעס וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין פאַרצי׳ען ווי צוויי פּוירהאַנגען.

* * *

אַ גרויסער עולם אַרבעטער פונעם פּאַרט און אַרבעטלאָזע וואָס גייען דאָ יעדן טאָג זוכן אַרבעט האָבן באַגינען געצויגן צום משא־הייבער ווו סטאַך איז געהאָנגען אַ געשטרעקטער מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג. יוזעק איז געשטאַ־נען אַ פאַרטרויערטער אין אַ זײַט און תמעוואַטע געקוקט אויף אַלעמען און קיינעם רעכט נישט געזען, ווי זײַן בליק וואָלט געווען פאַרצויגן מיט אַ נעפּל.

סטאַכס פּנים איז געווען באַגאָסן מיט געל־בלאָער בלייכקייט ווי דער פרי־מאָרגן־הימל איבערן פלאַטאַ־טייך וואָלט אויף אים אויסגעגאָסן זײַן שײַן. פרעמ־דע מענטשן מיט אומהיימלעכע פּנימער האָבן זיך געפּאָרעט אינעם שוואַרצן גע־זעמל און אַראָפּגענומען דעם געהאָנגענעם פונעם האַק. אין די טאַשן בײַ אים האָט מען גאָרנישט געפינען. דער פּאָליציי־באַאַמטער האָט הייזעריק אַ זאָג געטון:

— אַן אומבאַקאַנטער.

דער גראָער עולם, וואָס איז געשטאַנען אַרום, האָט זיך ענגער צונויפגע־גאָסן. פון אַלע זײַטן האָט מען געהערט זיפצן:

— ווער קאָן עס זײַן?

— אַפילו קיין בריוול נישט איבערגעלאָזט — האָט איינער מיט אַ זאַק אויף דער פּלייצע אַרײַנגעוואָרפן.

— דער איטאַליענער, — האָט זיך אַן אַנדערער אַרײַנגעמישט, — וואָס האָט זיך געשאָסן מיט פיר וואָכן צוריק, האָט כאָטש איבערגעלאָזט זײַנע דאָקו־מענטן. ער האָט זיי באַגלייט מיט אַן איינוואָרטיק בריוול:

„ברויט".

— און דער דאָס אויך נישט, — האָט אַ דריטער צוגעגעבן, — גאָרנישט. ווי ער וואָלט אין גאַנצן נישט געווען עקזיסטירט אויף דער וועלט... נאָמענלאָז.

— נו, נו, — האָט נאָך עמעצער צוגעוואָרפן, — דאַרפן אַלע איבערלאָזן בריוו? די וועלט ווייסט... מענטשן ווייסן... דאָס איז אין גאַנצן גענוג פאַר איי־נעם וואָס איז אומצופרידן מיט דער וועלט אַזוי ווי זי איז...

יוזעק איז אַלץ געשטאַנען אַ צעציטערטער פון ווײַטנס און געקוקט אויף יעדן איינעם ווי ער וואָלט געוואָלט דערקענען אין די טומלער די נעכטיקע פלייש־פּרעסערס אויף דער בויונג. ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. זײַנע ליפּן האָבן געפּליסטערט עפּעס וואָס ס׳איז צו קיינעם נישט דערגאַנגען.

אַ סך האָבן געקוקט צו יוזעקן, דערקענענדיק אין אים דעם מיט וועמען סטאַך האָט זיך אַרומגעפּירט אין פּאַרט, איבערן ברעג. אַן עלטערער פּאָרט־אַרבעטער מיט אַ ברוינצעאַקערט פּנים האָט יוזעקן אַנגענומען פאַרן אָרעם:

— האָסט געהערט וואָס מ׳האָט פאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל? אַן אומבאַקאַנטער!

יוזעק האָט זיך אײַנגעגעסן מיט זײַן בליק אין אַלטנס פּנים און אים שטיל געענטפערט, אָפּקערנדיק דעם קאָפּ אין אַ זײַט:

— ווער פון אונדז איז יאָ באַקאַנט? וואָס זאָגט אונדזערס אַ נאָמען וועמען פון אויבן, אין דער שטאָט?

דאָס ראַשיקע אָנקומען פונעם שפּיטאָל־קעטשל און דער גערודער אַרום האָט זיי געשטערט דאָס רעדן. יוזעק האָט זיך אײַנגעקוקט ווי דער שוואַרצער קאַטש איז געלאָפן איבערן פעלד. אַ פריטשמעליעטער און פאַרטויבטער איז ער געשטאַנען און נאָכגעקוקט פאַרטראַכט. אומהיימלעכע מחשבותן פון זײַן ערשטגעבוירענעם עלנט אויף גאָטס וועלט האָבן זיך דורכגעטראָגן אין זײַן מוח. מיטן זאַק אויף דער פּלייצע, ווי יעדן טאָג, איז ער געגאַנגען אין שטאָט אַרײַן. זיך אָפּגעשטעלט פאַר יעדער טיר און ווײַטער געקליבן פּאַפּירן פון די מיסטקעסטלעך און מיסטבלעכן, און ווי שטענדיק געהאָפט צו געפינען אַן אוצר אין מיסט, אַן אוצר וואָס מוז אַרײַנפאַלן אין זײַנע הענט.

אין זײַן דימיון איז אויפגעשוווּמען דאָס דאָרף, וווּ ער איז געבוירן געוואָרן און אויפגעוואַקסן בײַ סטאַכס זײַט — זײַן דערציִער, וואָס האָט אים מיטגענומען אין דער ברייטער וועלט אַרײַן. ער זעט פאַר זײַן בליק סטאַכס מאַמע, די פרוי און קינד סטאַכס, צעשמייכלטע, צופרידענע וואָס ער יוזעק פאָרט מיט מיט סטאַכן, ער זאָל נישט זײַן אַליין אין דער פרעמד, ביז ער וועט קאָנען אַריבערנעמען דאָס ווײַב און קינד. סטאַכס פּנים האָט איצט געשמייכלט מיט יענעם שמייכל, ווען ער פלעגט יוזעקן דערמאָנען אַז ער האָט אים געטראָגן אויף זײַנע הענט. אין זײַן געדאַנק האָט זיך אַרײַנגעגנבעט אַ פאַראיבל אויף סטאַכן מיט אַ באַדויער צוזאַמען:

— זיך געאײַלט צו שטאַרבן. ער האָט מורא געהאַט אַז ער וועט עס פאַרשפּעטיקן. דאָס באַווײַזט מען שטענדיק! אַזאַ שוטה איינער, דער סטאַך! נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן אַזוי ווי איך. צי האָט ער טאַקע נישט געגלייבט אַז די וועלט מוז שענער ווערן און אַז זי וועט טאַקע נאָך אַמאָל זײַן אַ שיינע

וואָס ס׳וועט ווערט זײַן צו לעבן אויף דער וועלט. ס׳קאָן דאָך נישט זײַן אַז ס׳זאָל נישט קומען די נײַע צײַט... זי מוז קומען פּונקט ווי דער טאָג מוז קומען נאָך דער נאַכט, ווי דער זונאויפגאַנג נאָכן פאַרגאַנג.

אַ היץ האָט צעוואַרעמט זײַן קערפּער. די געדאַנקען האָבן אים געשטאַרקט און צוגעגעבן קוראַזש. ער האָט געטריבן פון זיך דעם שוואַרצן פײַנלעכן פלעק פונעם שפּיטאָל־קעטשל וואָס האָט סטאַכן אַוועקגעכאַפּט פון ברעג. דער געהאָנ־גענער סטאַך האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון אים און געקראָכן מיט די צוויי־שטאַרע פיס אין די אויגן אַרײַן. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און פלינקער גענומען דורכוואַרפן דאָס מיסט און אַרויסקלײַבן די שטיקער פּאַפּירן. ס׳איז אָבער געווען אומזיסט. סטאַך איז ווידער אויפגעשוומען פאַר אים. ער האָט אים קלאָר און שאַרף געזען זיך וויגן אויפן הויכן משא־הייבער, און זײַן פּנים האָט זיך פאַרצויגן אין אַ גרימאַסע.

פאַרטאָג, ווען יוזעק איז געזעסן אין קאָפּע בײַם טישל מיטן שוואַרצן קאַ־וועלע, האָט ער געלייענט אין די פרימאָרגן־צײַטונגען אַ קליינע נאָטיץ, וואָס איז אים מיט די שוואַרצע אותיות געשפּרונגען און אַוועקגעטאַנצט פאַר די אויגן און אַרײַנגענומען אין טאַנץ דאָס טישל, די קאָפּע, מיטן קעלנער בײַם בופעט, אַלץ האָט מיטגעשווינדלט פאַר זײַן אויג בײַם איבערלייענען די קאַרגע שורהלעך וועגן זײַן איינציקן נאָענטן מענטש:

„אויף איינעם פון די משא־הייבערס בײַם נײַעם פּאָרט האָט מען פאַרטאָגס געטראָפן הענגען אַן אומבאַקאַנטן וואָס איז נישט געוואָרן אידענטיפיצירט. ווער ס׳ווייסט וועגן איינעם, וואָס האָט זיך פאַריקע נאַכט נישט צוריקגעקערט אַהיים, זאָל זיך ווענדן נאָך אינפאָרמאַציעס צו דער פּאָליציי״.

יוזעק האָט גענומען דעם זאַק אונטערן אָרעם און זיך געלאָזט גיין צו זײַן אַרבעט — קלײַבן פּאַפּיר פון די מיסטקעסטלעך אין גאַס.

# ווי איז יושר?

אַ פּאָר באָרוועסע פּיס פּאַטשן שנעל איבערן צימער. פּאַרהויבענע הענט ציִען אַרויף די פּערסיאַנעס־ראָלעטן וואָס זענען געווען אַראָפּגעלאָזט איבער די פּענצטער אויף איבער נאַכט. אַ פּאָר פּאַרשלאָסענע האַלב־אויפגעמאַכטע אויגן, פּאַרריסענע צום הימל, ווילן זען סאַראַ וועטער ס׳איז אין דרויסן, צי דער הימל איז לויטער?

יאַנקל מוליער, וואָס איז נישט לאַנג, קוים עטלעכע יאָר, אין אַרגענטינע, וואָלט געוואָלט, אַז דער הימל זאָל אַזוי וואָס לענגער אָנהאַלטן די שיינע זוניקע טעג, כאָטש אַ גאַנץ קײַלעכיק יאָר זאָל זײַן אַזוי שיין. וואָרן אויב ער פּאַרוואָלקנט זיך און ס׳גיט זיך אַ לאָז אַראָפּ אַ רעגן איז שוין דער טאָג אַ פּאַרלוירענער, אַ פּאַרשפּילטער בײַ זײַן פּאַך.

אַ סך, אַ סך אַזעלכע טעג פּאַרלירט יאַנקל איבערן יאָר. ער ציט אויף זיך אַרויף די שטײַפע הויזן וואָס זענען באַשפּריצט און באַשפּרענקלט מיט פּאַרשידענע פּאַרבן פון דער מוליאַרקע. אויך דאָס אַרבעט־רעקל, וואָס ער כאַפּט אויף זיך אַרויף, זעט אַזוי אויס. ער גיט אַ נעם אונטערן אָרעם דאָס פּעקעלע עסן, וואָס זײַן ווײַב חנה גרייט אים צו נאָך פּאַרטאָגס איידער ער הייבט זיך אויף. און שוין לאָזט ער זיך לויפן איבער די שטיגן.

יאַנקל פּירט זיך אַנדערש ווי זײַנע שכנים וואָס וואַרפן צו אַ קוש דעם ווײַב

פאַרן אָוועקגיין פון שטוב. ער געזעגנט זיך מיטן ווײַב אַ ביסל אַנדערש ווי אַלע. ער לייגט אַרויף זײַן האַנט אויף אירע שמאָלע פּלייצעס, קוקט זיך אײַן אין אירע שוואַרצע אויגן, זאָגט אַ ווייכן „טשאַו!" און לאָזט זיך גיין מיט פּאַמעלעכע טריט צו דער טיר. ערשט אַז ער קומט שוין אַרויס אויף יענער זײַט טיר גיט ער זיך מיט גרויס אײַלעניש אַ לאָז אַראָפּ פון גאַנצן שטאָק שטיגן מיט איין צוג, גלײַך ווי ס'הויז וואָלט געהאַלטן בײַ אײַנפאַלן.

חנהלע גייט צו צום פענצטער, קוקט אַרויס און באַגלייט אים מיט די בליקן ביז ער פאַרשווינדט אין דער אַנדערער גאַס.

דער טראַמוויי אײַלט אַ צוויגטער, פאַרהאַלט זיך אַ רגע אויף די סטאַציעס און נעמט ווײַטער יאָגן און איבערטראָגן מענטשן צו די אַרבעטפּונקטן. יאַנקל כאַפּט אַ בליק אין דער צעעפנטער צײַטונג פון זײַן שכן אין וואַגאָן. ער זעט האַרמאַטן־לופעס, פאַרריסענע אויף אַרויף, צילן ערגעץ מיט זייער לאַדונג. גרויפּעס זעלנער פאַרען זיך אַרום די מחבלישע גולמס. פון דער ווײַטן איז אים שווער צו כאַפּן אַ וואָרט פון דער אונטערשריפט אונטערן בילד צו וויסן ווער צו ווען ס'צילט. דעם קאָפּ בלויז מיט דער פעטער שריפט באַווײַזט ער איבערצולייענען. ס'נעמט אים האַמערן אין מוח. ס'גייען אויף פאַר אים גרויליקע טעג איבערגעלעבטע אונטערן פײַערדיקן דונערן פון אַזעלכע האַרמאַטן. ער איז געווען אַזוי פאַרטראַכט אַז ער איז שיִער נישט פאַרבײַגעפאָרן די סטאַציע וווּ ער דאַרף אַראָפּגיין.

די בויונג גייט אָן מיטן אײַליקסטן טעמפּ. די גוטמאָרגנס טראָגן זיך צו אים פון אַלע זײַטן. די עטלעכע הונדערט מענטשן, וואָס אַרבעטן בײַ דער בויונג, ווערן פאַרשלונגען אין דער זעקסשטאָקיקער געבײַדע, ס'זעט אויס ווי ס'וואָלטן דאָ געאַרבעט נישט מער ווי עטלעכע צענדליגג. ראַשיק צעקלינגט זיך דער גלאָק וואָס צעשיט זײַנע קלאַנגען־ליאַרמען אין יעדן ווינקעלע פון אויבן ביז אונטן אין די קעלערן. באַלד נעמען אויפקלינגען האַמערס. ס'צעלאָזן זיך מיט גערויש די מאָטאָרן. ס'ווימלט ווי אין אַ בינשטאָק.

— היי! — שרײַט ווער פון דריטן שטאָק — צעמענט דערלאַנגט!

— ציט אַרויף די קובלעס! גיכער! לאָזט נאָך די שטריק!

פולע קובלעס ציִען זיך אויף אַרויף. ליידיקע פליִען אויף אַראָפּ. די קאַפּאַטאַסן־אויפזעער שרײַען אויף די העכסטע קולות ביז הייזעריק ווערן:
— וואַמאָס! וואַמאָס! גיכער! מיט אימפּעט!

העגט ציִען זיך צו העגט. איינער דערלאַנגט דעם צווייטן. קערפּערס צעוויגן זיך אַהין־אַהער. די קאָנסטרוקטאָרן רעדן זיך איבער מיט די אויפזעער, שרײַען מיט רויטפאַרגאָסענע פּנימער.

— נישט קוקן אויף גאָרנישט! נאָר יאָגן און יאָגן! די געבײַדע מוז זײַן פאַרטיק צום טערמין!...

יאַנקל שטייט מיט נאָך עטלעכע מאַן אויף צוויי לאַנגע ברעטער, אָנגעהאָנגענע אויף גראָבע געדרייטע שטריק, און פאַרבט דעם קאַרניז. דאָס פּנים איז בײַ אים פול מיט שפּריצן פון פאַרב. אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ פּאַפּירן מיצל. די הענט זײַנע בעטן זיך מיט ווייטיק:

— לאָזט אונדז אַ ביסל אָפּרוען...

די זײַטיקע אויגן אָבער פון קאַפּאַטאָס־אויפזעער גיבן אַכטיק, היטן און מאַכן באַלד אַ געשריי:

— וואַמאָס! היי, אין דער הייך!

דאָס מיינט מען אים, אויבן. זײַנע הענט מוזן זיך אײַליקער באַוועגן... יאָגן, פירן מיטן פּענדזל פאַרדריקט אין דער פאַרריסענער האַנט אין דער הייך. ער קאָן זיך קוים דערוואַרטן אויפן מיטאָג־גלעקל וואָס קומט צו אים ווי זײַן דער־לייזער.

ווען אַלע צעלויפן זיך עסן מיטאָג זעצט זיך יאַנקל אויף אַ קעסטל. אַ צווייטס מאַכט ער פאַר אַ טישל. פּאַקט אויף דאָס פּעקעלע עסן, בײַסט זיך אײַן מיט אַפּעטיט אינעם סאַנדוויטש, וואָס ס'ווײַב האָט אים מיטגעגעבן, און טראַכט דערבײַ איבער ווען זײַן מיטאָג־עסן אין דער היים, וואָס ווערט געגרייט מיט פאַרנעמלעכקייט ווי אַ יום־טובדיקע סעודה, כאָטש אָן די יום־טובדיקע מאכלים.

זי איז טאַקע אַ בריה זײַן חנהלע. ס'טוט אים ווי! וואָס זי מוז זײַן אַזוי אויסגערעכנט אויפן גראָשן. וואָרן וואָס, מישטיינס געזאָגט, קאָן זי זיך בײַ אים פאַרגינען? וואָס גיט ער איר אַזוינס אַז ס'זאָל איר נישט צופעלן אַ טאָג צו דער וואָך? אָט האָט אים מיט עטלעכע וואָכן צוריק ס'קינד אָפּגעקאָסט אַ שיינע מטבע. און שוין ווערט אַ לאָך אין זײַן מאָגערן בודזשעט. ער צעדריוולט דאָס שטיקל פליייש פונקט אַזוי ווי די געדאַנקען. זי דאַרט עסט אויך נישט קיין איבעריקס. זי גנבעט נאָך אַוועק דעם אייגענעם ביסן פון מויל און גיט עס אים מיט צו דער אַרבעט.

די צעגליטע נאָכמיטאָג־זון ברענט דעם קאַרק, דאָס פּנים מיט די הענט. דער גאַנצער קערפּער באָדט זיך אין שוויס:

— אַ ביטערע אַרבעט דאָס שטיין אויף דער רישטאַוואַניע אין אַזאַ הייסן טאָג ווי הײַנט — קלאָגט זיך יאַנקל אויף זײַן גורל אין די נײַע באַדינגונגען אין נײַעם לאַנד.

— זייער ביטער, חבר! — ענטפערן אים די בוי־אַרבעטער פון דערלעבנ־דיקן אָפּשניט — מיט יעדער צרה דאַרף מען זיך צוגעוווינען, הערט זי אויף צו זײַן אַ צרה און ווערט אַ געוווינשאַפט און קעגן אַ געוווינשאַפט קאָן מען גאָרנישט מאַכן...

* * *

אינעם לאַנגן הויף זיצן פאַר זײערע שטיבער די מענער װאָס זענען נאָר װאָס געקומען צוריק פון דער אַרבעט. די פרויען דערלאַנגען זײ דאָס מאַטע־געטראַנק מיט צובײַסעכץ און מע רעדט צװישן זיך װעגן פאַרשידענע זאַכן אַזױ װי מענער נאָך דער אַרבעט. יאַנקל דאַרף שוין אויך באַלד קומען צוריק. װי יעדן טאָג אין דער צײַט קומט דאָס קינד צו דער טיר און רופט אומגעדולדיק דעם פּאַפּיטאָ. װען די טיר גיט זיך אַ מאַך אויף און יאַנקל באַװײַזט זיך אין שטוב פילט חנהלע װי אַ ציטער װאָלט איר דורכגעלאָפן איבער איר גוף. זי שװידערט אַזש אויף אַ פאַררויטלטע, װי זי װאָלט זיך אין גאַנצן פאַרלוירן און װייסט נישט װאָס צו טון מיט זיך.

נישט װײַל זי האָט אים חלילה פײַנט, איר מאַן. נאָר דער הולך זײַנער און ער אַליין. דאָס באַשפּרענקלטע פּנים, פול מיט פאַרב, איז בײַ אים רויט װי בײַ אַ שיכור און עפּעס װי אײַנגעשרומפּן, װי ס׳װאָלט קלענער געװאָרן. די ליפּן פאַרטונקלט, װײַס. און די הענט הענגען בײַ אים אַרונטער װי צװיי געקוילעטע גענדז.

דאָס איז בלויז אין ערשטן מאָמענט. זי דערשרעקט זיך אַזש פאַר אים, פאַר זײַן נעבעכדיקן אויסזען. באַלד װאַקסט זי אויס לעבן אים, טראָגט אים אַנטקעגן דאָס האַנטעך, די פּיזשאַמע־הויזן, ער זאָל אַרײַנגײן אין דער באַניע זיך נעמען אַ טוש. דער גאַנצער הויף הערט אַזש די תענוג־קרעכצן פון יאַנקלען בײַם אויפפרישן זיך אונטערן שטראָם קאַלטן װאַסער פונעם פרישניץ װאָס ער לאָזט אויף זיך גיסן סטרוגעסװײַז.

שפּעטער אַ ביסל זיצט ער אין דרויסן פאַר דער שװעל מיט זײַן טעכטערל אויף די קני און רעדט מיט זײַנע שנײַדערישע שכנים װעגן זײער שנײַדערײַ און זײַן אַרט אַרבעט. ער איז זײ מקנא װאָס זײ אַרבעטן אין שטיבער, אונטער אַ דאַך, אין שאָטן און פאַרשפּאָרן אָפּגעברענט צו װערן פון דער זון װי ער װאָס פאַרלירט די כּוחות בײַ גאָרנישט. ער קומט פון דער אַרבעט אַ טויטער, אין גאַנצן דערשעפּט, ביז אַ לעצט.

די װײַבער פון הויף זענען אַלע צוזאַמען אַװעק אין „אַלמאַסען״ [1] אײַנ־קויפן אויפן אַנדערן טאָג. קלייניקייטן, װאָס מע קאָן זיך אָבער נישט באַגייז אָן זײ אין אַ באַלעבאַטישקייט, אַ שטיקל שװייצערקעז, מאַרמעלאַדע, אַ פּעקל גע־טרוקנטע לאָקשן, אַ פּעקעלע פּוטער, אַלץ װאָס מע דאַרף אין שטוב אַרײַן.

די מענער צערעדן זיך װעגן זײערע היימשטעטלעך װאָס זענען אָפּגעװישט געװאָרן דורך די נאַצישע בעסטיעס, מע דערמאָנט נעמען פון אָנגעזעענע באַ־

---

1 שפּײַזגעװעלבל

לעבאַטים וואָס זענען געגאַנגען אויף קידוש־השם, און יינגלעך־פּאַרטיזאַנער, העלדישע קעמפער אין די וועלדער. און אַז מ׳האָט זיך שוין צעשמועסט האָט מען שוין אויך גערעדט וועגן די נאַציִשע באַנדיטן, גענעראַלן און עסעס־פירער וואָס זענען אַרײַנגעקומען אומלעגאַל אין לאַנד אַרײַן און קיינער טוט גאָרנישט צו כאַפּן אויף דער וועגדקע די מילחמה־פאַרברעכער וואָס דרייען זיך דאָ אַרום פּראַנק און פרײַ ווי בײַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן. ס׳איז דאָך אַן אומדערהערטע זאַך! מע זאָל לאָזן מערדער אַרומגיין אומבאַשטראָפט! טויזנטער יידישע און נישט־יידישע קרבנות האָבן זיי אויף זייער געוויסן און די גערעכטיקייט שווײַגט און מאַכט זיך נישט וויסן. איז טאַקע לת־דין ולת־דיין!

די ווײַבער קומען צולויפן מיט אַ טומל:

— זעט וואָס זיי האָבן געמאַכט פונעם ברויט? — אײַנגעשרומפּן געוואָרן, כמעט אַ העלפט איז געוואָרן דערפון. ווי אומפאַרשעמט גייט אָן די אָפענע גנבה! האַנס גאַלקע, דער בעקער און „אַלמאַסענעראָ״ י, טענהט אַז מעל איז געוואָרן טײַערער ווײַל פון יעדן זעקל מעל גיבן זיי אַראָפּ אַ פּראָצענט פאַר דער אוויאַציע... נו, און אַז די בעקער צאָלן טײַערער ס׳מעל מאַכן זיי קלענער ס׳ברויט...

יאַנקל האָט געקוקט אויף זײַן חנהלען וואָס האָט געהאַלטן דאָס ברייטל אין דער האַנט ווי זי זאָל נישט וויסן וואָס דערמיט צו טון, פון וואָס וועט זי דאָ האָבן צו טיילן? ס׳האָט אים אַליין אויך אַ ברי געטון. אַנשטאָט איין ברויט וואָס זי פלעגט שוין אויסקאַמבינירן ס׳זאָל זײַן אויסצוקומען איבערן טאָג, וועט זי איצט מוזן נעמען אנדערטהאַלבן.

— אַהאַ! — האָט יאַנקל גערעדט מיט פאַרביטערונג צו זײַנע שכנים שנײַ־דערס — זיי גיבן פאַר דער אוויאַציע זענען זיי דאָך די פּאַטריאָטן, הייסע פּאַט־ריאָטן. זיי זאָגן אָן די אָנגעשטעלטע זייערע, די בעקעריונגען, זיי זאָלן זיך חלילה נישט טועה זײַן און אַראָפּרעכענען וויפל ס׳קומט פאַר די פינף טויזנט אוויאָטאָרן וואָס זענען אונדזער נאַציאָנאַלער שטאָלץ. איר פאַרשטייט וואָס דאָ קומט פאַר? די בעקערס זענען די גרויסע געבערס אויף אונדזער חשבון. זיי גיבן אונדזערס, נעמען אַראָפּ פון אונדזער ברויט, אַנשטאָט אַ ברויט, גיבן זיי אונדז אַ ברייטעלע און זיי זענען די פּאַטריאָטן! זיי גיבן אַראָפּ כך־וכך!

יאַנקל האָט אַרויסגענומען דאָס ברייטל פון ווײַבס האַנט און עס פאַרהויבן אין דער הייך אַז אַלע זאָלן זעען ווי פאַרשמעלערט און פאַרקירצט מ׳האָט עס:

— פאַרוואָס זאָלן מיר לאָזן רײַסן שטיקער פון אונדזער ברויט? קומט אַלע מיט מיר צום בעקער! זאָל ער דערלייגן! אַ צולאָג זאָל ער געבן צו יעדנס ברויט!

[1] קרעמער

מיר טאָרן אים נישט שווײַגן אַזאַ זאַך! זיי, אַז זיי ווילן — זאָלן זיי געבן אויף זייער חשבון און נישט אויף אונדזער קאָנטע!...

אַ שמייכל, וואָס שנײַדט זיך מיט איראָניע אַרום זײַנע מוילווינקלען, צע־קרימט זײַנע ליפּן און לייגט זיך חוזקדיק־ביטער אַרום זײַן מויל:

— קומט אַלע מיט מיר צו דעם האַנס גאַלקע, דעם שווינדלערישן בעקער! מיר ווערן זיך נישט לאָזן פון אים! געהערט עפּעס! זיי צאָלן! זיי זענען די גוטע! די געבערס! און אונדז ווערן זיי אַוועקנעמען דעם ביסן פון מויל!

יאַנקל האָט גענומען דאָס טעכטערל פאַר דער האַנט און דאָס אײַנגעשרומ־פּענע ברייטל געהאַלטן פאַרהויבן אין דער אַנדערער און זיך געלאָזט גיין צום בעקער באַגלייט פון אַלע שכנים פון הויף. אויך פון אַנדערע הייף איז מען אַרויסגעקומען מיט די ברויטלעך אין די הענט און זיך געלאָזט צום בעקער מיט געשרייען:

— מיר לײַדן און איר זענט די פּאַטריאָטן? פון אונדז וועט איר נעמען און איר וועט הייסן די געבערס! און וווּ איז יושר, האַ? סעניאָר האַנס גאַלקע, וווּ איז יושר?!

# ה ע נ ט . . .

איבער די שמאָלע געסלעך פון אַסטראָווצע איז מיט איין מאָל גע־וואָרן אַ געלייף. אַלץ האָט געצויגן צו פּעסעלעס שטוב.

— וואָס איז געשען? — האָבן מענטשן געפרעגט.

אַ סך האָבן געהויבן די פּלייצעס און ווײַטער געלאָפן. נישט־קריגנדיק קיין ענטפער האָבן די פרעגערס אויך גענומען לויפן. אַנדערע האָבן געזען אַז אַלע לויפן זענען זיי אויך געלאָפן. מיסתמא איז דאָך געשען עפּעס וויכטיקס אַז ס'איז אַזאַ געלויפערײַ. לויפט מען שוין אויך און מ'הערט נישט אויף צו פרעגן אין מיטן לויפן:

— זאָגט מיר, כ'בעט אײַך, וואָס לויפט מען אַזוי?

— איך ווייס? כ'זע מע לויפט לויף איך אויך.

— ווײַבל, ווײַבל! אפשר ווייסט איר וואָס מע לויפט?

— וואָס מע לויפט ווילט איר וויסן? מלך דער סטאָליער איז געקומען צו פאָרן פון אַרגענטינע.

קעפּ האָבן זיך אַרײַנגעפּאַקט אין דער אָפענער טיר. בײַם פענצטער זענען געשטאַנען ווײַבער, מיידלעך און יינגלעך. די אַלע נײַגעריקע האָבן נישט אַראָפּ־גענומען קיין אויג פונעם גאַסט וואָס איז געקומען פון אויסלאַנד, פון עק וועלט.

מלך דער סטאָליער איז געזעסן אין בלויזן קאָפּ, פאַרקעמט מיט אַ שרונט בײַ דער זײַט. ער האָט געטראָגן אויף זיך עפּעס אַזאַ דורכזיכטיק העמדל מיט קורצע אַרבל ווי ס'וואָלט געווען פון ביבולע־פּאַפּיר. אויף אַלץ, וואָס מ'האָט אים געפרעגט, האָט ער געהאַלטן אין איין ענטפערן:

— סי סעניאָר!...

פון צײַט צו צײַט האָבן זיך בײַ אים אַרויסגעכאַפּט אַ פּאָר שפּאַנישע ווער־טער וואָס ער האָט זיי אונטערגעברומט אונטער דער נאָז. אין צווישן די רייד האָט ער אַ ביסל הייזעריקלעך אַ געשריי געטון אויפן הויכן קול:

— קאַמאַ־נאָ!

קיינער האָט נישט געוווסט דעם טײַטש פונעם וואָרט און נישט געוואַגט אים צו פרעגן. מ'האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס וויל זאָגן „נאָך ווי!” „אַוודאי!” „פאַרוואָס נישט!”.

ס'איז געווען אין סאַמע מיט זומער. די תמוזדיקע היץ האָט זיך געלאָזט שטאַרק פילן. מלך האָט אָנגעקוואָלן וואָס אין אַזאַ ברענענדיקער היץ זענען אַזוי פיל מענטשן געקומען אים אָנקוקן, זעען ווי ער זעט אויס און הערן וואָס ער האָט צו דערציילן פון יענעם ווײַטן לאַנד. זיי כאַפּן אויף יעדער וואָרט, ווי ס'וואָלט טאַקע געווען אַ רענדל אַ וואָרט, מיט גאָלד צוגלײַך דאָס אַלץ וואָס ער רעדט...

פּעסעלע זײַן ווײַב, וואָס אַלע האָבן געזאָגט אַז זי וועט שוין פֿאַרבלײַבן אַ וויסטע עגונה, האָט אָנגעקוואָלן פון איר מאַן. מיט די פרעמדע ווערטער זײַנע איז ער געוואַקסן אין אירע אויגן מיט צען קעפּ העכער. אַ קלייניקייט, איר מלך רעדט און קיינער פאַרשטייט נישט קיין וואָרט פון דער פרעמדער שפּראַך זײַנער, נאָר ער אַליין. נו, ווי איז דאָ נאָך איינער דאָ אין שטעטל וואָס זאָל קאָנען רעדן אויף דער דאָזיקער משונהדיקער שפּראַך. זי האָט זיך אַלע ווײַלע גלײַך געמאַכט דאָס שייטל וואָס איז איר ווי אַנטלאָפן פונעם קאָפּ. געהאַלטן אין איין דאַנקען יעדן איינעם, וואָס איז געקומען אָפּגעבן אַ שלום־עליכם, מיט אַ „לויב אײַך אײַער גאָסט“.

אַלע אין שטוב — די ברידער, שוועסטערס, שוואָגערס און שוועגערינס — האָבן זיך געפּאָרעט אַרום די וואַליזעס זײַנע מיט די זאַכן וואָס זענען נאָר צו זעען אין די אויסלאַנדס. לכבוד דעם גאַסט האָט מען צוגעגרייט דעם גרויסן לאָמפּ מיטן בײַכיקן גלעזל וואָס מ'האָט שוין שיינע יאָרן נישט געניצט.

אַלץ דאָ אַרום דעם גאַסט האָט געוויזן אויף געטרײַשאַפט וואָס די ווײַט־קייט און די צײַט האָבן נישט באַוויזן אויסצווועפּן.

בײַ דער זײַט זענען געשטאַנען זײַנע צוויי מיידעלעך. שעמעוודיקע און ווי פרעמדע האָבן זיי געקוקט אויפן גאַסט וואָס איז זייער טאַטע. ווען מלך איז אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע זענען זיי נאָך געווען פּיצלעך קינדער. די גרעסערע שיפרהלע איז דעמאָלט געווען אַ קינד פון דרײַ יאָר און גיטעלע קוים אַ יאָר. איצט זעט ער פאַר זיך דערוואַקסענע קינדער, גאַנצע מענטשן.

מלך אַליין האָט זיך עפּעס געפילט ווי ער וואָלט נישט געווען בײַ זיך אין דער היים. די גאַנצע שטוב איז אים אויסגעקומען מאָדנע. אינעם רעש און טומל האָט ער אַפילו זײַן ווײַב נאָך רעכט נישט אָנגעקוקט. זעקס יאָר בײַטן זאַכן, אָפּט מאָל ביז נישט צו דערקענען.

פּעסעלע איז אַרײַנגעקומען פון קיך אַ פאַרפאָרעטע:

— וועסט עפּעס עסן, מלך? — איז זי צוגעגאַנגען צו אים זיך ווישנדיק די הענט אין פאַרטעך — ביז ס'מיטאָג וועט זײַן פאַרטיק קאָנסטו דערווײַל עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן.

— ניין, פּעסעלע, — האָט מלך זי אָנגענומען פאַר דער האַנט, — כ'בין נישט הונגעריק... כ'וויס, אַ מאַטע וואָלט איך געטרונקען...

— אַ וואָס? — האָבן אַלע געשטוינט פונעם מאָדנעם נאָמען וואָס ער האָט אָנגערופן.

— איר ווייסט נישט וואָס ס'איז אַ מאַטע? אָט וועט איר זען וואָס ס'איז אַזוינס.

מלך האָט אַרויסגענומען פונעם קליינעם האַנט־וואַליזקעלע אַ באָמביזשע־

רערל מיט אַ הילצערן מאַטע־טעפּעלע, אַרײַנגעטון דערין אַ ביסל זשערבע, גע־גאָסן צו ביסלעך דאָס קאָכעדיקע וואַסער, וואָס ער האָט געבעטן פון קיך, און געצויגן די מאַטע דורכן רערל.

אַלע האָבן די גאַנצע צײַט געקוקט פאַרגאַפט ווי מלך גרייט צו און טרינקט דאָס מאַטע־געטראַנק און געהויבן מיט די פּלייצעס:

— האַ, וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָבן זיך אויגן איבערגעקוקט — מיט וואָס עסט מען עס?

— קוקט נישט אַזוי, — האָט מלך געשמייכלט, — ס'אַ געזונט געטראַנק. אמת, ס'איז ביטער ווי גאַל, נאָר אַז מע געוויינט זיך צו דערצו קאָן מען זיך שוין מער נישט באַגיין אָן דעם.

נאָכן אָפּפרייען זיך מיט אַלע שטוביקע און היימישע האָט זיך מלך איבער־געטון אין אַ זײַדענער פּידזשאַמע מיט פאַרביקע שטרייפן מיט געלע און רויטע פייגל אין דער לופטן וואָס מע זעט עס דאָ צום ערשטן מאָל אַזאַ אויסטערליש־שיינעם שטאָף. אין שטוב זענען איצט געזעסן די שיינע באַלעבאַטים פון שטאָט. פעסעלע האָט אַרײַנגעבראַכט כיבוד און גלײַך צוריק אַרײַן אין קיך צוגרייטן דאָס מיטאָג.

מלך האָט זיך גענומען אויספרעגן וועגן לעבן אין שטעטל און די יידן האָבן אים דערציילט אַלץ וואָס ס'איז זיי געלעגן אויף זייער שווער געמיט. ס'האָט אים פאַרקלעמט בײַם האַרץ ווען ער האָט געזען ווי די שטעטלשע שיינע יידן האָבן געשטוינט אויף אים, אויף זײַן אומגעריכטן קומען צוריק אַ היים, ס'איז נישט צו פאַרשטיין ווי אַזוי אַ מענטש אַ בר־דעת זאָל גיין און אָפּטון אַזאַ אומבאַ־רעכנטע זאַך, ווי גיין צום וואָלף אין אָפענעם פּיסק אַרײַן. ס'איז דאָך איצט דאָ אין פּוילן אַן אויסזיכטלאָזע לאַגע פאַרן ביסל יידן וואָס מוטשען זיך ווי איינער פאַרן טויט, נישטאָ געדאַכט!...

ער איז זיך פאַר זיי מודה, מלך, אַז ער האָט זיך גאַרנישט פאַרגעשטעלט אַז ס'זאָל זיך דאָ די יידן לעבן אַזוי שלעכט; אַז מע זאָל זײַן אין איין שרעק פאַרן מאָרגנדיקן טאָג.

— בריוו האָבן מיר טאַקע נישט געשריבן צו קיינעם אין יענע מקומות דאָרט, אינעם ווײַטן אַרגענטינע, — האָבן די יידן זיך געפרוווט ווי פאַרענטפערן,
— פשוט דערפאַר ווײַל פון דאָרט האָט מען צו אונדז זעלטן געשריבן. די אַר־גענטינער יידן, זעט אויס, זענען שטענדיק באַשעפטיקט און האָבן נישט קיין צײַט אָנצושרײַבן אַ פּאָר ווערטער צו אַ גוטן פרײַנד. אָבער די צײַטונגען האָבן דאָך געשריבן ווי די לאַגע זעט אויס. צי האָסטו גאַרנישט געלייענט וועגן דעם אַלעם וואָס קומט דאָ פאָר?

— מיר האָבן געלייענט די בלעטער און אויך געלייענט אַ טייל בריוו וואָס

זענען דאָרט אָנגעקומען פון לאַנדסלײַט מיט דער בקשה מע זאָל זיי ראַטעווען און אַרויסנעמען אַהין. נאָר איר ווייסט נישט? פון דער ווײַטנס שטעלט מען זיך פאָר די זאַכן אין גאַנצן אַנדערש. יעדער איינער האָט געטראַכט בײַ זיך אַז מע טרײַבט איבער; ס'איז נאָך נישט אַזוי געפערלעך. ערשט איצט, אַז כ'בין דאָ אויפן אָרט, זע איך די בראָך. ווער האָט זיך געזאָלט ריכטן אַז ס'איז טאַקע אַזוי שלעכט מיט ייִדן דאָ אויף דער פאַרשאָלטענער ערד.

אַ טיפער קרעכץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון מלכס ברוסט נאָכן אויסהערן וועגן די שיקאַנעס, נגישות און רדיפות, וואָס ייִדן האָבן אויסצושטיין פון אַלע זײַטן, אַז ס'איז שוין נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען, אַזוי פאַרפּאַסקודעט איז דאָ די לופט, און וואָס מער ייִדן ווילן זיך אַרויסקריגן פון דאַנען אַלץ געזונטער וועט זײַן פאַר זיי. ייִדן וואָלטן איצט געלאָפן ווו די אויגן וואָלטן זיי געוועוען געטראָגן. נעמט ער גאָר און קומט צוריק. דאָס וועט דאָך אַלעמען אָפּשרעקן. מע וועט דאָך איצט מורא האָבן זיך צו רירן פון אָרט. צי גיט ער זיך כאָטש אָפּ אַ חשבון דערפון וואָס ער האָט אָפּגעטון מיט זײַן צוריקקומען אַהער ווו מע געפינט זיך ווי אויף אַ ווולקאַן?

די גאַנצע צײַט, וואָס די ייִדן האָבן גערעדט, איז מלך געזעסן מיט צוגע־שלאָסענע אויגן. מיטן געדאַנק האָט ער זיך געגעבן אַ טראָג צוריק קיין אַרגענ־טינע, צוריק פון וואַנען ער איז געקומען. ער האָט געזען פאַר זיך די ברייטע גאַסן מיט די שיטערלעכע, נידעריק־צעשטעלטע שטיבלעך; די פּראָוויזאָריש־צו־נויפגעקלאַפּטע וואַרשטאַטן באַשלאָגענע מיט געקאָרבטע בלעכענע דעכער, ווו ס'איז נישט מעגלעך אויסצוהאַלטן פון היץ. אָט זעט ער זיך אין סטאָליער־וואַר־שטאַט ווו ער האָט געאַרבעט; די לויפיקע טראַנסמיסיע־פּאַסן איבער די רעדער, אָפענע, נאַקעטע, נישט געשיצטע; איין אומפּאַרזיכטיקן באַוועג קאָנען זיי אַרײַנ־כאַפּן און אָפּרײַסן אַ האַנט; אַ שווינדלדיק געלייף און געיעג; דאָס האַלץ שרײַט אונטער דער זעג. ער שטייט געבויגן איבער דער באַנק מיטן הובל אין האַנט; ס'גיסט זיך פון אים דער שוויס איבערן קאָפּ, פּנים, קאַרק, פּלייצע; די לופט איז אָנגעגליט ווי אין אַ שוויצבאָד אויף דער אייבערשטער באַנק... נישט אויס־צוהאַלטן.

האָט זיך אַ מענטש אָן עלנטן פאַרבענקט צוריק צו זײַן היים, צו ווײַב און קינדער וואָס זענען דאָרט געבליבן וואַרטן... אָדער ער זאָל זיי אַריבערברענגען אַהין, אָדער ער זאָל קומען צוריק. ברענגען זיי אין לאַנד אַרײַן האָט ער נישט געהאַט קיין מיטלען. נישט געוועזן פון וואָס צו שפּאָרן. האָט ער געלאָזן די גרוי־סע גליקן און געקומען צוריק. און הלמאַי זאָל ער ליגן זאָגן? ס'האָט דאָרט אין דער פרעמד טאַקע גערייצט די פאַנטאַזיע דער אַלטער ייִדישער שטייגער, דער שיינער שבת־טאָג מיט זײַן רחבות, מיט זײַן מנוחה־ושלווה, וואָס דאָרט איז עס

געווען אַ חלום, נישט צום דערגרייכן. מע דאַרף נישט דערצו זײַן קיין פרומער ייִד. דאָס האָט צו טון בלויז מיט מענטשלעכן שטייגער לעבן און נישט צו לעבן ווי אַ שקלאַף.

נישט איין מאָל האָט זיך אויפן איינזאַמען געלעגער דערמאָנט די היים. דאָס גיין באָדן זיך צום דאָלעד, די זומערדיקע מאַיוווקעס, דאָס פּאַרברענגען מיט יונגוואַרג אין וואַלד הינטער דער שטאָט. דעם גומען האָט גערייצט דער טעם פון יאַגעדעס באַשיט מיט מעלצוקער, אײַנגעמאַכטס פון באַרוווקעס, פּאַזשאַמקעס מיט סמעטענע, און חוץ אַלעם האָט זיך סתם געוואָלט זײַן מיט מישפּחה, מיט חברים, היימישע חברה, צו האָבן מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. נישט זײַן אַזוי עלנט ווי אַ שטיין.

נו, וואָס נאָך קאָן ער זיי זאָגן? וואָס וועלן זיי פאַרשטיין פון דעם אַלעם? ער עפנט אויף די אויגן. אַלע אַרום וואַרטן אויף זײַן ענטפער, ער זאָל געבן אַ תשובה אויף דער האַרבער שאלה:

— פאַרוואָס זשע ביסטו פאַרט צוריקגעקומען?

— ווייסט איר וואָס אַ מענטש פילט אין דער פרעמד? ווייסט איר וואָס ס׳הייסט זײַן אַן אויסגעוואָרצלטער מענטש? קאָן אײַך זײַן נאָענט דאָס געפיל פון איינעם וואָס שלעפט זיך מיט די לעצטע כוחות, אַן אויסגעשעפּטער ביז לעצט, נאָך אַ טאָג קאַטאָרזשנער אַרבעט צו זיך אין צימערל אַרײַן און בלײַבט דאָרט ליגן איינזאַם ווי אַ הונט? איר אַלע זעט דאָס אויסלאַנד, ווי איך אַ מאָל, אַז ס׳איז עפּעס אַזוינס און אַזעלכעס... איר מאָלט זיך אויס שיינע בילדער וואָס האָבן אָבער נישט קיין האַפט. די אַלע שיינע זאַכן זענען טאַקע דאָ, נאָר זיי זענען פאַר אַזעלכן ווי איך פּונקט אַזוי אומדערגרייכיק דאָרט אין דעם אויסלאַנד ווי פאַר אײַך דאָ אינעם קליינעם שטעטל. נו, וואָס קאָן מען אײַך דערציילן אַז איך זע אַז איר גלייבט נישט... פאַרט אַליין וועט איר שוין זען...

* * *

אַ גרויסע ענדערונג איז פאָרגעקומען אין מלכן נאָכן אָפּזײַן נישט מער ווי עטלעכע טעג אין זײַן אויסגעבענקטן אָסטראָווצע. פרײַטיק ערב שבת, ווען ייִדן זענען געגאַנגען צום דאַווענען, האָט מלך געזען גיין פון ווײַטנס דעם אַלטן ר׳ יוסף רויזמאַן וואָס איז אָנגעקומען פון קליינעם טומאה־געסעלע. אומגעריכט איז אָנגעלאָפן סטאַשעק, דעם בעדנערס זונדל. מיטן גאַנצן זאַמאַך האָט ער דערלאַנגט ר׳ יוספן אַ פלאַם איבערן פּנים. דער זעכציקיאָריקער ר׳ יוסף איז אַ פאַל געטון אַ באַגאַסענער מיט בלוט.

מלך האָט גענומען נאָכיאָגן דעם שייגעץ מיט אַלע כוחות. אַ פאַרסאָפּעטער האָט ער אים געיאָגט איבערן קלויסטערגעסל. סטאַשעק איז אָבער געווען פלינקער פאַר אים. ער האָט באַוויזן צוצולויפן צום קלויסטער און טאַקע געהאַט אַ

גם אויך וואָס דער קלויסטער איז געשטאַנען אָפן. דער יונג איז אַרײַן זיך אויס־באַהאַלטן אין קלויסטער ווו ער האָט געפינען שוץ אונטער די פליגל פון די הייליקע מלאכימלעך. אַנישט וואָלט ער אים די ביינער צעבראָכן, דעם כוליגאַן.

אויף דער גאַס איז געוואָרן אַן אויפגעלויף. מענטשן האָבן זיך געזאַמלט אַרום ר׳ יוסעפן. מ׳האָט אים אויפגעהויבן און אַוועקגעפירט אין שטוב אַרײַן. באַלד זענען די שכנים אַוועק צום בעדנער מיט אַ טענה:

— נו, גיב אַליין אַ קוק וואָס דײַן זון טוט? ווילנסט דאָך אַלע דײַנע יאָרן צווישן בלויז ייִדן; דײַנע זיידעס האָבן דאָך נאָך דאָ געוווינט. די גאַנצע פּרנסה האָסטו דאָך פון ייִדן. ווער זענען די קויפערס פון דײַנע שיינע אויסגעאַרבעטע פעסלעך אויף וואַסער אויב נישט מיר, די שכנים פון געסל און פון אַלע אַרומיקע געסלעך.

— גערעכט, יעי באָגו, ווי איר זענט גערעכט... אײַער יעדער וואָרט איז אמת, ווי גאָט איז מיר ליב... איך לײַד אַליין פון אים חרפּות און בושות, נאָר וואָס קאָן איך מיר העלפן? וואָס העלפט דען מײַן שרײַען? אַז מיר לעבן אין אַ רשעותדיקער צײַט, אין אַ צײַט פון וויסטע העצערײַען. איינער העצט קעגן אַנדערן. אַז דער גלח אַליין שרײַט פון דער אַמבאָנע: יעדער צו די זײַניקע! קויפט נישט בײַ די פרעמדע! נו, וועלן דאָך די פרעמדע נישט קויפן בײַ מיר — זאָג איך דעם גלח — טאָ פון וואַנען וועל איך האָבן צו לעבן?... איך לאָז מיך נישט פון זיי, אָבער זיי זענען שטאַרקער פון מיר. זיי לאַכן מיך אויס. וואָס זשע קאָן איך מאַכן?

— כ׳וועל אים אָנברעכן די ביינער — איז אַרויס די בעדנערקע מיטן גרויסן גוידער און אַלעמען געגומען באַרויקן — יאַק באָגאַ קאָכאַם, ווי כ׳וועל אים מימתן צום טויט... ס׳וועט אים דאָס מאָל נישט דורכגיין גלאַטיק. וועט ער שוין וויסן אויף נאָך אַ מאָל.

אַן אויפגערעגטער און צעפלאַמטער איז מלך געקומען צוריק אין שטוב אַרײַן און זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט.

— וואָס איז געשען, מלך? — איז פעסעלע צו אים צוגעשטאַנען זעענדיק איר מאַן מיט אַזאַ פאַרטרויערט און פאַרזויערט פּנים — זאָג, וואָס איז אַזוינס פאָרגעקומען וואָס דו קאָנסט זיך אַזוי נישט באַרויקן... ס׳האָט דיך ווער באַליידיקט?

— ווייסט, פעסעלע — האָט מלך זי אַרומגענומען מיט ביידע הענט אַרום דער טאַליע, — דו ווייסט וואָס כ׳וועל דיר זאָגן? ניין? כ׳האָב געטון אַ גרויס נאַרישקייט. איך זע איצט אײַן אַז די ייִדן זענען געווען גערעכט. כ׳האָב נישט באַדאַרפט צו קומען צוריק. באַדאַרפט דאָרט אַקערן די ערד מיט דער נאָז, זיך אָנהאַלטן אַן אַ שטרוי און זיך נישט רירן פון אָרט... קושן די שטיינער האָב איך

באַדאַרפט פון בוענאָס־אײַרעס, שלאָפן אויף די הוילע ברעטער און בלײַבן אויפן אָרט. כ'האָב נישט באַדאַרפט קומען אַהער. איך בין נישט קיין לײַט. ס'טוט מיר זייער באַנג, אַז ס'איז מיר פשוט אַ חרפה פאַר מענטשן. כ'בין געווען אומבאַרעכנט ווי אַ קליין יינגל. דאָ האָט זיך אַלץ געביטן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. אַלע פאַראייגען, זע איך, זענען פאַרמאַכט. אַ סך פּראָפּטוער זיצן אין תפיסה. די יוגנט איז טאַקע אַן אידעאַליסטישע, אַ גאָלדענע יוגנט. אָבער וואָס קומט אַרויס אַז זי איז אָן אַ צוקונפט, אַן אויסזיכטלאָזע, אָן אַ הײַנט און אָן אַ מאָרגן. דאָס איינציקע, וואָס איך זע דאָ איז אַז די שענקען זענען פול געפּאַקט, אַלע טישלעך זענען פול באַזעצט. די גוטע פּאָלאַקן — צו ציילן אויף די פינגער — זיצן אין שענק און טרינקען בראָנפן... אויף וועמען איז זיך דאָ צו פאַרלאָזן? אויף קיינעם נישט, בלויז אויף גאָטס באַראָט.

— איז וואָס זשע פאַר אַן אויסוועג האָסטו, מלך? מיר זעען עס די גאַנצע צײַט, נאָר בלית־ברירה האָט מען שלום געמאַכט אַז אַנדערש קאָן עס שוין נישט זײַן, אַזאַ איז אונדזער גורל, פאַרפאַלן. אָבער דו, וואָס פאַר אַן עצה האָסטו דערצו.

— וועגן דעם, פּעסעלע, וועלן מיר שוין רעדן נאָך שבת. גיי גרייט צום טיש.

* * *

בײַ קיווע קוץ איז שבת פול געפּאַקט. קיין שפּילקע נישט אַרײַנצוואַרפן. אָסטראָווצער יונגען זיצן בײַ די טישלעך. מע גריזשעט געזאַלצענע מאַצעלעך, מע פאַרבײַסט מיט וווּרשט און מע פאַרטרינקט מיט ביר... מע שפּילט אין דאָמינע, מע האַקט די ביינדלעך אויפן טיש... מע פּאַטערט די טעג מיט די נעכט אויף גאָרנישט. בײַנאַכט האָט מען מורא אַרויסצוגיין אין גאַס, שיכורים זאָלן נישט באַפאַלן און געבן אַ מעסער אין זײַט. אַ ייִד איז נישט זיכער מיטן לעבן. אַפילו די ווילדע יונגען האָבן מורא זיך צו פאַרטשעפּען הײַנט מיט אַ פּאָלאַק. ווען איז דאָס געווען אַזוי? ווי קאָן מען עס נישט זען אַז די ערד ברענט אונטער די פיס? ווי קאָן מען זײַן גלײַכגילטיק צו אַזאַ לאַגע און נאָך יונגוואַרג דערצו? פאַרוואָס טראַכט נישט קיינער ווי צו זוכן אַן אויסוועג? עפּעס אונטערנעמען שריט? נעמען איניציאַטיוו?

די דאָמינע־שפּילערס זענען געווען אַזוי פאַרטון אין דער שפּיל אַז ס'איז זיי אין איין אויער אַרײַן און פון צווייטן אַרויס. די אַלע רייד וואָס מלך האָט געוואָרפן בײַם שפּילטיש זענען געווען ווי גערעדט צו דער וואַנט. ער האָט באַדויערט וואָס ער האָט זיך געלאָזט צורעדן מיטצוהאַלטן מיט אַ דאָמינע. פאַר זײַנע אויגן איז געשטאַנען דער געפּאַטשטער ר' יוסף מיט זײַן ברײַענדיקער טענה:

— ווי לאַנג וועט מען אונדז אַזוי פּײַניקן, ווי לאַנג?

מלך איז אַוועק פון טיש אין מיטן שפּילן באַגלייט פון חוזק־בליקן פון די

דאָמינע־שפּילערס: — אַ נײַער צעלייגער! אַ שוטה געווען און אַ שוטה געבליבן, דער גאַנצער אויסלענדער...

ווי נאָר ער איז געקומען אין שטוב אַרײַן, מלך, האָט ער פּעסעלען אַרײַנגערופן אין שלאָפצימער אַרײַן, קיינער זאָל נישט הערן:

— כ׳וועל אַלץ פאַרקויפן, פּעסעלע, דו הערסט, צוזאַמען וועלן מיר איצט פאָרן צוריק קיין אַרגענטינע. כ׳האָב עס שוין גענוג דאָס גאַנצע פּוילן ביז דאַנען, דו זעסט, אָ, ביזן האַלדז.

*   *   *

גלײַך פונעם קליינעם שטעטל, מיט איין שפּרונג, איז פּעסעלע אַרײַנגעפאַלן פונעם שטילן געמיטלעכן אַסטראָווצע אינעם קאָכיקן בוענאָס־אײַרעסער קעסל מיט די ברייטע גאַסן און אַווענידעס, האַנדלהײַזער און געשעפטן פאַרהילטע מיט בלענדנדיקע צעשווינדלטע רעקלאַמע־ליכטער וואָס פאַרגיסן די גאַסן מיט די פולגעפּאַקטע טראָטואַרן ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַרײַן.

פּעסעלע איז געגאַנגען מיט די צוויי טעכטערלעך פוןביידע זײַטן איבער די בוענאָס־אײַרעסער גאַסן און נישט געוווּסט אויף וואָס פריִער צו קוקן:

— סאַראַ שיינע גאַסן זענען דאָ דאָ! זעטס נאָר די געשעפטן!

פול מיט אַנטציקונג האָט זי געהאַלטן אין איין אויסרופן און ציִען די קינדער בײַם אַרבל, זיי זאָלן נישט פאַרזען קיין שום זאַך. מיט אויפגעריסענע אויגן האָט זי געקוקט אויף אַלע זײַטן. זיך נישט געקאָנט רעכט אָפּלייבן פונעם רחבות וואָס האָט פאַרריסן דאָס אויג. זי איז געווען אַרײַנגעצויגן, ווי אין אַ כישוף. אינעם קאָכיקן האַרמידער פון די ענדלאָז־לאַנגע גאַסן און אַלייען מיט די פאַרשידנאַרטיק־געבויטע הײַזער־פּאַלאַצן, געדעקטע מיט מאַרמאָר ביז אַרויף צו די פענצטער.

— הלוואי וואָלטן אונדזערע ייִדן דאָרט אין די קליינע שטעטלעך געהאַט שכל און געקומען אַהער מאַסנווײַז... כ׳ווייס טאַקע נישט, מלך, וואָס דיר איז אײַנגעפאַלן צו פאַרלאָזן אַזאַ שיינע מדינה און לויפן צוריק אַהיים אינעם קליינעם שטעטל אַרײַן... אַ דחקות, אַן ענגשאַפט, און צרות אויפן פוד. הײַנט די מורא פאַרן פּאָלאַק וואָס איז פאַלש ווי די עבודה־זרה... דאַנקען גאָט וואָס מ׳איז דאָס אַלץ פּטור געוואָרן, אַבי מ׳האָט עס שוין אויף יענער זײַט ים.

נישט ווײַט פון דער מעבל־פאַבריק „שטיינמאַן און זון" האָט מלך געקריגן אַ הייפּל וואָס איז באַשטאַנען פון דרײַ צימערן מיט אַ קיכל שוין צוזאַמען מיט די מעבל וואָס ס׳האָבן זיך דאָרט געפינען. ער איז דאָס מאָל — האָט ער געהאַלטן — געקומען מיטן רעכטן פוס קיין אַרגענטינע, טאַקע ווי אויף אַלעם גרייטן.

איידער ער איז געגאַנגען אין גאַס אַרײַן האָט ער אָנגעזאָגט זײַן פּעסעלען,

וואָס איז געווען איבערגליקלעך פונעם געלונגענעם טויש וואָס ער האָט געמאַכט — פון אַסטראַווצע אויף בוענאָס־אײַרעס — אַז זי זאָל געדענקען צו האַלטן די טיר אויפן שלאָס ביז זי וועט זיך אויסלערנען אַ ביסל שפּאַניש רעדן:

— וועסט בעטן די שכנטע, די סעניאָרע דאָרע שטיינמאַן, וועט זי מיט דיר גיין אײַנקויפן אין דער מערקאַדע...

— אין דער וואָס?

— אין דער מערקאַדע, נו, אין מאַרק אַרײַן, אויפן באַזאַר... דו וועסט איר אויך זאָגן זי זאָל דיך אַרײַנפירן אין אַלמאַסען, מיין איך, אין שפּײַזגעוועלבל, וועסטו אײַנקויפן אַלץ וואָס דו דאַרפסט. זי וועט דיר שוין ווײַזן ווו אײַן און ווו אויס. נישט־קשה, אין בוענאָס־אײַרעס ווערט מען נישט פאַרפאַלן. אַלע גיבן זיך אַן עצה...

— נו, גיי, גיי, רעד שוין נישט אַזוי פיל. ס'ווערט דאָך שפּעט. דער טאָג שטייט נישט.

דאָס ערשטע האָט מלך געהאַלטן פאַר זײַן חוב אַ טאָפּ צו טון דעם דופק בײַ זײַן שכן, דעם לאַנדסמאַן זײַנעם, יצחקל שטיינמאַן, דעם אַרויפגעאַרבעטן מעבל־פאַבריקאַנט, וואָס האָט שוין באַוויזן אויפצוהייבן צוויי שטאָק איבער דער פאַבריק און זיך אײַנגעאָרדנט אַ וווינונג — אַ פּאַלאַץ.

יצחקל האָט אים אָבער נישט געלאָזט קומען צום וואָרט וועגן די זאַכן וועגן וואָס מלך האָט געוואָלט וויסן, צי ער קאָן אַרײַנגיין צו אים, זיך שטעלן אַרבעטן. צום ערשט זאָל ער אים דערציילן וועגן דער אַלטער היים. ס'חיות גייט אין אים אויס פאַר בענקשאַפט נאָך אַסטראַווצע. כאָטש ער לעבט דאָ כיד־המלך, יצחקל, ציט עס אים צו די בלאָטיקע געסלעך פון זײַן היימשטעטל, ווו ער איז אַרומגעלאָפן אַ באָרוועסער. יעדער שטיין דאָרט איז אים טײַער און ליב נאָר אויסצור־קושן. ווען ער איז נישט אַזוי פאַרפּלאָנטערט אין די געשעפטן מיט דער פאַבריק, מיט די אַרבעטער, מיט די סוחרים און קליענטן, וואָלט ער דאָס אַלץ געלאָזט שטיין און זיך געגעבן אַ כאַפּ אַראָפּ קיין אַסטראַווצע. בלויז אָנקוקן און צוריק־פאָרן. אַזוי בענקט ער נאָך דער היים. איצט פאַרשטייט ער שוין, מלך, פאַרוואָס ער וויל קודם־כל וויסן וועגן אַסטראַווצע?

— האָסט געזען מײַנע שוועסטער און ברידער, יאָ? נו, ווי גייט עס זיי דאָרט? זיי ווילן נישט קומען אַהער? האָסט זיי געפרעגט, גערעדט מיט זיי? האָסט זיי נישט געקאָנט איבעררעדן? זיי ענטפערן דאָך מיר שוין אַפילו נישט אויף די בריוו. כ'האַלט זיי אין איין בעטן זיי זאָלן קומען אַהער. זיי וועלן קומען אויף אַלעם גרייטן. ס'וועט זיי גאָרנישט פעלן דאָ. און זיי — אַ נעכטיקער טאָג. אַזוי ווי צו דער וואַנט.

— זיי זענען געווען בײַ מיר. אַלע זענען זיי בײַ מיר געווען.

— נו, נו? וואָס האָסטו זיי געזאָגט?

— כ'האָב זיי אָפּגעגעבן גרוסן פון דיר, אַז ס'פעלט דיר באַרכאַשעם גאָר־נישט. זיי אַלעמען געזאָגט נישט ערגער, אָן דײַן שאָדן. כ'האָב זיי געזאָגט אַז דו גייסט אין גאָלד.

— אַזוי האָסטו געזאָגט? האָסטו גוט געטון, מלך. ביסט אַ מאַלאָדיעץ. האָסט זיי צוגעגעבן חשק... זיי זאָלן פּאַקן ס'פּעקל... מוי ביען...

— ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. זיי ווילן זיך נישט רירן פון אָס־טראָווצע. זיי קאָנען — זאָגן זיי — אָן אָסטראָווצע נישט לעבן. ערשטנס, צוליב דער ירושה. זיי ווילן נישט איבערלאָזן די מויער אין מאַרק. „נאָך פון די זיידעס אונדזערע" זאָגן זיי. איינעם האַלט צו ס'בית־מדרש, דעם צווייטן — די גע־שעפטן, און דעם דריטן — ווערסט לאַכן, יצחק, — דעם דריטן האַלט צו דאָס בית־עולם. דאָס אייגנטלעך האַלט זיי אַלע צו. זיי ווילן נישט ליגן אין דער פרעמד, — טענהן זיי, — איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר ווילן זיי זײַן צווישן אייגענע. אַזאַ גוט־אָרט ווי אָסטראָווצע פאַרמאָגט, ווו אַ ייִד פילט זיך ווי בײַ זיך אין דער היים, איז נישט בנימצא — זאָגן זיי — אויף דער גאַנצער וועלט. נו, גיי מאַך מיט זיי, מיט אונדזערע אָסטראָווצער...

* * *

— סעניאָר שטיינמאַן! — האָט דער פאַבריק־אויפזעער, דער הויכער פעסט־געבויטער איטאַליענער אַ רוף געטון דעם באַלעבאָס אויף דער שוועל פון קאַ־בינעט — מע פרעגט זיך אויף אײַך.

אײַזיק שטיינמאַן האָט זיך עטלעכע מאָל אַ גלעט געטון איבערן פליך אויפן קאָפּ מיט די צוויי האָר אַז זיי זאָלן ליגן אין זייער גאַנצער לענג, און זיך גע־לאָזט גיין צו דער טיר:

— פּאַסע, סעניאָר, קומט אַרײַן.

פאַר אײַזיקן האָט זיך באַוויזן אַ יונגער בלאָנדער שייגעץ מיט גראָע אויגן און אַ שאַרפקאַנטיק פּנים אין אַ הולך פון אַן ערשטגעקומענעם אין לאַנד אַרײַן. נישט־קענענדיק קיין שפּאַניש איז דער פרעמדער יונגערמאַן גלײַך נאָכן „סע־ניאָר" אַריבער אויף פויליש.

— אײַערע ברידער האָבן מיר געגעבן דעם אַדרעס צו אײַך. אָט דאָס פּעקל האָבן זיי מיטגעגעבן פאַר אײַערטוועגן.

— אַהאַ! — האָט אים אײַזיק דערלאַנגט די האַנט און אים אַרײַנגעבעטן אין „עסקריטאָריע".

— ווי איז אײַער נאָמען?

— סטאַשעק קאָוואַלסקי.

— קאָוואַלסקי?

— מײַן פֿאָטער איז אײַך זייער באַקאַנט.
— ווער איז אײַער פֿאָטער?
— דער בעדנער קעגן דער טומאה, וואָס רעדט יידיש ווי אַלע יידן.
— אַהאַ, כ׳ווייס שוין, יאָ, דער לעבן קליינמאַנס ביכערגעשעפֿט.
— יאָ, יאָ.
— ווו האָסטו דײַנע זאַכן.
— בײַם פּאָרט.
— כ׳וועל שיקן דעם קאַמיאָן וועט ער אַלץ ברענגען.
— דזשענקויע פּאַנו, פּאַניע שטיינמאַן, אַ שיינעם דאַנק. איר זעט, כ׳געדענק נאָך אַ יידיש וואָרט.

נאָכן איבערלייענען דעם בריוו האָט אײַזיק גוט באַטראַכט סטאַשעקן, אַ געזונטער אײַזערנער יונג מיט אַ פּאָר פֿעסטע ידים וואָס וועלן גוט זײַן צו דער אַרבעט.

— האַ־האַ! וועמען זע איך דאָ? — האָט מלך געפֿילט ווי ס׳האַרץ שפּרינגט אין אים אַרויס — ווען ביסטו געקומען, סטאַשעק?

דער שייגעץ האָט אים אַ פּאַרדויטלטער דערלאַנגט די האַנט און געפֿילט אויף זיך אַ פּאָר אויגן וואָס שפּאַלטן אים אויף צוויייען.

מלך האָט בײַם ערשטן באַרירן זיך מיט יענעמס האַנט דערפֿילט אַן עקל אַז ער האָט אַזש אויפֿגעשוידערט. זײַנע בליקן זענען געבליבן הענגען אויף סטאַשעקס בערישע לאַפּעס און פּלוצים איז אויסגעוואַקסן פֿאַר אים דער אַלטער ר׳ יוסף מיטן צעבלוטיקטן פּנים. „ווער ווייסט וויפֿל יידן די דאָזיקע הענט האָבן געשלאָגן?‟ — איז מלכן דורך אַ געדאַנק ווי אַ שטורעמווינט וואָס האָט אים אין גאַנצן צערודערט. ער האָט אים געלאָזט שטיין אָן אַ וואָרט און אַוועק צוריק צו זײַן אַרבעט.

* * *

דער גלאָק האָט זיך רעשיק צעקלונגען. די ברייטע לעדערנע טראַנסמיסיע־פּאַסן האָבן גענומען לויפֿן איבער די רעדער. די אויטאָמאַטישע זעגן האָבן געשניטן מיט אַ געסווישטש און געוואָי ווי פֿון בײַטשן. זיי האָבן געריסן דאָס געהילץ וואָס צוויי פּאָר הענט האָבן אונטערגערוקט לויט די אָנגעצייכנטע ליניעס אויף די ברעטער.

בײַ די וואַרשטאַט־טישן זענען געשטאַנען אַרבעטער מיט אַרומגענומענע זעקפֿאַרטעכער און געהובלעוועט, געטעסעט די ראַציקייט פֿון די ברעטער. די הובלעס האָבן געטשוויטשערט ווי די פֿייגל: טשי־טשי!

סטאַשעק איז געווען ווי צעמישט, ווען ער איז אַרײַנגעקומען אין די פֿאַבריק־הויזן, וואָס דער איטאַליענער האָט אים געגעבן צו דער אַרבעט. ער האָט

נישט געוווּסט וואָס ער האָט דאָ צו טון, צו וואָסערן אָפּטייל ער וועט ווערן צו־געטיילט.

דאָס חוצפּהדיקע לערנייִנגל, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, האָט געזען אַז ער האָט פֿאַר זיך אַ גרינעם, וואָס ווייסט נישט וואָס מיט זיך צו מאַכן און שטייט ווי חתן — נאָר אים צו פֿירן אונטער דער חופּה — האָט ער אים געהייסן דער־ווײַל איבערטראָגן די ברעטער, וואָס שטייען בײַ דער וואַנט, אין קלענערן האָלצ־לאַגער אַרײַן בײַ דער זײַט. ווען ער האָט שוין געהאַט איבערגעטראָגן איבער אַ צענדלינג ברעטער איז דער אויפֿזעער, דאָן פֿרינציסקאָ, געגעבן אַ קום צו מיט אַ געבייזער:

— וואָס האָט איר זיך גענומען צום איבערטראָגן די ברעטער? מע דאַרף זיי דאָך דאָ צו האָבן.

סטאַשעק האָט נישט געוווּסט וואָס דער אויפֿזעער וויל פֿון אים. ער האָט געמיינט אַז ער האָט צו אים אַ טענה פֿאַרוואָס ער אַרבעט אַזוי פּאַמעלעך און געכאַפּט אויף ס׳נײַ אַ ברעט צום טראָגן.

דאָן פֿראַנציסקאָ האָט אים געוויזן אויף שטום־לשון אַז ער זאָל צוריקטראָגן אַלע ברעטער דאָ ווו זיי זענען געשטאַנען, מע דאַרף זיי באַלד נעמען צום צע־שנײַדן. אָפּגעזאָגט און אַוועק ווײַטער איבער דער פֿאַבריק, ווו מ׳האָט אים גע־רופֿן, ער זאָל אַ קוק געבן צו די לײַסטן.

סטאַשעק האָט נאָך נישט געהאַט באַוויזן צוריקצושטעלן אַלע ברעטער, ווי ס׳איז צו אים צוגעקומען שטיינמאַנס זון, כאַרכע, וואָס מ׳האָט אים גערופֿן „פֿלאַקאָ“, דער דאַרער, און אים געפֿרעגט ווער ס׳האָט אים געהייסן איבער־טראָגן די ברעטער אַהער. סטאַשעק האָט פֿאַרלוירן געקוקט אין דער זײַט ווו דער אויפֿזעער איז אַוועק און געוויזן מיטן פֿינגער אַהין צו די שנײַד־מאַשינען. דער פֿלאַקאָ האָט אָן אויפֿגערעגטער אים אַוועקגעמאַכט די אויסגעשטרעקטע האַנט און געהייסן תיכף צוריקטראָגן די ברעטער פֿון וואַנען ער האָט זיי גענומען. דאָס האָט ער געוואָלט ווײַזן דעם נײַעם מענטש אַז חוץ אים האָט נישט קיינער דאָ צו קאָמאַנדעווען אין דער פֿאַבריק.

אַ דערשוויצטער האָט סטאַשעק גענומען ווידער אַ מאָל איבערטראָגן די לאַנגע דיקע ברעטער — איינעם נאָכן אַנדערן שיִער נישט פֿאַלנדיק מיט אַ ברעט אויפֿן אַקסל איבערן האָלצאָפּפֿאַלעכץ אויף דער ערד.

מלך איז געשטאַנען בײַם הובלעווען די ברעטער און זײַטיק געוואָרפֿן בליקן אין יענעם ווינקל ווו דער פֿאַרמאַטערטער סטאַשעק האָט געהאַלטן אין איין טאַשטשען די ברעטער. ער האָט געשמייכלט צופֿרידן אויפֿן געראָטענעם אָנהייב פֿונעם גרינעם אינעם ערשטן טאָג בײַ דער אַרבעט.

* * *

מיט דער צײַט איז סטאַשעק קאָוואַלסקי אַרײַן אין די פעדערן. ער האָט אָנגעזאַמלט אַ סך טויזנטער אין באַנק, און אַרומגעגאַנגען אַ האָפערדיקער. אויכן אָרט פון דער פריערדיקער הכנעהדיקייט לגבי דעם יידישן באַלעבאָס און די יידישע אַרבעטער האָט ער איצט אַרויסגעוויזן אַ פאַרריסנקייט, צוריקגעענטפערט אַראָגאַנט, מיט חוצפה. ער האָט זיך אָפּגעזוכט חברים — פּאָלאַקן, איטאַליענער, אַרגענטינער. צווישן זײַנע קאָלעגן האָט זיך אויך געפינען עפּעס אַ פּאַרדעכטיקער אַ דײַטש וואָס איז לויטן אויסזען מער ענלעך געווען צו אַ ייד ווי צו אַ דײַטש. ווען זיי האָבן גערעדט וועגן יידן האָט דער דײַטש אַרײַנגעוואָרפן אַ פּאָר יידישע ווערטער. סטאַשעק האָט אים געוויזן אַז ער איז אויך אַ „ייִדנקענער״ און געענטפערט אויף יידיש. און די חברה האָט זיך געהאַלטן בײַ די זײַטן פון געלעכטער.

שטענדיק פאַר נײַ־יאָר האָט די פאַבריק „שטיינמאַן און זון״ געמאַכט אַ קאָלעקטיוון אָוונטברויט פאַר אַלע אַרבעטער. די טישן זענען געוואָרן געגרייט, ווי אויף אַ יום־טוב, מיט ווײַסע טישטעכער. ווען אַלע זענען נאָך געווען פאַרנומען מיטן אַרומוואַשן זיך נאָך דער אַרבעט, זענען שוין אויפן טיש אויסגעוואַקסן צעשניטענע הערינג, ציבעלעס מיט פּאָמידאָרן, שניטקעס מיט קעז און פלייש, פלעשער שנאַפּסן, „באַלס״ און „דאָבלע־ווע״, ביר און סידרע מיט פלעשלעך „קאָקאַ־קאָלאַ״.

עטלעכע דרײַסיק פאָר הענט, מאַזאָליעדיקע, אויסגעפּראַצעוועטע, האָבן געהויבן די גלעזער:

— סאַלוט!

דער עולם האָט איבערגעדרייט די גלעזער. סטאַשעק איז גראָד געשטאַנען לעבן מלכן. ער האָט אים שטענדיק געפלעגט אויסמײַדן. נישט געוואָלט זיך אָנטרעפן מיט אים פּנים־אל־פּנים. ער ווייסט נישט אַליין ווי אַזוי. בײַם אויפהייבן דאָס גלאָז האָט ער דערזען מלכן לעבן זיך און ס׳האָט זיך בײַ אים אַרויסגעריסן אַן „עקעלע־פלעקעלע־שטעקעלע־לחיים!״.

מלך האָט נאָכן אויסטרינקען געפילט אַז עפּעס וואָרגט אים אין האַלדז:

— דו האָסט מיסתמא נישט איין ייד געשאָכטן האַ, סטאַשעקל?

— ווי האָב איך געשאָכטן אַז אין פּוילן זענען מער נישטאָ קיין זשידעס? סאַלוט, מלך! — האָט סטאַשעק זיך פאַרכלינעט און געדרייט זײַנע פאַרלאָפענע אויגן — מיר וועלן זײַן פרײַ אומעטום אַזוי ווי אין פּוילן — האָט ער גניבהש אַ ווונק געטון צו די איבעריקע אַרבעטער...

— דו אומפאַרשעמטע בריאה! — האָט מלך אַ כליאַפּ געטון זײַן גלאָז ביר סטאַשעקן אין פּנים אַרײַן — דו געמיינער אַנטיסעמיטישער זון! דו נבזהניק איינער!...

ער האָט אַ כאַפּ געטון אַ שטיק האָלץ און אים דערלאַנגט איבער די הענט וואָס האָבן זיך געהויבן אים צו שלאָגן.

— וואָס איז דאָ געשען? — איז אײַזיק שטיינמאַן אויסגעוואַקסן לעבן מלכן — וואָס קומט דאָ פּאָר אַזוינס?

— ער ווינטשט זיך צו דערלעבן אַז אומעטום זאָל זײַן אַזוי ייִדנריין ווי אין פּוילן, דער געמיינער יונג! נעם אים צו פון מײַנע אויגן, אײַזיק, וואָרן כ׳וועל אים צעמימתן ביז בלוט!... כ׳קאָן נישט קוקן אויף זײַנע הענט...

וואָס ווילסטו פון זײַנע הענט? — האָט אײַזיק נישט פאַרשטאַנען — ער האָט דאָך גאָלדענע הענט צו דער אַרבעט... אַזעלכע הענט זוכט מען דאָך... מע צאָלט דאָך אַלע געלטער פאַר אַזעלכע הענט!... — — —

מיט אַ טאָג שפּעטער איז מלך געזעסן בײַ אײַזיקן אין דער „עסקריטאָריע”. מיט אַ ציטעריק קול האָט ער דערציילט דעם באַלעבאָס זײַנעם אַלץ וואָס דער סטאַשעק האָט דאָרט פאַראַרבעט אין פּוילן. וואָסערע צרות די אָסטראָווצער ייִדן האָבן געהאַט אויסצושטיין פון אים פאַר דער מילחמה. הײַנט קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן וואָס דער יונג האָט אַרומגעאַרבעט בעת דער דײַטשער אָקופּאַציע. נישט איין ייִד האָט ער אויף זײַן געוויסן.

— הער מיך אויס, מלך, — האָט אײַזיק שטיינמאַן פאַררויכערט אַ ציגאַר, — אַז דו האָסט נישט קיין גענויע באַווײַזן אַז ער האָט שלעכטס געטון ייִדן, טאָרסטו נישט רעדן. צווייטנס, פאַרוואָס האָסטו מיר באַלד נישט געזאָגט דעם ערשטן טאָג, ווען ער איז אָנגעקומען אַרבעטן. כ׳מיין די געשיכטע מיט ר׳ יוספן. דער יונג וואָלט דאָך נישט אַריבערגעטרעטן מײַן שוועל.

— ביסט גערעכט, — האָט מלך געשאָקלט מיטן קאָפּ, — כ׳האָב געמיינט אַז ער וועט דאָ אין אַרגענטינע ווערן אַ לײַט. דערפאַר האָב איך זיך נישט גע־מאַכט וויסן פאַר דיר. אָבער צו אַרבעטן אין אַ ייִדישער פאַבריק און אָפּלאַכן פון ייִדן? דאָס איז דאָך אַן אומדערהערטע זאַך!

— זײַ רויק, מלך, — האָט אײַזיק נערוועז געביסן דעם ציגאַר, — אמת, דער יונג האָט הענט צו דער אַרבעט וואָס קיין בעסערע קאָן מען זיך גאָרנישט ווינטשן, און ווי ס׳זעט דאָ אויס מיט אַרבעטהענט דאַרף איך דאָך דיר נישט צו זאָגן. דו ווייסט עס, מלך, פּונקט אַזוי גוט ווי איך. נאָר איך וואָלט מער קיין נאַכט נישט געקאָנט אַדורכשלאָפן רויק ווען כ׳זאָל וויסן אַז בײַ מיר אין פאַבריק אַרבעטן הענט וואָס זענען אײַנגעטונקען אין ייִדיש בלוט. נאָך הײַנט רוף איך אים אַרײַן און דערליידיק מיט אים. דו וועסט שוין מער דאָ נישט זען זײַנע הענט...

# אַ גוטער חבר

די זומער־פּאַרנאַכטן זענען ווונדערלעך־שיין אין אַרגענטינע. יאַן האָט עס באַמערקט באַלד דעם ערשטן טאָג ווען ער איז אַראָפּ פון דער שיף אין בוענאָס־אײַרעסער פּאָרט. אַזאַ אימפּאָזאַנטן פּאַרביקן צעפּלאַמטן זונפאַרגאַנג האָט ער נאָך אין זײַן לעבן נישט געזען. ער קומט דאָ אָפט אַהער צום ברעג. ער שטייט בײַם פּלאַטאַ־טײַך און קוקט זיך אײַן אין דער ווײַט. ער זעט ווי דער הימל בײַט זײַנע פּאַרבן פון העלראָז אויף סעלעדין און לילע, פּאַרגעלט בײַ די ראַנדן מיט אַ גאָלדן שלעקל וואָס לויפט אין אַ זיגזאַג ווי אַ בליץ, ווערט וואָס אַ מאָל בלייבער, טונקעלער ביז דער טאָג לעשט זיך אויס צוזאַמען מיט די פּאַרבן.

די מענטשן, וואָס ער האָט געזען זיך אַרומשלאָנדערן אויפן ברעג, זענען אים געווען פרעמד. זיי זענען געווען באַוואַקסן מיט בערד און האָבן געטראָגן זעק אויף די פּלייצעס. פון די צעריסענע און צעכראַסטעטע רעקלעך האָט אַרויסגעקוקט אַ האָריקע ברוסט. ער האָט דאָ געזען פינצטערע פּנימער מיט אויגן וואָס קוקן אויף אַראָפּ. הונגעריקע מענטשן, אַרבעטלאָזע, קוים וואָס זיי שלעפּן די פיס.

יאַן האָט זיי געזען אין די הונדערטער אַזוי אַרומגיין דאָ אין דער געגנט מיטן פּאָרט פון איין זײַט און רעטיראָ־וואָקזאַל פון דער צווייטער. אין די ערשטע טעג האָט ער נישט געוווּסט אַז דאָ אויף דער פּלאַסע „רעטיראָ” האַלטן זיך אויף די אַלע פרעמדע מענטשן. אַלע בענק, שיטער צעשטעלט צווישן די שווינדזוכטיקע ביימער, זענען ענג באַזעצט מיט די אַרבעטלאָזע. יונגע און עלטערע מענטשן. אַ סך פון זיי רעדן הויך צווישן זיך, מאַכן מיט די הענט, פירן דיסקוסיעס. אַנדערע האַלטן די קעפּ מיד אַראָפּגעלאָזן, דרעמלען. דער רויטציגלנער שפּיציקער טורעם, וואָס שטייט אין מיטן דער פּלאַסע, טראָגט אין דער הייך אַ זייגער, ווי אויף חוזק, גלײַך ווי ער וואָלט געוויזן די מענטשן אַז צײַט איז געלט און זיי זאָלן זיך יאָגן. די אומדערמידלעכע ווײַזערס פּאַרדרייען די שעהען אין טעג, די טעג אין וואָכן, חדשים, יאָרן.

די טעג שטייען נישט. די צײַט לויפט אויך פאַר יאַנען. קיינעם פון זײַנע שיפּברידער האָט ער נישט געזען די גאַנצע צײַט. דאָס ביסל געלט האָט זיך אויסגעלאָזט. אַן אומרויִקער האָט ער געגומען זוכן אַרבעט. אַ צופרידן שמייכעלע האָט זיך געלייגט אויף זײַנע ליפּן ווען מ׳האָט אים אַנגעגומען אין אַ רעסטאָראַן ווי אַ רוימער און קאַרטאָפל־שיילער: איך טאָר זיך נישט שעמען — האָט ער זיך אַליין געזאָגט! און פונעם בלויזן געדאַנק האָט ער זיך געדרויטלט...

די ערשטע פאַר וואָכן האָט ער געאַרבעט פלײַסיק. דער געדאַנק, אַז ער וועט קענען שפּאַניש וועט ער דאָ האָבן אַ צוקונפט, האָט אים צוגעגעבן מוט איבערצוטראָגן די שווערע צײַט. ער וועט זוכן אַ לײַטישן פּאָסטן, וואָס זאָל זײַן פּאַסיק פאַר אים, און ביסלעכווײַז צוריק ווערן אַ מענטש. ער האָט זיך גענומען צום לערנען שפּאַניש. האַלבע נעכט איז ער אויפגעווען בײַ די לערנביכער. יעדע פרײַע מינוט אָוועקגעגעבן אויף לייענען און שרײַבן. די שפּראַך איז פאַר אים געווען געגוג צוגענגלעך. אין דער היים אין פּוילן האָט ער געלערנט לאַטײַן ווען דער פאָטער האָט אים צוגערעדט ער זאָל ווערן אַ גלח.

ער האָט זיך לעצטנס אײַנגעקוקט אין זײַנע הענט, וואָס זענען ערטערווײַז צעשעקעט, צעהאַקט און צעשניטן פונעם שיילן די קאַרטאָפל. פאַר זײַנע אויגן איז געשטאַנען זײַן מאַמע מיט אַ רויט טיכל פאַרבונדן אויפן קאָפּ. ער האָט זי געזען זיצן לעבן דער קיך און שיילן קאַרטאָפל. ער האָט גאַרנישט געוווּסט אַז ס׳איז אַזאַ זשמודנע אומדערטרעגלעכע אַרבעט. דעם טאַטן זײַנעם זעט ער שטייך אויפן פעלד מיטן ברייטן שטרויענעם קאַפּעלוש אויפן קאָפּ. שטענדיק פאַרנומען מיט פעלדאַרבעט, שנײַדט דאָס היי, בינדט די גאַרבן, פירט זיי אין שײַער, אַקערט און זייעט. נאָר ער, יאַן, זיצט ווי שטענדיק בײַם טיש איבער אַ בוך, פאַרטראַכט, חלומט פון אַנדערע וועלטן, פון רײַזעס איבער ווײַטע ימען.

— יאַן ריר זיך! — האָט דער קוכער אַ געשריי געטון מיט זײַן באַסאָווער שטים.

יאַן האָט אַ צעטומלטער אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן צום קוכער. דער ברייט־בייניקער ליטווינער האָט אַ מאַך געטון צו אים מיטן קאָפּ:

— הע, טשע, מע דאַרף די קאַרטאָפל און ער גאַפּיעט זיך, טראַכט פון נעכטיקע טעג!...

* * *

נאָך זעקס וואָכן לײדיקגיין האָט יאַן ווידער גענומען זוכן אין דער צײַטונג אין דער רובריק פון אַרבעט־אָנבאָטן עפּעס אַ רעכטן פּאָסטן. אויף אַ סך ערטער, ווו ס׳זענען געווען צו באַקומען גוטע פּאָסטנס, זענען שטענדיק געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך געפעדערט פאַר אים. ווי פרי ער זאָל נישט האָבן געקומען, האָט

שוין עמעץ פאַר אים פאַרנומען דאָס אָרט. ענדלעך האָט ער באַוויזן אָנצוקומען אויף אַ פּלאַץ ווו ס׳האָט זיך געפּאָדערט אַ מענטש צום רוימען.

אַ יונגער מענטש אַנגעטון עלעגאַנט האָט יאַנען געוויזן דעם הויף, פאַרשיידענע זאַכן וואָס מע דאַרף זיי וואַשן יעדן טאָג, און דעם קאָטש — צוויי מאָל אין דער וואָך.

יאַן האָט אויף אַלעם מסכים געווען. אויף יעדער זאַך געזאָגט:

— מוי ביען, סעניאָר, זייער גוט!

איינער פון די דינער האָט אים אָנגעוויזן אַ צימערל פאַר זײַנעטוועגן וואָס געפינט זיך אויבן אונטערן סאַמע דאַך פונעם הויז. ער האָט באַקומען צוויי שליסלען פונעם הויז און פון זײַן צימערל. אַ צופרידענער איז ער אַרויף צו זיך אַוועקשטעלן די וואַליזקע מיט זײַנע זאַכן.

דאָס שוואַרצע דינסטמיידל האָט יאַנען געוויזן, ווו ס׳געפינען זיך די אַלע מכשירים און מאַשינעריעס אויף עלעקטרי וואָס מע דאַרף צו האָבן צום רוימען. און טאַקע גלײַך אַליין אים צוגעהאָלפן אַרבעטן. אין איינעם פון די צימערן האָט ער געזען אַ גרויסע שאַפע מיט ביכער. אַ נישט־דרײַסטער האָט ער אַ פרעג געטון דאָס מיידל:

— ס׳איז דערלויבט צו נעמען אַ בוך צום לייענען?

— וואָס, איר לייענט ביכער און אָנגענומען אַזאַ אַרבעט?

יאַן האָט מיטן קאָפּ אַ שאָקל געטון אויף יאָ.

— איר קענט לייענען וויפל איר ווילט. די מענטשן זענען נישט קיין שלעכטע. זיי קוקן זעלטן אַרײַן אין אַ בוך — האָט זי פאַרשעמט אַוועקגענומען די אויגן פון יאַנען.

— נישט קיין שלעכטע מענטשן, זאָגסטו...

יאַן האָט מיט פרישן קוראַזש זיך אַ נעם געטון צו דער אַרבעט. ער האָט נישט געוווסט מיט וואָס זײַנע באַלעבאַטים פאַרנעמען זיך. אויך די דינסט הייבט נישט אָן צו וויסן. זי ווייסט נאָר אַז זיי זענען צוויי ברידער וואָס וווינען צוזאַמען מיט זייערע פרויען — צוויי פּאָרפעלקער.

פון ערשטן בליק האָט ער פײַנט געקריגן די צוויי פרויען דאָ אין דער שטוב. זיי קוקן אויף אים פון אויבן אַראָפּ, גייען אָנגעצויגן שטײַף, רעדן זעלטן וועגן אַרויס אַ וואָרט. נאָר זיי האַלטן אין איין שרײַען אויף דער דינסט. אויך צו יאַנען האָבן זיי זיך שוין גענומען טשעפּען. דאָ געפעלט זיי נישט דאָס, דאָ אַרט זיי עפּעס אַנדערש. וויפל ער זאָל נישט רוימען זאָגן זיי שטענדיק אַז ס׳איז נישט ריין, אַז ס׳איז פול מיט שטויב. ס׳האָט אים געבערענט און געקרענקט. ווייניק וואָס ער האָט אָפּגעהאָרעוועט צוויי זייגער שעה האָבן זיי נאָך צו אים אַ טענה אַז ס׳איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט.

— ליידיקגייעריש ווײַבער דאָס זענען! — האָט אַ פאַרדראָס געריזלט אין אים אויף די צוויי באַבסקע ווײַבער.

דאָס לייענען איז פאַר יאַנען געווען ווי אַ פאַרטויבונג, וואָס האָט אים אַרי־בערגעפירט אין אַן אַנדערער וועלט פול מיט עמאָציעס און איבעראַשונגען, מיט געשטאַלטן און פיגורן וואָס האָבן מיט עפּעס וויכטיקס אויסגעפילט זייער לעבן. נישט אַזוי ווי ער, וואָס די טעג זײַנע גייען אים פאַרפאַלן אויף גאָרנישט, אויף נאַרישקייטן, אויף רוימען פרעמדע שטובן.

ער איז אָפט מאָל אין די פאַרנאַכטן געשטאַנען אין גאַס און געזען ווי ס׳הייבט אָן טונקעלער ווערן. די שטומע הײַזער אַרום שטייען ווי בלינדע מיט פאַרמאַכטע לאָדנס. דעמאָלט גייט אויף אין אים די היים. ער זעט דעם טאַטן שטיין מיטן שטרויענעם קאַפּעלוש אויפן קאָפּ, ס׳העמד איבער די הויזן אַרומ־געגומעןְ מיט אַ לעדערנעם רימען. ער רעדט מיט די שכנים וועגן זײַן זון וואָס האָט נישט געוואָלט ווערן קיין גלח, ער זאָגט זיי דערבײַ זײַן שטענדיקן פּיזמון:

— די שטאָט מאַכט זיי קאַליע. וואָלט אים נישט געצויגן אין שטאָט אַרײַן וואָלט ער שוין איצט געטראָגן אַ לאַנגע סוטאַנע, דער זון זײַנער, און אַלע וואָלטן אים אָנטקעגן געטראָגן דעם גוטמאָרגן און געקושט די האַנט.

אָט זעט ער פאַר זיך זײַן שול־קאָלעגע מאַראָזאָווסקי וואָס האָט אים געַ־האָלפן אַנטלויפן פון היימישן דאָרף. ס׳גייען אויף די זונטיקס ווען מ׳האָט פאַר־ברענגט מיט די דאָרפישע מיידלעך מיט די לאַנגע פאַרפלאָכטענע צעפּ. אין אַזעלכע מינוטן ווערן פײַכט זײַנע אויגן. ער דערמאָנט זיך ווי דאָס דאָרף האָט געקאָכט און געברויזט ווען דער שטײַער־אויפמאַנער פלעגט זיך באַווײַזן און צו־נעמען וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט בײַ די פּויערן, אַ קעלבל, עופות, אַ יונג חזירל. דאָס בלוט האָט זיך דעמאָלט אין אים צעקאָכט. ס׳איז אויפגעקומען אין אים דער געדאַנק אָפּצורוימען דעם עקזעקוטאָר. ער האָט נישט געקאָנט צוזען ווי זײַנע עלטערן און אַנדערע פּויערן לויפן נאָך און בעטן זיך בײַם „הונט מיט אויערן״:

— פּאַניע־קאָכאַני, מיר האָבן נישט פון וואַנען צו צאָלן... נעמט אונדז נישט צו דאָס לעצט...

יענער איז זיך געגאַנגען פאַרריסן און נישט געהערט וואָס מע רעדט צו אים.

— מיט העק דאַרף מען אים אַרויסטרײַבן פון דאָרף וועט ער פאַרשפּאָרן צו קומען! — האָט זיך דאָס יונגוואַרג געהיצט און געבײַלט די פויסטן.

— אויף מײַנע הענט וועט ער קומען, דער הינטישער זון! — האָט יאַנעק געשריגן, נאָר קיינער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף זײַנע רייד פּונקט ווי אויף די דראָונגען פון אַלע אַנדערע.

די טאַטע־מאַמע אָבער זענען — זינט יענעם טאָג — צוגעשטאַנען צו אים

ער זאָל אַוועקפאָרן. פון דער היים איז ער אָבער אַוועק דעמאָלט ווען מ׳האָט דעם עקזעקוטאָר איבערגעפירט אין שפּיטאָל אַרײַן אַ צעשטאָכענעם מיט מעסערס. שטענדיק, ווען ער לעבט עס איבער אין דער פאַנטאַזיע, קאָכט אין אים אויף דאָס בלוט, פּונקט ווי דאָ ווען די ווײַבער הייבן אים אָן פאַרצוואָרפן אַז זײַן אַר־בעט טויג אין דר׳ערד.

וואָס אַ מאָל איז אים שווערער געוואָרן דאָס איבערטראָגן די אַלע רייד פון זײַנע פיר באַלעבאַטים. יעדער איינער האָט פון אים געוואָלט עפּעס אַנדערש. יעדן טאָג איז זיי עפּעס אַנדערש נישט געפעלן געוואָרן. ער איז אַרומגעגאַנגען גאַנצע טעג אַ צערייצטער ווי אַ הונגעריקער וואָלף. ער וואָלט שוין לאַנג אַוועק־געוואָרפן די גאַנצע אַרבעט. נאָר ווו וועט ער גיין — האָט ער זיך אַליין געפרעגט אין זײַן עלנט. אַפילו מיטן דינסטמיידל האָט ער נישט געוואָלט רעדן דערפון וואָס ס׳האָט אים וויי געטון.

אין איינעם אַ פרילינגטאָג, ווען אַלץ אַרום איז געווען באַהעלט פון דער וואַרעמער זון און ס׳האָט זיך אַזוי שטאַרק געגלוסט גיין אויף שפּאַציר, איז יאַן פּלוצים אַרײַנגעגאַנגען אין קיך און צו צום שוואַרצן דינסטמיידל. ער האָט איר ווייך און שטיל ווי אַ סוד אַ זאָג געטון:

— אַדיאָס, פעליסאַ! זײַ געזונט, איך גיי אַוועק.

די שוואַרצע האָט געקוקט אויף אים מיט אַ פּאָר דערשטוינטע גרויסע קײַלע־כיקע אויגן אַזוי ווי אויף איינעם וואָס האַלט בײַם באַגיין אַ פאַרצווייפלטן שריט. נאָר זעענדיק זײַן דעצידירטקייט האָט זי בלויז געפרעגט:

— ס׳קומט אײַך נאָך געלט בײַ די באַלעבאַטים?

— ניין, — האָט יאַנעק געענטפערט מיט אַ געפּרעסט קול, — נעכטן האָבן זיי מיר אַלץ באַצאָלט... ביז אַ סענט...

— זאָל אײַך גוט גיין — האָט דאָס שוואַרצע דינסטמיידל אים צוגע־וווּנטשן.

— אַדיאָס! — האָט יאַן נאָך אַמאָל אַ זאָג געטון און איז שנעל אַראָפּ פון די טרעפּ.

* * *

נאָך אַ צוויי חדשים אַרומשלעפּן זיך היימלאָז איבער די גאַסן; ווו געטאָגט — נישט גענעכטיקט; נישט דערעסן, נישט דערשלאָפן; נאָך אַ קורץ שטיקל צײַט פון אויסזיכטלאָזן דאַרן און קוואַרן, אַרומגיין ווי אַ געיאָגטע חיה — האָט יאַן באַקומען אַ מוראדיקן אויסזען. זײַן פּנים, שוואַרץ ווי די ערד, איז געוואָרן אויס־געצויגן און אײַנגעפאַלן. זײַנע אונטערגעהאַקטע אויגן זענען אומרויִק געלאָפן אויף אַלע זײַטן ווי צוויי מײַזעלעך אין אַ קליאַטקע. די צעפּאַכעטע נאָז איז גע־ווען בײַ אים פאַרשפּיצט און געשראָקן מיט ערב גסיסה. די געדאַנקען זענען בײַ

אים געווען צעפּלאָשעטע, נישט קאָנצענטרירט. כמעט יעדן טאָג איז ער געלאָפן מײַלן ווײַט. אַליין נישט צו וויסן נאָך וואָס האָט ער אויסגעמאָסטן די שטאָט, ווי ער וואָלט געוואָלט אַריבעריאָגן דעם גרויסן לאַנגן הונגעריקן טאָג, וואָס ענדיקט זיך גאָרנישט...

אין איינעם אַ פאַרנאַכט, ווען אַ קילער ווינט האָט געשמיסן איבערן פּנים, איז יאַן געזעסן אויף פּלאַסע רעטיראָ אַנטקעגן דעם הויפּטוואָקזאַל. דאָס שאָרכן און טרייסלען פון די אַרומשטייענדיקע ביימער מיט די באַבלעטערטע צווײַגן האָט אים פאַרוויגט און אָנגעברענגט דעם היימישן ריח פון זײַן דאָרף, אים אַוועקגעפירט צו זיך אין דער אַלטער דאָרפישער היים אויף יענער זײַט ים.

אַ פריילעכער האָט ער זיך געזען שפּאַצירן צווישן קאָרן מיט אַ באַנד לידער אין האַנט, געשעפּט נחת פון דער רחבותדיקער נאַטור. דאָס שושקען זיך פון די זאַנגען האָט אים ווי אײַנגערוימט זיסע סודות פון אַ ווײַטער פאַרבאָרגענער פאַנטאַסטישער וועלט. ער האָט זיך אַ פריידיקער מיטגעוויגט מיט די בלאָנדע זאַנגיקע קעפּ, זיך געבויגן אַהין־אַהער אונטערן לײַכטן גלעט פונעם שמעקעדיקן ווינט און אין מיטן פעלד זיך געלאָזט אין אַ פאַרוויגנדיקן וואַלס...

יאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זײַן זעונג. אַן אומבאַקאַנטער מענטש איז געשטאַנען און אים געקוקט גלײַך אין פּנים אַרײַן; ער איז געווען אַ מיטלווּקסיקער מיט אַ קײַלעכיק־אַרומגעשוירן שוואַרץ בערדל. יאַן האָט דערפילט אי באַדויערן אי מיטגעפיל צו זיך אין יענעמס גוטע אויגן. ער האָט זיך ווי פאַרלוירן פונעם ערשטן בליק. זיך אויפגעשטעלט, נישט געקאָנט פאַרטראָגן יענעמס רחמנות־בליקן אויף זיך. ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער האָט ער זיך אַרומגעקוקט ווו ער געפינט זיך ערגעץ און וואָס ער טוט דאָ אינעם אָנקום פון נאַכט, ווו ס'איז זיך נישטאָ ווו אַהינצוטון.. ער האָט ווידער געוואָלט נעמען לויפן, נאָר עפּעס אַ שטים אין דער טיפעניש האָט קעגן זײַן ווילן אים געהייסן זיך צוריקזעצן. ערשט דאָס קאָפּמישונג האָט אים אַוועקגעזעצט צוריק אויף דער באַנק.

דער פרעמדער מענטש האָט זיך צוגעזעצט בײַ זײַן זײַט און אים אַ פרעג געטון:

— סעניאָר, איר זענט אפשר קראַנק?

זייערע בליקן האָבן זיך ווידער אָנבאַגעגנט, אַ שטומע באַגעגעניש פון צוויי ווילדפרעמדע מענטשן וואָס האָבן נישט צווישן זיך קיין שום געמיינזאַמס.

— ניין, — האָט יאַן קוים געענטפערט, — ס'איז מיר בלויז קאַלט.

— אויב איר ווילט — האָט דער פרעמדער גוטמוטיק אײַנגעלאַדן יאַנען — קומט מיט מיר.

— ווער זענט איר? — האָט אים יאַן געפרעגט אַ פאַרוואונדערטער מיט צעציטערטע ליפּן.

— אַן אַרבעטלאָזער, גלײַך ווי איר.

ער איז געבליבן שטיל אַ ווײַל און באַלד צוגעגעבן:

— מײַן נאָמען איז דאַוויד. אַ שפּאַניער... קומט. ס׳ווערט שפּעט.

יאַן האָט זיך שווער אויפגעהויבן און גענומען גיין מיטן אומבאַקאַנטן נישט פרעגנדיק אים צומאָל וווהין און נאָך וואָס.

אויפן וועג איז יאַן געוואָרן באַרעדעוודיק. ער האָט גענומען דערציילן פאַרן פרעמדן ווער ער איז, פון וואַנען ער קומט און וואָס ער האָט שוין דאָ דורכגעמאַכט. מינוטנווײַז איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט צום אָוונטיקן רעשיקן הו־האַ פון אַרום און ווידער גענומען רעדן.

דער פרעמדער האָט זיך צוגעהערט ערנסט צו יאַנס יעדן וואָרט נישט־שטערנדיק אים צו כאַפּן דעם אָטעם אין די אָפּרו־פּויזעס. ווען יאַן איז שטיל געבליבן מיטן „אַזוי זעען מיר אויס״, האָט דאַוויד אַ זאָג געטון מאַכנדיק אַן אומקרײַז מיט זײַן רעכטער האַנט:

— איר זעט, סעניאָר, טויזנטער וועלטן שפּאַצירן דאָ אַרום. יעדער מיט זײַן וועלט און יעדער אין זײַן וועלט. אַלע זעען זיי דאָס בעסטע פון אַמאָל, נאָר דעם איצט זעען זיי נישט ווי ער זעט אויס. איך האָב אײַך גוט אויסגעהערט, מײַן פרײַנד, איר האָט געענדיקט גימנאַזיע... אַ פּויערישער זון... געקומען מיט ווילן צו אַרבעט, צו שאַפן. נאָר דער אַרום איז טויב און שטום. וועגן העלפן, אויסשטרעקן וועמען אַ האַנט איז דאָך שוין אָפּגערעדט. און איר מיינט נאָר דאָ? אויף דער פּראָווינץ איז ס׳זעלבע. אפשר נאָך ערגער. כאָטש קיין ערגערס קאָן שוין נישט זײַן. איך בין שוין געוועזן ווו נאָר אַ שטעטל. ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך זיך שוין גענוג אַרומגעוואַלגערט איבער דער פּראָווינץ און צום סוף צוריקגעקומען אין דער גרויסער שטאָט... כאָטש אויך דאָ איז די לאַגע אויסוועגלאָז.

אַזוי רעדנדיק זענען זיי צוגעקומען צו אַ לאַסטוואַגאָן, וואָס איז געשטאַנען אַוועקגערוקט אויף אַ זײַטיקער באַנליניע ווי מע וואָלט אין גאַנצן פאַרגעסן אין אים. ווען זיי זענען צוגעקומען נאָענט פונעם וואַגאָן האָט יאַן געזען אַז אינעווייניק ליגן מענטשן צונויפגעפּרעסט ווי די הערינג אין אַ פאַס.

— קומט אַרײַן! — האָט אים דאַוויד אַ שלעפּ געטון — וואָס שטייט איר?

ביידע זענען זיי אַרײַן אין וואַגאָן און זיך צונויפגעפּרעסט מיט אַלע ליגנדיקע. די לופט איז דאָ געוועזן אַ געדיכטע. דער דומפּער ריח פון שמאַטעס דורכגעווייקט פון שווייס האָט יאַנען געריסן דעם האַלדז. ס׳האָט אים געאיבלט ביז ברעכן. ער האָט אײַנגענורעט מיטן קאָפּ אין רעקל, אָבער דער טוכלער ריח האָט אים נישט אויפגעהערט שטיקן און נישט געלאָזט צוטון קיין אויג.

פּלוצים האָט זיך פון אַ ווינקל דערהערט אַ ניגון, וואָס האָט ביסלעכווייז אָנגעשטעקט דעם גאַנצן וואַגאָן מיט אַ ברומערײַ. אינעם פאַרבענקטן געזאַנג

האָבן געגומען אויפלעבן פעלדער, לאַנקעס און טײַכן... טייל שטימען האָבן אונ־טערגעציטערט מיט אַ טיפן שלוכץ:

— עך, די זיסע היים!

באַלד איז דאָס געזאַנג אַרונטערגעפאַלן פון גאָר הויך אין דער נידער, גע־בליבן צוגעדושעט, אויסגעגאַנגען, אָן לעבן.

— ווער זיפצט עס אַזוי נאָך דער היים? — האָט זיך דערהערט אַ כריפּע־וואַט קול.

— אין דער היים האָסטו נישט געהונגערט? — האָט זיך פון אַ צווייטער זײַט אָנגערופן איינער אין אַ שלעכטן שפּאַניש.

— הונגערן בײַ זיך איז עפּעס אַנדערש און הונגערן אין דער פרעמד איז ווידער עפּעס אַנדערש... אַ היימלאָזער הונגער איז ערגער ווי דער טויט.

ווידער איז שטיל געוואָרן. ס'האָט אויסגעזען ווי די וועגט פונעם וואַגאָן וואָלטן מיט זייער אײַזערנעם ווידערקול אָפּגעשלאָגן יעדעס וואָרט, אָפּגעשלײַ־דערט אויף צוריק צו די שמאַטעס.

דאַוויד האָט אָנגעהויבן רעדן אין חלל אַרײַן וועגן די אַלע וואָס שלאָנדערן זיך אַרום בײַם פּאָרט:

— איר זעט ווי זיי זעען אויס? זיי האַלטן אַראָפּגעלאָזן די קעפּ, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט מיט זייער היימלאָזיקייט. זיי הייבן מיט די פּלייצעס... לע־בעדיקע מתים, מענטשן אויסגעלאָשענע, אָן פּאַרלאַנגען.

— אמת, ריכטיק, — האָבן אַנדערע צוגעוואָרפן.

— מיר מוזן זיי מונטערן, — האָט דאַוויד געגומען רעדן שטילער, — מיר מוזן זיי אַלע צונויפקלייבן, שאַפן פון אַלע אַרבעטלאָזע אַ כוח, אַ געאייניקטן פראָנט, אַן אַרמיי... מיר מוזן זײַן גוט אָרגאַניזירט, נישט זיצן שטיל און וואַרטן אויפן טויט, אויסגיין ערגעץ ווו אויף אַן אָפּגעלעגענער גאַס, צי בײַם ברעג פון לאַ פּלאַטאַ...

— אַוודאי וועט זײַן פרײַלעכער, — האָט באַמערקט אַן עלטערער צווישן די ליגנדיקע, — ווען מיר וועלן זײַן צוזאַמען קאָנען מיר אויפטון וועלטן... אויב נישט אויפטון איז כאָטש צעשטערן וועלטן; צערודערן די געמיטלעכקייט פון די זאַטע וואָס טראַכטן נישט וועגן הונגעריקן...

יאַן האָט געפילט אַז ער געפינט זיך דאָ אין אַ פרעמדער וועלט. ער וועט מיט אָט די מענטשן דאָ נישט האָבן קיין שפּראַך און קיין ברויט אַוודאי נישט. דער ריח זייערער מאַכט אים נערוועזיש, משוגע. מע קאָן דאָך דאָ פון זינען אַראָפּ. ער האָט געוואָרט ס'זאָל שוין ווערן טאָג, ער זאָל קאָנען אַרויס פון דאַנען. דאַ־ווידס ווערטער האָבן זיך צוגעקלעפּט צו אים, נאָר ער האָט זיי מיט אַלע כוחות אָפּגעשטויסן פון זיך. ס'איז נישט פאַר זײַנעטוועגן. ס'וועט אים דאָ קיין גוטס

נישט ברענגען. ער האָט זיך געדרייט אין אַלע זײַטן, נישט געקאָנט אײַנליגן אויף אַן אָרט. די קעלט האָט אים געביסן דאָס פּנים, געריסן די פּלייצעס, אים גע־שלעפּט אין אַ פינצטערן תהום אַראָפּ, אין טיפע הוילקייטן, אָן אַ דנאָ, אָן אַן אָפּהאַלט.

ווען ער האָט געעפנט די אויגן און פאַרהויבן דעם קאָפּ האָט ער דערזען אַז ער איז איינער אַליין אין וואַגאָן. דער גאַנצער נאַכט־עולם איז זיך שוין געהאַט צעקראָכן איבער דער שטאָט.

* * *

די ערשטע פרילינגטעג זענען געווען שיינע, קלאָרע און זוניקע, נאָר אין די פרימאָרגנס איז נאָך געווען קאַלט און ווינטלדיק. הײַנט איז דאָס וועטער געווען האַרב און פײַכט.

יאַן איז אַרויסגעקראָכן פון וואַגאָן אַ צעקנייטשטער מיט קישעלעך אונטער די אויגן. דער כמאַרנער הימל האָט געקוקט אויף אים בייז, קאַלט און פרעמד. אַלץ אַרום איז געווען אײַנגעהילט אין אַ טונקעלן נעפּל. ער האָט אויפגעשוידערט מיט אַלע גלידער. מיט די דלאָניעס זיך אײַנגעריבן דעם שטערן, דעם קאַרק און די שלייפן.

דאַוויד האָט זיך באַוויזן פון יענער זײַט וואַגאָן:

— ווי זענט איר געשלאָפן די נאַכט?

— מוֹי ביִען.

— ווי אויף אַ פרעמד געלעגער, האַ? — האָט דאַוויד באַמערקט מיט אַ שמייכל — נו, גייט אײַך אַרומוואַשן און עפּעס איבערכאַפּן אויף פרישטיק. וואָס שטייט איר אַזוי פאַרמרה־שחורהט?

יאַן איז געבליבן פאַרקוקט אין דער נעפּלדיקער ענדלאָזער ווײַט וואָס איז געווען דורכגעשניטן מיטן טונקעלן פּאַס פון די רחבותדיקע וואַסערן. אין דער טיף דאָרט האָט זיך געצייכנט אַ העלער פלעק פון אַ שיף וואָס וועט ערגעץ ווו זיך דערשלאָגן צו אַ ברעג...

דאַוויד האָט אים איבערגעשלאָגן דעם רעיון, אים אָנגענומען פאַרן אָרעם:

— איר וועט הײַנט עסן מיט אײַערן אַ פּוילישן צוזאַמען. איך זע אַז איר באַנעמט נישט דאָס אַלץ וואָס ס׳קומט דאָ פאָר. עס דערגייט נאָך נישט צו אײַך. איר וועט זען אַז ס׳וועט נאָך זײַן גוט. איצט איז עס נאָך אַ סוד. שפּעטער וועט עס קומען אין דער עפנטלעכקייט... ווען מיר וועלן ווערן אַ כוח...

נאָכן אָפּעסן דאָס געבראָטענע פלייש, מיט נאָך עטלעכע פרעמדע מענטשן, צוזאַמען מיטן נײַעם פּוילישן מיט וועמען יאַן האָט נישט געהאַט קיין געמיינ־זאַמע שפּראַך, אַ זשלאַב, אַ מגושם, — האָט דאַוויד גענומען יאַנען אויף אַ שפּאַ־ציר אין צענטער שטאָט. אַ טרוקענער הוסט האָט יאַנען געפּײַניקט. זיי זענען

פאַרבײַגעגאַנגען פאַר אַ קירך אין איינע פון די צענטער־גאַסן. יאַן איז געבליבן שטיין און אַנגעוויזן דאַווידן אויף דער קירך:

— איר זענט שוין דאָ געווען? ניין? מיט עטלעכע טעג צוריק בין איך דאָ אָפּגעשטאַנען פון דער פרי ביזן אָוונט. איך האָב זיך אַזוי אײַנגעקוקט אין די מענטשנס פּנימער, געקוקט אויף זייערע פרומע מורמלענדיקע צעציטערטע ליפּן. אַלע זענען פאַרבײַ מיר און ס'זאָל דאָס עמעצער לייגן אַכט אויף אַזאַ שטייגער מענטש ווי איך? כ'האָב געפילט ווי ס'נעמט זיך מיר מישן אין קאָפּ. דער גאַנ־צער קלויסטער האָט זיך גענומען אויסבייגן צוזאַמען מיט אַלע דאַוועגערס. כ'בין געשטאַנען נאָענט לעבן אַ פרוי. כ'האָב געפילט ווי כ'פאַל און זיך געגעבן אַ כאַפּ אָן אַן איר אָרעם. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ פאַרשטיקטן געשריי און געטון אַ שפּרינג אָפּ, גלײַך ווי מע וואָלט זי געוואָלט דערהרגענען. כ'האָב זיך דער־כאַפּט אָן שטענדער און אַזוי געשטאַנען ביז דער קאָפּשווינדל איז אַריבער... און ס'זאָל דאָס עמעצער צוגיין פרעגן: — סעניאָר, וואָס איז אײַך? אַ נעכטיקער טאָג!

יאַן האָט זיך הויל צעלאַכט:

— אוי, האָט זי זיך דערשראָקן, אַזאַ נאַרישע באַבע! וואָס האָט זי געמיינט?.. ס'איז דאָך אַ קלויסטער... דאָ הערשט דאָך דער הייליקער גײַסט... וועל איך איר טון עפּעס שלעכטס? וואָס אַ מויד קען אײַנפאַלן!

זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט די מענטשן, וואָס האָבן געשטראָמט אין די אָפענע הויכע טירן פונעם קלויסטער:

— פאַר עמעצן דאַרף זיך דאָך אַ מענטש אַ מאָל אַראָפּרעדן פון האַרץ...

* * *

דאַוויד האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף יאַנען. ער האָט געזען אין אים אַ נוצלעכן געהילף אין אָרגאַניזירן די אַרבעטלאָזע. יאַן איז אָבער נישט מיטגעריסן געוואָרן מיט דאַווידס אימפּעט. פאַרקערט, ער איז געוואָרן באַהערשט פון אַ מעלאַנכאָליע. אַ סך גרויסע חלומות זענען געפּלאַצט ווי זייפנבלאָזן. ער־גער, ווי געשווירן. ער איז געזעסן לאַנגע שעהען אַ פאַרזשמורעטער קעגן דער זון, אָפּט פאַרקוקט אין דער ווײַט און אַן אומבאַהאָלפענער נישט געפינען פאַר נייטיק אַפילו אָפּצוענטפערן ווען מען מיט אַ וואָרט פאַר זײַן פאַרגולמטן זיצן סתם אַזוי אין דער וועלט אַרײַן. די מענטשלעכע שאָטנס, וואָס האָבן זיך פאַרבײַגעג־שאַרט פאַרבײַ אים, האָבן געמאַכט אים אויפצוקן אַן אויג, אַ ליפּ. זייערע שטע־כיקע בליקן האָבן אים נישט געאַרט און זענען אים אין גאַנצן נישט אָנגעגאַנגען.

דאַוויד האָט געפּרוווט מיט פאַרשידענע מיטלען אויפוועקן אין אים דעם חשק צום לעבן, אויפטרייסלען אים פון זײַן אַפּאַטיע. ער האָט אים דערציילט אַז מ'האָט שוין אויסגעפּועלט באַשעפטיקונג פאַר עטלעכע פון דער גרופּע בײַ עפּנט־

לעכע אַרבעטן, בײַם ברוקירן די גאַסן. זאָל ער זיך נעמען אין די הענט אַרײַן. וועט ער אויך אָנהייבן קריגן „טשאַנגעס“, ער וועט קאָנען אַרבעטן יעדן דריטן טאָג אין אָנהייב, שפּעטער... וואָס דאַרף מען שוין טראַכטן וועגן שפּעטער...

יאַן האָט אַ שמייכל געטון און אים געגעבן די האַנט מיטן צוזאָג אַז ער וועט זיך שטאַרקן מיט די לעצטע כוחות נישט צו פאַלן...

גלײַך מיט אַלע איז יאַן אויפגעשטאַנען דעם אינדערפרי. ער האָט קיינעם נישט געזאָגט קיין וואָרט און אַוועק מיט פעסטע טריט נישט־זאָגנדיק קיין גוטנ־טאָג און זיך נישט־אומקוקנדיק צומאָל צו דער גרופּע בײַם וואַגאָן. אַלע האָבן בייז געברומט אויף דעם פּאָלאַק וואָס קאָן זיך נישט אַרײַנפּאַסן אין קיין לײַטי־שער געזעלשאַפט. און דאַוויד — שוין אויך אַרויס פון די כלים — האָט מיט כעס אים נאָכגעשריגן:

— גייט ער צום טײַוול!...

* * *

ס׳איז שוין געווען פאַרנאַכט. די צעגליטע ראַנדן פון די וואָלקנס האָבן זיך גענומען לעשן און טונקל איז געוואָרן אויפן פעלד. יאַן איז געבליבן זיצן, נישט ווײַט פון די באַנרעלסן, דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזן, ווי פאַרשטאַרט. זײַן הייסע צעפּיבערטע פאַנטאַזיע האָט אים געפירט איבער זײַן צעחרובטער היים, איבער בראָכשטיקער פון צעשמעטערטע הײַזער, איבער פאַרוווּנדעטע און גוססע, איבער שטאַרבנדיקע מיטן לעצטן קרעכץ און אויסגעשריי פון יסורים...

דאָס רעשיקע דורכלויפן פון אַ צוג האָט אים אויפגעוועקט פון זײַן בלוטיקן קאָשמאַר. ער האָט דערפילט דאָס לײַכטע פרילינג־ווינטל וואָס האָט זיך גע־שפּילט מיט זײַנע האָר. ס׳האָט אים אינערלעך געטון אַ הנאה וואָס ער איז ווײַט פון דער צעשמעטערטער חרובער היים וואָס איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט, אין אַ ים פון בלוט.

זײַן בליק איז געפאַלן אויף די באַנרעלסן. מענטשן האַלטן אַ באַן פאַרן זיכערסטן טראַנספּאָרט־מיטל. געגוג בלויז איין דריי מיט אַ שרײַפּל אַז אַזאַ צוג זאָל מיט די אײַזערנע וואַגאָנען און שטאָלענעם לאָקאָמאָטיוו גיבן אַ גיי אין דער לופטן און בלײַבן ליגן אַ צעשמעטערטער הויפן ברוכוואַרג צוזאַמען מיט די הונדערטער פּאַסאַזשירן וואָס זאָלן נישט באַווײַזן אַפילו אַרויסצולאָזן קיין געשריי.

דער קרענקלעכער געדאַנק פון פונאַנדערשרויפן די שינעס האָט צעקאָכט זײַן אויפגעפּיבערט בלוט, וואָס האָט געזוכט אַן אויסגאַנג אויפצורודערן דעם פּיליסטער, אַרויסנעמען דעם מענטש פון זײַן גלײַכגילטיקייט צו יענעמס לײַדן. אָבער ער איז דאָך ערגער פון די אַלע מענטשן. יענע טוען דאָך נישט קיין שאָדן מיט זייער אינדיפירענטקייט. אָבער ער וויל דאָך אומברענגען לעבעדיקע וועזנס. ווי האָט געזאָגט דאַוויד דעמאָלט אין יענעם אָוונט, ווען זיי האָבן זיך באַקענט,

יעדער מענטש איז אַ וועלט פאַר זיך... נו, וויל ער אומברענגען וועלטן? אין נאָמען פון וואָס און פון וועמען? אַפילו אויסבעסערן מיליאָנען וועלטן טאָר מען נישט אויפן חשבון פון אַנדערע וועלטן וואָס דאַרפן זײַן די קרבנות. נישט די געזעלשאַפט איז שולדיק אין דעם וואָס ער גייט צו גרונט און טויזנטער אַזעלכע ווי ער פאַלן אַרויס פון דער ריי. נישט איר דאַרף מען מישפּטן. באַשטראָפן דאַרף מען די שלעכטע פירער, אָט די וואָס ווילן אײַנפירן דאָס סיסטעם פון אויסלייגן אַ וועג פאַר איין טייל מיט די ביינער פון אַנדערן טייל. אין וועמענס נאָמען זיי זאָלן נישט רעדן זענען זיי פּשוטע פאַרברעכער וואָס פאַרדינען דאָס שטריקל...

די מילדע נאַכט האָט יאַנען פאַרוויגט ווי אין טרוים. אַלץ אַרום איז דאָ אַזוי שטיל ווי אויף אַ בית־הקברות. ווען ער איז פריִער, מיט עטלעכע שעה געגאַנגען איבער די שטילע גאַסן פונעם בוענאָס־אײַרעסער פאַרשטעטל, ווו ס'געפינט זיך דאָס שטאָטיש שעכטהויז, האָט עס אים דערמאָנט אָן אַ פּויליש שטעטל. די באַביימערטע גאַסן — סודותדיק־שטילע, פאַרטראַכטע, טייל אַספאַלטירטע, אַנדערע נאָך נישט געפלאַסטערטע — האָבן אים דערמאָנט אין די היימישע שטעטלשע גאַסן, וואָס האָבן געאָטעמט מיט אַזאַ געמיטלעכקייט, וואָס ס'האָט אויסגעשלאָסן יעדן געדאַנק אַז די דאָזיקע רו קאָן אַמאָל דורך וועמען ס'זאָל נישט זײַן צעשטערט ווערן...

יאַן האָט זיך צוגעהערט צום פאַרגיכערטן קלאַפּן פון זײַן האַרץ. צי ווייסט דען דער פרײַער מענטש וויפל זײַן ביסל פרײַקייט איז ווערט? ס'איז אַ שאָד צו פאַרלירן אַזאַ אוצר ווי ס'איז די פרײַ, ווי מיזערנע און נעבעכדיק זי זאָל נישט זײַן... ער האָט געפילט אַז ער מוז זיך אײַלן. ער האָט גענומען שנעל שפּאַנען פאַזע די באַנשינעס. העכער האָבן זיך צעקרייעט. פון ערגעץ ווײַטע פעלדער האָט זיך דאָ אָנגעטראָגן דער ריח פון פרישן היי. אמת, קיין אַרבעט האָט ער דערווײַל נישט געקריגן אין שעכטהויז. אָבער אַ צוזאָג יאָ. מ'האָט אים אַרויפגענומען אויף דער ליסטע און ווי אַ דערויף — אַ מיטאָג צוגלײַך מיט אַלע אַרבעטער. אין פופצן טעג אַרום דאַרף ער קומען געוואָר ווערן. ער האָט אַזוי לאַנג געבידעוועט וועט ער איבערקומען נאָך די צוויי וואָכן.

ער נעמט גיין שנעלער. אַ סך זאַכן זענען אים הײַנטיקע נאַכט קלאָר געוואָרן. דער עיקר אַז דער מענטש איז נאָך ווערט צו טראָגן דעם נאָמען מענטש. ווען דער מיזרח־ראַנד האָט גענומען גליִען איז יאַן אָנגעקומען צום פּאַרט. מיט האַסטיקע טריט האָט ער זיך דערנענטערט צום אָפּגעלעגענעם וואַגאָן אויף דער זײַטיקער באַליניע און הויך אַ געשריי געטון:

— אַ גוטמאָרגן, קאַמפּאַניעראָס!

אַלע האָבן זיך אויפגעזעצט. דאַוויד האָט אַ שמייכל געטון און זיך אויסגעריבן די אויגן זעענדיק יאַנס צעפײַערטן בליק.

יאַן האָט צענומען די הענט און זיך אָנגערופן פאַרשעמט:

— כ׳וויל זײַן מיט אײַך... כ׳בין גרייט אויף אַלעם... פאַרן זעלבן בעסערן מאָרגן...

מאָרגן... כ׳וויל לעבן נישט סתם, נאָר מיט אַ זין, מיט אַן אינהאַלט, אַ מאָרגן.

דאַוויד איז אַרויסגעשפּרינגען פון וואַגאָן. נאָך אים האָבן אַלע איבעריקע גענומען זיך באַווײַזן מיט די צעשויבערטע ליכטיקע קעפּ און פינצטערע צע־קנייטשטע טראַנטעס און לאַכמאַנעס. דאַוויד האָט אים דערלאַנגט די האַנט און אים אַ קלאַפּ געטון אין דער פּלייצע:

— ביסט מיט אונדז... אַן אייגענער... פאַר אַ בעסער לעבן...

— נאָר אָן אומזיסטע קרבנות...

אַלע האָבן זיך מיט אים אַרומגענומען אויפן אַרגענטינער שטייגער, מיטביידע הענט זיך אָנקלאַפּנדיק אָן דער פּלייצע, דערפילנדיק אַז ס׳איז צוגעקו־מען אַ גוטער חבר...